STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10689

DOR-OYS, DOR-AYN

Peretz Markish

Permanent preservation of this book was made possible by Leonard B. Feld & Cynthia Rozenberg in honor of Chaya bat Isrel v'Chana Ida Feld Axelrod, devoted & loving mother who keeps Yiddish alive, not just to keep secrets from her children

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּערעץ מאַרקיש

דאַר-אויס, דאָר-איין

מעלוכע-פאַרלאַג פון אוקראַינע
1929

Бібліографічний опис та шифри для бібліотечних каталогів на цю книгу вміщені в „Літописі Українського Друку“ та „Картковому Репертуарі“ Української Книжкової Палати

Перша Друкарня Державного Видавництва України імені Г. І. Петровського
Харків

Укрголовліт № 241. 24/I 1929. Зам. № 424. 4000 прим.

דאָר-אויס, דאָר-איין

I

וועגן אָפּשטאַם פון מענטשן האָט מענדל מילנער זיין אייגענע מיינונג. ער גלויבט, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן לויט זיין אייגענעם געשטאַלט, ווי ס'האָט אין דעם געגלויבט זיין טאַטע, זיין זיידע און זיין עלטערזיידע.

און דאָס, וואָס זיין געלערנטער זון זאָגט, אַז מענטשן קומען אַרויס פון מאַלפּעס, שטערט אים ניט צו דעם, ער זאָל אים פּרייטיקצונאַכטס, נאָך דער סודע, אַריינרופן אין אַלקער און פאַרקאַטשענדיק די העמד איבערן קאָפּ, זיך שמייכלדיק אַ רייץ טאָן:

— איך ווייס ניט, זון מיינער, ווי ס'פירט זיך בײַ די מאַלפּעס, נאָר דו וועסט אַביסל אויסרייבן דעם טאַטן דיינעם די פּלייצע מיט עסיק לעקאָוועד־שאַבעס און מעקאַיעם זיין די מיצווע פון קיבעד־אָוו! נאַ!

אַזוי האָט ער זיך שוין געפירט, מענדל.

אַלע וואָך — אַ האַלבע גלאָז ריצנייל, און איין מאָל אין וואָך — זיך אויסרייבן די פּלייצע מיט עסיק. ניט מאַכמעס דעם, וואס ער זאָל האָבן געליטן אַפן מאָגן, אָדער אַף די זייטן, נאָר סטאַם. פון אָרדענונג און באַלעבאַטישקייט וועגן.

און אַז עזרע, זיין געלערנטער זון, האָט ערלעך און שמייכלדיק אים געריבן די פּלייצע מיט עסיק, פלעג זיך דער מילנער אויסדרייען מיט צופרידנקייט פון אויסגעריבן לייב און צעוואַרעמטע ביינער און זיך קוויקן:

— רייב, רייב, עזרע, אַ מאַלפּע, זאָגסטו? זשאַלעווע ניט, זון מיינער. אָט אָ דא, אין דער זייט, אט! אַ שיינעם סאַכאַקל מאַכסטו פון דער וועלט, — דעם קריזש אַביסעלע, עזרע! נישקאָשע. לויט דיין כעשבן קומט

אויס, אַז אָדעם־האָרישן איז געווען, — רייב ניט אזוי שטארק, — א מאַל־פּע? האַ? וואס זאגסטו עפּעס, אַריסטאָטעל מיינער, אַ מאַלפּע?

אים אַליין, מענדלען, איז וועגן זיין אָפּשטאַם גענוג אַ קוק טאָן אפן בייסאַלמען. פונדארטן זעט ער א לאנגע קייט דורעס, וואס פירט פונעם שטעטל ביז צום מאַלכעס־בייס־דאָוויד.

פון אָט די אַלטע שטיינערנע מאַצייוועס מיט אויסגעריבענע מאָגנדאָ־ווידס און אָפּגעריבענע אופשריפטן, וואס בויגן זיך איבער קייווערישע גראָזן אַף איבערגעפוילטע עלטערזיידישע ביינער — ציען אלע שטעטלשע אידן זייער איכעס. און ווען מענדל גיט א גיי ארויס הינטערן שטאט און דערזעט אומגערן די בוינעס, וואס שטייען רעכטס פון בייסאַלמען, דרייט ער אויס דעם קאָפּ. ער האט זיי פיינט, די נאסע, גליטשיקע קאַסטנס מיטן פייכטן רייעך פון געשונדנס. ער האָט פיינט די קאַצאַווים מיט זייערע בענאָקעס, וואס גייען שטענדיק ארום מיט פּרוטיעס אין די הענט, פונקט ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין איין זוכן עמעצן אָנצוטרייבן. און ס'דאַכט זיך אים שטענדיק אויס, אַז אט־אט וועט אים עמעצער פון זיי אָניאגן מיט אַ צערייצטן בוהאַי און פונדערווייטן א געשריי טאָן:

— היט זיך, רעב מענדל, וואס ט'איר זיך פאַרטראַכט?

אַ גאַנצע שטיק וועג פאַר אָט די פעטע, גליטשיקע שעכט־הייזער וואַלגערן זיך שוין פאַרפוילטע הערנער און טלאָען; גרינע בייכיקע פליגן מיט העפקערע הינט מאַכן דאָרט א לעבן.

מענדל ווייסט אויך, אַז לינקס פון בייסאַלמען גריבלען זיך גאַרבאַר־ניעס. געלע גריבער, אָנגעקוואָלענע מיט שוימיקער זאָלע איבער די ראַנדן. מענדלען דאכט זיך, אַז ס'גייען דארטן שטענדיק געלע שטינ־קנדיקע רעגנס. אויסגעגראָבענע טיפע גריבער מיט רייסנדיקע רייכעס פון גארבארנישע פליסיקייטן. און די גריבער גרעבצן אַרוף געלע און גרינע פינע. ס'וויקן זיך אין זיי ראַבע אנגעשוואָלענע פעלן, ווי האָריקע פערדישע קאַפּאָטעס.

דאָ — ווייסט מענדל — קאן אנקומען אנטקעגן דער פארזארגטער זאַלמען נעמאָן, א פּאָר וואלקערס און, אפילע דער באלעבאס אליין. פאני בערמאַן.

נאָר וויניקער פון אלץ רעכט זיך דא מענדל באַגעגענען זיין עזרען, דעם סטודענט מיט די גאָלדענע קנעפּ, וואס האט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַף עטלעכע וואָכן צוגאַסט אַהיים.

אַז ער דערזעט אים פונדערווייטן איינינעם מיט בערעלע קאַטארזשאַן, באַשליסט ער דורכגיין גלייך, פונקט ווי ער וואָלט אים גארניט באַ־מערקט. נאָר ער האלט ניט אויס און גיט צו אים א מאך איבערן וועג:

— האָסט ניט געזען, עזרע, מ'איז נאך ניט געפארן פון דער באַן?

— פון וואָס פאר א באַן? — ענטפערט אים בערעלע קאַטאָרזשאַן.

מענדל וויל ניט הערן, וואס בערעלע זאגט אים דארטן. ס'ווילט זיך אים שוין אַ פרעג טאָן, זיין עזרען:

— צי איז שוין קיין בעסערע ערטער אַף כאַפּן א שפאציר הינטערן שטאט ניט פאראנען? און צי האט ער זיך קיין פיינערע כאווירים אין שטאָט שוין ניט געקאנט אפזוכן?

נאר פרעגן — פרעגט ער אים:

— נו, און מאַטעלעס פערד, עזרע, האסט אויך נישט געזען?

און אז ער באקומט פונדערווייטן עזרעס אַ דריי מיטן קאפּ אף ניין, קערעוועט ער זיך אום צוריק אַן אופגערעגטער און בורבלט שוין דעם גאַנצן וועג צו זיך אַליין:

— קאַטארזשאנעס... מאַלפעס... שיינע כאַווירים זוכט ער זיך דיר אָפּ!..

און ער באמערקט גארניט, ווי די אופגעבראַכטקייט זיינע טראגט אים אַריין שנעל אין שטאָט און שטעלט אים צו צו זיין שטוב.

אַז ער קומט אריין אין שטוב נאך אזא אומגעריכטער באגעגעניש מיט עזרען, טוט ער ניט אויס דאָס כאַלאַטל, און דרייט זיך ארום אַ צעקאָכטער. ער קוקט אין אַלע ווינקלען און זוכט עפּעס אַן אָנטשעפּע־ניש, ער זאָל קאָנען אויסלאזן זיין ביטער הארץ און זאל האבן אַן אויס־רייד אַף אַוועקלויפן צוריק.

צום אַלעמערשטן שטעלט ער זיך אַוועק אף אַ בענקל נעבן זייגער און הויבט אָן דרייען די ווייזערס. ער דרייט זיי אזוי לאַנג, ביזוואנען דער זייגער הויבט אָן קלינגען מיט אַזאַ אונטערגעריסענעם קרעכץ און ביזוואַנען ער אליין דערשרעקט זיך און הויבט אָן שרייען אף דער שטוב:

— כ'וואָלט א באַלן געוועו וויסן, ווער פּאָרעט זיך עס דאָ מיטן זייגער? ווער דרייט דא דעם זייגער גאַנצענע טעג, וואָס אלע מינוט בלייבט ער שטיין?

— וואָס איז שוין ווידער דאָרטן מיטן זייגער? — לויפט אריין פון קיך זיין ווייב, — וואָסי?

— שאַ! הערסט דאך, אז איך צייל! שאַ!.. פינף און פערציק, זיבן און פערציק... שאַ, שאַ! זע נאר, זע, ווי מע קאן דא אין שטוב ניט אויסרעדן קיין וואָרט! איר און דעם זון אירן טאר מען ניט זאָגן קיין וואָרט. באַלד באפאלט מען דיך. די קאפאטע זיי געקוילעט!

— וואס איז מיט דיר, מענדל? עפעס ביסטו גאר ניט בא די געדאנ־קען! וואס האסטו זיך צעשריגן? זע נאָר, זע? — אַראָפּ פונם זייגער און אַרוף אפן זון...

— זע נאר, זע, — קרומט זיך איר שוין נאָך מענדל, — ווי מע טאר זיך עס ניט צורירן צו זיי! די מאמע און דער זון. עפשער זאָגסטו שוין אויך, אז מענטשן קומען ארויס פון מאלפעס, הא? זאגסט עס נאך ניט?

— וואָס? מאלפעס? — שלאָגט אים איבער זיין ווייב, — הא? מאל־פעס, האסטו געזאָגט?

— ניין, אינדיקעס!

— וואס עפעס אינמיטן דערינען, מענדל? — גיט זי אים שוין דער־שראָקן א פרעג.

— אַי, טשעפע זיך אפ פון מיר, פראדל, כ'האב שוין גארניט געזאגט! כ'האב שוין ניט געזאגט קיין מאלפעס, און לאז מיך צו רו! אַז מע טאָר דא אין שטוב קיין וואָרט ניט אויסרעדן! באַלד באפאלט מען דיך!

ער לאָזט איבער דעם זייגער קלינגענדיק און אַליין לויפט ער אַרויס פון שטוב. ער זעט גאר אליין ניט, ווי אזוי טע טראגט אים צו צו דער שול.

קעגנאיבער דעם הויכן בלוי־קופּאָליקן קלויסטער זעט אויס די היל־צערנע שול, ווי זי וואָלט געשטאנען אָנגעטאן אין שינדלענע שמאַטעס אַ פאַרזונקענע אין דר'ערד. זי שטייט אָנגעבויגן, הארבאטע און טראָגט אַף איר צעקרומטן רוקן די ווייבערשע שול מיט די קליינע פענצטער־לעך, ווי מע טראגט אַ געליימטע. אינעווייניק אין שול איז טוכלע. ס'שמעקט דאָרט מיט פארשמאָלצנקייט, מיט וואַקס, מיט פאַרמעט און מיט א קאַ־רענעם לעקעך און בראנפן.

אַהערצו קומען אלע שאַבעס אידישע באַקאַליישטשיקעס און הענדלער און אָרעמעלייט מיט סידורים און טאַלייסים — אָפּשפּאָרן אביסל מאָגערן

אוילעמאבע און געוואוירע ווערן נייעס און גזיירעס, וואָס גייען אף דער וועלט.

פון צווישן צוויי זייטן קלייטלעך ציט זיך א וועג איבערן גאַנצן שטעטל ביז צום וואָקזאַל. דער מארק איז איינגעקריצט אפן וועג, ווי אַן אלטע כאָרעווע קאמייע. און איבער דעמדאזיקן וועג פאָרן אידן האַנדלען און גייען אין שול, און גייען צופוס צו דער באַן און פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע. און איבער דעמדאזיקן וועג טראגט מען זיי צוריק צום בייסאַלמען, וואו שטיינערנע מאצייוועס מיט אפגעריבענע אופשריפטן היטן עלטערזיידישע איבערגעפוילטע ביינער פון זייער אידישן שטאם.

ליגן דאָ אַפן בייסאַלמען אויסגעלייגט שטעטלשע יאָרהונדערטן, ווי אין אַן אָפענעם בוך פון דוירעס.

מ׳איז געבוירן געוואָרן, מ׳איז געשטאָרבן.

מ׳האָט געוויינט אַף כאַסענעס, מ׳האָט געוויינט אַף לעוואַיעס און מ׳האָט סטאַם געוויינט.

בלויז ווען ס׳איז ארומגעגאנגען די כאָליערע אין שטאט, האט מענדל מילנערס טאטע, דער אלטער רעב הערש, באשטעלט קלעזמער אף צו שפילן אין די גאסן. ער איז אַרומגעלאָפן, דער אלטער, און געמונטערט די קלעזמער:

— שפילט, קלעזמער! שפילט! קוקט ניט אין די זייטן! שפילט! ס׳אַ סגולע, אידן! — אי פאר די כוילעאים, אי קעגן סאָטן. שפילט!

איז דעמאָלט געגאַנגען די קלעזמערשע קאַפעליע איבערן שטאָט און געשפילט אַפן אומגליק. פון איין זייט — די קאַפעליע, פון דער צווייטער — דאָס שווארצע קעסטל. און אַזוי האָט מען די מייסים מיט קלעזמער אַוועקגעטראָגן אפן פעלד.

איצטער גייט אף דערזעלבער גאַס אַרום עזרע. ער גייט אַרום באַנאַכט מיט אַ קאַפעליע יונגען, מיט אַ רויטער פאָן אין דער פאַזעכע, און די שטעטלשע באַנאַכטן קאָנען ניט אַנשלאָפן ווערן פון די לידער, וואָס טראָגן זיך מיט איימע פון הינטערן וואָל.

און אידן זאָגן אָפן צו עזרעס טאַטע:

— מענדל, דיין עזרע מיט די מאַלפעס וועט ברענגען אַן אומגליק אַף דער שטאָט! וועסט זען, מענדל! געדענק, מענדל!

ווען ס'האָט אַמאָל אַ דונער געטאָן אַ קויל איבערן בלויען קופּאָל פונם שטעטלשן קלויסטער, האָט דער אַלטער שניטקרעמער, רעב סענדער, געוואַשן די הענט און געמאַכט אַ בראָכע:

— שכחו בגבורתו מלא עולם.

נאָר גויאים פונם דאָרף זיינען זיך אַפּן צווייטן טאָג צונויפגעלאָפן מיט דרענגלעך, מיט לאָמען, מיט העק און מיטן גאַלעך, און געשריגן און זיך געציילעמט:

— זשידעס! זשידעס שיטן אין דעם פּראַוואָסלאַווישן גאָט!

דאָס אוריאַדניקל האָט זיך שוין געדרייט איבער אידישע קלייטן און גענומען געלט באַ די קרעמער. און נאָך יעדער מאַטבייע, וואָס ער האט איבערגעציילט באַ מענדלען אין שטוב, האָט ער א טאַפּ געטאָן די שאַשקע און אַ טעמפּן דריי געטאָן מיט די אויערן:

— מ'עט שניידן! די גאשניקעס וועט מען פון אייך אַלעמען שניידן, זשידעס!

— שיס-ס-ן?!

מענדלען איז געווען פון דעם אוריאַדניקס רייד טרוקן אין גאָרגל. האָט ער קוים וואָס מיט די ליפּן אויסגעפּאַטשט:

— ס'אַ דונער, וואַשע בלאַגאָראָדיע, א דונער פונם הימל!

פראַדל, מענדלס ווייב, האט געוויינט אין קיך און אלע ויילע ארויסגעכליפּעט:

— מענדל, גיב אים נאָך, מענדל, גיב און לאָז ער אופהערן אזוי רעדן, מענדל!

מענדל האט ציילנדיק די זילבערנע קערבלעך פאַרן אוריאַדניקס וועגן אַלע ווײַלע געכאַפּט א קוק מיט אונטערגעצונדענע אויגן אין איר זייט:

— כ'וועל מיט דיר שפּעטער רעדן, פראַדל, אַז דער מאַלכאַמאָוועס וועט אוועקגיין. איצטער לאָז מיך אליין, פראַדל, לאָז. זעסט דאָך, אז דער מאַלכאַמאוועס שטייט. לאָז מיך אויסשפּייען דאס האַרץ, פראַדל. לאָז מיך!

עזרע איז אינדר'היים ניט געווען. גאַנצפרי איז ער אוועק צו בערעלען און פון אים — אַף די גערטנער. דאָרטן האָבן שוין געוואַרט נאָך צוויי. מאָטל דער זעצער און לעווין דער וואָלקער פון בערמאַנס זאַוואָד.

עזרע האָט זיך אַרומגעקוקט אין די זייטן און זיך אָנגערופן:

— בערל, דו גיי שטעל זיך צו דער אַרבעט. דו ווייסט פון גאָרנישט. לויפן איז איצט ערגער. באַהאַלטן זיך איז ניטאָ וואו. און ס'וועט באַלד ווערן פאַרדעכטיק. איינער קאָן אַוועקפאָרן מיט דער אַקס. וועט פאָרן מאָטל. איך בלייב. דו גיי שטעל זיך צו דער אַרבעט. טאָמער רעשטעוועט מען אונז, איז געדענקט, ברידער, וואָס מיר האָבן צו טאָן. אַ וואָרט — פריער דער טויט. גענוג. צעגייט זיך. איינציקווייז.

אַלע האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס אָנגעשטרענגטקייט און גרייטקייט. און אַוועקגייענדיק, האָט בלויז בערעלע צונויפגעדריקט א פויסט און אַ מאַך געטאָן:

— אָט, כעוורע, מיט אַ פרענט אָנגעגליטן אייזן אין מויל וועט פעטראָ דער סטראַזשניק בא מיר אוועקגיין פון דער קוזניע, ניט מיט בערעלען! אָט!

בערעלע האט ליב געהאט האָבן אַרבעט. אָן אַרבעט איז אים געווען אומעטיק. טאָמער האט מען באַדאַרפט אונטערהאַקן אַ באַלעבאָס אַן אויג אָדער אויסברעכן אַ ריפּ, האָט בערעלע קיינעם ניט געלאָזט. ער אַליין. פּראָקלאַמאַציעס צעקלעפּן פלעג ער אַף די געפערלעכסטע ערטער.

— אַ מעציע, — פלעג ער זאָגן צו דער כעוורע, — אָנקלעפּן אַ פּראָקלאַמאַציע באַ בערמאַנען אין גאַרבאַרניע? באַם אוריאַדניק דאַרף מען אָנקלעפּן. באַ דער קאַנצעליאַריע. באַ זיין פּאָסטקעסטל. און אַלע אינדערפרי זאָל ער איבערלייענען. אָט! איינע דעם אוריאַדניק און די אַנדערע איז געווען איינגעניייט באַ אים אין קאַשקעט. איצט האט ער זיך גערייכט אף א באַגעגעניש מיט פעטראָ דעם סטראַזשניק.

נאָר פעטראָ האָט שוין געוואַרט באַ עלי-לייזער דעם קאָוועל אין שטוב.

און ווי נאָר בערעלע האָט פאַרקאַשערט די אַרבל, זיך שטעלן צו דער קאָוואַדלע, איז פעטראָ אונטערגעגאַנגען הינטן-ארומער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און אים אַ שניט געטאָן:

— סטאָי!

אַז בערל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער דערזען דאָס שוואַרצע לאָך פון אַ רעוואָלווער פונקט קעגן זיין מויל. און דערהערט פעטראָ דעם סטראַזשניקס קאָמאַנדע:

— נו? וועסט גיין מיט גוטנס?

און אזוי מיט די פּאַרקאַשערטע אַרבל אַף אַ פּאָר שטאַרקע הענט איז בערעלע דורכגעגאַנגען איבער דער שטאָט ביז דער כאַלאָזנע. דעם וועג האָט אים געוויזן פּעטראָס אָנגעשטעלטער ריעוואָלווער און אַ האַלבע שטאָט מענטשן, וואָס איז זיך צונויפגעלאָפן און נאָכגעלאָפן.

ס׳איז געווען אַ פרימאָרגן אין שפּעטן האַרבסט. קרעמער זיינען געשטאַנען באַ די קלייטן, די הענט ארייַנגערוקט אין די אַרבל און מיט וואַרעמער פּאַרע פון די מיילער האָבן זיי איבערגעפרעגט איינס באַם אַנדערן:

— טאַקע ער? האַ? טאַקע בערעלע? אַ כאַראַבע אים אין די זייטן! אַבי מ׳האָט געזאָגט... גיי גלויב עמעצן.

פון דעמאָלט אָן האָט בערעלע ניט געזען די שטאָט פיר יאָר. ביז מ׳האָט אים אַפּן שטאָט אָנגעהויבן רופן „בערעלע קאַטאָרזשאַן“.

ווען ער איז נאָך פיר יאָר קאַטאָרזשנע אַרבעט געקומען צוריק אין שטעטל אַריין, האָט ער דאָרט קיינעם פון דער כעוורע ניט געטראָפן. בלויז זיין אַלטן קאַשקעט האָט ער אַפּן בוידעם אָפּגעזוכט. האָט ער אים אויפגעטרענט, דעם קאַשקעט, און אַרויסבאַקומען פון אים אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס ער האָט אין אים איינגענייט פאַר זיין אַוועקגיין. פיר יאָר האָט זי געוואַרט אַף אים. האָט ער זי אַרויסגענומען, געקוקט אַף איר, געקוקט און אַ זאָג געטאָן פאַר זיך:

— ליטעראַטור!

נאָכדעם, ווי ער איז פיר יאָר אָפּגעווען אַף קאַטאָרגע, האָט ער פּראָקלאַמאַציעס אָנגעהויבן רופן ליטעראַטור. נאָר אין שטעטל איז אים שוין געווען אומעטיקער, ווי אַף דער קאַטאָרגע. האָט ער זיך אַזוי אַרומגעדרייט צווישן די וואָלקערס, ביז ס׳איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל עזרע-עזרע מיט די סטודענטסקע קנעפּ. און ער האָט זיך מיט אים געטראָפן אַף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג באַ די גאַרבערס. דעמאָלט האָט בערעלע ווידעראַמאָל באַקומען כיישעק צו קלעפּן פּראָקלאַמאַציעס און שלאָגן באַלעבאַטים.

פונדעסטוועגן, ווען פּעטראָ דער סטראַזשניק האָט אים דעמאָלט דורכגעפירט, בערעלען, מיט פּאַרקאַשערטע אַרבל, האָט דער אַלטער סענדער געקוקט דורכן פענצטער און געטרייסלט מיט דער באָרד:

— לעבן זאָל ער אַזוי, דער מאַמזער, לעבן זאָל ער אַזוי, צי ס׳איז ער! מע ווייסט, גישקאָשע, מע ווייסט, ווער ס׳האָט געשאָסן דעם קלויסטער!

און דער שטאָט־היצעל האָט דעמאָלט געטרונקען בא פערלען אין שענק און האָט מאַפּטיעך געוועזן דער שטאָט, אז אלע אידן וועט ער נעמען אף דער קליוטשקע.

— אָט אזוי, — האָט ער אלע ווילע א מאך געטאָן מיט די הענט, פונקט ווי ער וואָלט אין זיי געהאלטן זיין היצעלשן אינסטרומענט, — אָט אזוי, אלע! ווי די הונט!

צעגראָבן איז דאָס שטעטל מיט קאַנאַוועס און ריוועס. ס'לויפט דאָרטן אָפּ די צייט און די געשעעניש אינײנעם מיט דעם רעגן־וואסער. איבער די ריוועס — הילצערנע בריקלעך, ווי טראָג־בעטלעך, ווי אָרעמע אידישע מיטעס. בא די ראַנדן פון ריוועס וואקסן בודזיקעס און קאָלטענעוואטע בערדיקע שטעכלקעס. אין די צעקנייטשטע האָריזאָנטן פון ארום דעם שטעטל הערן זיך שטענדיק פארדושעטע געטומלען פון ניט־אויסגעטאנצטע כאסענעס, געוויינען פון באזעצנס און באדעקנס, אָפּגעשטעלטע קאָדרעלס, שערן און לירעס. שטענדיק שמעקט מיט א לעוואַיע און מיט מאָסיקל קאַברענס „צדקה תציל ממות". און הענער קרייען דאָרט ניט. זיי באוויינען דאָרט עמעצן שטענדיק פון די קרומע פלויטן און נאסידעס.

פון יעדן דעכל, פון יעדער פריזבע קוקט ארויס אַן אומגליק, וואָס האָט זיך שוין געטראָפן, אָדער וואָס וועט זיך באלד טרעפן.

גאנצפרי טרייבן געזונטע בערדיקע קאצאווים די „שטיקלעך" צו די בוינעס. באלעבאטישע בעהיימעס פארדרייען דעמאָלט די קעפ און ווילן ניט גיין אין טשערעדע.

ווען קאצאָווים קערן זיך אום צוריק מיט ווארעמע פריידיקעס אף אקסלען, גייען שוין אידן צוריק פון מיניאָנים, און גארבערס גארבערן שוין לאנג בא בערמאנען אין די גארבארניעס. און אפן מארק שמעקט שוין מיט א מעהומעלע פון וואסיל דעם פּאָזשארניק, וואָס האָט אוועקגעאנוועט א פעקעלע טוטין אין אַן ארעם קרעמל. און מענדל מילנער איז שוין בא דער באן און ווארט שוין אף א טאָווארנע.

אזוי גייט אוועק א טאָג.

אַפּדערנאַכט, ווען מענדל קומט אַהיים א פאַרשטאָכענער פונם אַלטן רעב סענדערס אָנצוהערענישן וועגן איצטיקע קינדער, גייט ער צו צו זיין

עזרען און דרייט זיך אַרום אים, ווי א שטילע איבערגעגעבענע כאַיע, ביז ער גיט אים שוין אזוי א פרעג:

— דאַרפסט עפשער עפּעס צו דער באַן, עזרע, האַ? איך גיי מאָרגן גאַנצפרי צו דער באַן, גיי איך, עזרע. דאַרפסט גאָרנישט?

ער גייט צו דער באַן, דער אָרעמער מענדל. אַלע טאָג צו דער באַן. אט אַזוי גייענדיק צו דער באַן, איז ער אף זיין לעבן אַכט און פערציק מאל ארויסגעגאַנגען פון מיצראַיעם, אַכט און פערציק מאָל געבלאָנדזעט איבער דער מידבער און פונקט אזוי פיל מאָל אריינגעגאַנגען אין לאַנד פון די הייליקע אָוועס. און איז דאָך געבליבן בא דער באַן. דידאָזיקע גרויסאַרטיקע נעסיעס האט אים אין די פריערדיקע יארן געהאָלפן מיטמאַכן זיין זון, עזרע, ווען ער איז נאך געווען זייער יונג. דער קליינינקער מיטוואַנדערער האט געמאַכט מיט זיין טאַטן דידאזיקע נעסיעס אַזוי לאַנג, ביזוואַנען ער האט זיך געמאַכט א נעסיע אַליין. אן אייגענע. און פאר זיך. שוין ניט מער אין דער מידבער. און שוין ניט מער אין לאַנד פון די אָוועס. נאָר אין א גרויסער שטאָט, וואו פון יעדן שטיין האט ארויסגעשריען נויט און הונגער, קאַליקעס און קינדער ארויסגעוואָר־פענע, ווי קעץ.

ער האט אף די פינגער געמאַכט מיט זיין טאַטן דעם לעצטן כעשבן פון פאַרעס מאַקעס און דערפילט, אז ערגעץ רייסן זיי, די מאַקעס, דאָ נאָענט אַרום אים.

יעדן טאָג האט ער זיי געזען:

געלע, פארזשאַווערטע אידן מיט בערד, ווי שמאַטעס. אף א שטרעקע ווייט האט פון זיי געזעצט זאָלע. זייערע פּענעמער זיינען געווען אויס־געקראָכן, אויסגעבליאַקעוועט, ווי ס׳וואָלט זיי געשלאָגן דער האָגל פון די צען שטראָפן.

נאָר עזרע האט שוין דעמאלט געוואוסט, אז מיט דעמדאזיקן האָגל האט זיי געשלאָגן ניט גאָט, נאָר יוינע בערמאַן — דער באַלעבאָס פון די גאַרבאַרניעס, וואו אידן האבן געאַרבעט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

יוינע בערמאַנס גאַרבאַרנישער הויף מיט די זאָלענע גריבער האבן געקוקט אַף שטעטלשע אידן מיט דערזעלבער זיכערקייט, ווי דער בייס־אַלמען:

— פריער אָדער שפּעטער וועט מען קומען אַהער!

און ווען עזרע איז איינמאָל נאָך פּייסעך געוואוירע געוואָרן, אַז זיין כאַווער, בערלען, האָט מען אַרויסגענומען פונם כיידער און אים אַריינגעגעבן צו עלי-לייזער קאָוועל אַף דער לערע, איז ער בא זיך זייער געפאַלן געוואָרן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז איצטער וועט שוין בערל ניט וועלן זיין מיט אים קיין כאַווער. און ער האָט אים ניט פאַרגינען דאָס, וואָס ער, בערל, וועט זיך שטיין בא עלי-לייזערס קאָוואַדלע מיטן בלאָזאַק, פאַרקאַשערט די אַרבל, און וועט האַלטן פייער אין די הענט און די גאַנצע שטאָט וועט פאַר אים מוירע האָבן. און אַלע שאַבעס וועט ער זיך געבן א גיי אַרויס אַפן שאָסיי און וועט זיך טאָן, וואָס ער וועט נאָר אַליין וועלן.

— פאַר וועמען וועט ער מוירע האָבן, אַז ער איז א קאָוועל!

האָט עזרע דעמאָלט א זאָג געטאָן צו זיין טאַטן:

— טאַטע, ביזוואַנען וועל איך גיין אין כיידער? מעגסט מיך שוין אויך אַרויסנעמען פון כיידער!

— וואָסי? ביסט דען א יאָסעם? — האָט אים זיין טאַטע באַלד אָפּגעפרעגט.

— וואָסי? אַלעמאַי בערל?

— נעם דיר בעסער אַראָפּ א פּרימער פון שלוימע סענדערס; און צו אים, צו בערלען, האָסטו זיך נישט וואָס צו גלייכן. ער קאָן שוין. ער איז שוין א גרויסער לאַמדן. און דו מעגסט נאָך אַביסל לערנען. וועסט נאָך אויספּעיען טרייבן ציגן אַף די גאַסן, נישקאָשע. דערווייל מעגסטו נאָך אַביסל צוואַוואַרטן.

דערפאַר אָבער, וואוהין מ'האָט אים ניט געשיקט, איז ער שטענדיק געגאַנגען דורך עלי-לייזערס קוזניע, ער זאָל קאָנען זען בערלען.

ס'האָבן זיך אים אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען בערלען באַם בלאָזאַק.

אָט שטייט ער, בערלע, און ציט די שטיק דראָט פון עלי-לייזער דעם קאָוועלס בלאָזאַק. און פון יעדן בלאָז געבן זיך א צעטראַסקע פונקען אין אַלע זייטן. און ער, בערלע, האַלט, דאַכט זיך, די האַנט און דעם קאָפּ צווישן זיי, צווישן די פונקען. ער האָט גאָר קיין מוירע ניט. ער לייגט איבער די קוילן, וואָס זיינען שוין פון איין זייט אָנגעגליט.

ער לייגט זיי איבער, פונקט ווי ס'וואָלט ניט זיין קיין קוילן, נאָר ניס. און פון איין בלאָז ביזן אַנדערן ווערט ליכטיקער אַרום און אַרום. און דאָס פייער ווערט העלער און ווייסער, און דאָס פרענטל אייזן, וואָס עלי־לייזער קאָוועל האַלט אין דער לאַנגער אָנגעגליטער אַפּצווענגע, ווי אין א לאַנגן רויטן פיסק פון א בושעל, אַט דאָס פרענטל אייזן, פּילט עזרע, ווי באַ זיך אין דער האַנט ווערט ווייך און ווייכער און צעשמאָלצן, ווי גאָלד. אָט וועט עס באַלד עלי־לייזער ארויסכאַפּן און עס אָנהויבן קנעטן מיטן האַמער. ער וועט עס קנעטן, ווי גאָלדן טייג. ער וועט עס בויגן אַהין, ער וועט עס בויגן אַהער, ביז ס'וועט ווערן טונקלער און נאָכדעם עס ווידער ארייננרוקן אינעווייניק אין פייער, און בערל וועט ווייטער בלאָזן אַף דעם מיטן בלאָזאַק.

— אָט ווען מע לאָזט אים איין קנאַק טאָן מיטן האַמער — גיט ער זיך א טראַכט — כאָטש אייגאונאיינציק מאָל!

עזרע האַלט ניט אויס. ער גייט צו צו בערלען און גיט אים א זאָג שטילערהייט, עלי־לייזער זאָל ניט הערן:

— בערל, נאַ דיר א קאָפּקע, בערל, און לאָז מיך אביסל ציען דעם בלאָזאַק! נאַ! לאָז איין ציי טאָן, בערל!

עזרע קוקט אַף אים מיט געבעט און איז אים מעקאַנע פאַרן ביסעלע רויך, וואָס לייגט אים אַף דער ליפּ אונטער דער נאָז און באַ די זייטן. ער זעט אויס, בערל, ווי אַן עמעסער קאָוועל, באַזונדער די פאַרויכערטע נאָז און די אויבערשטע ליפּ. בערל כאַפּט אַפּגיך אַריין די קאָפּקע מיט עזרעס האַנט און צוזאַמען ציען זיי שנעל דעם דראָט פונם בלאָזאַק, ביז סע גייט אונטער זיין טאַטע, מענדל, און גיט נאָך פונדערווייטן אזא זאָג:

— רעב עלי־לייזער! איר וואָלט זיך געמעגט באַגיין אָן מיין עזרען באַם בלאָזאַק. נישקאָשע, ס'איז דאַ אין שטאָט געגוג קאָוועלעס אָן אים אויך.

און צו עזרען גיט ער א מאַך מיט דער האַנט:

— קום אהיים, טאַכשעט; קום! וועסט, מירטשעם, זיין א קאָוועל! גוסטירסט, דאַנקען גאָט, צו שיינע פּראָפעסיעס. וועסט, מירטשעם, זיין א האָלאָדריגע! מיט גאָטס הילף!

ס'טרעפט זיך, ווען עזרע, פאַרבייגייענדיק די קוזניע, זעט, ווי בערל העלפט קאָווען א פערד. עזרע דערהערט נאָך פונווייטן, ווי בערל שרייט מיט גרויס וויכטיקייט צום פערד: — נאָגאַ! נאָגאַ!

און ווען בערל דערזעט אים, עזרען, הויבט ער נאָך אָן שרייַען העכער:

— נאָגאַ, טראַסטיציא טוואָיע מאַטערי, נאָגאַ!

עזרען הויבט זיך אַזש אָן דרייען אין קאָפּ, ער דרייט זיך ארום דעם פערד פון איין זייט, פון דער אַנדערער. ער קוקט ארונטער אונטערן פערדס בויך און זעט, ווי בערל האַלט אין מויל צוויעקעס און גלעט דעם פערד פאַר די פיס. בא דער זייט ליגן פּאָדקאָוועס. פרישע. מ'האָט זיי ערשט אָפּגעקילט אין וואַסער. זיי זיינען נאָך בלאָוו, ווי דעם פערדס אויגן, און האָבן דעם קאָליר פון פלאַמען מיט פאַרע, וואָס מ'האָט ערשט אַראָפּגענומען פונם בוים. נאָר דאָ קאָן זיך עזרע גאָרניט העלפן. ער דרייט זיך און דרייט זיך און מוז אוועקגיין.

דער גוי גיט אף אים א קוק, און בלויז פונם קוק אליין דערהערט ער שוין דעם סווישטש פון דער בייטש.

— ווען ניט דער גוי, — גיט זיך עזרע א טראַכט, — וואָלט ער אויך אזוי א מאַך געטאָן, ווי בערל, צו דער גאַנצער שטאָט:

— נאָגאַ, טראַסטיציא טוואָיע מאַטערי, נאָגאַ!

אין יענעם יאָר האט זיך פאַר עזרען צום לעצטן מאָל געשפּאָלטן דער יאַמסוף. צום לעצטן מאָל זיינען פאַר אים דערטרונקען געוואָרן פאַרעס רייטוואָגנס און איינעם מיט זיי איז אויך דערטרונקען געוואָרן מענדלס האַשגאָכע איבער אים. עזרע האָט זיך אין יענעם יאָר, נאָך יאָמטויווים, אופגעריסן די נעפּלען, וואָס זיצן שטענדיק באַם וואָקזאַל, און איז אוועקגעפאָרן ווייט. און מענדל איז נאָך ביז איצט ווייטער פון דעם וואָקזאַל ניט געגאַנגען. יעדן טאָג אהין, יעדן טאָג צוריק.

שטייט ער איצט נעבן זיין זון, וואס איז געקומען צוגאַסט, און בעט זיך בא אים:

— עפשער דאַרפסטו עפּעס צו דער באַן, עזרע, הא? איך גיי מאָרגן גאַנצפרי צו דער באַן. דאַרפסט גאָרנישט?

און אז עזרע האט ניט וואָס מ'יטצוגעבן דעם טאַטן זיינעם צו דער באַן, גיט ער זיך שוין, מענדל, א דריי נעענטער צו זיין זון און זאָגט אים זייער שטיל מיט באַשיימפּערלעכער באַדויערונג:

— ניין? גאָרניט?

ער כאַפּט דערווייל פון דער זייט מיט איין אויג א קוק אַפן שאַרבן, וואָס עזרע האט מיטגעבראַכט פון שטאָט און וואָס שטייט באַ אים אַפן טיש. — ער כאַפּט אף אים אזא זייטיקן קוק, וואו ס'פּאַרענדיקן זיך די ציין, וואו ס'דאַרף זיין די נאָז, די אויגן און, ניט אופהויבנדיק דעם קאָפּ, לאָזט ער אזוי מיט פאַרבאהאַלטענעם אומצוטרוי ארויס פונם מויל:

— איז וואָס זשע זאָגסטו? מענטשן, זאָגסטו, קומען ארויס פון מאַל־פּעס? האַ? נו, מיילע, לאָז זיין מאַלפּעס!

עזרע גיט א גלעט דעם מילנער באַ דער פּלייצע און צעשמייכלט זיך פול מיט ליבע:

— אַי, טאטע, טאַטע...

נאָר מענדל מילנער גיט א קוק אף די ווענט, וואס זיינען באהאנגען מיט געשטאַלטן פון גרויסע צאַדיקים און רופט זיך אָן צו זיין זון:

— ווערסט עפּשער זאָגן, עזרע, אז אַווראָם אווינו קומט באַ דיר אויך ארויס פון א מ...לפּע, האַ? ניין? זאָגסט עס ניט?

און באַלד גייט שוין מענדל צופוס צום וואָקזאַל. ס'איז אים אומעטיק, דעם מילנער. ער קען דא אַפּן וועג יעדן איינציק פויעריש שטיבל. יעדער שטיקל פויערישע פי. דערקענט ער די געפענטעטע פערד, וואָס זיינען צעוואָרפן אף ביידע זייטן פעלד. זיי פאָרען זיך פון לאַנגווייליקייט מיט די נאָזלעכער אין שיטערן גראָז, וואס פוילט זיך צו וואַקסן. אָט זיי־נען די בוינעס. אט זיינען די גאַרבאַרניעס. אט איז שוין דער בייס־אַלמען.

און ווינטמילן פאָכען זיך איינס דאס אַנדערע מיט די דאַרע, אומנוי־טיקע פליגל. וואָראָזשען עפּעס אינדערלופט און פאַרוואָראָזשען די ווינטן און פאַרוואָראָזשען די גאַנצע געגנט. שטיל איז אף די פעלדער און שטיל איז אַפן איינציקן וועג, וואָס ליגט אויסגעבויגן איבער האָרבאַטע בערגלעך און טאָלן. שטיל טראָגט ער, דער וועג, פאַרשטאָכענע צוועלפוערסטאָווע סלופּעס אף ווייס און שוואַרץ געשטרייפטע, — שטיל טראָגט זיי מיט מענדל מילנער איניינעם פונם שטעטל צום וואָקזאַל.

II

פֿאַרשעמט זיצט א קליין וואָקזאַלכל באם וועג, ווי א ברוינער ברע־זענטענער טשעמאָדאַן, וואָס א צוג זאָל פֿאַרבייליופֿנדיק האָבן אַראָפּגע־ווארפֿן און קיינער קומט אים ניט אָפּנעמען.

שפּרינגט אַמאָל אריין א פֿאַרשפּעטיקטער באַלעגאָלע. שטעקט אריין אין דער טיר אַן האַלב־צעפֿליורעטן פּאָנעם, גיט א זעץ מיט דער בייטש איבער זיין דאַרער שטויביקער כאָליעווע, ס'זאָל זיך עמעצער אופֿוועקן. נאָר קיינער וועקט זיך ניט אוף. און ארויסנעמענדיק צוריק דאס האלבע פּאָנעם פֿון וואָקזאַלכל, גייט דער באַלעגאָלע אוועק, אויסשפּייענדיק פֿון מויל אַן אַלטע פֿאַרלעגערטע קלאָלע, ווי א שטיל יאַדאָשליווע לעכערץ.

— ווער ווייסט אף וועמען?

ער גיט נאָר די פֿערד א צערטלדיקן שמיץ מיט דער בייטש, צע־טרייבט אביסל פֿאַנאַנדער די פֿליגן, וואָס בייסן די סליונעוואַטע פֿער־דישע מיילער און לאָזט אַראָפּ די אומנויטיקע הענט אין וואָגן אריין.

פֿאַרשעמט זיצט א קליין פּאָלסטאַניקל און טראַכט:

— פֿאַרוואָס שטעלן זיך קיין צוגן נעבן דעם ניט אָפּ?

גאנצענע טעג גייען צום וואָקזאַלכל געווייִנען אומפֿאַרשטענדלעכע פֿון טעלעגראַפֿישע דראָטן. און אין די באַנאַכטן סאָפּעט דורך אַ באַלויכטע־נער עקספּרעס מיט אַ איימעדיקן קוויטש. כאַפּט, לויפֿנדיק, אַרוף אַפֿן דאַך א פּאָר פֿאַרקילטע שאָטנס פֿון וואָקזאַלכל און — פֿאַרביי.

דרייט זיך ארום אפֿן וואָקזאַלכל מענדל מילנער.

ווען פֿון זיין ווינטמיל האָט אים אָנגעהויבן בלייבן פֿאַרנאָסע בלויז דער ווינט, האט ער א טראַכט געטאָן:

— א גאַנצע וועלט מיט אידן שלאָגן זיך אויס דאס ברויט פֿון דער באַן. און ער? פֿאַרוואָס זאָל ער ניט א גיי טאָן צו דער באַן? וואסי?

בא גאָט איז דאַ ווייניק? קאַלזמאַן די מיל האט זיך געדרייט און דאס שטיקל ברויט האט זיך אויך ווי־ניט־איז געדרייט, האט ער קיינעם ניט געוואָלט פאַרגיין דעם וועג. אָבער, אַז ס׳האט זיך אָפּגעשטעלט!..

דרייט ער זיך ארום אַפן וואָקזאַל שוין עטלעכע יאָר. די הענט הענגען זיך אים נאָך אַפן רוקן און קוקן.— קוקט ער אין דער ווייט ארײַן, צי ס׳גייט ניט אַמאָל פון ערגעץ א טאָוואַרנע.

ער האט, דאַכט זיך, גאַנץ באַשטימט ניט וואָס אָפּצוגעמען פונם טאָוואַרנע. נאָר דרייען דרייט ער זיך יעדן טאָג אַפן וואָקזאַל. ער בענקט נאָך א טאָוואַרנע. ער האט פּאָשעט ליב צו קוקן, ווי ס׳קומט אָן אַ טאָוואַרנע.

קאַלטענעוואטע גראָזן קלעטערן אַפן וואָקזאַלכל ביז צו די פענצטער און העכער איבער זיי, צום דאַך צו. ארויף. קוקן שוין אַזוי אראָפּ די פענצטער פונם גרינברעמיקן דאַך אַפן הענגענדיקן מעשענעם גלאָק, וואָס שטעקט פון וואָקזאַלכל, ווי א מעשענער צאַפּן פון א סאַמאָוואַר. און מענדל גיט אַלע ווײַלע א גלעט דאס וואַרעמע מעש פונם גלאָק און כאַפּט א קוק אינעווייניק, וואו ס׳דרעמלען אַזויפיל קלינגענדיקע וואָקזאַלישע פּאָוועסטקעס. און ווען ער דערפילט איבער זיך דאָס סמאָלענע מויל פונם סטאָראָזש, גיט ער זיך א דריי אָן א זייט, גלייך ווי ער וואָלט אַפילע אינזינען ניט געהאַט צו קוקן אף דער קאַזיאָנער זאַך; און טרעפט דעם סטאָראָזש גלייך אין מויל ארײַן מיט א פאַרענטפערונג:

— ס׳א פאַרנער טאָג. זייער א פאַרנער!

ס׳איז אים אומעטיק, מענדלען. ווי דעם וואָקזאַלכל. ווי דער גאַנצער געגנט.

ערגעץ קריכט דאָרט סקריפּעדיק א גויאיש פורל. מאָגערע פערד לאָזן גייענדיק אראָפּ די שטויביקע מאָרדעס, ארײַנשמעקן א גרעזל. הינטערן וואָגן לויפט נאָך א גוי, פאַרשפּיליענדיק זיך די ברייטע לייוונטענע מאַטקעס און כאַפּט אַלע ווײַלע א קוק אף דער זון, וואָס הענגט, ווי א גאָלדענער זייגער, אין הימל.

פון ביידע זייטן וועג אָטעמען פעלדער מיט גרינס און מיט גאָלדנס. אָט איז דאס דאָרפישע קלויסטערל. דער בלישטשענדיקער ציילעם זעט אויס ווי א גאָלדענער באָטשאַן, וואס האט זיך געשטעלט עפּעס א טראַכט טאָן אף איין פוס.

— קיין טאָוואַרנע וועט שוין היינט ניט אָנקומען, — גיט מענדל א זאָג צו זיך אליין, — נישטאָ קיין טאָוואַרנע. נישטאָ. אויסגעלאָזט. און דעם סטאַראָזש זאָגט ער נאָכאַמאָל:

— ס'אַ א פאַרנע טאָג! ס'עט, ווייזט אויס, רעגענען באנאכט! מע דאַרף שוין טאַקע א רעגן, ווי דאס לעבן!

נאָכהער גיט ער נאָכאַמאָל א קוק אַפּן וואָקזאַלכל און אף די צוויי פּאָר שטייפע שטאָלענע לייצעס, וואָס גייען ערגעץ אין דער וועלט ארייַן, און מיט אזא איין-בריירעדיקן זיפּץ לאָזט ער זיך אוועק צוריק אין שטאָט ארייַן. צופוס. און דאס שטעטעלע גייט אים אנטקעגן. פיר הונדערט הייזער זיינען דאָרט פאַריזנעט געוואָרן אין א געל-ברוינעם זומפּ פון פאַרטריקנטער בלאָטע אויסגעמישט מיט געמאָלענעם דוב און קאָנען זיך פון אָרט ניט א ריר טאָן. ס'ליגט דאָרט אינמיטן דער מאַרק, ווי א פייגער, און ס'כאָלעמען זיך אים הויכע אָנגעטאָסטעוועטע וואָגנס מיט דעמבענער קאָרע, וואָס גייען צו די שטעטלשע גאַרבאַרניעס.

קאַנאריק שוסטער זיצט אף די טרעפּ פון א בודקע מיט סעלצעוואַסער, די אַרבל פאַרקאַשערט און שע,ט די גאַרבאַרניקעס:

— אויסברעכן זאָלן זיי עס אין די גריבער ארייַן!

ער הויבט אוף א שטרוי פון דר'ערד און, קייענדיק זי מיט די פעדערשטע גרויסע ציין מיט זיינע, ציילט ער די פורן קאָרע און טאָרעט מאָטעלע באַלעגאָלע:

— ביסט כאָטש א מייוון ווי מע פירט? האַ? מאָטל! יעדער וואָגן איז נאָך אַ גרוב הינטער די פענצטער! אז ס'איז דען דוב? — גיט זיך קאַנאריק שוסטער א ריס, — ס'איז גאָלד! — זאָג איך דיר, מאָטל, — ס'איז גאָלד!

און פאַרענדיקן פאַרענדיקט ער שוין צווישן די וואָנצעס מיט אַן אויסדרוק פון האָפנונגסלאזיקייט:

גאָלדענע גריבער!

גאָלדענע גריבער!

מאָטל באַלעגאָלע שלעפּט ארויס פון אונטערן קאָלנער די פּושעלע און גיט א פאָכע מיט דער בייטש:

— פונדעווע בעסער, קאַנאַריק, א גלעזל סעלצעוואַסער. וועט מען כאָטש אַראָפּשווענקען די דאָסאַדע פונם הארצן. הא? קאַנאַריק!

נאָר קאַנאַריק ציילט ווייטער די וואַגנס. אַרום דער בודקע קלויבן זיך אידן. אויסגעטריקנטע אידן מיט פענעמער, ווי ליידיקע פּאָליצעס, און קאַנאַריק גיט זיך אַ ריס מיט רעציכעדיקע אויגן צום באַלעגאָלע:

— סעלצעוואַסער האָט זיך דיר פאַרגלוסט, האַ? האָסט פּאָסטעפּקעס, מאָטל? און פון דער קרענעצע שטייט דיינע שקאַפּעס ניט אָן? ניין? וואָס שווייגסטו? וואָס זיצטו דאָ? פאַרוואָס פאָרסטו בעסער ניט צו דער באַן, האַ? מאָטל!

מאָטל ווייזט אָן מיט דער בייטש אַפן איד, וואָס קומט אָן אין מאַרק מיטן וועג פון וואָקזאַל:

— קוקט! אָט! אידן האָבן ליב גיין צופוס ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, נו, גייען זיי זיך געזונטערהייט. עמעס, זאָג איך? האַ, רעב מענדל! — גיט ער זיך שוין אַ צי צום אָנגעקומענעם — האַ? וואָס זאָגט איר, רעב מענדל! איר מעגט זאָגן! נישקאָשע, שעמט זיך ניט! אידן דאַרפן זיך אויסלערנען גיין צופוס קיין ערעציסראָעל, גייט מען דערווייל צו דער באַן הין און צוריק. קוק קאַנאַריק. ט'האָסטו. און דו, מאָטל באַלעגאָלע, נעם די פערד און זעץ זיי אַוועק פאַסקענען שאַילעס!

מאָטל מאַכט, ריידנדיק, אַ קניפּיקל אין דער בייטש און אָפּפּאָכענדיק זי איבער דער לופט, גיט ער אַזאַ מאַמזערישן פרעג:

— ס'גייען עפּעס נאָך פאַרשוינען פון דער באַן? האַ, רעב מענדל? איר מעגט זאָגן! שעמט זיך ניט. נישקאָשע!

מענדל ענטפערט ניט. ער גיט נאָר פאַרשעמט אַ דריי אויס דעם קאָפּ אַהין, צום וועג, וואָס גייט פון דער באַן, פונקט ווי ער וואָלט פון דאָרט אַף עמעצן געוואַרט, און ס'גיט אַ שפרינג אַרויס קאַנאַריק:

— פאַרוואָס גראָבסטו דיר בעסער ניט אויס קיין גרוב הינטערן פענצ־טער, האַ? מאָטל! ס'וואָלט דיר ניט געפּאַסט זיין קיין זאַוואָדטשיק, מיינסטו, האַ? מאָטל! מיט אַזעלכע לייבן, ווי דו האָסט, וואָלט מען דאָך...

— זאָג כאָטש קיינאַנאָרע, שוסטערוק!

גיב זיי נאָר אַ פּיפּס, מאָטל, — האָט זיך קאַנאַריק ניט געלאָזט איבער־שלאָגן, — גיב זיי נאָר אַ פּיפּס, ועסטו זען, מאָטל, ווי זיי וועלן דיר אליין אויסטאָן די פעל, דיינע לאָמעדוואָוניקעס. נאָך מיט אַ דאַנק, מאָטל. זיי וועלן עס דיר טאָן בעקאָוועד־גאָדל! גראָב נאָר אויס די גרוב,

וועלן זיי דיר שוין אַליין אַריינפּאַלן. אָן דיין טערכע. און דו ביסט אַ פּאַרטיקער זאַוואָדטשיק!

ער ווייזט אים מיט די אויגן אַף מענדלען:

— זעסט דאָך, אַז באַלעגאָלעווען היינטיקע צייטן איז קיין פּאַרנאָסע ניט און די גריבער זיינען גאָלדענע, מאָטל!

מאָטל רוקט אָן דעס דאשעק האלב איבער די אויגן און קראַצנדיק זיך מיט דער פּוזשעלע אונטערן קאָלנער, גליטשט ער אַזוי מעאישעוודיק און רואיק אַרויס, ווי אַ הונט, וואָס פּאַרגאנוועט זיך נעמען ליטקע — שטיל, אָן א האווקע:

— יט׳עפשער צושטיין פאר אַ שוטעף צום געשעפט, קאַנאַריק?

— בעקאָוועד־גאָדל, מאָטל!

— נאָר מיט איין טנאַי, קאַנאַריק!

— דעהאַינע?

— דעהאַינע? אָט אַזוי, קאנאַריק: מיר די פּעל און דיר די גרוב! און איך צעשרייב זיך מיט דיר אַף פּאַפּיר, קאנאריק. ס׳אַ גאָלדן געשעפט. ווע סט זיך באַ מיר וויי קן אין גאָלד! האָסט אַליין געזאָגט, קאַנאַריק, אַז ס׳איז גאָלדענע גריבער!

דער אוילעם צעלאַכט זיך איבערן גאַנצן מאַרק, נאָר דער אָנגעקוּמענער מענדל לאַכט ניט. דאָס האַרץ איז אים ערגעץ אפּן וועג, וואָס גייט צו דער באַן. גיט ער, אוועקגייענדיק, בלויז א דריי מיטן קאָפּ:

— אַי, מאָטל, מאָטל! זאָלסט בעסער איינשפּאַנען די פערד און זיך נעמען פירן קאָרע. קאָרע. אָט אַזוי ווי די גויאים. ס׳איז דא אַזוי פיל קאָרע! מע פירט אזוי פיל קאָרע!..

דרעמלט אָפּ דאס שטעטעלע א לאנגן זומערדיקן טאָג. פּאַרנאַכט פּאַר־מאַכן זיך די אויסגעטריקנטע קלייטלעך, ווי פינצטערע מיילער פון זקיי־נעס. מע הענגט אף זיי אוף אַלטע פּאַרזשאַווערטע שלעסער. דער גאַנ־צער מאַרק ווערט ענלעך צו אן אַלטן בייסאלמען. ס׳קריכט פון ערגעץ אַרויס די לעוואָנע און באַטאַפּט די טויטע קלייטלעך, ווי מאַציי וועס. אונטער יעדער אַזאַ מאצייווע שלאָפט פּאַרגראָבן אביסל ביטאָכן אַף ליידיקע פּאָליצעס און אין שול שטייען שוין אידן אין א רעדל ארום דעם ראָוו און הערן זיך צו צו די לעצטע נייעס פון דער וועלט.

דער ראָוו זיצט דאָרט אין א ווינקל איבער א סייפער און עפּעס איין פּאָסעק גריזשעט ער, דער אַלטער, מיט די שניידיקע אויגן, ווי מיט שארפע ציין. אלע ווײַלע נעמט ער אַרויס פון שראַנק אַן אַנדער סייפער און קוקט און פאַרגלייכט... ער דרייט צונויף די געדיכטע באָרד זיינע און, צולייגנדיק זי צום פּארמעטענעם מויל, ציטערט ער אזוי שטיל און געהיימניספול אויס:

— מ'נא!.. ווער ווייסט?..

דערפאַר אָבער ווייסן שוין אלע ווינקעלעך פון דער שול, אַז הייַנטיקס יאָר, אין דעם און אין דעם טאָג, אין דער און אין דער שאָ דאַרף זיך איבערקערן די וועלט...

יעדער איד רעכנט שוין אויס באַזונדער לויטן פאַרבאָרגענעם רעמעז פון די אויסיעס אינם פּאָסעק, און אין שול ווערט פון רעגע צו רעגע שטילער און פאָרכטיקער.

מע דאַווענט אָפּ מאַירעוו, ווי באַ אַן אָוול. מ'ע קוקט זיך דורכן פענצ־טער איבער מיטן הימל. דאָרט, אין דער הויך, ערגעץ ווייט, צווישן שטערן דויטלט זיך אַ שטיק פייער...

— נעכטן איז עס אויך געווען, — גיט א שאמקע דער אַלטער סענ־דער, — איך האָב עס אליין געזען מיט מיינע אויגן!

מיט דער גאנצער איימע וועגן דעם רויטן שטערן פירט אַן דער אַלטער סענדער. ער דרייט זיך אום צווישן רעדלעך אידן, ווי אַן אַלטער אָבער־קאַברען און שניידט מיט דער בסורע, ווי מיט פּסוקים אין אַ טאַרע־שטיבל:

— שוין עטלעכע אַפּדערנאַכטן, — כאַזערט דער אַלטער איבער און גיט עס צו פאַרשטיין די אידן מיט סייכל, — שוין עטלעכע אַפּדערנאַכטן באַווייזט זיך עס נעבן דער לעוואָנע...

ער דערציילט עס אַזוי, דער אַלטער סענדער, פּונקט ווי ער וואָלט עמעצן געוואָלט רעדן אין דער גאל אַריין. און יעדן אַוועקגייענדיקן זאָגט ער נאָך:

— ס'אַ שלעכטער סימען!.. אַ שלעכטער סימען, אידן!..

אידן גייען אַהיים און ערשט פון די אייגענע הייזער נעמט מען זיך ווידעראַמאָל פונדאסניי אייַנגראָבן מיט די אויגן אין דעם רויטן צייכן, וואס הענגט איבערן שטעטל.

בא קאַנאַריק שוסטער אין קעלער זעט מען נישט גאָרנישט. נישט דעם הימל, נישט די שטערן און ניט די סימאָנים, וואס באַווייזן זיך צווישן זיי. אַט דער שוסטער, וואָס הערט זיין עמעסן נאָמען איינמאָל אין יאָר, אין סימכעס־טוירע, ווען מע רופט אים אוף צום סייפער אַף אינדערגיך:

— יעמוד ר׳ זייוול בר׳...

און דאָ בלייבט דער באַל־קוירייע וואַרטן, ביז קאַנאַריק טראָגט אים, בימכילע, אַליין אונטער, לויפנדיק צו דער בימע, דעם בר׳ טאָדרעס, — אָט דער שוסטער ווייסט קיינמאָל ניט, ווען ס׳ווערט נאַכט. דאס בלעכענע שאַכטעלע פון שוואוואַקס רויכערט אים שטענדיק אַף זיין שוסטערש טישעלע און ער שעלט. ער שעלט באַטאָג, ער שעלט באַנאַכט, ער שעלט זיין וויב, ער שעלט זיינע קינדער, ער שעלט די גאַנצע שטאָט און שפּייט אויס פוןביידע זייטן, ווען ער לעקט אָפּ מיטן צונג אַ שטיקל פּאָדעשווע:

— אַלע זאָלט איר אין איין טאָג די קאַפּאָרע ווערן! אַלע זאָלט איר אין איין טאָג א מיסעמעשונע איינעמען, ריבוינעשעלוילעם!

זיין באָכער, וועלוול, שטייט אַ לענגערע צייט באַם צעטראַסקעטן שפּיגעלע און טיילט איין די גלאַנציק־שוואַרצע האָר פון זיין קאָפּ אַף גלייכע צוויי העלפטן מיט דער הילף פון אַ גלייך־דורכגעפירטן שרונט. ער פלעטשט זיך נאָכהער צו די פריזור מיט א באַשפיגענער האנט, ס׳זאָל האַלטן, און זינגט זיך אונטער אַ לידל, וואס ער האט געבראַכט אין קעלער פון דער „סטרוקציע”:

— „הימל און ערד וועט אונז הערן
איידעס וועלן זיין די ליכטיקע שטערן!”

קאַנאַריק דרייט אַלע ווײַלע אויס די פאַרויכערטע אויגן צו וועלוולס זייט, גיט אַזאַ הונגעריק־שטומען קוק אף אים, און איינמאָל האַלט ער שוין ניט אויס און דערלאַנגט אַזאַ הינטישן בייזער־זיך אַף זיין וויב:

— זע נאָר, זע אומיסטן דעם בורדיק דיינעם מיט די שטערן. ציציליסט! אַנדערש שטייט זיין טאַטן, קאַנאַריק שוסטער, גיט אָן! זע נאָר זע, ווי ער האָט זיך עס צעזונגען.

— וואס ווילסטו זאָל איך זעען? כ׳האב שוין געזען, — ענטפערט צו אים עפּעס אַ קאָל פון אַ ווינקל. — וואָס איז, סע קאָסט דיך טייער אין קראָם? ער זינגט — זינגט ער. זינג אויך! ווער לאָזט דיך ניט?

דאס ענטפערט אים זיין ווייב זלאטע, ווי א באַסקאָל פון יענער וועלט. זעען זעט זי ניט קאַנאַריק; ער דערקענט נאָר איר הייזעריק־אויסגעשריגן קאָל, וואָס מאַכט אים גלייך שטיל.

אין קעלער רייסט זיך פּלוצלינג אַריין קאַנאַריקס טאָכטער, אַ שלאַנק נייַנצניעריק מיידל און גיט וועלוולען אַ באָכנצי:

— גיי היינט ניט אינערגעץ, דו! די וועלט דאַרף זיך היינט איבער־קערן! האָסט שוין געזען וואָס טוט זיך אַפן הימל?

וועלוול דרייט אויס דעם קאָפּ, דערלאַנגט איר מיטן אויסגעפּוצטן שטיוול און זינגט ווייטער. נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום שטייט שוין קאַנאַריק אינדרויסן נעבן זיין קעלער און איין שוואַרצע סמאָלענע האַנט זיינע פון אונטער א פאַרקאַשערטן קויטיקן אַרבל, טייטלט אינ־דערהויך, ווי אַ שוואַרצער סענק מיט פאַנאַנדערגעריסענע שטיקלעך קאָרע:

— אַט דאָרט! קוקט!

— וואו?

— וואָס איז, די אויגן זיינען אייך אַלעמען אַרויס? אַט דאָרט. נעבן דער לעוואָנע. ס'רויטע.

אַלע קוקן זיי אַהין, וואו קאַנאַריק ווייזט, און בליומע, דאָס מיידל, שטיקט זיך. זי האַלט אַ פול מויל מיט געלעכטער און וויל עס מיטאַמאָל אויסשיסן. נאָר זי האָט מוירע פאַר איר טאַטן. קאַנאַריק דערפילט, ווי דער אייזערנער רוקן זיינער, וואָס פון אַכט און דרייסיק יאָר זיצן אַפן קליינעם דרייפיסלדיקן בענקעלע איינגעהויקערטערהייט, ווי אַ שטייף־אנגעצויגענע פרוזשינע, — אַט דער שטייפער פרוזשיניקער רוקן זיינער גיט זיך עפּעס פּלוצלינג אַזאַ טויבן צעברעך. ער כאַפּט א קוק אַף זיין מישפּאָכע מיט אַ הילפלאָזן דערשלאָגענעם אויסדרוק פון פּאַכעד. דער קאַרב אַף זיין נאָז ווערט מיטאַמאָל טיפער און מאַכט אים העכער און פאַרכטיקער זיינע פאַרטשאַדעטע נאָזלעכער. ער קוקט אַף זיין מישפּאָכע מיט א באַשיימפערלעכער טאַינע, גלייך ווי זי וואָלט געווען שולדיק אין דעם גזאַר, וואָס הענגט איצט אַפן הימל, און גיט צו זיי רעציכעדיק אַ מאַך מיט דער האַנט, אָנווייזנדיק אַף דער טיר:

— אַריינט אין שטוב אַריין! אַלע! אריינט! דו אויך, ציציליסט מיינער מיט די שטערן. זיך צעזונגען. מעגסט זיך אַמאָל שטעלן אָפּדאַווענען א מאירעוו אויך. די כאָליערע וועט דיך ניט נעמען!

— זייוול, — גיט אַ רעווע זיין ווייב, — זייוול!

גאָר זייוול זיצט שוין אַף זיין בענקעלע — געבּרילט. דער סידער — אין האַנט. אַלע ווײַלע באַלעקט ער דעם מיטלסטן פינגער און מישט מיט אים די בלעטלעך אין סידער. נאכהער הויבּט ער אוף דעם קאָפּ, גיט מיט אים אַזאַ פאַרשנדיקן דריי איבּערן קעלער און, אָפּשטעלנדיק זיך אַף וועלוולען, ציט ער אויס צו אים די האַנט מיטן סידער און באַפעלט:

— נאַ! קוק! אָט דאָ, וואו איך האַלט דעם פינגער. אָט - אָ - דאָ, הויבּ אָן:

— והו רחום!

ער אַליין לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אין די הענט און מרוקעט שטילער־הייט פון אויסנווייניק. אין דרויסן ווערט שטילער. איינגעהאַלטענער. אידן קוקן אַפן הימל פאַרוואונדערטע, און מענדל מילנער זיצט בּא זיך אין שטוב, כאַפּנדיק אַלע ווײַלע אַ קוק דורכן פענצטער, וואָס סע טוט זיך אַפן הימל. ער וויל מיט זיין ווייב פראַדל וועגן דעם דויטן סימען אין הימל ניט רעדן. וועגן אַזעלכע איניאָנים האָט מענדל ליב צו שמועסן מיט זיין עזרען. עזרא, — ווייסט מענדל, — פאַרשטייט. ער הויבּט זיך אוף פון זיין שטול און נעמט ארומשפּאַנען הין און צוריק איבּערן צימער פון פענצטער צו פענצטער. איבּער דער גאנצער גאַס גייען בעהיימעס. יעדערע צו איר שטוב. זיי טראָגן מיט זיך אַ רייעך פון וואַרעמער מילך און קילן שטויב פונם וועג. דאָס פרידלעכע רעווען הויבּט זיך פון זייערע וואַרעמע הערנער. זיי גייען פּאַוואָלי און היימיש, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך געפּעשעטשעט פאַר די באַלעבאַטים צוליבּ די שווערע פולע הוידעווע־דיקע אייטערס, וואָס באָמבּלען זיך צווישן זייערע פיס. זיי טראָגן א שטילע דערשראָקענע נאַכט. זי הויבּט זיך, די נאַכט, פון זייערע הערנער אײַניינעם מיטן רעווען. און ס'הויבּט זיך אוף אַ צעהוידעטע די גאנצע גאַס.

מענדל כאַפּט זיך אַריין צו עזרען אין צימער מיט אַן אויסרייד וועגן זיינע ברילן און בעשאַס־מאַיסע גיט ער אים אַ פרעג:

— און דו האָסט נאָך גאָרניט געזען, עזרע?

— וואָס, טאַטע?

מענדל גיט אַ פּיר מיט אַ צעשראָקענער ניט־געוואגטער האנט צום פענצטער און ווייזט אָן אַפן הימל:

— אָט דעם... רויטן פּלאַנעט, עזרע!..

— וואָס פאַר אַ פּלאַנעט, טאַטע? — האָט עזרע אַ שמייכל געטאָן.

מענדל האָט זיך אַביסל פאַרלוירן. ס'האט אים שוין אַפילע באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט אָנגערירט מיט עזרען אַ שמועס. פונדעסטוועגן האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט:

— עפשער איז דאָס אַ קאָמעטע, כ'ווייס, ווי באַ דיר הייסט עס? — אָט ס רויטע שטיקל פייער, וואָס שטייט נעבן דער לעוואָנע.

— קענן וואָס פרעגסטו דאָס, טאַטע?

— קענן גאָרניט. סטאם אַזוי. מע זאָגט — איך ווייס וואָס? און וואָס שטייט עפּעס אין דער גאַזעט, עזרע?

מענדל האָט זיך באַשיימפּערלעך אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין די רייד און ניט געוואוסט, ווי אַזוי ער זאָל ווייטער פרעגן, ס'זאָל ניט אויסקומען צו נאַריש אין עזרעס אויגן. דאָך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און ווייטער גערעדט:

— זאָג מיר, עזרע, זאָג מיר, דו לערנסט גאָרניט קיין כאָכמעס־האַקויכאָווים?

— ניין, טאַטע!

— ניין? — האָט זיך מענדל געוואונדערט, — ניין? איז עפשער וואָלסטו א באלן געווען, עזרע, אַרויסגיין מיט מיר אין דרויסן? איך וויל עס דיר אומיסטן באַווייזן!

עזרע האָט זיך אופגעהויבן און איז אַרויס מיט זיין פאָטער אַפן גאס. מענדל האָט שנעל און פּיבערדיק אַ בלאָנדזשע געטאָן מיט די אויגן איבערן אויסגעשטערנטן הימל:

— דו זעסט, עזרע, אָט יענץ, רויטע? סע דאַרף געוויס זיין אַ פּלאַנעט. ווי מיינסטו?

דער רויטער שטערן איז אַלע ווילע פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונטער מענדלס אָבסערוואַציע. ער האָט אַפילע דערפילט אַ שטיקל ביזאָיען. יעדער מאָל, ווען ער האָט אים דערזען, איז ביז ער האָט אים באַוויזן, עזרען, איז ער אים פון די אויגן ארויסגעשוואומען.

— אָט ערשט איז ער דאָ געשטאנען, עזרע! האָסט אים גאָרניט באַמערקט? אַזאַ רויטע שטיק פייער. ס'זאָל עפּעס זיין אַ סימען אַזאַ, עזרע, ווי מיינסטו? מע זאָגט, אַז אלע מאָל פאַר מילכאָמעס באַווייזן זיך אַפן הימל אַזעלכע רויטע סימאָנים, — האָט מענדל זיך געהאלטן אין איין פאַרענטפערן, — ווער ווייסט, ווער ווייסט?

ער האָט אים נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אַ פּלוצימדיקע בעהאָלע פון גאס האָט אים איבערגעשלאָגן. כעוורעלייט האָבן פּלוצלינג אַ קרייץ געטאָן די גאס מיט אַ רייסנדיקן געשריי:

— גאָדל! גאָדל, דער מעשוגענער!

דאס גאנצע שטעטל האט אַ ציטער געטאָן פונם ראַעש. אַלע האָבן אויגנבליקלעך פאַרגעסן אין דעם רויטן צייכן, וואָס איז געהאנגען אַפן הימל, און מע האָט זיך געלאָזט נאָכן געשריי.

— ווער? — האט איינער דעם אנדערן לויפנדיק איבערגעפרעגט, — ווער? גאָדל? דער מעשוגענער? וואו? זיך אויסגעריסן? אַליין?

מאָטל באַלעגאלע איז שוין געשטאנען אינמיטן מאַרק און אָנגעפירט מיט דער בעהאָלע. און ווען ער האָט דערזען מענדלען מיט עזרען צווישן אָנגעשוואָלענע אוילעם, האָט ער זיי גלייך אונטערגעטראָגן די בסורע:

— ט'שוין געהערט? וואָס זאָגט איר, רעב מענדל? מיר האָבן דאָך אַ גאסט אין שטאָט! — גאָדל! ער איז אַוועק צו די קאַצאָווים, זאָגט מען. צו שליאָמקע מיט די בענאָקעס. זיך שטעלן צו שכיטע!

מענדלען האָט באַשלאָגן אַ קאלטער שוויס, ער האט קיין סאַך ניט געוואָלט זיך פאנאנדערפרעגן. ער האט גאָר אָנגענומען עזרען פאַרן אַרבל און אים אַ זאָג געטאָן:

— קום, עזרע. אַהיים, קום.

און איבער דעם צוועלפוורסטיקן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פונם קליינעם פאָלוסטאַניקל אין שטעטל אַריין; צווישן די אומבאַוועגלעך־געבויגענע ווינטמילן, צווישן ביידע זייטן שמעקעדיקע גרינסן, וואָס האָבן טויאיק געאָטעמט פון פעלד, — האט, ציילנדיק די ווערסטאָווע סלופּעס, געשפּאנט באַרוועס א איד. די ברייטע צעוואַקסענע באָרד מיט דעם צעשויבערטן קאָפּ־האָר האבן אויסגעזען, ווי אַף זיינע אַקסל וואלט געוואקסן אַ בינטל ווילד־גראָז. זיינע קאפויר־אופגעשטעלטע האָר

האבן זיך געשרויפט אין דער נאַכט אריין צום הימל, ווי שרויפיקע ווארצלען. און ווען ער האט מיטן קאפ אַ דריי געטאן, האט זיך אים געדאַכט, אַז ס'דרייט זיך מיט די נאַכט, דער הימל און די גאנצע וועלט, און ער איז אַריינגעשרויפט פאַרן קאפ. ער האט זיי געוואלט אנכאַפן מיט די הענט און זיי אפשטעלן. זיי זאלן זיך אַזוי ניט דרייען. נאר ער איז געגאנגען גיך, ווי ער וואלט שטאַרק קיין צייט ניט געהאט. ווי ער וואָלט געהאַט אַן עקסטרע־ווילדע שעליכעס. אלע ווײַלע האט ער זיך אַ שליידער געטאָן אַף דר'ערד, געקושט דעם שטויב און זיך געציילעמט. אופגעהויבן און ווידער — גיך, גיך. אַ הייסער שוים האָט אים געשלאָגן פון מויל, און מיט פיבערדיקע הענט, צעטיילטע אַף לאַנגע פאַרנעגלטע פינגער, האָט ער געשלעפט און געצויגן זיין העמד, ווי אזאַ צעכוואַ־ליעטע פינע פון זיין האַרץ, און דערביי צו זיך אליין גערעדט:

— איך וועל אים ארויסציען, דעם גאָלעם! איך וועל אים אַרויסציען!

ער האט דורכגעשפרייזט דאָס גאנצע שטעטל, איימעדיק און בליציק, אונטער צעשראָקענעם באדעקנס פון געשרייען. די פינצטערניש האָט זיך צעטיילט אַף צווייען. זיך צעשפאלטן און צערוקט, דאָרטן, וואו ער איז דורכגעגאנגען. נאָכהער האָט די פינצטערניש, ווי אַ געדיכטע פליסיקייט, זיך צוריק צונויפגעגאָסן.

גאָדל, דער מעשוגענער שויכעט, איז אַראָפּ וויט הינטערן שטעטל און זיך געזעצט באַ די בוינעס אַף אַ גאנצער נאַכט.

אַ גאנצע נאַכט האט ער פיבערדיק געלערנט פון אויסנווייניק. און דעם שטעטל האָט זיך אַ גאנצע נאַכט געכאָלעמט אַ געוואַי, ווי עפּעס אַ וויסטע בסורע. נאָך האלבער נאַכט האָט דער רויטער צייכן אַפן הימל זיך נאָך העלישער צעאַייטערט.

נאָך האלבער נאַכט האט דער די לעוואָנע אויסגעזעגן, ווי א מעלקשעפל מיט בלוט.

III

ווייט הינטערן שטעטל זיינען ווי פּייכטע פאַרבלוטיקטע קאסטנס גע־שטאנען — באלעמערדיק — די בוינעס.

אַ פייכטער שטיקנדיקער שטונק פון נאסע אָפּגעשוונדענע פעל, פון פאַרבאַקן בלוט און פון בלאָטיקע הערנער מיט טלאָ אין פאַרשיידענע זייטן צעוואָרפענע, האט זיך געררויכערט, ווי פון אַ טליענדיקער פארדו־שעטער סרייפע.

געלע און פיאָלעטעווע פליגן, ווי קליינינקע פיאווקעלעך, בייסן דאָרט די לופט אַף אַ גאנצן ווערסט פאַר די בוינעס.

איניינעם מיט די קאַצאָווישע הינט האָבן זיך אַרום די בוינעס ארום־געשלעפּט שמאטיאַרעס מיט זעק און געקליבן ביינער מיט הערנער, מיט קאָשערע טלאָ בעהיימישע.

דורך די פאָדלאָגעס פון די בוינעס האָבן אַרויסגעקוקט דורכגעהאקטע שמאָלע שפּאַרונעס — צום באַלקן און אין דר׳ערד אַריין. די פאָדלאָגעס זיינען געווען גליטשיק.

אלע באַגינען האָט זיך אַף די גליטשיקע פאָדלאָגעס אויסגעגליטשט אַ געפּענטעטער אָקס, אַ קו, אָדער אַ טעליצע מיט איבערגעקערטע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, מיט אַ כריפּענדיקן כאָרכל און מיט אַ קאָשע־רער בראָכע אַף שכיטע.

אלע באַגינען פלעג שליאָמקע קאַצעוו אַרויספירן זיין „שטיקל" היינ־טערן שטאָט, אונטערשמייסנדיק עס מיטן עק פונם שטריקל, וואָס איז דער בעהיימע אַפן האלז געווען אָנגעטאָן.

הינטן איז נאָכגעגאנגען שליאָמקע קאַצעווס מעזיניק און געדרייט די בעהיימע באָם ווידל, זי זאָל גיין גיכער. נאָר אַז די בעהיימע האט

דערשנאַפּט פונוויטנס דעם רייעך פון די בוינעס, פֿלעג זי אויסדרייען די הערנער פון שליאַמקע קאַצעווס שטריק און זיי אויסשטרעקן צום שטעטל, ווי קליינע קינדערשע הענט, און וויינען.

דעם גאנצן ווייטערדיקן וועג איז שוין די בעהיימע געגאנגען מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ צום שטעטל.

יעדער אינדערפרי האָבן זיך די בוינעס צעגלאנצט מיט אַ ראָזיקן אָפּשיין פון פריש וואַרעם בלוט. אין דער גליטשיקער גלאנציקער פייכט־קייט האט זיך געשפיגלט דער באַגינען.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער באַגינען אַליין האט ווי אַ רויטע קו זיך שוין אויסגעגליטשט אַפן בריק פון די בוינעס און וואַרט בלויז אַף דער שאָכטישער בראָכע.

אַביסל ווייטער פון די בוינעס האָבן זיך געפּרעגלט העפקערע ביינער אַף דער פרימאָרגיקער וואַרעמער זון, און גאנצע הינטישע סקעלעטן מיט צונויפגענומענע פיסלעך זיינען געשלאָפן אַף די זייטן — איינס צום אַנ־דערן מיט די אָפּגעשונדענע ציינקאסטנס אויסגעדרייט.

אלע יאָר איז אין דערדאָזיקער צייט אַרומגעלאָפן איבערן שטעטל אַ הינטשלעגער, אַ היצל מיט אַ לאנגער הילצערנער קליוטשקע און אויס־געכאפּט די העפקערע היימלאָזע הינט.

ערגעץ ניט ווייט פון די בוינעס איז געווען אופגעקלאפּט זיינס אַביידל. דאָרט איז ער געשלאָפן, און דאָרט, נעבן ביידל, פֿלעג ער אלע אָוונט צעלייגן אַ פייער און זיך קאָכן וועטשערע נאָכן טאָג אַר־בעט.

און באַ די בוינעס פֿלעג אלע ווילע, רייסנדיק זיך אין דער לופט, צוגעוואָרגן צום שלייף פון דער קליוטשקע, צושפּרינגען אַ הונט און נאָך אים — דער היצל. און פון אַ לאַנג דרענגל — באַם עק פאַרפּאַפּט מיט הינטיש בלוט און מאַרך, פֿלעג דער הונט אַראָפּבויגן דעם קאָפּ צו דר'ערד מיט אַן אַרויסגעשטעקטן צונג. נאָכהער פֿלעג זיך שוין דער היצל אַוועק־זעצן באַ די בוינעס, פאַרדרייען אַ ציגאַיער און קוקן טעמפּ אַף די אָפּ־געשונדענע הינטישע פעלעכלעך, וואָס האָבן זיך געטריקנט אַף דער זון, ווי נאסע האַנטעשעס.

איצט איז באַ די בוינעס געזעסן גאָדל און געצויגן די העמד, ווי אַ צעכוואליעטע פינע, פון זיין לייב.

צוריק מיט דריי יאָר האט ער אליין דאָ רעגירט מיט זיין כאַלעף און מיט זיין בראָכע.

צוריק מיט דריי יאָר האָט ער אַליין דאָ יעדן פרימאָרגן געקוילעט די באַגינענס, — מיטן כאַלעף אין די ציין זיך איבערגעבויגן, זיך איינגעקוקט אין אופגעשניטענעם גאָרגל און געזאָגט:

— טרייף!

זיינען געגאנגען וואָכן, כאַדאָשים און יאָרן.

נאָכהער פלעג אים שליאָמקע קאַצעוו גיבן מיט אַ דרענגל איבערן קאָפּ, אונטערשרייענדיק:

— „קאָשער" — זאָלסטו מיר זאָגן, פלאָכט איינער! קאָשער! דו הערסט? פלאָכטאַטש! קאָשער זאלסטו באַ מיר זאגן!

נאָר גאָדל האט געזיפּעט:

— טרייף... טרייפע...

ביז מ'האט אַזוי איינמאל אַ פאַרטאָג געבונדן גאָדלען אַליין, ווי אַ קאלב, און אים אַוועקגעפירט מיטן באַגינען קיין וויניצע. אין מעשו־גאָאים־הויז.

דאָרטן, אין וויניצע, אין מעשוגאָאים־הויז האָט זיך צו אים צוגע־טשעפּעט זיין אייגענע העמד.

און איצט זיצט גאָדל צוריק באַ די בוינעס, ווי אַף עפּעס אַ מאָדנע־לעבעדיקן קייווער זיינעם. זיין בראָכע ליגט דאָ באַלזאַמירט אין בלוט פון אָקסישע העלזער. מע דאַרף אַף איר נאָר אַן אטעם טאָן, וועט זי צוריק לעבעדיק ווערן. נאָר ער קאָן זיך ניט דערמאנענען.

די לאַנגע אויסגעוואַקסענע נעגל פון זיינע באָרוועסע פיס גראָבן די מיסטיקע, די פעטע ערד אַרום דער בוינע און זיין באָרד לאַכט.

ציט ער זיין העמד פונם לייב, ווי פאַרמעטענע מעגילעס און קייט זיי. ער ראַנגלט זיך מיט איר, ווי מיט זיין אַ לייבלעכן סוינע און קאָן זי ניט בייקומען.

— וואָס ציסטו, גאָדל, די העמד?

— ס'איז נישט קיין העמד, — ענטפערט גאָדל, דרייענדיק זיינע אָב־געצונדענע אויגן, — איך צי ניט קיין העמד! איך צי אַרויס דעם גאָלעס!

איינגלעך האבן אים געטראָגן שטיקלעך ברויט אינדערוואָכן און שאבעס האָבן זיי אים געבראַכט כאַלע.

— לערן, גאָדל, לערן, — וועלן מיר דיר געבן נאָך!

איז גאָדל געזעסן אַף דר'ערד באַ די בוינעס און געלערנט, שטופּנ־דיק אין מויל אַריין די העמד מיט שטיקלעך ברויט, וואָס האָבן זיך אַרום אים געוואַלגערט.

אַף אַ הינטערשט געסל, נעבן שול, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַף אַ הילצערנעם פּלויט אַ קליין שטיבל. די הילצערנע ווענט זיינען געווען באַקלעפּט מיט פּעדערן פון אויפעס. ווייבער זיינען געזעסן אַף דר'ערד באַ דעם שטיבל, אַרומגעפּליקט הינער, און די פּעדערן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די פּאַרטעכער, האָבן זיי געשאָטן אין אַ גרויסער פּאַס — פּאַר דער שויכעטקע. און, פּליקנדיק די אויפעס, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט, קרעכצנדיק:

— אַז איר ווייסט דען וויפל ער זיצט שוין דאָרטן?

— וואו?

— דאָרטן, באַ די בוינעס!

— וואָס־זשע, ער זיצט טאַקע דאָרטן?

— ער זיצט, נעבעך, אין גרויסע וואונדן. ער זיצט, ער זיצט און דאָס מויל ברענט. ער זיצט...

— און זי ווייסט?

— אוואַדע ווייסט זי איר גרויסן אומגליק.

איין אידענע האָט זיך אופגעשטעלט, אָפּגעטרייסלט די פּעדערן פון פּאַרטעך און האָט אַזאַ געהיימען פרעג געטאָן:

— און באַנאַכט?

— וואָס באַנאַכט?

— כ'מיין, באַנאַכט, — האָט ווייטער אויסגעקרעקעט די זקיינע.

— וואָסער באַנאַכט? ער זיצט דאָרט אָפּ די גאַנצע טעג און די גאַנצע נעכט!

— אַיי, אַיי, אַיי!

— מע זאָגט, מע זאָגט, אַז ער ראַנגלט זיך מיט די ניטגוטע גאַנצענע נעכט... מע זאָגט, אַז זיי זיינען אים אַריין אין דער העמד, בהיט גאָט... און ער קען זיי ניט אַרויסטרייבן... ער קען, בהיט גאָט, די העמד ניט אויסטאָן...

איינע פון די ווייבער גיט אַזאַ קוויטשענדיקן זיפץ, פונקט ווי זי וואָלט געטאָן אַ שלוקערץ:

— אז גאָט וויל אָנשיקן אַף אַ מענטשן, ניט־דאָ־געדאַכט, דאַרף ער דען אַסאַך?

זי הויבט אוף דעם קאָפּ צום שטיבל:

— אָט האָסטו דיר אַ סאָף פון גאָדלען! אַזאַ איד! אַזאַ שויכעט! אַזאַ גאָדל! גאָט זאל ניט שטראָפן פאַר די רייד...

אַלע ווייבער, וואָס זיצן אַף דר'ערד אינם ברודיקן נעפּל פון פעדערן, געבן אלע מיטאַמאָל אַזאַ בורטשע, פונקט ווי זיי וואָלטן געזאָגט טכינע:

— נאָר אַ דונער זאָל זיי דערשלאָגן אַפן גלייכן וועג, ווי זיי האָבן דערשלאָגן גאָדלען. אַזאַ גאָדל!

אינעווייניק אין דעם שטיבל, וואָס האט זיך געהאלטן אָנגעשפּאַרט אַפן נידעריקן פּלויט, ווי אַ זקיינע אַף אַ שטעקן, — אינעווייניק ערגעץ אין אַן אַלקער מיט גרינלעך־אָפּגעשמירטע ווענט, האָט געוואוינט די שויכעטקע, גאָדלס ווייב. זי איז די גאַנצע צייט, זינט גאָדל האט זיך באַוויזן אַפן שטאָט, די שוועל ניט אַריבערגעטראָטן צו דער גאָס. אין ערגעץ ניט געגאַנגען. דאס שייטל, וואָס זי האט געטראָגן, האט זיך איר פון זיך אַליין אַראָפּגערוקט נידעריקער און פאַרשטעלט אירע אויגן, זי זאָל ניט צווזען איר צאַער און איר ביזאָיען. אָבער דאָס האַרץ איז איר אלע ווײלע פאַרלאָפן מיט בלוט. יעדער מאָל, ווען ס'האט זיך דערהערט אַ קרעק פון אַן אָף, וואָס איר עלטערער זון האָט געשאָכטן אין הויז, האט זיך איר אַ ריס געטאָן איר האַרץ, האט זיך איר איבער־געדרייט דער מויעך מיט די אויגן און שטילע ספּאַזמעס האבן זי אָנגעהויבן וואַרגן.

זי האָט גוט געוואוסט, אַז איר גאָדל, איר קרוין, וואַלגערט זיך אויס־געשמירט אין בלאָטע באַ די בוינעס, צווישן די אָפּוואַרפעכצן פון שטאָט. מיט די הינט צווישן ביינער און מיסט. זי האָט געוואוסט, אַז ער זיצט דאָרט באָרוועס און נאַקעט, אָפּגעשליסן, און הייליקע ווערטער גיסן זיך פון זיין געשטראָפט מויל. און יעדער מאָל, ווען זי האָט דערהערט די בראָכע פון איר זון, די בראָכע אַף שכיטע, האָט זיך איר פאַרוואָלט אויסרייסן זיך און אַנטלויפן ווייט הינטערן שטאָט צו די בוינעס, צו די מיסטן, צו די אָפּוואַרפעכצן און זיך אויך אַוועקוואַלגערן נעבן איר

געשטראָפטן מאַן, גאָדל. און זאָל איר שוין דאָרטן גאָט צונעמען איר נעשאָמע. און לאָזן אַפילע הינט צערייסן איר לײַב. מיסטאָמע וויל אַזוי גאָט. מיסטאמע האט זי זיך פאַרזינדיקט. מיסטאָמע דאַרף אַזוי זײַן.

נאָר ווען זי האָט דורכן פענצטער דערזען זיצן ווײַבער נעבן דער פּאָס מיט פעדערן און פליקן אויפעס, איז זי געבליבן שטיין פאַרשטאַרט. אירע אויגן האָבן זיך געגומען קלאַמערן אָן דעם נידעריקן גרינלעכן באַלקן, אן די ווענט און אָן דעם ראַמבאַמס בילד, וואָס איז אַף איינע פון די ווענט געהאַנגען. און פונדאַנען האָט זי שוין ניט געהאַט וואוהין צו פירן אירע אויגן ווײַטער. פונדאַנען האט זי זײַ מוירע געהאַט אַ ריר טאָן.

נעבן דעם ראַמבאַמס בילד איז געהאַנגען גאָדלס כאַלעף, וואָס קיינער האָט ניט גענוצט, זינט מ'האָט גאָדלען אַוועקגעפירט קיין וויניצע.

דאָס סאַמעטענע טעשעלע, אין וועלכן דער כאַלעף איז געווען אײַנ־געוויקלט, האָט געשמעקט מיט גאָדלס הענט, מיט גאָדלס אָטעם. מיט גרויס מי פלעג זיך נעכאַמע, גאָדלס ווײַב, אָפּהאַלטן באַם אָנבליק פון דעם סאַמעטענעם טעשעלע, ס'זאָל זיך באַ איר ניט ארויסכאַפּן מיט איר ווײַבערשער צניעס און באַשיידנקייט דער „ברוך הו וברוך שמו״. ערגעץ ליגן זײַ, אירע „אָמן״ס, אינעווייניק אין סאַמעטענעם טעשעלע און טוליען זיך צו דער טרויעריק־פאַרבענקטער שאַרף פון גאָדלס כאַ־לעף. נאָר קיינער טאָר זיך צו אים ניט צורירן. און נעכאַמע טאָר, דאַכט זיך, אַף אים ניט קוקן, פונקט ווי זי האָט ניט געטאָרט קוקן אַף איר מאַן.

איצטער פירט די שכיטע איר עלטערער זון. שטאָט האָט ניט געוואָלט צונעמען די כאַזאָקע. זי ניט פאַרטראָגן פון גאָדלס שטוב. האָט מען כאָטש די אויפעס געלאָזט באַ איר און באַ אירע זון.

פון די קינדער האָט זיך אויך קיינער ניט באַוויזן אפן גאָס. מע זאָל זיך ניט באַגעגענען מיטן פאַטער, וואָס לויפט אַרום האַלב־נאַקעט איבערן שטאָט.

נאָר גאָדל איז געזעסן באַ די בוינעס. די נאַקעטע פיס זײַנען אים געווען אײַנגעריכט אין בלאָטע. איין אַרבל פון דער העמד איז שוין געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן און געהאנגען אונטערן אָרעם אף א שמאָל פּאַסיקל צייג און אין דער באָרד האבן געוואַקסן שטעכיקע בודזיקעס.

פון זיין צעכראַסטעטער ברוסט האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן געלע אפּגע־בליאַקעוועטע האָר, ווי פאַרוויאַנעט גראָז, און מיט ארויסגעזעצטע אופ־געלאָפענע אויגן האט ער שטייף געקוקט, ווי דער היצעל שלעפּט אַלע ווילע צו אַ שפּרינגענדיקן הונט. ס׳האָבן זיך אים אליין אויסגעבויגן די פינגער און זיי האבן זיך אליין געגראבן אין דער פייכטער יאַטקעדיקער ערד, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געמוזט אָן עפּעס אָנהאַלטן. און ניט באַ־מערקטערהייט, האָט ער זיך כאַיעש־שטיל צוגעראַטשקעוועט הינטן־אַרומער צום היצעל. און ווען דער היצעל האט אופגעהויבן דאָס דרענגל איבערן הונטס צעעפנטן מויל, — האָט גאדל א שפּרונג געטאָן אַף אים פונהינטן, און זיך אַריינגעביסן אין זיין האַלז.

דער היצעל איז פון דערשרעק גלייך אומגעפאַלן איניינעם מיט גאָדלען אַפן הונט. נאָר דער הונט האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אנטלאָפן מיט דער קליוטשקע אַפן האַלז אין שטאָט אריין. די קליוטשקע האט זיך אים נאָכגעשלעפּט, און לויפנדיק האט ער זי געדראפּעט מיט די פעדערשטע פיס און געבילט.

אין שטעטל האָט מען באַלד דערשמעקט א געשלעג. מ׳האט גענומען לויפן אַראָפּ צו די בוינעס, ווי צו א סרייפע. באַלד איז מענדל אויך אַראפּגעלאָפן צו די יאַטקעס.

דער היצעל איז שוין געלעגן אַרופגעוואַלגערט אַף גאָדלען און אים געוואָרגן. פון גאדלס מויל האט געזעצט בלוט און זיך צעשמירט אף זיין צעפּליורעטער באָרד.

אידן האָבן זיי פאַנאַנדערגענומען און אָנגעהויבן איינעמען דעם היצעל מיט גוטע רייד:

— א געשטראָפטער, — האָבן זיי אים אַלע איניינעם געזאָגט, ווייזנדיק אַף גאָדלען.

— א געשטראָפטער!

זיי האבן זיך געשראָקן, ס׳זאָל כאלילע ניט זיין קיין אומגליק. נאָר דער היצעל האָט געווישט מיטן ארבל דאס מויל און דעם האַלז, זיך געשאָלטן און געשריגן:

— וואַרט, זשידעס, וואַרט! איך וועל אייך אלע נעמען אַף דער קליוטשקע! אלע וועט איר באַ מיר ליגן אָט דא, ווי די הינט אָפּגע־שונדן.

מאָטל באַלעגאָלע האָט נאָך אַרופגעלייגט א פינגער אף זיין באַלעגאַ־לישן שטערן און פונדערווייטנס געוואונקען אי צום היצעל, אי צו גאַד־לען, אונטערזאגנדיק:

— אַ צעדרייטער, נעבעך, גאספאָדין היצעל! אַ צעדרייטער!

דער היצעל איז געשטאנען רואיק און אָנגעוויזן אַף די געהארגעטע און אָפגעשונדענע הינט:

— ניטשעווא, אַט אַזוי וועל איך אייך אלעמען אָפשינדן! אָט אַזוי!

— אָט ווי די הינט וועט איר באַ מיר אַלע ליגן. ניטשעוואָ!

דערווייַלע האבן כעוורע יאַטן געבראכט צושלעפן דעם אַנטלאָפענעם הונט מיט דער קליוטשקע און אים צוגעפירט צום צענערעגטן היצעל. די אינגלעך האבן געשוויצט און געסאפעט און געווען זייער צופרידן, וואָס גאָט האָט זיי באַשערט אַזאַ שטיקל ארבעט. נאָר דער היצעל האָט אָנ־געכאַפּט די קליוטשקע און א געשריי געטאָן צו אלעמען:

— ראַזוידיס, זשידי פּאַרכאַטיע!

פונדערווייטן האט שוין א בליאסקע געטאן דאס בלעכל פון א סטראַזש־ניק. אידן האָבן אָנגעהויבן לויפן צוריק. נאר גאָדל איז געזעסן אף דר׳ערד נעבן די בוינעס, געקריצט מיט די ציין און געשפיגן.

דער הונט האט שוין ווידער געקלאפט מיט דער מארדע אין דר׳ערד און געקוויטשעט, אופהויבנדיק אלע ווילע אינדערלופט די לאַנגע היל־צערנע קליוטשקע, וואס איז אים געווען איינגעשניטן אין גאָרגל. די יאַטן, וואָס האבן דעם הונט געבראַכט צושלעפן, האבן זיך געפילט, ווי אייגענע און מיט נייגעריקייט געקוקט, ווי דער קעלעוו גייט אויס. זיי האבן געטאפט די קליוטשקע און מיט מוירע געשמייכלט צום היצעל. איין אינ־געלע האט דעם הונט געווארפן א שטיקל ברויט און אונטערגעסמאָקעט צו אים מיט די ליפן: — „נאַ, זשוטשקאַ, נאַ!" ער האט זיך אין אים געקילט דאָס הארץ, אין דעמדאזיקן הונט, פונקט ווי ער וואלט זיך אין אים נוי־קעם געווען פאר אן אלטער אַוולע. און דער הונט האט וואס אַ מאל אַלץ שווערער און נידעריקער אופגעהויבן דעם צעפלעטן קאפ און איז צוריק אנידערגעפאלן. ער האט זיך נאך אביסל געראנגלט מיטן שלייף, ווי גאדל מיט דער העמד און איז אַזוי אַנשלאפן געווארן. דער אוילעם איז זיך אייַנציקווייז פאנאנדערגעגאנגען. בלויז מענדל איז געשטאנען נעבן גאָדלען און זיך באַ אים געבעטן:

— קומט, רעב גאדל, אהיים. קומט. איר זיינט דאך אן ערלעכער איד, רעב גאָדל. קומט, איר וועט זיך אָנטאָן. זעט נאר, רעב גאדל, איר זיינט דאָך אַן אַ היטל. קומט, רעב גאדל, איר וועט, אימירצעשעם, געזונט ווערן, וועט איר זיך צוריק נעמען צו שכיטע. קומט, קומט, רעב גאדל!

גאָדל האט געשמייכלט. די ציין זיינען אים געווען איינגעפארבט אין בלוט און האבן זיך געקלעפּט צו די ליפּן. דאך האט ער זיך אופגעשטעלט און אונטער א לעוואַיע פון קליינע שרייענדיקע יאטן, האט מענדל אָפּגעפירט גאָדלען צו זיך אהיים, אָפּטרייבנדיק אפן וועג די נאָכלויפנדיקע:

— צעגייט זיך, אידן! צעגייט זיך, וואָס האט איר אזוינס ניט געזען? א שלאַפער מענטש. א געשטראָפּטער. מע טאָר ניט, אידן!

און אפן מאַרק האבן אידן גערעדט:

— מענדל האט אים גענומען צו זיך אַהיים. ס'אַ גרויסע מיצווע. ער זאָל נאר וועלן איינזיצן.

אן אומבאַמערקטער פאַכעד האט זיך געלייגט אפן שטעטל. בא די נעכט האט מען ווידער געזוכט אין הימל דעם רויטן צייכן און באטאג האט מען דעם רויטן צייכן געזען בא גאָדל דעם מעשוגענעם אין מויל.

גאדל איז איצטער געזעסן באַ עזרען אין צימער. זיין ברייטע באָרד איז געווען פאַרפּאַפּט פון נאך ניט אָפּגעוואשענעם בלוט. ער האט אַלע ווילע געכאפּט דאס מעסער, וואָס איז געלעגן אפן טיש, און זיך פארגאנגען מיט דעם, פירנדיק עס איבערן נאָגל, ווי מע פּרוּווט אויס א כאַלעף. הין און צוריק האט ער דאס געפירט, דאס מעסער, איבערן נאָגל און עס אראפּגעווארפן:

— פּגימע!

הינטערן פענצטער זיינען געשטאַנען מענטשן און געקוקט אינעווייניק, אין צימער אַריין. פראדל איז געזעסן אין קיך און האט זיך געשראקן אַריינגיין אין שטוב, זי האט נאר אלע ווילע אַרייגערופן איר מאַן:

— מענדל, מענדל, עפּשער איז ער הונגעריק? עפּשער וועט ער עפּעס נעמען אין מויל?

זי האט אנגעגרייט אַ קוואָרט וואַסער מיט א שיסל און ווידער א רוף געטאָן איר מאַן:

— מענדל, נו?

— וואָס — נו?

— האָסט אים שוין געפרעגט?

— וואָס זאָל איך אים פרעגן? מע קאָן אים דען עפּעס פרעגן? נו, פרעג, אדראבע, פרעג! יענעם איז אונטערגעגאַנגען דאָס מעשוגאעס און זי איז דיר דאָ מיטן — „פרעג אים, פרעג אים!" פרעג!

דאָך האט ער גענומען די שיסל מיט דער קוואָרט וואסער און זי צו־געטראָגן צו גאדל׳ען:

— וואשט זיך, רעב גאדל!

נאָר גאדל האט ניט געהערט, וואס מענדל רעדט צו אים. זיינע ברי־ענדיקע אויגן האבן ערגעץ געשטופּט די סטעלי׳ע. אַלע ווילע האט ער זיי פון ווייטיק פאַרמאַכט, און שאָקלענדיק מיטן קאפּ, געשפּיגן. די גאנצע העמד איז אים געלעגן אָנגעשוימט פאַרן האלז. ער האט זי די גאַנצע צייט ניט אופגעהערט צו ציען און האט איר סאָף ניט געקאנט דערגיין.

מענדל איז אזוי לאַנג געשטאַנען מיט דער קוואָרט וואסער, אַ דער־שראקענער און אַ פאַרגאַפטער, ביז גאדל האט א ריס געטאן בא אים די קווארט פון זיינע הענט, אריינגעטאן אין איר דאס פיבערדיקע פּאָנעם און אויסגעטרונקט אין איר די גאנצע וואַסער.

— זאָג מיר נאר, מענדלס זון, — האט ער זיך פּלוצלינג א וואָרף גע־טאָן צו עזרען, באַלד, ווי ער האט ארויסגענומען דאס פאנעם פון דער אויסגעליידיקטער קוואָרט, — זאג מיר נאר, מענדלס זון, — ער האט זיך גלייך א צי געטאָן אף צוריק און גענומען פירן מיט די אויגן איבער עזרען הין און צוריק, הין און צוריק, ווי ער פלעג פירן מיטן כאלעף איבערן נאגל.

— וואס זאל איך אייך זאגן, הא? גאדל! וואס? — האט אים עזרע אונטערגעכאַפּט.

גאדל האט ניט אופגעהערט פירן איבער עזרען מיט די אויגן און פלו־צים אים א שטויס געטאן מיט דער האנט:

— פּגימע! פּגימע!

עזרע האט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל אַ קוק געכאַפּט אף זיין טאַטן. מענדל האט זיך דערשראקן אומגעקוקט אף זיין זון און גאדל האט אנ־בויגנדיק דעם קאפּ, ווי אונטער קלעפּ, געשריגן:

— פּגימע! פּגימע!

ס'האט אים געגעבן א זעץ ארויס אביסל פינע פון די מויל־ווינקלען און מיט אן אנגעבויגענעם קאפ האט ער זיך ווידער געווענדט צו עזרען:

— דו וועסט מיך דערהאַרגענען, מענדלס זון! דערהארגענען! מיט דרענגלעך! דו וועסט מיך שלאגן איבערן קאָפּ אט אזוי, אט אזוי.

גאדל האט זיך אנגעהויבן קלאפּן מיטן פויסט איבערן קאפּ און וואָיען:

— אָט אַזוי! אט אזוי!..

ער האט זיך א כאַפּ געטאָן בא דער פאַזעכע און באַם שטערן און ווידער זיך פאַרפלאָנטערט אין דער העמד. מענדלען האט זיך געדאַכט, אז די ווענט הוידען זיך. ער האט די גאַנצע צייט געקוקט אַפן פּאָל אַראָפּ, ווי א דערשלאָגענער. ער האט אינגאַנצן פאַרגעסן, אז ער האָט געבראַכט אַהער וואַסער זיך צום וואַשן, אז די קוואָרט איז אויסגעלייזדיקט געוואָרן, אז אין שטוב איז געגרייט צום טיש. ער האט ניט געקאָנט נאָכיאָגן ניט מיט די אויגן, ניט מיט דעם געדאַנק נאָך אט דעם פיבערדיקן הייסן גאַלאָפּ, וואָס האט א זעץ געטאָן אף אים פון דעם מעשוגענעמס מויל, און ער האט איינפאַך אופגעהערט צו פאַרשטיין וואס סע קומט דא פאָר:

— צי זיצט גאָדל דער מעשוגענער באַ אים אין שטוב, צי באַ די בוינעס, צי לויפט ער איבער די גאַסן. דעם רויטן צייכן פונם הימל האט ער איצט באַשיימפערלעך געזען באַ גאָדלען אין מויל. ער האט זיך בלויז געשראָקן צו פרעגן באַ זיין עזרען, צי איז דאָס א פלאַנעט, אָדער א קאָמעט?..

גאָדלס איבערגעקערטע אויגן האבן אלע ווילע דורכגעבליצט מיט א גלאַנץ פון כאַלאָפּים.

און עזרע?

עזרע האט אַן אויגנבליק קיין איין באַוועגונג ניט געקאָנט מאַכן. ער האט ניט געוואוסט וואס אים צו ענטפערן. ס'האט צו אים א שמייכל געטאָן א געדאַנק, אַז גאָדל פיבערט מיט די קאַצאָווים, מיט שליאָמקען, וואָס האט אים אָפּגעשלאָגן דעם מויעך מיט א דרענגל פאַר מאַכן טרייף די שכיטע.

נאָר אים עפּעס זאָגן און באַרואיקן, — האט זיך אים געדאַכט — איז געווען איבעריק.

די באָרד האָט באַ אים אַראָפּגעהאַנגען, ווי באַ א געהאַרגעטן. ער איז געווען אויסגעמאַטערט. און אין זיין אָפּגעצערטן און צעסאַרפּעטן פּאָנעם, וואס איז איצט געווען איבערגעקרייצט מיט אזא דערשראָקענעם פרעמדוועלטישן טרויער, אין זיינע הענט, וואָס האָבן זיך אים אַראָפּגעהאַנגען פון די אַקסל, ווי איבערגעהאַקטע קעלבערישע קני, וואָס סטאַרטשען ארויס פון קעסטלעך פליישׁ, — האט עזרע מער ניט געזען דעם מעשוגענעם גאָדל, דעם אָפּגעריסענעם און פאַרבלוטיקטן יאַטקעניק — דעם שויכעט, — נאָר א דערשראָקענע, אומפאַרשטענדלעכע טאַינע פון הונדערטער פאַרבלאָטיקטע און פאַרבלוטיקטע גאָדלס, וואָס וועלן פריער אָדער שפּעטער מעשוגע ווערן און זיך אויך אזוי שלאָגן אין קאָפּ מיט די הענט, וואָס הענגען אַראָפּ, ווי קעלבערישע איבערגעהאַקטע קני פון פליישׁ־קאַסטנס און אויך אזוי שרייען און וואָיען:

— דו וועסט אונז דערהאַרגענען. דערהאַרגענען!

— אָט אזוי! אט אזוי!..

קיינער האט ניט געפילט, ווי אין דרויסן רוקט זיך אָן די נאַכט, ווי אין הימל בלעזלען זיך אויף פאַספאַרנע אויגן, ווי ערגעץ צווישן שטערן פלאַקערט אויף א נעפּלדיקע שטיק פייער, — דער ווייטער שטערן פון פּאַכעד, וואָס האט אָנגעוואָרפן א איימע אַפן שטעטל, א איימע פון מיל־כאָמעס און וועלט־איבערקערעניש. און קיינער האט ניט באַמערקט, ווי גאָדל האט זיך געגעבן א שטעל אויף, ווי ער איז ארויס אין דרויסן אף דער שול־גאַס, ווי ער איז צוגעשפּרונגען צו א שטיבל, וואָס האַלט זיך אָן אין א פאַרקאַן, ווי א זקיינע אָן א שטעקן, און אָנגעקלאַפּט דורך א צעטרייסלט ציטערדיקן אויסגערונען פענצטערל צו זיין ווייב:

— נעכאָמע, נעכאָמע, גיב מיר דעם כאַלעף!

IV

עזרעס קאַניקולן האָבן זיך געגעענטערט צום סאָף. די וואַרעמקייט פון סאָף זומער האָט אומבאַמערקטערהייט אויסגעזאָדטן פון די פּאַרנעפּלט־זוניקע ערעוו־האַרבסטיקע טריבע טעג. יענע טעג, וואָס קומען מיט אַזאַ קרענק־לעכער צאַרטקייט, וועלכע מע פילט, ווען ס'רייסט ערגעץ אַ געשוויר אונטער דער הויט און מע ווייסט נאָך ניט גענוי וואו.

ס'האָט שוין באַשיימפּערלעך ערגעץ געריסן דער האַרבסט, ווי אַ פאַרבאָר־גענע וואונד אינעם אָרעמען פריטשמעליעטן געגנט, ערגעץ אויף די פעל־דער, אויף די שטעכיקע פעלדער פון צאַרטער פאַרלאָזנקייט און וויסט־קייט. ס'האָט זיך נאָר פון צייט צו צייט אַראָפּגעלאָזט אויף איין פוס אַ פרעמדער באָטשאַן אויף אַ דאַך פון אַן עק־שטאָטיש שטיבל, זיך אַרומ־געקוקט איבער די אַרומיקע ברייטער־געוואָרענע האַרבסטיקע ברייט־קייטן, און האָט זיך צוריק אויפגעהויבן אין זיין וועג אַריין.

פון די דערפער האָבן זיך שוין אַ לאַנגע צייט געצויגן איבערן שטעטל אָרעמע פויערישע וואָגנס מיט זייערע פאַרזאָרגטע באַלעבאַטים.

אָבער ניט קיין טוואָוע אַראָפּגענומענע פון צייטיק־האַרבסטיקע פעל־דער האָבן געפירט פויערישע וואָגנס; און ניט אויף קיין מאַרקן און יאַרידן זיינען די וואָגנס געגאַנגען, צו וועלכע דער דאָרפישער וועג איז געווען פון יאָרן צוגעוואוינט. און הינטן נאָך די וואָגנס זיינען די פויערים, ווי שטענדיק, ניט נאָכגעגאַנגען.

איצט זיינען די וואָגנס געגאַנגען ליידיק. בלויז פרישע אָפּגעפּאַרבטע סאָסנאָווע קעסטלעך, ווי קליינע קינדערשע טרומנעלעך, זיינען אין די וואָגנס געלעגן צוגעדעקט מיט אַלטע שינעלן, און נייע בלעכענע טשאַי־ניקלעך האָבן געוויינט, שפּרינגענדיק מיט ציטער פון איין אָרט צום אַנדערן און די פויערים זיינען געזעסן איינגעוויינט מיט די פיס.

בערדיקע ראַטניקעס, נידעריקע, יוסטע, ווי די איינגעשפּאַנטע נידעריקע פויערישע פערד,— בערדיקע ראַטניקעס מיט ניט קיין אָפּגעשניטענער טוואַוע פון שוואַרצערדיקע פאַרזאָרגטע פענעמער און אומעטיקע הענט, ווי וואָרצלען פון דער ערד אַרויסגעריסענע,— וואָגן נאָך וואָגן אין איין לאַנגן אָרעמען קאַראַוואַן האָט זיך געצויגן איבערן גאַנצן שטעטל אין גובערניע אריין.

דאָס שטילע קרענקלעכקייט און צאַרטקייט פון האַרבסט האָט זיך געריכערט אין די פאַרהאָרעוועטע קנייטשן פון אָפּגעברענטע פויערישע העלזער. בלויז די ווייסע זוימעלעך פון פרישע לייוונטענע העמדער ארום די העלזער און די בלויע גלעזערנע קנעפּעלעך האָבן געמאַכט דעם אָרעמען קאַראַוואַן אביסל זונטיקדיקער, גלייך ווי זיי וואָלטן געפאָרן פאַר א גרויסן כאָגע־טאָג קיין פּעטשאַיעוו אױף גאָט־דינסט און אױף ווידע.

אױפן מאַרק זיינען געזעסן אידן און געציילט.

מ׳האָט געציילט די וואָגנס, מ׳האָט געציילט די מאַפּאָלעס פונם דייטש און פון די פּאָניעס און מ׳האָט געציילט די אייגענע יאָרן, וואָס האָבן זיך אונטערגערוקט צום פּראָנט, ווי אייגענע מאַפּאָלעס.

מאָטעלע באַלעגאָלע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער פּאָליטיק אױף דער טעריטאָריע פונם מאַרק, האָט געמאַכט א פשאָרע:

— לאָזן זיי ביידע איינעמען א מיסעמעשונע און פּאָטער! מיר גייט עס ניט אָן. איך מיש זיך ניט!

— און וואָס ווערסטו, מאָטעלע, טאָן, אז מע וועט א רוף טאָן די בלאָווע בילעטן פון דיינע יאָרן?—האָט אים אונטערגעטראָגן דעם ווייסן בערדיקן פּאָנעם אַן עלטערער איד, גלייך אונטער דער נאָז,— וואָס ווערסטו עפּעס דעמאָלט זאָגן, כאָכעם איינער, האַ?

— איך וועל זיך שוין, ווי־ניט־איז, אַ אייצע געבן, רעב סענדער— האָט דער באַלעגאָלע אים באַרואיקט,— איך וועל זיך שוין אַ אייצע געבן ניט ערגער, ווי אייער סאָלאָמאָן! און עפּשער נאָך בעסער!

ער האָט א קוק געטאָן אױפן מאַרק און אױפן גאַנצן שטעטל מיטן וועג, וואָס דאָס שטעטל האָט אויסגעשטרעקט צום וואָקזאַל,— ער האָט דאָס אַלץ באַטראַכט, ווי זיינע אייגענע פּאַריזנעטע גיטער, וואָס ער זאָל האָבן באַקומען בעירושע פון א גאַנצער קייט באַלעגאָלישע דורעס און האָט

מיט אזא אָזעדיקער ברייטקייט א זאָג געטאָן, אויסציענדיק אָפּצעלאָכעס יעדער וואָרט:

— וואס מיינט איר, רעב סענדער, אזא באַלעגאָלע ווי מאָטל, נעמט זיינע צוויי פערד און גייט אוועק אף דער אבאָראָנע. ס'איז גאָר ניט ערגער, ווי בא די בעזשענצעס. אַלציינס. אבי ניט אין פייער!

דער אַלטער סענדער איז אינקאַעס געוואָרן:

— פונוואַנען ווייסטו עס, פאַרכוך איינער, אז מיין סאָלאָמאָן איז בא די בעזשניקעס?

— איר זעט דאָך, רעב סענדער!

— און אז מיין סאָלאָמאָן איז יאָ בא די בעזשניקעס,— האט דער אַלטער זיך ווייטער געטרייסלט אין קאַעס,— איז פונוואַנען ווייסטו, אז מע וועט דיך מיט דיינע געפייגערטע קעץ ניט אדורכטרייבן צו אַלדע שוואַרצע יאָר? מאָטעלע באַלעגאָלע! א איכעס אין גובערניע! א קאָפּ־מענטש! באָראָנע־שמאָראָנע!

— איז צו וואָס זיך ערגערן, רעב סענדער,— האט אים מאָטעלע רואיק אָפּגעשטעלט,— איר ווילט ניט קיין באָראָנע, זאָל זיין נישט קיין באָראָנע! וועלן מיר מיינע איידעמס גיין צו דער באַן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר און מאָטעלע באַלעגאָלע וועט שוין מיט גאָטס הילף ניט פאַרפאַלן ווערן.

ער האט אביסל נידעריקער אַראָפּגערוקט די היטל און זיך ווייטער אָנגערופן:

— ווייסט איר גאָר וואָס, רעב סענדער,— אָט נעם איך, ווי איר זעט מיך, און טו מיר אָן אַ פּאָר ברילן, און שטופּ מיר אריין א שטיקל וואַט אין די אויערן און איך האב מיר פאַרטיקע צוויי סטאַטיאַען! איר מיינט, רעב סענדער, אז ס'וועט מיר ניט פּאַסטן קיין ברילן?

דעם אַלטן סענדערס פּאָנעם איז מיטאַמאָל געוואָרן ווייסער פון זיין באָרד.

פונם באַלעגאָלעס רייד האט אים אָנגעהויבן טיאָכקען אין האַרץ. ער האט דערפילט, אז דער באַלעגאָלע מוז וויסן וועגן זיין שלוימעס כעסאָרן, וואָס ער האט זיך געמאַכט... עפּעס רעדט ער, דער באַלעגאָלע, צופיל וועגן ברילן און וואַטע מיט סטאַטיאַען... דער אַלטער האט אים שוין מער גאָרנישט געענטפערט. ער האט א קעם געטאָן מיט די פינגער

זיין ווייסע באָרד און עפּעס בלויז אין איר זכות, האָט ער א שפּריץ געטאָן:

— אזעס־מעכוצעף־פּאָנעם!

זיין שלוימע האט זיך צוריק מיט עטלעכע יאָר איינגעהאַנדלט אַן אַטעסטאַט, און פון עטלעכע גוטע מאַזל־בראָכעדיקע יאַרידן האט ער דעם זון זיינעם אוועקגעשיקט קיין ציוריך ווערן א פילאָסאָף.

פון ציוריך איז דער זון זיינער געקומען צוריק אַהיים אין הויכע וואָלענע זאָקן און אין א קאַפּעליוש, ווי א ווענגער.

ווען מאָטעלע באַלעגאָלע האט אים דעמאָלט דערזען דורכגיין די גאַס, האט ער זיך אָנגעבלאָזן און אויסגעשאָסן א געלעכטער:

— אט גייט ער! ווי איך בין א איד, אז דאס איז ער! מע דאַרף אים, אידישע קינדער, אריינשטעקן א פעדער אין קאַפּעליוש!

שלוימע האט גוט געהערט, ווי דער באַלעגאָלע האט זיך א וויצל געטאן איבער אים. נאָר ער האט אפילע ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ער איז נאָר רויט געוואָרן. מער ווי רויט ווערן האט ער קיין צייט ניט גע־האט, ער איז דעמאָלט געגאנגען מיט א וויזיט צו יוינע בערמאנס באַס־יעכידע, צו ליאָליען.

ער איז געגאנגען אין די הויכע וואָלענע זאָקן און אין קאַפּעליוש און ס'האט זיך אים אויסגעדאַכט, אז בלויז פון די רייד, פון די גראָבע באַלעגאָלישע רייד, שטעקט ער אים שוין, דער פעדער, אין קאַפּעליוש.

האָט ער אלע ווײַלע געכאַפּט א קוק אין דער זייט און, צורעכט־מאַכנדיק מיט דער האַנט דעם קניש פון זיין קאַפּעליוש, איז ער געגאַנ־גען זיין וועג ווייטער און געזאָדטן:

— באלעגאָלעס! א שטאָט מיט באַלעגאָלעס!

שפּעטער, נאָך דעם, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אראָפּגעכאַפּט אין שטעטל. ס'האָט קימאַט קיינער ניט געוואוסט. בלויז מאָטעלע באלעגאָלע איז געוואוירע געוואָרן. ער האט אָנגעשמעקט. אף דער באַן און אין שטעטל.

מאָטעלע באַלעגאָלע האט שוין דעמאלט, צו יענער צייט, גוט געוואוסט דעם גאַנצן שולכן־אָרעך פון סטאטיאען, פאר וועלכע מע באפרייט, און האט געקאָנט אַלע יונגעלייט, וואס האבן זיך געמאַכט כעסרוינעס. ער איז אויך געוואוירע געוואָרן די סיבע, פאַרוואָס סאָלאָמאָן בעלקין, רעב סענדערס זון, איז אַראָפּגעפּאָרן אף א פּאָר טעג אין שטעטל, אז קיינער

זאָל ניט וויסן, און איז אַזוי, אומבאַמערקטערהייט, צוריק פֿאַרשוואונדן געוואָרן. ער האָט פֿון די אַלע זאַכן זייער גוט געוואוסט. דערפֿאַר האָט ער עפּשער שוין באַלד פֿאַרגעסן דעם וועג, ווי אַזוי מע פֿאָרט צום וואָקזאַל. און אַז דער אופּגעבראַכטער סענדער האָט זיך אָפּגעטראָגן, האָט מאָטעלע ווידער אָנגעהויבן שמועסן, צוקנאַקנדיק מיט דער בייטש איבער דער כאַליעווע:

— אינדערעמעסן, וואָלט שוין מאָטעלען גאָרניט געשאַדט אַ נייע פּאָר קאַזיאָנע שטיוול מיט נאָך אַ פּאָר שטיקלעך גרעט... נאָר כ'ווייס אַליין ניט,— האָט ער זיך ווייטער, ווי געקלאָגט פֿאַר די פּאָר ליידיקגייערישע מאַרק-אידן,— כ'הויב ניט אָן צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אַ איד קאָן אָנטאָן אַ סאָלדאַטסקע העמד אויף שאַבעס... אַ קורץ העמדעלע מיט אַ קנעפּל באַ דער זייט. אַזאַ פֿאַסאָן! איך ווייס, אַז מיין סאָסי, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, זיצט אַ גאַנצע וואָך און לייגט מיר אַ לאַטקעלע נאָך אַ לאַטקעלע און טאַקע מיט נאָך אַ לאַטקעלע צום פֿאַרבייסן. און פֿאַוואָליִנקע. און ניט געזשאַלעוועט. און פּרייטיקצונאַכטס, אַז איך טו זיך מיר אָן אַזאַ אויסגעגייטע העמד, דערפֿיל איך אין איר דעם זיבעטן טאַם פֿון אַיינעם שאַבעס. און איך ווייס, פֿאַקראַנימיר, וואָס סע בייסט מיך אין אַזאַ הײמישער העמד... פֿון מיין שטוב, פֿון מיין סאָסיס הענט. אָבער דאָ? עט! פֿאַר פֿאָניען די גליקן!

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אין האַרצן איז ער געוועזן צופֿרידן, וואָס זיין יאָר איז נאָך ווייט צו דער מאָביליזאַציע.

— אָבער קיין כעסאָרן,— האָט ער אַ קוק געגעבן צו די אידן,— קיין כעסאָרן מאַכט זיך מאָטעלע ניט! דאָס ניט!

מאָטעלע באַלעגאָלע האָט געוואוסט, אַז אַלע מיטוואָך קומט אַראָפּ עפּעס אַ געלער באָכער מיט קלאַיענע הענט און אַ גאַנצע נאַכט אַרבעט מען באַ דער בעקערקע אין אַלקער...

ער האָט זיך איינמאָל אַהינצו פֿאַרגאַנוועט און געהערט קרעכצן פֿונם פֿאַרהאַנגענעם פֿענצטער אַרויס... ער האָט געוואוסט, אַז אַהינצו קומען יונגעלייט פֿון די אַרומיקע שטעטלעך און נאָך האַלבער נאַכט גייען זיי אַרויס פֿון דער בעקערקעס שטוב—האַלב-אויסגעבויגענע, הינקענדיקע און היבקען שוין אַזוי צופֿוס אָוועק צוריק אין זייערע שטעטלעך מיט נעפּלדיקע כאַלוימעס וועגן ווייסע בילעטן... און דער געלער באָכער טונקט

דאָרט בא דער בעקערקע אין אַלקער די געלע קלאַיענע הענט אין בוימל און אין וואַזעלין און רייסט דאָרט מיט זיי אונטער די קישקעס בא יונגעלייט, וואס ליגן בא דער בעקערקע אין בעט, ווי די קימפעטאָרנס, יעדער פון זיי מיט א בליק אין די אויגן און מיט א רעגע „יענע־וועלט״.

אָבער קיינמאָל קאָן מאָטעלע דעמדאָזיקן געלן „דאָקטער״ אָפּן גאַס ניט פּאַקן. ער ווערט ערגעץ אויסגעריסן צוזאַמען מיט דער קילער האַרבסטיקער נאַכט, וואס דעקט איין א שטעטל אף אומגליק, אַף פּאַכעד און אף מאָרעשכוירע... א שטעטל, א באשאָטנס מיט געלן געמאָלע־נעם דוב, ווי די קלאַיענע הענט פונם געהיימען געלן באָכער...

און דער אוריאַדניק האט אף יעדן אידן פון שטעטל געקוקט מיט שטאָלצן פאַרדאכט, געטרונקען אף דעם כעשבן מעד און ביר בא אידישע שינקאַרעס אָן געלט, און אז ער האט באַגעגנט מענדלען אין גאַס, האט ער אים אמטלעך געפרעגט מיט פולן באוואוסטזיין פון דערפילן די פליכט פאַרן פאָטערלאַנד:

— מענדליא! און דיין זון, דער סטודענט, איז ניט פון דער בונדע?

דער אוריאַדניק האט געהאט א גאנצע קאָלעקציע פאָטאָגראַפישע בילדלעך און צווישן זיי — א גרופּע יונגעלייט. צווישן דערדאָזיקער גרופּע איז אויך געווען עזרע. דידאָזיקע גרופּע איז באם אוריאדניק געווען פאַר־רעכנט פאר דער בונדישער קראַמאָלע, פאַר די עקספּראָפּריאַטאָרס און אַנאַרכיסטן. באם אוריאַדניק זיינען אלע געווען אויסגעמישט אונטער איין פאַרדאכט. אף דעמזעלבן בילד איז אויך געווען פאָטאָגראַפירט עזרעס כאַווער, מאַקס, וואס איז שוין עטלעכע יאר געזעסן אין אָרלאָווער צענ־טראַלקע.

אין אייניקע אידישע הייזער האבן זיך יונגעלייט אויסגעבאהאלטן פון דער מיליטער־דינסט און דער אוריאַדניק האט גענומען בא זיי וואָכן־סכירעס. דערפאַר האט ער, ערעוו יעדער אָבלאַווע, געשיקט רופן צו זיך עזרען און אים געזאגט מוסער.

און מענדל? מענדל איז אלץ געגאנגען צו דער באַן. אָבער מער שוין צוליבן קלאַל, ווי פאר זיך אליין. ווייל טאָווארנע האבן שוין צו אים קימאַט אינגאַנצן אופגעהערט אָנקומען. אנשטאָט טאָוואַרנע, זיינען איצט דורכן קליינעם וואָקזאַלכל דורכגעגאַנגען יעדן טאָג לאַנגע הילצערנע עשאַלאָנען מיט היימלאָזע אידן.

יעדער שטעטל האט אַראָפּגענומען פון די עשאַלאָנען א פּאָר זקיינים און זיי איבערגעלאָזט בא זיך, אַף די אייגענע בייסאַלמענס. און די עשאַלאָנען זיינען זיך געגאנגען זייער וועג ווייטער: — צו א צווייטן וואָקזאַל און צו א צווייטן בייסאַלמען.

די טירן פון די רויטע הילצערנע וואַגאָנעס זיינען געווען באהאנגען מיט קינדערשע פעלישקעס און ווינדעלעך. אַף די פּאָדלאָגעס זיינען געזעסן אידן מיט ספּאָרימלעך און זיך געשאָקלט אינם שטויביקן טומל און געפּילדער פון ווייבער און קינדער.

מענדל איז געגאנגען פון איין וואַגאָן צום אַנדערן. בא יעדערן זיך אָפּגעשטעלט, אריינגעקוקט אינעווייניק אין שטויביק-שרייענדיקע אינגעווייַדן פון אָט דעם נייעם מין גאָלעס, געטיילט „גוט-מאָרגנס" די אָרעמע וואַנדערער און זיך פאַנאַנדערגעפרעגט:

— פונוואַנען, אידן?

— פרעגט שוין בעסער ניט, — זיינען געפלויגן ענטפערס, — פון דאָרטן!..

מענדל האט געקרעכצט מיט גרויס פאַרשטאַנד. ער האט געוואוסט, וואס ס'באטייט דער „דאָרטן" און ניט איבערגעפרעגט.

— אין פיר און צוואנציק שאָ, — האבן זיך שוין אליין געשאָטן ענטפערס, — אין פיר און צוואנציק שא האט מען געמוזט אָפּרייניקן...

יעדער וואַגאָן האט געוואָלט דער ערשטער ארויסדערציילן דעם אומגליק און פון יעדער וואַגאָן באזונדער האט זיך געטראָגן:

— געהאַנגען! געשאָסן! שפּיאָנאַזש, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש!

און מענדל האט געריסן די אויגן אין אלע זייטן. ער האט געוואָלט אַף יעדערן באַזונדער א קוק טאָן און צו יעדן א שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, א מיטפילנדיקן שאָקל. און צו יעדער וואַגאָן האט ער איבערגעכאַזערט:

— אַי, אַי, אַי, — שפּיאנאַזשע! ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש! אַזוי, נעבעך? — און האט זיך געשראָקן א טראַכט טאָן:

— פון זיי זאָל, ריבוינעשעלוילעם, ווערן אזא טאַכלעס, וואס פאר א טאַכלעס זיי האבן געמאַכט פון די אידן!..

און עזרע, זיין זון, איז געגאנגען פון איין אָבלאַווע צו דער אַנדערער אָפּגעבן „דאָפּראָס" דעם אוריאַדניק.

ס׳לעצטע מאָל, ווען עזרע איז געקומען צום אוריאַדניק, האט מענדל זיך שוין אַרומגעדרייט אינמיטן הויף מיט אַן אופגערעגט פּאָנעם, פּונקט ווי ער אליין וואָלט ערשט ארויס פון א דאָפּראָס.

ער האט נערוועז געטאַפּט דעם אוריאַדניקס רעסאָרענע בריטשקעלע, וואס איז געשטאַנען אינמיטן הויף; באַטראַכט דעם אוריאַדניקס באַלע־באַטישקייט, געקוקט אַפן גאָרטן, אַף די אָפּגענאָגלטע פרוכטן־בוימער, געמאָסטן אַפן אויג די גרעב פון די ווענט באַם אוריאַדניקס שטיבל און געשאַצט בא זיך אין קאָפּ די ווערט פון אט דעם גאנצן מאַיאָנטיקל.

הינטער די ווענט, וואס ער האט אַזוי זאָרגפעליק געמאָסטן און געשאַצט, האט דער אוריאַדניק געהאלטן אין האַנט א פאטאגראַפיש גרופּן־בילד פון עטלעכע יונגעלייט און זייער באשעפטיקט אויסגערופן:

— מאָרגנשטערן אזריל!

עזרע איז געזעסן אף א שטול. ווען ער האט דערהערט זיין נאמען, האט ער אויסגעדרייט די קאפּ צום אוריאַדניק:

— דאס בין איך!

דער אוריאַדניק האט מיטן וויַיז־פינגער אנגערירט עזרעס קאָפּ צווישן דער פאָטאָגראַפישער גרופּע און אים מיט א טעמפּן ציניש שמייכעלע א פרעג געטאן:

— און ווער איז דער?

עזרע האט אנגעבויגן דעם קאָפּ, פּונקט ווי ער וואלט זיך געדאַרפט אָנשטרענגען אף זיך צו דערקאנען, און מיט א רואיקער שטים געענטפערט:

— דער גאָספּאָדין אוריאַדניק זעט דען נישט?

— מאָלטשאַט! — האט א דונער געטאָן איבערן צימער, — וואס פאַר אן ענטפער איז דאס צו נאַטשאַלסטווא?

— דער הער אוריאַדניק הערט! — האט עזרע ווייטער רואיק געענטפערט, ניט אופהויבנדיק זיך פון שטול און ניט בייטנדיק זיין שטים.

— Встать! די קאַבלוקן צונויפשטעלן! בונדיסטן! קראַמאָלניקעס! — האט א זאָדט געטאן אין אוריאדניקס מויל. דאס בלוט האט אים געהויבן דעם קאַרק אינדערלופט. ער האט פיבערדיק ארופגעלייגט דעמזעלביקן וויַיז־פינגער אף מאַקס פּאָנעם און ווייטער געשריגן:

— און ווער איז דער קראַמאָלניק? הא?

דער אוריאַדניק האט די גאנצע צייט צוגעגעבן פייערלעכקייט צו זיין אופגעריסן קאָל און זיך געבייזערט אסאך מער, ווי ס'האט באטראָפן עזרעס רואיקייט. ער האט געהאלטן דאס רויט-אָנגעגאָסן פּאָנעם אויס-געשטרעקט, פּונקט ווי ער וואלט געדאַרפט א ביס טאָן עפּעס א פליעג-דיקס אינדערלופט און עזרע האט געקוקט אף אים, פּונקט ווי ער וואָלט האַנאָע געהאַט פון זיין טעמפּן אופגערעגטן אויסזען און אים ניט געקאָנט באַרואיקן:

— דער גאָספּאָדין אוריאַדניק ווייסט דען ניט, ווער דאס איז?

דער אוריאַדניק האט מיט א קאַצישער באוועגונג זיך א ריס געטאָן פון זיין אָרט און צו צו עזרען הארט נעבן זיין פּאָנעם און אָנגעשטעלט אף אים די אויגן:

— הערט! איר, איד! איר גייט קעגן געזעץ פונם פאטערלאַנד. איר פירט אָן די קראַמאָלע. אין מילכאָמע-צייט איז דאס געגליכן צו שפּיאָ-נאַזש. הייסט דאס.— ער האט א מיש געטאָן א פּאָר בלעטלעך בא זיך אַפן טיש,— הייסט דאס, אז איר טרייבט שפּיאָנאַזש קעגן דעם גאָסודאַר, דעם קייסער. הייסט דאס... באַפעל איך אייך, איר, זאָלסט מיר באלד זאגן די נעמען פון דער גאנצער בונדע, שפּיאָנשטשיקעס און דעזערטירן. געהערט?

עזרע האט זיך אופגעשטעלט, א קנאָדער געטאן אין די הענט זיין ווייכע סטודענטישע היטל און מיט אן אויסדרוק, ווי אלץ, וואס ער האט נאָר וואָס אויסגעהערט, גייט אים לאַכלוטן ניט אָן, האט ער נאך א קורצער פּאַוזע דערוואַרטונג א זאָג געטאָן איבערן אוריאַדניקס קאָפּ:

— גאָספּאָדין אוריאַדניק, איך בין סטודענט פון מעדיצינישן פאַקול-טעט. דאָס ווייסט איר? איך שטודיר 'אין קיעווער אוניווערסיטעט. דאס ווייסט איר אויך? נו, דאס איז אַלץ, וואס איך קאן אייך צו וויסן געבן וועגן זיך.

— אָט דאס איז אַלץ וואס איר ווייסט?— האט דער אוריאַדניק איינ-געטעמפּט זיין בליק אף די אפּגעגילדטע קנעפּ פון עזרעס סטודענטישער קורטקע,—

— אט דאס איז אַלץ? און וואו איז שפּיאָנאַזש? און וואו איז דעזער-טירסטוואָ! און וואו איז קראַמאָלע? ווער מאכט דאס אַלץ? איך? הא?

אניט ווייס איך ניט, אז פאַרברעכנס זיינען שוין פאַראַן אַף אייער קאָפּ מער, ווי קנעפּ אַף אייער מונדיר?

באַ עזרען האָט אָנגעהויבן ציען אין ווינקל מויל. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס לויפט אים אונטער דער באַק צום אויער און צוריק. ס׳איז אים אריין אַביסל היץ אין די גראָווע אויגן און זיי זיינען געוואָרן גלאַנציק. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון די הענט דאָס היטל און עס ווידעראַמאָל גענומען. ס׳האָט אים אָנגעהויבן שווער ווערן איינהאַלטן אין זיך אַזאַ באַוועגונג, וואָס ער זאָל מיט איר גלייך געבן צו פאַרשטיין דעם אוריאַדניק, אַז ער, דער אוריאַדניק, איז באַ אים אין די הענט אַזוי גוט, ווי ער, עזרע, איז אין זיינע.

איז ער געשטאַנען, עזרע, און געצויגן אַף זיך דעם סטודענטישן מונדיר, פונקט ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַף אים געוואָרן ענג און קורץ.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַרום דאָס טעמפּע אוריאַדניקל שפּינט איצט א שלייף אַף אים. א שלייף פון דזערזשימאָרדעס עק שפּיאָנאַזש.

און עזרע איז געוואָרן פעסט און אַנטשלאָסן:

— דעמדאָזיקן שלייף וועט ער זיך ניט לאָזן אנטאָן!

און לאָזן דעם אוריאַדניק שפּינען ווייטער די אייגלעך פון אַט דעם שלייף, — האָט עזרע פאַרשטאַנען — טאָר מער ניט. מע מוז פּרוּוון אים איבעררייסן. און מע מוז זיך צואיילן. האָט ער מיט א האַלב־צוגעמאַכט לינק אויג א קוק געטאָן אַפן אוריאַדניק און געכאַפּט באַ אים א פרעג:

— איז וואָס־זשע נאָך קלויבט זיך דער אוריאַדניק אויסרעכענען אַף היינטיקן וויזיט? מיינט עפּשער דער אוריאַדניק אנהענגען אַף די סטודענטישע קנעפּלעך אַלע פאַרברעכנס, וואָס די פּאָליציי קאָן ניט אופדעקן?

דער אוריאַדניק האָט א שפּאַן געטאָן איבער דער קאַנצעלאַריע און אָנגעהויבן קלונגען מיט דער שאַשקע איבערן פּאָל:

— ווער קאָן ניט אופדעקן? איך? איר ווילט זאָגן, אַז איך קאָן ניט אופדעקן אייערע פאַרברעכנס? אייערע קראַמאָלעס? און דאָס, וואָס איך האָב שוין אופגעדעקט איצט, איז גאָרניט? ניין? איצטער וועט איר, איר אַליין מיט די סטודענטסקע קנעפּ, מיר באַלד אויסזאָגן, אַלץ וועט איר מיר אויסזאָגן, נאָך איידער זיי ווערן פון אייך אַראָפּגעריסן, די קנעפּ! יאָ!

איך וועל אייך ווייזן, צי איך, דער אוריאַדניק, קאָן אופדעקן פאַרברעכנס, צי ניין! איר וועט מיר באַלד זאָגן — וואָס איר ווייסט נאָך, כוץ דעם, וואָס איר ווייסט, אַז איר זיינט אַ סטודענט!

עזרען איז מאָמענטאַל עפּעס איבערגעלאָפן אין געדאַנק. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און, אריינקוקנדיק דעם אוריאַדניק אין די אופגעשפּרינ־גענע אויגלעך, האָט ער אנטשלאָסן און מיט אביסל הייזעריקייט אין דער שטים אַ זאָג געטאָן, אומדערוואַרט פאַר זיך אליין:

— אויב אַזוי, ווייס איך נאָך, גאָספּאָדין אוריאַדניק!

— נו, זאָגט, — האָט זיך יענער אַ כאַפּ געטאָן, — זאָג! וואָס? אָט אַזוי! ס'וועט זיין בעסער פאַר אייך!

— איך ווייס נאָך, אַז איר נעמט כאַבאַר באַ דעזערטירן, דערפאַר וואָס איר דערלויבט זיי זיך אויסבאהאַלטן פון דער מיליטער־דינסט!

דער אוריאַדניק איז צעטומלט געוואָרן. דער קאָפּ האָט זיך אים אַ זעץ געטאָן אין אַקסל אַריין און די שוואַרצאפּלען האָבן אָנגעהויבן אַרומ־שפּרינגען, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן בלייבן נאָך אַ ווײַלע אין די אויגן, אין וועלכע ס'האָט ענערגיש אַריינגעקוקט עזרע.

ער האָט מאָמענטאַל גאָרניט געענטפערט. ער האָט אינסטינקטיוו זיך אַרומגעקוקט אין די זייטן, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז אין קאַנ־צעליאַריע איז אויסער זיי ביידע קיינער ניט פאַראַן. ער האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט ביידע הענט אַפן טיש און מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן אַרויסגעשטאַמלט:

— אַז־זוי? נ־נו, גוט! איצט וועט מיר נאָך דער סטודענט זאָגן, ווער ס'פאַרנעמט זיך דאָ מיט שפּיאָנאַזש!

— דאָס דאַרף וויסן דער אוריאַדניק!

— אַזוי? איך, הייסט עס?

— יאָ, — האָט עזרע אָפּגעהאַקט, — דאָס איז דעם אוריאַדניקס פליכט!

— דעם אוריאַדניקס פליכטן? גוט! נו, און די בונדע אייערע איז פאַרן דייטש, צי פאַרן פאָטערלאַנד? — האָט דער אוריאַדניק ווייטער געשטאַמלט, פאַרלירנדיק דעם באָדן פון זיין אָנגעבלאָזענער און אָנגע־שראָקענער אויספאָרשונג, — די בונדע? האַ?

— די בונדע?

— יאָ, די בונדע! די זשידאָווסקע בונדע!

— לאָז דער אוריאַדניק זי אַרויסרופן אַף אַ דאָפּראָס, אויב אַזוינע גע־פינט זיך.

דער אוריאַדניק האָט צוריק אָנגעהויבן קלאַפּן מיט ביידע פויסטן אי־בערן טיש.

— און דו? דו ביסט ניט די בונדע? האַ? איר וועט זיך באַ מיר מוידע זיין! אַלע, ווי איינער! קראמאָלע! שפּיאָנאַזשניקעס! בונטאָוו־שטשיקעס!

אין דערזעלבער צייט האט ער אים אונטערגערוקט אַ פּאַפּיר און אויסגעשיפּעט פון צווישן די ציין:

— נאַ, שרייב זיך אונטער!

עזרע האָט זיך אונטערגעשריבן און איז אַרויס.

מענדל האָט זיך שוין אַרומגעדרייט אַפּן גאַס און זיך באַמיט ניט טרעפן מיט זיין זון. ווען ער האָט נאָך זייענדיק אין הויף דערהערט דעם אוריאַדניקס געשרייען, איז ער אַרויסגעגאַנגען גיך אַפּן גאַס און גענומען זיך דרייען מיט אַן אָנשטעל פון שטאַרקער באַשעפטיקונג. ער האָט גוט געהערט, ווי דער אוריאַדניק האָט געשריגן „בונדע" און „קראַ־מאָלע" און נאָך עפּעס.

— וואָס נאָך?

מענדל האָט זיך דערמאַנט: — שפּיאָנאַזש!

ער האט עס שוין, דאַכט זיך, געהערט דאָסזעלבע וואָרט באַ די היימלאָזע אידן פון די צוגן, וואָס האָבן לעצטנס זיך געצויגן אנשטאָט די טאָוואַרנע.

„שפּיאָנאַזש" האָבן זיי אים געזאָגט, אין „פיר און צוואַנציק שאָ" האָבן זיי אים געזאָגט און „ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש" האָבן זיי אים גע־זאָגט. דאָס אַלץ געדענקט ער גוט. ער האָט זיי אַפּילע ניט פאַנאַנדער־געפרעגט, וואָס שפּיאָנאַזש, ווען שפּיאָנאַזש. ער האָט קיין האַרץ ניט געהאַט דערויף. איצט טוט עס אים באַנג:

ער האָט זיי באַדאַרפט פרעגן. אָבער איצט האָבן זיך אים געדרייט אין קאָפּ און צוזאַמענגעמישט בלויז די צוויי ווערטער:

— „בונדע" און „קראַמאָלע"!

אָבער וואָס דאָס אַזוינס איז, האט ער ניט געוואוסט. ס'איז אים פּלוצ־לינג געקומען אַפּן געדאַנק עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט זיך געשראָקן

ברענגען פאַרן מויל. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן בערעלע קאַטאָר־זשאַן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז בערעלע קאַטאָרזשאַן האט געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם קייסער. וואס מע האָט אים ניט געבעטן, דעם קאַטאָרזשאַן:

— בערעלע קאַטאָרזשאָן, וואס וועט דיך דאַרן, אַז דער קייסער וועט בלייבן?

האָט ער געשריגן, דער קאַטאָרזשאַן:

— ניין! איין מאָל ניין! איך, בערל קאַטאָרזשאַן, וויל ניט!

מענדל דערמאנט זיך שוין אויך, אַז ס'האָט איינער פון דער כעוורע אויסגעשאָסן באַנאַכט אַפן קלויסטער, און אידן האָבן אים נאכהער דער־ציילט, אַז זיי האָבן געזען עזרען מיט דער כעוורע און מיט דער פאָן.

— מיט וואָס פאַר אַ פאָן? וועלכע פאָן, צו אַלדע שוואַרצע יאָר, — האָט ער זיך דעמאָלט ניט געוואָלט לאָזן איינרעדן. — נאַ דיר אַ פאָן! עזרע וויסט ניט פון קיינע פאָנען, — האָט ער דעמאָלט געשריגן. ער איז געווען פעסט אין דעם. און עפשער?..

— נו, זאָל דאס הייסן „בונדע"? „קראַמאָלע"?

ער האט געפילט, אַז ס'וועט אים איצטער זייער שווער זיין זיך באַ־געגענען מיט עזרען און אים קוקן גלייך אין די אויגן. האט ער אָפּגע־שטופּט פון זיך א געדאַנק, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט געפרעסן:

— ניט איצטער. שפּעטער. אין אָוונט. מאָרגן. וועל איך אים אַליין פרעגן:

— עזרע, זון מיינער, זאָג מיר, וואס איז עס אַזוינס „בונדע".

ס'איז אים געקומען אַפן געדאַנק אָנשרייבן אַ בריוו קיין קיעוו, צו זיין ווייבס קאָרעוו, צו דעם דאָקטער פילאָזאָפיע מ"ר געדאַליע אראָנסאָן. ער וועט אים אַרויסשרייבן פון דעם גאַנצן אומגליק און אים בעטן, עפשער וויסט ער עפעס וועגן דעם. עזרע שטודירט דאך אין קיעוו.

דערמוזלבן אַפדערנאַכט, ווען מענדל איז געקומען אַהיים פון מאַירעוו, האט ער זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, צוגערוקט נאָענט צו זיך דעם לאָמפ. ער האט אָנגעגאָסן אַביסל וואַסער פון סאַמאָוואַר אין דעם פאַר־טריקנטן טינטער און אַ פרעג געטאָן באַם ווייב:

— פראַדל, ער איז נאָך ניטאָ?

— ווער?

— נו, ווער? ער, דער זון דיינער.

פראַדל האט אַרויסגענומען דאָס מויל פון דער פאַטשיילע און אים געענטפערט מיט אַ קרעכץ:

— אַ גאַנצן טאָג היינט, אַז מע זעט אים ניט פאַר די אויגן.

מענדל האָט איר אויך אָפּגעענטפערט מיט אַ קרעכץ און האט זיך איינגאַנצן מיטן פּאָנעם, מיט דער באָרד און מיט די אויגן אַרופגעשאָטנט אפן שטיקל פּאַפּיר, וואס איז געלעגן אונטער א האַלבן קרייז ליכט פונם לאָמפּ.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האט ער אָנגעהויבן אויספירן געדרייטע אויסיעס:

— „לכ׳ הדאקטאר החכם והמשכיל מ׳ר גדליהו מאיר ש׳ח. יוסף ד׳ החיים והשלום על כל ישראל אָמן.

ראשית בא להוידיעך כי הפרנסה של אחינו בני ישראָל איז זייער דערשלאָגן.

והשנית בא להודיעך כי עם בני יקירי עזרע איז לא טוב. האריאַדניק, הצורר ימח שמו זאָגט בזה הלשון כ בני עזרע איז קראַמאָלע וגם כן בונדע. איז מיר ניט איזוועסנע, וואָס מיינט ער דערמיט. לכן אבקש ממך לשלח לי מכתב גלוי און מפ׳רש זיין וואָס איז דאָס, ובזכות זה השי׳תך יברך אותך באריכת ימים ושנים.

הנני המדבר מ. מנדל מרגנשטערן

אפן אַנדערן טאָג, ווען מענדל איז געווען באַ דער באַן, האט ער באַ די דורכרייזנדיקע אידן שוין גאָרניט געפרעגט. ער האט בלויז פון דער־ווייטנס, ווי עפּעס אַ שולדיקער, זיך אַרומגעדרייט און געקוקט. ער האט ניט געוואלט הערן נאך אַ מאָל די ווערטער, וואָס האָבן אים דערמאנט אָן זיין עזרען מיטן אוריאדניק. ער האָט פונדערוויטנס געזען, ווי ס׳לויפט אַרום עפּעס א יונגערמאַן מיט אַ קוויטאַרישׁ אין דער האַנט פון איין וואַ־גאָן צום אַנדערן. ער האט אויסגערופן אידן באַ די פּאַמיליעס און האָט זיי עפּעס פאַנאַנדערגעטיילט. דאס קאָל, האט זיך אים געדאכט, איז אַ באַקאַנטס.

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און זיך הינטן־אַרומער איינגעקוקט:

— דאַכט זיך, רעב סענדערס באָכער! אבער ווי קומט ער אַהער? ס׳ווייזט זיך אים געוויס אויס. ער האָט אים אַ קוק געטאָן אין פּאָנעם אַריין.

— וואָס קוקט איר, רעב מענדל! ניט דערקענט?

מענדל האט זיך פאַרהיקעט:

— דאַכט זיך, שלוימע, הא? סענדערס באָכער?

— אַוואדע, רעב מענדל, אַוואדע! איר ווארט אַוואדע אַף אַ טאָוואַרנע, הא? רעב מענדל, ניטאָ קיין טאָוואַרנעס!

מענדלען האבן זיך פון דער באַגעגעניש אַזש צעשלאָגן די־געדאַנקען. ער האט אים פון צעטראגנקייט אזש אַ זאג געטאן „איר״:

— וואס טוט איר עפּעס דא אַף די באַנען, רעב שלוימע?

דער ארעמער מענדל האט גלייך דערפילט דערעכערעץ פאַר אָט דעם באָכערל מיטן קוויטאריש אין דער האַנט. זיינע ליפּן האבן אַליין אַ מורמל געטאָן:

— סענדערס זון!

ער האט אים אַפילע געוואלט באַלד אַ פרעג טאָן, עפּשער ווייסט ער עפּעס. נאר ער האט זיך גלייך איבערגעלייגט:

— ניט קעדאַי אים מעצאַער זיין.

דאך האט מענדל אַ פרעג געטאָן באַ אים:

— וואו זשע גייען ערגעץ אָט די טאָוואַרנע?

— ווייט, רעב מענדל, ווייט. קיין ראָסייע!

— אַזוי? אַזש קיין ראָסייע? און איר, שלוימע, זיינט דאָ עפּעס אַ מאַשגיעך?

— איך בין דאָ, רעב מענדל, קאָמענדאַנט פון עשאַלאָן!

מענדל האט צו דעם וואָרט „קאָמענדאַנט״ אויך ניט געהאַט קיין צוטרוי. עפּעס האט עס אים אַ שלאָג געטאן מיט קראַמאָלע.

— ס׳איז, דאכט זיך, פון איין שוירעש, — האָט ער אַ טראַכט געטאן.

און אין דערזעלבער צייט, ווען מענדל האָט גערעדט מיט סענדערס זון, קאמענדאַנט שלוימע, איז אינדר׳היים באַ אים אין שטוב פּאָרגע־קומען אַן אָביסק.

דער אוריאַדניק מיט צוויי סטראַזשניקעס האבן באַ אים איבערגע־קערט דאס גאַנצע בעטגעוואַנט פון די בעטן און געריגעוועט דאס גאַנצע מעבל. באַ עזרען אין צימער איז געווען אַ גאַנצער פּאגראָם. הינטערן פענצטער זיינען געווען פאַרזאַמלט מענטשן און האבן שטילערהייט זיך גערוימט אַפן אויער.

— פאַר דער סטרוקציע!

פראדל האט ספּאזמירט. און עזרע האט רואיק געענטפערט אף יעדער פראַגע פון דעם אוריאַדניק. יעדער בוך, יעדער בראָשור האָט דער אוריאַרניק גענומען אין האנט מיט אַן אָנשטעל פון אַ גרויסן מייוון און זיך פאנאנדערגעפרעגט:

— וואו האט מען אים געדרוקט?

— אַף דער ערשטער זייט איז באַצייכנט, גאָספאדין אוריאַדניק.

נאר דער אוריארניק האט ניט געקוקט אַף דער ערשטער זייט פון דער בראָשור. ער האט געקוקט אף עזרען און געקלאפּט אין די ווענט און אין פאָדלאָגע, צי ס'איז דארטן ניט פאראנען קיין „קראַמאָלע" מיט „שפּיאָנאַזש".

דעם שאַרבן, וואס איז געשטאַנען אַף עזרעס טישל, האָט ער ניט גערירט. ער האט די גאַנצע צייט אפּגעווענדט פון אים זיינע אויגן.

בלויז איין וואָנצע איז געווען אַף אים אנגעשטעלט. דאס אוריאַד־ניקל האט מוירע געהאט קוקן אף דעם ביינערנעם שאַכטל מיט די אויס־געשטעלטע צוויי שורעס ציין און לעכער. נאר פּעטרא דער סטראַזשניק האט, טייטלנדיק מיט איין האנט אפן שאַרבן און מיט דער אַנדערער אפן לאַקירענעם דאַשעק, אַ פרעג געטאָן:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! און דאס! דאס איז ניט? דאס דארף מען ניט באַזוכן? ניט קיין קראַמאָלע? וואַשע בלאַגאָראָדיע!

דער אוריאדניק האט אים ניט געענטפערט.

און מאטעלע באַלעגאָלע האט פון דעם אָביסק שוין געוואוסט. ער איז געלאפן צו בערעלע קאטאָרזשאַן און אים מיט גרויס קאנספּיראַציע דערציילט:

— שוין צוויי שאָ, אז זיי נישטערן. דער אוריאַדניק מיט צוויי סטראַזש־ניקעס. מ'האט גארניט געפונען. הער, בערעלע, דו גיי ניט אַרויס אַף דער גאַס. איך וועל גיין ווייטער געוואוירע ווערן, וואס הערט זיך און דיר קומען זאָגן.

אַפּדערנאַכט, ווען מענדל איז געקומען אַהיים, איז ער גלייך אַריינ־געגאַנגען צו עזרען אין צימער. ער האט געקוקט אַף דער אומאָרדענונג. זיך איינגעהאלטן פון אופרעגונג און מיט אָנגעגאסענע אויגן זיך גע־ווענדט צו עזרען:

— זאג מיר, עזרע, זאג מיר, וואָס טוט זיך דא? זאג מיר, עזרע, וואס קומט דאָ פֿאָר?

ער איז צו אים צוגעגאַנגען נעענטער. יעדער טריט, וואס ער האט געמאַכט איבער די צעוואָרפענע ביכער, וואס האבן זיך געוואַלגערט אפֿן פאל, האט זיך אים געדאַכט, אַז ער טרעט אף עזרעס צעוואָרפֿן האַרץ. איז ער אַף די שפּיץ פֿינגער צוגעגאַנגען צו זיין זון, האלטנ־דיק אין די הענט צוויי ביכלעך, וואס ער האט אופגעהויבן פֿונם פֿאָל:

— „קראַמאַלע"!

— „בונדע"!

V

איבער יענעם שטויביקן וועג, וואס טראָגט צום וואָקזאַל צוועלף־ווערסטאָווע געשטרייפטע סלופּעס, — איבער יענעם פאַרכאָלעמטן וועג זיינען אין איינעם אַ פרימאָרגן דורכגעגאַנגען פיר הויכע אָנגעטאָסעוועטע וואָגנס מיט יוינע בערמאַנס נעגידיש מעבל.

האַרבאַטע אַנגעלאָדענע, ווי פיר גרויסע הילצערנע קעמלען, האָבן זיך די וואָגנס געדוקט לאַנגזאַם איבערן וועג און די רעדער האָבן שטיל אונטערגעוויינט, שיטנדיק פון צווישן די שפּיצעס — שטויב, ווי טרערן.

פון איין פור האָבן אַרויסגעקוקט גלאַנציק־שפּיגלדיקע גראַטקעס פון בערמאַנס ניקעלנע בעטן. זיי זיינען געווען צוגעקרעמפּעוועט צום וואָגן, אַט די ניקעלנע בעטן, מיט גראָבע שטריק. ס'האָט אויסגעזען, ווי עמעצנס פינגער וואָלטן זיך איינגעקלאַמערט אין די ניקעלנע גראַטקעס און ווילן זיי צערייסן. בײַ דער זייט פון דעמדאָזיקן וואָגן איז געלעגן אַ וועלאָסיפּעד מיט די רעדער אַרויף.

דאָס בעטגעוואַנט פון בערמאַנס באַלעבאַטישקייט — איבערגעדעקט מיט ריינע גרוילעכע בּרעזענטן, האָט זיך געוויגט אויף אַ צווייטן וואָגן, ווי אַ גרויסע ערעוו־שאַבעסדיקע צוגעדעקטע ראָשטשינע. אויף דעם וואָגן איז כּמעט בעטגעוואַנט גאָרניט ניט געלעגן.

די פרוי בערמאַן האָט וועגן דעם געשריבן אין אַ בריוו, איידער מע האָט זיך געפּאַקעוועט. זי האָט געשריבן צו איר מאַן יוינע בערמאַן מיט גרויסשטאָטישן באַפעל, וואָס זי האָט גלייך איבערגענומען פון צוויי וואָכן זיצן אין שטאָט. זי האָט אים געשריבן — דאָס בעטגעוואַנט זאָל מען פּאַקעווען באַזונדער. מע זאָל עס גוט איינדעקן. און טימאָפיי דער סטאָראָזש זאָל זיך אויף דעם ניט זעצן, ווייל מע וועט עס נאָכדעם ניט קאָנען דערלופטערן.

איז זיך אט דער וואָגן געגאַנגען אַליין, מעאיכעסדיק, ווי אַ הויך געשוויר, צו וועלכן מע טאר זיך ניט צורירן. הינטער דער פור מיט בעטגעוואַנט האָבן אַף די איבעריקע צוויי וואָגנס געסקריפּעט און גע־קרעכצט בופעטן און שאַפעס, בענקלעך און אטאָמאַנעס.

זיי זיינען געלעגן ברייט־אויס איבער די וואָגנס און האָבן דערמאַנט אין טרומנעס, וואָס ליגן צו עטלעכע אַף איין וואָגן.

אַפן לעצטן וואָגן איז געזעסן טימאָפיי, בערמאַנס סטאָראָזש. אַלע ווײַלע איז ער אַראָפּגעקראָכן און אופמערקזאַם געמאַכט די פאַרזאָרגטע פורמאַנעס, וואָס זיינען געגאַנגען נעבן די פערד און געדרייט ציגאַריערס. ער איז אַלע ווײַלע אונטערגעלאָפן — דאָ צו איין פורמאַן, דאָ צו אַ צווייטן, און מיט דינערישער געטרייקייט און ליבע צו לאַנגיעריקער באַלעבאַטישקייט, געוואָרנט:

— פאַוואָלי! זע ווי צו פאָרן! אט דאָרט איז א בערגל! פאַוואָלי!

ער האָט מיט קנעכטישער ליבע באַטאַפּט יעדן וואָגן באַזונדער, געפּרואווט די שטריק, וואָס האָבן געהאַלטן דאָס מעבל געפּענטעט, גע־כאַפּט אַ קוק אונטער די וואָגנס, אַף די אַקסן און מיט פאַרזאָרגטער צופרידנקייט זיך אַרופגעכאַפּט צוריק אַף זיין אָרט.

דער פרימאָרגן איז דעמאָלט געווען אַ זוניקער. אַזאַ שאַבעס־אינדער־פריענדיקער. פון ביידע זייטן פעלד איז נאָכגעגאַנגען א שטיל מיד געזאַנג פון צייטיקע טוואָעס, וואָס בענקען שוין נאָך קאָסעס. אין אייניקע ערטער איז די טוואָע געווען איינגעוואַלגערט אונטער דער זיסער לאַסט פון רייפקייט. נאָר דער פרימאָרגן איז געווען לויטער און גרינג. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ פּאָך פון אַ שוואַלב און אַ הילצער־נער קרעכץ פון אַ פאַרקלערטער ווינטמיל. זיינען זיך די וואָגנס געגאַנגען לאַנגזאַם. און געדאַכט האָט זיך, אַז בערמאַנס פיר פורן פירן ערגעץ אַרויס דעם זוניקן פרימאָרגן פונם קליינעם שטעטעלע, אום צו פאַר־שפּאַרן אים ערגעץ אַף א דריטן שטאָק פון א גרויס שטיינעריק הויז.

און פון די דאָרפישע כאַטקעלעך זיינען אַרויסגעלאָפן קליינע באָרוועסע שקאָצימלעך און נאָכגעשריגן נאָך בערמאַנס פיר וואָגנס:

— זשיד פאַרכאַטע
האַמנאָם נאַפּכאַטע!

זיינען די וואָגנס געגאַנגען לאַנגזאַם, פאַרקריצנדיק אין דער ווייכער צעמאָלענער ערד פונעם אַלטן צוועלפווערסטיקן וועג — די לעצטע צייכנס פון דער מישפּאָכע בערמאַן, וואָס האָט יאָרצענדליקן און יאָרהונדערטן געוואַקסן אַף אָט־דער היימישער דעמבענער ערד, ווי דעמבעס, — געוואַקסן, אויסגעהאַקט געוואָרן און ווידער געוואַקסן.

פון איין וואָגן האָט אַרויסגעשטאָרטשעט אַן אַלטע געשניצטע שטול, וואָס איז יוינע בערמאַנען געבליבן בעירושע פון זיין זיידן.

יוינע האָט באַם פאַקעווען אָנגעזאָגט טימאָפּייען:

— זאָלסט מיר, טימאָפּיי, אַכטונג געבן און אָפּהיטן די שטול. הערסט?

— אַלץ וועט זיין אָפּגעהיט, באַרין!

— איך זאָג דיר: אָט די שטול, טימאָפּיי!

טימאָפּיי האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס זיין באַלעבאָס ווייזט אים גראָדע אָן אַף אָט דער אַלטער שטול און ניט אַפן ניקלענעם מעבעל. האָט ער געדרייט מיט די אַקסל.

— ניט דיין אייסעק, טימאָפּיי! — איז שוין יוינע אין קאַעס געוואָרן, — טו, וואָס מע הייסט דיר, טימאָפּיי!

יוינע האָט אַפילע אָנגעהויבן איבערטראַכטן:

— עפּשער זי גאָר פירן אַף אַ באַזונדער וואָגן?

נאָר זיין סטאָראָזש טימאָפּיי האָט אים שוין אָן דערווידערונג געזיכערט:

— ס'וועט זיין גאַנץ, באַרין!

שטעטלשע אָרעמעלייט, וואָס פלעגן באַקומען באַ בערמאַנען אַלע ערעוו יאָמטעוו שמאַלץ און אָפּדיריקעס, זיינען אין יענעם פרימאָרגן געקומען פאַרטאָג ווינטשעווען בערמאַנען אַ גליקלעכן וועג. זיי האָבן געוויינט מיט פאַלשע טרערן. געטרונקען לעכאַיעם, ווי מע טרינקט פאַר אַן אַליע אַף עמעצנס נעשאָמע, און זיפצנדיק זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט טעפּלעך און פאַרשיידענע אַלטע כפייצים, וואָס בערמאַן האָט מיט זיך אין שטאָט אַריין ניט געוואָלט מיטשלעפּן.

טימאָפּיי האָט אינדערשטיל זיך געבייזערט, ווי אַ הונט, וועלכן דער באַלעבאָס האָט פאַרווערט צו האַווקען. ער האָט זיי אַלע גוט געקאָנט, אָט די אָרעמעלייט, אָט די שלעפּערס, און זיי פיינט געהאַט. האָט ער זיך איינמיסטן אויסגעדרייט אין אַן אַנדער זייט, ער זאָל כאָטש ניט

זען, ווי זיי שלעפּן פאַנאַנדער די זאַכן. ער, טימאָפּיי, האָט געוואָלט אַלץ מיטנעמען. ס'איז אים געווען טייער יעדער קלייניקייט פון זיין באַלע־באָס גוטס. איז ער געשטאַנען אין אַ זייט און געטראַכט — מיט רע־ציכע:

— דורכגעטריבן וואָלט ער זיי אַלע, אָט די פאַרשיווע אָרעמעלייט, וואָס צעשלעפּן זיין באַלעבאָס!

נאָר בערמאַן איז געווען אויפגעלייגט און טימאָפּיי האָט געמוזט ליידן.

דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, איז שוין באַ בערמאַנען געווען אַלץ איינגעאָרדנט אָפּן גרויסשטאָטישן מאַניר. זיין מישפּאָכע האָט שוין אָף דעם אָפּגערעמאָנטירטן דריטן עטאַזש ביסלעכוויז אַריינגעבראַכט גרויס־שטאָטישקייט פאַר די פּאָר וואָכן. צעהאַנגען פאַרשיידענע פּאַננאָ'ס און אַנדערע בילדער אָף די פריש־אָפּגעטאַפּעטירטע ווענט און די מאַדאַם בערמאַן איז נאָך אַלץ ניט געווען זיכער, צי שטייט דער בופעט ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

פרוי בערמאַן איז געשטאַנען נעבן בופעט, צווישן די דינסטן, וואָס האָבן אים אַלע ווייל'ע גערוקט און געשלעפּט און איבערגערוקט, לויט דער מאַדאַמס קאָמאַנדע: אַביסעלע רעכטס, אַביסעלע לינקס, נאָך אַביסל אַהער, נאָך אַביסל אַהין — און געטראַכט:

— עפּעס שטעקט ער איר דאָ, דער בופעט, אינגאַנצן ווי אַ ביין אין האַלז! זי וועט, דאַכט זיך, נעמען און אים אינגאַנצן אַרויסמאָרדעווען פונדאַנען! לאָז נאָר קומען יוינע!

זי האָט די גאַנצע צייט געלייגט מי — אָף צו פאַרווישן אַלע שפּורן, וואָס האָבן געפירט צום קליינעם שטעטל און אויסצולופטערן אַלע שטוב־זאַכן, וואָס האָבן איר דערמאַנט אָן יענע פעטע פעל־רוויכיקע צימערן. זי האָט דאָך אַזאַ לאַנגע צייט געהאַפט שוין אַמאָל פאַטער ווערן פונם וויסטן קליינשטעטלדיקן לעבן, און איצט, ווען זי איז געשטאַנען אַנט־קעגן דעם בופעט, איז איר דאָס לעבן נימעס געוואָרן פונדאָסניי.

— מעבל! נאַ דיר אַ מעבל אָף דער וועלט!

דאָס מעבל, אָט דאָס ברייטע זאַטע מעבל, האָט ערגעץ געטראָגן אין זיך דעם אומעט פון פערצן יאָר געפּענטעטע גליק מיט איר מאַן יוינע בערמאַן אינם קליינעם שטעטל, פון וועלכן זי האָט זיך באַטראַכט אַלס אַ באַשיימפּערלעכן קאָרבן.

— ס'איז מיר נימעס אָט די אייזערנע בעטן, יוינע, — האט זי אַמאָל אַ זאָג געטאָן באַם טיש צו איר מאַן.

— ס'איז מיר נימעס דאָס גאנצע לעבן צוליב זיי! נאַ דיר בעטן! און די שאַפעס! און דער בופעט! דער בופעט, קוק אים נאָר אינמיסטן אָן!..

יוינע האט אַפילע ניט אופגעהויבן דעם קאָפּ. ער האט נאָר אַזאַ גוט־מוטיקן בורטשע געטאָן:

— נו?

אַליין האט ער אויך גוט פאַרשטאנען מיטן סייכל, אַז ס'איז ניט אַזוי, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ער האט אין טאָך אַפילע געוואַרט, אַז פרוי בער־מאַן זאָל וועגן דעם מיט אים אָנהויבן שמועסן —

— נו?

און דערדאָזיקער „נו" האט באַטייט:

— גיי אַריין און קוק אָן ניי מעבל!

בערמאַן האט פלוצינג, אַפן קאָפּ, אַף אויסנווייניק אַ רעכן געטאָן זיין מאַיאָנטיק. באַם טיש האט ער שטענדיק ליב געהאט איבערלייגן די כעשבוינעס. און צווישן פאַרשיידענע ערדישע טרייסטן, וואס ער האט געזויגן פון זיינע גאַרבאַרנישע ביטן, פון פעל און פאָדריאַדן, האט ער ניט פאַרגעסן צורעכענען נאָך איין טרייסט:

— זיין באַסיעכידע!

ער האָט געוואוסט, אַז אין ראָזעווען צימער בליט זיין אַ גרויסע פאָ־טערלעכע טרייסט און ער איז זייער שטאָלץ געווען מיט איר אין זיין מענערישער האַרטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט.

איז דידאָזיקע טרייסט זיינע געלעגן אַף דער אַטאַמאַנע אין אירע לייכטע לילאָווע שטעק־שיך און פאָרזיכטיק אופגעעפנט פאַר דעם פרעמדן גרויסשטאָטישן לעבן איר אַכצעטע יאָר. פאָרזיכטיק, ווי מע עפנט אוף אַ פלאַש שאַמפאַניער, ס'זאָל ניט שוימען.

זי האט אין איר ראָזעווען צימער געבענקט.

— ווער ווייסט נאָך וואָס?

נאָר ס'איז איר זייער גיך לאַנגווייליק געוואָרן צו ליגן אַפן אַטאַמאַנע. זייער גיך איז זי אַראָפּ אַפן גאַס, איינגעקויפט אַסאַך לילאָווע בויגעלעך פאַפיר און שמאָלע לילאָווע קאָנווערטן און ניט געוואוסט, וועמען צו שרייבן אַף זיי.

ס'פלעג זיך איר דעמאָלט אופכאַפּן די היים פונם קליינעם שטעטל:

אַט דרייט זיך אַרום איבער איר צימער סאָלאמאן בעלקין, און וואַשט מיט די אויגן די בילדער־באַהאַנגענע וואַנט. שטענדיק פלעג ער אָנרירן מיט זיינע פינגער די נאַקעטע ערטער פונם מאַגדאַלינע־בילד מיטן שאַרבן און מיט דער עוואַנגעלי.

זי גיט אינסטינקטיוו אַ דריי די אויגן צו דעמזעלבן בילד, וואָס הענגט איצט אַף דער וואַנט לעם איר בעט.

— וואָס פלעג ער אַזויפיל קוקן אַף אָט דעם בילד?

זי דערמאַנט זיך ווייטער:

עזרע! אָט קלאַפּט אָן אין טיר עזרע. ער גיט זיך אַ בליק אַריין אין איר צימער און דורך דער געעפנטער טיר רייסט זיך אויך אַריין אין צימער, צוזאַמען מיט עזרען, אַ שטרענגער ניט צופרידענער בליק: — אָט פון איר טאַטן, אָט פון איר מאַמען. און עזרע לויפט מיט די אויגן צום באַלקן, צו די פענצטער און צוריק.

— וואָס איז ער אַזוי געלאָפן?

זי פילט, ווי צוויי מענערישע קעפ לייגן זיך אַף אירע הענט, ווי אַף וואָגשאלן און ווילן איינע די אנדערע איבערוועגן...

נאָר די וואָגשאל איז איר שווער.

זי כאַפּט אַ קוק אין פענצטער פונם דריטן שטאָק און ס'פאַרגיסט זיך צוריק די אַמאָליקע היים, ווי מיט אַ נעפל.

פרוי בערמאַן האט אַלץ אָפּגעווישט. אַלץ אָפּגעמעקט. יעדער שטע־געלע, וואָס פירט צו דער אלטער היים. צו די נודנע, לאַנגע, קלעפּיקע טעג מיט די כאַזײרים אַף די גאַסן, מיט דער בלאָטע, מיט די שווערע ווינטערדיקע נעכט. אַלץ אָפּגעווישט. די קיך מיט פינף פליטעס, וואו ס'האָבן זיך טעגלעך געמאָרדעוועט זיבן טעפּ, די שאַבאַסים מיט די פרייטיקס, מיט די אָרעמעלייט, וואס דערמאנען זי ערגעץ דארטן צו גוטס. אלץ האט זי זאַרגזאם אָפּגעווישט. אָפּגעמעקט.

נאָר אינדערשטיל האט איר מאַן, יוינע בערמאַן, געגראָבן אונטער־ערדישע קאַנאַלן צו די גאַרבאַרנישע גריבער פונם קליינעם שטעטל. צו די שטיקנדיקע גאַרבאַרנישע גריבער, וואו ס'האבן זיך געווייקט פער־דישע און אָקסישע העמדער. צו די גאַרבאַרנישע גאָלדענע גריבער, פון וועלכע ס'האט זיך דורך אונטערערדישע קאַנאַלן געגאָסן גאלד צו יוינע

בערמאַן אין שטאָט אַריין, אַפֿן דריטן עטאַזש, אין זיין ניי־אָפּגערעמאָנ־טירטער שטאָטישער וואוינונג.

פרוי בערמאַן האט פיינט געהאַט צו רעדן מיט איר מאַן וועגן גע־שעפטן זיינע. בערמאַנס אַ קורצער געשפּרעך וועגן סכוירע, פֿלעגן איר דערמאָנען די געלע גאַרבאַרנישע הענט מיט די פֿאַרזשאווערטע נעגל פֿון די געל־בערדיקע גאַרבאַרניקעס און וואָלקערס. פֿלעג זי אים שוין גלייך איבערשלאָגן:

— סכוירע! אַלע מאָל מיט דער סכוירע! האָסט דאָך עפּעס מענטשן! אַזוי פֿיל מענטשן! און זאַלמען! וואו איז דיין זאלמען? אַף וואָס האלסטו אים? פֿאַרוואס צאָלסטו אים סכירעס, וויל איך וויסן! האַ?

צווישן די גאַרבאַרנישע גריבער, צווישן די הויכע פֿורן פֿעל און גע־מאָלענעם דובּ האט זיך אַפֿן זאַוואָד אַרומגעדרייט, ווי אַ זייכער פֿון בערמאַנס לעבעדיקער באַלעבאַטישקייט, זיין נעמאָן, רעבּ זאַלמען. אַפּגיך פֿלעג ער זיך אַראָפּכאַפּן צו זיך און שטוב, אָפּעסן מיט זיין טאָכטער שיידל דאָס ביסל יויך מיט פֿאַסאָלים, אַ קרעכץ טאָן אַף שיינדלס מאמע, וואָס איז אים צוגענומען געוואָרן יונגערהייט, ווי די רעכטע האַנט אין לעבן, און לויפֿן צוריק אין זאַוואָד. ער האט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ בליישטיפֿט, מיט אַ שמאָל און לאַנג ביכל און עפּעס פֿאַרצייכנט און עפּעס געבורטשעט צו זיך אַליין:

— מע גאַנוועט! — האט בּאַ אים יעדער בורטש אַרויסגעריסן פֿון מויל.

— מע גאנוועט!

ער האט אַזוי טרויעריק געקוקט אין די גריבער, ווי אין ספאָרים אַריין. ער האט זיי, דאַכט זיך, געלערנט, די גריבער, ער זאָל זיי קאָנען פֿאַר זיין באַלעבאָס, יוינע בערמאַן, איבערזאָגן אַף אויסנווייניק.

צען יאָר נאָכאַנאַנד האט דער געטרייער און איבערגעגעבענער נעמאָן, רעבּ זאַלמען, זיך אַרומגעדרייט אליין איבער בערמאַנס באַלעבאַטישקייט, ווי עפּעס אַ איבערבלייבעניש פֿון בערמאַנס אָפּענער שטוב. און ווען בערמאַן האט זיך אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט פֿון דער גרויסער שטאָט אַפֿן זאַוואָד, פֿלעג זיך רעבּ זאַלמען פֿאַרפּוצן לעקאָוועד דעם באַלעבאָס אין זיין שאַבעסדיקן סורדוט, וואָס ער האט נאָך געהאַט פֿון בערמאַנס אָפּ־געטראָגענע מאַלבושים באַקומען צוריק מיט עטלעכע יאָר, און נאָכגעגאַן

זיין באַלעבאָס פוס־טריט. ער איז נאָכגעגאַן און געטייטלט מיט דער האַנט אַף די גריבער און אַף די סקלאַדעס:

— אָט דאָס זיינען, פּאַני בערמאַן, די יוכטן! דא ווייקט זיך, פּאַני בערמאַן, פרישע סכוירע שוין דעם צוועלפטן טאָג! מאָרגן־איבערמאָרגן וועט מען עפּענען! פּאַני בערמאַן! דאָס כראָם ליגט אַף דער באַן. ס'אי־ בעריקע — אין דער וואָלקערייַ, פּאַני בערמאַן!

ער וואַרט אַפילע ניט, דער אָרעמער זאַלמען, אַז זיין באַלעבאס זאָל אים אַף עפּעס ענטפערן. ער זאָגט גלייך. ווי פון אַ סידער. ער וויל אים אַלץ איבערזאָגן, אויסדערציילן מיט איין אָטעם און לאָזט זיך ניט איבער־ רייסן!

— דער דוב, פּאַני בערמאַן, איז געווען בלאָס און מ'האָט געמוזט אונטערשיטן נאָך! און דאָס איז די גרוב... די ליידיקע, וואו ס'איז דער־ טרונקען געוואָרן דער גוי. די גאַרבערס ווילן באַ איר ניט אַרבעטן און...

יוינע בערמאַן האָט פיינט געהאַט, ווען דער אַלטער פּלוט, דער נע־ מאָן זיינער, זאַלמען, פלעגט זיך פאַרעדן און אַזוי אַרום אריינדרייען אים די מאַיסע מיטן דערטרונקענעם גאַרבער, וואס האט אים אפגעקאסט העכער צוויי טויזנט קארבן מיט שרעק און מיט קלאָלעס, — האט ער א הוכט געכאַן אין רעב זאַלמענס זייט. און אין דעם הוסט האט רעב זאלמען באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז ער מעג שוין אַביסל שווייגן און גיין נאכן באַלעגאלע. נאך מאטעלען.

דאָך האט רעב זאלמען ווייטער גערעדט. געמאַכט מיט די הענט און געטייטלט מיט די פינגער, ביז זיי זיינען אַדורכגעגאנגען דעם גאנצן הויף פונם זאַוואד.

נאכהער איז רעב זאַלמען אליין צוגעפארן מיט מאטעלע באלעגאלעס פערד צום זאַוואד, פאוואלי אראפגעגאן פונם וואגן און מיט געטרייע הענט איבערגעבעט די סידיעניע, איבערגעווארפן דאס היי און אויסגע־ טרייסלט דאס ברעזענטענע קאלדרעלע. אוועקגייענדיק, האט ער עס נאך אַ גלעט געטאן און אנגעגרייט די האנט אַף צו באַקומען פון זיין באַלע־ באָס אַ פאר פינגער, ווי אַ נאטיזנע באַם געזעגענען.

אינעווייניק, אין די שטיקנדיקע און שטינקענדיקע מיקוועס פון בער־ מאַנס זאוואד, האבן די גארבערס געארבעט געשמאַק, פילנדיק דאָס אויג פון זייער גאסט, דעם באלעבאס.

די וואלקערס זיינען געשטאנען אויסגעשטעלט אין לאנגע רייען, צו־געבונדענע צו די ווענט מיט פעלן, ווי גרויסע בערדיקע הינט אף שטריק, און האבן אייליק און פלייסיק געשאָבן און געשקראבעט מיט מעסערס די נאַסע אנגעזאָלעטע פעלן. אלטע פלאקסענע וואלקערס און גארבערס מיט בערד, וואס האבן געוואקסן פון די פענעמער, ווי שטיקער געלע פארשוויצטע פעל. זיי האבן געארבעט גיך, ווי זיי וואלטן געדארפט עפעס אַרויסענדיקן. פונקט ווי זיי וואָלטן ניט געארבעט בערמאנס פעל, נאָר ווי זיי וואלטן געארבעט ארום מייסים, ארום בארמינענס, וואס מע דארף באלד אוועקטראגן. און אין הויף האבן יונגע באכערים, אפגערי־סענע, האלבנאקעטע, געשלעפט מיט לאַנגע אפצווענגעס, ווי מיט לאנגע אויסגעוואקסענע פינגער, — האבן זיי געשלעפט די נאסע אנגעשוואלענע פעל פון די גריבער ארוף אף דער טרוקעניש און די שווערע אָנגעווייקטע פעלן האָבן זיי געצויגן פון דער טרוקעניש אַראָפּ אין די גריבער.

רעב זאַלמען נעמאָן האט נאך דערמאנט זיין באלעבאס, ער זאל א קוק טאן, ווי די צוועלף מעסערס קאַיען און כראָמקען דעם דוב און צעמאָלן אים אף מעל.

דער ארעמער נעמאן האט מיט גרויס סאקאָנע אריינגעשטופט די האַנט צווישן די מעסערס און בעשאלעם ארויסגעכאפט פון אט דעם געפערלעכן צוועלפמעסערדיקן מויל א הויפן געלע צעמאָלענע דעמבענע מעל און עס אונטערגעטראגן מיט דערשראקענעם שטאָלץ זיין באלעבאס. נאָר בערמאן האט שוין געגעבן מאטעלע באלעגאלע זיין רעכטע באלע־באטישע פוס, ער זאל אים העלפן אַריין אין וואגן און, ניט אויסקערע־ווענדיק זיך צו זיין נעמאן, האט ער א זאג געטאן אין דער לופט:

— האַידא!

שוין אף דער ווייך־אויסגעבעטער סידיעניע, האט ער זיך נאך א שטילן בייזער געטאן און בלויז ווי מיט א האלב אויג האט ער א קוק געכאַפּט אף דעם פארמעגן, וואס האט אים שוין איצט געקלעקט ביזן גארטל, און גארניט געפילט, ווי מאטעלעס פערד שלעפן אים שוין צו־ריק צום גרויסן צוועלפווערסטיקן וועג און ווייטער צום וואקזאל.

דעמאלט איז דער אלטער רעב זאלמען געבליבן מיטן ביסעלע צע־מאָלענעם דוב אין דער פארשעמטער האנט, — עס געשאטן פון איין דלאָניע אין דער אַנדערער און נאכגעקוקט מיט דערווארגענער באליידי־

קונג דעם פורל, וואס האט געשלעפט זיינע פינפטהאלבן פוד באלעבאס מיט די שטעכיקע אויגלעך, מיט די געשטופלטע באקן — אַהין, צום וואקזאַל און, געדאנקט גאט, וואס אלץ איז אריבער בעשאלעם.

אין אזא טאג האט דעם נעמאַנס טאכטער מיט די פּאסאַליס אף איר טאַטן זיך ניט דערוואַרט. ערשט אַדערנאכט פלעג ער זיי, דער נעמאַן, עסן קאלטערהייט און זיך דערמאנען:

— נו, א טאג! שוין איינמאַל א טאג!

און מיט א געדיכטן וואָלקן שטויב, אויסגעמישט מיט דארע געשרייען: „פארט געזונט, פאני בערמאן!״ — איז ער ווידער אויסגערונען אף א שטיקל צייט פון שטעטל.

וויַיט אפּן וועג פלעג זיך פון ערגעץ ארויסרייסן גאדל דער מעשוגענער, ווי א טייוול און נאכלויפן מיט געשרייען נאָכן פורל:

— יוינע בערמאן! יוינע בערמאן! ראטעווע זיך, יוינע בערמאן!

נאר בערמאן האט געטאַרעט זיין באלעגאלע מיטן שטעקן:

— קוק ניט, מאַטל, פאָר! ס'איז גארניט!

— גיכער!

— פאָר!

אזוי האט זיך עס געצויגן א יאר נאך א יאר. ביז ס'איז איבערגעלאפן א קיילעכדיקער יארצענדליק — באַם סאָף שוין איינגעטונקען אין בלוט פון דער מילכאמע.

ערגעץ דארטן אין דער גרויסער שטאט, האט א דריטער שטאק, ווי א קאלט שטיינעריק מויל, ארייַנגענומען בערמאנס קליינשטעטלדיק מעבל און עס גלייך אויסגעשפּיגן, ווי מע שפּייט אויס ביינער. האט בערמאן אים ארייַנגעלייגט ניי מעבל. דעמבנס. מיט שפּיגלען. איצטער נאָגט שוין דאס שטיינערנע מויל בערמאַנען אליין. און זיין טרוימענדיק אומצופרידן וויַיב. און זיין ראָזאָווע טרייסט — זיין באסיעכידע. יעדן באזונדער.

בערמאן איז וויַיניק אין שטוב. יעדער מילכאמעדיקע יעדיע גייט פון שטאַב גלייך צו אים, דעם ערשטן. ער ווייס דער ערשטער פון מאַפּאָלעס און פון ניצכוינעס. ערגעץ פאָרט ער אַף דראזשקעס פון אינטענדאנטסטוועס אין מיניסטערסטוועס. עסט מיטאגן מיט פּאלקאווניקעס. שרייבט אונטער פּאָדריאַדן. און נעמט אפּ מיליטערישע קאמפּלימענטן:

— גאָלאָוואַ נא טיעביע, גאספּאָדין בערמאן!

— טאַק גאָלאָוואַ!

און בערמאַן האָט ניט געקאַרגט פאַר זיי קיין מיליטערישע כאַריפּעס. ער האָט זיי געלערנט די כאַכמעס־האַסטראַטעגיע באַ זיך אין די פּאַדריאַדן, ווי אַף מיליטערישע מאַפּעס.

אַפן זאַוואָד, אין שטעטל, האָט ער געוואוסט, איז ניט ווי סע באַדאַרף צו זיין מיט די אַרבעטער. זאַלמען דרייט זיך אַרום צווישן די וואַלקערס. און רעדט. און מאָלט. ער ציילט ניט. ער פאַרשרייבט ניט. ער דרייט זיך אַרום שון אַליין, ווי אַ פעל אַ פאַרדאַרטע, וואָס מע וועט באַלד מעגן אַריינוואַרפן אין אַ גאַרבאַרנישער ביט, אויב די מילכאָמע וועט זיך אַזוי פאַרציען. ער דרייט זיך אַרום און שווייגט, ווען די וואַלקערס טראָגן אַרויס אונטער די פאַרשמאַלצעוועט־גלאַנציקע פאַזעכעס בערמאַנס פעלכלעך און גייען מיט זיי אַפן מאַרק, זיך צעצאָלן.

דאָרפישע גויאים האָבן ליב פעלכלעך. זיי גיבן קאַרטאָפל, און קאָרן. און לייגן אַריין אין די וואָגנס בערמאַנס פעלכלעך און טרייבן די פערד צוריק אין דאָרף אַריין. זאַלמען קאָן זיך קיין אייצע ניט געבן. ס׳גייען זייער פיל פורן. קיינמאָל זיינען נאָך אַזוי פיל פורן ניט אַריינגעקומען און ניט אַרויסגעגאַנגען. ער פאַרשטייט אַליין ניט, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס. וואָס דאָ קומט פאָר. זעצט ער זיך אַוועק אַף אַ באַנק און כאַפּט פון צעטומלטקייט אַ דרעמל, אונטערקראַצנדיק זיך דעם דאַרן גאָרגל, וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער זיין באָרד, ווי אַ טאָרטש צווישן גראָז.

און אַז יוינע בערמאַן כאַפּט זיך אַרויף צו זיך אַפן דריטן שטאָק, אַן אייליקער, אַ פאַרסאַפּעטער, גיט ער אַ שטעל אַן זיין געשטופּלט פּאָנעם און זיינע געשטופּלטע אויגן אַף דעם ברוינעם שפּאַליר פון זיין עסצימער און שיפּעט אַרויס אַפּדערגיך, ..וליב אָרדענונג וועגן:

— זיי צעטראָגן דעם זאַוואָד!

— זיי צעגאַנווענען דאָרט דעם זאַוואָד!

— זיי צעראַבעווען אַלץ און מע מוז שווייגן!

זיין ווייב זיצט מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ צום פענצטער און קוקט אַף דער גאַס.

— כ׳וועל אַראָפּפאָרן, — זעצט ווייטער אויס בערמאַן, — כ׳וועל אַראָפּ־פאָרן און אַרופלייגן אַ שלאָס אַפן זאַוואָד! זאָל ער שטיין! זאָל ער זיך אָנציגנרן! זאָל ער ברענען!

ער האט גוט געוואוסט, אַז די גאַרבאַרנישע זאַלע שמעלצט פון טאָג צו טאָג זיך איבער אין גאָלד.

די מילכאָמע האָט געגאסן אין זיינע גריבער גאלד מיט בלוט צוזאַמען. מיט יעדער מאַפּאַלע אַף די פראָנטן האבן זיך געטיילט זיינע גארבאר־נישע גריבער, וואָס זיינען איצטער שוין געווען פאנאנדערגעגראָבן אין עטלעכע גובערניעס. בערמאַן איז צו זיי ניט געפאָרן. ער האט זיך בלויז געוויכערט פון אינטענדאַנטסטוועס צו מיניסטערסטוועס, פון מיטאגן מיט פאָלקאָווניקעס אַף גלעזלעך טיי און אָפגענומען מיליטערישע קאָמפּלי־מענטן:

— גאָלאָוואַ טי, גאספאדין בערמאַן!

— גאלאוואַ!

און בערמאַן האָט באשטיוולט די פאַרטיידיקער פונם גרויסן פאטער־לאַנד און באזאָטלט די קאַוואַלעריע, וואָס האט אלע וואָך אפגעגעבן דעם פייער בערמאַנס זאָטלען, בערמאנס שטיוול און די אייגענע פעל מיט די אייגענע לייבער.

נאָר בערמאַן האָט זיינע פאָדריאדן אויסגעפירט פינקטלעך און צו דער צייט. ער האט איצטער געהאט אַסאַך גארבארניעס, וואָס האָבן געטריי געארבעט מיט מויעך און מיט האַרץ פאַר זיינעטוועגן.

דאָרט, אפן פעלד, אין די לאַנגע שלענגלדיקע ריוועס און אָקאָפּעס, פונוואַנען ס'האָט זיך געטראגן א דושנער רייעך — ניט פון זאַלע, נאר פון בלוט, — דאָרט האט בערמאַן איצט געהאלטן זיינע גארבארניעס. אַף דידאָזיקע גאַרבאַרניעס זיינען ניט געווען קיין גענייווישע וואלקערס און ניט רעב זאַלמען איז איבער זיי געווען מאַשגיעך. דארט האט ער געהאַט אַ זיכערן געטרייען נעמאָן, וואָס איז שטענדיק וואַך —

— דעם טויט!

דער טויט אליין האָט זיך אַרומגעדרייט איבער בערמאַנס גארבארנישע גריבער אף די שלאַכט־פעלדער. דער טויט אַליין האט אים דארט גע־ווייקט און געוואָלקערט די פעל פון סאָלדאטן און די פעל פון פערד און בא אים באַשטעלט פאָדריאַדן:

— שיק, בערמאַן, נאָך צוואנציק וואגאנעס שטיוול!

— שיק, בערמאַן, נאך צוואנציק טראַנספאָרטן זאָטלען!

— שיק, בערמאַן, שיק!

— גאָלאָוואַ נאַ טיעביע, בערמאַן!

און בערמאַן פלאַקערט רוישיק אַף די שטאָטישע גאַסן. עס שוימיקט זיך באַ אים אין קאָפּ:

— זאָטלען, שטיוול, יוכטן, אינטענדאנטסטוועס, פּאָלקאָווניקעס.

אָט איז שוין זיין קאָפּ, דאַכט זיך, אַליין א גרויסע גארבאַרנישע ביט, אָנגעשטאָפּט מיט פעל און מיט זאָלע און מיט גאָלד, ער דארף אין איר נאָך אַריינגיסן די זאָלע פון זיין קליינשטעטלדיקן זאַוואָד. ער דאַרף מאַכן איין גרויסע גארבארניע. איין גרויסע גרוב.

ער זיצט וויניק אין דר׳היים. ער דערעסט ניט. נאָר פון איין שלונג צום אַנדערן גיט ער זיך אַ כאַפּ:

— דעם אַלטן פלוט, דעם אויווערבאָטלדיקן זאַלמען וועט ער דורכ־טרייבן! ער דאַרף אים מער ניט האָבן, אַז ער זאָל באַ אים דאָרטן קראַצן דעם דאַרן גארגל און קוקן ווי מע גאַנוועט.

— געניווע? דאָס ניט! בערמאַן קאָן אַליין געבן וואו מע דאַרף. ער דאַרף ניט אַזעלכע מאשגיכים. אַזעלכע נעמאָנס!

און באַ אים אין שטוב אַפן דריטן עטאַזש איז שוין מער ניטאָ קיין רייעד פון גארבארניע און פון פעל. אויסגעסאַמט. זיין ווייב. פרוי בער־מאַן. זי דרייט זיך נאָך איצט אויך אַרום איבער די שטובן אין דעם פעניואר מיט אַ פולווערי־זאַטאָר און מאַכט דעזינפעקציע. און שפריצט. און שמעקט. און באַשמעקט. ס׳דרייט זיך איר אַזש דער קאָפּ פון די רייסנדיקע רייכעס, וואָס זי פּאַטערט נאָך איצט אַף די צימערן טאָג־טעגלעך. ניטאָ מער קיין רייעד פון גארבארנישער זאָלע, וואָס האָט זי אַזוי פּארפּאָלגט. אין די באָרדאָ־געשפּאַלירטע צימערן הערט זיך איצט דער רייעד פון פרישן שוואַרץ־געלאַקירטן ראָיאַל, וואָס אָטעמט מיט פאַנטאַזיעס פון דער מישפּאָכע בערמאַן.

נאָר בערמאַנס ראָזאָווע טרייסט — זיין באסיעכידע — איז שוין מער פאַר אים קיין טרייסט ניט. זי רויכערט זיך אויך אַרום איבער די גאַסן פון דער שטאָט און זוכט עפּעס אַ שטוב מיט א פּאַרוקטער אָרעמער מאנ־סארדע. זי ווייסט גוט, אַז ערגעץ ווייט אַף א הינטערשטאָטישער גאַס איז פּאַראַן אַ שטוב מיט א פּאַרדרייטער מאנסארדע, מיט א פענצטערל אין א קאָסער וואַנט, וואָס קוקט גאנצענע טעג אין הימל אריין. די מאנסארדע זעט אויס, ווי אן אָרעמע קאיוט פון אַ שיף. דאָרטן, ווייסט

ליאָלי, איז אָנגעוואָרן אָנגעשריגן. ס'זעצט זיך דער רויך מיטן געשריי צו דער סטעליע. דאָרטן, ווייסט זי, איז וואַרעם און היימלעך. זי ווייסט אויך, אַז אין יענער מאַנסאַרדעלע מיטן פענצטערל צום הימל רעגירט אַ פרוי אין אַ שוואַרץ-סאַטינענעם העמדל. אַ געשווירענע. זי באַפעלט דאָרטן מיט איר הייזעריקלעכער שטים, און זי ווייסט אויך, אַז עזרע פלאָנטערט זיך דאָרטן אין אַ נעץ, אין אַ זיסער נעץ פון הייזעריק באַפעלערישע רייד.

דאָס פענצטער רוקט זיך אַליין צו איר צו.

אָט איז די שטאָט. די הויכע בערגלדיקע שטאָט, מיט די גאַסן, וואָס רינען אַראָפּ פון די בערג, ווי שוימיקע וואַסער-שטראָמען. אָט קוקן די גאָלדענע קופּאָלן, ווי אַרויסגעזעצטע אויגן פון דער שטאָט. ווייטער — איז אַ פאַרשטאָט מיט אָרעמע הייזער, מיט מאַנסאַרדעס, מיט באַוועגלעכער, שרייענדיקער און פריילעכער אָרעמקייט. און נאָך. און נאָך. ס'פאַרדרייט זיך איר אין קאָפּ די גאַנצע שטאָט, ווי אַ שווערע פאַרפּלאָנטערטע טעאָרעמע.

— אָט דאָרט! אָט דאָרט!

זי ווייסט, ווי אַזוי מע גייט אַהין, זי ווייסט.

זי גיט אַ קוק אַף איר זיידענעם קלייד, וואָס גיסט זיך פון איר טאַליע ווי אַ שוואַרצער רונדיקער קופּאָל, און אירע פינגער פאַרפּלאָנטערן זיך אין דער ציינעריקער ווייסקייט פון דער קלאַוויאַטור אַפן ראָיאַל.

און זיי פילן ניט, די דינע פינגער אירע, ווי איינעם מיט דער צאַרטער פאַנטאַזיע פון שאָפּען, פאַרענדיקן זיי אויך אַ פאָטערלעכן טרוים פון דער מישפּאָכע בערמאַן וועגן גליק פון גאָלדענער זאָלע און גאַרבאַרנישע גריבער, וועגן רוישיקע פּאַדריאַדן, שטיוול, זאָטלען, יויכטן, און וועגן שיקערע האָניק-יאָרן פון מילכאָמע און רויב.

VI

אַ גויאישער וואָגן, צוגעדעקט מיט זעק און אויסגעבעט מיט היי אַף דער סידיעניע פֿאַרן פורמאַן, האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבער אַ ברייטן בלאָטיקן שליאַך, ווי איבער אַ געדיכטער שוואַרצער ראָשטשינע.

הינטן, נאָכן וואָגן, האָט זיך נאָכגעשליאָפּעט מענדל מילנער.

די בלינדע קאַרע שקאַפּע, וואָס איז געווען געשפּאַנט אַליין, פֿון איין זייט דישעל, האָט אויסגעצויגענערהייט אָפּגעשטופּט מיט די הינטערשטע פֿיס די בלאָטיק־גליטשיקע ערד אַף צוריק, אונטער די רעדער. די דאַרע שקאַפּישע ליטקעס האָבן אַלע ווײַלע אַ בלישטשע געטאָן.

צווישן אירע הינטערשטע פֿיס האָט זיך געקלעפּט אַביסעלע פֿינע, ווי אַביסל אײַנגענעצטע מעל און פֿון איר דאַרן בויך האָט געזעצט אַ פּאַרע.

טאַראַס פּאַפּעליוכע, דער פורמאַן, האָט געזאָגט מיט דער פּײַטשעלע איבער דער לופֿט און געזיכערט:

— נאָך אַזאַ כאַיע איז ניטאָ אין דער גאַנצער געגנט!

— זי איז איינע אַזאַ!

— זי וועט אים אײַנמיטן וועג ניט איבערלאָזן. אין לעבן ניט.

פּאַפּעליוכע האָט אַ סמאָקע געטאָן צו דער בלינדער שקאַפּע, איר אַ לײַכטן קראַץ געגעבן מיט דער פּײַטשעלע און זיך ווײַטער אָנגערופֿן צו מענדלען:

— אידישע באַלעגאָלעס האָדעווען דאַפּקע מיט האָבער, נאָר זיי פֿאַר־טרײַבן אַ כאַיע אין דר׳ערד אַרײַן. צופֿיל. פֿיר מאָל צו דער באַן הין־און צוריק אַ יעדן טאָג. די בעסטע כאַיע קאָן ניט אויסהאַלטן. צופֿיל...

פּאָפּעליוכע האָט אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ איבער איין זייט וואָגן, צוגעלייגט דעם גראָבן פֿינגער צו איין נאָזלאָך און דערלאַנגט אַ פּעסטן

שנייק. און מיט א נאָז פריש-אָנגעשעפּטע לופט, האט ער ווייטער גע־צויגן:

— מער ווי דריי-פיר יאָר ·קאָן בא א אידישן באַלעגאָלע די בעסטע כאַיע ניט ארבעטן. אין לעבן ניט!

ער איז אלע ווילע אראָפּגעשפּרונגען אין דער בלאָטע, אונטערגע־הויבן מיטן אַקסל איין זייט וואָגן און ניטאָפּגעשטעלטערהייט זיך אַרופּ־געכאַפּט צוריק. ער האט נאָר אונטערגעבורטשעט אַזוי, פאַר זיך:

— ס'אַ ביטערער וועג! א ביטערער...

ער האט אַפילע נאָך א לאָשיקל אינדר'היים. נעמט ער עס אָבער נאך ניט מיט אף קיין שווערע ארבעט. צו יונג. סאַידן ס'איז גוט טרוקן, סאַידן — א גוטער וועג, נעמט ער עס דעמאָלט מיט אף דער לערע. נאָר זי, די בלינדע, אליין, דאַרף אים ניט. זי איז געזונט מיט נעטרעס. אַרבעט פאַר דריי. זעקס יאָר געדרייט א זשאָרענע בא א ציגעלני. בא ליים. איינער אליין.

דער הימל איז פאַרוואָרפן, ווי אַ איבערגעקערטע פיש-נעץ און עס רינט פון איר פרישע זאַפטיקע בלויקייט. ס'וואָרפן זיך דורך שטערן, ווי פישלעך, און פאָפעליוכעס וואָגן קריכט.

און יעדער מאָל, ווען ס'פאַלט אראָפּ א שטערן, דרייט זיך טאַראַס פאָפּעליוכע אויס צו מענדלען, וואס גייט נאָך הינטן נאָכן וואָגן און לאָזט ארויס — פאַרוויקלט אין געדיכטן רויך — אזוי זיך, סטאַם אין דער וועלט אריין:

— ס'א שלעכטער סימען, מענדליאַ:

— א שלעכטער סימען!..

די נאַכט איז געזעסן מענדלען אף די אקסל און ס'האט זיך געדאַכט, ער טראָגט זי איצטער פון דאָרף אין שטאָט אריין, די נאַכט, ווי א פינצטערע בסורע. ער האט געוואָלט א הויב טאָן דעם קאָפּ צום הימל, נאר פאָפעליוכע האט אים איבערגעשלאָגן:

— זעץ זיך, מענדליאַ, צו אַפּן וואָגן!

פאָפּעליוכע האט א שאַר געטאן מיט דער פּוזשעלע אין וואָגן אביסל היי און אָנגעוויזן מענדלען:

— אָט איז היי, מענדליא, זעץ זיך! דער וועג איז דא ניט שלעכט. פאָפּעליוכע האט אָפּגעלאָזט די לייצעס און גענומען וויקלען א ציגאַיער.

א שטיק וועג זיינען זיי געפאָרן שווייגעדיק. א לייכט ווינטעלע האט זיך פון אנטקעגן דעם וואָגן געשניטן אף צווייען און דורכגעלאָזט אינ־דערמיט די פאָרנדיקע. צעוואָרפענע פויערשע שטיבלעך, איבערגעבונדן ביז די פענצטער מיט צעפלאָכטענע פלויטן, ווי מיט הילצערנע געוועבטע פאַרטעכער, זיינען געלאָפן אַפּצוריק און פּאָפּעליוכעס שקאַפּע האט גע־שפּיגן בלאָטע מיט די הינטערשטע פיס.

מענדל איז געזעסן אין עק וואָגן מיט די פּלייצעס צו פּאָפּעליוכען. די פיס זיינען אים פון וואָגן אַראָפּגעהאַנגען, און פּאָפּעליוכעס בלינדע שניר, די שקאַפּע זיינע, האט געפירט. זי האט שוין אליין געוואוסט דעם וועג. זי האט אַפילע ניט באַדאַרפט פּאָפּעליוכען. בלינדערהייט האט זי אזוי מיט דער לינקער לאַפּע געטאַפּט דעם וועג, ווי מיט א שטעקן, דאָרט, וואו איר שקאַפּישער אינסטינקט האט פאָרגעפילט געפאַר. זי האט שטיל געשלעפּט פּאָפּעליוכעס וואָגן און געלאזט פּאָפּעליוכען רואיק שלאָגן פייער פון דער קריסילע אף צו פאַרויכערן דעם ציגאַיער.

און פּאָפּעליוכע האט מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ צו מענדלס פּלייצע געטראָפן — שטאָל אף קרעמען מיט היפּקע און זיך אונטערגעהאלטן:

— דו ווייסט, מענדליאַ, דו ווייסט?

ער האט זיך ניט געאיילט. ער האט לאַנגזאַם אריינגערוקט די קרי־סילע אין דער כאָליעווע, זיך איבערגעציילעמט גאָטסמאָרכטיק נעבן דעם הילצערנעם קרייץ, וואָס האט לויט זיין כעשבן געדאַרפט דא ערגעץ נאָענט שטיין, ווייל ער האט אים איצט ניט ארויסגעזען.

— דו ווייסט, וואס איך וועל דיר זאָגן, מענדליאַ? ס'איז איצטער שלעכט אף דער וועלט; זייער שלעכט, מענדליאַ!..

מענדל האט באַמערקט, ווי אין א זייט באם וועג רוקט זיך, צוזאַמען מיט א שטיק ווינקלדיק פעלד, אָפּ א הילצערנער ציילעם מיט א פלאַפּל־דיק פאַרטעכל. ס'האט אים עפּעס א טיאָכקע געטאָן אין האַרצן און ער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין אַן אנדער זייט.

— דו ווייסט, — האט ווייטער פאָרגעזעצט פּאָפּעליוכע, — מע גלויבט איצט ניט אין גאָט, מענדליא. אייערע אידן גלויבן אויך ניט, מענ־דליאַ.

מענדל איז געזעסן שטיל, צוגעקאָוועט. די פיס האבן אים אַראָפּגעג־האַנגען און זיך געבאָמבלט, ווי טויטע. און דער קאָפּ זיינער האט זיך

אים אליין געבויגן אַראָפּ. ס'איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ א געדאַנק וועגן זיין עזרען:

— ווער ווייסט, וואס סע וועט נאָך אַרויסקומען פון דער „בונדע״ מיט דער „קראַמאָלע״, מיט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן אף זיין קאָפּ! און דאס, וואס דער אוריאַדניק האט זיך גענומען צו זיין עזרען און צו זיין שטוב... ווער ווייסט, וואָס פאַר אן אומגליקן סע פרעגן זיך אף זיין קאָפּ?.. איז ער דען ניט גערעכט, פּאָפּעליוכע? א גוי און האט זיין סייכל!

ער האט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דער פינצטער־בלאָטיקער ערד און מיט א געבראָכענער שטים צוגעדאַקעט:

— יאָ, טאַראַס. ביסט גערעכט! ס'איז ניט גוט, טאַראַס!..

— דו ווייסט, מענדליאַ,— האט ווי פון עפּעס זיך א כאַפּ געטאָן פּאָפּעליוכע צו מענדלען, קוקנדיק אויגטער דער ראָד, צי ס'איז דאָרט ניטאָ קיין גרוב,— דו ווייסט, אז אַלץ האט אָנגעמאַכט די מאלכאָמע... די מאלכאָמע. מענדליאַ... דאס, וואָס מע נעמט צו דעם נאַראָד און מע האַרגעט אים אויס. דעם נאראָד און דעם סקאָט און אַלץ. און מע האַר־געט אַלץ אויס. אט!

ער האט א קיצל געטאָן די בלינדע כאַיע זיינע מיט דער פּוזשעלע, בלויז פון פאַרגעניגן וועגן, און ווייטער גערעדט:

— אָט קוקסטו זי אָן, די שקאַפּע מיינע, הא? איז זי שוין דריי מאָל געשטאַנען צום פריז[illegible] פריער האט מען אין דאָרף בא אונז צוגענומען דעם נאַראָד און נאָכהער דעם סקאָט. און ווי נאר א נייע מאָביליזאַציע פון סקאָט, אַזוי שלעפּט מען זי, די בלינדע. אז קיין נאַראָד איז שוין, מענדליאַ, אין דאָרף נישטאָ. אויסגעהאַרגעט אף דער מאלכאָמע. ס'דרייען זיך נאָר אַרום קאַליקעס. איז נעמט מען איצט צו פון די כאָזיאַיסטוועס די לעצטע פערד! אט!

ער האט א ווייז געטאָן מיטן פינגער אַפן פערד און קימאַט איינגע־רוימט:

— איר גליק, וואס זי איז א קאַליקע! אניט, מיינסטו, וואָלט איך עס ניט אויסגעביטן? האַ? פּאסעס וואלט איך פון זיך געשניטן און וואלט עס אויסגעביטן! און וואלט געהאט א פערד און וואָלט געפירט קאָרע אין די גאַרבאַרניעס צו אים, בערמאַנען, ווי פריער, און כ'וואָלט פאַרדינט!

נאָר גיי פאַרקויף זיך און בייט, וועט מאָרגן זיין א מאָביליזאַציע! אט! און האָדעווען דאַרף מען א בלינדע אויך!

מענדל האט דערפילט אַביסל פאַכעד פון אט דידאזיקע פּאָפּעליוכעס רייד. פונדעסטוועגן האט ער אים א פרעג געטאָן:

— נו, און דיין גרונט, טאַראס! האסט דאך עפּעס געהאט גרונט?

— גרונט? דעם גרונט האב איך שוין ניט, מענדליאַ! — האט פּאָפּע־ליוכע א וויז געטאָן מיט דער פוזשעלע צום פעלד, — כ'האָב געהאט אנדערטהאַלבן דעסיאַטין. אַף מיין כיילעק מיט די זין. בין איך געווען שולדיק אף זיי, האט מען זיי איבערגעשריבן, מענדליאַ. אָט!

ער האט זיך אויסגעדרייט מיט א האַלבן פּאָנעם צו מענדלען און דראָענדיק א זאָג געטאָן:

— ניעבאָיס, מענדליאַ, ווען מיין כוועדער זאָל זיין אינדר'היים, וואָלט מען די ערד ניט איבערגעשריבן! דו האסט אים געקענט, מיין כוועדערן, מענדליאַ?

— דיין כוועדער? דער, וואס דינט?

— יאָ! אין דער קאַוואַלעריע!

— נו?

— שוין, מענדליאַ!

— וואָס שוין? — האט מענדל ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער גוי מיינט.

— נישטא כוועדער, מענדליאַ. געהאַרגעט! אָט!

מענדל האט זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט צו טאַראַסן, אים געוואָלט איבערפרעגן, נאר טאַראס האט אפּגעלאָזט די וויזשקעס און זיך א קערעווע געטאָן צו מענדלען, מיט אַ פּאָנעם פון א פאַרוואונדעטער כאַיע:

— אט אזוי, מענדליאַ, איז אנגעקומען אין וואָלאסט א פּאַפּיר: „— פרעדער טאַראַסאָוויטש פּאָפּעליוכע, דער קאַוואַלעריסט פונם 24־טן סקאַדראָן, איז העלדיש געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד!" אָט! דער פּיסאַר האט איבערגעלייענט. אינדערהויך. פאַרן גאַנצן וואָלאָסט. ער האט אויסגערופן אסאַך, אַסאַך פון אונזער וואָלאָסט און דא — כוועדער. — מיין איך: אַן אַנדערער, און באַלד — טאַראַסאָוויטש און פּאָפּעליוכע. אָט!

מענדל גיט א זעג די לופט מיט אַ טעמפּן קרעכץ און פּאָפּעליוכע דערמאנט זיך:

— און פֿאַראַיאָרן איז מיר אָנגעקומען א בריוו פֿון אים, פֿון כוועדערן, יאָ. שרייבט ער:

„שיקט, טאַטע, סוכאַרעס. אין א פּאָסילקע. נישטאָ צום עסן. דאס שיסן, שרייבט ער, איז ניט אַזוי. סוכארעס, טאַטע! און נאך האט ער וועגן דער ערד דערמאנט...

און ער גיט אזוי א דריי מיטן קאָפּ:

— נישטאָ כוועדער, מענדליאַ. נישטאָ!

מענדל האט א ווײַלע געשוויגן, ווי א דערשלאָגענער. פּונקט ווי ער וואלט זיין דער שולדיקער אין כוועדערס טויט, אין דער מילכאָמע און אין אַלץ, און אזוי שולדיק האט ער אים א פרעג געטאָן:

— נאך גאר א יונגער מענטש איז ער געווען, דיין כוועדער, האַ?

— אט וועט ער אַף ספּאַס ווערן פיר און צוואַנציק יאָר, כוועדער!

— מער האכטו ניט קיין זין? טאַראַס!

— ניין, מענדליאַ! נאר דאס קליינע.

— דער, וואס פאַרנעמט די בעהיימעס אין טשערעדע?

— יאָ! מענדליאַ! יאָ! די טשערעדע...

— א וואויל שייגעצל, גאר אַ וואוילס!

און פּאפּעליוכע האט שוין ווייטער גערעדט אזוי, פאַר זיך אַליין:

— שוין אַסאַך אויסגעהאַרגעט, מענדליאַ, פֿון אונזער וואָלאָסט. און איצטער גייט דאס גאַנצע דארף אף קוליעס. פאַרבאַנדאַזשעוועט, מענדליאַ! זאָלסט אמאָל אַריינגיין, מענדליאַ, זונטיק אין קלויסטער! אלע אף קוליעס! און דערצאָרנט, מענדליאַ, קיין וואָרט ניט אויסריידן! די סלוזשבע גייט און קיינער קאָן זיך אף די קני ניט אויסבויגן. קיין קני ניט פאַראַן. אפּגעשאָסן אף דער מאַלכאָמע, מענדליאַ! אט! און די ווייבער שליוכעווען. שליוכעס. צו דער ערד טויג קיין באבע ניט. באַאַרבעט מען ניט. פוילט. און סאָלדאטקעס שליוכעווען מיט פרעמדע. אט! און אַלץ די מאַלכאָמע!..

פּאָפּעליוכע גיט א סכאָקע צו דער שקאַפּע און כאַפּט, נאך א ווײַלע שווייגן, א פרעג:

— און ווי אַזוי איז באַ אייך, באַ די אידן, — אויך אַזוי? האַ? מע זאגט, אז גאַרבאַרניעס מאַכן גוט פון דער מאַלכאמע, ס'איז עמעס, מענדליא, האַ? נו, און בערמאַן? האַ?

— ווער ווייסט? — האט אַ צי געטאָן דערשראָקן מענדל אין דער נאַכט, — ווער קאָן וויסן?

פּאַפּעליוכע האט ווידער ארויסגעצויגן דאס טארבעלע מאַכאָרקע פון דער כאָליעווע און גענומען דרייען אַ ציגאַריער:

דאָס דאָרף איז אינקאַעס, מענדליא, — האָט פּאָפּעליוכע גערעדט, דריי־ענדיק דעם ציגאַריער, — זייער אינקאַעס. אַ כיטרער, אָט דער בערמאַן. וואו איז ער איצט, האַ? מענדליא?

— אין קיעוו, — האָט אויסגעקרעכצט מענדל, — אין קיעוו, דאַכט זיך.

— אין קיעוו, מענדליא?

מענדל האָט געבעטן גאָט, ס׳זאָל שוין וואָס גיכער זיין די שטאָט און ער זאָל שוין פּאָטער ווערן פון פּאָפּעליוכעס רייד. זיי האָבן אים גע־שניטן דאָס לייב און ער האָט זיך עפּעס געשראָקן פאַרן גוי איצטער. ס׳האָט אים שוין באַנג געטאָן, אלעמאי האָט ער זיך אופגעזעצט צו פּאָפּעליוכען אַפן וואָגן. בעסער וואָלט ער געגאַנגען צופוס, — האָט ער איינ־דערשטיל אַ טראַכט געטאָן.

און פּאָפּעליוכע האָט אים ווייטער ניט אָפּגעלאָזט:

— אָט טאָר קיין איד ניט וואוינען אין קיעוו און ער, דער בערמאַן, ער... ער איז אַנטלאָפן! מענדליא! אונזערע דאָרפסלייט האָבן אים געוואָלט דערהאַרגענען, אָט! דעמאָלט, ווען ס׳איז באַ אים אין גאַרבאַרניע דערטרינקען געוואָרן דער אַלטער טראָפים. דערהאַרגענען האָט מען אים גע־וואָלט. האָט דער אוריאַדניק ניט געלאָזט. ער איז מיטן אוריאַדניק איינס!

מענדל האָט זיך געדרייט אַפן וואָגן, ווי אַ צוגעבונדענער. אנטקעגן פּאָפּעליוכעס וואָגן איז אָנגעקומען אַ פור. פּאָפּעליוכע האָט אַפּגיך זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט זיין שקאַפּע רעכטס. ס׳האָבן אַ סקריפּע געטאָן פיר רעדער פון צוויי באַזונדערע וואָגנס. פּאָפּעליוכע איז געווען פאַרנר־מען מיט צוקוקן, אַז ס׳זאָל קיין ראָד באַ אים אין וואָגן ניט צעבראָכן ווערן. האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ. ערשט, אַז די פורן זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן, האָט פּאָפּעליוכע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צוריק צו מענדלען:

— אַלץ פון דער מילכאָמע, מענדליא! סט׳געזען? מע פירט! אַלע טאָג ברענגט מען זיי צופירן. אין שפיטאָל און פון שפיטאָל אַפן צוויינ־טער... און מיין פעדקא, מיינסטו, מענדליא, מיין פעדקא!

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן מיט די אויגן דעם וועג אין דער ווייט, צי ס'איז קיין בערגל דאָרט ניטאָ, און זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צוריק צו מענדלען. מיט אַ פול מויל געדיכטן מאכאָרקע־רויך האָט ער אים פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר, מענדליא, ווער מאַכט עס אָן אט די מאָלכאָמעס אַף דער וועלט? האַ?

— ס'אַ גאָט־זאַך. אַ באַשערטע,— האָט אים אָפּגעהאַקט מענדל,— פונם הימל, טאַראַס!

— פונם הימל?— האָט אים פּאָפּעליוכע פאַרוואונדערט נאָכגעזאָגט,— פונם הימל?..

— וואָדען, טאַראַס, דו ווייסט דען אַליין ניט?— גאָט שיקט אָן אַ מילכאָמע אַף דער וועלט! ווייל מע זינדיקט, טאַראַס!

פּאָפּעליוכע האָט באַשיימפּערלעך געהאַט אַן אַנדער געדאַנק וועגן דעם, נאָר ער האָט אים גלייך ניט געוואָלט זאָגן. האָט ער אים שוין אַזוי אַ פרעג געטאָן:

— און דו ווייסט ניט, מענדליא, ווען וועט זי זיך ענדיקן, די מאָל־כאָמע, האַ?

— גאָט ווייסט, טאַראַס!

— מע זאָגט, אַז די אידן ווייסן, מענדליא!

מענדל האָט דערפילט אַ ברי אין קאָפּ און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן דעם גוי. נאָר אַף אַלץ האָט ער זיך איצטער געריכט און צו אלץ איז ער איצטער געווען גרייט. און באַלד האָט אים פּאָפּעליוכע ווידער אַ שנייד געטאָן דאָם לייב, ווי מיט אַ מעסער:

— ווייסט, מענדליא, מע זאָגט, אַז אידן זיינען שולדיק אין דער מאָל־כאָמע,— ס'איז עמעס, מענדליא?

מענדלען האָט באַשלאָגן אַ שוויס:

— וואָס הייסט, אידן, טאַראַס?!

— ווער דען?

— ס'הייסט ווער?— די דייטשן! און דער קייסער! דער קייסער הייסט גיין האַלטן מילכאָמע, גייט מען!

— דער קייסער, זאָגסטו, האָט זיך פּאָפּעליוכע געקווענקלט,— דער קייסער? עפּשער דער קייסער. אין דאָרף זאָגט מען אַף די אידן...

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, פּאָפּעליוכע, פּונקט ווי ער וואָלט זיך איבערגעלייגט אין געדאַנק, וואו איז דאָ דער עמעס. עמעצער, האָט ער פאַרשטאַנען, נאַרט אים געוויס אָפּ. אָבער ער האָט ניט געקאָנט כאַפּן — ווער. האָט ער פונדעסטוועגן אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ צו מענדלען:

— אָבער ס'איז ניט גוט, מענדליא!.. ניט גוט... דער קייסער איז פון גאָט און מע זעט אים ניט און אידן זײַנען אומעטום, וואו דו ווילסט! אָט איז שוין דער בערמאַן אין קיעוו און וואו ניט? און דער נאַראָד איז אינקאַעס אַף אידן. כ'ווייס אליין ניט וואָס, מענדליא, נאָר, — פּאָפּעליובע האָט צונויפגעהאַקט די ציין און האָט יעדער וואָרט געביסן, — כ'ווייס אַליין ניט, נאָר אָט אַזוי גלוסט זיך אַמאָל וואַרגן, וואַרגן, ס'זאָל גיין בלוט... נאָר גאָרניט, מענדליא, כ'ווייס? אָט, אַז מיין פּעדקע איז געהאַרגעט געוואָרן, — נו, וואָס? זאָל איך דיך טשעפּען? האַ? איך זאָל וויסן, אז דו ביסט שולדיק, וואָלט איך דיך דערוואָרגן; איך זאָל וויסן, אַז עמעצער אַנדערש איז שולדיק, וואָלט איך עמעצן אנדערש דער־וואָרגן. איך זאָל נאָר וויסן! נאָר איך ווייס ניט, מענדליא! איך ווייס ניט גאָרניט! איך ווייס נאָר, אַז פעדקע איז געהאַרגעט; אַז דאָס גאַנצע דאָרף גייט אַף קוליעס און אַז ס'איז ניט גוט...

פּאָפּעליוכע האָט שוין צוריק געהאַלטן די לייצעס אין די הענט, גע־שטורכעט די שקאַפּע מיט דער פּוגשעלע און ניט אויסדרייענדיק זיך אין מענדלס זייט, האָט ער ווייטער גערעדט שוין אַ בערואיקטער:

— אָט האָט שוין דער גאַלעך זונטיק געפּרייריקט אין קלויסטער, — אַזוי געפּריידיקט און אַלץ געזאָגט:

— היט זיך קריסטן ערלעכע פאַר ניטגוטע. פאַר איבערריידערס. זיי גייען ארום איבערגעטאָן און פירן אַראָפּ פון וועג די פּראַוואָסלאַוויע. און דאָס פּאָטערלאַנד און דעם גאָסודאַר, דעם קייסער דערצערענען זיי מיט קראַמאָלע. היט זיך פאַר זיי, — האָט ער אַלץ געזאָגט. — זיי פאַרטומלען הערצער גלויביקע, פּראַוואָסלאַווישע...

— איז וואָס־זשע איז אַזוינס קראַמאָלאַ, ווייסט ניט, מענדליא, האַ? קראַמאָלאַ?

מענדל איז געזעסן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין דער פינצטערניש און יעדער וואָרט פּאָפּעליוכעס האָט אים אָפּגעטאָן דאָס פלייש פון די ביינער:

— קראַמאָלע, ווידעראַמאָל קראַמאָלע! ער מוז אוואדע וויסן עפּעס פון זיין עזרען, דער גאַלעך. אוואדע מוז ער וויסן! וואָס־זשע, מע ווייסט ניט?

ער האָט געהאַלטן אָנגעשאַרפט די אויערן אַף צוהערן אומגליקן, און פּאָפּעליוכע האָט אים געשניטן דאָס לייב רואיק, ווי ער שניידט מיט זיין קליין קניפּיקל ברויט:

— און באַ אייך, מענדליא, באַ די אידן, וואָס זאָגט עפּעס דער ראַבין?

נאָר מענדל האָט געוואָלט הערן נאָך עפּעס, וואָס דער גאַלעך זאָגט וועגן קראַמאָלע. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אז מע רעדט וועגן עזרען. און ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן פּאָפּעליוכען, האָט ער בלויז אַ קרעכץ געטאָן אין דער נאַכט אַריין און איבערגעשלאָגן:

— וואו זיינען מיר שוין, טאַראַס, ווייסט ניט?

ס'האָבן זיך שוין פונוויטנס געשטאָכן פייערלעך פון שטיבלעך. פון דער לינקער זייט וועג זיינען אופגעגאַנגען פליגל פון דער ווינטמיל, ווי אַ גרויסע צעעפנטע שער אַף צעשערן די נאַכט.

— אָט איז שוין דאָס שטעטל, מענדליא!

נעבן דער מיל האָט זיך די בלינדע שקאַפּע אָפּגעשטעלט אַליין. מענדל איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם וואָגן, ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט די אויגן פון דער מיל ביז צום שטעטל און עפּעס אַ שטיין איז אים אַראָפּ פונם האַרצן. ס'האָט זיך געהערט אַ שומיקער רויש פון דער גרעבליע. די פליגל פון דער ווינטמיל האָבן זיך געציילעמט איבער די קעפּ פון טאַראַסן און מענדלען און פון צייט צו צייט אונטערגעקרעכצט.

— נו, איך וועל, טאַראַס, שוין גיין צופוס אהיים,— האָט מענדל אַ זאָג געטאָן צו פּאָפּעליוכען, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געפּאָרעט באַם וואָגן אין דער אָפּאַלקע מיט סיטשקע.

מענדל האָט געמאַכט אַ קרייז ארום דער מיל און פּאָפּעליוכע האָט צונויפגענומען דאָס ביסל היי פונם וואָגן, ארופגעוואָרפן אַף דעם זיין סוויטקע און מיט אַ שטיקל פּאַפּיראָס אין די ליפּן, אַף צו פאַרדרייען אַ נייעם ציגאַיער, האָט ער גענומען נאָכקוקן אַפּן וועג נאָך דעם אַוועקגעגאַנגענעם מענדלען.

דער בלאָטיקער שליאַך, וואָס פאַרקערעוועט זיך באַ דער מיל צום שטעטל, האָט אַ דריי געטאָן מענדלס פיס און אים אינגאַנצן אָנגעשטאָכן אַף די לאַנגע לעמפּל־דריטלעך, וואָס האָבן רופנדיק זיך געצויגן פון די שטעטלשע פּעוצטערלעך.

און די שטעכעדיקע לעמפּל־דריטלעך האָבן אָנגענומען מענדלען, ווי אַ גאָלדענע גראַבליע נעמט אָן א סטערטע טוואוע.

אַף א קליינעם שטעך ליגט דאָס שטעטעלע צופוסנס פון סאָסנאָווע וועלדער. און די שטיבלעך זעען אויס, ווי גרויסע סאָסנאָווע שישקעס, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן פון די בוימער. אָט בלייכן זיך קאַלעכענע ווענט, אָפּגעלעקטע פון דער לעוואָנע. און פּאַרקאַנס, הילצערנע פּאַרקאַנס, קלע־טערן מיט אויסגעגעלטע שטאַכעטן. זיי קלעטערן אַ קראָץ טאָן די דע־כער, ווי שוואַרצע ניט־געשווירענע שטרויענע קעפּ. אין דער זייט, גע־פּאַסיקט מיט אַ שמאָל געסל, איז געלעגן שלאָפנדיק דער מאַרק. די קרעמלעך און בודקעס זיינען געווען איינגענאָגט איינס אין אַנדערן אין אַ קרומער ליניע, גלייך ווי ס'וואָלט זיי עמעצער געשטופּט און זיי באַמיען זיך איינצוהאַלטן אַף די אויסגעפוילטע פונדאַמענטן. נאָר די דעכלעך זיינען, דאַכט זיך, געפלויגן. ליידיקע פעסלעך, אויסגעטריקנטע פון הערינג און פון יאָרן, האָבן זיך אליין געקייקלט און די צוויי־פּיסיקע שטעלעכלעך האָבן זיי ניט געקענט נאָכלויפן.

אין מיטן מאַרק זיינען געשטאַנען גרויסע וואָגשאָלן. זיי האָבן זיך קוים־קוים באַוועגט פונם ווינט. אין איינער איז געשלאָפן א יאַטקישער הונט. די אַנדערע, מיט רעגנפאַרגאָסענע, וואָגשאָל האָט געהאַלטן אינע־ווייניק אַ שטיק לעוואָנע, ווי א ביין. מענדל איז אומיסטן געגאַנגען דורכן מאַרק. עפּשער וועט ער עמעצן באַגעגענען. נאָר ער האָט קיינעם ניט באַגעגענט. דאָס גאַנצע שטעטל איז שוין געשלאָפן. פון א קליין בערגל האָט אראָפּגעקוקט דער קלויסטער אַף די שטיבלעך, ווי אַף ערדענע טעפּלעך, וואָס זיינען פאַר אים געווען אויסגעשטעלט. נאר ער האָט זיך צו זיי ניט צוגערירט. בלויז דער שאָטן זיינער האט מיט זי נעגל פון די ציילעמס, ווי מיט צעבויגענע גאָפּלען אַלע ווילע אַ שטאָך געטאן אן אנדער שטיבל.

דעם צווינטער, וואס ליגט אינמיטן שטעטל, איז מענדל פאַרבייגע־גאַנגען גיך. מיט אַן אויסגעדרייטער קאָפּ. ער האָט פיינט געהאט צווינ־

טערס. ער האט זיך געשראקן פאר די ציילעמס. וואס עפעס אינמיטן שטאט א צווינטער?

דער בייסאַלמען איז אים געווען היימיש. אי דאס גראז, אי די בוימער. די קווארים מיט די מאצייוועס האבן אים אויסגעזעע׳ צו זיין קלייניקע אַמעדלעך, וואָס קוקן אזוי, פונקט ווי זיי וואלטן יעדן איינ־ציקן געוואלט פרעגן:

— אַף וואס באקלאגט זיך א איד?

דערפאַר, אַז מ׳האט געדאַרפט איבערבויען דעם בייסאַלמענשן פאַרקאַן, האט זיך מענדל איינגעשטעלט און זיך מישטאַדל געווען אין גובערניע, פונקט ווי ער וואָלט באדארפט בויען א פאַרקאַן אדער אַ דאַך פאַר זיין אייגענער שטוב. דא איז זיין היים. און דא וויל ער אַ שיינעם פאַרקאַן. און דא שמעקן שטענדיק די בוימער מיט מענאַכעם־אָוו. און דא וויינען ווינטן. און אַז מע גייט דורך דורכדאנען, גיט נאך פונדערווייטן אַזאַ יעמיי־נויראָאימדיקער שלאָג מיט: —

— מה אנוש ותודעהו...

איז ער דעם צווינטער, וואס ליגט ניט ווייט פון דעם מאַרק, פארביי־געגאַנגען גיך מיט אַן אויסגעדרייטן קאפ, און איז ארוף גלייך אפן געסל, וואס הויבט אן די שטאט.

מענדלס ווייב איז געשטאַנען אין קיך און געמינטערט מיט איר מאַנס אַן אַלטן שטיוול דעם סאַמאָוואר און ארייננגערעדט אין צווייטן צימער אַריין:

— עזרע, וואָס קאָן עס זיין, וואָס דער טאַטע איז נאָך אַזוי שפעט נישטאָ?

נאָר עזרע האָט ניט געהערט, וואָס זיין מאַמע רעדט דאָרט אין קיך. ער איז געווען פאַרנומען. ער איז געשטאַנען איבער אן אָפענעם טשע־מאָדאן און צונויפגעלייגט פאַרשיידענע זאַכן, וואָס ער האָט געמוזט האָבן מיט זיך אין שטאָט. ער האָט געבלעטערט ביכלעך און בראָשורן. אייניקע אָפגעלייגט אָן אַ זייט, צַף צו פאַרברענען. ער איז געווען זייער אופגערעגט מיט זיין איצטיקער רייזע אין שטאָט. ס׳האָט אים עפעס באַנג געטאָן. און — וואָס, האָט ער אַליין ניט געוואוסט קלאָר. יעדער טריט, וואָס ער האָט עס געטאָן אין צימער, האָט זיך אים געגלויסט פאַרהאַלטן, פונקט ווי ער וואָלט פאָרגעפילט, אַז ער וועט זיך שוין מער

קיינמאָל אַהער ניט אומקערן. ער האָט גוט ארומבאטראַכט דאָס צימער. אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צום פענצטער, אָפּגעהויבן דאָס פאָרהאַנגל און באַטראַכט דעם טויטן דרויסן, פונקט ווי מע הויבט אָפּ אַ לײַלעך פון אַ מעס און מע גיט אַף אים אַ קוק צום לעצטן מאָל. ער האָט געזוכט, גענישטערט מיט די אויגן איבער די ווענט, ווי ער אַליין וואָלט געמאַכט אַ גענעראַלן אָפּיסק:

— וואָס נאָך זאָל ער לאָזן?

— וואָס נאָך זאָל ער נעמען?

ס'האָט זיך אים געגלוסט איבערלאָזן וואָס מער זאַכן פון זיך. עפּעס האָט ער געהאַט אַ געפיל, אַז ער דאַרף זאָך באַצאָלן פאַר זײַן איצטיקן אַוועקפאָר פון דעם שטעטל. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאָרט איצט אַוועק דאָס שטעטל ערגעץ פאַראַטן, פאַרורטיילן, אומברענגען.

פון הינטערן שפּיגל האָט ארויסגעשטעקט אַ ברעג פון אן אנגעפּילטן קאָנווערט. עזרע האָט זיך געכאַפּט:

— און דאָס?

דאסדאָזיקע פּעקעלע האָט אים אַ ריס געטאָן דעם מויעך, מער ווי אַ סאַך אַנדערע בראָשורן. סאָניעס בריוו. פאַרניכטן. אומבאַדינגט.

ער האָט עס צוגעלייגט צו אַ פּעקל בראָשורן, וואָס איז געלעגן נעבן טשעמאָדאַן, און איז מיט דעם אַרײַן אין קיך:

— מאַמע, נעם אָט דאָס אַלץ און פאַרברען אין אויוון!

פּראַדל, זײַן מאַמע, האָט זיך מיט פאַרוואונדערונג אויסגעדרייט צו אים מיט דער כאָליעווע אין האַנט אין אַ מאַך געטאָן:

— דאָס ביסטו? עזרע! און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אויך נאָך נישטאָ. כ'האָב צו דיר גערעדט און האָסט זיך ניט אָפּגערופן. דער טאַטע איז אַזוי שפּעט נאָך ניטאָ.

עזרע האָט באַ איר א נעם געטאָן די כאָליעווע פון דער האַנט און מיט אַ שמייכל אַליין צו צום סאַמאָוואַר:

— לאָז, מאַמע, וועל איך דיר אַביסל צעבלאָזן דעם סאַמאָוואַר!

פּראַדל איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געקוקט מיט גרויס פרייד אין בליק, וואָס איר זון, דער געלערנטער זון, צעבלאָזט איר אַליין דעם סאַמאָוואַר.

— נו, גענוג, זון מײַנער, גענוג!

זי האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל אים זאָגן. נאר ס'האָט זיך איר סטאָם געגלוסט צו אים אַבּיסל רעדן:

— זאָג מיר, קינד מיינס, צוליב וואָס הייסטו מיר פאַרברענען אט די אַלע ביכער דיינע? לאזן זיי ליגן! וואס אַרט דיך? ווּעסט דאָך נאָך קומען אַהיים, וועסטו זיי ווידעראַמאָל לייענען, הא? עזרע!

עזרעס אויגן זיינען געווען גלאַנציק. צי פון הייסער פייכטקייט, צי פון אויפרעגונג, — נאר ער האט זיין מאמען ניט געהאַט וואס צו ענטפערן אַפן אָרט.

— דו וועסט דאך געוויס נאך קומען אַהיים, — האט זי געפרעגט...

— ווער ווייסט?..

ער האט זי געוואלט ארומנעמען און זי אינגאַנצן פארדעקן מיט זיינע הענט, מיט זיין פּאנעם און אזוי אַביסל זיצן מיט איר אין קיך, אין דער אָרעמער אידישער קיך, וואו א אידישע מאַמע באגראבט ניין צענטל פון איר לעבן. נאר ער האט זיך גלייך באהערשט. זיך אויסגעגלייכט. און מיט א געשטאַרקטער שטים, וואָס איז געגאַנגען פון אלע זיינע ביינער, האט ער א זאג געטאן — שמייכלענדיק אי צו דער מאמען, אי צו דעם אויוון:

— מאַמע — פארברען!

הינטערן פענצטער פון עזרעס צימער האט זיך ווי א געהיימער אונ־טערצונדער ארומגעדרייט בערעלע קאטארזשאַן. ער איז געווען נידעריק און פעטס געבויט. אינגאנצן האט ער אויסגעזען, ווי א לענגלעכער פיר־עק. אף זיין קאָפּ איז געווען אנגעצויגן א ווייכע היטל, וואס האט אים פאַרדעקט איין אויג מיט איין אויער. די גויאים פון ארומיקע דער־פער איז ער געווען ניט ווייניקער באקאַנט, ווי די אידן פון שטעטל. מיט אכט־צען יאר צוריק, איידער ער איז געגאנגען אף קאַטאָרגע, פלעג ער זיין א באַנאַכטיקער שוטעף צו די דארפישע סעדער און אַ מאַן צו די דאָרפישע שיקסעס. און זונטיק אף די מארקן פלעג ער שלאגן אי די טאטעס פון די שיקסעס, אי די באַלעבאַטים פון די סעדער. איצטער האט ער מיטן דאָרף שוין מער ניט געהאַט צוטאן. אף דער קאַטארגע איז ער געווען שטאלץ, וואס ער איז א פּאליטישער. אָבער אנטאן די הוט גלייך, האט ער זיך נאך אלץ ניט צוגעוואוינט. האט ער זיך אזוי ארומגעדרייט פאר עזרעס פענצטער און געווארט, אז עזרע זאל

ארויסגיין. אַז מענדל האט זיך דערנעענטערט צו דער טיר, האט ער דערהערט, ווי די גאנצע פינצטערניש וואלט אויסגעזעצט:

— א גוט-גאוונט, רעב מענדל.

אין עטלעכע מינוט ארום איז שוין מענדל געזעסן באַם טיש. דער סאַמאוואר האט געוויינט, ווי א קליין קינד. און פראדל האט אַלע ווילע אנגעגאסן איר מאַן א גלאז טיי. פון איין גלאז טיי ביז דער אנדערער, האט זי געהאַקט צוקער אַף קליינע שטיקלעך און זיי אונטערגערוקט מענדלען מיט א שעמעוודיקער פראגע:

— פארוואס האט היינט אזוי געדויערט דער וועג?

מענדל האט שוין געקוקט אין עפעס אַן אַלט פארשרייב-ביכל, געזוכט דארט דעם נעכטיקן טאג און פאַראַיאריקע ציפערן, וואס זיינען זיך פונם ביכל, ווי הונגעריקע פליגן, אַליין צעקראכן און ניט אופהויבנדיק דעם קאפ, האט ער, ווי גלאט אַף אפטשעפעניש, אַרויסגעבורטשעט:

— ווארט צו! איך מאַך דאָך אַ כעשבן, מאַך איך דאָך! אַז מע קען שוין דא אין שטוב קיין כעשבן גארנישט מאַכן! אַז סע דרייען זיך באַ מיר קאַטארזשאנעס דא הינטערן פענצטער! האסטו געזען אביסל? ווארט צו!

און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן דעם כעשבן אַף אַ קאָל:

— „דעם 24-טן כ׳ה טאמוז — 18 מיט 75 און 28 מיט 15, האָבן מיר אַזוי די גרויס, האַ — דער גוי, זאָל די קאַפּאָרע ווערן, האָט געוואָראָזשעט דעם גאַנצן וועג, האָבן מיר וויפל?..

פראַדל האָט געקוקט מיט טרערנדיקע אויגן אַף איר מאַן און פון דעם סיליק, וואָס זי האָט פון אים געכאַפּט, האָט זי שוין פאַרגעסן, וואָס זי האָט אים געפרעגט. און ער האָט ווייטער געכעשבנט:

— „שטיי. אָט. אַזוי קומט עס אויס. 37 מיט א האלבן דעם 24-סטן, י״ז סיוון און 46 מיט 75 דעמזעלבן טאָג, האַ? באלד. און ס׳איז אַ גרויסע בלאָטע. 75 האָבן מיר שוין גערעכנט. — וואָס זאָגסטו, געדויערט?

— אַי, לאָז מיך צורו, פראַדל! אַז סע קומט באַ מיר ניט אויס דער כעשבן און דאָ, ט׳האָסטו דיר — געדויערט, געשמוערט.

— ס׳האָט ניט געדויערט!

מענדל האָט ליב געהאַט באַ אַ גלעזל טיי אריינגיין צו עזרען און כאַפּן מיט אים אביסל א שמועס וועגן וועלט-זאַכן. און ווען ער האָט

אים שוין גאָר ניט געהאט וואָס צו פרעגן, פלעג ער אים גלאַט אַ זאָג טאָן:

— זאָג זשע מיר, אַריסטאָטעל מיינער, איז וואָס פאַר אַ טשיסלאָ האָבן מיר היינט.

נאָר איצטער האָט זיך מענדל דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן ניט געקענט אָנטאָן. אנשטאָט ארייננצוגיין כאַפּן א שמועס מיט זיין אַריסטאָטעלן, איז ער געזעסן בּאַם טיש און געבורטשעט צו זיך אליין:

— קאַטאָרזשאַנעס! נאַ דיר קאַטאָרזשאַנעס בּאַ מיינע פענצטער.

מענדל האָט געוואוסט, אַז אינדערפרי מיטן ערשטן צוג דאַרף עזרע אַוועקפאָרן. האָט זיך אים אַלע מאָל אויסגעדאַכט, אַז באַלעגאָלעדיקע גלעקער קלינגען אַף דער גאַס. און ס'האָט אים געשניטן אין האַרצן פון זיי. איז ער זיך געגאַנגען לייגן. נאָר אנטשלאָפן ווערן האט ער ניט געקאָנט. די אויגן האָבן אים ווי געטאָן. ער איז געווען פאַרמאטערט כונם וועג און פון פּאָפּעליוכעס אונטערהאַלט, און ווערטער האָבן זיך אים געבוילבעט אין מויעך, ווי זאָדיקע וואַסער - בלאָזן.

— פאָרעכצן, נא דיר, פאָרעכצן. אין אַזאַ צייט. קאַטאָרזשאַנעס. זיי זיינען דען ניט גערעכט, די גויאים? אַלץ, וואָס זיי זאָגן, איז עמעס.

און אינמיטן דער קרישמע האָבן זיך בּאַ אים דורכגעוואָרפן אָפּגעריסענע ווערטער:

— מע... קראַמאָלע, ראכמאָנע ליצלאָן...

פראדל האָט געוויינט אין דער קאָלדרע אַריין, און טרערן—אַזעלכע געדיכטע, קלעפיקע, האָבן איר פאַרקלעפט די אויגן. אין שטעטל זיינען שוין געווען אַלע פענצטער אויסגעלאָשן, נאָר אין עזרעס צימער האָט נאָך געפּאָכעט אַ פלעמעלע פון אַ ליכט, און אן אומגעלומפערט גרויסער שאָטן.

די גאַנצע נאַכט האט זיך מענדלען געבּאָמבלט אין קאָפּ טאראס. ס'האט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז ער בּויגט זיך צו אים אָן זייער נאָענט און זאָגט אים:

— דו ווייסט, מענדליא, אַלץ זיינען שולדיק די אידן... און דער גאַלעך האָט שוין געפּריידיקט וועגן דער קראַמאָלע...

האט ער זיך געדרייט פון איין זייט אַף דער אנדערער, ביז ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. ער האָט געקוקט אַף די פאַסן בלויקייט, וואס האבן

זיך געשניטן דורך די שפּאַרונעס פון די לאָדנס. ער האט זיך דערמאנט, אַז מע דארף גיין אופוועקן עזרען. ער האָט, דאַכט זיך, דערהערט מאָ־טעלע באַלעגאָלעס גלאָק. שטיל איז ער אַראָפּ פונם בעט און אָנגע־קלאַפּט אין עזרעס צימער:

— עזרע! עזרע!

ער האָט גארניט כוישעד געווען, אַז זיין זון עזרע איז אין צימער שוין פון לאַנג ניט געווען... ער האָט גאָרניט כוישעד געווען, דער אָרעמער מענדל, אז עזרע איז אוועק און וועט שוין מער ניט קומען... אז קומען וועלן פון ערגעץ אנגעשוואָלענע טריבע טעג; אַז די טעג וועלן אָנוואקסן אפן שטעטל, ווי גרויסע גראָווע בלאָטערס; אַז דידאָזיקע טעג וועט פאַרטרייבן אין שטעטל זיין זון עזרע און אז אין איינעם פון דידאָזיקע טעג וועט זיין אריסטאָטעל אופהערן הייסן עזרע, נאָר —

— טאָוואַרישטש זאָרין.

VII

די פאַרדרייטע מאַנסאַרדע מיטן קאָסע פענצטערל, וואָס קוקט גאַנצע טעג אין הימל אַריין, — אָט דאסדאָזיקע צימערל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אן אָרעמע פארוקטע קאיוט פון אַ פאַרזונקענער שיף, איז געווען דער קאָנספּיראַטיווער זאַמלפונקט פון דער גרופּע, צו וועלכער ס׳האט געהערט עזרע.

און די געשוירענע פרוי, וואס איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ סאטינען העמדל און וואָס האט באַוועגט מיט אָט דער געפערלעכער קאיוט, איז געווען די כאַוועריטע סאָניע בראָן.

שטענדיק איז אין דעמדאָזיקן צימער געשטאנען א טומל פון מענטשן, אַפילו דעמאָלט, ווען ס׳איז דאָרט קיינער ניט געווען. מ׳האט פון דאָרטן קיינמאָל ניט געקאָנט אויסלופטערן די אָנגערעדטקייט. ערגעץ אין די ווינקלען, אונטערן באַלקן האבן זיך געראַנגלט ווידערקאָלן פון אופגעוועזענע נעכט, פון געקומענע און אַוועקגעגאַנגענע מענטשן, און ס׳האט זיך דאָרטן שטענדיק געפילט אַ ווארטעניש אַף נאָך עמעצן, וואָס האט פארגעסן קומען עפּעס אָנזאָגן, אָדער דערזאָגן; עפּעס וואָרענען אָדער מוידיע זיין.

און נאָך אַף עמעצן — אַף אַ ווילד־פרעמדן.

— ווער ווייסט, אף וועמען?

ס׳האט זיך דאָרט געקאָנט עפענען די טיר, ס׳זאָל זיך אַריינשטעלן אן אומבאַקאַנטער און אין לויף פון איין מינוט זאל ער זיך שוין פילן אַזוי, פונקט ווי ער וואָלט דאָ דאס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט.

דאָ, אין דערדאָזיקער מאַנסאַרדע, זיינען אָנגעקומענע כאַווײרים איבערגעענדערט געוואָרן, ווי אין א פאַבריקע פון מענטשן.

איבערגעענדערט געוואָרן מיט זייערע נעמען, פּאַספּאָרטן, פּראָפעסיעס און אויסזען. פון יונג — אַלט, פון אַלט — נאָך עלטער. און פאַרקערט.

אין יענעם אָוונט האָט זיך סאָניע געריכט אַף עזרען פריער פון דער באַשטימטער צייט. מ'האָט באַדארפט באשטימען אַן אַרויסטריט צום דריטן יארטאָג פון דער מילכאָמע. נאָר עזרע האָט געשפעטיקט. האט זיך סאָניע אַרומגעדרייט איבערן צימער, געקוקט אַף דער פלאַש וויין, וואָס זי האט אוועקגעשטעלט אַכן טיש און אף די אָנגעשטעלטע זאַכן, וואָס זיינען איר אין טאָך געוועזן גלייכגילטיק, און אַזוי גייענדיק פון זאַך צו זאַך, האָבן זי די אויגן צוגעטראָגן צו א שיפלאָד פונם טישל, וואו ס'זיינען געלעגן איבערגעוואָרפן פאַרשיידענע פּאַפּירן.

די נאַכט האט שוין געהאַלטן אונטער זיך די גאַנצע שטאט, און דאס קליינע מאנסארדעלע, אַרומגעוויקלט מיט געדיכטער פינצטערניש, האט אויסגעזען, ווי אַן אונטערוואסעריק שיפל, וואס ווארט אף געהיימע פאַר־שוינען.

סאָניע איז געשטאנען באַם טישל און פון צווישן די פּאַפּירן, וואס האבן אָנגעפילט דעם שיפלאָד, האט זיך פאר אירע אויגן אַ וואָרף געטאָן איר מעטריקע.

אן אַלט שטיקל פאַרגעלט פּאַפּיר, אַן אונטערגעקלעפּטס מיט אנדערע שטיקלעך פּאַפּיר, און פון אינעווייניק, פון די אויסגעוועלקטע בוכשטאַבן, האט ארויסגעווייעט דער טאָג פון איר געבורט, איר איכעס און איר שטאַנד.

סאָניע האט עס פאמעלעך צעעפנט און מיט צונויפגעזשמורעטע אויגן עס אָנגעהויבן איבערלייענען פון אַלע זייטן.

אָט האבן אירע אויגן זי צוגעפירט צו אַן אויסגעווירעטן קוואַדראַט, וואָס איז אויסגעפילט מיטן נאָמען פון איר טאַטן. דערנעבן — דער נאָמען פון איר מאמען.

— ווי די צוויי בעטן באַ זיי אין אלקער, — האָט זי, דערמאנענדיק זיך, אַ שמייכל געטאָן.

אירע עלטערן.

אָט איז ער, איר טאַטע. דער שילדן־מאָלער מיטן אויסגעשמירטן פידזשאַק, וואס האט אויסגעזען, ווי א פאליטרע מיט פאַרשיידענע פאַרבן. ער האט דאך עפשער א האלבע שטאָט שילדן אויסגעמאָלט. זיי שטייען גאָך איצטער אויך, אָט די בערדיקע פאַרקעמטע שערערס אַף קויטיק

געוואָרענע טאַבליצעס פון פריזירער. זיי שטייען עטוואָס אויסגעבויגן די קעפּ מיט צעעפנטע שערלעך אין די הענט, און פּונקט קעגנאיבער זיי פּאָכערן זיך אַראָפּ פון טאַבליצעס — אויסגעפּוצטע עלעגאַנטע אנצוגן, פון אונטן ביז אַרויף, ביז די העלדזער, אַפילע מיט שניפּסן. ס'פעלן נאָר אין זיי די קעפּ און די פיס. אַזוי איבער ביידע לענגן פון דער גאַס.

און האָט איז איר מאמע. זי זעט זי ניט. זי הערט בלויז, ווי זי שרייט פונם הויז:

— כאַנע־מייער, כאַנע־מייער, ס'עט זיין געגוג מומעיע? כאַנע־מייער!

מ'האט זיי ביידע געהארגעט.

סאָניע גיט אינסטינקטיוו אַ גלעט מיט דער האנט איר האלז־און נאַקן און דערפילט אַ ציירע פון אַ שראַם. דער שראַם איז באַ איר שטענדיק פאַרדעקט מיט די האָר. און האלטנדיק די האנט אפן שראַם, גיט פאַר אירע אויגן אַ גיי אוף יענער פרימאָרגן, ווען מ'האָט זיי גע־הארגעט, אירע עלטערן.

איבער דער גאַס, וואו זיי האבן געוואוינט, רייסט זיך אַ צעווילדע־וועטער האמוין מיט העק און מיט לאָמען. ס'טראָגט זיך פון גאַס א בראָך פון שויבן. אַ געשריי און עפּעס א טעמפּער טומל. אויגנבליקלעך ווערט שטיל — און ווידער א גאַס פון געשריי און געבראָך.

זי געדענקט גענוי, סאָניע, ווי ס'האָט זיך איר דעמאָלט אויסגעוויזן, אז זייער שטוב שווימט אַף וואַסער און הוידעט זיך. אָט־אָט וועט זי זיך איבערקערן, ווי א שיפל.

איר מאַמע, — דערמאנט זי זיך, — איז געשטאנען אין א ווינקל און שווער געאָטעמט. זי אַליין האט זיך געטוליעט צו דער מאַמעס קלייד און די אלטע האָט סאפּענדיק געשריגן מיט אן אויסגעצויגן מויל:

— כאָנע־מייער, כאָנע־מייער, וויסט איז מיר, זיי זיינען שוין, דאַכט זיך, אריין אין הויף, כאָנע־מייער! מע ברעכט, דאַכט זיך, דעם טויער, כאָנע־מייער! פינצטער איז מיר, כאָנע־מייער, וואָס טוט מען? וואו פירט מען ערגעץ אַוועק די קינדער, כאָנע־מייער! גיי אַוועק פונם פענצטער! פינצטער איז מיין טאָג אַף דער וועלט!

נאָר איר טאַטע, כאָנע־מייער, האָט זיך געפּאָרעט באַ די סלאָיען פארב. ער האט זיי גאַנץ פרי אריינגענומען אין שטוב און האָט זיך

אװעקגעשטעלט צװישן זײ. געקוקט אין זײ און איבערגערוקט: — אָט דעם, און אָט יענעם. דעם אַהער און דעם צוריק.

— גראַדע איצט איז אים אָנגעקומען זיך אָנטשעפּען צו די סלאָיען, — האָט רײַסנדיק זיך פֿון אײן װאַנט צו דער אַנדערער געשריגן איר מאַמע, — איצט אין אַזאַ צײַט! — גװאַלד װעל איך שרײַען! װאָס האָסטו זיך גענומען צו דער פֿאַרב? װאָס גײסט ניט אַװעק פֿון דעם פֿענצטער, כאַנע־מײער, דו הערסט נישט, װאָס סע טוט זיך?

איר מאַמע איז דעמאָלט צוגעלאָפֿן צו אים. זי האָט געמײנט, אַז ס׳האָט זיך מיט אים עפּעס געטראָפֿן:

— װײ איז מיר. װאָס איז מיט דיר, כאַנע־מײער?

ער האָט אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ צו דער פֿאַרהוקעטער שױב. דורכן פֿענצטער האָבן אױף אים פֿון קלײנטן אַראָפּגעקוקט שילדן, װאָס ער האָט אַמאָל געמאָלט פֿאַר דער שטאָט. זײ האָבן געקוקט אױף אים פֿאַרענ־דערטע, צעבױגענע און איבערגעהאַנגענע, װי בלעכענע פּלעדערװישן. עפּעס האָבן זײ אים געשװינדלט און די פֿאַרב האָט פֿון זײ אַראָפּגערונען. זײ זײַנען, דאַכט זיך, אים צוגעגאַנגען צו די סאַמע אױגן און די פֿאַרב איז ניט קײן פֿאַרב, נאָר בלוט. האָט ער זיך אַלע װײַלע אָנגעבױגן צו די סלאָיען און װידער זיך אױפֿגעהױבן צו די פֿענצטער.

— כאַנע־מײער, פֿינצטער איז מיר! כאַנע־מײער, װאָס איז מיט דיר? זײ האָבן שױן אױפֿגעבראָכן דעם טױער! זײ זײַנען שױן אױפֿן הױף, כאַ־נע־מײער! זײ זײַנען שױן אױף די טרעפּ! װײ איז מיר, די קינדער, די קינדער!

נאָכדעם האָבן זיך אױפֿגעבראָכן די טירן. מ׳איז אַרײַן. מיט פֿענעמער, װי די צעבױגענע שילדן; מיט אױגן, װי סלאָיען בלוט. ס׳האָט עפּעס אַ ריגעװע געטאָן אין שטוב מיטן טיש און מיט דער שאַפֿע און מיט די װענט און מיט דער סטעליע. ס׳האָט אַ בראָך געטאָן אַ קװיטש און א געװײן:

— כאַנע־מײער! כאַנע־מײער!..

װען מ׳האָט זי אױפֿגעמינטערט, איז איר די האַנט, װי איצטער, געװען צוגעקלעפּט צום האַלדז־און נאַקן, אָט דאָרט, װאו ס׳איז דער שראַם. זי איז געװען צוגעקלעפּט, די האַנט, מיט בלוט.

זיי, מיט די לאָמען און מיט די העק, האבן געמיינט, אַז זי איז שוין אויך געהאַרגעט. האָט מען זי מער ניט געטשעפּעט. און די פאַרב־סלאָיען זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט בלוט. מיט בלוט פון כאָנע־מייער דעם שילדן־מאָלער און פון זיין ווייב און פון זייערע קינדער.

סאָניע האָט צונויפגעלייגט די מעטריקע, וואָס האט די איינציקע גע־האַלטן א זייכער פון אירע דערהאַרגעטע טאַטע־מאַמע, — פאוואָלי זי צונויפגעלייגט און שטיל פאַרוקט אַרויף אין שיפלאַד, זי זאָל ניט ליגן אויבנאויף, און זי זאָל איר מער ניט קומען אונטער די הענט.

זי איז צוגעגאנגען צום פענצטער, פאַרהויבן דאָס פאָרהאַנגל און ס׳האט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט נאָך איצטער איר מאַמעס פאַרדומפּענעם און דערוואָרגענעם געשריי.

— כאָנע־מייער! כאָנע־מייער! גיי אַוועק פונם פענצטער, כאָנע־מייער! די קינדער!..

נאָר ס׳האט זיך געעפנט די טיר פון דער מאנסארדע און מיט דער זייט האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ סאָלדאַט.

מיט א פלינקער באַוועגונג האט זיך סאָניע אָפּגעקערעוועט פון פענצ־טער און, ווי פון שלאָף אַן אופגעוועקטע, האט זי אַ פרעג געטאָן דעם אַריינגעקומענעם סאָלדאַט מיט אַזאַ אימפּעטדיקן טאָן, וואָס האט איר גלייך אומגעקערט די רעאלע אָנגעשטרענגטקייט פון איר געפערלעכן וואָר:

— נו? לעווין! פאַראַן נייס?

— עזרע וועט דאָ באַלד זיין, — האט דער סאָלדאַט ארומקוקנדיק זיך אין די זייטן געענטפערט און איבערגעכאזערט: — עזרע דאַרף באלד זיין, און נייס איז פאַראַן. סאָניע איז צוגעגאנגען צו אים נעענטער:

— נו?

לעווין האט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן זייער שטיל און געהיימניספול:

— הערט, סאָניע, אין דער מאַרשעווער ראָטע, וואָס דאַרף די טעג אַוועקגיין אַפּן פראָנט, איז אומרואיק. ס׳פאַלט צונויף מיטן „יאָרטאָג״ פון דער מילכאָמע. נעכטן איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן אַ סאָלדאט און אַ קאדראָוון אָפיציר. נאָך די זאַניאטיעס. דער אָפיציר האָט געשאָסן. און דעם סאלדאט האט מען אַרעסטירט. איצט בונטעוועט זיך די גאנצע ראָטע.

— וואַרט, לעווין, וואַרט,— האָט איִם סאָניע איבערגעשלאָגן און אים מיט די אויגן אָנגעוויזן אַף דער טיר. זי האָט זיך אופגעהויבן פון איר אָרט און זיך געלאָזט צו דער טיר, זעען, צי זי איז גוט פאַרמאַכט. נאָר אין דערזעלבער צייט איז צו דער טיר צוגעגאנגען פון קאָרידאָר עזרע.

סאָניע האָט אים דורכגעלאָזט און פאַרקייטלענדיק די טיר, אַ זאָג געטאָן:

— נו? ס'דאַרף, דאַכט זיך, היינט מער קיינער ניט קומען, האַ? עזרע!

— מע קאָן נאָך ניט וויסן,— האָט עזרע איר גלייך אָפּגעהאַקט.— מיר קאָנען זיך דאָ צו יעדער צייט רעכטן אַף נאָך אַ גאַסט. אַף גאָר אַן אומדערוואַרטן באַזוך.

— דאָס יאָ,— האָט סאָניע מיט אַ פאַרשטאנדלעכן שמייכל אים אונטערגעכאַפּט. זי האָט געקוקט אַף אים, פונקט ווי ער וואָלט איר נאָך עפּעס געזאָגט זאָגן און אין איר שמייכל האָט זיך געפילט גוטע אופגעמונטערטקייט, יענע פרויאישע פלוצלינדיקע מונטערקייט, וואָס טרייבט אַרויס פון קאָפּ די גלייכגעוויכט דעמאָלט, ווען זי איז אַמיינסטן נויטיק. און ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף נאָך אַ וואָרט פון עזרען, האָט זי אַ זאָג געטאָן אין צימער אַריין:

— נו, לעווין, דערצייל ווייטער.

נאָר עזרע האָט אופגעהויבן די האַנט און צוגייענדיק צום טיש, אַ פיר געטאָן מיט די אויגן צום פענצטער:

— ש־ש — שטילער.

ער האָט אָנגענומען אַ פלאַש ווײַן אין דער האַנט און קוקנדיק דורך דער רויטלעכער פליסיקייט אַפן לאָמפּ, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי ס'וואָלט זיך געהאנדלט וועגן דעם סאָרט פונם ווײַן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַמיט אויך צו עפּעס צוהערן, בעשאַס ער האָט אָנגעהויבן רעדן. ס'האָט זיך די גאנצע צייט געפילט, אַז ער דאַרף זיי עפּעס מודיע זיין און געפינט ניט אָט יענע רואיקע לייכטקייט, וואָס זאָל פאַרגרינגערן דעם אומפאַרמיידלעכן שווערן איינדרוק. האָט ער נאָכאַמאָל אַ הויב געטאָן די פלאַש צום לאָמפּ און קוקנדיק דורך דער רויטער פליסיקייט אַף דער ליכט, זיך אָנגערופן:

— ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז עמעצער דרייט זיך דאָ אַף אַ צווייטן טראָטואַר. אַ פאַרדעכטיקער.

סאָניע האט אַ ביסטרע וואָרף געטאָן די אויגן איבערן צימער. די אויגן אירע האבן דורכגעריסן די וואנט. זיי זיינען שוין אַף דער גאס און לאָזן שוין ניט אָפּ דעם פאַרדעכטיקן, וואָס דרייט זיך אַפן צווייטן טראָטואַר.

— און בּאַ דיר, סאָניע, דא, איז אַלץ אין אָרדענונג? — האט עזרע, קוקנדיק אין פאַרשיידענע זייטן, אַ פרעג געטאָן.

— קיין מער קאָמפּראָמעטירנדיקן דאָקומענט, ווי מיין מעטריקע, — האט סאָניע מיט פאַרוואונדערונג אויסגעשמייכלט, — וואָלט דאָ איצטער קיינער ניט געפינען.

— נו, גוט! ער האט א ווײַלע זיך פאַרטראַכט, פונקט ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט און מיט איינגעהאַלטענער צערודערונג פאָרגעזעצט:

— מיטן „אינדוסטריעלן קריגס־קאָמיטעט“ וועט אויסקומען שווער. זיי באַמיען זיך ארונטערייסן אונזער ארבעט אף טריט און שריט.

דער באָדן איז א גינסטיקער פאַר זיי. די מאַסן זיינען ארומגעכאַפּט פון א נאַציאָנאַלן טשאַד. זיי פאַרפירן די אַרבעטער. די אַרבעטער־אינטעליגענץ אונזערע שטיצט דעם „קריגס־קאָמיטעט“. דאס איז ס׳געפערלעכסטע. איצט ווערט יעדער מאַרשעווע ראָטע וויזירט מיטן שטעמפּל פונם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל. די אַרבעטער־אינטעליגענץ פלאַנירט איבער די גאַסן מיט קאָרסיקאַנער קינזשאַלן אף די גאַרטלען און שרייט צוזאַמען מיטן אימפּעריאַליזם און מיטן קייסער:

— פאָטערלאַנד, פריער פאַר אַלץ דאס פאָטערלאַנד!

איז, — ער האט א וויש געטאָן דעם שטערן, — איז וועט אונז אויסקומען שווער, נאָר...

אַרום דעם קליינעם קיילעכדיקן טישל, וואָס איז געשטאנען אינמיטן צימער, זיינען זיי איצטער געזעסן אינדרייען — איבערגעבויגן איינער צום אנדערן און האבן זיך אָנגעהאַלטן באַם רונד, ווי באַ אַ רודער פון אַ מאָטאָר. ס׳איז שוין געווען שפּעט אינדערנאַכט. קיין שום גערויש האט זיך אַהער פון דער גאַס ניט דערטראָגן. די גאסן אליין זיינען שוין אויך געלעגן פאַרגעסענע, איינגעדעקטע מיט געדיכטער פינצטערניש. פון צייט צו צייט האט אַ שמייס געטאָן א ווינט איבערן דאַך און די מאנסארדע האט זיך, דאַכט זיך, אַ טוק געטאָן פון אים. אָבער אויסגעזועען האט עס, דאָס צימער, ווי אַן אונטערוואסעריק שיפל, וואָס טראָגט זיך אַנט־

קעגן געפּאַר. אָט וועט זיך עס אָנשטויסן אָן אַ שטיין און ס׳וועט זיין אַן אומגליק. לעווין האָט פאַרצויגן דעם רימען אַרום שינעל און האָט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין.

— און וואָס הערט זיך מיט געווער, לעווין? — האָט עזרע אים אָפּגעשטעלט מיט די אויגן.

— מאָרגן וועט באַם סקלאַד פון געווער שטיין אַן אייגענער.

— ס׳איז באַוואָרנט?

— יאָ.

— אויב אַזוי, וועט די מאַניפעסטאַציע פון סטודענטן אויך פּאַרקומען. אומבאַדינגט. איבערן בולוואַר.

לעווין האָט זיך אופגעשטעלט, עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר עזרע האָט אים אָפּגעשטעלט:

— דער גאַרניזאָן וועט ניט אַרויסגיין. אַלנפאַלס, וועט די מאַניפעסטאַציע פאָרקומען אין דערזעלבער צייט, ווען פון שטאָט וועט אַרויסגיין די מאַרשעווע ראָטע. אין פאַל פון אַ קאַטאַסטראָפע, וועט זיך די מאַניפעסטאַציע אריינרייסן צווישן די סאָלדאַטן. ס׳איז אַלץ צוגעגרייט. און מער דאַרף מען ניט.

— נו, און די אַרבעטער וועלן ניט גיין אינאיינעם מיט די סטודענטן?

— וואָס עפּעס בלויז סטודענטן? פאַרוואָס ניט אינאיינעם?

עזרע האָט אופגעהויבן די האַנט:

— מ׳האָט פריער געמוזט אָרגאַניזירן די סטודענטן. וועגן די אַרבעטער דאַרף קיין רייד ניט זיין. מיט זיי איז מען באַוואָרנט: מיט אַרבעטער איז מען זיכער.

— ביסט גאָרניט קיין סטראַטעג — האָט עזרע אַ שמייכל געטאָן, — דו פאַרגעסט, אַז בעסערע טיילן האַלט מען אין טיל... איבעריקנס, וועלן זיי זיך נאָכהער צונויפגיסן אינאיינעם פון צוויי פאַרשיידענע פונקטן.

— נו, אויב אַזוי...

די מאַרשעווע ראָטע, וואָס דאַרף אין עטלעכע טעג אַוועקגיין אַף די פּאָזיציעס, איז צעבונטעוועט.

— פונוואַנען ווייסטו, עזרע? — האָט זיך אַ פרעג געטאָן לעווין.

— אויב דו ווייסט ניט, מעלד איך דיר, לעווין! אין קאָמיטעט איז פאַראַן אַ ידיע. און דיר וועט אויסקומען די נעענסטע טעג וועגן דעם

העפטיקער אינפאָרמירן. ס'זיינען פאַראַן נאָך פאַרבינדונגען. מיר וועלן די געלעגנהייט ניט דורכלאָזן!

די מאנסארדע האט זיך ווייטער געטראָגן, ווי אַן אונטערוואסעריק שיפל, אלץ שנעלער און האסטיקער קעגן געפאַר און אומגליק. נאָר קיי־נער פון די שווימענדיקע האבן דאָס איצטער ניט געפילט. אין צימער איז פון ווילע צו ווילע געוואָרן ליכטיקער. פון יעדער וואָרט, וואָס עזרע האט אַרויסגעלאָזט, איז ער עפּעס געוואָרן גרעסער, וואוקסיקער, קרעפטיקער. זיין פּאָנעם האט געשיינט מיט אַקשאָנעס און סאָניע האט שוין מער ניט געצווייפלט אין דער נויטווענדיקייט פון דעם, וואָס עזרע טוט. זי האט איצט געטרונקען זיין יעדן וואָרט און האט גאָרניט באַ־מערקט, ווי לעווין געזעגנט זיך, ווי ער שטרעקט אויס די האנט און ווי ער גייט אַוועק. זי האט נאר נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַף עזרעס ווערטער צו אים:

— איז באַם סקלאַד מאָרגן אַן אייגענער, לעווין?

— יאָ, עזרע.

— און ס'איז באַוואָרנט?

— אינגאַנצן!

— איז איבערמאָרגן, לעווין, ביסטו דאָ.

— גוט.

עזרע און סאָניע זיינען געבליבן אַליין. ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער שטיל. עזרע האט אָנגעהויבן בלאָנדזשען מיט די אויגן איבערן צימער, און ניט געפונען אַף וואָס זיי אָפּצושטעלן. און סאָניע איז צוגעגאנגען צום בעטעלע פון איר קינד, צורעכטמאַכן דעם צודעק, וואס האט זיך אַראָפּגעצויגן. און גלייך נאָך דעם איז זי אַוועק גרייטן עזרען אַ געלעגער.

דאָס קינד האט אַ וויין געטאָן. יעדער מאָל, ווען דאָס קינד האט זיך אופגעכאַפּט מיט אַ געוויין אינמיטן דער נאַכט און מ'האט גאדארפט צו־גיין עס באַרואיקן, האט זיך עזרע דערפילט זייער געענגט.

אין יעדער פּלוצלינדיקן געוויין פונם קינד אינמיטן דער נאַכט, האט ער זיך געפילט שולדיק. פונקט ווי ער, עזרע, וואלט געווען די סיבע פונם קינדס אומרואיקייט. און ווען ער פלעג אַף די שפּיץ פינגער צוגיין צום קינדס בעטעלע און עס אָנהויבן אונטערוויגן, איז עס באַ אים אַרויסגעקומען זייער לעפּעש. ווי נאָענט ער האט ניט אָנגעבויגן צום

קינד זיין קאָפּ, איז זי דאָך אויסגעקומען ווייס. און ער האט עפּעס ניט געוואגט איינגאנצן זיך צוטוליען צו דעם. איצטער איז ער געשטאנען נעבן דעם בעטעלע, עס געוויגט און אונטערגעזונגען מיט אַזאַ פרעמדן לעפּעשן קאָל:

— אַ־אַ־אַ!..

און האט אלע ווײַלע אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין סאָניעס זייט, פונקט ווי ער וואלט באַ איר געפרעגט דערלויבעניש, צי מעג ער אָט אַזוי אָ וויגן און פאַרוויגן דאָס קינד, צי ניין. יעדער „אַ־אַ־אַ", וואס ער האט אַרויסגעלאָזט איבערן קינדס בעטעלע, האט זיך אים אויסגעדאַכט, איז אַזא ניט קיין נאטירלעכער און האט זיך אים געשטעלט אין האַלז...

יעדער אָפּגעריסענער וואָי פונם ווינט, וואָס האט געשווענקען דאס פענצטערל פון דער מאנסארדע, האט זיך אויסגעדאכט עזרען, אז דאס וואָיעט קורגאנאוו, סאָניעס מאַן, און טרייבט אים פונם בעטעלע און פון זיין קינד.

— אָט שטייט זי, סאָניע, — האט עזרע אין ענגער פארלעגנהייט א טראכט געטאָן, — אָט שטייט זי און גרייט אַ געלעגער פאַר זיי און גייט ניט צו צום קינד און ער, עזרע, קאָן עס דאָס קינד ניט אַיינעמען. ער ווייס ניט ווי אַזוי. דאס קינד, ווייזט אויס, קאָן ניט פאַרנעמען זיין פרעמדן לעפּעשן „אַ־אַ־אַ!" און ער האָט מוירע זיך איבערבויגן איבער דעם צו נאענט, אזו ווי אַ טאַטע, טאָמער וועט זיך עס דערשרעקן,

— ער וואָלט זיך נאָך איצט אזוי אָנגעטאָן און וואָלט אוועקגעגאנגען, — האט פלוצלינג א טראכט געטאָן עזרע. נאר סאָניע האט שוין געהאט געמאַכט דאס בעט און איז אליין צוגעלאָפן צום קינד. מיט איין האַנט אנגעכאַפּט עזרען, ער זאָל ניט אַוועקגיין, מיט דער צווייטער — דעם ראַנד פונם בעטעלע און מיט די ציין א צי געטאָן ס'קאָלדערקעלע אַרויף. אזוי האט זי איניינעם געוויגט דאס קינד און אונטערגעזונגען, ביז דאָס קינד איז ווידער אנשלאָפן געוואָרן.

עזרע האט גענומען עפּעס א ביכל אין דער האנט און שטייענדיק געכאַפּט לייענען. ער האט שנעל און נערוועז געטריבן מיט די אויגן די שורעס און די זייטלעך אף הין און צוריק. דאס בעט, וואָס האָט געוואַרט אַף אים, האָט אים עפּעס ניט צוגעלאָזט צו זיך. און ער האט זיך מיט־אַמאָל דערפילט זייער פרעמד צו אט דעמדאזיקן געלעגער.

סאָניע האָט דאָס באַמערקט און איז אַ פרעג געטאָן מיט פאַרבאַהאַל־טענער באַליידיקונג:

— פאַרוואָס גייסטו זיך ניט לייגן, עזרע?

עזרע האָט, ניט אויפהערנדיק די אויגן פונעם ביכל, אַנגעהויבן בלעטערן מיט די ליפן:

— האַ?.. יאָ... כ'וועל באַלד, סאָניע.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך אָנגענומען מיט מוט. אַ הייזעריקייט האָט זיך אים געזעצט אין קאָל. נאָר ער האָט זיך אויס־געהוסט און אַ זאָג געטאָן סאָניען גלײַך אין די אויגן אַרײַן:

— מיר דאַכט זיך, סאָניע, אַז דאָס קינד איז עפּעס ניט מיט אַלע־מען... מיר דאַכט זיך, אַז סע בענקט... דאָס קינד.

— נאָך וועמען? — האָט סאָניע זיך אַ ריס געטאָן.

סאָניען האָבן אַ בלישטשע געטאָן טרערן אין די אויגן. זי האָט אים אפן אָרט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. זי האָט נאָר אַ קנייטש גע־טאָן אין דער האַנט אַ ברעג פונעם לײַלעך און זיך ענדלעך אָנגערופן:

— דו דענקסט וועגן מיר שלעכט, עזרע?

עזרע האָט געפילט, אַז ער האָט זי באַליידיקט און איר אָנגעטאָן אַ סאַך מער ווי, ווי ער האָט געמיינט. ער האָט זיך שנעל און אויף די שפּיץ פינגער אַ צי געטאָן צום בעט און זי אָנגעהויבן קושן אין די אויגן, וואָס זײַנען געווען אָנגעפילט מיט טרערן, און מיט זײַנע ווערטער:

— האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, סאָניע. כ'האָב דאָך גאָר ניט גע־מיינט דיר מאַכן אַ פאַרוואורף דורך זיך. כ'האָב דיר פּאָשעט געוואָלט זאָגן, אַז אונזער אַרבעט, אונזער געפערלעכע אַרבעט, וויל ניט טיילן מיט קיינעם דאָס, וואָס זי פאָדערט פאַר זיך. זי שטעלט זיך ניט אָפּ אַפילו פאַרן געוויין פון אַ קינד. פאַרשטייסט?

סאָניע האָט געפילט, אַז עזרע פאַרעדט איר די ציין, נאָר פונדעסט־וועגן האָט זי האַכנאָעדיק געענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי.

עזרע איז געזעסן אפן בעט און זיך געמיט זי באַרואיקן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז שוין זייער שפּעט, אַז ס'דאַרף שוין באַלד אָנ־הויבן שאַרײַען אַף טאָג. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז מער וועט אים שוין סאָניע ניט זאָגן: „פאַרוואָס גייסטו זיך ניט לייגן", — איז ער שטיל

אַראָפּ. ער איז צו צום לאָמפּ און אים אויסגעלאָשן. ס'האט זיך אים אלץ געדאכט, אַז דאס קינד קוקט אף אים; אז עס קוקט אף אים מיט פאַר־מאַכטע אויגן און מיט פאריבל, און ווי נאָר ס'וועט אים דערזען אריינ־גיין אין בעט, וועט זיך עס צעוויינען. האט עזרע אויסגעלאשן דאס ליכט, געקוקט א ווײַלע אין דער פינצטערניש, זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט, צום קינדס בעטעלע און צו סאָניען:

— צי שלאָפט זי שוין, אדער זי וויינט נאך אלץ?

גייענדיק צום בעט, האט ער אינדערפינצטער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ בענקל. קיין ווייטיק פונם קלאַפּ האט ער ניט געפילט. ער האט זיך נאר א בייזער געטאָן אַף זיך אַליין. ער האט מוירע געהאט, אז באַלד וועט זיך דאס קינד אופכאפן מיט א דערשראָקענעם געוויין און ער, עזרע, מיט זיין לעפעשן גאנג האט עס אופגעוועקט. ער האט אויך גע־וואַרט, אז סאָניע זאָל אים עפעס א זאָג טאָן. זי זאל אים א זאָג טאָן:

— מעגסט אביסלע גיין פאָרזיכטיקער, עזרע, טאמער איז דאס קינד קוים אנשלאָפן געווארן, וועט זיך עס באַלד נאך ווידראַמאָל אופכאַפּן.

נאָר קיינער האט גארניט געזאָגט. ס'איז געווען שטיל. עפעס שווער און פארדראסלעך און ווייטיקדיק.

אין עטלעכע מינוט ארום זיינען שוין אלע געשלאָפן. פונם בעט האבן נאר אראפגעטריפט עזרעס עטלעכע ווערטער אין דער פינצטערניש, ווי פארגעסענע:

— אויב דער סקלאַד פון געווער איז באוואָרנט מיט אן אייגענעם, וועט די מאניפעסטאַציע פארקומען געוויס. געוויס...

ער האט געוואַרט, אַז פון סאָניען זאָל קומען אן ענטפער, כאטש איין וואָרט נאָר. דאס מאנסארדעלע, וואס האט פריער מיט עטלעכע שא אויס־געזען, ווי אן אונטערוואַסעריק שיפל, וואָס שווימט און רייסט זיך אנט־קעגן געפאַרן, האט זיך אויסגעדאכט, איז איצט דערטרונקען געוואָרן אין פינצטעו־ניש און אין שטילקייט. ס'האט בלויז געצוקעט א קליין זייגערל און דריי אָטעמס האבן זיך אינדערפינצטער געשטאָכן איינער אין אנדערן.

אַזוי האט זיך געצויגן אַ פּאָר שאָ.

פאַרטאג האט זיך דאס קינד ווידער צעוויינט. ס'האט זיך א שנייד געטאן די שטילקייט. עזרע האט זיך אופגעכאפט דער ערשטער. כוצן געוויין האט ער דערהערט א געצוויטשעריי פון גאוועס, און דערזען א

פּאַסיקל בלויקייט פון הינטער דעם פּאַראַנגל, וואָס אָפן פענצטער. עזרע האָט אַ וועק געטאָן סאָניען:

— דאס קינד וויינט.

סאָניע האט זיך אופגעכאפט אין איבערשרעק און זיך א צי געטאָן צו עזרען:

— ש־ש־ש... ס'וועט באַלד אנשלאָפן ווערן.

נאָר דאס קינד האט געוויינט ווייטער. עזרע האט זיך אופגעזעצט אפן געלעגער און סאָניע איז אַראָפּ צום קינד.

עזרע איז געזעסן, געקוקט אפן פאַס טונקעלע בלויקייט, וואָס האט זיך דורכגעשניטן פונם אנהויב טאָג, זיך צוגעהערט צום סקריפּ פונם קליין בעטעלע און ענדלעך זיך גענומען אנטאָן.

— וואָס גייסטו טאָן, עזרע, — האָט סאָניע אויסדרייענדיק דעם קאָפּ פון איבערן בעטעלע א פרעג געטאָן א איבעראַשטע. ס'האט אף איר א שלאָג געטאן מיט קעלט פון יעדער איינציקער באַוועגונג, וואָס עזרע האט געמאַכט ארום זיין גרייטן זיך אָנטאָן. זי איז געבליבן שטיין צווישן איר קינדס בעטל און צווישן עזרען און א פאַרגליווערטע געקוקט אין ביידע זייטן, פונקט ווי עמעצער פון זיי וואָלט געוואַרט אף איר גאנצן בליק, קעדיי איבערצואוועגן. נאר איין וואָרט האט זיך אראפּגעריסן פון איר:

— עזרע!

— כ'גיי אוועק, סאָניע.

— דו גייסט אוועק? — האט זי אים א פארשעמטע איבערגעפרעגט.

— יאָ.

סאָניען האט זיך א בייט געטאָן דאס קאָל.

— ס'איז דאך נאך פרי, עזרע.

נאָר עזרע האט שוין געענטפערט מיט א שטילן טופּ איבערן פאָל פון אַן אַרופגעצויגענעם שטיוולעט.

— ס'איז שוין ניט פרי, סאָניע! איך דארף באַלד זיין בא דער קאַזאַרמע.

און ער איז אַרויס.

סאניע האט זיך נידעריק אנגעבויגן איבערן קינדס בעטעלע.

אינדרויסן איז שוין געווען ליכטיק.

VIII

דער פרימאָרגן איז געווען פריש און האַלב־פּרעסטלדיק. די שטאָט האט זילבערדיק געגעפּלט, און מילכוועגן זיינען געלעגן אף דר׳ערד.

איבער די וועגן האבן געבלאָנדזעט פאַרשלאָפענע מויערן, אופגעשטיגענע געביידעס מיט געקעסטלטע שטאָקן, דענקמאָלן און קלויסטערס. זיי האבן זיך געוואָלגט פאַנאַנדערלויפן אין פאַרשיידענע זייטן און אינדערהויך. און איבער אָט דעם וואונדערלעך־פאַרפלאָנטערטן געפלעכט און געשטייג פון באַפליגלטן שטיין און גראַניט, וואס האט זיך שוין געריסן מיט שוואַרצן שטאָלענעם דאָרשט און געוויש אף רויב און אף טאַינעס מיט בראָך פון צעבויגענע פאָרשטעט און הינטערגאסן, האט זיך נאָך געוויכערט א נעפלדיקער, אַ וויטער אָטעם פון דרעמל.

ברייטע שטאָלענע ליפן פון וויטרינעס האבן זיך לאַנגזאַם אופגעהויבן און געזופּט דעם פרישן פרימאָרגיקן טומל. גאַסן האבן זיך געסטראַיעט. זיך געמאָסטן און געוועט מיט די שילדן און זיינען שוין גרייט געווען זיך איינבייסן אין טאָג.

פאַנאַנדערגעגליטשטע צייטונגס־טרעגער האבן אָנגעפילט דעם פרימאָרגן מיט רייעך און יעדיעס פון פראָנטן. אינמיטן דער גאַס האבן באַוואָפנטע סאָלדאטן געפירט פאַרטיעס געפאַנגענע. פון אַנטקעגן האָבן זיך געפליגלט טראָג־בעטלעך מיט פאַרוואונדעטע. פון די ראָגן האָבן אַרויסגעשוועבט באַרעמהערציקע שוועסטער מיט רויטע ציילעמס אף די ברוסטן. הויך איבער דער שטאָט זיינען געפלויגן מיליטערישע אַעראָפּלאַנען, און צוזאַמען מיט אַלע יעדיעס, וואס האָבן זיך געטראָגן אין שטאָט אריין, איז אויך, ווי א יעדיע, פון א הינטערגאַס אָנגעקומען עזרע.

ער איז געגאַנגען גיך. ס׳האָט זיך אים געגלוסט וואָס גיכער אַרויס פון דער פאַרשטאָט און זיך דערזען אויף די גלייכע אַספאַלטן פון שטאָלטנע שטאָטישע גאַסן.

ער איז אריין אין אַ האַרבסטיקער אַלייע און זי געגומען דורכלאָזן אונטער זיינע פיס, ווי אַ צעוויקלטע קינעמאַטאָגראַפישע ליענטע. אויס־געצויגענע זאַמדיקע וועגן זיינען געווען באַשפיגן מיט איבערגעפוילטע געלבלעכע בלעטער, וואס ווינטיקע בוימער האבן אויסגעהוסט אין אַ האַרבסטיקער נאַכט. און קליינע קאַליוזשקעלעך האָבן זיך געשניטן, ווי ריינע אויסגעווישטע ברילן אָנגעטאָנענע דער ערד, זי זאָל זיך קאנען זען דורך זיי דעם הימל.

— עפשער איז נאך צופרי? — האט עזרען עפעס א פיק געטאָן אין קאָפּ — עפשער זיך אומקערן צוריק?

ער האט זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז אים געווען שווער צו טראַכטן וועגן דעם פלוצלינגדיקן אוועקלויף פון סאָניען. זי איז אים דעם גאנצן וועג גע־שטאַנען פאַר די אויגן, אָט אזוי ווי ער האט זי איבערגעלאָזט, באַם בעטעלע אין איין העמד און מיט אַן אויסגעדרייטן פאַרוואונדערטן קאָפּ צו אים.

— ס׳איז טאַקע עפשער געווען נאַריש, — האט ער זיך אליין געגרי־זשעט, — ס׳איז עפשער געווען ניט גוט, און נאַריש פון זיין זייט — דאָס אַוועקגיין, אָבער נאָך נאַרישער, — האט ער זיך אליין געגעבן צו פאַר־שטיין, — וואלט געווען זיך אומקערן צוריק.

איז ער געגאַנגען ווייטער.

— סאָניען, — האט זיך עזרע מיט פאַרשעמטקייט דערמאַנט, — האט ער געזאָגט, אז ער גייט אין די קאַזאַרמעס.

— זאָל ער טאַקע געבן א גיי־צו אַהין? זאָל ער עפשער גיין און זיך זען מיט לעווינען? עפשער איז עפעס פאַר דער נאַכט פאָרגעקומען? און נאָך דעם וועט ער קומען צו סאָניען און איינעם מיט נייע ידיעס איר ברענגען באַרויקונג?

ער האט אליין ניט באַמערקט, ווי ס׳פאַרשנעלערט זיך דער טעמפּ פון זיין גאַנג. עמעצער האט אים פון אונטער די פיס ארויסגעכאַפּט דעם פּראָספּעקט און אים אונטערגערוקט די לעצטע אַלייע, און דאָ האט אים פלוצלינג פאַרשטעלט דעם וועג א געשריי, וואָס האט זיך געטראָגן פון א זייטיקער באַנק.

— עזרע!

אף איינער פון די סקוועד־בענק איז געזעסן א יונגערמאַן און שווער געאָטעמט. מיט יעדן אָטעם האט ער, דאַכט זיך, אופגעהויבן דעם גאַנצן האַרבסט, וואָס איז אים געזעסן אף דער ברוסט, אופגעהויבן און צוריק אַראָפּגעלאָזט. ער האט אַלע ווײַלע אָפּגעריסן א שטיקל פּאַפּיר פון א צײַטונג, אַרײַנגעשפּיגן אין דעם א שטיקל לונג און עס אוועקגעוואָרפן. עפּעס האט ער געדרייט דעם קאָפּ אין פאַרשיידענע זײַטן, זוכנדיק גרינ־גערע לופט פאַר זײַנע איבערגעעסענע לונגען און אַרײַנגעאָטעמט האט ער גאַנץ אומגעריכט זײַער טויט־געפּערלעכן מיקראָב — עזרען.

מיטאַמאָל איז אים די לופט געוואָרן געדיכט און שווער, ווי סמאָלע. ער האט זי א שעפּ געטאָן מיטן מויל און זי אַרויסגעלאָזט דורך די רויטלעכע נאָזלעכער. דורך די ציטערדיקע עטוואָס פאַרשוויצט־געוואָ־רענע נאָזלעכער. ער האט זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האנט פאַר דער באַנק, ס'זאָל אים גרינגער זײַן צו אָטעמען. די לופט זאָל אים ניט אומ־וואַרפן.

אַלע ווײַלע האט זיך פון זײַן ברוסט אַרויסגעהאַווקעט א טרוקענער הוסט און אז עזרע האט נאָך פונדערווײַטנס מ־ט אַן אופגעהויבן־זוכנ־דיקן קאָפּ א מאַך געטאָן:

— ס'איז איר? קורגאַנאָוו!

האט דער יונגערמאַן לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם קאָפּ און, אײַנהאַלטנ־דיק אין זיך דעם הוסט, א לײַכטן שמייכל געטאָן:

— איר אויך אזוי פרי? עזרע!

אין דעמדאָזיקן שמייכל איז געווען אָפּענע איראָניע צו עזרעס אויס־געגלײַכטקייט און עפּשער אויך אן אָנזאָג, אַז ערגעץ וואַרט דאָ שוין א האַרבסטיקע באַנק מיט געדיכטער סמאָלע אָנשטאָט פרימאָרגיקער לופט, וואָס עזרע וועט אויך פריער אָדער שפּעטער מוזן פאַרנעמען, ווי א באַשולדיקטער, לויט דער ריי.

— זיצט, עזרע, — האט קורגאַנאָוו א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ניט אויסדרײַענדיק דערבײַ דעם קאָפּ. — ער איז געווען זיכער, אז דאָרט, וואו ער ווײַזט, איז פאַראַן פרײַ פּלאַץ.

— זיצט, — האט ער איבערגעכאַזערט, — זיצט.

קורגאַנאָווס פּאָנעם איז געווען טונקל־בראָנזע און אביסל פאַרשוואָלן. דעם פּאָדערשטן ארייַנגעשטעלטן קאַסטן ציין האט ער אַלע ווייַלע צוגע־סמאָקעט מיטן צונג, ער זאָל אים ניט ארויספאַלן.

— אָט וועלן מיר, עזרע, צולייגן א קאָמפּרעס פון פרישער לופט צום האַרצן, וועלן מיר שמועסן, עזרע. וואַרט. אט אזו. אָט אַזוי, — האט קור־גאנאָוו מיט אַ פאַרביסענעם שמייכל געצויגן, — אט אַזוי.

מיט יעדער וואָרט, מיט יעדער באַוועגונג האט ער אָפּהענטיק געמאַכט עזרען. און עזרע האט, ניט אָפּגעבנדיק זיך וועגן דעם קיין קלאָרן חשבון, מעכאַניש אויסגעפירט די באַפעלן פון קורגאנאווס באַוועגונגען, פון זיינע אויסגעבויגענע שטעכיקע רייד און געשוויגן, ווי א שולדיקער.

עפּעס האָט ער זיך געפילט שולדיק, עזרע, פאַר אָט דעם קראַנקן האַלב־געשוואָלענעם מענטשן.

ווען קורגאנאָוו האָט זיך אַזוי הייזעריקלעך אויסגעהוסט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו עזרען:

— איר לויפט, עזרע, איר לויפט!? לויפט, לויפט! ס'איז אייך גרינ־גער, אַז איר לויפט! און מיר איז גרינגער, אז איך זיץ, עזרע! ס'א מילכאָמע.

קורגאַנאָוו האָט אַ גאַליקן צי געטאָן דאָס מויל, וואָס האָט באַדאַרפט באַטייטן א שמייכל:

— יאָ, יאָ! דאַכט זיך, אַז ווען מע גרייפט אן — לויפט מען און ווען מע טרעט אָפּ — לויפט מען, האַ? אין ביידע פאַלן לויפט מען, דאכט זיך, האַ? עזרע! וואָס זאגט איר? נאר מיר איז גרינגער אָפּצוטרעטן זיצנדיק.

קורגאַנאוון האָט זיך געדאַכט, אַז די גאנצע וועלט הערט איצטער, וואס ער רעדט. און ווי שווער ס'איז אים ניט אָנגעקומען, האט ער דאך גערעדט ווייטער. אַז ער האָט זיך צעהוסט, האָט ער געהאַלטן אויסגע־שטרעקט די האַנט צו עזרען — ער זאָל וואַרטן, ער זאָל אים ניט איבער־שלאָגן. אָט וועט ער זיך נאָר אויסהוסטן, וועט ער פאָרזעצן. עפּעס אַ מאדנע היץ האט געשלאגן פון זיין קרענקלעכן וועלן ר'ידן. גלייך ווי ער וואלט געפילט און פארשטאַנען, אַז ס'איז זייער טייער די צייט. און ער מוז נאך באַווייזן ארויסהוסטן עזרען זיין געדאַנק, פונקט ווי ער הוסט אַרויס זיין האַרץ, זיינע לונגען. און ער האט ניט געלאזט עזרען אויס־ברענגען קיין וואָרט.

און אַז עזרע האט אים באַמערקט, ער זאָל אופשטעלן דעם קאָלנער, ווייל ס'איז פייכט און ווינטיק און ער קאן נאך כאפּן א פאַרקילונג, האט קורגאנאוו זיך אופגעשטעלט, פאנאנדערגעשפּיליעט אַלע קנעפּ פון זיין מאַנטל און זיך אף אַ קאָל פאנאַנדערגעלאַכט:

— נאַט, קוקט, עזרע, — ער האט אויסגעצויגן צו אים זיין דארע אפּ־געגנאָגטע האנט און אים אופמערקזאם געמאַכט אַף זיינע מוסקולן, — נאט, קוקט! קאן מען עפּעס מיט אט די פאסאָליס מוירע האבן פאַר פייכטקייט און פארקילונג? און איר, עזרע, — האט ער שוין ווייטער זיגעריש געשמייכלט, — איר האט אויך ניט וואס צו מוירע האבן פאר א פארקילונג מיט אייערע בראָדיווקעס. און דאס זייגען די מוסקולן פונם גאנצן דאָר פון אונזערן...

עזרע האט אינסטינקטיוו א טראַכט געטאן וועגן זיין אייגן לייב, וועגן זיינע הענט, וועגן זיינע מוסקולן; ער האט צונויפגעדריקט די פויסטן און גרייט געווען דעם ערשטן דערלאנגען מיט זיי איבער קורגאַנאווס אנגע־דראָלענעם קאָפּ. נאָר קורגאנאוו האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איר האט ניט וואס זיך אנצושטרענגען, עזרע. איר פארשפּאָרט צונויפדריקן די פויסטן. ס'איז קיין כילעק ניט וואס איר וועט איינשטעלן — צי געזונטע פויסטן, צי קראַנקע לונגען, — איר וועט איןביידע פאַלן פאַרשפּילן!

עזרע האט זיך פארשעמט. ער האט ניט געגלויבט, אז קורגאנאווס קרענקלעך־אנגעשאַרפטער כוש וועט דערשנאפּן אַזאַ פארבאהאלטענע באוועגונג פונם צווייטן. ער איז קימאט ווי אינקאַעס געווארן:

— יא, קורגאנאוו. ווען איר זאלט ניט מוזן אופשטעלן דעם קאלנער, וואלט איך אף אייך פארפראוווט דעם עמעס פון אייערע רייד.

עזרע האט אָפּגעדרייט דעם קאפּ אָן א זייט. ס'האט אים באשלאגן אן עקל פון קורגאנאווס פארשוויצטער צופרידנקייט. און אין דער־זעלבער צייט האָט ער געקראָגן מיטלייד צו אט דעם אונטערגעבראכע־נעם סוינע זיינעם, וואס קאן אפילע ניט לויפן דעמאָלט, ווען ער טרעט אפּ. ס'האט זיך אים בלויז פארגלוסט ארויסרייסן צוויי שטיינער פון דער ערד און אפּקראצן פון זיך קורגאנאווס רייד, וואס האבן זיך שוין אף אים געאייטערט, ווי קרעץ.

— איר האט שוין געפּרואווט, — האט קורגאַנאָוו אנגעשאַרפט דאָס פּאָנעם אף עזרען, — איר האט שוין געפּרואווט, — איר ווייסט בלויז ניט, אַז איר האט זיך אפּגענארט.

עזרע האט א קוק געטאָן אפן זייגער און ניט אוועקנעמענדיק די אויגן פון די ווייזערס, האט ער ארויסגעשפּריצט:

— דאס איז מיין זאַך, קורגאַנאָוו.

— ניט מער, ווי מיינע, עזרע! — האט אים קורגאנאוו א רעד געטאָן אין פּאנעם, — אבער ס'מאַכט ניט, אלציינס. א ניינטל, אדער א זיבעטל. די איין און צוואנציק איז א ליגן! אן אויסגעטראַכטע! און סאָניע איז אויך א ליגן, איר הערט? עזרע! פאָלגט מיך...

איצט האט קורגאנאוו גערעדט מיט א טאָן פון ווידע. ער האט זיך ניט געהיצט. די אונטערשטע טענער פון זיין קראנקער שטימע זיינען געווארן קלאָר און אויסגעגלייכט. ס'האט זיך געדאכט, אז אלץ, וואס ער האט גערעדט פריער, איז בלויז צוליב דעם, ער זאָל קאָנען צופירן עזרען צו אט דעם לעצטן סאַכאַקל. דאס האט באַדאַרפט זיין דער איינ־ציקער, דער שטארקסטער קלאַפּ, וואס קורגאנאוו האט געוואלט געבן אלעמען דורך עזרען, דורך דער וואונד, וואס ער האט באקומען פון עזרען אין לעבן.

עזרע האט געוואוסט, אז א באגעגעניש מיט קורגאנאוון וועט ער ניט מיידן. אז סאָניען וועט אט דער קראנקער ארויסגעשטויסענער מאַן אָן קיין קלאָלע ניט אפּטרעטן. איז ער געשטאַנען און ניט געדענקט, וואס האט ער אייגנטלעך באדארפט טאָן היינט איינדערפרי.

הינטערן סקווער איז געווען א געוויינלעכער אנהויב פון א וואָכעדיקן טאג.

גאסן האבן געשפּיגן מענטשן פון איין ברעג אפן צווייטן. טראמ־וואיען האבן געגרילצט און געקלונגען. אף איין זייט גאס איז געגאנגען א שווארצער וואגן מיט א טרומנע פון א מיליטערישער לעוואיע, און גרויסע לאַסטוואָגנס מיט קודלאַטע פערד האבן איר אפּגעטראטן דעם וועג. נאך דער לעוואַיע זיינען נאכגעגאנגען סאלדאטן, בארעמהערציקע שוועסטער און מילכאמע־אינוואלידן. ס'האט זיך ארייגעריסן אין סקווער אַן אויסגעצויגן־טרויעריקער קלאַנג פון אַ לעוואַיע־מאַרש און האט איבער־געשלאָגן זייער געשפּרעך אַף אַ ווײַלע.

קורגאַנאָוו האָט מיטאַמאָל אָנגעשפּיצט די אויערן, און זיך איינגעהערט אין די לעוואַיע־קלאַנגען.

די לעוואַיע־מוזיק איז אים אַ שטיק צייט שוין געווען די נאָענטסטע. יעדער קלאַנג, האָט זיך אים געדאַכט, ציט זיך פאַר אים אויס, ווי אַ סטעזשקע, אַף וועלכער ער דאַרף באַלד אַרופגיין. ער האָט זיך איינגעהערט אין זיי, פּונקט ווי זיי וואָלטן אים דערמאַנט אָן זיין אייגענעם נאָענטסטן וועג. האָט ער פּלוצלינג אַ ציי געטאָן עזרען פאַר דער האַנט:

— קומט, עזרע! קומט!

עזרע האָט אים געפאָלגט.

ווען זיי האָבן געמאַכט די ערשטע פאַר טריט, האָט זיך קורגאַנאָוו אָנגעבויגן, אַ גראָב געטאָן מיט די לענגלעכע פינגער אַביסל ערד און עס אויסגעשטרעקט צו עזרען:

— אָט איז זי, עזרע, די „איין און צוואַנציק"... די איינציקע. די וואָרהאַפטיקסטע. קוקט און טרייסט זיך מיט איר, אויב איר ווייסט ניט. קומט. נעכטן האָט אָט די „21" געהייסן באַ מיר „סאָניע", היינט הייסט זי באַ אייך „סאָניע".

באַ דעד זייט פונם אוילעם, וואָס האָט באַגלייט די לעוואַיע, זיינען געגאַנגען געאַרעמט סאָלאָמאָן בעלקין מיט ליאָלי בערמאַן. פון איר ברוסט האָט אַראָפּגעשריגן אַ רויטער קרייץ פון שוועסטערלעכער באַרעמהערציקייט און באַ סאָלאָמאָנס דיך האָט זיך געבאָמבלט אַ קליינער קאַרסיקאַנער קינזשאַל, ווי באַ אַן אָפיצער פון פלאָט.

דער סקווער איז שוין געווען פאַרפולט מיט מענטשן. פון פאַרשיידענע אריינגענג האָבן מענטשן־דורכגייער אים דורכגעווירעט און פאַרלאָזט. דער קלויסטער האָט ערגעץ לאַנגזאַם—מיט כעשבן, ער זאָל ניט איבערגעבן — אויסגעציילט דער שטאָט עלף קלאַנגען.

עזרע און קורגאַנאָוו זיינען שוין געגאַנגען איבערן טראָטואַר און האָבן זיך ביידע געפּילט, אַז יעדערער פון זיי מוז זיך נאָך פּרואוון אַ ראַנגל טאָן. דעם לעצטן ראַנגל. און איינער מוז נאָך פּרואוון אַ שטויס טאָן דעם צווייטן. דעם אַנטגילטיקסטן:

— פּלאָנטער זיך ניט אַפן וועג.

זיי האָבן שוין ביידע געוואָלט, וואָס גיכער איבעררייסן אָט דעם לעצטן פאָדעם. נאָר פּלוצלינג האָט פאַר זיי אַ בליאַסקע געטאָן אַן אויסגע־

שטעלטע וויטרינע. ס'האָבן פון איר ציינעדיק געשטשירעט פאַרשיידענע מאַנעקענען אָנהענטיקע, אָנפּיסיקע; קעלנער, שניפּסן, הילצערנע טיילן פון מענטשישן קערפּער, וואָס מ'האָט צוגעשטעלט פאַר די מילכאָמע־קאַליקעס און פיל אַנדערע זאַכן פון געבּרויך און פון ניט געבּרויך. לעבן דער וויטרינע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינוואַלידן און זייער לאַנג געקוקט אף די טיילן לייב, וואָס פעלן זיי אויס. טראַמוואַיען האָבן געפיבערט, ווי בויגנס איבער שטייף־אָנגעצויגענע סטרונעס פון רעלסן. קאַליקעס מיט מעדאַלן צאַף די ברוסטן זיינען אפּגיך איבערגעלאָפן דעם וועג און בעטלערס האָבן זיך איינגעפּראַוועט אין דר'ערד מיט לידער פון דער מילכאָמע.

עזרע האָט דערפילט, אַז אָט דעם גאַנצן פאַרשיידנאַרטיקן בראָכוואַ"ג, ארייגעשליידערטן אין טאָג אַריין אף איבערבערענען, איז ער עפּעס שולדיק. ער איז שולדיק אָט די איינגעשפּאַנטע יאָך־טרעגער — זיין פרייהייט. אָט די אַלע קאַליקעס איז ער שולדיק זיינע הענט, זיינע פיס. אַלעמען איז ער עפּעס שולדיק. און סאָניען איז ער עפּעס שולדיק. און דעם קינד איז ער שולדיק. און אים, קורגאַנאָוון, איז ער שולדיק. ער ווייסט אַליין ניט, וויפל ער איז זיי אַלעמען שולדיק.

און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— הערט, קורגאַנאָוו!

און קורגאַנאָוון מיטן ביסעלע ערד אין דער האַנט, וואָס ער האָט פאַרגעסן אוועקוואַרפן, האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ אַ טרוקענער הוסט:

— יאָ, יאָ, עזרע, — האָט ער אים נאָכגעשאָקלט, אויסשפּייענדיק שטיקלעך האַרץ און בויגנדיק אַלץ נידעריקער דעם קאָפּ:

— יאָ, יאָ, עזרע, יאָ. איך הער! איך הער!..

IX

אַז מענדל מילנער האָט זיך איינגעגעסן אין האַרצן די ווינטמילן מיט די גזיירעס, מיט די דערפער, מיט וואָקזאַל אהער און מיטן וואָקזאַל אהין און ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט אַנטלויפן אין דער וועלט אריין, האָט זיך אים אוועקגעשטעלט אַפן וועג דאָס בילד פון זיין בעניאָכיד, עזרע.

און ווען צוזאַמען מיט עזרען האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט בערעלע קאַטאַרזשאַן און דער אוריאדניק און די „בונדע" און עפעס אַן אומקלאָרער אומגליק האָט צו אים אַ קוק געטאָן פונוויטנס.

דעמאלט האָט מענדל געזאָגט צו זיך אליין:

— מיסטאָמע איז אזוי בעסער. עזרען האָט ער ניט וואָס צו לערנען קיין סייכל. זאָגן עזרען: טו אַזוי אָדער אזוי — איז ניט קיין געדאַנק. ס'איז היינט אַן אַנדער וועלט, און עזרע אליין מיט זיין אריסטאָטעלישן קאָפּ עפשער ווייסט ער טאַקע בעסער פון אים, וואָס סע טוט זיך אין דער וועלט. וואָס איז ער, מענדל — אַן אַלטער איד. אַ מילנער. אַ גאָרניט. נאָר דער אומגליק, וואָס האָט אַף אים געקוקט דורך עזרען, האָט זיך פון אים דאָך ניט אָפּגעטאָן.

ער האָט גענומען ציילן אַפן געדאַנק, וויפיל יאָר זיין זון איז שוין אינדערפרעמד און אַ טראַכט געטאָן:

— אָט־אָט! מע זעט גאָר ניט ווי סע לויפט.

ער האָט פון טרויער אַ קעם געטאָן מיט די פינגער זיין באָרד און ארויסגעקעמט פון איר אַ זילבעריק־צעבויגענע האָר.

— אַזוי, אַזוי, מענדל, — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט ווייטער, האַלטנדיק די האָר פאַר די אויגן:

— מע ווערט גראָוו. דאָס איז שוין אַ יעדיע פון דאָרט...

— מנע! לאָז זיין אַזוי, — דו אין הימל ווייסט גוט, וואָס און ווען און ווי אַזוי!..

פאַר די לעצטע פאָר יאָר האָט עס מענדלען אינגאַנצן צוגעדרוקט. מיט־אַמאָל. אַלץ צוזאַמען. די מילכאָמע. אָט דער גרויסער צאָרן. ניט גיין און ניט פאָרן. גיי צום וואָקזאַל אהין, גיי צום וואָקזאַל אהער. וואַרט דאָ, וואַרט דאָרט. אַ נעכטיקער טאָג. און די ווינטמיל — גאָרנישט!

שטייט א מיל און ער ווייסט ניט, צי ס׳איז א מיל, צי א קייוער.

נאָר די צאָרעס מיט זיין עזרען האבן אים שוין אינגאַנצן געוואָרפן פון די פיס. די אוריאַדניקעס מיט די... — ער ווייסט וואָס? די „בונדע״ און די „קראַמאָלע״, וואָס זיין עזרע האט זיך אין דעם אַריינגעלאָזט.

ער געדענקט גוט די אַפּדערנאַכטן מיט די כעוורעלייט, וואָס פלעגן זיך דרייען ארום זיינע פענצטער...

אַוואַדע האט יעדער טאָג געלייגט אף זיין פּאָנעם א זילבערנע האָר. אוואַדע. ניט מער נאָר דאָס, וואָס ער האט ניט געזען. די מיל האט געמאָלט, איז די באָרד בעמיילע געווען ווייס. איצט, אז ס׳איז ניטאָ קיין מעל אַפּן פּאָנעם — איז מען ווייס פון צאָרעס. נאָר ער איז געווען צופרידן, וואָס יענע אומרואיקע נעכט מיט די קאַטאָרזשאַנעס, מיט דער בונדע זיינען שוין פאַרשוואומען און זיין עזרע קאָנטשעט שוין.

— נו, א שטיקעלע צייט! — גיט ער א זאָג אינדערהויך, — ווי ס׳האט זיך דיר אלץ געגעבן א דריי איבער... רעב סענדערס זינדל, שלוימען, א קאָמדיאַנט באַ די טאָוואַרנע מיט אידן אף ראַסייע. זיין אזריל — איז אויב ער וועט זיך נאָר ארויסשלאָגן פונם קאָפּ די מאנקאָליע מיט דער קראַמאָלע איז... וואָס? קיין סכוירע קומט פון ערגעץ ניט אָן. דער מיסכער — דערשלאָגן. דער דייטש שלאָגט. און וואו מע גיט זיך א קער, איז סאָלדאַטן און סאָלדאטן און קאַליקעס. סאָלדאטן מיט ביקסן, מיט שלעק און מיט צאָרעס אף אידישע קעפּ...

ער דערמאנט זיך, מענדל, אז פראַדל, זיין ווייב, ווען זי האט צום ערשטן מאָל דערזען עזרען מיט די גאָלדענע קנעפּ, האט זי זיך דער־שראָקן און אים שיר־שיר ניט א א זאָג געטאָן:

— רעב עזרע!

זי האט עס אים אליין, א פאַרשעמטע, מיט א שטיק צייט שפּעטער, דערציילט.

— אַ אידענע, — שמייכלט גוטמוטיק מענדל. א אידענע. וואָס פאַר־שטייט זי?

— מענדל, — האט זי אים דעמאָלט א רוף געטאָן אין א זייט, — מענדל! קום נאָר אַהער, — אט דאָס איז מיין קינד? אט דער מיילעך? אָט דעם מיילעך האט אויסגעטראָגן מיין בויך, — האט זי אזש געוויינט פאַר נאַכעס.

און שאַבעס האט זי געהייסן רופן אף לעקך־און בראָנפן און טרערן האבן געבלישטשעט אין אירע אויגן פאַר פרייד.

— א אידענע. פאָשעט א אידענע. מער גאָרניט. וואס פאַרשטייט א אידענע?

און מענדל האט געפילט, ווי דער אומגליק נעענטערט זיך צו אים. נאָר ער האט אים ניט געוואָלט קוקן אין די אויגן.

— זון מיינער! ט'האסטו דיר די ווינטמיל, מיט די ווינטן, מיט א. ץ און מיט אַנאנדער. און וואָס א טאָג, איז נאָך א גראָווע האָר. וואס זאָגסטו, עזרע?

ער האט אַ וואָרף געטאָן זיין בליק איבערן שטוב, באטראַכט גוט די צימערן, גלייך ווי ער וואָלט זיי איצט ערשט אָנגעקוקט צום ערשטן מאָל און איז פלוצים צו צו דער טיר און גענומען זיין שטעקל.

אף זיין שטעקל — פאַר דער גאַלקע — איז געווען אויסגעשניטן א קאַר־ביקל. דאסדאזיקע קאַרביקל האט באטייט, אז פון דעם ביזן סאָף שטעקל איז אַן אַרשין. האט מענדל צוגעלייגט זיין גראָבן פינגער צו אט דעם קאַרביקל און עפעס א טרויעריקער גענומען מעסטן מיטן שטעקל די ברייט און די לענג פון זיינע צימערן, ציילנדיק די ארשינען, ווי ער פלעג ציילן די קלינגען פונם וואַנט־זייגער.

ווען ער האט אויסגעמאָסטן די גאַנצע שטוב, האט ער צו זיך אַליין א זאָג געטאָן:

— פאַוואָלינקע, מענדל, נאָכאַמאָל!

— אט די צוויי צימערן, אט די צוויי פאָדערשטע צימערן, — האט ער זיך אַפן אָרט צורעכט געמאַכט דעם טאָעס, — מיט די פענצטער צו דער גאַס, וועל איך אים אוועקגעבן אף אַ וואוינונגל. מע וועט זיי נאָר דאַרפן איבערמאָלן.

און ער האט זיך גלייך אוועקגעזעצט צום טיש, אופגעעפנט זיין שיפ־לאָד, ארויסגענומען פונדאָרט דעם טינט־און פעדער, אויסגעריסן פון זיין

פֿאַרשרייב־ביכל אַ רײַן, אײַנערגעץ נאָך נישט־פֿאַרשריבן, בלעטעלע און זיך גענומען מיט גרויס פֿלייסיקייט אַרויספּירן אויפֿן שטיקל פּאַפּיר פֿאַרשיידענע בוכשטאַבן און ציפֿערן. ער איז אַזוי געזעסן איבערגעבויגן איבערן טיש און אַלע ווײַלע אַראָפּגעשאַרט זײַן באָרד פֿונעם שטיקל פּאַפּיר, וואו ס׳האָבן אײַנס נאָך אײנס געוואַקסן די אויסיעס, ווי הויכע געגרייזלטע גראָזן.

אַלע ווײַלע האָט ער אַראָפּגעשאַרט די באָרד פֿונעם פּאַפּיר, זי זאָל נישט פֿאַרשטעלן, זי זאָל אים נישט שטערן און זי איז אים צוריק אַרויפֿגעקראָכן, און אַלע ווײַלע האָט ער אַרויסגעריסן אַן אַנדער בלעטעלע פּאַפּיר.

ס׳איז אים גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן, אַז זײַן עזרע טראָגט שוין מער נישט קיין גאָלדענע קנעפּ, אַז זײַן בעניאָכיד שטודירט שוין מער נישט קיין דאָקטאָריע, אַז אַנשטאָט צו גיין דאָרטן, אויף דער מעדיצינע, לויפֿט ער ערגעץ אַרום אויף געהיימע פֿאַרזאַמלונגען און פֿאָרט אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק אַרויס אויף אַ נײַער קוואַרטיר און ווערט אַזוי פֿאַרפֿאַלן אויף גאַנצע וואָכן.

— ס׳זאָל נישט זײַן איצט אַזאַ צאָרן אויף דער וועלט, ס׳זאָל נישט זײַן איצט קיין מילכאָמע־צײַט, — האָט מענדל פּלוצים אַ טראַכט געטאָן — נעמט מען און מע וואַרפֿט גאָר אײַנגאַנצן אום די פֿיר ווענט און מע שטעלט זיך בויען. און מע בויעט אויס אַ נײַע שטוב! נאָר גיי בויע! גיי נעם זיך אין אַזאַ צײַט אונטער צעפֿירן די הענט! גיי פּרואוו רירן אַ ציגל אין אַזאַ געשטראָפֿטער צײַט. און וואָס איז גאָר אַ ציגל? נו, און אַ שטרוי? צי אַ שטרוי קאָן מען זיך דען היינטיקע צײַטן צורירן?

אָבער בויען האָט זיך אים שוין געגלוסט. דער געדאַנק איז פֿון אים שוין נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט שוין מיט גענייטקייט באַטראַכט זײַן שטוב פֿון דרויסן, געפּרואווט מיטן שטעקן די גרעב פֿון די ווענט און אַפֿילע שוין געטראַכט, אַז מע וואָלט געקאָנט פֿאַרכאַפּן אַ ביסל אין דער ברייט. ער האָט נאָר געוואַרט אויף עזרען. מיט עזרען אַליין וואָלט ער זיך געהאַלטן אַ אייצע.

— עזרען קאָן זיך פֿאַרגלוסטן, כאַפּט ער זיך אַראָפּ, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

— בײַ עזרען שפּילט אַ ראָלע?

— און עזרע?

פריער האט ער זיך צופיל געשושקעט מיט סטודענטן. געטיילט זיי עפעס העקטאָגראפישע פּאַפּירלעך. ערגעץ געפאָרן. געקומען. זיך געדרייט אַרום קאַזאַרמעס מיט מאַטאָנעס פאר סאָלדאטן. עפעס האט זיך פון די שטאָטישע קאזארמעס געגראָבן אַן אונטערערדישער וועג: — פון איין זייט קיין פעטערבורג. און פון דער אַנדערער זייט — צום פראָנט. און עזרע האט אַהין געטראָגן זיינע גאָלדענע מעדאלן, זיינע מעדיצינישע ביכער און זיינע אומרואיקע שאָען. און אין יעדער מאַטאָנע פאר די פארטיידיקער פונם פאָטערלאַנד איז געלעגן אַן אופרוף, און נאָכהער זיך געזען מיט כאַווירים פון דער פרעמד און נאָכהער...

נאָכהער איז געווען אַן אָביסק בא עזרען. דאס געזעץ האט בא אים אַראָפּגעריסן די גאָלדענע קנעפּ פון זיין סטודענטיש'ן מונדיר, דאָס פאָטערלאנד האט אים אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט און ער איז שוין געלעגן באהאלטן אף א הינטערגאס, אין א פאָרשטאָט, באַ א פרוי מיט א הייזעריקלעך - באַפּעלעריש קאָל אין א שווארץ העמדל מיט געשווירענע האָר; בא א פרוי, וואָס רויכערט פאפיראָסן, וואָס האלט אין קעשענע שטענדיק א פאריק מיט בלויע ברילן, וואס האט אוועקגעוואָרפן אַ מאן און וואָס האט זיך אַרומגעדרייט מיט מענעריש - פעסטע טריט איבערן צימער און געטאַינעט:

— דאָס וואויסק דארף מען! מע דארף דאָס וואויסק!

דאָרט אין דעם מאַנסארדעלע איז עזרע געלעגן אף א צעבראָכענעם באנק - בעטל און זיך געשפּילט מיט סאָניעס אינגעלע, וואָס זי האָט זיך געלאָזט פון איר געוועזענעם מאן, סאוועלי קורגאנאָוו.

און מענדל איז ארומגעגאן מיטן פלאן. ער האט זיך מיט אים אזוי לאנג ארומגעדרייט, ביז ער איז מיטן אים אריין אין קיך צו זיין ווייב:

— דו ביסט דאָ? הא?

— וואו דען בין איך?

ער האט זין פּלוצים פּארקוקט אף דער סטעליע, אין א ווינקל און ניט צונעמענדיק פון דאָרט די אויגן, האט ער א זאָג געטאָן:

— גיב מיר נאָר די קאָטשערע, פראדל!

— וואס עפּעס פּלוצים די קאָטשערע? מיטאמאָל?

— גארניט. א שפּון. א שפּון שטייט דאָרטן אין ווינקל. א גרויסער שפּון, אזויוי א קעלבל די גרויס. גיב מיר די קאָטשערע, זע נאָר!

פראדל האט אופגעהויבן דעם קאָפּ צו דער סטעליע און זיך א שמילן בייזער געטאָן:

— שפינעס! נא דיר פלוצינג שפינעס! וואו האסטו דארטן אויסגעגראָבן שפינעס? אז ס'איז דארטן ניטא קיין שפינעס. לאז כ'ל אליין! א איד דרייט זיך ניט ארום אין קיך מיט קיין קאטשערעס.

מענדל האט פארשטאנען, אז ער איז אריין מיט גאר ניט קיין פּאַסיקן אויסרייד, האט ער זיך א דריי געטאָן צוריק און ווי א שולדיקער ארויסגעשטאמלט:

— איז ניט די קאטשערע. איז ניט! ס'ארא געשריי זי האט אנגעמאכט מיט דער קאטשערע. און דעם גאנצן געדאנק געדאנק מיר צעשלאגן מיט דער קאטשערע מיט אירער. כ'האב זיך דיר געוואלט עפּעס זאגן, האב איך זיך דיר געוואלט!

— נו, זאגט מען!

— איך האב דיר געוואלט זאגן, — האט ער זיך פארשעמט א דריי געטאן, — איך האב דיר געוואלט זאגן, אז איך טראכט, די צוויי פעדערשטע צימערן מיט די פענצטער צו דער גאס זאלן מיר נאך פּייסעך איבערשפּאלירעווען פאר עזרעס ווענן. וואס זאגסטו עפּעס דערצו, פראדל?

מענדל האט געפילט, אז ס'איז בא אים ארויסגעקומען אסאך קירצער, ווי ער האט געמיינט. ער האט זיך געריכט אָנפילן די גאנצע קיך מיט זיין געדאנק וועגן עזרען און ס'איז אים ארויסגעקומען ווייניק. האט ער כאטש נאכאמאל איבערגעכאזערט:

— פאר אונזער עזרעס ווענן, וואס זאגסטו? וואַרט, און די סוקע...

זיי האבן זיך אזוי פאוואלי ארויסגערוקט פונעם קיך און אריין אין עס-צימער. פראדל האט זיך א בויג געטאן איבערן טיש און א פארוואונדערטע געפרעגט:

— וואס איז עפּעס, מענדל, אנגעמיסטיקט אפן טיש מיט פאפירלעך, הא?

זי האט שוין געהאלטן א פילקעלע און געוואלט עס אלץ שוין ארויפשארן, נאר מענדל האט זיך באצייטנס א כאפּ געטאן און איר פארשטעלט דעם וועג:

— לאז, אלץ איז בא איר אנגעמיסטיקט. זאלסט זיין א מענטש, ניט קיין אידענע און זאָלסט האָבן טייכל, איז האָסטו אָבער אָ פילקע און סייכל פעלט דיר.

מענדל האָט באַלד צונויפגענומען אַלע בלעטלעך פונם טיש און זיי פאַרשלאָסן בא זיך אין שיפלאָד. פראַדל האט ווייטער ניט פאַרשטאַנען וואָס איז און האט זיך צוריק א צי געטאָן מיטן אויער צום קיך:

— דו האסט זייער אַסאַך סייכל! סוקעס, שטיבער. נו און די מיל־כאָמע? די מילכאָמע איז באַ דיר גארניט? טאָמער גיט מען אים כאלילע א הייס גיין אף דער מילכאָמע? פון דער באָמעליזאציע, הא? אבי ער האט אָנגעשריבן א פולן טיש מיט בלעטלעך.

— וואס פאר מילכאמע? וואָס פאר באָבעליזאציעס?— האט זיך מענדל נאָכגעקריכט זיין ווייב,— א דאקטער גייט ניט. און אז אפילע, כאָלילע, יאָ, טוט מען א דאָקטער אָן פאָלעטן און ער זיצט אינדר'היים. ער גייט ניט. מע קומט צו אים, אז מע דארף.

פראדל האט א דריי געטאָן מיטן מויל אין אויוון אריין און אָפגערוקט עפעס א טעפל, וואָס האט שוין געהאט אינגאַנצן אויסגעזאָדטן. זי האט פארשארט דאס פייער אין א זייט און אונטערשפארנדיק מיט איין האנט די צווייטע, האט זי זיך גענומען דלובען אין נאָז.

— אט דאס איז פאַר דיר טאַקע אַן ארבעט,— האט אויסגעזעצט מענדל,— און זאָלסט בעסער קוקן אין טאָפ אריין, וואָלסטו פאַרשפּאָרט אויסקלערן באָבע־מאיסעס און באָבעליזאַציעס.

פון קיך איז ער אריין אין סוקע. אביסל א געבראָכענער. ער האט ווידעראמאָל פון ערגעץ דערפילט אומגליק. נאָר די סוקע האט ער גוט באַטראכט. געקלאַפּט לאנג מיטן שטעקן אָן דער פאָל און אָן די ווענט, פונקט ווי אַ דאקטער קלאפט מיט די פינגער איבערן לייב פון אַ כוילע; גענומען מיטן שטעקן נאָך א מאל מעסטן די ווענט אינדערלענג און אינדערברייט און זיך אונטערגעזונגען אַף אַ קאָל, אינמיסטן זיין פראדל זאָל הערן:

— טיריבים־בים־באם, טיריבים־בים־בים־באם — א וואזשנער גא־ביניעט! טיריבים־בים־באם,— א גרויסארטיקער גאביניעט! איין טאָג ארבעט, איז ער גרייט. נאָר דער דאָקטער זאל זיך מיר ניט קווענקלען.

דער „דאָקטער" איז שוין די צווייטע וואָך געלעגן באהאלטן בא סאָניען אין מאַנסאַרדע. בלויז באַ די נעכט פלעג ער א איבערגעטאָ־נענער זיך ערגעץ אַראָפּכאַפּן מיט א פעקל אונטערן אָרעם און אף צוריקוועגס אָנקלאפּן צו סאָניען מיט א פּאַראָל.

אַף די אוראָקן איז ער שוין פון לאַנג ניט געגאַנגען. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס איז מיט אים געשען, וואו ער געפינט זיך. נאָר ליאָלי בערמאַן, זיין עלטסטע שילערן, וואָס האָט בײַ אים רעפּעטירט העכערע מאַטעמאַטיק, זי אַליין האָט יאָ געוואוסט וואו ער איז. זי האָט ניט געקאָנט קיין מאַטעמאַטיק. אין איר זיידענעם קלייד און מיט דין געמאַניקירטע נעגל צווישן זיבן פּאַטערלעכע גרויסע צימערן, האָט זי ניט געקאָנט מאַכן דעם כעשבן פון אירע עטלעכע און צוואַנציק יאָר. זיי האָבן זיך געריסן, געטיילט און געבראָכן און געקייפּלט אין עפּעס א „איינצל" און ס'האָט ניט געשטימט. זי האָט ניט געקאָנט מאַכן דעם כעשבן פון איר טאַטנס האָפענונגען, און פון סאָלאָמאָן ביעלקינס טרוימען, וואָס ער האָט אַרומגעפירט אַף טאָוואַרנע טראַנספּאָרטן פון היימלאָזע, צווישן גרויסרוסישע וואָקזאַלן, — מיט קאָמענדאַנטישע טרוימען, וועגן מאַכן זי פאַר מאַדאַם ביעלקין און זי אַריינזעצן אין אַנדערע זיבן געשפּאַלירטע ליידיקע טרומנעס. זי האָט דאָס אַלץ מיט איר אָרעמען בלאָנדלאָקיקן קאָפּ ניט געקענט אויסכעשבענען. נו, האָט זי געלערנט בײַ עזרען מאַטעמאַטיק און געוואוסט, וואו מע קען אים געפינען.

און איינמאָל אין אַן אָוונט האָט עזרע דערהערט, ווי עמעץ דרייט זיך אַרום אין קאָרידאָר. ס'האָט זיך דערהערט א לייכטער קלאַפּ אין טיר און זי האָט זיך גלייך געעפנט. אפן שוועל האָט זיך באַוויזן אין א געקנייטשט זיידן היטעלע מיט א האַלב באַלויכטן פּאָנעם עפּעס אַ יונג מיידל.

סאָניע האָט זיך ניט אויסגעדרייט. און עזרע האָט א איבעראַשטער זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר:

— ליאָלי! וואָס טוט איר דאָ?

ער האָט ניט געוואַגט צוגיין צו איר נאָענט. ער איז געווען באַוואַקסן. אַ טונקל בערדל האָט אַרומגעקרייזט זיין פּאָנעם, ווי א קויטיקער באַנדאַזש. בלויז די אויגן האָבן געפיבערט.

ליאָלי האָט אַף אים געקוקט מיט פּאַכעד. זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זי וואָלט שוין געקאָנט אַוועקגיין. זי האָט נאָר הינטן־אַרומער געכאַפּט א קוק אַף סאָניען. דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט פרעגן עזרען, האָט זי אים שוין ניט געפרעגט. זי האָט בלויז וואָס גיכער געוואָלט זיין אַף דער גאַס, אינדרויסן. וואָס גיכער אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם מאָדנעם

באַזוך איִרן און שוין ליגן בא זיך אין צימער אַף דער אַטאַמאַנע און אים אָפּווײַנען: אי דעם באַזוך, אי עזרען.

זי האָט ניט געקאָנט קיין מאַטעמאַטיק. זי האָט ניט געקאָנט אַרויס פון איר אייגענעם כעשבן, האָט זי עזרע אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ און זיך מיט איר געזעגנט.

— וואָס האָט זי געקאָנט פאַרשטיין?

זי איז געגאַנגען גיך דעם גאַנצן וועג צוריק אהיים. דאָס טונקל־דורכזיכטיק בערדל עזרעס האָט איר געשניטן די אויגן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז ס׳איז ניט קיין בערדל, נאָר אַ שטיק קרעפּ. און אַז זי אַליין טראָגט איצט אין די אויגן טרויער נאָך עזרעס פּאָנעם. און אַז עזרע איז אַרופגעקומען צוריק אין מאַנסאַרדע, איז סאָניע געזעסן בא אַ ביכל פאַרגראָבן דעם קאָפּ און אַ לענגערע צייט געשוויגן.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שולדיקער און ניט געוואָגט איבערצערייסן סאָניעס אָנגעלאָדן שווייגן, ביז זי האָט עס אַליין ניט געטאָן.

דאָס קינד איז געשלאָפן אומרואיק. ס׳האָט זיך געדרייט און אַראָפּגעשמיסן דאָס קאָלדערקעלע.

און ווען עזרע האָט געוואָלט צוגיין פאַריכטן דעם קינדס געלעגער, האָט זיך סאָניע אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַ גרויסע שוואַרצע קאַץ, און אים אָפּגעשטעלט:

— לאָז, עזרע, כ׳וועל אַליין.

עזרע איז געבליבן שטיין פאַרשעמט, אָפּהענטיק און אָנגעהויבן מיט די אויגן, מיט די ציין זוכן עפּעס אַן ארבעט.

ווען סאָניע האָט בארואיקט און איינגעדעקט איר קינד, האָט זי זיך נאָכאַמאָל צו דעם איבערגעבויגן, אַ פּרואוו טאָן די וואַרעמקייט פון אָטעם און נאָכהער איז זי צוגעגאַנגען צום טיש און פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס.

זי האָט געראויכערט גיך. יעדער צי האָט איינגעשלונגען אַ פערטל פּאַפּיראָס.

עזרע האָט דערווייל אַרויסגענומען אַ פּאָסטקאַרטל פון קעשענע און מיט זייער פּאָרזיכטיקע באַוועגונגען, ער זאָל קיינעם ניט אופוועקן, פונקט ווי אַלע וואָלטן דאַ איצטער געשלאָפן, — האָט ער זיך גענומען שרייבן צו זיינע עלטערן:

„טייערע עלטערן מיינע! בא מיר איז אַלץ אין בעסטן אָרדענונג. מיר וועלן זיך אינגיכן מיסטאמע זעען. שרייבט מיר איצט ניט מער אַף מיין אַדרעס. איך קלייב זיך איבער אַף אַן אַנדער דירע. כ'וועל אייך די טעג אָנשרייבן אַ נייעם אַדרעס. כ'וועל עפשער אינגיכן זיין, אינדר'היים. זייט געזונט און שטאַרק.

אייער עזרע".

און ווען סאָניע האָט שוין אַ צי געטאָן א שטיק אין מונדשטוק אַריין, האָט זי מיט א דין ביסעלע ביטער רויך אין מויל באַמערקט עזרען:

— פאַרשטייסט? עזרע! אָט אַזא באַרישניע, כ'ווייס ווער זי איז, אַ פינטיפליושקע קאָן זיך אַמאָל אויסריידן. און אונז זוכט מען. אונזער צימער איז א באַמערקטער. קיין סאַך דאַרף מען ניט.

עזרע האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פון דעם פאַרשריבענעם פּאָסט-קאַרטל, עפשער צום טויזנטסטן מאָל באַטראַכט סאָניעס הענט, וואָס האָבן איצט נערוועז געקנייטשט דעם פאַרלאָשענעם אויסגערויכערטן מונד-שטוק, און א שולדיקן שמייכל געטאָן מיטביידע שורעס ציין אַף סאָניעס פּאָנעם:

— ביסט גערעכט, סאָניע!

ער האָט זיך אביסל פארהאַלטן אין פארלעגנהייט:

— נו, פאַרפאַלן!

און אַז זיין טאַטע מענדל האָט באַקומען דאָס פּאָסטקארטל, האָט ער עס עטלעכע מאָל איבערגעלייענט פאַר זיך, נאָכהער צוויי מאָל פאַר זיין ווייב און ערשט נאָכדעם נאָך א מאָל פאַר זיך, און זיך אַליין געלויבט:

— אַז איך האָב דיר געזאָגט — בא עזרען שפּילט ניט קיין ראָלע! איצטער זעסטו שוין? ער קאָן זיך א ליאַדע טאָג אָנכאַפּן. האָבן מיר, הייסט עס, א גאַסט. אַן אָנגעלייגטן גאַסט.

דאָס קאַרטל האָט מענדל באַקומען פּונקט צום דריטן יאָרטאָג פון דער מילכאָמע. ס'איז געווען טישעבעאָוו. מענדל איז דעמדאָזיקן טאָג געגאַנ-גען אין די זאָקן. און אָט דעמאָלט, ווען מענדל האָט אין די זאָקן זיך אַרומגעטראָגן מיטן קארטל פון זיין זון, איז אין יענער שטאָט, פונוואַנען מענדל האָט ארויסגעקוקט אַף זיין גאַסט, — איבער פון די הויפּט-גאַסן דורכגעגאַן א מאַרשעווע ראָטע אַפן פראָנט. ס'האָט געשפּילט א גרויסער

מיליטערישער אָרקעסטער. צום טאקט האבן אים צוגעפויקט עטלעכע הונדערט פּאָר געקאָוועטע סאָלדאטישע פיס און אין דער אלייע, וואס גייט פּאראלעל דער הויפּט-גאס, פון אנטקעגן איז געגאנגען א דעמאנ־סטראציע מיט א רויטער פאָן פון איין זייט און מיט א ווייסער פאָן פון דער אנדערער זייט. אין פּראָנט פון דער דעמאנסטראציע איז געגאנגען עזרע. זיין קאפּ איז געווען געווענדט צו די גייענדיקע. פון דאָרטן האט ער זיך געריכט זאָל אנקומען פּאָליציי.

האבן זיך געצויגן איבער דער גאס צוויי מענטשן-שטראָמען איינער קעגן אנדערן — אין פּארקערטע ריכטונגען.

עזרע האט אויסגערעכנט, אז די מארשעווע ראָטע זאל זיך באגעגענען מיט דער דעמאנסטראציע און זאָל קאנען איבערלייענען די אויפשריפטן אף די פאָנען. דער מיליטערישער אָרקעסטער האט צוגעצויגן א גרויסן אוילעם אי צו דער ראָטע, אי צו דער דעמאָנסטראַציע, וואָס האבן זיך באוואויגן אף איין און דעמזעלבן פּלאץ.

און ווי נאָר די דעמאנסטראציע האט א זינג געטאָן, האבן זיך פון אלע דערבייאיקע הויפן א שאָט געגעבן פּאָליצייאישע רייטער און זיינען אַריבערגעשפּרונגען אין אלייע.

עטלעכע שאסן האבן געמאָלדן דער שטאָט וועגן זייער אָנקום.

ווען עזרע האָט נאָר דערזען, ווי זיי רייסן זיך אין דער אלייע, האט ער א געשריי געטאָן צו די דעמאָנסטראנטן:

— זאָל זיך קיינער ניט צעלויפן!

נאר די מאניפעסטאציע האט זיך גלייך א בראָך געטאָן. דעמאָנסטראנטן האבן אנגעהויבן שפּרינגען איינער איבערן אנדערן און אלע צוזאמען האבן זיך געריסן צו דער פּאָרטקע, וואס איז געווען באם ארויסגאנג פון אלייע. ס'האבן זיך א מיש געגעבן קעפּ און רוקנס און טויט-דערשראקענע אויגן.

פון די עטלעכע שאסן, וואס די רייטער האבן געגעבן, האט יעדער פון די דעמאָנסטראנטן געזוכט אַף זיך דאס בלוט און האבן מיט די אייגענע דערשראקענע הענט געזוכט זייערע הענט, צי זיינען זיי נאָך ניט אָפּגעשאָסן. די סומאטאָכע האט אויגנבליקלעך געוואקסן און געשטיגן און געשוואלן געוואָרן.ביידע פאָנען זיינען שוין געלעגן אַף דר'ערד.

עזרע האט נאָך באַוויזן ארויסרייסן פון אינמיטן געדראנג די רויטע פאָן און אונטערן דרוק פון די אופגעטראָגענע דעמאנסטראנטן, איז ער דער ערשטער צו צו דער פּאָרטקע און פאַרצאַמט דעם ארויסגאנג:

— ס'זאָל קיינער ניט לויפן! כ'וועל שיסן!

און באַלד איז די לופט אופגעריסן געוואָרן פון א קויל, וואס ער האט ארויסגעשאָסן.

די דעמאנסטראציע איז שוין אף העלפט געווען צעבלוטיקט. אייניקע האבן זיך געוואלגערט אף דר'ערד אין טויט־שרעק און אין געוואָי. און פון דער מארשעוועד ראָטע האט זיך נאך געטראגן א הויכער טרייבנדיקער „אַ־ראַ־ט־וואַ! אַט־וואַ!" און ווען צוויי רייטער זיינען שוין געשטאַנען קעגנאיבער עזרען, האט ער מיט דער פאָן און מיטן רעוואָלווער אָנגעהויבן אָפּטרעטן צו דער גאַס אף צוריק, ניט צולאָזנדיק צו זיך די פאליציי. ער איז אָפּגעטראָטן רואיק, ווי לויט א באַשטימטן פּלאן און געדראָט מיטן רעוואָלווער קעגן רעוואָלווערן — ביז ער איז ניט ארומגערינגלט געוואָרן פון אלע זייטן.

אין דאָרטן, אין דר'היים, האט מענדל מיט זיין ווייב געווייסט און געוואשן, געפּוצט און גערייניקט, אלץ ס'זאָל אים, דעם דאָקטער, גענפעלן ווערן.

און ביידע, שמייכלדיקע, פאַרהאָרעוועטע, אויסגעשמירטע אין ליים און אין סאזשע, האָבן זיי מיט ליבע אויסגעווישט יעדער ווינקעלע און געמאכט יאָמטעוו אין שטוב פאר דעם אנגעלייגטן גאסט. אלע טאג איבערגעראָמט. דערצאמט. און געציילט די שאָ און די רעגעס, ביז —

— ביז איין רויטע טעפּלושקע האט אוועקגעפירט סאניען מיט די בלויע ברילן קיין אָריאָל, דאס צווייטע מאל אין „צענטראלקע" און ביז די צווייטע רויטע טעפּלושקע האט צוגעשטעלט עזרען מיטן עטאפּ א באוואקסענעם, אַן אָפּגעריסענעם, א פרעמדן אין אויעזד אַריין צום וואוינסקע נאַטשאַלניק —

— פּאָ נאַזנאַטשעניו!

מיט א פּאפּיר אף דער האנט:

— פּריער אין מיליטער, נאָכהער די שטראף!

X

— „זעקס און דרייסיק מיט א האלבן דיאָפּטרו — באפרייט!
— 37־טע סטאַטיא — אפגעשאַפט!
אלע אַרטיקלען — אַנולירט!"

שוין פון פריער מיט צוויי טאג פאר אט דער נייער מאָביליזאַציע, האט יעדער אייגנטימער פון א כעסארן און סטאם יעדער פרייער מענטש, וואס אינטערעסירט זיך מיט וועלט־זאַכן, געוואוסט אָט די גרויסע גזיירע פון די נייע פריקאַזן, וואָס האבן נאך ניט געהאַט אָפּגעטריקנט אף די ווענט פון דעם אויעזד, — פון יענע קאַזיאָנע פריקאַזן, וואָס האבן זיך ווי שטענדיק אָנגעהויבן מיט:

— „מיר, ניקאָלאַי דער צווייטער פון גאָטס גנאָד דער זעלבסטהערשער, דער אַלרוסישער דער קייסער איבער פוילן, דער פירשט איבער פינלאַנד אי פראָטשאיא אי פראָטשאיא, זיינען מוידיע...

מיט א לאַנגער רעשימע פון ארטיקלען און כעסרוינעס, וואָס ס'פּאָדערן זיך צו פארטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד אין דער מילכאָמע, וואס דער געמיינער סוינע האט אָפן הייליקן רוסלאַנד, אפן פאָטערלאַנד אָנגעוואָרפן.

יעדער איינציקער האט שוין אָט דעם פריקאַז געהאט אָפּגעקרעכצט און אָפּגעזופצט אזאַ מין צווייטן, וואס ער זאָל אים קענען זאָגן מיט א געהיימניספול קאָל פון א מענטשן, וואס היט זיך פאַר א איבעריק וואָרט אין אַזא צייט און וואס פאַרשטייט די לאַגע, — ער זאָל אים בלויז מיטן וואונק קאָנען אַריינזאָגן:

— שוין?
— וואָס?

— גאָרנישט!

דאָס איז געווען דער שטומער בירגערלעכער פּאַראָל פון איין אידן צום צווייטן, וועלכן מע דאַרף קיין פינגער אין מויל ניט לייגן, אַז די מילכאמע הויבט זיך ערשט אָן, אַז דאס, וואס איז ביז איצט געווען, איז בלאטע קעגן דעם, וואס וועט ערשט זיין ווייטער. אַז דער דייטש גייט מיט טומאנען אוזעלכע און אַז ער שיסט גארניט. מע הערט גארניט קיין שאס בא אים. און אז ס'וועט נאך זיין א מאביליזאַציע פון זקיינים און פון ווייבער און פון קינדער.

— בלאָטע, זאג איך אייך, אידן, — האט געטאַינעט רעב סענדער אין מאַרק, — דאס אַלץ איז בלאָטע, זאג איך אייך, קעגן דעם, וואס וועט ערשט זיין ווייטער!

מאטעלע באַלעגאלע האט אים אונטערגעהאלפן:

— בלאָטע, בלאָטע, רעב סענדער, בלאָטע!

דער אַלטער רעב סענדער האט א בייזן קוק געטאָן אַפן באַלעגאָלע, וואס מישט זיך אים אין די רייד און ווייטער פאָרגעזעצט:

— איר הערט? — מיר אלע. אַלטע אידן מיט די ווייבער, זאג איך אייך, וועלן נאָך מוזן גיין מיט דער ביקס!

און אַף די אידן פונם מאַרק איז געפאַלן א מאָרעשכוירע פונם אַלטנס ווערטער. מ'האט געוואוסט, אַז דער אלטער סענדער רעדט ניט סתם אַזוי זיך; מ'האט געוואוסט, אז זיין זון, סאָלאָמאָן, איז ערגעץ דאָרטן... און האָט עס דעם אלטן געלאָזט צו וויסן געבן.

דער אַלטער סענדער האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן אין דער ערד און זיך געהייסן אַלע אידן אָנבויגן צו אים, ער זאָל זיי עפּעס קאָנען זאָגן אַפן אויער. און ווען די נייגעריקע אידן האבן אָנגעשפּיצט די בערד אַרויף, ווי קויטיקע פּאַטשיילעס אזוינע און צוגעטוליעט אויער צו אויער מיט איינגעקנייטשטע נעזער און פארזשמורעטע אויגן פון גרויס פּאַכעד און כיישעק, האָט דער אַלטער זיי אריינגעשאַמקעט:

— אידן, סע גייט נעוואוכאַדנעצאר! ס'איז גאָר ניט דער דייטש!

— מיט לעקטריע, — האט ער געהיימניספול פארענדיקט, — מיט לעק־טריע...

אידן האָבן זיך באַלד פאנאנדערגערוקט. זיך ארומגעקוקט אין די זייטן, צי קיינער האט ניט געהערט, צי קיין קנעפל דרייט זיך ניט אַרום. און

האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. און מאַטעלע באַלעגאָלע האָט שוין פאַרענדיקט:

— אַז רעב סענדער זאָגט לעקטריע, איז דאָס לעקטריע!

— ער ווייסט וואָס ער רעדט, דער אַלטער!

— ער ווייסט!

און באַלד האָט זיך צוגערוקט קאַנאַריק שוסטער און אַריינגעשטופּט אין רעדל אַריין זיין פאַרוויכערטע נאָז:

— און מענדלס זון, דער דאָקטער, גייט טאַקע מיטן עטאַפּ, האַ?

ער האָט דאָס אַ פרעג געטאָן מיט אַזאַ אויסדרוק און מיט אַזאַ טאָן, אַז מ'האָט געקענט מיינען, אַז אי סע טוט אים האַנאָע, אי ער האָט ראַכמאָנעס.

— פלוצלינג? — האָט ער ווייטער אַליין גערעדט, ווען קיינער האָט אים ניט אונטערגעכאַפּט, — פלוצלינג??!

דער גאַנצער מאַרק האָט שוין געוואוסט, אַז מענדלס זון גייט מיטן עטאַפּ אין אויעזד אַריין און מ'האָט עס עפּעס ניט געוואָלט צעפּויקן. מ'האָט ניט געוואָלט אין אַזאַ ביטערער צייט אָנטאָן מענדלען דעם צאַער און דעם ביזאָיען.

אַלע האָבן נאָר שטום אַרויסגעזאָגט:

אַזאַ אומגליק, בהיטע גאָט, אַזאַ אומגליק!..

דער אַלטער סענדער, וואָס האָט, דאַכט זיך, ניט געהערט וועגן וואָס סע האַנדלט זיך, האָט זיך צוגערוקט און מיט אַ שטראָפנדיקער שטים אַ ציטער געטאָן:

— ער וועט נאָך גיין געקאָוועט אין קייטן!

— אין קייטן, זאָג איך אייך, אידן!

אַלע זיינען שטום געבליבן און פאַרדרייט די קעפּ. ווי אַ שניידיקער ווינט זיינען דעם אַלטנס ווערטער דורכגעגאַנגען איבער דעם גאַנצן מאַרק:

— איך האָב אים ניט געוואָלט זאָגן, מענדלען. נאָך צוריק מיט אכט אָר, מיט אַ יאָר זיבן. דער זיקאָרן דינט מיר ניט אינגאַנצן. אָבער דער־מאָלט. אַלע געדענקען:

— מענדל, קוק זיך אַרום! דער, וואָס סע גייט מיט פאָנען, דער גייט אין קייטן! האַלעוואַי זאָל איך ליגן זאָגן, האַלעוואַי זאָל ער מיטן עטאַפּ אָפּקומען! נישקאָשע, — האָט ווייטער שוין גערעדט דער זאָקן רואיקער:

— נישקאָשע. כ'האָב אויך אַ זון ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אויך אַ געשטודירטער. מיין שלוימע. אָבער דער, עזרע, האָב איך באַלד גע־זעען: — ניט אַזוי דאַרף זיך פירן אַ אידיש קינד. איצטער — נאַ! אָט אַזוי גייט עס:

— פריער — אַ פּאָן. נאָכהער שיסט מען אַף אַ קלויסטער. אַניט ווייסט מען דען אַדאַיעם ווער ס'האָט געשאָסן? נו? נאָכהער טוט מען נאָך עפּעס אַזוינס. ווער ווייסט וואָס? ביז, ביז מע דערגייט צו אַזאַ סאָף. האַלעוואַי זאָל ער מיט דעם אָפּקומען, זאָג איך אייך, אידן. איך בין מענד־לען ניט קיין סוינע!

אידן זיינען ניט געווען צופרידן, וואָס דער אַלטער סענדער רעדט אַזוי. עפּעס האָבן זיינע ווערטער געשמעקט מיט קלאָלע. ס'איז געווען אומאַנגענעם פון אַט דעם אַלטן וויים־באַוואַקסענעם מויל אַזעלכע ווער־טער, וואָס האָבן אַנגעוואָרפן אַ פּאַכעד. איז מען זיך אַזוי ביסלעכווייז צעגאַנגען. יעדער מיט זיין פּיירעש.

מאָטעלע באַלעגאַלע האָט געטראָסקעט מיט דער בייטש איבערן מאַרק:

— איך וואָלט אים שוין, דעם אַלטן, פאַר קיין ספּראַווניק ניט גע־מאַכט!

די איבעריקע אידן האָבן ניט געקאָנט אַרויסלאָזן פון זינען:

— אַי־אַי־יאַי! מענדלס זון מיטן עטאַפּ! נעבעך, אַזאַ אומגליק! אַ וואויל באָכערל דעם מענדלס, אויוואַ. אַזאַ אומגליק. מע זעט טאַקע ניט מענדלען די לעצטע טעג.

— ער איז דאָך שוין דאָקטער!

— ווער?

— ער איז נאָך דאַפּקע ניט קיין דאָקטער!

— ס'הייסט?

— אָבער, האָט ער דאָך שוין געדאַרפט ווערן דאָקטער מידיציין!

— נו, ער וועט שוין ווערן דאָקטער מיטן עטאַפּ!

— אַ ראַכמאָנעס, נעבעך, אַף מענדלען!

און מענדל?

מענדל איז געוואָרן געוואָרן וועגן אומגליק באַם אוריאַדניק. דער אוריאַדניק האָט אים געשיקט רופן, אים אָפּגעהאַלטן צוויי שאָ אין וואַר־טעניש און נאָכהער אים אַריינגערופן און אויסגערופן.

— מאָרגענשטערן מענדליאַ! דיין זון, דיין סטודענט. — ער האט זיך ניט געאײַלט, דער אוריאַדניק. ער האט געקוקט אין אַ פּאַפּיר און געטראַכט, ווי אַזוי דאס אַרויסזאָגן מיט מער עפעקט. און מענדל, ווען ער האָט נאָר דערהערט דאָס וואָרט סטודענט, זײַנען אים פאַרשטאַרט געוואָרן די פיס און ס'איז אים געוואָרן הייס. נאר ער האָט זיך געשטאַרקט און אַליין ניט געפילט, ווי ער זאָגט נאך דעם אוריאַדניק:

— „סטודענט"

— רעד מיר ניט נאָך, דו, איד פּאַסקודנער! וואָס? מאַכסט כּוויזעק פון מיר? — האט זיך דער אוריאַדניק צעריטשעט.

אָבער מענדל האט זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט גלייך דערפילט צוריק זײַנע פיס, ווי זיי ווערן אים מיטאַמאָל מיד און זיי געבן זיך אים אין די קני א האלב-ציטערדיקן בויג אויס. און דער אוריאַדניק מיט אַ האַלבן בליק אף מענדלען האט ווייטער געלייענט אויסגעצויגן יעדער וואָרט:

— דיין זון, דער סטודענט, ווערט באַשולדיקט אין קראַמאָלע. קעגן דעם פאטערלאַנד. קעגן דעם גאָסודאַר, דעם קייסער, הייסט עס, — האָט ער אים שוין פאַרטײַטש געגעבן פון אויסנווייניק. — יאָ, קעגן דעם קייסער.

מענדלען האָט דאָס וואָרט „קראַמאָלאַ" דורכגעשווינדלט פאר די אויגן, ווי אַ בליץ, נאָר ער האט שוין מער ניט געציטערט. ער האט נאָר געטראַכט:

— זאָל ער מיך שוין טרעפן, דער דונער!

— יאָ, — האָט ווייטער געצויגן דער אוריאַדניק, — קראַמאָלאַ! דאָס הייסט, אַ ווגוטרעני ווראַג!

מענדל האט זיך ניט גערירט פון אָרט און האָט זיך געשניטן מיט דעם אוריאַדניקס ווערטער דאס לייב, ניט פילנדיק אַפילו קיין ווייטיק. דאס בלוט האט זיך אים ביסלעכווייז אָפּגעשטעלט און ער האט אנגעהויבן קוקן, ווי אַ פארגליווערטער אין איין זייט.

— וואָס שטייסטו, ווי א טשוטשעלע, איד פּאַסקודנער! דו הערסט דען ניט, וואָס איך רעד? ווייסט דען ניט, אַז דיין זון האָט געמאַכט די בונדע בא מיר אין ראַיאָן, און די קראַמאָלע, און טרײַבט שפּיאָנאַזש? האַ? הער זשע, איד: מ'האָט אים אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט, און

מע פֿירט אים אין אויעזד מיטן עטאַפּ. אף דער דינסט. פֿאַר אַ סאָלדאַט. און די שטראָף — נאכהער. גיי! וואָן! גיך!

מענדל האָט אַלצדינג, וואָס דער אוריאַדניק האָט אים אויסגעדונערט, מיט זיך מיטנעמען ניט געקאָנט. ס'האט פֿאַר אים אַלצדינג געשוועבט אין דער לופֿט, אַרום אים, איניינעם. ס'האָט אים פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרפּענטעט. ער האט ניט געוואוסט, וואָס פֿריער אופֿצונעמען. אבער איין זאַך האט ער געדענקט גוט. שאַרף. שניידיק:

— וואָן!

און ער איז אַרויס. ער האט ניט געוואוסט, ווער סע באַוועגט מיט זיינע פֿיס. ס'האט אים א טראג געטאָן איבערן שטעטל, ווי דאס מעשר־גאַעס גאָדלען. ווען ס'האט פֿונדערווייטנס א וואונק געטאָן צו אים זיין שטוב, האבן אים דעם אוריאדניקס ווערטער אָפּגעלאָזט און זיך אומגעקערט צוריק צום אוריאַדניק. ער האט אלץ אויגנבליקלעך פֿארגעסן. ער האָט מיט דערשראָקענע אויגן א קוק געטאָן אף זיין פֿאַרשעמטער סוקע — אַף דעם דאקטער אזריעל מאָרגנשטערנס קאַבינעט, באַטראַכט די צוויי פֿאָדערשטע שטובן מיט די פֿענצטער צו דער גאס, ער האט זיך גלייך דערמאנט, וויפֿל אַרשין ער האט מיטן געקאַרבטן שטעקן אָפּגעמאָסטן אין די צימערן און איז אַריין אינעווייניק.

אינעווייניק האט ער די צימערן נאָכאַמאָל באַטראַכט. ווי א פֿאַרמישפּעטער צום טויט באַטראַכט צום לעצטן מאָל די ווענט פֿון זיין קאַמער, און האט אריינגערופֿן זיין ווייב.

דערווייל האט ער גערעדט צו זיך אליין — קורץ און אָפּגעהאַקט:

— וויל זי, לאָז זי פֿאַרשטיין. לאָז זי זיך אָנשטויסן. נישט — איז נישט. א מאַמע מעג וויסן. ער וועט איר דערווייל ניט זאָגן.

— פֿראדל, קום אהער, פֿראדל!

— וואָס איז, מענדל, — האָט זיך דערהערט אַ גייענדיק קאָל פֿון קיך אין שטוב אַריין, — וואָס איז? וואָס איז געשעען?

— גיכער, פֿראדל, קום אהער!

פֿראדל איז אַריינגעגאנגען מיט א הילצערנער לעפֿל אין האַנט און, אַז זי האָט אים דערזעען זיך אַרומדרייען איבערן שטוב, האָט זי זיך צעבייזערט:

— זע נאָר, זע אביסל, כ'האָב געמיינט גאט ווייסט וואָס! אַ געשריי — פֿראדל, פֿראדל! וואָסי?

— גאָרנישט, פראדל. איך פּאָר אַוועק, פראדל. אַף עטלעכע טעג. אין אויעזד אַריין. איך האָב נישט קיין צייט, פראדל. גיב מיר דעם טאַלעס און טפילן. מע רופט מיך אַרויס אַהין. די מיל. די אַרענדע. כ׳ווייס וואָס? לייג מיר צונויף...

זיין שיפלאָד איז שוין געווען אָפן. ס׳האָט זיך פונדאָרטן אליין אַרויס־געבלאָזן א בלעטעלע פּאַפּיר — זיין אייגן רוסיש קסאַוו:

„דאָקטאָר אַזריעל מאָרגנשטערן”.

און ער האט עפּעס אַלץ געגנישטערט, ניט ווינסדיק אליין וואָס.

— וואָס איז פלוצלינג, מענדל? וואָס ברענט דארט אַזוי? מיטאַמאָל די מיל, די אַרענדע. ער זוכט זיך אויס. וואָס איז, זאָג מיר, דאָס לוי־פעניש? און טאָמער קומט צופארן עזרע? ער קאָן זיך אַראָפּכאַפּן היינט־מאָרגן. ער האָט דאָך אַליין געשריבן אין קאַרטל. פלוצלינג די מיל. פאָרט מען שפּעטער מיט א פאר טעג. דער אויעזד וועט ניט אַנטלויפן. און די מיל וועט ניט פאַרברענט ווערן. וואָס איז?

מענדלען האָט פארקלעמט דאָס האַרץ. ער האָט ניט געקאָנט הערן אירע רייד. ער האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך ניט צעוויינען ווי אַ קליין קינד. ס׳איז אים שוין אַלץ געלעגן אפן צונג:

— אָט וועט ער נעמען און איר אלצדינג דערציילן. אויסזאָגן דעם גאנצן עמעס. נישקאָשע. אַ מאַמע מעג וויסן. פאר קיין מאַמע דארף ניט זיין קיין באַהעלטעניש.

האָט ער פלוצלינג דערזעען אפן פאָל דאס בלעטעלע מיט זיין רוסי־שער האַנטשריפט. מיט אן אויסגעדרייטער קאָפּ האָט ער עס אופגעהויבן, עס א וואָרף געטאן אין שיפלאָד און ווידער זיך געשטאַרקט:

— אַי, טשעפּע זיך אָפּ מיט דיינע ווייבערשע רייד. כ׳ווייס אַליין גוט, וואָס מע דארף און וואָס מע דארף ניט. ער האָט ניט געקאָנט אַרויס־ברענגען איצטער דעם נאָמען פון זיין זון, ער זאָל ניט אויסברעכן מיט אַ געוויין.

— אַז דיר קומט אָן, קאָן דיך דען עמעצער אפּהאַלטן? כ׳קען דיך דען ניט? — האט אים פון דער זייט געגריזעט זיין ווייב.

מענדל האָט זיך אליין צונויפגעלייגט און פראדל האט אים אַלע ווייל־ע געטאָרעט:

— וואָס זשע, פאָרסטו טאַקע, מענדל?

— לאָז מיך אָפּ, פראַדל, בעט איך דיך, — האָט ער א ראַק געטאָן איבער דער שטילקייט, וואָס איז געשטאַנען אין שטוב.

— נו פּאָר, נו פּאָר! אָבער עס כאָטש אָפּ מיטאָג, עס כאָטש אָפּ.

דאָס גאַנצע פּעקעלע איז שוין באַ אים געווען איבערגעבונדן מיטן גאַרטל. ס'פּאָנעם האָט אים געפּלאַקערט און די הענט האָבן אים אונטערגעציטערט.

— זע נאָר, זע, זאָלסט מיר געזונט זיין, דו ציטערסט דאך אינגאַנצן, — האָט פּראַדל ווידער אנגעהויבן — עפּשער האָסטו וואַרעמקייט, מענדל, ס'איז דיר ניט קאַלט?

— וואו ציטער איך? איך יאָג זיך, איך אייל זיך, איך זאָל טרעפן דעם גוי, און דו שטייסט מיר איבערן קאָפּ און וואָראָזשעסט. און כ'זאָל אַפילע זיין פון אייזן קאן מען דען ניט אָנהויבן ציטערן פון דיינע רייד?

ער האט געמאכט נאך א קניפּ אפן פּעקעלע, אפּגיך אנגעטאן די פּאַלטע, א טאַפּ געטאָן ביידע בוזעם-קעשענעס און די היטל, צי זי זיצט אים אַפן קאָפּ, און אַ זאָג געטאָן:

— נו, זיי געזונט, פּראדל, זיי געזונט! טאָמער וואָס, איז אין א פּאָר טאָג אַרום, אין עטלעכע טעג אַרום... אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג.

ער האט א הויב געטאן די האנט צום אָרט, וואו ס'איז צוגעשלאגן די מעזוזע, א ווישׁ געטאן מיט צוויי פינגער א שטיקל ביישטידל און איז אַרויס. און פּראדל איז געבליבן שטיין מיט דער אויסגעשטרעקטער קאָכלעפל באַ דער טיר און געוויינט:

— נאַ דיר אַ פּאָרעכץ. פּלוצלינג. אים אַ סע קומט אָן. ער זאָל כאָטש קומען געזונטערהייט.

זי האט אים נאכגעקוקט אין דער ווייט, ביז דער וועג האט אים אויסגעדרייט לינקס צום דאָרף צו, צו פּאָפּעליוכעס הייזל.

אין אַ האַלבער שאָ ארום האָט שוין טאַראַס פּאָפּעליוכעס בלינדע שקאַפּע געשקראַכעט מיט די קאָפּיטעס די פּייכטלעכע ערד און געפירט מענדלען אין אויעזד אריין מיט דער אַקס. פּאָפּעליוכע האט זי געשלאָגן און אליין אונטערגעסאפּעט פאַר איר:

— ס'איז באַרג-אַרוף. מע דאַרף זי אָנפּויען. ס'וועט באַלד זיין א ברונעם. — די שקאַפּע האָט אלע ווײַלע אופגעהויבן דעם ווײַדל אירן אין

אַ האַלבער לעוואָנע, מיט אַזאַ אָנשטעל, פּונקט ווי זי וואָלט נים געווען פּאַפּעליוכעס שקאַפע, נאָר עפּעס גאָר אַ גרויכאַרטיקע פּאַווע, און מיט גרויס קוראַזש און טאַראַראַם אויסגעליידיקט דאָס ביסל אָפּגעקאָכטע סיטשקע פון איר אָרעמען שקאַפישן מאָגן.

נאָר מענדל האָט געבעטן גאָט, ס'זאָל זיך ניט טרעפן קיין וואַסער דעם גאַנצן וועג, אַז פּאָפּעליוכע זאָל זיך פאַרשפּאָרן שטעלן פויען.

— כאָטש וואָס איז דאָס לויכן,— האָט ער קוקנדיק אָף דער כאַיע, וואָס איז געקראָכן פון דער פּעל, אַ טראַכט געטאָן,— וואָס וועט העלפן דאָס לויכן? ווער וועט אים דען אין אַזאַ צייט וועלן ענטפערן, אַז סאַ־כאַקל האָט איצט יעדערער מוירע אויסרעדן אַ וואָרט.

ס'האָט אים אַ שווינדל געטאָן אין זיקאָרן אַ פּריקאַז, וואָס ער האָט געלייענט אין שטעטל אָף דער פּאָסט, ערשט יענע וואָך:

„ניע גאָוואָרי. ווגוטרעני וורא̇ג פּאָדסלושיוואַיעט".

„ווגוטרעני וורא̇ג". אָט דאָס וואָרט האָט אים אַ קלעם געטאָן דעם קאָפּ, ווי מע וואָלט אים אָף אים אַן אייזערנע רייף ארופגעזעצט. אָט דאָסזעלבע וואָרט האָט אים געזאָגט דער אוריאַדניק וועגן עזרען. דע־מאָלט אין פּאָסט, ווען ער האָט עס איבערגעלייענט און ניט פאַרשטאַ־נען, איז אים אַפילו ניט איינגעפאַלן צו פרעגן בא עמעצן, וואָס סע באַ־טייט „ווגוטרעני".

— ווייניק פּריקאַזן קלעפּט מען? גיי ווייס, וואָס אַלע פּריקאַזן ווילן. אַ וואָרט און האָדי! אַ איד,— האָט ער געוואוסט,— דאַרף זיך ניט מישן אין פּריקאַזן. סע נישט קיין אידישע זאַך, פּריקאַזן.

איצטער איז אים שוין דער פּריקאַז פון פּאָסט נאָכגעלאָפן נאָכן וואָגן, אַהין, אין אויעזד אַריין. איבערגעיאָגט און זיך געקלעפּט אינדערלוכט, אַזוי, אַז אי די בלינדע שקאַפע, אי פּאָפּעליוכע, אי ער אַליין, מענדל, זאָלן אים אַלע גוט ארויסזען און לייענען —

ווגוטרעני וורא̇ג!

און ס'דאַכט זיך אים, אַז אַלע ווייסן שוין, פאַרוואָס יאָגט זיך נאָך אָט דער פּריקאַז און וועמען ער מיינט.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אָף הינטן. ס'איז אינגאַנצן געווען צו פאָרן אַ ווערסט 12־13, און ער האָט זיך געשראָקן פאַרן געדאַנק, אַז

אָט באַלד איז שוין דער אויעזד, אַז אט באַלד איז דער עטאַפּ, אַז אָט באַלד איז...

נאר פּאָפּעליוכע האט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּאָנעם, ווען מ'איז אַריבערגעפּאָרן דאס בערגלדיקע אָרט און די שקאַפּע איז שוין געגאַנגען רואיק. ער האט זיך צו אים אויסגעדרייט און גלאָט א זאג געטאן:

— ווייטער אַ מאָל א מאָביליזאַציע! מענדליא! הא? ווידעראַמאָל וואַרף דאס דאָרף, די שטוב און די ערד און גיי. ווער ווייסט ווי לאַנג נאך ס'וועט זיך ציען?

פּאפּעליוכע איז געזעסן אינדערלענג פונם וואָגן אזוי, אַז מיט איין אויג האט ער געקאנט קוקן אַפן פערד און מיטן אַנדערן — אַף מענדלען.

— נו, און דיין יאָר רופט מען נאך ניט? מענדל, מירן נאך אַלע גיין! אַלע! עט!

פּאָפּעליוכע האט גענומען אונטערסמאָקען צו זיין שקאַפּע, זי זאָל גיין אַביסל לעבעדיקער און אויסגעשטרעקט דעם אויער צו מענדלען.

— ניין, טאַראַס, — האט מענדל אָפּגעענטפערט קורץ, — ניין!

— פון וואָס פאַראַ יאר ביסטו דען, מענדל?

מענדל איז געוואָרן אומגעדולדיק און דאָך איז ער געווען צופרידן, וואס דער גוי ציט אים צו א געשפרעך.

— 56 יאר בין איך אַלט, טאַראַס, 56, — האט מענדל איבערגעכאַזוערט מיט א קרעכץ.

— נו, און דיין זון? מענדליאַ, דער געלערנטער, דער דאקטער, דער דינט גארניט? ער איז דאך פונקט אין די סאַמע יארן, מענדליא, האַ?

מענדלען האט זיך א דריי געטאן אין קאָפּ דער וועג מיט אַלע פיר זייטן וועלט. ער האט זיך מאָמענטאַל אונטערגעהויבן, פונקט ווי ס'וואָלט אים ניט געווען באַקוועם צו זיצן און זיך באַלד ווידער אַנידערגעזעצט. ער האט זיך נאך א נעם געטאן באַם קנעפּעלע פון דער העמד, וואָס אַרום האַלז, פונקט ווי דאסדאזיקע קנעפּעלע וואלט אים איצטער שטאַרק געשניטן, און א זאג געטאָן הייזעריק און מיט א הוסט:

— ער דינט!

ער האט אים פונדעסטוועגן נאך עפּעס געוואלט זאָגן, נאר אונטער די רעדער פונם וואָגן האָבן א געשריי געטאן שטיינער פון א שאָסיי. דאס האט באטייט, אַז ס'איז שוין די שטאָט, דער אויעזד.

פּאָפּעליוכע האט גענומען פּאָרן פּריילעכער און גיכער און מענדלען האט אנגעהויבן גיכער קלאַפּן אין האַרץ. יעדער איבערגעפּאָרענער שטיין פון שאָסיי האט זיך דורך אַן אָפּענעם וועג אַרופגעלייגט אַף מענדלס האַרץ.

אט איז שוין די פור אין שטאָט. פּאָפּעליוכע איז שוין אַראָפּגעשפּרונגען און גייט שוין באַגלייך מיט דער שקאַפּע און אינגלעך באַרוועסע לויפן, שפּריצנדיק אַף די פאַרבייגייער מיט בלאָטע און מיט:

„— 36 האַלבע דיאָפּטרי — באַפרייט;
37 - טע סטאַטיאַ — אָפּגעשאַפט!
אַלע אַרטיקלען — אַנולירט!

ס'איז געווען נאָך האַלבן טאָג. א קילער און א פרישער נאָכמיטאג, א טיף - האַרבסטיקער מיט אַביסל פאַרבלאָנדזעט גאָלדיקייט אַף שויבן פון הויכע הייזער; און ס'האט נאָך אלץ געשמעקט מיט אויבסט, מיט האַרבסטיקע פּירן אויבסט, וואס מע לייגט אָפּ אין די קעלערס אַפן לאַנגן ווינטער.

אינמיטן שאָסיי האבן זיך געשלעפּט פאַרשפּעטיקטע פאַרטיעס צום סבאָרנע - פּונקט פונם וואָינסקי - נאַטשאַלניק.

פאַרטיעס פאַרשיידענע באַלמומען און קאַליקעס. יעדער איינציקער האט געטראָגן אין די אויגן די טרייסט און די האָפענונג פון זיין מוח. אַנדערע זיינען גלאַט געגאנגען טאַמעוואַטע, גלייכגילטיקע, אָפּגעריסענע און פאַרלוירענע. אַלע זיינען זיי געגאַנגען טעמפּ, ווי די גרויסע פאַרטיעס אָקסן, וואס גייען איבער פון איין אָקסנהענדלער צום צווייטן.

נאָר געטריבן זיינען זיי געוואָרן פון זעלנער. פון פאַרטיקע. זעלנער, וואס אנשטאט ביקסן האבן זיי געטראגן ביכער און אזוי פויל און שלעפעריק אונטערגעפּאַנפּעט צום טאַקט:

— ליעוואָי! ליעוואָי!

אָבער די פּיס פון נאָוואָבראַנצעס האבן ניט געפאָלגט. זיי האבן געשפּאַנט לויט די כעסרוינעס. יעדער פּאָר פיס — מיט איר אייגענעם באַלמומישן טאַקט:

„— 36 מיט א האַלבן — באַפרייט!
37 - טע — אָפּגעשאַפן!
אַלע סטאַטיאַען — אַנולירט!

אָנגעטולופּטע נאָוואָבראַנצעס, ווי א כּעוורע, וואס מע פּירט אין העקדעש, מיט ווייבערשע שאַלן אַרום די בּרודיקע, ניט אויסגעשלאָפענע און ניט אויסגעוואַשענע העלזער; נאָוואָבראַנצעס מיט רויטע טיפע קאַרבּן אַף די נעזער, מיט שטיקלעך בּרודיקע וואַטע אין די אויערן, מיט פיס אַזוינע, וואס קאָנען ניט אָדער ווילן ניט קיין ריר טאָן זיך פון אָרט — אָט אַזעלכע טשערעדעס האבן זיך געשלעפּט איבערן שאָסיי, אויספּרואוונדיק און אָנשטעלנדיק זייערע כּעסרוינעס, ווי קלעזמער שטעלן אָן זייער שפּיל־אינסטרומענטן פאַרן שפּילן.

און ס'האט געשפּילט.

איינער האט צוגעהאַלטן די נאָזלעכער מיט צוויי פינגער, ארויסגעדעלובּעט א שטיקל קויטיק־געלע וואַטע כּונם אויער, ווי פון א צעשאָסענעם אַרבּל און אָנבּלאזנדיק זיך אף רויט און אף טויט, בּיז צום צעזעצט ווערן, האט ער געפרעגט בּאַם אַנדערן:

— נו?

— ס'פּייפט!

— פון וועלכן?

— כּון בּיידע!

דער אנגעבּלאָזענער איז נאכאמאל אזויפיל רויט און אָנגעבּלאָזן געוואָרן פון כּארבּאַהאַלטענער האפענונג און כּון בּושע.

א צווייטער האט צעשנורעוועט אַן עקלהאַפּט מויל, א לײדיקס, א פינצטערס, ווי אַן אַלטן צעקנייטשטן ליידיקן טאַיסטער און א היקע געטאָן אַף שטום־לאָשן:

— הי?

— מ'עט דיר געבּן סאָסקע, וועסטו סמאָקען, ניטשעוואָ, — האט אים ארייגעגעמבּעט עפּעס א געזונטער בּאָכער, א דעזערטיר, — ניטשעוואָ!

יענער איז געבּליבּן שטיין און ניט געוואוסט, צי זאל ער עס פארמאַכן, דאס מויל, צי זאל ער עס שוין אַזוי טראגן אין פּריסוטסטווע — א צעעפנטס.

אַנדערע פאַרשוינען פון די נאוואבּראַנצעס האבן זיך געבּלאזן אינדערשטיל, צוהאַלטנדיק מיט א פּאָר פינגער די דיך — אַף וויפל אינדערהויך זי גייט אוף.

דאס איז געווען א זיכערער „גיע־גאָדיען“ אין קעשענע.

— מע זאָל נאָר די סטאַטיאַ ניט אפּשאַפן.

צווישן אט דעם גאַנצן פאַרשיידנברודיקן בראַק, וואס האט טרייסטלאָז בעווישט די שוויצנדיקע פּענעמער און די שוויצנדיקע שטערנס, אָנ־טרעטנדיק דערביי איינער דעם אַנדערן אַף די שטיוול,— איז געגאַנגען עזרע מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ און אַרייַנגעאָטעמט לופט פון דער הויך, וואס איבער אט די אַלע קאָפּעליושעס און איבערגעבונדענע באַקן.

ער האט געטראגן צו דער פּריסוטסטווע, צו דעם סבאָרנע־פּונקט זיין סטודענטישן מונדיר מיט צוועלף סימאָנים פון אַראָפּגעריסענע קנעפּ; ער האט געטראגן עפּעס א געפּערלעכע כטאַטיאַ וועגן קראַמאָלע, וואס איז קעגן פאטערלאַנד, און כויְ דעם אַלעמען האט ער נאך געטראגן זעקס און צוואנציק יאר מיט א געזונטן כיישעק זיי צו קייפלען אַף דריי מאָל אזויפיל.

מענדל האט נאך אים געטשאַטעוועט. ער האט מוירע געהאַט זיך טרעפן מיט אים. אבער פון אויג האט ער אים ניט ארויסגעלאָזט. כונדערווייטן. עזרע זאָל אַפילע ניט ויסן, אַז ער איז דאָ.

מענדל איז שוין געווען באַם ספּראַווניק. גערעדט מיט די שרייבערס, שוין געגעבן געלט און שוין געוואוסט, אַז ס'איז פאַרפאַלן. ער איז שוין אויך געוואוירע געוואָרן, אַז עזרע איז א „וונוטרעני“, און דאס אלץ האט ער איינגעהאַנדלט פאַר א פּוזיטנעם צענערל.

און פאַר נאך א פינפאונצוואַנציקער האט ער אויסגעפּוילט, מע זאָל עזרען שיקן וייט פון דער מילכאָמע. איז ער שוין געווען צופרידן, דער אָרעמער מענדל.

כוין דעם האט ער נאך געטראַכט:

מאָרגן גייט מען מיט א גרינעם הונדערטער באָטל מאַכן דעם פּאַפּיר מיטן „וונוטרעני“ און גאָט וועט העלפן.

ד'ער גאַנצער ווייטיק איז אים מיטאַמאל ווי א באַרג אַראָפּ פונם האַרצן, ווען ער האט דערזען עזרען דורכגיין — א הויכן, מיט אן אופגע־הויבענעם קאָפּ איין אַזאַ אומגליק.

ס'האט זיך אים מיטאַמאָל צעפלאָכטן דער געדאַנק.

— אט איז ער, עזרע. דארטן, עזרע. עזרע! עזרע!

ער וואָלט צוגעלאָפן צו אים — טאר מען ניט. שפּעטער. האט ער דערווייל געריסן די אויגן און איז אים נאכגעגאַנגען פונדערווייטנס.

דער סבאָרנע־פונקט איז געווען ארומגעקרויזט מיט א גרינעם פאַרקן. און דורך די שפּאַרונעס האבן ארייַנגעקוקט נייַגעריקע.

פון אינעווייניק האבן זיך אַלע ווילע אַרויסגעשאָטן האַלב־נאַקעטע פאַרשוינען מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן, מיט ניט קיין פאַרשפּיליעטע העמ־דער און מיט בלאָנדזשענדיקן פיבער אין די אויגן, וואס האבן געזוכט די כעסרוינעס. זייערע כעסרוינעס.

עפּעס זיינען זיי זיך, די כעסרוינעס, צעלאָפן פון אונטער די הענט!

אָט ערשט זיינען זיי געווען קאַליקעס. עמעסע נאַסטאָיאַשטשע קאַ־ליקעס, מיט סטאַטיאַען און מיט אַלץ ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. און דא, אט ערשט, האט די גזיירע זיי געמאַכט צו נישט! האבן זיי זיך געשטופּט און געדרייט און, זוכנדיק אַרום זיך די טייערע כעסרוינעס, האבן זיי אַפּילע פאַרגעסן, אז זיי גייען האַלב־נאַקעט.

עזרען האט אנגענומען אַן עקל פון אט דעם ביסל כאַיעל; נאָר ס׳האט זיך אונטערגערוקט זיין פאַמיליע לויט דער ריי.

ווען ער האט דערהערט אויסרופן זיין נאמען, איז ער אריין אַפּגיך און ניט אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די קליידער — געמאָלדן:

— געזונט!

און מיט עטלעכע פאַרוואונדערטע בליקן פון נאַטשאַלסטווע אַפן רוקן, האט ער דורכמאַרשירט דעם זאַל און איז אַרויס כאַפּן לופט און אויס־שפּייען.

דערווייל האט ער זיך ארומגעדרייט אין הויף. ער האט געוואַרט אַף א פּאַרטיע, מע זאָל זיי אָפּפירן אין קאַזאַרמע.

דער פּלאַץ איז געווען אָפּגעשיט מיט לושפּאַיקעס פון יאָדערן, ווי מיט א קויטיקן ערעוו־פרילינגדיקן שניי. היגטערן פאַרקן זיינען געזעסן גויעס מיט פולע קוישעלעך געפּראַזשעטע יאָדערן און האבן פאַרקויפט אַף דער גלאָז:

— צום פלאָגן זיך! ס׳זאל אָפּפּאַלן פון דער וואָג!

אלע ווילע איז דורכגעלאָפן א יאַטל, ווי א פייל:

— אַ נייע טאַבעלע סטאַטיאַען!

און מיט די אויגן, בלויז מיט די אויגן ארייַנגעאָטעמט א זשמענע יאָ־דערן בא א גויע פונם קויש.

אינעווייניק אין דער פּריסוטסטווע האבן זיך געשטופּט א „יאַ“ אף א א „יאַ“. ס׳זיינען אונטערגעקומען נייע פּאַרטיעס נאָוואָבראַנצעס און

דיאַפּטריען האָבן זיך באַ זיי געבוצקעט אין די אויגן, ווי קראַנקע פליגן אַף אָנגעוואַרעמטע שויבן:

„— 36 מיט א האלבן — באפרייט!
37־טע — אָפּגעשאַפן!
אַלע — אַנולירט!

ס'איז געווען א געדראנג. סאָלדאַטן האָבן געטריבן די „וואָלנע". און אין אזא געלאָף און געדראנג, האט מען מענדלען צוגעשטופּט צום גריי־נעם פאַרקן, וואו עזרע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט און געוואַרט אַף א פּאַרטיע.

עזרע האט אים דערזען.

פון מענדלס אויגן האט געזעצט א היץ. זיי האָבן איצט ניט געפּי־בערט פונם אָרעמען מילנערס פּאָנעם, נאָר פון דער גאַנצער וועלט. דער אָרעמער מילנער האט ניט געוואָלט פאַרשאַפן זיין קינד קיין צאַער מיטן ערשטן וואָרט, וואָס ער, זיין זון, וועט אים דאַרפן זאָגן; האט ער זיך אַליין אָנגערופן צו אים, פונקט ווי ער וואָלט זיך שוין מיט אים געזען:

— ס'איז איך, איך.

ס'האט זיך אים איבערגעהאַקט דעם אָטעם.

— איך, גאָרנישט. מיסטאָמע איז אזוי בעסער. כ'וועל מאָרגן זיין באַם ספּראַווניק. הונדערט קאַרבן וועל איך אים געבן. ס'זאָל ניט זיין קיין וונוטרעני. מאָרגן וועל איך צו דיר קומען. נישקאָשע, נישקאָשע...

דער גאָראָדאָוואָי האט שוין גענומען מיט געשריי צעטרייבן דעם אויי־לעם. און מענדל, ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פון זיין סאָלדאַט, איז מיט עפּעס א האַלב ניט־דערזאָגט וואָרט אַוועק אין א זייט, וואַרטן ביז זיין זון וועט צוריקגיין, קעדיי ער זאָל אים נאָכאַמאָל זען און וויסן וואוהין ער זאָל מאָרגן צו אים קומען.

עזרע האט די גאַנצע צייט צו זיין פּאָטער גאָרניט גערעדט. ער האט בלויז שעמעוודיק געשמייכלט מיט פייכטע גלאַנציקע אויגן צו דעם אָרעמען מילנער, וואס איז געקומען מיט פּאָטערלעכער ליבע אים איבער־בונדן זיין וואונד.

ס'איז אים געווען שווער איבערצוטראָגן די ליבע פון דעם אָרעמען מילנער, וואָס האט קאָליאָמאָוו ליב געהאט א טאָווארנע. בלויז קוקן. יאָ

סכוירע, ניט סכוירע. ס'איז אים געווען שווער דער צאַער פון אט דעם אָרעמען מילנער מיט צעבראָכענעם און פאַרשעמטן שטאָלץ אף א זון א דאָקטער, — פון זיין אָרעמען טאטן, וואָס האט זיך איצט א דערשלאָגענער ארומגעדרייט מיט אן אָרעמער טרייסט אין מויל אף צו דערקוויקן דעם ווידערשפעניקן זון זיינעם. אים, דעם זעקסאונצוואַנציקיאָריקן קראַמאָלניק, איז דער אַלטער מענדל מילנער געקומען — דורך די שפּאַרונעס פונם פאַרקן אריינלייגן ביגנייווע א טרייסט אין האַרצן, ווי א פויגל לייגט אריין א קערנדל אין מויל פון זיין קינד און אים צערטלען פונדערוויטנס מיט האַפּטאָכעס:

„— ספּראַווניק, הונדערט רובל, וונוטרעני...״

האָט ער שעמעוודיק שולדיק געשמייכלט מיט גרויסע, גרויע ווייטע אויגן:

— אָרעמער טאַטע!

די גאַנצע נאַכט האט מענדל געפּלאַנעוועט, ווי אזוי ארייננצושטופּן דעם אָדן די מייע, אז ער זאָל צעררייבן דעם וונוטרעני. ער האט זיך אַלע ווילע אופגעזעצט אַפן געלעגער און א קרעכץ געטאָן, און זיך צוריק צוגעשפּאַרט. אַלע ווילע אופגעהויבן דאָס פאַרהאַנגל פונם פענצטער, צי סע טאָגט שוין. נאָך אַ פּאָר דריי אַפן געלעגער, נאָך א קרעכץ, איז מענדל אַראָפּ, אָפּגעגאָסן די נעגל און אוועק דאַוונען.

פון שול איז מענדל אוועק אַפן מאַרק. מיט גרויעריק - בלאַנדזענדיקע אויגן האט ער געשאַרעוועט צווישן די קליימלעך. איינגעהאַנדלט א בלעכן טשאַיניקל. ער האט א קלוגנ געטאָן אינם בלעכענעם בייכעלע, צי ס'איז גאַנץ. נאָכדעם האט ער געקויפט אַ ברויט, א פּעקעלע טיי און עפּל.

יעדן עפּל האט ער באַקוקט, ארומגעווישט מיטן אַרבל. און א באַלאָדענער מיט דער נייער קראָם סכוירע, וואָס ער האט ערשט איינגעהאַנדלט, האט ער זיך פּלוצלינג דערמאַנט:

— א קעסטעלע! א סאָלדאטסקע קעסטעלע...

ס'האט אים א ריס געטאָן אין האַרצן:

— פאַר עזרען, פאַרן דאָקטער, אָנשטאָט א קאַבינעט—א סאָלדאטסקע קעסטעלע.

ס'האט אים א שווינדל געטאָן פאַר די אויגן זיין סוקע, זיין פעדערשטע שטובן מיט די פענצטער צום גאַס, זיין פראַדל, און ער האט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— א קעסטעלע, א סאָלדאטסקע קעסטעלע...

ער האט נאָכאַמאָל באַקוקט דעם מאַרק, א וויש געטאָן מיטן אַרבל דאס פּאָנעם און איז אוועק אין קאַזאַרמע. דער סאָלדאַט, באַם אריינגיין אין הויף, האט אים אָפּגעשטעלט:

— אַ פּאָטער?

— יאָ,— האט מענדל מיט דאַנקבאַרקייט געענטפערט,— יאָ א פּאָטער.

ס'האט זיך א טראָג געטאָן איבערן גאַנצן סבאָרנע-פונקט:

— פּאָגרוזקא! אַפן וואָקזאַל, קיין טאַמבאָוו.

און מענדל איז אריין אין הויף. מיט א צעשפּיליעטן מאַנטל, פון וועלכן די פּעקלעך האָבן זיך געבאָמבלט און געריסן די קנעפּ און זיי צעשאָטן אַפן הויף, איז מענדל צו צו עזרען און אים א ווייז געטאָן אין פּאָנעם אַריין:

— נאַ, זון מיינער, נאַ. א טשאַיניקל, און אביסעלע אויבסט. דאָ האָסטו דאס קעסטעלע. פאָר געזונט און לאָז דער אויבערשטער זיין מיט דיר.

עזרע האט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איינהאַלטנדיק אין האַלז אביסעלע פייכטע היץ:

— זיי געזונט, טאַטע, זיי געזונט!

— עזרע, זון מיינער,— האט מענדל נאָכאַמאָל א רוף געטאָן.

ער האט אַרויסגענומען פון דער קעשענע א צעקנייטשט פּאָסטקאַרטל:

— שרייב?.. שרייב, עזרע, זאָלסט ניט פאַרגעסן אָנשרייבן, עזרע. פונם וועג, עזרע, לעמאַנאַשעם, עזרע.

אין הויף האט זיך אופגעהויבן א טומל:

— אָנטאָן זיך.

מענדל האט אַפגיך אַ קוק געטאָן אַף עזרען און אים איבערגעלאָזט אַבי-סעלע געזאַלצענע פייכטקייט אַפן פּאָנעם פון זיינע אויגן און אַפן הייסן דורכגעטריקנטן מויל און זיך געשטעלט וואַרטן אף יענער זייט שטאַכעטן, ביז די נאָוואָבראַנצעס וועלן דורכגיין.

איז ער אזוי געשטאַנען און געקוקט אין ווייטן וויסטן ערגעץ אַריין:

— עזרע א נאָוואָבראַנעץ... א נאָוואבראַנעץ מיט א סאָלדאטסקע קעסטעלע...

האַלב איינס א זייגער האט שוין מענדל געהאט דאס פּאַפּירל מיט דעם „וונוטרעני" באַ זיך אין בוזעם־קעשענע, מיט א גוטברודערישן שמייכל פון דיעלאָפּראָאיזוואַדיטעל און מיט א שטעכיקן בליק.

און אז ער איז פאַרנאַכט געקומען אהיים צוריק פונם אויעזד, האט ער געטראָפן באַ זיך אַפן טיש אַן אופגעכאַסמעטע בריוו פון זיין ווייבס קיעווער קאָרעוו, פונם דאָקטער פילאָזאָפיע, געדאליע אַראָנסאָן — באָזע האַלאָשן:

ידידי הנכבד, מ״ר מנחם מנדל מרגנשטרן שיחיה...

תודה להש״ית בעד בריאָתינו הטוב, כן יוסף ד׳.

עם הבן שלך, באמת לא טוב. לא ראיתיו זמן כבר. על פי שכל הישר הו הולך עם העטאַפּ. היתה מניפיסטציה מורדת. בשעת מלחמה... והו לקח חלק בה. אַל תצער מאד. כי הנביאה נתקימה. ככתוב בנים משחיתים, עזבו את ד׳ אלוהיך. וגומר...

הנני המדבר

ד״ר גדליהו מאיר אַרנסן

XI

א הילצערן קעסטעלע, א בלעכן טשאַיניקל און אביסעלע בלעך אַפן פּאָנעם.

צוועלפוועדסטאָווע סלופּעס געשטרייפטע — איבערגעציילט שווייסיק ביז צום וואַקזאַל. א רויטע טעפּלושקע. דריי קלונג. אַן אומעטיקער פייף פון לאָקאָמאָטיוו און — מער גאָרניט.

פּאַרנט — פעלדער און הימל, הינטן — פעלדער און הימל.

ערגעץ שטייען אויסגעשטעלט טעג. טעג, ווי סלופּעס ווערסטאָווע, ווי געשטרייפטע, און וואַרטן שטיל, מע זאָל זיי איבערפאָרן.

ס'שלעפּט זיך א לאַנגע שורע רויטע הילצערנע שטיבער, ווי א גרויסער צעשניטענער וואָרעם אינמיטן דער וועלט.

און שטאָלענע רייפיקע פּיס פון א וואונדיק-וואָיעדיקן לאָקאָמאָטיוו איילן זיך ערגעץ מיט אימפּעט.

— ווער ווייסט?

צי דאַרפן זיי פריער ערגעץ אָנקומען, צי דאַרפן זיי פריער עפּעס איבערפאָרן?

אף דעם הענגענדיקן העל-בלויען דנאָ פון דער וועלט פאַרגייט די זון און ווײנט אראָפּ מיט קאַלטע רויטע זיילן אף די צעשטופּלט-ליסקעדיקע רוימען.

פּאַרנט — פעלדער און הימל, הינטן — פעלדער און הימל.

און אָט ליגט שוין א טאָג אומגעפאַלן, ווי אַ איבערגעקערטער ווערסטאָווער סלופּ, א געשטרייפטער.

אַף דעכער זעצן זיך אויס דעמערן און דער צוג פירט זיי ערגעץ אַוועק. פון אלע זייטן פעלד הויבט זיך אוף א פינצטערער אָטעם אין

הימל ארײַן. ערגעץ גיט נאָך א רעווע א קו, וואָס וועט שוין געוויס בלײַבן נעכטיקן אין פעלד. און פערד איינזאַמע, געפּענטעטע פערד שלאָפן איין שטייענדיקערהייט. ס'לאָזן זיך בײַ זיי אַראָפּ די קעפּ אליין. די גריוועס ווערן שווער. גרינגע ווינטלעך בלאָזן אויף אין זיי שפּאַרונקעלעך און אין די פערדישע גריוועס גיסט זיך ארײַן, ווי א שוואַרצער צוואָג — די נאַכט.

פון א מיטלסטער טעפלושקע דורך א פירעקיק פענצטערל שטעקט זיך אַרויס א קאָפּ אין דער נאַכט ארײַן. ס'איז שוין שווער אונטערצושיידן, פון וועלכער זײַט מ'איז ארויס און אין וועלכער זײַט מע פאָרט. ווינטן שנײַדיקע, ווי מעסערס, רײַבן זיך בײַ דער בלינדער וואַנט פון טעפלושקע און ווילן אָפּשנײַדן א קאָפּ. נאָר עזרע שלינגט זיי, די אָפּגעריסענע שטיקער ווינט, און פאַרגיסט מיט זיי א הייסן דאָרשט.

עפעס איז אים טרויעריק. שוין ניט מער פון זײַן טאַטן דעם אָרעמען מילנער מיט די דערשראָקענע אויגן, וואָס האט מיטגעגעבן שעמעוודיק א בויגעלע פאפיר, א צעקנייטשט פאָסטקאַרטל און נאָכגעשריגן:

— אָנשרײַבן פונם וועג! ניט פאַרגעסן!

ניט פון אים. ער, דער טאַטע זײַנער, האט דאָך געוויס אין יענער צײַט געוואָלט בעסער א פרעג טאָן מיט שטאָלץ צו די שטערן:

— נו, אויב ניט קיין פלאַנעט, איז דאס מיסטאַמע א קאָמעט, האַ? עזרע!..

ער שטייט אים פאַר די אויגן, דער צעשפּיליעטער איד, וואס די פעקלעך האבן אים אָפּגעריסן די קנעפּ און זיך צעשאָטן אפן סבאָרנעפונקט...

— פונוואַנען — האָט עזרע א טראַכט געטאן — האט זיך צו דעם מילנער גענומען קויעך און צאַרטקייט צו אים, דעם שלעכטן זון, וואס האט אים אָפּגענאַרט, וואָס האט אים צעבראָכן און כאָרעוו געמאכט. פונוואַנען האט זיך צו אָט דעם פּראָסטן אידן גענומען אזויפיל קויעך ניט פרעגן בא אים — פאַרוואָס האט מען אים געשיקט מיטן עטאַפּ? פארוואָס זײַנען בא אים אראָפּגעריסן די גאָלדענע סטודענטסקע קנעפּ? פאַרוואָס האט דאס אלץ געשען?

ער האט, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל דערזען אט דעם פּראָסטן טאַטן אין זײַן גרויסער נאַטור. ערגעץ פון א ווינקל, אינם אויעזד, באַם עטאַפּ,

צווישן הונדערטער פאַרקריפלטע קאַליקעס,—אָט דאָרט אף איין אויגנבליק האט ער אים דערזען.

נאָר זיגזאַגיק האט זיך אים געשניטן דער מויעך פונם קריכנדיקן קאַראַוואַן טעפלושקעס, פון די בלעכענע טשאַיניקלעך, וואָס האבן געשווירק אַראָפגעהאַנגען פון טעפלושקעס סטעליע, ווי אומעטיקע קאַראַוואַנישע גלעקער. ס'איז אים אומעטיק געווען פון די גרויסע, פון די ברייטע נאָוואָבראַנצישע פענעמער, וואָס זיינען מיט טויט־פאַרוואונדעטע אָפענע מיילער געשלאָפן אף די פאָלקעס איינס נעבן אַנדערן, ווי געקוילעטע.

ס'איז אים געווען פיינלעך, פאַרוואָס דער צוג שלעפט זיי פאַר די רוקנס און זיי ווייסן ניט אין מידן שלאָף אין זייערן—וואוהין זיי פאָרן...

אייניקע זיינען געשלאָפן מיט די טשאַיניקלעך אופגעהאַנגען איבער די אַקסל אף רימנס.

אט וועלן זיי—פאַר די רוקנס געשלעפטע—אָט וועלן זיי אזוי פאַרגעסן ווער זיי זיינען. זיי וועלן זיך פאָשעט אויסטאָן פון זיך, פונקט ווי זיי וועלן זיך אויסטאָן פון זייערע דאָרפישע קאָצובייקעס און וואוילינגישע היטלען און שטענדיק האַלטן אָנגעגרייט די פאַרשלאָפענע פענעמער פאַר קאַזיאָנע פעטש, די רויע ניט־דערפאַרענע קעפ—פאַרן אומבאַקאַנטן סויגעס קוילן, און די מיילער וועלן בא זיי שטענדיק זיין פול מיט אומגעלומפערטע, מיט טעמפע:

„טאַק טאָטשנאָס און ניקאַק־ניעט"...

ס'האט זיך פלוצלינג א רודער געטאָן פונם שלאָף א סאָלדאטישע פוס מיט א לאַנגן יוכטענעם געקנייטשטן שטיוול,—א פוס, וואָס האט עפעס א ווייז געטאָן צו קיינעם ניט פונם שלאָף. ווי א גראָבער אומגעלומפערטער פינגער האט זי א טייטל געטאָן אין דער פינצטערניש צו דער סטעליע ארוף און איז צוריק אראָפגעפאַלן.

זיי ליגן דאָ אַסאַך, אָט די פיס,—האָט עזרע אַ טראַכט געטאָן,—אָט די גראָבע באַשטיוולטע פיס, ווי לאַנגע שייטן האָלץ. ווען זיי וועלן זיך צום ערשטן מאָל אופכאַפן פון שלאָף, נאָכן ערשטן זיסן כאָלעם וועגן דאָרף, ווען פילן און אַפדיאַוויונס, וואו זיי האָבן זיך געוואַרעמט צו פאָר

צענדליקן יאָרן, — נאָכן ערשטן כאָלעם וועגן דאָרפישע זונטיקס מיט רויטבאַקיקע שיקסעס און „דאָסוויטקעס״, פאַר וועלכע ס׳האָבן זיך אַזוי פלייסיק געפוצט די לאַנגע בראַווע כאָליעוועס מיט טראָן און מיט שואוואַקס, — ווען זיי וועלן זיך אופכאַפן פון שלאָף מיט לאַנגע פעדעמלעך סליונע פון די ליפן ביז די קאָרטענע לאַצן און מיט אָפגעקוועטשטע פאַריטלט־וואַרעמע באַקן פון טאָרבעדיקן צוקאָפנס און פון ליגן מיטן פאָנעם אַראָפ, — וועלן זיך די אַראָפהענגענדיקע פיס זיי ניט קאָנען רירן. זיי וועלן זיין אָנגעגאָסן מיט אַסאַך בלוט און פאַרשלאָפן, ווי גראָבע בלעכענע רינוועס. און אופמינטערן וועלן זיי צוויי באַפעלן:

— פראַוואָי!

— ליעוואָי!

עזרע האָט אָנגענומען אַ פולן אָטעם מיט לופט אין טעפלושקע און אים צוריק מיט אַן איינגעהאַלטענעם זיפץ אַרויסגעאָטעמט אין דער צעפאלאָכעטער נאַכט אַריין דורכן אָפענעם פירעקיקן פענצטער פון דער טעפלושקע.

ס׳האָט זיך עפעס פרישס, קילס און פייכטס צוגעלייגט צו עזרעס פאָנעם, וואָס איז פאַר די לעצטע טעג אָפגעפאַלן.

די שכיינעסדיקע טעפלושקע איז געווען געפאַקט מיט מאָביליזירטן סקאָט.

אין יענער טעפלושקע איז מען נאָך ניט געשלאָפן.

אָקסישע בייכער האָבן זיך אין דער פינצטערניש געריבן מיט ווייכער וואַרעמער האָריקייט — איינער אין אַנדערן און געטופעט מיט די פיס אין הילצערנעם פאָל. זיי האָבן אין דער פינצטערניש געפרואווט מיט די פיס, ווי מיט שטעקנס, צי זיינען זיי ניט אין דער לופט. ס׳האָט זיך זיי געוויס געדאַכט, אָט די בייכיקע אָקסן, אַז זיי שוועבן.

די גרויסע אָקסישע האַלב־לעוואָניקע הערנער האָבן זיך צונויפגעדרייט, איבערגעפלאָכטן און האָבן געבלאַנקט אין דעם שוואַרצן כאָלעל, ווי אַן אומפאַרשטענדלעך קסאַוו, אַ פאַרדרייטס, ווי אַזוינע ביינערנע יעראָגליפן אַף די האַכנאָעדיקע אָקסישע קעפ.

איבערן גאַנצן עשאַלאָן איז געווען שטיל. דערשראָקן־איינגעדרעמלט. נאָר די רעדער האָבן זיך געאַמפערט מיט די רעלסן, עפעס אין זיי אַריינגעטאַינעט.

בוימער און בערגלעך, איינגעהילטע אין טונקל־בלויע קרעפּן זיינען פאַרבייגעלאָפן אַפגיך און געבליבן הינטן, אָפגעשטופּטע און דערשראָקענע, נאָכקוקן און זיך צוהערן צו דעם טשוהונענעם גרילץ, וואָס האט געקייט די שטילקייט.

שלאָפנדיקע סאָלדאטן האָבן זיך געדרייט פון איין זייט אַף דער אַנדערער און פאַנאַנדערגעוואָרפן פיס אַף פענעמער און פענעמער אַף שטיוול. ס'האט געשמעקט אין טעפּלושקע מיט דאָרפישער כאַטע, וואָס יונגע דאָרפישע שקאָצים האבן מיט זיך מיטגעבראַכט אין די טאָרבעלעך און קעסטעלעך. און דער מוילעד, דער פולער צייטיקער מוילעד, איינגעפאַסט אין פירעקיקן פענצטער, האָט אויסגעזען, ווי אַ איקאָנע, וואָס דארפישע נאָוואָבראַנצעס פירן מיט זיך מיט אין אַ ווייטן, עפּשער אין אַ לעצטן וועג.

און געשלאָפן זיינען יונגען געשמאַק. און מיד. ניט ווי זיי וואָלטן געפאָרן פון דער היים, פון די שטילע רואיקע דערפער, פון פאַרוויגטע דאָרפישע היימען, אָנגעשטאָפּטע מיט יונגע געזונטע דאָרפישע יאָרן, נאָר פונקט ווי זיי וואָלטן זיך ערשט אומגעקערט פון אַ שווערער נאַכטישער אַטאַקע. פון אַ גרויסן נאַכטישן שלאַכט.

עזרע האט אַלע ווילע אַרויסגענומען דעם ווינטיק־אויסגעבאָדענעם קאָפּ פון פענצטערל, באַטראַכט דעם גרויסן הילצערנעם טשעמאָדאַן אַף טשוהונענע רעדער, וואו ס'זיינען געווען איינגעפּאַקעוועט זיינע נייע שלאָפנדיקע כאַווירים, זיך גוט איינגעקוקט אין זיי און האָט אים צוריק אַרויסגעשטעקט אין דער נאַכט. שלאָפן האָט זיך אים ניט געגלוסט.

פונווייטן האָבן געוואונקען פייערלעך, איינגעוויקלט אין גרוילעך־רויטע אָנעטשעס פון רויך. ס'האט זיך געדאַכט, אַז עמעצער רייסט זיי אַוועק און שטופּט זיי ערגעץ אָפּ ווייט. און גאַנץ נאָענט, האַרט באַם וועג, איז פאַרבייגעלאָפן אַ קרומע שטיק פייער, וואָס האט אין איר קופּערנער רויטקייט אָפּגעצייכנט אַ פינצטערע מענטשישע פלייצע.

— ס'אַ קאָסטיאָר!

אַף אַן אויגנבליק האָט זיך דער גאנצער עשאַלאָן אַ שמיר געטאָן מיט אַ רויטער לויכטנדיקער באַרשט; אַף איין אויגנבליק האָט זיך פונם צוג אַ הויב געטאָן די נאַכט, וואָס האָט אַ שלאָפנדיקע אַראָפּגעהאַנגען פון איבערן צוג. אין איין אויגנבליק האָט עזרע דערפילט אַף זיין פּאָנעם ליכט מיט רויך.

אַ רוסישער בעטלער האָט זיך געווים געוואַרעמט וואַסער. דאָ, אינ־מיטן פעלד, וואו ער איז מיסטאמע פאַרבליבן אַף נאַכטלעגער.

עזרען האָט זיך פאַרגלוסט אים גריסן מיט נאַכט־רו. נאָר דער בעט־לער איז געזעסן מיטן רוקן צום פאַרבייגעלאָפענעם צוג און זיך ניט אויסגעדרייט די גאנצע צייט, ביז ער איז אַדורך.

אָט איז נאָך אַ פייערל. אָט האט עס דער צוג אַ שטויס געטאָן הינ־טער זיך, ווי מיט ביסטרע הינטערשטע פיס. אָט האָט עס די ווייט אַ ריס געטאָן צו זיך און שוין ווידעראַמאָל אַף ווייטע אומענדלעכע שטרעקעס:

— פינצטערע ווייטן פון פאָרנט און פינצטערע ווייטן פון הינטן...

נאָר ווען דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ הונגעריקן וואָי געטאָן צו דעם נאָענטסטן וואָקזאַלכל, וואָס האט וואַרטנדיק געדרעמלט, — האָט זיך אין טעפלושקע דורכגעוואָרפן אַ שייגעץ און אַ פרעג געטאָן אין דער פינצ־טערניש:

— הא? בראַטצי, מיר פאָרן שוין?..

לויפט איבער שווינדלדיקע רעלסן אין דער נאַכט אַריין אַ צוג, אַן אָנגעפרעסענער מיט הילצערנע קעסטעלעך, מיט בלעכענע טשאַניקלעך, מיט איינגעוויגטן טרויער פון נאָוואָבראַנצעס, דעזערטירן און פאַרברע־כער... לויפן זעקס און פערציק רויט־געפאַרבטע טרומנעס איבערן פעלד. זיי לויפן, ווי פון אַ צעבונטעוועטן בייסאַלמען אויסגעריסענע. זעקס און פערציק רויט־געפאַרבטע טרומנעס און הונדערט מאָל און טויזנט מאָל אַזוי פיל — לויפן אַרום איבערן לאַנד, אָנגעשטאָפטע מיט לעבעדיק פלייש פון נאָוואָבראַנצעס און מיט לעבעדיק פלייש פון אָקסן, מיט שרעק און מיט שמייכלען, מיט מליענדיקע בייכער, וואָס רייבן זיך איינס אין אנדערן און מיט אַן אומפאַרשטענדלעך קסאַוו פון אָקסישע הערנער; לויפט, לויפט אַ צוג, ווי אַ בייזע בסורע צו דער נאַכט; רייסט זיך דורך פעלדער, דורך וועלדער, דורך ווינטמילן, דורך וואַקזאלעכלעך איינגעשלאָפענע; יאָגט זיך מיט אַ טשוהונענעם געוואָי און ס'לויפן אים נאָך איבערגעפאָרענע טעג און נעכט, קורגאנעס מיט ציילעמער, דערפער, ווי דראָאונגען, און אויגן, אויגן שטומע, דערשראָקענע אויגן, ווי טאַי־נעס און

— וואָס נאָך?..

און ערגעץ טרויערן אָרעמע שטעטלעך מיט פאַרוויינטע דערשראָקענע פענצטער. ערגעץ ווערן נאָך בלייכער די ווענט פון דערשלאָגענע קליינע שטיבלעך, בענקענדיק נאָך אַ שאָטן פון אַ קינד און פון אַ טאַטן, און ווייסן ניט וואוהין צו גיין און באַ וועמען זיך צו פרעגן און באַ וועמען צו מאָנען...

ס׳דרייען זיך אַרום מאַמעס אין די קרעמלעך איבער אויסגעטריקנטע מאַרקן און ציילן די מאָנטיקס, די דינסטיקס און די דאָנערשטיקס, פונקט ווי זיי ציילן די אויגלעך פון די זאָקן און ס׳לאָזן זיך באַ זיי אָפּ אַלע אויגלעך און אַלע טעג און ס׳פאַלט באַ זיי אַלץ ארויס פון די הענט.

שטיל זיצן זיי, די הייזלעך, פאַרשעמטע, מיט געגרייטע טישן פאַר מאָלצייטן פאַרניידערטע. שטיל קוקן זיי אין אַלע זייטן מיט דינעם רויט־לעכן שרעק און וואַרטן, און וואַרטן אַף עפּעס, דערשלאָגענע.

— אַף וואָס וואַרטן זיי?

זיי זיצן אַף די וועגן, ווי קליינע פאַרגעסענע טאָרבעלעך, — זיי זיצן און וואַרטן, ס׳זאָלן זיך שוין אַמאָל אופהויבן אַליין די וועגן און ערגעץ אַליין אַוועקגיין, און ערגעץ זיי מיטנעמען, אַוועקפירן און זיי ערגעץ אָפּוואַרפן, ווי בערגלעך מיסט; זיי וואַרטן נאָך אַף אַ לעצטן וואָכעדיקן טאָג, אַף אַ לעצטן יאַריד — נאָך איינמאָל אויסשרייען זיך, אויספאַרקויפן, פאַרהוליען זיך אין אַ פינצטערער הוליאַשטשענע מיט בראָך און מיט געשלעג, מיט ביר און מיט בלוט...

נאָר ס׳טוליעט זיך צו שוועלן דער אָרעמער, דער אומנויטיקער שאַבעס...

קומען אָן אין שטעטלעך בריוו. בריוו אַזוינע, ווי עלול־טעג.

און יעדער שטיבעלע לייענט מיט צעבראָכענע איינגעפאַלענע מיי־לער פון הילצערנע גאַניקלעך:

„— טייערע עלטערן!

בעט פאַר אונז... גאָט זאָל העלפן, מע זאָל פאַרוואונדעט ווערן אין האַנט. שיקט סוכאַרעס. מיר עסן רויע עריד...״

פראַדל זיצט באַ זיך אין שטוב אַכן עק שטאָט און האַלט אונטער מיט איין האַנט די אַנדערע. געגרייט איז דער טיש מיט ברויט און מיט זאַלץ. און מענדל שטייט אין קיך מיט אַ קוואָרט וואַסער אין די הענט און קוקט אין פענצטער.

ער זעט ווי די ווינטמיל ווייזט מיט איין פליגל אַף איין זייט וועלט, און מיט אַ צווייטן פליגל אַף אַן אנדער זייט וועלט.

און אַפן טאַפּטשאַן זיצט גאָדל. אַן ארומגעוואַשענער. אַ בלאַסער. מיט גרויסע גליענדיקע אויגן. פראַדל האָט אים אויסגעוואַשן אַ העמד און זי פאַרעכט און פאַרלאַטעט.

זיצט איצטער גאָדל אַפן טאַפּטשאַן באַ מענדלען אין קיך מיט אַ רייינער אויסגעוואַשענער און פאַרלאַטעטער העמד, אָנגעשוימיקט אַרום זיין הייס מויל און די האַרטע האָר פון זיין צעוואַקסענער באָרד זעען אויס, ווי איבערגעברענטע ווערטער אַרום זיין מויל. זיצט ער אונטערגעקליבן די פיס און פיבערט מיט די בלאָנדזשענדיקע אויגן צו די ווינטמילן, וואָס ווייזט מיט איין פליגל אַף איין זייט וועלט און מיטן צווייטן פליגל אַף אַן אנדער זייט וועלט:

„— און פון דאָרטן וועלן אָנקומען רויטע גיבוירים, הויכע, ווי טעלעגראַפנע סטויפעס, מיט לאַנגע כאַלאָפּים און וועלן אָנטראָגן אַ שטורעם־ווינט. און זיי וועלן זיך שטעלן באַ די בוינעס. און וועלן קוילען זיבן טעג אַ וואָך. און די גיבוירים וועלן זיך אָנגורטן די לענדן מיט שאַבאָסים און יאָמטויווים. און קיין פורן מיט טוואוע וועלן ניט קומען מער צו די ווינטמילן. און צווישן די לאַנגע כאַלאָפּים גייט דער קויהען־גאָדל, אַזריעל בען מענדל מיט די פיס אַרויף:

— וואויל איז דיר אַזריעלס טאַטע און וואויל איז דיר אַזריעלס מאַמע און ווי איז צו אייך ביידע. ווייל דער קויהען־גאָדל גייט מיט די פיס אַרויף און איז מעוואַיעש די הימלען. און ער וועט זיך דעריבער אָפּברענען די פיס. און פונדאָרטן וועלן אָנקומען נאָך גיבוירים מיט כאַלאָפּים און וועלן טראָגן אַף די הענט דעם שטורעם־ווינט און וועלן אים ברענגען צו די בוינעס און וועלן אים קוילען אָן אַ בראָכע.

— וואויל איז דיר, אַזריעלס טאַטע, וואויל איז דיר, אַזריעלס מאַמע, און ווי איז צו אייך ביידע!"

— צו וועמען רעדט ער דאָרטן, מענדל, — פרעגט זיך גאָטספאָרכטיק פראַדל.

— צו קיינעם ניט.

— איז וואָס זשע זאָגט ער דאָרטן, — בעט זיך ווייטער פראַדל.

— גאָרנישט.

און פונם קיך הערט זיך שוין אַזאַ טרויעריק געזאנג:

„— איטמייכו, אוי איסמייכו — אַי ביימאַלכוסכו - או - או!..״

נאָר מענדל קוקט דורכן פענצטער אַף דער ווינטמיל און טראַכט: קיין פורן גייען שוין ניט מער מיט זעקלעך טוואוע. ער ווייסט דאָס, מענדל. און ער דערמאנט זיך אין פּאָפּעל׳וכען מיט די פורלעך קאַליקעס.

סאָלדאַטישע וועגעלעך דרייען זיך און קריכן אַרום דעם מיל און סאָל־דאַטן רייסן פון איר ברעטער אף אונטערצוהייצן די טשוהונענע קיך. מע רייסט ברעטער פון דער מיל, ווי מע רייכט קאָרע פון אַן אַלטן בוים. דאָס אַלץ זעט מענדל. און ווייסט. און שווייגט.

— מענדל, מענדל, פאַרוואָס ברענגסטו ניט קיין אוירעך אין שטוב אַריין? — טאָרעט אים זיין ווייב פון זיינע מאַכשאָוועס, — מענדל, מענדל, וויפל מאָל כ׳האָב דיר שוין דערמאָנט! — זי דרייט אויס דעם קאפּ אָן אַ זייט און רעדט שוין ווי צו זיך אליין:

— זינט ער איז אַוועק אין גויאישע הענט, זינט ער איז אַוועק אַהין אין פייער, טאַינע איך מיט אים און איך בעט זיך: — ברענג אַן אוירעך, מענדל, ברענג אַן אוירעך. און אַלץ פאַרגעסטו, און אַלץ פארגעסטו...

עפּעס איז אים געווען שווער, מענדלען, אַריינברענגען עמעצן אין שטוב אַף עזרעס אָרט. עמעצן אָפּגעבן עזרעט אָרט. דאָס אָרט, וואו עזרע איז געזעסן באַם טיש, איז באַ מענדלען געשטאַנען די גאנצע צייט ליידיק. ער האָט עס געהיט. קיינער זאָל זיך אַף דעם באַ די מאָלצייטן ניט זעצן. קיינער זאָל עס באַם טיש ניט פאַרנעמען.

— לאָז עס וואַרטן.

זיינען זיך געגאַנגען טעג נאָך טעג און וואָכן נאָך כאַדאָשים.

באַ מענדלען אין שטוב איז בעשאַס דעם עסן געווען שטיל. ער האָט מיט זיין ווייב פיינט געהאַט פירן געשפּרעכן באַם טיש. שטיל האט מענדל געבענטשט און פאַרענדיקט דאָס בענטשן מיט א קרעכץ, ווי ס׳פלעג אַמאָל אַ קרעכץ טאָן דער איבערגעבונדענער פליגל פון דער ווינטמיל פון צופיל שטיין אָן באַוועגונג.

און אַז גאָדל פלעג אַמאָל צוקומען צום שטוב באַנאַכט, פלעג ער אַזוי אָפּוואָרען אַפּן בריקל באַם גאַניק, ווי באַ די בוינעס. ביז מענדל פלעג זיך אויבכאַפּן, אָפּגיסן די הענט און זיך איינבעטן באַ אים, ער זאָל אַריינגיין.

נאָר גאָדלען האָט געזעצט אַ הייסע פּינע פונם מויל:

„— עזרעס טאַטע! הער, עזרעס טאַטע, די ווינטמילן גייען שוין מיט טעלעגראַפנע כּטויפעס. די גיבּוירים. און איך וועל זיי באַגעגענען מיט שירע. זיי גייען מיט כאַלאָפּים. זיי טראָגן שוין דעם שטורעם־ווינט און קאָנען ניט די בּראָכע. איך וועל פאַר זיי מאַכן די בּראָכע, עזרעס טאַטע, און אָפּגעבן שאָלעם דעם קויהען־גאָדל.

ער גיט אַ ווילדן שפּרונג פונם אָרט, אונטערזאָגנדיק:

— אָט אַזוי, עזורעס טאַטע, וועל איך אָפּגעבן דיין זון שאָלעם:

— שאָלעם אליי כעם, אַלייכעם שאָלעם, אַלייכעם שאָלעם!"

דעמאָלט פלעג מענדל אַפּגיך אַריינכאַפּן זיך אין שטוב און לאָזן די טיר פון דרויסן ניט פאַרקייטלט. ער האט שוין אַזוי אָפּגעמאָרעשכוירעט ביז פאַרטאָג און ער פלעג שוין אַזוי זעען זיין עזרען גיין ערגעץ אינ־דערהויך מיט די פיס ארוף.

און ס'זיינען געגאַנגען טעג נאָך טעג און וואָכן נאָך כאַדאָשים, בּיז מענדלס שטול, דעם אויבנאָן, האָט שוין פאַרנומען אַן אָרעמאַן, אַ אוירעך.

פראַדל האָט אים מעשאַמעש געווען. זי האָט אים באַדינט, ווי אַ פאַר־שטעלטן מאַלעך פון גאָט. שטענדיק געוואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגן. נאָר דער אָרעמאַן האָט אָנגעגעסן, פאַרשאַרט די בּרעקלעך, אָפּגעבענטשט און מיט א קוש דער מעזוזע איז ער אַוועקגעגאנגען און מיט א קוש דער מעזוזע איז ער געקומען נאָכאַמאָל.

— וואָס זשע שרייבן עפּעס די גאַזעטן? — פרעגט זיך פראדל באַם טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן פאַרשעמטן קאָפּ, — וואָס זשע שרייבט מען עפּעס אַף די גאַזעטן?

דער אָרעמאַן דרייט מיט די אויערן און מיט דער באָרד, ווי אף עפּעס זינדיקע רייד, וואָס די אישע זאָל האבן געבראַכט פאַר איר מויל און שאַמקעט אַרויס:

— או־וואַ, אוואוואַ!

און מענדל קוקט אַראָפּ און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— גאַזעטן. נישטאָ קיין גאַזעטן. אַלץ איז געווען. אַלץ איז געווען. אַי, לאָז צורו, — האָט ער זיך גאָר אופגעהויבן פון זיין בענקל און אַ שיקל געטאָן צו זיין ווייב.

— גאַזועטן. מיטאַמאָל גאַזועטן!..

און דורכן שטעטל האָבן אָנגעהויבן דורכגיין סאָלדאַטן. גרויסע מאַכנעס סאָלדאַטן מיט נייער אַמוניציע, מיט נייע קעסעלעך און העקעלעך, מיט טאָרבעס און פאַטראָנטאַשן. אַלע צו דער גרענעץ צו. אידן האָבן בײַגנייווע געכאַפּט א קוק אין סאָלדאַטישע פּענעמער און אָנגעוויזן מיטן פינגער אַף איינעם:

— אָט דער איז נעבעך אויך א איד. אַ אידיש פּאָנעם. און דער אויך. מע דערקענט גלייך. אַפן אָרט.

יעדער איינציקער פון די, וואָס קוקן, וואָלטן זיך געווינטשט עפּעס צוטראָגן א סאָלדאַט. געבן אַ טרונק. עפּעס מיטגעבן אין וועג אַריין. נאָר יעדערער שרעקט זיך. קיינער שטעלט זיך ניט איין.

פונהינטן, הינטער דער ראָטע לויפט נאָך איינער א פאַרשפּעטיקטער סאָלדאַט. ער הינקט אונטער. עס גיסט זיך דער שוויס פון אונטער זיין גרויסער היטל, וואָס באָמבלט זיך אַף זיינע אפּגעבערענטע פאַרשטויבטע אויערן, גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען אָנגעטאָן אַפן קאָפּ א איבערגעקערטן עמער וואַסער מיט אַ קאָקאַרדע. דעם ראַנעץ טראָגט ער אין דער האַנט, און אידן קרעכצן.

טויזנטער סאָלדאַטישע אויגן קוקן אַף אָרעמע שטיבלעך, ווי אַף ערדענע טעפּ, וואָס מע קאָן מיט די פּיס אוועקשליידערן און צעשטויבן. זיי גייען אַלע אין איין טאַקט, מיט איין ריטם, אונטער איין קאָמאַנדע. נאָר יעדער ווזוואָד רייסט באַזונדער זיין ליד. זיין סאָלדאַטישע וועג־ליד. די ווייכע אויסגעבעטע ערד ענטפערט טעמפּ אַף זייערע טריט, ווי אָנגעשטאָפּט מיט איבערבעטן. און דאָס גאַנצע שטעטל וויגט זיך, וויגט זיך צום סאָלדאַטישן טאַקט. און דערשראָקענע אָטעמס פון אידן אָטעמען זיך אויך אַרויס און אריין, ארויס און אַריין צום געשמידטן סאָלדאַטישן טאַקט:

— זיי גייען שוין אַהין... — שושקען זיי זיך אונטער געהיימניספול. זיי דרייען אויס איינער צום אַנדערן אַ שטיקל אויער, א שטיקל באָרד, און רעדן גאָרניט אַרויס, בלויז איין־איינציק וואָרט;

— אַהין... אַהין...

— שׁ־שׁ־שׁ־שׁ...

זיינען געלעגן אויסגעלייגט וועגן פונם שטעטל אין פאַרשיידענע זייטן און געבלאָנקעט וועגן פּרידלעכע טשערעדעס, וואָס קערן זיך פאַרנאַכט אום אַהיים מיט הילצערנע גלעקער אף די העלזער און מיט פולע אָנגעגאָסענע אייטערס, וואָס באָמבלען זיך נאָך ביז דער ערד. האָבן אָפּגעבלאָנקעט וועגן פון יאַרידן מיט פולע דאָרפישע וואָגנס, מיט שיקערע לידער, וואָס פאָרן אָפּהוליען אַ זונטיק. אָפּגעבלאָנקעט פון באָרוועסע שיקסע־פיס מיט שיך פאַרוואָרפענע אַפן אַקסל און צניעסדיק איבערגעבונדענע מיט פאַטשיילעס די מיילער. שטיל איז זיך עס געגאַנגען אַזוי אַף דאָרפישע שליאַכן, אַף אויסגעבעטע מיט ווייכן זאַמד, ווי מיט פוך. שטיל, גלייך ווי מע וואָלט זיך געשראָקן אופוועקן עמעצן, וואָס שלאָפט אונטער דר׳ערד.

נאָר איצט זיינען וועגן צעשראָקן און צעטומלט. די אָפּגעזעצטע שטילקייט און פאַרבלאָנקעטקייט פון אזויפיל רויִקע זומערס און יאָרן, אָט די אָפּגעזעצטע שטילקייט האָט זיך איצטער אופגעטרייסלט, אופגעוועקט און א זעץ געטאָן אינדערהויך.

— וואוהין ? אַנטקעגן וועמען ?

עס שיטן זיך איצט אַף איר ווייטע פּייקלדיקע דרויבן, ווי צעבערעקלטע דונערן, און טויזנטער געקאָוועטע טריט מיט פאָדקאָוועס טאָפּטשען זי טיפער אין דר׳ערד און פאַרקלאַפּן זי מיט גראָבע צוויעקעס פון געקאָוועטע פאָדעשוועס,— פאַרקלאַפּן זי טיף, טיף אין דר׳ערד אַף אייביק, ווי אין קוואָרים.

,ס פאַרוויגן זי סאָלדאַטישע לידער פון איין האָריזאָנט ביז דעם אַנדערן מיט געדיכטע שטויבן פונפאָרנט און מיט געדיכטע שטויבן פונהינטן. און לאַנג נאָך לאַנג נאָך ציטערט אַף איר דער ציטער פון פאַרשוואונדענע סאָלדאַטישע מאַרשן. הייסע שווייסיקע לידער פון פוסגייער־סאָלדאַטן.

לידער, ווי לופטיקע קאַוואַליעריע.

גייען איבער שטעטלעך סאָלדאַטן — אין איין הויך מיט די שטיבלעך. אָט וועלן זיי, דאַכט זיך, נעמען די שטיבלעך אונטער די פאַכוועס, ווי צוגעגרייטע טאָרבעלעך פּראָוויאַנט און אַוועקמאַרשירן מיט זיי ווייט, ווייט, צו די ראַנדן, צו די האָריזאָנטן.

נאָר סאָלדאַטן גייען פאַרביי און קוקן אריבער איבער זיי.

באַנאַכט וועלן זיי קומען, אנבויגן די פארשוויצטע קאָקאַרדישע היטלען, אָפּווישן די רויטע אָפּגעברענטע שטערנס מיט האַריקע אַרבל און אָטעמען און טרינקען רו פון אָט די פאַרגעסענע טאָרבעלעך, די העפקערע. זיי וועלן טרינקען שטיל, ווי גרויסע אָקסן, פארטריבענע באַם וועג צו א טייכל אף אוונט־טרונק.

באַנאַכט איז שוין בא מענדלען אין שטוב געזעסן א סאָלדאַט, געטרונקען טיי און זיך געווישט מיט אַ קויטיק טיכעלע דעם רויטן שווייסיקן האַלז.

פראַדל האט אים אלע ווײלע אָנגעגאסן נאך א גלאָז, אים אַלץ אונטערגערוקט צו דער האנט און געזוכט פאַר אים גוטע ווערטער:

— אָט איז אַ לעפעלע, אָט איז צוקער.

זי האָט געדרייט דעם קאָפּ אין פאַרשיידענע זייטן און ניט געוואוסט, וואו אים אַהינצוטאָן.

זי איז אַריין אין קיך און באַלד זיך באַוויזן צוריק:

— עפשער וועט איר אַזוי גוט זיין זיך וואַשן? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

זי האָט גאָרניט געוואוסט, ווי אזוי מע דאַרף רעדן מיט אַ סאָלדאַט.

— איך וויל אייך גרייטן צום טיש, וואַשט זיך!

זי האָט אַ פאַרשעמטע אים אויסגעשטרעקט אַ קוואָרט וואַסער מיט אַ האַנטעך.

מיט מוטערלעכער צאַרטקייט האט זי זיך צוגעקוקט צו זיין יעדער באַוועגונג: ווי אַזוי ער עסט, ווי אזוי ער האַלט דאס ברויט אין די אָפּגעברענטע הענט.

ס'איז איר געווען מאָדנע אנצוקוקן דאס אפגעברענטע פּאנעם, די סאָלדאַטסקע היטל און דעם גאנצן הוילען, דאַ, באַ זיך אין שטוב, נעבן איר טיש.

— וואָס איז אייך אף דער נאז? — האָט זי אים דערשראָקן אַ פרעג געטאָן.

— ס'איז גאָרנישט! ס'שיילט זיך, די הויט.

— און וואָס איז אייך אף די אויערן? — האט זי ווייטער ארומגעקוקט דעם סאָלדאט.

— אויך אַזוי. גארנישט. ס'שיילט זיך. די הויט.

די נאָז מיט די אויערן האָבן זיך באַ אים געשיילט. זיי האָבן אויס־געזען ליסקעדיק, ווי פישלעך אינמיטן שאָבן. ער האָט געהאַלטן אַראָפּ־געלאָזט די אויגן און געענטפערט שעמעוודיק.

פלוצלינג האָט ער אַרויסגענומען פון אויבערשטן טאַש אַ ביכעלע און געוויזן מענדלס ווייב זיינע אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס איז אין ביכעלע געלעגן.

פראַדל האָט זיך מוירע געהאַט אָנרירן צו דעם. זי האָט נאָר פון־דערווייטן געקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווי איז דער מאַמען! פאַרביטן, אינגאַנצן אַ פאַרביטענער.

זי האָט אים שוין געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר זי האָט גוט געוואוסט, אַז רעדן מיטן סאָלדאַט דאַרף ער, איר מאַן, מענדל. ער וועט נאָך זיין בערויגעז, אַלעמאָל מע מישט זיך אים אין זיינע זאַכן. זי האָט גוט גע־וואוסט, אַז מיט גרויסע מענטשן האָט מענדל ליב אַליין צו כאַפּן אַ שמועס. ער האָט דערפון פאַרגעניגן.

אַז מענדל איז אַריינגעקומען אין שטוב פון מאַירעוו, האָט ער גלייך אויסגעצויגן די האַנט דעם סאָלדאַט און אויסגעשאָטן אַפּגיך:

— שאָלעם אַליייכעם אַ איד!

ס'איז אים גלייך געוואָרן הייס אין קאָפּ. ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי נעבן אים איז אויסגעוואַקסן אַ גלאָז טיי.

ער האָט מעכאַניש אויסגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז אין שאָל און זי גלייך אָפּגערוקט פון זיך.

— ס'איז נערוון, — האָט זיך מענדל גלייך פאַרענטפערט פאַרן סאָל־דאַט מיט אַן אויסדריק פון געלערנטקייט, — די צייט איז אַזאַ...

דער סאָלדאַט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אָבער דאָס האַרץ־ציטערניש האָט באַ מענדלען געוואַקסן. ער האָט געזוכט עפּעס אַ פּאַסיק וואָרט, ס'זאָל ניט אויסקומען, אַז ער איז פלוי־צים אַריין אַ פרעמדן מענטשן, אַן אומגליקלעכן, מיט אייגענע צאָרעס. האָט ער אַ זופּ געטאָן טיי און מיטן שטיקל צוקער אין דער באַק, וואָס האָט אים אַפּן פּאָנעם געמאַכט אַ קליין גולקעלע, האָט ער אים אַ פרעג געטאָן:

— אַהין? שוין אַהין?..

לויט דעם, ווי מענדל האָט אים געפרעגט, האָט מען געקענט מיינען, אַז ער ווייסט גענוי, וויפל דער סאָלדאַט דינט שוין, אין זיין פראַגע איז

געווען עפעס באַקאַנטס, ווי בלויז אַ פּאָרזעצונג פון זייער אַ געשפּרעך, וואָס זיי האָבן שוין עטלעכע מאָל געהאַט.

נאָר דער סאָלדאַט האָט געענטפערט גענויער:

— אַפן פראָנט!

— כ׳פאַרשטיי, — האָט זיך מענדל אַ דריי געטאָן צום סאָלדאַט מיט אַזאַ אויסדריק, אַז דער סאָלדאַט האט עס גאָר ניט באַדאַרפט זאָגן. איבעריק.

— מענדל, — האט זיך שוין ניט געקאָנט איינהאלטן זיין ווייב, זיך יט אַריינמישן, — מענדל, זאָלסט אומיסטן זעען, זאג איך דיר, זייער אַ פּאָרטרעט, איז אינגאַנצן אַ פאַרביטענער, זאָג איך דיר.

דער סאָלדאַט האט באלד באַוויזן נאָכאַמאָל זיין פאָטאָגראַפיע.

מענדל האט אָנגעטאָן די ברילן, גענומען ס׳קאַרטל אין האַנט און מיט גרויס פאַרשטענדעניש אָנגעהויבן קוקן: — איבער דער בריל אַפן סאָל־דאַט און דורך דער בריל אַפן פּאָרטרעט און מיט אַ נאָג דעם צוקער, וואָס איז אים צעגאַנגען אין מויל, האט ער אַ סמאָקע געטאָן:

— מממ... יאָ־אָ... הממם... יאָ, פאַרענדערט...

ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט אַפן קאַרטל, פאַרגלייכנדיק עס מיטן פּאָ־נעם פון זיין סאָלדאַט, ביז ער האט עס איבער׳געדרייט אַף דער לינקער זייט און אויך אַף דער זייט גענומען זיך גוט איינקוקן מיט גרויס אינ־טערעס:

— דאָס איז אייער פאַמעליע? — האָט מענדל אים אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק אין די עטלעכע בוכשטאַבן, וואָס זיינען געווען צעשאָטן אַף דער זייט, — וואַרט, וואַרט, מירן איבערלייענען.

— נו, יאָ, — האָט זיך אופגעהויבן דער סאָלדאַט און אויך אַ קוק געטאָן אַף זיין פאַמיליע.

מענדל האט מעכאַניש אַ רוק געטאָן פון זיך די שאָל טיי און זיך באַלד געכאַפּט פאַרענטפערן:

— די נערוון...

נאָר דער סאָלדאַט האט שוין ווייטער אַליין גערעדט:

— מיר שרייבן אומיסטן אָן די פאַמעליע מיטן נאָמען. אומיסטן אַזוי! מענדל האט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פראַדל אויך.

— אַזוי, אַזוי... נו יאָ, צוליב וואָס?

— טאָמער ווערט מען געהאַרגעט, — האָט דער סאָלדאַט אים געגעבן צו פאַרשטיין — זאָל מען גלייך וויסן, ווי אַזוי צו פאַרשרייבן אין די ביכער, און צו וויסן געבן.

מענדל האט אַ ציטער געטאָן. אַ קעלטעלע איז אים אַדורך איבערן פאַרשוויצטן רוקן און גלייך מיט פראַדלען האט ער ארויסגערעדט:

— דער אויבערשטער זאָל היטן. וואָס רעדט איר? רעדט נישט אַזוי, רעדט נישט אזוי — האָט ער אליין שוין פאַרענדיקט אָן פראַדלען. ער האט נאָר אלע ווײלע געכאַפּט אַ קוק אַף זיין ווייב און אַף עזרעס בילד, וואָס איז געהאַנגען אַף אַ וואנט מיט די גאָלדענע קנעפּ אַפּן סטודענטישן מונדיר.

— רעדט נישט אַזוי. מע טאָר ניט, — האט מענדל אים אונטערגערוקט דעם טעלער, — עסט. עסט.

ער האָט ארויסגעצויגן צוריק דאָס בילד צום סאָלדאַט, צוגערוקט צו זיך די שאָל טיי, און שוין אינגאַנצן אַ היימישער האט ער גענומען מיט אים ווייטער רעדן:

— האַ, וואָס זאָגט איר? אַ שיינע וועלט האט ער געמאַכט, דער דייטש, אַ שיינע וועלט. יאָ־אָ־אָ. נו, און דער פראַנץ־יאָזעף, מיינט איר, האַ? — האָט מענדל ווייטער אונטערגערוקט צו דעם סאָלדאַט.

נאָר דער סאָלדאט האט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך געדרייט אַפּן בענקל. ס'איז אים ניט געקראָכן אין קאָפּ ניט מענדל, ניט דער דייטש און ניט פראַנץ־יאָזעף. ער וואָלט זיך בעסער דאָ אַפּן פּאָל אויסגעצויגן און אַזוי געשמאַק אנטשלאָפן געוואָרן. אָבער ער האט זיך געמוטשעט צו־הערן צו יעדער רויש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון גאַס.

מענדל האט שוין אלע ווײלע אונטערגערוקט עפּעס צום עסן. און אַזוי צווישן איין טעלער און דעם אנדערן, האט ער אים אויך אונטערגערוקט אַ פראַגע, וואָס האט אים די גאַנצע צייט געוואָרגן:

— כ'בעט אייך, כ'האב אייך געוואָלט פרעגן... איר זיינט אין דער אינפאַנטעריע...

און מענדל האט גענומען זייער לאַנגזאַם אויסציִען די ווערטער, פונקט ווי ער וואָלט זיך ערשט איצט באַטראַכט, צי זאָל ער פרעגן, צי ניין.

— און עפּשער האָט איר, — עפּשער האט איר אַמאָל באַגעגנט אַף דער מילכאָמע... ווי אַזוי זאָל איך אייך אָנרופן, — עסט, עסט... ניט

קיין דאָקטער, נאָר אַ געענדיקטער, ער דאַרף אויך זיין אין דער אינ־פאַנטעריע. — מענדל האט זיך קענטיק געשראָקן אַרויסברענגען דאָס וואָרט פון זיין מויל — מיינער אַ זון, ער דינט... עפּשער איז אייך אויס־געקומען... פונם עטאַפּ...

און צוזאַמען מיט מענדלס צעצויגענער און ווייטיקפולער פראַגע האט זיך אופּרופנדיק אַ דריי געטאָן איבערן שטעטל אַ סיגנאַל אַף קלייבן זיך אין וועג אַריין.

דער סאָלדאט האָט אַפּגיך אַ כאַפּ געטאָן די ביקס מיטן ראַנעץ, אַפּגיך אַרופגעוואָרפן אַפן אַקסל איינס און דאָס אנדערע און בליצשנעל פאַר־לאָזט מענדלען מיט זיין שטוב, מיט זיין ניט־פאַרענדיקטער פראַגע און אַפילע פאַרגעסן צו זאָגן אַ גוטע נאַכט.

מענדל מיט פראַדלען זיינען געבליבן שטיין בא דער טיר, נאָכגע־בענטשט און נאָכגעווינטשעוועט דעם אַוועקגעגאַנגענעם סאָלדאט און אים באַלד פאַרלוירן אין דער נאַכט.

— קום אַריין, מענדל, קום. איך שרעק זיך פאַרן טרומייט, — האָט פראַדל א צי געטאָן איר מאַן פאַרן ארבל.

און ס׳גייען ווייטער טעג און וואָכן.

און צוגן, ווי בייזע בסורעס, רייסן זיך דורך פעלדער; צוגן אָנגע־שטאָפּט מיט לעבעדיק פלייש פון נאָוואָבראַנצעס און מיט לעבעדיק פלייש פון אָקסן, און ס׳לויפן זיי נאָך איבערגעפּאָרענע טעג און נעכט, קורגא־נעס מיט ציילעמער, דערפער און שטעטלעך און שטומע דערשראָקענע אויגן, ווי טאינעס און —

— וואָס נאָך?..

XII

...אין טאַמבאָווער גובערניע אַף אַ שנייאיקן סטעפּ אַף אַ ווילדן, שטייען אויסגעשטעלט שורעס סאָלדאַטן, גלייכע ווי שטאַכעטן און אַף יעדן סאָלדאַטישן שטאַכעט הענגט אַ היטל, ווי אַ איבערגעקערטער טאָפּ און אַלע שרייען זיי, אויסמושטרירט אַפֿן ווזוואָדנעס פּראָסטיקער קאָמאַנדע:

„— יאַ! יאַ!

באַ יעדן סאָלדאַט אַף די ליפּן, יעדער סאָלדאַטיש מויל איז געקאָוועט מיט אַ האַרטן פֿאַרפרוירענעם „יאַ”. און אַפֿן ווזוואָדנעס קאָמאַנדע, וואָס דערלאַנגט ווי אַ נאַסע געזאַלצענע בייטש איבער סאָלדאַטישע מיילער,— רייסן זיך אַראָפּ עטלעכע טעמפּע דערשראָקענע „יאַ”ען מיטאַמאָל און צעטומלען דער נאַטשאַלסטווע דעם קאָפּ.

ס'טרעפט, אַז סאָלדאַטן באַכען אויס זייערע „יאַ”ען, ווען מע רופט זיי גאָרניט אויס. דעמאָלט גיט דער ווזוואָדנע אַ דריי מיט זיינע פּראָסטיק-באַפּעדערטע גלייכע וואָנצעס, ווי מיט צוויי ניקלענע ווייזערס— און לאָזט אַרויס מיט פֿאַרע און מיט גרימצאָרן אין סטעפּ אַריין אַ כאָרכלענדיקן —

— אָטסטאַ-אַ-אַוויט!

און אַלץ הויבט זיך אָן פֿונדאָסניי.

דאָס שמיידיקע פּאָנעם, דעם ווזוואָדנעס, וואָס איז איבערגעקלאָפּט אין דער ברייט מיט גלייכע פֿאַרפרוירענע וואָנצעס, זעט אויס ווי אַ ציילעם.

ווען ס'ווערט אים קאַלט אין די פֿיס און די אָפּגעפוצטע שטיוול פֿרירן צו מיט די פּאָדעשוועס צו דער פּראָסטיק-האַרטער סטעפּישער ערד,

גיט ער אַ לעק מיטן צונג די אויבערשטע ליפּ און כאַפּט אַ קוק אײַנ־דערהויך און אַף אַרום:

— ס'איז נאָענט די קעניגרײַך פון הימל!

נאָך אָט דעם פּאָסעק ווערט אים עפּעס גרינג אַפן האַרצן. ער טאַפּט באַלד אָן מיט דער בליטשקענער הענטשקע דאָס קלײנע אָפּגעגילדטע צײלעמל, וואָס קריכט אים אַרום אַף זײן האַריקער ברוסט, ווי אַ קלײ־נינקער שפּון, — ער טאַפּט אים אָן דורך דעם פּעסט־פּאַרשפּיליעטן און אײנגעפּאַסיקטן שינעל און הויבט אָן ווידער:

— באַראַנאָוו!

— יאַ! — שיסט אויס מיט גרויס קוראַזש עפּעס אײנער אַ לאַפּטיאָוו און ווערט רויט.

— וואַסיליוק! — שנײדט דער דערצערנטער ווזוואָדנע אַ צווײטן.

— יאַ! — ענטפערט מיט פאַרשפּעטיקונג באַראַנאָוו.

און פאַרקערט.

ס'ברענט דער פראָסט. ס'פרעגלען זיך סאָלדאַטישע אָפּגעווינטיקטע פּענעמער אין דער גלאָזיקער לופט. זײ פרעגלען זיך ווי גריוועניס. און ס'לויפט אַרום אַ ווינט מיט וואָיענדיק געלעכטער און טראָגט צו די ווײטן א סווישטשענדיקן אַ לאַכנדיקן —

— יאַ־אַ־אַ!

נאָר דער ווזוואָדנע שוימיקט זיך אין גרימצאָרן:

— אָטסטאַ־א־אוויט! בײנער הינטישע! שיידים ניט געצײלעמטע!

— ס'איז נאָענט די קעניגרײך פון הימל!

דאָרט, אין טאמבאָווער גובערניע, אַף א ברײטן שנײאיקן סטעפּ לויפט הין און צוריק אַרום עזרע אַף דער קאָמאַנדע פונם פרומען גאָטספאָרכ־טיקן ווזוואָדנע מיטן צײלעמדיקן פּאָנעם און מיט דער הימלשער קעניג־רײך אין מויל. פּאַר אָט דעמדאָזיקן סאָלדאַט שרעקט ער זיך עפּעס, דער ווזוואָדנע, ווי פאַר אַ ניטגוטן. און יעדער מאָל, ווען ער רופט אויס עזרעס פאַמיליע, זאָגט ער נאָך עפּעס דערבײ אַ שפּרוך, וואָס ער האט פאַר שיידים.

און עזרע לויפט. ער לויפט אין צווײ לינקע שטיוול, וואָס מ'האט אים אַרויסגעגעבן, מיט אַ דורכגעשאָסענעם שינעל פון א דערהאַרגעטן סאָל־דאט. און אַ גרויסע היטל אָן אַ דאַשעק באָמבלט זיך באַ אים אַפן קאָפּ.

ער לויפט צו צו אַ שטרויענער טשוטשעלע מיט דער שאַרפער ליכט פון שטראַלנדיקן באַגנעט, און די לינקע שטיוול פאַרפירט אים —

— לינקס...

— מאָרגנשטאַרם! —

יאָגט אים רעגנבויגיק נאָך דעם ווזוואָדנעס קאָל.

— יאַ!

— אַטסטאַ־א־וויט!

און עזרע הויבט אָן פונדאָסניי.

שווער זיינען די פיס אַף ווינטיקע קעלטן אין טאַמבאָווער סטעפּעס. און די צוויי לינקע שטיוול פאַרפירן — לינקס.

שמייכלט די שטרויענע דורכגעפּראָסטיקטע טשוטשעלע, די באַוואַקסענע מיט זילבערנע שניי־האָר.

— וואָס שמייכלט זי, די טשוטשעלע?

זי שמייכלט אַף דער מאַפּאָלע פון איר סוינע, דעם גאָטספּאָרכטיקן ווזוואָדנע. און סטעפּישע ווייטן הענגען. זיי הענגען פאַרפרוירענע, אויך אַזוינע זילבער־געפּאַנצערטע טשוטשעלעס, און שמייכלען צו די סאָפּעדיקע ווינטן, וואָס רייסן זיך מיט הייסע שטעכעדיקע אָטעמס, ווי מיט שטראַלנדיקע שאַרפן פון באַגנעטן:

— מאָרגנשטאַרם!

— יאַ!

— אָטסטאַוויט!

און דעם ווזוואָדנע איז הייס. ער זאָגט שפּרוך. ער האָט מיטן שפּרונג שוין אָפּגעלעקט דעם גאַנצן פראָסט פון איין וואָנצע. זי איז שוין אַראָפּגעלאָזט און הענגט אַראָפּ; צום אויסגעגאָלטן קין־ביין. בלויז די אַנדערע וואָנצע זיינע צילעט זיך נאָך ערגעץ לינקס פון זיין פּאָנעם, וואָס זעט שוין מער ניט אויס, ווי אַ ציילעם, נאָר ווי אַן אויסגעדרייטער דריי־עק. זי צילעט זיך — לינקס, צו עזרען.

ער איז מיט אים דורכגעפאַלן, מיט עזרען.

אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם, ווי מ'האט עזרען געבראַכט אין פּאָלק אַריין, האט אים דער ראָטנע קאָמאַנדיר, באַגעגענענדיק, באַמערקט:

— ווי אַזוי גיסטו אָפּ טשעסט דעם ראָטנע קאָמאַנדיר, האַ? מאָרגנשטערן!

עזרע איז דעמאָלט געשטאַנען קעגן אים מיט האַלב־צוגעדעקטע אויגן און מיט זיין גאַנצער אויסגעצויגנקייט אים געענטפערט:

— אָט אַזוי, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

— ניט אַזוי, מאָרגנשטערן! וואָ פראָנט,— דאַרף מען אָפּגעבן טשעסט דעם ראָטנע קאָמאַנדיר.

און דער ראָטנע האָט, דראָענדיק צו אים מיטן קאָפּ, זיך אַליין געשטעלט „וואָ פראָנט" לעקאָוועד דעם ראָטנע קאָמאַנדיר און געוויזן עזרען:

— אָט אַזוי, מאָרגנשטערן! ס'צווייטע מאָל זאָלסטו וויסן!

נאָר דער וזוואָדנע האָט זיך געוואונדערט:

— פונוואַנען קאָנסטו אַזוי גוט סלאָוועסנאָסט, האַ? מאָרגנשטאָרם!

דער וזוואָדנע האָט זיך געשראָקן פאַר עזרעס צו גוט קאָנען סלאָוועסנאָסט. דאָך האָט ער אים איינמאָל אָוועקגעזעצט מיט דער פערטער אָטדיעליעניע פון זיין וזוואָד:

— נו, מאָרגנשטאָרם! פרעג זיי אויס!

האָבן זיך סאָלדאַטן אַרומגעזעצט אַרום עזרען און עזרע האָט מיט זיי געלערנט סלאָוועסנאָסט. צווישן די סאָלדאַטן איז געזעסן איינער אַן עלטערער, איבערגעבונדן די באָרד מיט אַ פּאַטשיילע.

— פאָטער,— האָט עזרע זיך צו אים געווענדט,— וויפל דינסטו שוין?

דער אַלטער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און געוויזן מיט די הענט אויפן צונג, אַז ער קאָן ניט רעדן. האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן פאַר אים:

— דער וזוואָדנע האָט אים דערלאַנגט מיטן פויסט אונטער דער באָרד, פאַרוואָס ער זינגט ניט הויך, האָט ער זיך צעביסן דעם צונג. איצט וועט ער שוין זינגען הויך. האָ־האָ!

דער אַלטער צענערעגטער סאָלדאַט האָט טרויעריק נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און סאָלדאַטן האָבן געשוויגן? — האָט זיך געוואונדערט עזרע.

— גענוג! ס'אי ניט קיין סלאָוועסנאָסט! פרעג, ווער איז אונזער וראַג? אונזער וונוטרעני! פרעג!

— נו, ווער? — דער וזוואָדנע! — האָט זיך אָנגערופן איינער אַ סאָלדאַט, קאָזלאָוו, אַן אָרלאָווער. ער, עמעס? אָטיעץ!

ס'איז געוואָרן אַ געלעכטער.

— מע דאַרף אים געבן שמעקן באַ אַ ציג אונטערן ווידל, — האָט ווייטער געצאַפּט קאָזלאָוו, האַ?

— ניט פון אַ ציג, — האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט, — די לאָך פון אַ ווינטאָווקע דאַרף מען אים שמעקן געבן! הא?

— ניין, מיטן פריקלאַד! אין מאָרדע! ט'אַזוי, ט'ער אַליין אַביסל זינגען!

ס'איז געוואָרן אַ טומל. נאָך דעמדאָזיקן אורָאָק סלאָוועסנאסטי, האט דער ווזוואָדנע געגעבן עזרען רייניקן די ווינטאָווקע:

— נאַ, מאָרגנשטאָרם! און ריין זאָל זי זיין ווי זשידאָווסקע אייער! נאַ!

עזרע האט געכאַפּט די ווינטאָווקע און זי אַ שליידער געטאָן אַף דר'ערד צום ווזוואדנע:

— רייניק אליין, ווזוואָדנע! נישקאשׁע! געגוג געשטינקען! קאַשע קאַדראָווע! מע'ט דיר געבן אייער! נאַ!

ס'איז געוואָרן א ראַעש. ס'האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— אין דער מאָרדע!

— אָט אַזוי! אָט!

אין יענעם אָוונט האָבן סאָלדאַטן נאָך די זאַניאַטיעס ניט געזונגען. אַרום די קאַזאַרמעס איז געווען טויט. דער ווזוואָדנע האט אַלע ווילע אָנגעהויבן די מאָליטווע, נאָר קיינער האט דאָס מויל ניט געעפנט. פון דענסטמאָל אָן האָט מען שוין עזרען צו דער סלאָוועסנאָסט ניט צוגע־לאָזט און אָנגעהויבן נאָכקוקן נאָך אים. כאָלדאַטן איז פאַרווערט געוואָרן רעדן מיט אים.

איצט איז יעדער מאָל, ווען דער ווזוואָדנע קומט אַ צערודערטער אַהיים פון פעלד מיטן קעסעלע סופ און קאַשע און מיט אַ פּאָר פּעטע ניט־אַרומגעוואַשענע ליפּן, נעמט ער אַרויס פון קאַסטן די יעוואַנגעלי און לייענט פאַר זיין ווייב אינדערהויך, מיט אַ קאָל פון א דיאַק, אַביסל הייליקע רייד:

— „און ער האָט זיך געזעצט אף אַ בערגל, האט מען אים געבראַכט צופירן איינעם, וואָס האָט געהאט אין זיך אַ שעד. האט ער אים געהיילט פונם שעד און געזאָגט צו זיינע טאַלמידים: — ס'איז גאָענט די קעניג־רייך פונם הימל!"

אבי׳סל האָט ער שוין געדענקט פון זיקאָרן, האט ער בעשאַס לייע־נען געקאָנט ווישן די אויגן און די וואָנצעס.

נאָכדעם האָט ער שוין אַ מידער געכאַפּט א דרעמל מיט אַ הייליקן פּאָסעק פון יעוואַנגעלי און זיין ווייב האט אַליין אַריינגעלייגט דאָס הייליקע בוך צוריק אין קאַסטן אַריין.

אַפן גאַנצן ווזוואָד האט דער ווזוואָדנע מיטן נאָמען קאָזעראָגע גע־שעמט פאַר אַ פרומען און גאָטספאָרכטיקן סאָלדאַט. ער האט געטריי געדינט דעם קייסער און דעם פאָטערלאַנד, און זיינע דריי פאַרדינטע בענדלעך האָט ער ערלעך איבערגעגייט פון איין שינעל אַפן אַנדערן שוין קאָמע יאָרן. דאַוועגען מיט די סאָלדאַטן פלעג ער אַפן פעלד אַלע פאַרנאַכט, ווי אַן עכטער גאַלעך. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט האַלטן פאַרמאַכט די אויגן בעשאַס דער מאָליטווע. ער פלעג אויסקיילעכיקן דאס פרומע מויל און אַזוי שוין אַראָפּרופן די נאַכט מיט זיין קלויסטערדיקן „אָטשע נאַש“ אין סטעפּ אַריין.

קיין זאַך האָט ער פון נאַטשאַלסטווע ניט פאַרבאַהאַלטן. אַלץ איבערגע־געבן. אַלץ אונטערגעטראָגן. מיט פרומקייט. און שטענדיק זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן:

„זאַ צאַריאַ

זאַ וויערו אי אָטיעטשעסטוואָ!“

ער האט געהאַט קליינע פיס. פּראָפּאָרציאָנעל ניט קיין אַרויסגעוואַק־סענע צום גאַנצן ברייטלעכן און פאַרהינטערטן קערפער. די כאַליעוועס פון א געוויינלעכער פּאָר שטיוול האבן אים געגרייכט ביז דער דיך. אָבער פלינק האָבן זיי אים געדינט, די פיס זיינע. און געטריי. פונקט ווי ער—דעם קייסער און דער וויערא. און אז זיי פלעגן אים מיטן ראַ־פּאָרט צוטראָגן צום פּאָלקאָווניק טיטאָוו און אים פאַר דער הויכגעבוירנ־קייט אנידערשטעלן „וואָ פראָנט“, האָט מען די פיס זיינע שוין אינגאַנצן ניט אַרויסגעזען. ס׳האט זיך געדאַכט, אַז ער שטייט אַף די קני און קוקט ארויף אַף נאַטשאַלסטווע מער מיט די צוועלף אָפּגעבליאַקעוועטע געלעכלעך פון זיינע מונדירישע קנעפּ, וואָס האבן געשיינט פון זיין אויסגעדינטער ברוסט,—אַז ער קוקט אַף אים מער מיט אָט די קנעפּ, ווי מיט זיינע אויגן.

און אַזוי האָט ער שוין געשניטן שטיקער צונג אָפּדערגיך, געשניטן, ווי מיט אַן עלעקטרישן מעסער:

— וואַש־סאַק־בראָד! די אידן פּאַטשיניאַיען זיך ניט. קעגן געזעץ. זאָגן ניט די מאָליטווע. און דער מאָרגנשטאָרם בונטעוועט. ניטגוטע, שפּרוך. דריי פּראַוואָסלאַוונע נעשאָמעס אונזערע זיינען פון זיין שפּרוך געבראָכט געוואָרן, אָפּן אָרט. צוויי זיינען געוואָרן טיאַמנע אַף די אויגן און קאָזלאָוו גייט באַנאַכט ארום אַף דער לעוואַנע. אַלץ זיין שפּרוך, וואַש־סאַק־בראָד!

— גיי, ווזוואָדנע קאָזוראָגע, רוף אים, — האָט פּאָלקאָווניק טיטאָוו געשמייכלט, — גיי! ווזוואָדנע, גיי!

און אַז דער צעשראָקענער ווזוואָדנע רעדט זיך אַביסל אַראָפּ פון זיין אויסגעדינטער סאָלדאַטישער ברוסט, האָט ער ערשט דעמאָלט מוירע צו גיין רופן עזרען.

נאָר אַף באַנאַכט גייט ער צו אַ וואָראָזשקע זיך האַלטן אַ אייצע:

— ניטגוטע, מוטערל, באַ מיר אין ווזוואָד. ניטגוטע. אידן ניט גע־ציילעמטע. פאַרשאָלטענע. אַלץ — האָרע־קאָרע! — דרייט דער ווזוואָדנע קאָזוראָגע פאַר דער אַלטער צעפּאַטלט־פלאַקסענער מעכאַשייפע מיט די פינגער פוןביידע הענט:

— אָט אַזוי, מוטערל, — האָרע־קאָרע! דרייען אַלץ איבער פאַר־קערט!

באַ דער אַלטער גויע, דער מעכאַשייפע, דער וואָראָזשקע, וואס האָט שוין באַגראָבן זיבן מענער פאַר איר לעבן און שעמט אין דער „גובערניע פאַר דער בעסטער אָפּשפּרעכערקע, — באַ איר אין שטוב שמעקט שטענ־דיק מיט רויע פיש און מיט געשוונדנס. צו יעדער וואָרט, וואָס זי קרע־קעט אַרויס, קלאַפּט זי צו מיטן שטעקן. נאָר ווזוואָדנע קאָזוראָגע, ווייסט זי, איז אַ פרומער מענטש, אַ גאָטספאָרכטיקער. רעדט זי מיט אים מילד.

ווען ער קומט צוגיין, ווייזט זי אים אַן מיטן שטעקן אַף דער באַנק:

— זיץ, קאַסאַטיק!

נאָכדעם פאַרהאָלעט זי די ברייטע געפאַלדעוועטע ספּאָדניצע, פון אונטער וועלכער ס׳אַנטפלעקן זיך אַ פּאָר מענערשע הויזן אַף אירע פיס, זי נעמט אַרויס פון קעשענע אַ טאַבעק־פושקעלע, שטאָפּט אַן פּאַוואָלי

איין נאָזלאָך, די אַנדערע. נאָכדעם ציט זי אויס דאָס טאַבעק-פּושקעלע צום ווזוואָדנע און איז מעכאַבעד:

— שמעק, קאַסאַטיק, האַרציקער! שמעק!

דער ווזוואָדנע קאָזעראָגע געטרויט איר אַפּילע ניט אַזוי שטאַרק אין איר קיבעד. ער נוצט אייגענעם. נאָר פּאַר מוירע רירט ער אָן דאָס טאַבאַקערקעלע מיט צוויי שפּיצן פינגער און אַז ער טראָגט זיי אונטער צו דער נאָז, גיט ער ערשט אַ שטילן בלאָז מיט דער נאָז און צעבלאָזט דעם טאַבעק. אַריינאָטעמען דער מעכאַשייפעס טאַבעק שרעקט ער זיך.

און די אַלטע, ווען זי ניסט אָפּ, גיט זי נאָך אַזאַ קריי און הויבט אים אָן באַרואיקן:

— אַזוי, אַזוי, נעשאָמע מיינע! דערצייל, דערצייל!

— אַלץ אָט דער הינטישער זון, מוטערל! אָט דער מאָרגנשטאָרם, פּאַרטונקלט די קעפּ באַ אונזעריקע קריסטן. אין מיין ווזוואָד. אָט ווי אין די הייליקע שריפטן שטייט:

— „און ער וועט זיי פּאַרטונקלען דאס געדעכענעש..."

— אַזוי, אַזוי? — שלאָגט אים די אַלטע איבער, — אזוי? און שטרעקט אים אויס נאָכאַמאל דאס טאַבאַקערקעלע:

— נאַ, קאסאטיק מיינער, שמעק! אַזוי. גיב נאָך אַ שמעק. אַזוי. אי-אַי-אַי-אַי, דערצייל ווייטער, דערצייל!

זי דערלאַנגט נאך אַ מאָל א קאַכיקע מיט דער נאָז און גיט אַ ווייע אַפּן דערשלאָגענעם ווזוואָדנע קאָזעראָגע מיט רייעך פון רויע פיש:

— דערצייל! אַלץ דערצייל!

דער ווזוואָדנע האט שוין ניט וואָס צו דערציילן מער. ער זוכט שוין ווידעראַמאָל עפּעס אַ פּאָסעק פון די הייליקע שריפטן און דערמאנט זיך:

— דער, קאָזלאָוו, דער גייט שוין באַנאכט ארום אַף דער לעוואָנע. קראַנק, נעבעך. אַלץ פון זיין שפּרוך. און דריי נעשאָמעס פּראַוואָסלאַ-ווישע געבערכט. און אַף די אויגן — בלינדע...

— אַף דער לעוואָנע? — גיט זי אַ שטשירע אויס דעם איינציקן צאָן, ווי אַ וואָרעם:

— נו, גענוג, טייערער. גענוג.

זי הויבט זיך אוף פון דער באַנק און עפנט אוף די טיר:

— גיי, העלד מיינער, גיי, נעשאָמע פּראַוואָסלאַווישע. גיי שטעק אים דאָרט באַנאַכט דעם קאָפּ אין אויוון אַריין, און זאָל ער זיין אומריינעם נאָמען אויסשרייען. הויך אויסשרייען. דורכן קוימען אַרויס. גיי, האַרציקער. אַף דער לעוואָנע, האסטו געזאָגט, אַזוי? גיי, גיי, און טו אַזוי, ווי איך הייס דיר, קאַסאַטיק מיינער. כ׳וועל אים שוין באַשטאַטן!

זי גיט נאָך א צי מיט די נאָזלעכער אביסל טאבעק, עפּנט אוף דאס פּינצטערע מויל און גיט אַ קרעקענדיקן ניס. און אזוי ניסט זי אים שוין, דעם ווזוואָדנע קאָזעראָגע, ארויס פון איר שטוב און שרייט אים נאָך:

— הויך זאָל ער שרייען! הויך! אַף דער לעוואָנע גאָר? נו, גיי, גיי, נישקאָשע!

און ס׳בושעווען ווינטן איבער סטעפּעס טאַמבאָווישע, ווי צעהוליעטע שיידים. ס׳רייסן און ס׳בויגן זיך די ווייטן, ווי לייעכער אופגעהאנגענע צום טריקענען.

איבער די ליידיקע סטעפּעס הענגען שטרויענע טשוטשעלעס דורכגעשטאָכענע פון סאָלדאַטישע ביקסן און שמייכלען און הוידען זיך אַף פּראָסטיקע פאַרלאַנגען פון ווינטן.

דער ווזוואָדנע קאָזעראָגע לויפט איבערן ווייסן ליידיקן וועג, ווי א פלינקע קאַץ פון אַ מיסטקאַסטן אַראָפּ און קוקט זיך אום פון אַלע זייטן און ווינטשעוועט דער אַלטער מעכאַשייפע דאָס קעניגרייך פון הימל.

— דאס אייביקע קעניגרייך פון הימל.

און ערגעץ כראָפּעט א הילצערנע קאַזאַרמע אין דער נאַכט אַריין. א א הילצערנע קאַזאַרמע מיט קליינינקע פענצטערלעך, ווי בלינדע בעלמעדיקע אויגלעך פון טאַמבאָווישע מעכאַשייפעס. אָט איז נאָך איינע. א ווייסע, א שנייאיקע, אַן אָפּגעקאַלכטע, ווי א גרויסע טשוטשעלע מיט פאַרשטאָכענע דינע פיילן פון צאַנקענדיקע קאַניצלעך באַנאַכטיקע.

זיי כראָפּען אַרויס, די קאַזאַרמעס, מידקייט פון כאָלעמדיקע סאָלדאַטן, פון אָפּענע שלאָפנדיקע סאָלדאַטישע מיילער, פון סאָלדאַטן מיט הענט, ווי גאָפּלען פאַרגראָבענע אין די בייסנדיקע לייבער. אַלע ליגן זיי מיט נאַרעס אף נאַרעס, מיט לייבער אַף לייבער, ווי איין גרויסער דורכגעפלאָכטענער פלאָדן פון רויען, פון שטינקענדיקן מענטשן-פלייש. אַזאַ באַוועגלעכס, ווי מיט ווערים.

און אונטן קלאַפּט אין פּאָדלאָגע מיט די שטיוול דער דניעוואַלנע. דער צאנקענדיקער פּולס פון די קאַזאַרמעס. ער הערט זיי געטריי, אָט די שלאָפנדיקע מיילער, אָט די אָפענע סליונעדיקע ליפּן, וואָס סמאָקען פון שלאָף כאַלומעס. ער היט זיי אַלע געטריי, איינינעם מיט דער הילצערנער קאַזאַרמע און מיט דער נאַכט, וואס זיצט ווי א פינצטערע סאָווע אַף דעם פאַרווייעטן און פאַרשנייטן געגנט.

דרייט ער זיך אַרום, אָט דער דניעוואַלנע, פון נאַרע צו נאַרע, פון פענצטער צו פענצטער און לאָזט אומעטום איבער א שפּיי. אַזוי זיך א שפּיי, פון אומעט. ער זעצט זיך אַוועק אַף א ברעג פון א נאַרע, קוקט אַף די שלאָפנדיקע, נעמט אַרויס טוטין און פאַרדרייט א ציגאַיער.

— וואָניאַיעט נאַראָד,— גיט ער אַזאַ באַדויערדיקן דריי מיטן קאָפּ אַף הין און צוריק,— וואָניאַיעט.

נו, פאַרדרייט ער זיך אַלע ווײַלע א גראָבן ציגאַיער, צו פאַרטרייבן דעם שלאָף, וואס זיצט אים אַף די קליינע סאָלדאַטישע מידע אויגן און ציט צו דר'ערד, און גייט זיך צו נאָכאמאָל צום פענצטער א שמעק טאָן פון דער קאַלטער פאַרבלומיקטער שויב. ער שטייט באַם פענצטער און כאַפּט אַלע ווײַלע א קוק, אזאַ בענקענדיקן קוק אַף דער פּאָד-לאָגע:

— אך... אט אַזוי זיך אויסציען. אַנידערלייגן. בלויז ליגן. מער ניט, ווי ליגן.

נאָר ס'דרייט זיך עמעצער אין הויף. ער הערט קליינע, גיכע, באַקאַנטע טריט. דער ווזוואָדנע דרייט זיך אַרום אין הויף. ער רעדט עפּעס מיטן אָנגעפּעלצטן פאַרפרוירענעם סאָלדאַט באַם טויער.

— ווזוואָדני! — גיט זיך דער דניעוואַלנע א כאַפּ.

— ווזוואָדני. פּראָוויערקאַ.

ער נעמט זיך דרייען איבער דער קאַזאַרמע הין און צוריק מיט פעס-טערע טריט, איינגאַנצן אן אופגעמונטערטער, אַן אָפּגעפרישטער און וואַרט מיט א גרויסן ראַפּאָרט אין מויל:

— גאָספּאָדין ווזוואָדני! 46 שלאָפן אַף די אויבערשטע נאַרעס. 2 אין שטאָט. איינער אין אורלויב. פיר אין אָקאָלאָדאָק און...

— נאָך א מאָל:

— גאָספּאָדין ווזוואָדני!

אָט דעמאלט, חען ווינטיקע פינצטערנישׂ פאַרגלעט די טריט פון סאָלדאַטישע פּיס אַפּן צעקנייטשטן שנייאיקן סטעפּ פון טאַמבאָווער גו־בערניע און בעט אויס און פאַרלייגט די פּראָסטיקע וויסטע מיט נייע שנייען, מיט נייער זאַווערוכע פאַר נייעם לויפן און פאַלן און שרייען צו טשוטשעלעס, צו שטרויענע שמייכלדיקע טשוטשעלעס: „אורא־אַ!״ — אָט דעמאלט וועקט דער ווזוואָדנע עזרען פון די קויטיקע בייסנדיקע נאַרעס:

— מאָרגנשטאָרם!

— יאַ!

— שטעק אריין דיין קאָפּ דיין טייוולשן אין אויוון אריין און ענטפער דורכן קוימען. אינדערהויך. הילכיק. שומי!

— יאַ־אַ־אַ!

— אָטסטאַווית!

כאַפּן סטעפּישע ווינטן דעם באַנאַכטיקן „יאַ״ פון הילצערנע שלאָפנ־דיקע קאַזאַרמעס און טראַגן אים ווייט־ווייט איבער דער נאַכט.

און ערגעץ ווײנט א מאַמע אין א קליין שטיבעלע באַם עק שטעטל. זי וויינט פון שלאָף און ס'וויינט מיט איר מיט די נאַכט:

— מאָרגנשטערן!

— יאַ־אַ־אַ!

און ערגעץ כאָלעמט א מילנער וועגן זיין זון, וואָס גייט איבער די לופטן מיט די פיס אַרוף, ווי מיט פליגל פון ווינטמילן, און טרעט אַף די הימלען און איז מעוואַיעשׂ די הימלען.

און ערגעץ זיצט א מעשוגענער מיט א ברייטער שוואַרצער באָרד, ווי מיט גראַניט אַרום דעם מויל, און קוקט אַף א ווינטמיל, וואס ווייזט מיט איין פליגל אַף איין זייט וועלט און מיטן צווייטן פליגל אַף דער אַנדערער זייט וועלט און וואַיעט:

„— און ס'וועלן קומען גיבוירים מיט לאַנגע כאַלאַפים און וועלן ברענגען אַף די הענט א רויטע אינדן פון פרימאָרגן און וועלן מאַקרעוו זיין קאָרבאָנעס און דער קויהען־גאָדל וועט גיין איבער די לופטן מיט די פיס אַרוף:

— שאָלעם אַלייכעם, אַלייכעם שאָלעם, שאָלעם אַלייכעם, אַלייכעם שאָלעם!

און וואָס נאָך? גאָדל!

הוליען דאָרט אַף סטעפּעס טאַמבאָווישע העפקערע ווינטן מיט שניי־איקע שטרויען אין די מיילער, ווי מיט אָדערלעך אָפּגעגריזעטע פון טשוטשעלעס. זיי הוידען זיך, די טשוטשעלעס, ווי שיקערע און טרינקען פּראָסטיקע געפּייפן פון ווינטן. ווינטן לערנען מיט טשוטשעלעס סלאָ־וועסנאָסט. און טשוטשעלעס שאָקלען מיט שטרויענע קעפּ און שמייכלען.

— צו וועמען?

און מיט עזרען אין זעלבן ווזוואָד האט געדינט נאָך א אידישער סאָל־דאַט. אן אומאַנער. טעוויע זייגערמאַן. שטענדיק האט ער זיך אַרומגע־טראָגן מיט בלעכענע קיילים פון סאָלדאַטישע מאַכאָלים. זיינע קורצע און גראָבע טוקעוואַטע פיס האבן קיינמאָל קיין אַנדער מאַסע ניט גע־טראָגן, אויסער די בלעכענע באַקעס מיט סופּ און מיט קאַשע. און די דריי פּאָר ליפּן, וואס האבן געמאַכט פון זיין שטענדיק אָפן מויל אַזאַ מין מערידן־שלאַפּקייט, האבן זיך פון קיין וועדטער קיינמאָל ניט באַ־וועגט. זיי האבן זיך באַוועגט בלויז פון פּעטש, וואָס ער האט געקראָגן פאַרציענווייז, און אויך האבן זיי זיך באַוועגט פונם עסן.

נאָך א פּאַטש און נאָכן מיטאָג פלעגן די ליפּן בא טעוויע זייגערמאַן באַקומען אזא האכנאַעדיקן טרייסט־לעק מיטן צונג און צוריק פאַרגלי־ווערט ווערן אין זייער שטענדיקער האַלב־אָפנקייט.

אַז ער האט אָפּגעגעסן זיין סופּ מיט דער קאַשע און אויסגעוואַשן די בלעכענע באַקעס פונם גאַנצן ווזוואָד, פלעג ער זיך גלייך פאַרפּאַרען טיי אין זיין אייגענעם טשאַיניקל, וואָס ער האט מיטגעבראַכט פון אומאַן. נאָר איידער ער פלעג זיך אָפּזונדערן מיטן טשאַיניקל מיט זיינעם אין א ווינקל, האט ער ליב געהאט פריער צוטראָגן עזרען א גלאָז טיי און גאָרניט־זאָגנדיק זיך אָפּרוקן.

ער האט ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, וואס דא קומט מיט אים פּאָר. ער האט זיך בלויז פּאַר עפּעס געשראָקן. און ווען ער פלעג קריגן פּעטש, אָדער פאַרהערט ווערן אַף סלאָוועסנאָסט, האט ער אויסגעזען ווי א הונט, וואס שטייט אַף די הינטערשטע פיס און מיט א דערשראָקן האָפענונגס־לאָזן פּאָנעם געקוקט אַף עזרען.

ווען פּאָלקאָווניק טיטאָוו איז פאַרבייגעגאַנגען דעם ווזוואָד, האט ער דעם ערשטן ארויסגערופן טעוויע זייגערמאַן:

— דו, קראַסאָוועץ, קום נאָר אַהער!

טעוויע גיט זיך אַ ריס פון זיינע פיס, פון זיינע צוויי קורצע פעניאַקעס און אַלע זיינע ליפּן געבן זיך אָפּ זיין פּאָנעם אַזאַ מאָדנע צערודער, וואָס לויט די געזעצן פון סלאָוועסנאָסט דאַרף עס בעפּיירעש באַדייטן:

— וואָשע פּרעוואָסכאָדיטיעלסטוואָ!

דעם פּאָלקאָווניק טיטאָוו איז זייער געפעלן, ווי דער אידיאָט גיט אים אָפּ טשעסט. מיט אַ סאַדיסטישער טאַיווע האָט ער געקוקט, ווי ס'דרייען זיך טעוויעס אידיאָטישע דרייפּאַכיקע ליפּן און בעלעמעטשען עפּעס אַרויס מיט גרויס שרעק און דערשלאָגנקייט.

און מיט אַ פולן מויל געלעכטער האָט דער פּאָלקאָווניק, קאָטשענדיק זיך פון וויין און פון האַנאָע, באַפוילן צו זיין אונטערטעניקן כאַיעל, טעוויע זייגערמאַן:

— אָט-סטאַוויט!

און נאָך האָט פּאָלקאָווניק טיטאָוו האַנאָע געהאַט צו קוקן, ווי טעוויע דאַוונט.

— הער נאָר, דו, קראַסאַוועץ, ביסט אַ ראַבין, האַ?

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך געבויגן, ווי אַ סאָסנע אין אַ ווינט, פון אייגענעם שיקערן געלעכטער:

— ביסט אַ זשוליק, אַ זשוליק,— און איז איבערגעגאַנגען צו עזרען:

— נו, און דו, זאַראַטוסטרא, האַ? דו שווייגסט גאָר?

בּאַ דעמדאָזיקן וואָרט, וואָס פּאָלקאָווניק טיטאָוו האָט אַרויסגעקייקלט פונם מויל, האָט דער גאַנצער ווזוואָד אַ שאָרך געטאָן, ווי קאַמישן פון אַ ווינט. אָפּ סאָלדאַטישע מויכעס האָט זיך דאָס וואָרט עפּעס ניט געלייגט. יעדער איינציקער האָט עס אינסטינקטיוו איבערגעקייט אין אייגענעם מויל און פון פּאָלקאָווניקס אופגעלייגטקייט האָט זיך באַקומען „שוסטראַי".

— האַ? זאַראַטוסטרא!— האָט שוין ווייטער גערעדט מיט אַביסל רעציכע דער פּאָלקאָווניק, ניט באַקומענדיק קיין ענטפער פון עזרען.

ער האָט גענומען דרייען מיט צוויי פינגער אינדערלופט:

— האַ? דרייסט נאָך אַלץ מיטן צונגל? האַ, זאַראַטוסטרא? דריי, דריי, דריי, דריי!

נאָכהער האָט דער פּאָלקאָווניק שוין מער צו קיינעם גאָרניט געזאָגט, ניט געענטפערט אַפילו אָפּ „טשעסט" פון ווזוואָד. ער האָט זיך שאָקלענדיק

אַוועקגעדרייט, און צו אַלץ, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָט ער גע־בורטשעט „זאַראַטוסטראַ"... אַ צו זיין קליין בלומענשטיבל, וואָס האָט זיך געוויקלט אין ווין, אין פאַרפומען און אין וואַרעמע אָטעמס פון אַי־דישע היימלאָזע מיידלעך פון די עשאַלאָנען.

אין ווזוואָד איז אַ פּאָר מינוט געווען שטיל נאָך אַזאַ וויזיט פון פּאָל־קאָווניק טיטאָוו. דער ווזוואָדנע האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ער האָט געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט און געקוקט מיט שטעכיקע אויג־לעך אַף עזרען, כאַפּנדיק אַלע ווײַלע אַ בליק פון דער זייט, צי זעט מען שוין ניט אָן די נאַטשאַלסטווע. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער דייע, צי זאָל ער אים שוין עפּעס זאָגן, דעם מאָרגנשטאָרם. ער האָט אים אַפילע געוואָלט איבערכאַזערן דאָס וואָרט, וואָס דער פּאָלקאָווניק האָט געזאָגט, האָט ער דאָס אָבער ניט געקענט אַרויסרעדן. נאָר עזרע האָט געקוקט אין אַ זייט און זיך אַלע ווײַלע באַגעגנט מיט טעוויעס אידיאָטיש־פאַרשעמטע אויגן און מיטן מאָדנעם געווערק פון זיינע דרייפאַכיקע ליפּן.

— מאָרגנשטאָרם! נאָך די זאַניאַטיעס — צוויי שאָ אונטער דער ביקס, — האָט ענדלעך אויסגעשיפּעט דער ווזוואָדנע קאָזעראָגאַ, — פאַר ניט פּאָדטשיניאַיען זיך.

דאָס האָט דער ווזוואָדנע, אייגנטלעך, באַשטראָפט פאַרן פּאָלקאָווניקס קאָוועד. נאָר עזרע האָט אויסגעהערט און געקוקט אַף טעוויען. אונטער אַט די מעגושעמדיק־פאַרפלאָנטערטע ליפּן האָט טעוויע זייגערמאַן גע־טראָגן עפּעס אַ סאָד. און אין האַרץ — אַ פאַרבאַהאַלטענעם פאַבעד, וואָס האָט אים געמאַכט צו יעדן איינציקן אונטערטעניק, ווי אַ הונט. יעדערן האָט ער געפאָלגט. און ער איז געווען צופרידן, אַז עמעצער האָט זיך מיט אים געשאַפט. קיין סלאָוועסנאָסט האָט ער ניט געקאָנט. און מ'האָט אים קיין סלאָוועסנאָסט קיינמאָל ניט געפרעגט. נאָר אַז דעם ווזוואָדנע קאָזעראָגאַ איז געווען אופגעלייגט אַפן האַרצן, האָט ער אים מיט גרויס קוראַזש און גרימצאָרן פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— זייגערמאַן, האַ, זייגערמאַן, ווי אַזוי גיט מען אָפּ טשעסט דעם גאָ־סודאַר אימפּעראַטאָר?

טעוויען פלעג פון אַזאַ גזיירע פינצטער ווערן אין די אויגן. ס'האָבן באַ אים אַליין, אָן זיין ווילן, אָנגעהויבן פּאַטשן די ברעמען און ער האָט אויסגעבעלעמעטשעט:

— וואַשע בּ־בּ־בּ־...

דעמאלט האט דער ווזוואָדנע־שנעל אַרויסשפּייענדיק פון צווישן די ציין א „זשידאָווסקאָיע אָטראָדיע",— שוין אויסגערופן ווייטער:

— קוזלאָוו!

— יאַ!

ווער איז אונזער נוטרעני וראַג?

קאָזלאָוו, דער פלאַקסענער אָרלאָווער שייגעץ מיט דער געשטופּלטער נאָז, האט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאנצער וואוקס און קימאַט ווי ראַפּאָרטירט:

— דייטשן, אַווסטריאַקעס און זשידעס, גאָספּאָדין ווזוואָדני!

— זייגערמאַן, ווער איז אונזער נוטרעני וראַג?— האט זיך ווייטער געיאָגט דער ווזוואָדנע.

טעוויע האט האָכפּענונגסלאָז אַ קוק געטאָן אַף עזרען, ווי ער וואָלט זיך מיט אים שטומערהייט אַזוי געזעגנט און גענומען שטאַמלען:

— שפּיאָנעס, גאָספּאָדין ווזוואָדנע.

ער האט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דער ווזוואָדנע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— זייגערמאַן, דערלאַנג קאָזלאָוון א זעץ אין פּיסק אַריין, ער האָט ניט געוואוסט. גיך, זייגערמאַן!

טעוויע איז צעמישט געוואָרן. ער האט ניט געוואוסט, צי האט ער געטראָפן, צי ניט. צי האט ער שוין געכאַפּט א פּאַטש, צי ער דאַרף אים ערשט כאַפּן.

— גיכער, הינטישער זון איינער. דערלאַנג, זאָג איך דיר!

א שטומער דערשרעק און אַ אידיאָטישער שמייכל האבן צוזאַמען געצייטערט אַף טעוויעס מויל. ער האט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך.

— נו? כ'וועל דיר באַלד ווייזן,— האט דער ווזוואָדנע א ריטש געטאָן.

— קאָזלאָוו!

— יאַ!

— ווייז זייגערמאַנען, ווי מע גיט אַ פּאַטש! אָט האסטו דיר, דרויבע נאַרישע!

און א הילכיקער קלונג איבער טעוויעס פּאָנעם האט פאַרענדיקט דעם פּלוצלינגדיקן אוראָק סלאָוועסנאָסטי.

טעוויען האט א בליק געטאָן פאַר די אויגן, און ביז צום סאָף פון די זאַניאַטיעס האט ער זיך געשעמט אופהויבן דעם קאָפּ אין אזריעלס זייט. נאָר קיין פאַריבל האט ער ניט געהאט, ניט אַף דעם ווזוואָדנעם, ניט אַף קאָזלאָוון. ער האט גערן געכאַפּט פעטש און זיך געלאָזט באַליידיקן. ער האט עס אָנגענומען פאר ליב און פאַר אַן אָפּקומעניש. ס'האט אים פארפאָלגט א מאָדנער געפיל, אַז ער מוז געהאַרגעט ווערן אַף די פּאָזיציעס. אַז גאָט שטראָפט אים איצטער. און ער האט געוואוסט פאַרוואס. נאר מיט קיינעם וועגן דעם ניט גערעדט. ער האט שוין פאַר עזרען זיך איינמאָל געוואָלט אויסרעדן, נאר ער האט ניט געקאָנט קומען צום געשפרעך. איצט האָט ער זיך געשעמט מיט דער פארפלאָמטער באַק אפילע צו קוקן אַף עזרען.

נאָכן עסן, ווען ער האט פאַרפאַרעט טיי אין זיין אייגענעם טשאַיניקל, וואָס ער האט מיטגעבראַכט פון אומאַן, האט ער אָנגעגאָסן דאָס ערשטע בלעכענע קווערטל און מיט בושע עס אונטערגעטראָגן צו אַ נאַרע, וואו ס'זיינען געלעגן עזרעס זאַכן. עזרע האט זיך עפּעס געכאָרעט אין אַ זייט. און ניט אופהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט טעוויע אָנגענומען דאס הייסע קווערטל טיי און עס אויסגעשטעקט צו עזרעס פּלייצע:

— ווילסט, מאָרגנשטערן?

נאָר עזרע האט זיך געגרייט זיך שטעלן אונטער דער ביקס, פאַר „זאַראַטוסטראַ". ער האָט אָנגעטאָן 72 פונט זאַמד אפן רוקן, גענומען די ביקס און איז אַרויס אַפן פלאַץ. אין אַ שאָ אַרום, ווען ער איז שוין געווען איינגאַנצן פאַרשטאַרט פון שטיין אומבאַוועגלעך מיט צונויפגעשטעלטע קאַבלוקן און די 72 פונט זאַמד האָבן אים געצויגן אַף צוריק די אָדערן פון זיין פאַרלאָפּענעם פּאָנעם,— האט זיך דורכגעדרייט דער ווזוואָדנע קאָזוראָגע, קאָנטראָלירן, צי עזרע שטייט אונטער דער ביקס ריכטיק. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו זיין באַשטראָפּטן, אים באַטראַכט פון אלע זייטן און וועלנדיק א קוק טאָן אים אין די אויגן, האט ער אַרויסגעלאָזט:

— שטייסט ניט ריכטיק, מאָרגענשטאָרם!

עזרע האט געשוויגן און געקוקט איבערן ווזוואָדנעס קאָפּ.

— גלייך אויס די רעכטע קני, מאָרגענשטאָרם!

עזרע האט זיך ניט קיין ריר געטאָן.

— שטעל צונויף די קאַבלוקן, טייוול פאַרשאָלטענער!

נאר עזרע האט זיך ניט באַוועגט און אים ניט געענטפערט, גלייך ווי דער ווזוואָדנע וואָלט גערעדט מיט עמעצן אַנדערש. איז דער ווזוואָדנע צוגעגאַנגען נעענטער און מיט זיין פוס א קלאַפּ געטאָן אין עזרעס שטיוול:

— אַזוי, דו הינטישע פעל! מיטן געזעץ זאָלסטו באַ מיר שטיין! ווי האָלסטו דעם אויער?!

אין עזרען האט עפּעס אָנגעהויבן געשעען. ער האט אופגעהערט פילן די מאַסע פון די 72 פונט זאַמד. דאס בלוט איז אים א לויף געטאָן איבערן גאַנצן גוף. ער האט געפילט, ווי דאס טאָרבעלע זאַמד הויבט זיך אוף אַליין פון זיין רוקן און די ביקס בעט זיך עפּעס באַ אים.

— נאָך איין אויגנבליק...

דער ווזוואָדנע האט ווידער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— ווי האַלסטו די ווינטאָוועקע, — און מיט דער האנט האָט ער אַ בויג געטאָן עזרעס קאָפּ אַף אַראָפּ:

— אָט אַזוי! נאָך צוויי שאָ אונטער דער ביקס! פאַר אַזאַ שטעל, טייוול, ניטגעציילעמטער!

און ווען עזרע האט דערפילט דעם ווזוואדנעס האַנט באַ זיך אַפן קאָפּ, האט ער אַ טראָט געטאָן אַף צוריק פון זיין אָרט און אָנשטעלנדיק די ווינטאָוועקע אין דער ריכטונג פון דעם ווזוואָדנעמס פאַרמונדירעוועטער ברוסט, האט ער אַ געשריי געטאָן:

— גייסט אַוועק, ווזוואָדנע? איך שטעך!

און אָן אויסגעדרייטן מיטן רוקן צו עזרען, האבן דעם ווזוואָדנע אַ פלינקן טראג געטאן די קורצע פיס זיינע מיט אַ קלענער־געוואָרענעם פאנעם און מיט אַ פאַרביסענעם און דערשראָקענעם:

— אָטסטאַוויט, ניעכריסט!

— אָטסטאַוויט!

XIII

אַ גאַנצע צייט האבן זיך אַף סטעפּעס טאַמבאָווער געבלאָטערט פּאַלאַטקעס מיט באַראַקן, ווי לייוונטענע קעשענעס צוגענייטע צו די סטעפּישע ברייטן און לענגן.

ווינטלעך האבן זיך אַרומגעפלוידערט און געפלאַפּלט מיט די אָנגעבלאָזענע דעכ׳עך, וואס האבן געקנאַקט אַף דער לופט, אויסטרייסלענדיק דעם שטויב פון די לייוונטענע כאלדאַטישע זומער־פּאַלאַצן. און ווען ס'איז זיי אומעטיק געוואָרן בלאָזן און רייסן די לייוונטענע דעכער, זיינען זיי זיך ווי די פויגל צעפלויגן.

נאר לאַנגע צוגן, אויסגעקייטלטע פון אַלטע טעפּלושקעס, האבן טאג און נאַכט זיך געצויגן איבער דעם איינזאַמען אייזנבאַן־וועג, וואס האט דורכגעגאַרטלט די סטעפּ. זיי האבן געפירט קיין טאַמבאוו דער שטאָט דאס באַוועגלעכע אידישקייט אין וואַגאָנעס. דאָס באַוועגלעכע אידישקייט, דאס אויסגעריסענע פון די קליינע מוראַשניקעס, וואס זיין דורכלויכט, ניקאָלאַי ניקאָליאַיעוויטש, דער גרויספירשט פון קעניגלעכן הויז האט באַפוילן אויסצורייסן, קעדיי אויסמיידן שפּיאָנאַזש.

זיינען זיי געקראכן, אט די רויטע קעסטלעך, אָנגעפּאַקט מיט הילצערנע צעבראכענע בעטן, מיט טפילן, מיט טשאַיניקעס און מיט שפּיאָנאַזש.

אָנגעפּרעסענע מיט אַלטע בערדיקע קעפּ, מיט אויסגעבויגענע זקיינעס און קינדער, האבן זיי זיך געצויגן, די צוגן, — דידאָזיקע טאָוואַרנע צוגן, וואָס זיין מאַיעסטעט, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דער גרויספירשט פון קעניגלעכן הויז האט געשיקט אַ מאַטאַנע זיין פלימעניק, דעם גאָסודאַר. דעם אימפּעראַטאָר.

האבן די צוגן יעדן טאָג דורכגעווירעט דעם סטעפּ מיט די אויסגעקע־שענעטע פּאַלאַטקעס, וואו ווינטן געטרייע האָבן געטריקנט סאָלדאַטישע העמדער און אָנעטשעס.

בלויז דאס קליינע בלומענשטיבל האט זיך ערגעץ אַפּגערוקט ווייטער פונם לאַגער. מ'האט עס איבערגעטראָגן. ווייטער. מ'זאל עס ניט אָרויסזען.

צו דעמדאָזיקן שטיבעלע זיינען די גרילצן פון די רעדער און דאס געוויין פון די טעפּלושקעס ניט דערגאַנגען.

צו דעמדאזיקן שטיבעלע איז מען געגאַנגען און זיך אומגעקערט איינציקווייז. דאָרט איז געלעגן שיקער פּאָלקאָווניק טיטאָוו און געטרונ־קען מיט נאַקעטע מיידלעך, וואס זיינען געוועזן אויסגעוויקלט פון זייערע שאַבעסדיקע קליידער. ער האט געבויגן זיין רויטן שווייסיק־אָנגעגאסן פּאָנעם צו דינע ראזאָווע קני און געטרונקען פאַר אַ פולן ניצאָכן פונם פאטערלאַנד:

— ביעז אַניעקסי אי קאָנטריבוצי, כאַיקע! טרונק! — האט פּאָלקאָוו־ניק טיטאָווס קאָל געהויבן די סטעליע פונם שטיבל און זיך צעגאַנגען איבער סטעפּעס און פעלדער פון רוסלאַנד ביז צו די גרענעצן, ביז צו די פראנטן, וואו זיינע געטרייע סאָלדאַטן האבן געטרונקען זיין הויכגע־בורטיק קאָל מיט די קוילן פונם סוינע צוזאַמען:

— ביעז אַניעקסי אי קאָנטריבוצי! האַ? כאַיקע!

און אידישע מיידלעך האבן געלאַכט און געלויכטן. זיי האבן פאַר־לייגט אַ קני אַף אַ קני און מיט די רויט־פּאַסטעלירטע ליפּן האבן זיי אויסגעקושט.

— ביעז אַניעקסיע, ביעז, ביעז...

און אַף די געוואָיען פון לאָקאָמאָטיוון און אַף געוויין פון טעפּלוש־קעס מיט דערשראָקענע בערדיקע מיילער און קינדער, האט פּאלקאָווניק טיטאָוו געפינעט און געמאַכט מיט דער האַנט, ניט אויסדרייענדיק דאָס פּאָנעם:

— פּאָ באַראַקאַם!

זיינען אַלע פאַרנאַכט דורכגעגאַנגען פינצטערע מאַכנעס אויסגעגריזע־וועטער טיפעס — געפלעקטער און געפינטלטער, און געמאַכט פריי די וועגן און דורכגענג פאַר נייע טראַנספּאָרטן.

אַלטע ווייבער, שמאַטעדיקע זקיינעס מיט שאַבעסדיקע טיכלעך אַף די קעפּ, זיינען מיט געראַטעוועטע לייכטער און קאָרבנמינכעס געגאַנגען אין דער ווייבערשער שול.

זיי האבן זיך דארט, אין דער ווייבערשער שול, געטיילט מיט די ליכט און שטרענג געקוקט, אַז יונגע ווייבלעך זאלן ניט פאַרזען די מיצווע.

ווייכע ביילעווענע ליכט, ווי שטיקלעך לייב אָפּגעריסענע פון אַלטע מאַמעס, האָבן געוויינט אין די הענט פון אידישע יונגע, ברוסטיקע טעכטער, וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון זייערע דערשלאָגענע מענער, פון זייערע איינגעבראָכענע מאַמעס און פון גאָטס גאַסטפריינטלעכקייט. זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן, אַרויס אַף די גאַסן, אַף די סטעפּעס, אָנשפּייען זייערע בלאַסע צעקוועטשטע פאַרנאָסעניקעס אין די אויגן אַריין, עמעצן וואַרפן אין פּאָנעם אַריין די ביילעוועגע מיצוועס, וואָס האבן געוויינט און געטשאַדיעט אַף זייערע הענט, אויסלופטערן פון זיך דעם פאַרנייליעטן רייעך פון טכינעס און מיצוועס, וואָס איז אויסגעמישט מיט רייעך פון וינדעלעך, פּעלישקעס, קלאָלעס און קרעכצן,— אויסלופטערן דעם רייעך פון פרייטיקצונאַכטיקער פאַרשקלאַפטקייט, אין וועלכער זיי זיינען געווען געפּענטעט, ווי אין קייטן.

זיינען זיי געזעסן און געשוויגן. זיי האָבן זיך געמיעסט פון זייערע פאַרביילעווטע פינגער און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— גוואַלד! — וואָס האָט איר זיך אַנידערגעזעצט, ווי די קלעצער, — האָבן זיך געריסן די מאַמעס, — גוואַלד! סע פאַרגייט דאך שאַבעס אַף דער וועלט! אַזאַ אומגליק, גאָטעניו! צונעמען זאָלסטו אונז שוין פון דער וועלט!

— פאַרוואָס בענטשט איר ניט קיין ליכט?

זיי האָבן געשלעפּט די טעכטער פאַר די האָר און געקניפּט זיך דאס אייגענע לייב. זיי האבן געשלעפּט די טעכטער צו די טישן, וואָס זיינען געווען באַשטעלט מיט ערד-געפּילטע טעפּ און מיט לייכטער און געשריגן:

— נאַ, נאָר איבער מיר זאָלסטו שוין שטעלן ליכט איבעראַכטאָג אין דער צייט!

אינדרויסן האָט זיך געהערט אַ טומל פון דעם באַפעלמעכטיקטן.

— און די מענער?

די מענער האָבן צעפּאַקעוועט בעטגעוואַנט. געהאַקט שפּענער. ארומ־געזוכט מיקוועס. זיך געבייזערט און געפּלאַנעוועט געלעגערס זייטיקע. איבערגעהאַנגען לײלעכער און געמאַכט מעכוצעס און אַלע ווײלע ארופּ־געשריגן צו די ווייבער:

— נו?

נאָר ווייבער האבן זיך ניט אומגעקוקט.

אַרום דעם באַפּולמעכטיקטן פון קאָמיטעט פאַר היימלאָזע, האט זיך שוין אַרומגעדרייט דער קאַזיאָנער פעלד־ראַבינער אין אַ שוואַרצער לאַנגער טאַלמע, ווי אַ כאָשעווער אַגענט פון אַ קאַבראָנים־געזעלשאַפט און זיך געדונגען, ווי מע דינגט זיך באַ אַ רייכן מעס פאַר דער לע־וואַיע:

— איך וועל אַלץ טאָן, גאָספּאָדין אופּאָלנאָמאָטשענע! איך וועל נאָך היינט זיין באַם פּאָלקאָווניק טיטאָוו. ער איז טאַקע א וואוילער מענטש, אָבער אַן אָרל. מע וועט אים נאָר עפּעס דאַרפן געבן. וויפל ניט איז. ער איז דאָך א פּאָלקאָווניק, גאָספּאָדין אופּאָלנאָמאָטשענע! איך, פאַר־שטייט זיך, וויל דערפון גאָרנישט האָבן. איך וויל נאָר העלפן. נאָר העלפן דעם קלאַל־איכראָעל.

ער האָט אַוועקגערופן דעם באַפּולמעכטיקטן אין אַ זייט און אים גע־היימניספול און פאַרטרוילעך איינגערוימט אַפן אויער!

— איך וועל אייך, גאָספּאָדין אופּאָלנאמאָטשענע, זאָגן ווי א אייגע־נעם מענטשן. איך זע דאָך, אַז איך האב צוטאָן מיט א געבילדעטן מאַן. מיין טאָכטער, פאַרשטייט איר מיך, גייט צו אים אַריין. צום פּאָלקאָוו־ניק. ער קומט צו אונז אויך זייער אָפט. יאָ. נו, און מיין טאָכטער פּוילט באַ אים. איר זאָגט ער ניט אָפּ. זי פּוילט באַ אים אַלץ,— האט ער אי־בערגעכאַזערט.

דער באפולמעכטיקטער איז געווען זייער צופרידן. האָט געדאנקט דעם ראַבינער, וואָס ער נעמט זיך אַזוי נאענט צום הארצן די יעסורים פון קלאַל און אים אַריינגעלייגט אין האַנט אַריין א פּאַפּירל:

— גאָספּאָדין ראַבינער, מיין נאָמען איז ביע־קין.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין פּאָרטפעל אַ וויזיטקאַרטע און זי אונ־טערגעטראָגן דעם ראַבינער:

— ביטע!

דער ראַבינער האָט גלייך אָנגעטאָן ברילן און געלייענט אינדערהיים:
— סאָלאָמאָן אַלעקסאַנדראָוויטש ביעלקין.
באַם לעצטן וואָרט האָט דער ראַבינער זיך פאַרהאַלטן:
— ביעלקין? וואַרט, וואַרט, וואו האָב איך געהערט די דאָזיקע פאַמי־ליע? זייער אַ באַקאַנטע פאַמיליע! וואַרט, וואַרט, איר זיינט ניט אַמאָל...
נאָר וואָס „אַמאָל" האָט דער ראַבינער שוין ניט פאַרענדיקט. ער האָט אים נאָר נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט:
— אָט ווי איר קוקט אים אָן, דעם פּאָלקאָווניק, אָט דעם סוינע־איס־ראָעל, איז ער פאַר מיין טאָכטער די קאַפּאָרע. פאַרשטייט זיך, מע וועט שוין מוזן... נו, ער איז דאָך אַן אייסעוו און דער אייגל־האַזאָהאָוו.
סאָלאָמאָן ביעלקין האָט אים אף יעדער וואָרט נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט. און דער ראַבינער האָט געווישט דעם שטערן:
— איר האט מיך פאַרשטאַנען, גאָספּאָדין ביעלקין? ס'וועט אַלץ זיין מיט גאָטס זיינער הילף. א גוטן.
און ער האט זיך אפגערוקט. קיין פיס האָט מען ניט ארויסגעזען. מ'האָט נאר געזען, ווי ס'רוקט זיך דער שוואַרצער קרייז פון דעם ראַ־בינערס טאַלמע איבער דער ערד.
— אַ פיינער מענטש — האט סאָלאָמאָן אַ טראַכט געטאָן, — א ליבער מענטש.
ער איז געווען זייער צופרידן מיטן נייעם לאַנד פאַר זיין טראַנספאָרט אידן און ס'האָט אים אפילע באַנג געטאָן, וואָס ער מוז אַמטלעך אינגיכן פאָרן צוריק.
אַזוי האָט סאָלאָמאָן גאַרניט באַמערקט, ווי ס'האט זיך אנגערוקט די נאַכט. ער האט אַ קוק געטאָן פונוויטנס אף די באַראַקעס און איז גע־בליבן כאַפּן אביסל פרישע אָוונטיקע לופט.
— כאָראָשי וואָזדוך, — האט ער צו זיך אליין געזאגט. — כאָראָשי וואָזדוך!
נאָכדעם האָט מען אים שוין טאַקע אַזוי גערופן:
— „גאָספּאָדין כאָראָשי וואָזדוך".
און די שוואַרצע ראַבאָנישע טאַלמע האט זיך גערוקט גיך, גיך. ער האָט קיין איבעריקע צייט ניט געהאַט, דער פעלד־ראַבינער. באַ אים אין פאָדער־צימער וואַרטן סאָלדאַטישע טאַטעס. מע וואַרט אַף אים. ער

טאָר זיך ניט פאַרהאַלטן. ער האָט אויך געדענקט, אז היינט אינאָוונט דאַרף בא אים זיין נאָך איינער. זיי קומען, זיי קומען, די גוטע טאַטעס, מיט דע־ לעצטער נעשאָמע פאר א איינציק וואָרט פון זיין טאָכטער, וואָס פוילט אלץ באַם פאלקאָווניק טיטאוו.

ער ווערט דאָך פאַר איר די קאַפּאָרע!

און פויעלן האט זי געדאַרפט, די טאָכטער זיינע, באַם פאָלקאָווניק טיטאָוו, אז ער זאָל שיקן אַף קאָמיסיע אין שפּיטאָל, אָדער אין סלאַבאָסילנע.

אין דערזעלבער צייט, ווען דער פעלד־ראַבינער האט זיך גערוקט אַהיים מיט א פרישער אַסיגנאַציע אין דער טיפער קעשענע פון זיין ראַבאָנערישער טאַלמע,— אין דערזעלבער צייט איז פון אַן אַנדער זייט געגאַנגען אין דערזעלבער ריכטונג אַן עלטערער איד מיט אַן אַראָפגעלאָזטער היטל איבער די אויגן, מע זאָל אים ניט זעען. ער האט נאָך אַלץ ניט געוואוסט, צי אידן מעגן זיין אין דערדאָזיקער שטאָט, צי ניין. אַלנפאַלס, האט ער זיך אופגעהאַלטן אין שול. דאָרטן איז ער שוין א וואָך צייט געשלאָפן אף צוויי צונויפגעשטעלטע בענק. זינט ער איז געקומען. ער האט זיך די גאַנצע צייט געהיט, ס'זאָל אים פאַר די אויגן ניט קומען קיין גאָראָדאָוואָי. האט ער דערפאַר, מער ווי דעם דאַשיק פון זיין היטל ניט געזען אין דערדאָזיקער שטאָט. און ווען ס'האט זיך אים געדאַכט, אַז ס'גייט א גאָראָדאָוואָי, איז ער צו צו א וואַנט, אופגעהויבן איין פאָלע פון זיין כאַלאַטל און זיך געשטעלט מאַשטן זיין.

— אַז מ'איז מאַשטן,— האט ער זיך מעשאַער געווען,— וועט קיין פרעמדער מענטש ניט צוגיין.

ער איז שוין איין מאָל היינט געווען באַם ראַבינער. נאָר ער וויל זיך נאָך עפעס דערוויסן היינט אינאָוונט. ווען ער איז בעשאָלעם אריין אין הויף, איז דער ראַבינער נאָך געשטאַנען אין פאָדערצימער און געלאָזט אַראָפנעמען פון זיך די טאלמע. נאָר דעם אידן האט ער אליין געעפנט די טיר:

— כ'האָב אייך גאָרניט דערקענט, גאָספאָדין מאָרגנשטערן, איר גייט אזוי אָנגערוקט די היטל. וואָס גייט איר אַזוי אָנגערוקט די היטל, גאָספאָדין מאָרגנשטערן? האַ? מאָרגנשטערן, איז, דאַכט זיך, אייער פאַמיליע?

— יאָ, גאָספּאָדין ראַבינער, מענדל מאָרגנשטערן, וועגן מיין זון, — האָט מענדל אַזוי געהאַקט דעם אָטעם.

ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט, דער מענדל, אַז סע קאָן דאָ פון אָט דעם פּאָדערצימער, פון אָט דער שוואַרצער טאַלמע, קאָן נאָך אַרויס אַ גאָראָדאָוואָי, אַ זשאַנדאַר, ווער ווייסט וואָס סע קאָן זיך נאָך מיט אים טרעפן אין אָט דער גויאישער שטאָט.

נאָר דער ראַבינער האָט אים באַרואיקט:

— יאָ, גאָספּאָדין מאָרגנשטערן, יאָ! אַלץ גייט אין בעסטן אָרדענונג. לאָזט מיר איבער נאָך איין הונדערטער פאַר זיינעטוועגן.

מענדל האָט גוט געוואוסט, וועמעס פאַמיליע איז „זיינעטוועגן".

— פאַרשטייט איר מיך, גאָספּאָדין מאָרגנשטערן, אַ גוי, אַ פּאָלקאָוו-ניק, מע קאָן מיט ווייניקער צו אים ניט צוגיין. אָבער קומט אַהער נעענטער, גאָספּאָדין מאָרגנשטערן.

דער ראַבינער האָט אַ נעם געטאָן מענדלען פאַר דער האַנט און אים איינגערוימט אַפן אויער:

— איך האָב זיך שוין באַקאַנט מיט אייער זון. ער איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. אַ געבילדעטער מענטש. איך האָב, גאָספּאָדין מאָרגנ-שטערן, ליב געבילדעטע מענטשן. כ'האָב אים פאַרבעטן צו זיך.

מענדלען האָט יעדער וואָרט געשניטן איבערן האַרץ, און דער ראַבי-נער האָט גענומען רעדן נאָך שטילער:

— מאָרגן וועט מיין טאָכטער אַליין גיין צו אים און וועט אים זאָגן, אַז אייער זון איז איר כאָסן. דאָס, האָב איך באַקלערט, וועט העלפן. איך טו עס נאָר אייך אַליין, גאָספּאָדין מאָרגנשטערן. און אייער זון. ווייל ער איז מיר געפעלן געוואָרן. איר טאָרט אָבער וועגן דעם קיינעם ניט זאָגן, גאָספּאָדין מאָרגנשטערן. איצטער קאָנט איר גיין רואיק אַהיים.

איז מענדל געלאָפן צוריק אין שטאָט מיט אַן אַראָפּגערוקטער היטל איבערן גאַנצן פּאָנעם און ס'איז אים געווען ליכטיק. עזרען וועט ער ניט זאָגן, — האָט דער אָרעמער מענדל באַשלאָסן, — עזרע וועט זען דאָס גרייטע.

עפּעס האָט אים געלוּכטן דעם גאַנצן וועג און אים בעשאָלעם צוגע-פירט צו די צוויי צונויפגערוקטע בענק, וואָס האָבן געוואַרט אַף אים מיט שאַבעסדיקער רו.

איז ער אַלע פרימאָרגן געגאַנגען צום ראַבינער, אויסשפּייען אַ שטיק בלוט פון די לונגען און אַ הונדערטער פון קעשענע. דערפאַר האָט ער אַלע טאָג אַ שידעך געטאָן מיטן קאַזיאָנע ראַבינערס טאָכטער, וואָס האָט אַלץ געפּוילט באַם פאָלקאָווניק טיטאָוו. דערפאַר האָט ער אַלע טאָג געזען דעם ראַבינער, און דער ראַבינער האָט מיט אים גערעדט, ווי אַ מעכוטן דאַרף רעדן:

— זייט רואיק, גאָטספאָדין מאָרגנשטערן, זייט רואיק, קומט מאָרגן.

אַסאַך, אַסאַך זיינען זיי געפאָרן, די אָרעמע טאַטעס, קיין טאַמבאָוו זיך מעשאַדעך זיין מיטן קאַזיאָנע ראַבינער און מיט זיין טאָכטער, וואָס האָט אַלץ געפּוילט באַם פאָלקאָווניק. זיינען זיי ארומגעגאַנגען, די טאַטעס, יעדערער מיט זיין גליקלעכן סאָד פון דעם שידעך און געטראַכט:

— ער איז אים געפעלן, דעם ראַבינער, דער זון מיינער. ער האָט אים שוין פאַרבעטן צו זיך.

— און זי איז אַן עמעסע צאַדייקעס, — האָט אַן אַנדער טאַטע געקלערט וועגן זיין ראַבאָנישער שנור. — זי דאַרף האָבן אַ האַרץ פון דער מוטער ראָכל. גיין זיך איינשטעלן צוליב אַ מיצווע און זאָגן פאַר אַ ווילד־פרעמדן מענטשן, אַז זי איז זיין קאַלע.

— אוי, האָבן מיר אַ גרויסן גאָט אין הימל. — האָבן אָנגעפאָרענע מעכוטאָנים געריבן איין האַנט אין דער אַנדערער, יעדער אין זיין ווינקעלע, יעדער מיט זיין טרייסט. זיי האָבן מוירע געהאַט צו טראַכטן אינדערהויך.

האָבן זיי זיך ארומגעדרייט, די גליקלעכע ראַבאָנישע מעכוטאָנים, און באַגעגענענדיק זיך איינער מיטן אַנדערן, האָט מען געקרעכצט צוזאַמען:

— נו?

— מע!

און איינער האָט דעם אַנדערן געזיכערט, אַז אין יאַד נעמט מען דאָ ניט, אַז מע זיצט אין געהאַקטע וואונדן. נאָר ווער ווייסט?

נאָר לעפאָנעם האָט מען געמוזט קרעכצן און ווינטשעווען אינדער־שטיל איינער דעם אַנדערן:

— האַלעוואַי וואָלט שוין מיט אייער זון אַזוי געהאַלטן, ווי מיט מיינעם, כוץ מיין שאָדן.

און פאַנאַנדערגעגאנגען איז מען זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און גע־וואַרט פון טאָג צו טאָג אַף דער ליכטיקער בסורע פון דעם טאַמבאָוער צאַדעק, וואָס זיין טאָכטער האט אַלץ געפּוילט באַם פאָלקאָוניק טיטאָוו. יעדערער האט בעסאַד געטראָגן די הונדערטערס, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז די אָרעמע מעכוטאָנים האבן אויסגעשפּיגן די לעצטע גראָשנס און דאָס לעצטע ביסל גאַל באַם מעכוטן אין פּאָדערצימער און ביז זיי האבן אַזוי אויסגעשפּיגן זייערע כאַסאַנים אין די אָקאָפּעס פון די דייטשישע פראָנטן. דעמאלט האבן אלע טאַטעס אַראָפּגעלאזט די היטלען איבער די אויגן, ס'זאָל זיי ניט באַגעגענען קיין גאָראדאוואי און מ'איז געגאנגען הארט באַ די ווענט...

און אין די קאַזאַרמעס האבן די סאָלדאטן אויסגעקוקט זייערע טאַטעס דורך די שפּארונעס פונם גרויסן הויף, וואָס האָט די קאַזאַרמעס ארומ־גערינגלט. יעדער אידישער סאָלדאט האט פאַרבאָרגענערהייט געשמייכלט און געציילט די טעג, ווען פאָלקאָוניק טיטאָוו וועט אים אָפּגעבן מאזל־טאָוו מיטן שידעך פאַר דעם ראבינערס טאכטער.

נאָר דערווייל האבן זיי געשריבן בריוו אַהיים און עזרע האט זיי פריינטלעך געשריבן די אַדרעסן.

און ווען מיט אַ ריינעם קאָנווערט איז איינמאָל צוגעגאנגען צו עזרען דער אומאנגער טעוויע אַף זיינע קורצינקע גרעבלעך־סענקעוואטע פיס, און איז אַזוי געשטאנען, וואַרטנדיק ביז זיין אַדרעס וועט פאַרטיק ווערן, האט ער זיך פּלוצים אַ דריי געטאָן און זיינע ליפּן האבן זיך גענומען רודערן. ער האט שוין געהאט באַשלאָסן זיך פאַרטרויען פאַר עזרען און איצט איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט:

— מאָרגנשטערן, מאָרגנשטערן, הער, — האט ער גענומען שטאמלען, — איך וועל געהאַרגעט ווערן.

ער האט אַ ווייז געטאָן מיט דער האנט אַף זיך און אַף דער ערד.

— אַזוי־אָ געהארגעט ווערן!

— פונוואנען ווייסטו, זייגערמאַן?

— כ'ווייס!

עזרע האט אים אנגענומען פאַר דער פּלייצע און אים בארואיקט:

— גיי שוין, גיי, נאָר! דו וועסט נאָך אינגיכן זיין אינדר'היים. אָט ענדיקט זיך שוין גיך די מילכאָמע, זייגערמאַן.

און מיטן פֿאַרשריבענעם קאָנווערט אין האַנט און מיט אויפגעלאָפּענע אויגן, וואָס האָבן געטריקנט די נאַסלעכע אויטיעס, איז טעוויע אַוועק־געגאַנגען.

ס'איז אים געוואָרן טרוקן אין מויל. און ער האָט זיך אַליין געשאָלטן פֿון פֿאַרדראָס, אַלעמאַי ער איז אַזאַ מענטש.

זיין טאַטע האָט זיך פֿאַר אים אויך געמי'ט באַם קאַזיאָנעם ראַבינער און האָט דאָרטן פֿאַר אים געטאָן אַ שידעך. אַ גרויסן, אַ דערהויבענעם שידעך, מיטן פֿאָלקאָווניק טיטאָווס געליבטער.

אין אַ פּאָר טאָג אַרום איז טעוויע אַביסל דרייסטער צוגעגאַנגען צו עזרען מיט אַ יאָמטעוודיקן שמייכל אַף די פּעטע, נאָרוואַס אָנגעגעסענע ליפּן. ער האָט נאָך געהאַלטן אַ פֿינגער אין מויל, געשלעפּט פֿון צווישן די ציין אַ פֿאַרבליבן שטיקעלע פֿלייש און געבראָקט ווערטער דורכן פֿינגער:

— הער, מאָרגנשטערן, איך וועל פֿאָרן אַהיים, קיין אומאַן. דעם ראַבינערס טאָכטער וועט גיין צום פֿאָלקאָווניק זאָגן, אַז איך בין איר כאָסן. וועט ער מיך אַרויסלאָזן. זי קאָן בא אים אַלץ פּועלן. דער ראַבינער האָט אַליין געזאָגט מיין טאַטן.

עזרע האָט געוווּסט, אַז אין פֿאָלק דרייען זיך שוין אַרום אַסאַך אַזעלכע כאַסאַנים. פֿאָלקאָווניק טיטאָווס קאַנקורענטן. האָט ער אַ שמייכל געטאָן:

— זעסטו שוין, זייגערמאַן? און דו האָסט גאָר געמיינט, אַז מע וועט דיך האַרגענען אַף די פּאָזיציעס. אַ נאַר ביסטו? אָט אַזוי ביסטו אַ מאַלאָדיעץ!

טעוויע האָט אַ פֿאַרשעמטער געלאַכט און עזרע האָט אים געקלאָפּט אין פּלייצע:

— איז ווערסטו אַ כאָסן? האַ, זייגערמאַן? נו, מאַזלטאָוו!

טעוויע האָט זיך געדרייט אַף די אָפּצאַסן פֿון זיינע שטיוול און האָט געקייט:

— כ'וועל מער נישט, מאָרגנשטערן! אַף מיין וואָרט, מער נישט! פֿון איצט אָן וועל איך שוין, ווי איך בין אַ איד, נישט!

און עזרען איז קלאָר געוואָרן, אַז סאָלדאַטן פֿונעם פֿאָלק זיינען כאַסאַנים. אַז אַלע זיינען קאָנקורענטן דעם פֿאָלקאָווניק טיטאָוו, און דער

מעכוטן, דער קאַזיאָנער ראַבינער, באַשווינדלט די אָרעמע מעכוטאָנים פון כאָסנס צאַד.

דעם נעכסטן זונטיק איז עזרע געגאַנגען אין שטאָט אָן אַ דערלויבעניש. ער איז געגאַנגען שנעל און אויסגעמיטן יעדער באַגעגעניש. ער האט מוירע געהאט, טאָמער טשאַטעוועט ערגעץ זיין טאַטע. נאָר אַף אַ האַלבן וועג האט אים איבערגעהאַקט די טריט דאס באַקאַנטע קאָל פונם ראָטנע קאָמאַנדיר.

— וואוהין גייסטו, מאָרגנשטערן?

— אין שטאָט, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

— נאָך וואָס?

— אַ פראָשעק קעגן לייז, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

— אַ פראָפּוסק האָסטו?

— ניין, וואַשע בלאַגאָראָדיע.

דער ראָטנע איז געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. דער אַרגומענט „לייז“ איז געווען גענוג שטאַרק און איבערצייגנד. האט דער ראָטנע אַביסל געדרייט מיטן קאָפּ:

— ננו, מאָרגנשטערן, מאָרגנשטערן...

עזרע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען צונויפגעשטעלט די קאַבלוקן, און די האַנט באַם שלייף אונטערן דאַשיק, און געענטפערט רויִק אַף יעדער פראַגע. און ניט געפּלאָנטערט מיט די רייד. דאס האט זייער אימפּאָנירט דעם ראָטנעם. ער האט געוואוסט, דער ראָטנע, אַז מאָרגנשטערן איז אַ געבילדעטער. האט ער אים געהייסן אַראָפּנעמען די האַנט פון אונטערן דאַשיק און זיך געקלאָגט:

— זעסט, מאָרגנשטערן, דו ביסט דאָך אַ געבילדעטער. נו, גיי, מאָרגנשטערן. פאַרנאַכט זיך מעלדן.

עזרע האט צונויפגענומען די קאַבלוקן, געמאַכט אַ האַלבן קרייז לינקס און איז אַוועק ווייטער.

דער ראָטנע האט זיך אויסגעזידלט און איז אויך אַוועק זיין וועג ווייטער.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז עזרע געשטאַנען אין קאַבינעט באַם מעכוטן פון די אידישע סאָלדאטן, באַם ראַבינער, וואָס האט מיט אַלעמען פאַרקנאַסט זיין טאָכטער.

— וואס ווערסטו עפעס זאָגן, סאָלדאַטיק? — האט אָנטוענדיק די גאָלָ־דענע ברילן אַ פרעג געטאן דער ראַבינער.

עזרע האט אַף אים אַ קוק געטאָן, אַ רעגע באַטראַכט און אים גע־ענטפערט:

— מיך האט איר אויך פאַרקנאַסט פאַר אייער טאָכטער? ראַבינער!

— וואס?

— דער פאָלקאוניק טיטאָוו האט נאך ווייניק קאָנקורענטן אַף אייער טאָכטער?

— ווער זיינט איר?

— דאס וועל איך אייך שפעטער זאָגן, נאָר, איר, איר זיינט א לויז!

ער האט אים אַ שמיץ געטאָן אין פּאָנעם דעם פּראָשעק, וואס ער האט די גאנצע צייט געהאַלטן אין דער האַנט:

— נאַ!

— מיין נאָמען איז עזרע מאָרגנשטערן. ריאַדאָוואָי פון פערטן ווזוואָד, 248 פּאָלק, 16־טע דיוויזיע!

און אויסשפייענדיק איז ער אַוועק צוריק אין דער קאַזאַרמע.

XIV

— נו, קאָזלאָוו, האַידאַ!

— אַראָפּ פון דער לעוואָנע! נעם זייגערמאַנען און גיי אין צעכהאַוז נאָך אַמוניציע.

דאס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון ווזוואָדנע קאָזעראָגע, אַז מע גייט שוין צוועק פון די קאַזאַרמעס. היינט, מאָרגן. נאך אַ טאג. אבער דער מאַרש איז אַ באַשטימטער.

— זייגערמאַן! וואו ביסטו! שומי!

ער איז געגאַנגען היינט זייער ברודערלעך, דער ווזוואָדנע קאָזעראָגא, פון זעלנער צו זעלנער און מיט א גלעט איבער דער נייער אַמוניציע־געוועקט, דערמאנט און אופמערקזאַם געמאַכט יעדערן באַזונדער מיט אַ גוט וואָרט.

— זייגערמאַן! האָסט זיך שוין פאָטאָגראַפירט? הא? זייגערמאַן!

טעוויע האט אזאַ באוועג געטאָן מיטן קאָפּ, פון וועלכן ס'איז שווער געווען דערקענען — צי יאָ, צי ניין.

— מע דארף זיך פאָטאָגראַפירן, זייגערמאַן! — האט דער ווזוואָדנע קאָזעראָגע אין זיך געשלונגען, — מע דאַרף. מע דאַרף, זייגערמאַן. נו, גיי, זייגערמאַן. גיי מיט קאָזלאָוון. וואַרט, זייגערמאַן, — האט זיך דער ווזוואָדנע אַ כאפּ געטאן, — וואַרט, וועסט קומען, וועל איך דיך אָפּשערן, זייגערמאַן.

ער האט היינט געהאַט אַסאַך צערטלעכקייט, דער ווזוואָדנע, פאַר זיין ווזוואָד. ער האט היינט געהאַט אַסאַך סאַנטימענט. און אים געטיילט אַף רעכטס און אַף לינקס. אַפילע טעוויען בימז פאַרטיילט. ער איז היינט מער פרום און גאָטספאָרכטיק, ווי אלע אנדערע טעג.

סאָלדאַטן גייען אַוועק אַף די פּאָזיציעס.

ס'נעמט אים אַרום אַ ווייטער סאָלדאַטישער אומעט:

— און ער?..

קאָזלאָוו איז געגאַנגען אין צעכהאַוז און אַריינגערעדט אין זייגערמאַנען, ווי אין קרויט אַריין:

— אָט! די זעסט? און ער? ער אַליין — נאָך קיין איין מאָל ניט געווען אַף דער פּאָזיציע, הא? זייגערמאַן! אָט וועט אים דער גיטגוטער אַזוי אַמאָל אַ פּאַק טאָן פאַרן קאַרק און

— „גיי, ווזוואַדנע קאָזעראָגע, גיי! אַפּן פראָנטעלע! פאַרן קייסערל, פאַרן גאָסודאַר! שוין צייט, קאָזעראָגע! גענוג געשטונקען אַף דער קיך! גענוג געזעסן אַף די באַקעס. גענוג געקעמט די וואָנצעס. גענוג געדרייט דאָס מאָרדעשקעלע. אָט אַזוי־אָ:

— אָ־אָ־אָטשע נאַ־אַ־אַש!.. איזשע...

— ע־ע־ע!..

קאָזלאָוו האָט אופגעשפּאַרט דאָס מויל אין אַ פּיר־עק און זיך נאָכגעקרימט דעם ווזוואַדנע, ווי ער דאַוונט מיט סאָלדאַטן.

— אַזוי! גענוג! גיי אויך, ווזוואָדנע קאָזעראָגע! גיי מיט אונז. מיט סאָלדאַטן. ציקל זיך ניט! נישטאָ וואָס. ניעבאָס! פאַר דיר ט'אויך קלעקן אַ קויל. און אַ שטיקל ערד אויך!

— האָ־האָ־האָ! נאָך אַ מין!

טעוויע האָט ניט געהערט, וואָס קאָזלאָוו רעדט. ער האָט יעדער מאָל, באַ קאָזלאָווס אַ הויך וואָרט, בלויז אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט זיך יעדער רעגע געריכט אַף אַ טראַסק. און אַז קאָזלאָוו האָט אופגעהערט צו זידן, האָט טעוויע אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַק גימנאַסטיאָרקעס פון אַקסל און מיט אַ דערשראָקן מויל אַ פרעג געטאָן:

— קאָזלאָוו! אַף וואָס פאַר אַ פּאָזיציע גייען מיר?

טעוויען האָט דער פּאַק מאַסע, וואָס ער האָט געטראָגן אַף די אַקסל, גרינג געמאַכט איין געדאַנק. איין האָפענונג:

אויב זיי וועלן גיין אַף אַ נאָענטער פּאָזיציע, וועלן זיי עפּשער דורכגיין דורך זיין שטאָט, דורך אומאַן. דעמאָלט ווייסט ער שוין, וואָס ער האָט צו טאָן...

— צו די דייטשן, — זייגערמאַן! צו די דייטשן, — האָט קאָזלאָוו באַ־רואיקט טעוויען און גענומען דרייען א ציגאַ׳ער, — ניעבאָס, דאָרט בא די דייטשן וועט מען געבן קאַשע 42 - ער. מיט פּאַרע.

נאָר דאָס האָט טעוויען ווייניק וואָס אינטערעסירט. איבעריקס, האָט ער ניט פאַרשטאַנען אינגאַנצן, וואָס קאָזלאָוו רעדט.

— נו, און ס׳איז עפּעס ווייט פון אומאַן? — האָט טעוויע זיך ווייטער פאַנאַנדערגעפרעגט, — האַ? קאָזלאָוו!

קאָזלאָוו האָט צוגעלעקט דעם ציגאַ׳ער מיטן צונג, אים אָנגעצונדן און מיט איין אָטעם, ארייננציענדיק א העלפט, האָט ער זיך צעלאַכט:

— כריין מאַרזשאָווער! אומאַן איז ניט קיין פּאָזיציע!

טעוויען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיטאַמאָל. ער האָט גע־נומען ווישן מיטן אַרבל דעם שטערן און געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, נאָר ער האָט ניט געוואוסט וואָס. ער איז שוין געווען גרייט אופהויבן צוריק דעם פּאַק גימנאסטיאָרקעס. נאָר קאָזלאָוו האָט אים מיטן שטיוול אַ שטורך געטאָן:

— וואָרט, זייגערמאַן, כ׳וועל אויסדרויכערן! דו רויכערסט גאָרניט, זייגערמאַן? פאַרוואָס רויכערסטו ניט? האַ?

טעוויע האָט א שמייכל געטאָן און זיך אוועקגעזעצט אף די גימנאַ־סטיאָרקעס.

— א סאָלדאַט דאַרף רויכערן, זייגערמאַן. אזוי ווי איך. זע.

קאָזלאָוו האָט דעם לעצטן צי געטאָן, אויסגעשפּיגן און ערשט נאָכדעם אַרויסגעלאָזט דעם רויך פונם מויל און פון דער נאָז מיטאַמאָל:

— אָט אזוי, זייגערמאַן!

קאָזלאָווס פּאָנעם איז אינגאַנצן געווען פאַרוויקלט אין רויך, און טעווי־יען האָט זיך געדאַכט, אז זיין גויאישער כאַוויער מאַכט עפּעס א פאָקוס.

— קום, זייגערמאַן. דער ווזוואָדנע וועט מיינען, אז מיר זיינען שוין ביידע אַנטלאָפן געוואָרן. קום! גיכער. אומאַן איז ניט קיין פּאָזיציע!

קאָזלאָוו האָט ניט מוירע געהאַט רעדן מיט זייגערמאַנען וועגן פּאָלי־טיק. ער האָט גוט געוואוסט, אז זייגערמאַן וועט קיינעם ניט דערציילן. אַז קיינער פרעגט בא אים קיינמאָל ניט איבער. האָט ער אף אים א קוק געטאָן מיט אַזאַ מאָדנעם ראַכמאָנעס און אים אָנגעהויבן גריזען:

— אייך, זשידעס, איז ניט גוט, זייגערמאַן! האַ?

זייגערמאַן האָט געטראָגן דעם פּאַק און ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— אַלע זיינט איר אָבראַזאָוואַשנע! ציינדראָקטערס, צו אַלדע כאָליערע!

טעוויע האָט ווייטער ניט אופגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט נאָר פּאָר מוירע געפּאַטשט מיט די ליפּן:

— יאָ, קאָזלאָוו! יאָ, ציינדראָקטערס!

ער איז געגאַנגען גיך. דעם גאַנצן וועג, גיך און שטיל. ער האָט בלוי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פון דער מאַסע און פון קאָזלאָווס ווערטער.

ס'איז אים געווען מאַרעשכוירעדיק אַפן האַרצן.

— יאָג ניט אַזוי, זייגערמאַן, — האָט אים אָפּגעהאַלטן קאָזלאָוו, — ניע־באָס! ווזוואָדנע קאָזעראָגע וועט וואַרטן.

ס'האָט זיך אים געגלוסט גיין לאַנגזאַם און שמועסן פּאָליטיק. ער איז געווען אינקאַעס.

— און איך, קאָזלאָוו, זאָג דיר, זייגערמאַן, בין מער ניט קאָזלאָוו, אויב איך וועל אַפילע אַ קוק טאָן וואוהין כ'וועל שיסן...

קאָזלאָוו האָט אופגעהויבן די הענט, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי ערגעץ געצילעוועט, און אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ זיינעם נידעריקער פון זיי, האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו טעוויען:

— יאָג ניט אַזוי! זעסט? אָט אַזוי וועל איך שיסן! אַלציינס — וואוהין ס'וועט טרעפן! דעם קאָפּ וועל איך באַוואָרענען. ניעבאָס! אין פינגער לאָזן זיי האַקן! אָט! נו, און דו, ווי אַזוי? הא? זייגערמאַן?

טעוויע האָט זיך דאָך באַמיט גיין גיכער אביסל, אַזוי, אַז ער זאָל אויסקומען ווייטער פון קאָזלאָוון און פון זיינע רייד.

און דער ווזוואָדנע איז צעשמאָלצן געוואָרן פון ווייכקייט און צערט־לעכקייט, וואָס האבן היינט געטריפט פון אים צו די סאָלדאַטן.

אינגאַנצן ווי אַ גרויסע כיילעוועגע ליכט, אַ צעפּאַרעטע, — האָט ער געקלעפּט צו די סאָלדאַטן. גערעדט מיט זיי לאָשן סלאָוועסנאָסט, ניט ווי נאַטשאַלסטווע דאַרף רעדן, נאָר אַזוי, גוטברודעריש. ווי צו זיין גלייכנס.

— ניט אונטערגעבן זיך, אָדלערלעך פראוואָסלאַווישע!

— באַלד ברענגט מען נאָך אמוניציע!

און קימאט צו יעדער וואָרט האָט ער צוגעגעבן:

— דער אויסערלעכער סוינע, דער דייטש, אָט דער אַסטריאַק, צום טייוול! ערד הייליקע. רוסישע.

און אין ווזוואָדנישן האַרץ אין זיינעם האט ער שוין געהאט פאַרטיק אַ צוגעקלערט וואָרט, וואָס ער וועט זאָגן זיין ווזוואָד פארן אַוועקגיין:

ער וועט באַ זיי בעטן מעכילע, וועט ער. טאָמער וואָס?

און אַז זיי וועלן שוין זיין נאָך דער שוואוע, אָנגעטאָן אין גאנצן מאַרשאָוון טראַכט, וועט ער זיי צווינטשעווען און זיי זאָגן:

— פראָשטשאַוואַיטיע, בראַטצי!

— פראָשטשאַוואַיטיע!

ס'איז אים עפּעס פּאָרכטיק און אומעטיק, דעם ווזוואָדנע. אין קעשענע האַלט ער די שער־מאַשינקע און גיט זי פון אומעט אלע ווײַלע א טאַפּ.

אַרום און אַרום ליגן סטעפּעס פּארטאַיעט און שלינגען איין יעדן אומעטיקן אָטעם:

— באַלד. באַלד...

ס'גרייט זיך אַף סטעפּעס טאַמבאָווער א ראָטע אין מאַרש אַריין.

קומען טעג — פּאַרשפּעטיקט און רינען אויס, ווי מאַטעריע פון אנגעשוואָלענע בלאָטערס. זיי מעסטן זיך, דאכט זיך, בלויז אָן, די טעג, אַף דער טרויעריקער ערד און בלייבן ניט.

שורוּוען אַרום הין און צוריק פּאַרפּוצטע שקאָצים אין נייע מיליטערישע קליידער און זשאַלעווען זיך צורירן מיט די הענט צו זיי. זיי ווילן ניט אויסשמירן. זיי ווילן ניט פּאַרפלעקן.

עפּעס נאָך אומעטיקער זעען אויס די הענט. די טונקעלע סאָלדאטישע הענט פון אונטער נייע ברייטלעכע אַרבל. און אונטער נייע גרינע גימנאַסטיאָרקעס קלאַפּן גאָטספּאָרכטיקער סאָלדאַטישע הערצער.

די גאַנצע קאַזאַרמע איז ענלעך צו א טאַרע־שטוב. נאר סאָלדאַטן לויפן אַרום מיט בערשטלעך אין די הענט. העקלעך און לאָפּעטקעס, קעסעלעך און רוק־זעק. סע קלינגט און סע ליאַרעמט. מע קריצט סאָלדאַטישע פּאמיליעס אף די אונטערשלאַקן פון נייע שינעלן און מע ווישט צוריק אָפּ מיט שפּייעכץ. איינער העלפט דעם אַנדערן אַראָפּציען די נייע אָנגעמאָסטענע שטיוול און ביידע קערן זיך איניינעם איבער.

נאָר קיינער לאַכט ניט.

אייניקע שטייען אָנגעבויגן און מע שערט זיי, ווי מע שערט פֿון לעמער די וואָל. מע גייט אין באָד. מע קומט פֿון באָד. רויטע אויסגעפּאַרעטע מיט באָד־טויאיקע וואָנצעס, מיט קלייניטשקע קלומיקלעך אונטער די פּאַכוועס און ס׳דונערן לידער. אומעטיקע סאָלדאַטישע לידער פֿון דער סאַמער באָד ביז צו די קאַזאַרמעס. ס׳זינגט זיך אַזוי געשמאַק און אַזוי פֿריש און אַזוי טרויעריק.

אַלע ווײַלע קומען אונטער נײַע פּאַרטיעס סאָלדאַטן אויסגעבאָדענע און געבן צוּוויסן די קאַזאַרמעס וועגן זייער אָנקום מיט הונדערט־פֿיסיקע סיגנאַלן איבער דער ערד.

די וועגן ליגן גרייט צו פּראָצעסיעס.

ס׳זײַנען נאָר קיין לעכט ניט אָנגעצונדן.

נאָר אין קאַזאַרמישן הויף וואַלגערט זיך וועש. אויסגעוואַשן סאָלדאַטיש וועש צום טרוקענען. און ס׳קלינגט די נײַע אַמוניציע, ווי ציטעריקע צײַנקאַסטנס, וואָס קאָנען נאָך ניט פֿאַרזוכן די ווײַטע אומקלאָרע געריכטן...

אין ווינקלען פֿון נאַרעס ליגן סאָלדאַטן מיט די בײַכער אַראָפּ און שרײַבן מיט פֿאַרוואונדערט־טרויעריקע אויגן בריוועלעך אַהיים. אין די ווײַטע דערפֿער. בריוועלעך, ווי צאַוואָעס.

בלויז קאָזלאָוו וואַרפֿט זיך מיט אַלץ, וואָס ס׳קומט אים אונטער דער האַנט און קרימט זיך נאָך דעם וויזוואָדנע. יענער גיט אַלע ווײַלע אַ בלאָז אין דער שער־מאַשינקע אַרײַן.

— או, וואָלט איך אים אָפּגעשערן! אָט אַזוי! אָט לייג נאָר, ײזוואָדנע קאָזעראָגע, אָן מיטן קאָפּ, אָט אַזוי, — מירן דיך שוין אָפּשערן און אָפּסמאָליען אויך, ווי אַ כאַזערל, האַ? דו, אָטשע נאַש אישע־ע־ע!

— ע־ע־ע!

— וואָס קוקסטו אַף מיר? — האָט ער זיך פּלוצים אַ קער געטאָן צו זייגערמאַנען, — האַ? האָסט זיך שוין סנימאַיעט? פֿאָרטרעט!

ער גייט אַרום די גאַנצע צײַט מיט אַ בויגעלע צעקנייטשט פּאַפּיר און מיט אַ קאָנווערט און זוכט עמעצן, מ׳זאָל אים אָנשרײַבן אַ בריוו.

ער שאַרט זיך צו עזרען, נאָר עזרע גיט אים שוין אַליין אַ פֿרעג:

— נו, וואָס, קאָזלאָוו, אַ בריוו, האַ? זאָג דעם וויזוואָדנע! נו, ווײַז אַהער, קאָזלאָוו, ווײַז!

קאָזלאָוו ציט אַביסל פאַרשעמט אויס דאָס פּאַפּיר צו עזרען און שטעלט זיך דיקטעווען:

— שרייב אַזוי, מאָרגנשטערן, — וואַרט, וועל איך געבן דעם ווזוואָדנע אַ לעק טאָן דעם שפּיץ, וועט דער בלײַשטיפט גוט שרייבן.

עזרע צעלאַכט זיך:

— נו, גוט. זאָג, וואָס צו שרייבן!

„— צו מײַנע ליבע עלטערן, — האָט קאָזלאָוו אָנגעהויבן, — קלים קאָנ־דראַטיעוויטש און פּראַסקאָוויאַ אַפּאַנאַסיעוונאַ אין דאָרף קומאטש, פון זייער זון וואַסיאַ קאָזלאָוו א גרוס און...

— האָסט שוין אָנגעשריבן?

— יאָ!

— נו, לייען איבער.

— זאָג ווייטער, קאָזלאָוו.

— נו, גוט. „און צו מײַן טייערער קאַלע וואַרוואַרע סטיעפּאַנאָוונאַ. יאָ, סטיעפּאַנאָוונאַ. אָט אַזוי. גוט. האָסט שוין אנגעשריבן. — וואָס שרייב־סטו אַזוי גיך. נו, שרייב ווייטער. א גרוס אייך צו דער סאַמער ערד. ניין, ניט דאָס, פאַרמעק, מאָרגנשטערן. דאס שפּעטער. צום סאָף. ער האט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צו די סאָלדאטן און זיך אויסגעזידלט:

— אַז זיי לאָזן דען שרייבן?

אין קאַזאַרמע איז טומלדיק. מ'איז באַשעפטיקט. מע קלינגט און מע קלאפּט און מע שרײַבט און מע וואַרט אף קאַראַנדאַשן.

— הערט דארט אוף צו קלינגען מיט דער אמוניציע, — האט זיך קאָז־לאָוו א ריס געטאָן, — לאָזט יענעם באַטראַכטן א געדאנק! נו, שרייב ווייטער, מאָרגנשטערן, הער זיך ניט צו. נאר שרייב ניט אזוי גיך. די קו זאָלט איר ניט פאַרקויפן. ס'פּאַלט איצטער דער סקאָט. אָט, אַ כאָליערע אַף זיי! זיי לאָזן ניט ארויסרעדן קיין געדאנק. הערט אוף א מינוט צעטומלען א מענטשן! לייען איבער, וואָס דו האסט אנגעשריבן, מאָרגנשטערן.

— סקאָט!

— פאַרמעק. דאס דארף מען ניט. שרייב אזוי. אַזוי ווי דו האָסט אָנגעהויבן. — קאָזלאָוו כאַפּט דערוויל א קוק אינם ווזוואָדנעס זייט, שטעקט ארויס די צונג און גיט זיך אים א קרום:

— איזשע־ע־ע!

— נו, שרייב ווייטער, מאָרגנשטערן!

„— און זייט וויסן, ליבע עלטערן, און מיר זיינען טרויעריק. מיר האָבן באקומען נייע שטיוול מיט נייע שינעלקעס, מיט נייע העמדער, מיט נייע גימנאַסטיאָרקעס, מיט אַלץ נייעס. מ'האָט אונז היינט ארויסגעגעבן צוויי פּאָרציעס פליישׁ מיט טוטין, און מיט זשאַלאָוואַניע 76 קאָפּקעס. און שיקט אונז אַרויס פּאַפּיר צום רויכערן. און מיר לאָזן אייך נאכאמאל גריסן. מאָרגן פאַרטאָג גייען מיר שוין אַוועק".

קאָזלאָוו קרעכצט אפּ, ווי נאָך אַ שווערער ארבעט, און שפּייט אויס:

— אז זיי לאָזן דען אויסרעדן אַ וואָרט?

ערגעץ ווייט פארגייט דער טאָג אויף גאלדענע שיפלעך פון אַפּגעזוי־ניקטע כמאַרעלעך.

דאָרט איז דער פראָנט.

עפשער איז דאס ניט קיין גאָלד פון זון־פאַרגאנג.

ס'איז עפּעס שטיל און אומקלאָר אין יעדן סאָלדאטישן האַרץ. זיי ווייסן ניט:

— ניט זיי גייען ערגעץ אין אָקאָפּעס — פּאַרטיידיקן עמעצן. זיי פילן דאס ניט. זיי פילן ניט קיין פאטערלאנד, און ניט קיין פליכט. זיי האָבן, דאכט זיך, וועגן דעם די גאנצע צייט קיין רעכטן טראכט ניט געטאָן. זיי האָבן די גאנצע צייט נאָר געבענקט אַהיים.

אָבער אונטערן באַוואוסטזיין לייכט זיך עפּעס אַזא אומקלארער פאַר־לאנג, וואס מאַכט יעדן סאָלדאט שמעלער דאָס פּאָנעם, אויסגעצויגענער, פארטראַכטער און זאָגט צו אים:

— גיי!

און זי ווערט מיטאמאָל אַזוי טייער, די ערד, די טרויעריקע ערד. און ס'ווילט זיך אַזוי גיין אויף איר. גיין, גיין, אומענדלעך גיין מיט אָט די שווערע סאָלדאַטישע פיס, מיט אָט די פארווּרטיילטע טרויעריקע פיס, מיט די פיס פון אט די טעוויעס, קאָזלאָווס און באַראַנאַווס, און זי איינ־גאַנצן ארומנעמען און —

גאָלדענע שיפעלעך פון אָפּגעזוניקטע כמארעלעך ציטערן אַפן ברעג הימל און ווערן איינציקווייז דערטרונקען...

— „אַזריעל, אַזריעל!

נעם אַ בינטל האָלץ און נעם פייער און גיי אַהין, וואו איך וועל דיר ווייזן!"

„אָם זיינען דאָרטן בערג, אהינצו דאַרף מען אופגיין. און זיך אָװעק־לייגן מיטן פּאָנעם צו גאָט.

און ערגעץ ליכטיקט זיך אזא הייס, אזא ליכטיק קאָל:

— „זאלסט ניט אויסשטרעקן דיין האנט!“

דער וווואדנע קאָזעראָגא איז זייער סאַנטימענטאַל. שוין דריי טעג. ער שערט עזרען. ער גרייט אים אין וועג אַריין —

— אהין, וואו מע וועט אים ווייזן!..

טרייסט ער אים:

— מאָרגענשטאָרם, דו וועסט ניט געהאַרגעט ווערן. דו ביסט א ניט־גוטער.

אַ טיוול ביסטו, מאָרגענשטאָרם!

סאָלדאַטן קלינגען מיט די קעסעלעך, מיט די העקלעך און מיט די ביקסן־שלעסלעך. באטראכטן איינער באַם צווייטן די נייע שטיוול. די רימענס. טוען אָן, טוען אויס. פּרוּאוון די ווינטאָווקעס. ציילן און קוקן איבער די פּאַטראָנטאַשן. זעצן זיך אַנידער. הויבן זיך אוף. און ס'איז עפּעס ניט אַזויווי ס'באַדאַרף צו זיין.

זיי דרייען זיך אום. קוקן זיך אין די אויגן. האבן ראַכמאנעס איינער אַפן אנדערן. און זיינען טרויעריק.

שוין דעם אַנדערן טאָג קומען ניט פּאָר קיין זאַניאַטיעס. און אַרום די באַקעס מיט גוט באַפּעטיקטן אַרבעס־זופּ זיצן אויסגעזעצט סאָלדאַטן, ווי הייליקע מעסובעס, מיט פּענעמער פארדרייטע אָן א זייט, פּונקט ווי מע וואָלט זיי פון פארשיידענע זייטן גערופן. דער סוף איז פּעט. ס'שווימען אין אים ארום אויגן, בוימלדיקע אויגן. און צו די שטיקלעך פלייש איז היינט עפּעס פאראן אַן עקל, ווי צו פּעגירע.

ס'עסט זיך ניט. מ'איז ניט הונגעריק. מע פילט זיך עפּעס כאָסנדיק. שוין ניט מער פון אַ שידעך מיטן קאַזיאָנע־פּעלד־ראַבינערס טאָכטער, וואס פוילט אלץ באַם פּאָלקאָווניק טיטאָוו. נאר יעדער פילט זיך ווי אַן אויסגעפּוצטער כאָסן, פּאַרקנאַסט מיט דער גאַנצער וועלט. מיטן טויט. און ער דאַרף אָט־אָט גיין צו דער כופּע.

צווישן די קאַזאַרמעס דרייט זיך ארום מיט צוויי טאָרבעלעך אַן אלטער בעטלער. א שטומער, ווי דער גורל. ער קלייבט אַזוי שטילערהייט די פּאָרציעס, וואס סאלדאַטן ווילן ניט עסן, און וואַרפט זיי אין די טאָר־

בעלעך. אָט אין איינס, אָט אינם אַנדערן. דאס האָריק־ברודיקע מויל זיינס איז אויסגעקרימט אָפּן. און ער שמייכלט, דאַכט זיך.

סאלדאַטן ווערן פריילעכער. זיי וואַרפן אים ברויט און פליישׁ און רופן אים צו זיך. יעדער מיט אַן אנדער נאָמען:

— אטיעץ! סלאמאָסילנאי! הא? אהער!

ס׳דערהערט זיך אַזא דינינקס דרויבעדיק געזאַנגעלע פון א ברייט־צע־עפנט מויל. ס׳דרייט זיך אַרום צווישן די קאַזאַרמעס א יונגע ציגיי־נערקע. פון ערגעץ וואו איז זי אויסגעוואַקסן. און זי ציקלט זיך:

— סאלדאַטיקי, סאלדאַטיקי, פּאַגאדאיו. פּראָשעדשעיע, אושעדשעיע, אי בודושטשעיע. סאלדאטיקי, סאלדאטיקי, דאוואי פּאַגאַדאַיו!

ס׳געבן זיך מיטאַמאל א צי סאלדאטישע הענט, ווי באגנעטן אין א שלאַכט:

— פּאַגאַדאַי, קראַסאַוויצאַ, פּאַגאדאי, טיאָטקא־קראַסאָטקא!

— דאוואַי, פּאַגאדאי!

ס׳ווערט פריילעך און מונטער, ווי אַף א יאריד מיט קאַרוסעלן. סע צעגייט זיך, סע צעדרייט זיך:

— טיאָטקא־קראַסאטקא, דאַוואַי, פּאַגאדאַי!

אויס טרויער. אויס אומעט. אויס מעלאַנכאָליע.

און עפּשער האט עס זיך אלץ בלויז צוגעדעקט און ארומגעוויקלט מיט נאך אַ וויקלשנור פון ציגיינערישע אָפּפערדיקייט.

— באַראַנאַוו, עי, באַראַנאַוו! וואוהין ווילסטו בעסער פארוואונדעט ווערן?—אין א פּיס, אין א האנט, הא? זאָג!— טוט אים פלוצלינג א פרעג איין סאָלדאט, וואס ליגט אויסגעצויגן אַף א נאַרע מיטן פּאָנעם ארוף,— הא, באַראַנאָוו, זאג וואוהין!

באַראַנאָוו הויבט אפילע ניט אוף די אויגן און ענטפערט אזוי פויל:

— אין סאַראַי!

— אין וועלכן?

— אָט דארט, הינטערן פענצטער.

ס׳ווערט אַ געלעכטער.

— און דו, קאָזלאָוו, וואוהין ווילסטו פארוואונדעט ווערן?

קאָזלאָוו ציט אויס די האנט און ווייזט מיטן פינגער:

— אין קאָפּ! זעסט, אין יענעם קאָפּ, וואס דער ווזוואדנע שערט.

איבער עזרעס קאָפּ, וואָס דער ווזוואָדנע שערט, גייט אַלע ווײַלע אויף פון הינטערן קאַרק אַ ווייס מאַשינקעלע, ווי אַ ווייס מייזעלע, גיך, און לאָזט איבער הינטער זיך אַ ווייס פּאַסיקל. אַ שמאָל ווייס סטעזש־קעלע. אַלע ווײַלע אַרוף און פונם אָנהויב. דער ווזוואָדנע בלאָזט די צײַנד־לעך פון זיין שער־מאַשינקע. ער בלאָזט עזרען אַפן קאָפּ, אַפן קאַרק און נידעריקער אין העמד אַריין און ענטפערט דערביי מיט אַ קאָל פון אַ שטאַרק־באַשעפטיקטן מענטש:

— דער קאָפּ, וואָס ווזוואָדנע קאָזעראַגאַ שערט, וועט ניט פאַרוואונדעט ווערן. ער וועט זיין אַ געאָרגיעווסקי קאַוואַליער.

— אַ געאָרגיעווסקי, בראַטצי!

— יאָ, — האָט שוין אַ דריי געטאָן מיט די אויגן עפּעס אַן אַנדער סאָלדאַט:

— איך קאָן זיי, זייער גוט. דו שיס גלייך אַף זיי און טרעפן טרעפט שטענדיק אַ צווייטן. פונקט ווי די סלאָוועסנאָסט.

דער ווזוואָדנע האָט שוין אינגאַנצן געענדיקט אַזריעלס פריזור. קאַנ־טיקער און רעליעפער האָבן זיך אַ הויב געטאָן זיינע אויערן איבערן נידעריקער־געוואָרענעם קאָפּ און נאָך איידער ער האָט אים צוגעדעקט מיט דער הוט, האָט האַלב דערשראָקן און האַלב האַלאַצעדיק דער ווזוואָדנע באַ אים אַ פרעג געטאָן:

— מאָרגנשטאָרם, זאָג דעם עמעס...

— ... זאָג דעם עמעס. זאָג, דו האָסט טאַקע ניט קיין הערנער? ניין?..

. . . .

דער מיטאָגדיקער אַרבעס־זופּ האָט זיך געבריטעט פאַרשעמט אין די בלעכענע באַקעס. קיינער האָט ניט געגעסן. סאָלדאַטישע לעפל האָבן אַרומגעשוואומען אין זיי, ווי אָפּגעסמאָקעטע און אויסגעשפּיגענע ביינער. אין סאָלדאַטישע כאָליעווס האָבן שוין געשטעקט נייע לעפל. גלאַנציקע, פון רויטלעכער אייל־פאַרב. אַלע זיינען געווען גרייט זיך אופהויבן און אַרויס אין פעלד אַפן ערשטן סיגנאַל. שינעלן זיינען געווען צונויפגע־וויקלט און מיט די עקן אריינגעטאָן אין די נייע קעסעלעך. און די רוק־זעק זיינען געלעגן באַ דער זייט און געוואַרט, מע זאָל זיי אַ נעם טאָן פאַר די אויערן און מיט זיי אוועקלויפן.

און באַלד האָבן איבערן סטעפּ זיך ראַשיק אַ ריס געטאָן בלענד־קלאַנגיקע טרומייטערס. זיי האָבן געגעבן אַ וויקל אַרום די קאַזאַרמעס מיט מעשענע רייפן, אַ וויג און אַ וועק געטאָן און זיי אויפגעפאָדערט.

אָפן קאַזאַרמישן הויף זיינען געשטאַנען פיר טרומייטערס אין פיר פאַרשיידענע זייטן און גערופן מיט מעשענע קלאַנגען. הינטן, הינטער די קאַזאַרמעס, איז די סטעפּ געווען געריים מיט בלענדווייסע שנייען, ווי מיט ניי־אויסגעוואַשן וועש.

אָט די ברייטע סטעפּישע פלאַך, וואָס איז די גאַנצע צייט געקנאָטן געוואָרן פון סאָלדאַטישע שטיוול מיט „לינקס" און מיט „רעכטס", האָט אַ פּאָר טאָג אָפּגערוט. זיך צוגעגרייט. אויסגעגלעט און אָנגענומען אין די גריבלעך פון טריט־צייכנס פרישן שניי און זיך געלאָזט צופרעסן פון הייסע גליענדיקע פרעסט. פונקט ווי די סטעפּ האָט אַליין פאַרשטאַנען דאָס גרויסע, דאָס וויכטיקע, וואָס דאַרף אָף איר פאָרקומען. און זי האָט אַליין ניט געלאָזט אָף זיך פאַלן קיין שטויב. אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געוואַלגערט אָף איר אויבערפלאַך, האָט זי אַוועקגעגעבן דעם ווינט.

די בלענדנדיקע קלאַנגען פון טרומייטערס האָבן זיך נאָך אַלץ געוויקלט אין דער לופט און אַרום די קאַזאַרמעס. זיי האָבן נאָך אַלץ געלעקט די שויבן און געוועקט. און פון פאַרשיידענע זייטן און נאַרעס זיינען שוין סאָלדאַטן האַלב־צוגעשפיליעטע, מיט דער אמוניציע אין די הענט געלאָפן צום שוואָרע־פלאַץ, איינגאַרטלענדיק זיך שטייפער די רימענס שוין אָפן וועג לויפנדיק.

פון אַלע זייטן האָבן זיי זיך ניט באַמערקטערהייט געמערט, ווי אָף אַ צויבערדיקן שפּרוך. זיי זיינען געלאָפן אין אַ ווילדער סומאַטאָכע מיט ניט־פאַרענדיקטע געלעכטערס און געשפרעכן.

איין סאָלדאַט האָט נאָך דערקייט לויפנדיק אַ פּאָר ווערטער, ווי אַ לעצטן ביסן ברויט:

— אָן פּיס — ניט! אויב מע וועט מיר אָפּשיסן אַ פוס, וועל איך אַליין בעטן:

— דעם טויט! איינגאַנצן! ביזן סאָף!

און ווערטער זיינען באַלד אונטער פּיס פון לויפנדיקע סאָלדאַטן צע־טראָטן געוואָרן, טרישטשענדיק מיטן האַרטן בלויעכן שניי אונטער די געקאָוועטע סאָלדאַטישע שטיוול.

עזרע איז שוין געשטאַנען אַף זיין אָרט אנגעטאָן, פאַרגאַרטלט און איינגעצויגן. ער האט זיך געגלייכט מיט זיין רייַ סאָלדאטן. די באַקן האָבן זיך אים איינגעבויגן אַף אינעווייניק. און אַף דעם אָפּגעשוירענעם קאָפּ אַף זיינעם האָבן געשפּרונגען מוסקולן, ווי הערנער. כאָטש ער איז אויסערלעך געווען זייער רויִק און געשיקט אויסגעפּילט יעדער קלייני־קייט פונעם צערעמאָניאַל, דאָך איז געווען לייכט צו באַמערקן, ווי די מוסקולן אַף זיין פּאָנעם פּאַרקניפּן, פאַרפּעגטען עפּעס אַזוינס, וואָס רייסט זיך באַ אים פון אינעווייניק.

אַפן פּלאַץ האָט מען זיך פּיבעריש־גיך געסטרויעט.

לאַנגע גלייכע קאָלאָנעס האָבן אַ ווירע געטאָן די ווילד־ווייסע סטעפּישע פלאַך, ווי לאַנגע גרינע שטראַלן, און אויסגעצויגענע האָבן זיי זיך גלייך צוגעכאַפּט צו דער פאַרפרוירענער עלעקטריש־אַנגעשוימטער וויסטע. אָט זעען זיי שוין אויס, די קאָלאָנעס, ווי לאַנגע גלייכע שפּיצעס פון אַ ריזיק גרויסער ראָד, אַף וועלכער ס׳איז נאָך קיין רייף ניט צוגעפּאַסט. אָט זעט זי אויס, ווי אַ גרינע פּילעקיקע שטערנשאַפּט, אַן אַראָפּגעפאַלענע אַפן סטעפּ. און אָט דידאזיקע כּימערע באַוועגט זיך האַכנאָקעדיק אַף אַ באַפעלערישן כאָרכל פון אַן אויסגעקאַשעטן און אויסגעסופּעטן גאָרגל:

— ווזוואָדי וו קאָלאָני נאַ מיעסטיע אַרשש!

— אָ־אָטסטאַוויט!

עפּעס איז נאָך ניט אַלץ אין אָרדענונג. ס׳גלאַנצן די פּריאַזשקעס און קאָקאַרדעס, ווי פאַרפרוירענע ליסקעס. און פּיס טופּען אַף איין אָרט, קעדיי צו צוקומען צום אנהויב.

ווזוואָדנע קאָזוראָגאַ לויפט אַרום. שושקעט עפּעס אריין אין זיין ווזוואָד. זאָגט אָן, ווי אַזוי זעלנער זאָלן זיך האַלטן און בעט, זיי זאָלן ניט פאַרשעמען זיין פּראַצע. מאַכט פונדערווייטנס מיטן קאָפּ. ווייזט מיטן בליק צום ווזוואָד פאַרשיידענע באַמערקונגען פון הילכעס סטרוי:

— אָט דאָ, נידעריקער. אָט דאָרט, יענע — הויכער, דאָ אַזוי. ניט בויגן די קני.

און פּלוצים הויבט ער אָן זייער אינטענסיוו צו באַוועגן מיט די נאָזלעכער. ער גיט פּריער אַ ווישׁ די וואָנצעס מיט דער הענטשקע און באַשמעקט דעם אַרום. עפּעס אַ שלעכטער רייעך. אַ שלעכטער רייעך פון

זיין ווזוואָד, ווייזט זיך אים אויס. ער ווערט בלאַס און אופגעציטערט. קוקט זיך אַרום, צי גייט מען נאָך ניט מיט די שטאַנדאַרטן און רוקט זיך צו צו קאָזלאָוון, וואס שטייט אַפן פלאַנג. ער וואַרפט אים אַזאַ פאָרוואורפלעכן בליק אין די קליינע אויגלעך, שטשירעט אַביסל מיט די אויסגעדינטע ציין און גיט אַזאַ הינטישן שמעק פונם סאלדאַטס אַרבל.

און ווען ער האט אַוועקגענומען זיין נאָז פון דעם פאַרדעכטיקטן אַרבל, האט ער צום סאלדאַט געגעבן אַזאַ פאַרלוירענעם שאָקל מיטן קאָפּ:

— אי קאַק טאַביע טאָלקאָ ניע סאָוויעסנאָ! קאזלאוו?! נאָך אַפן פלאַנג, האַ?

און מיט אַן איינגעהאַלטענעם ציין־קריץ האט ער זיך לאַנגזאַם אָפּגערוקט, ווי ס'וואָלט אים א שאָד געווען פונדאַנען אַוועקצוגיין. ער האט אַלץ געקוקט אַף קאָזלאָוון און זיינע ליפּן האבן אליין פון זיך געשטאַמלט:

— אי קאַק טאַביע טאָלקאָ ניע סאָוויעסנאָ?

נאָך פונדערווייטנס האבן זיך דערהערט אָרקעסטערס. אַלע אָרקעסטערס פונם פאָלק זיינען ריטמיש געגאַנגען, ווי מעשענע כוואַליעס, און האבן געריסן די פראָסטיקע לופט מיט מעשענע געזעגן. אויגנבליקלעך זיינען די קאָלאָנעס פארגליווערט געווארן און די ווזוואָדנעס מיט די ראָטנע קאָמאַנדירן האבן זיך שוין מער פון די ערטער ניט גערירט.

פאָרנט איז געגאַנגען צום טאַקט פון ארקעסטער די פירעקיקע ברוסט מיט צוועלף גאָלדענע קנעפּ פונם פאָלקאָווניק טיטאָוו. די ליפּן זיינען אים איצט געווען צוגעפרוירן צו די ציין. טריט נאָך טריט האט ער געשניטן די ליידיקייט, וואס האט זיך אַנטקעגן אים פאַנאַנדערגעטיילט. פון דער האַנט האט באַ אים געוואַקסן אינדערהויך זיין שווערד, ווי א שטומער, נאר פאַרשטענדלעכער באַפעל. בלויז זיין נאז האט אויסגעסאפעט:

— אַט־וואַ!

נאָך אים האט ווי א פינצטערע טרומנע אן אופגעשטעלטע, מיט א צייל־עם אינדערהויך, זיך גערוקט דער גאַלעך. די הענט זיינען באַ אים געווען איבערגעבונדן, אַפן בויך פאַרקניפּט און פאַרשלאָסן מיט א קליי־נינק צייל־עמל, פונקט ווי ער וואלט דעם בויך אונטערגעהאַלטן פאַר אַ סאַקאָנע, ער זאל ניט אַרויספאַלן פון דער געהעפטער זילבערגער ריזע. נאר די הויכע סאַמעטענע פּעסע איז געזעסן אַפן קאָפּ און זיך

געאַמפּערט מיטן ווינט, וואָס האָט זי אַלע ווײַלע געוואָלט אַליין אָנ־מעסטן. דאָך איז זי געזעסן שטאָלץ, פּונקט ווי זי וואָלט נאָר געהאַט צוטאָן מיטן ריבווינעשעלוולעם. און דאָס, וואָס דאָ קומט פאָר, גייט איר ניט אָן.

הינטן איז נאָכגעגאַנגען דער גאָלדגעברילטער מעכוטן פון אידישע קאַליקעס — דער קאַזיאָנער פעלד־ראַבינער. אינם סידערל, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעטראָגן, זײַנען געווען אַרײַנגעשטעקט זײַנע צוויי פינגער, ער זאָל ניט דאַרפן מישן און זאָל קאָנען גלײַך ווײַזן דאָס ריכטיקע אָרט פון זײַן באַפולמעכטיקטקייט באַם אידישן גאָט. ער האָט געקוקט אין אַלע זײַטן פון זײַן סאָלדאַטישער באַלעבאַטישקייט, צי ס׳פעלט ניט עמע־צער, צי זײַנע כאַסאַנים זײַנען אַלע אַפן פּלאַץ. ער האָט זיך דאָ גע־פילט, ווי אַ נעמאָן באַם אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי. ס׳האָבן זיך באַ אים אַזש פאַרפּלאָנטערט די פיס אין זײַן לאַנגער שוואַרצער טאַלמע און פאַלקאָווניק טיטאָווס רוקן האָט אים געמוזט אופמערקזאַם מאַכן אַף דעם. עזרעס פאָנעם האָט ער דאָך איבערגעהיפּערט.

צוויי אָפיצירן האָבן געטראָגן דעם שטאַנדאַרט פונם פאָלק. אַ גרויסער צווייקעפּיקער אָדלער האָט זיך געריסן פונם שטאַנדאַרט און געקוקט אַף ביידע זײַטן. ס׳איז אים געווען קאַלט. אין זײַנע פאַלדן האָט געשורע־וועט דער ווינט, און ער האָט אַראָפּגעקוקט אַף זײַן אויסגעפּוצטן פאַר־טיקן פלײַשוואַרג.

און ווען די אָרקעסטערס האָבן מיטאַמאָל אומדערוואַרטעט אַ רעווע געטאָן די ברייטע צעהוידעט־גלאָקיקע קלאַנגען פון „קאָל סלאַווען", האָט די גאַנצע סטעפּ זיך אַ בוק געטאָן אין געטרייער אונטערטעניקייט און איז געוואָרן נאָך אַ מאָל אַזוי ווײַט און נאָך אַ מאָל אַזוי וויסט.

אויסגעצויגענע סאָלדאַטן מיט אויגן פאַרהאַקטע אין דער ווײַסער פּראָסטיקער וויסטקייט האָבן פון רעגע צו רעגע געגליוועט. געגליוועט, ווי ווילדע כאַיעס אין אַ צירק, צו וועלכע די דרעסירער דערנעענטערן זיך אין פאַרביקע בעגאָדים מיט אַ שיסערײַ פון בלענד־קאָלירטע ראַ־קעטן און באַלויכטונגען.

אַ הייסער שטראָם פון פײַערלעכן פאַכעד פאַרן טויטס שעליכים האָט זיי אַלע פאַרעלעקטריזירט. און ווען די מעשענע כוואַליעס פון אָרקעסטערס האָבן אַרײַנגעשטאָכן אין דער פּראָסטיקער וויסקייט דעם לעצטן אויס־

גייענדיקן טרומייט, האָבן זיך אַליין געעפנט סאָלדאַטישע מײַלער און אױפגעגאַנגען איז פון זײ מיט פּאַכער צו די העגנענדיקע הימלען אַ טפילעדיקער און דערשראָקענער —

„אָטטשע נאַש"!

נאָכדעם האָבן זײ שוין האַלב־שיקערע פון פּאַכער געקושט מיט אומבאַוועגלעכע ליפּן דעם ברעג פון שטאַנדאַרט, וואָס צוויי אָפיצירן האָבן געטראָגן צווישן דעם גאַלעך און ראַבינער, און אַף די פּאַניכידיש פליסנדיקע פראַגן פון די צוויי גייסטלעכע האָבן זיך אַליין געשאָקלט סאָלדאַטישע קעפּ.

— וועסטו, סאָלדאַט, פאַרטיידיקן ערלעך דאָס הייליקע פאָטערלאַנד?

— וועסטו, סאָלדאַט, שיסן געטריי דעם סוינע פון פאָטערלאַנד?

— טאַק טאָטשנאָ! טאַק טאָטשנאָ! — האָבן זיך געדראָבעט סאָלדאַטישע ליפּן, — טאַק טאָטשנאָ — און האָבן מוירע געהאַט צו קוקן אַפן גאַנצן שטאַנדאַרט.

אַרום אין דער ווייט האָבן זיך ווינטן געוואַרעמט אף נאָך ניט דערציטערטע קלאַנגען פון דעם קייסערישן הימן, און סאָלדאַטן, מיט ליפּן אײַנגעטונקענע אין שוואוע, האָבן זיך געפילט, ווי זײ וואָלטן איצטער ערשט דורכגעמאַכט דעם ריטואַל פון קריסטונג.

און דער עמעסער קרייץ־פאָטער זײַערער איז דער טויט.

און ווען דער שטאַנדאַרט האָט זיך דערנעענטערט צו עזרעס מויל און דער פעלד־ראַבינער האָט שוין געהאַט אַ גרייט אָרט באַ זיך אין סידער פאר אַ קוש און פאַר אַ „טאַק־טאָטשנאָ", האָט זיך עזרעס קאָפּ אופגעהויבן אינדערהויך איבער דעם גרינעם פּאַרקן פון אויסגעסטרויעטע סאָלדאַטן, — ס'האָט זיך אַ ריס געטאָן זײַן קאָפּ מיט די שפּרינגענדיקע מוסקולן, ווי הערנער, און די ווייסע פראָסטיקע וויסטקייט האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זײַן אָנגעגליטע שטים:

— ניין!

אויגנבליקלעך איז ווי פון אַ פלוצימדיקער ליקוי־כאָמע טונקעלער געוואָרן. באַלד — ליכטיקער און צוריק, ווי פריער.

אויגנבליקלעך איז געוואָרן שטיל. פונקט ווי דאָס, וואס עזרע האָט געזאָגט, האָט באַדאַרפט דערהערן די ברייטע, די אומענדלעכע רוסישע סטעפּ און זיך אופהויבן.

די סומאַטאָכע איז אָנגעקומען ערשט דעמאָלט, ווען פון עזרעס פלו־צימדיקן הויך געשריי איז אַלץ געוואָרן נאָך פייערלעכער, נאָך ווייסער און ווּיסטער. דער גאַלעך מיטן ראַבינער האָבן זיך אין דערשרעק אַ ציי געטאָן אַף צוריק, ניטוויסנדיק, פונוואַנען איז דאָס קאָל אָנגע־קומען.

נאָר עזרע האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אופגעהויבן אינדערהויך, אַז יעדער זאָל אים קאָנען גוט זעען. און ער האָט געוואַרט — זאָל עפּעס פּאָרקומען אזוינס, וואָס ס׳וועט אומקערן צוריק די סאָלדאַטן זייער באַ־וואוסטזיין פון אָט דער פינצטערער מיסטעריע, וואָס דאָ איז נאָרוואס פּאָרגעקומען.

ער איז געשטאַנען גרייט, אַז אויסטאינען זאָל זיך מיט זיין האַלז די אופגעהויבענע שווערד פון פּאָלקאָווניק טיטאָוו. אַז צו „זאראַטוסטרא״ן זאָל איצטער ווידעראַמאָל און צום ענדגילטיקסטן מאָל אַ פּיבער טאָן פּאָלקאָווניק טיטאָווס אויגן, שיקערע פון בראָך. און אַז זיין קאָפּ זאָל באַלד דערלאַנגט ווערן דעם צווייקעפּיקן אָדלער, וואָס איז געזעסן אַפן שטאַנדאַרט און זיך צוגעהערט פון ביידע זייטן —

— פּאַר ניט פּאָדטשיניאַיען זיך דעם געזעץ. פּאַר פּאַראַט. פּאַר קראַ־מאָלע. פּאַר האָבן הערנער, און פּאַר דרייען דעם צונג. נאָר —

אין יענער רעגע איז גאָרניט פּאָרגעקומען. ס׳איז נאָר געוואָרן שטילער און פייערלעכער. פונקט ווי די גאַנצע סטעפּ פון עק ביז עק, פונקט ווי דאָס גאַנצע לאַנד פון גרענעץ ביז גרענעץ, פונקט ווי די גאַנצע וועלט פון אומענד ביז אומענד וואָלט דאָס געדאַרפט דערהערן און זיך אופהויבן.

בלויז שטילער. מער גאָרניט.

פּאָלקאָווניק טיטאָוו איז געבליבן פּאַרגליווערט מיט דער שווערד אינ־דערהויך, ווי אַף אַן ערן־קאַראול, צו עזרעס אויסגעשריי. און אַ כוואַליע געטאָן האָבן זיך בלויז סאָלדאַטישע קעפּ פון די פּאַרפרוירענע קאָ־לאָנעס.

מער גאָרניט.

אין דער קאַלטער בלוילעכער לופט האָט זיין ענטפער אָפּגעקלונגען ווינטיק און זיך צעגאַנגען אין אַלע זייטן וויסטקייט. און די אופגעוועקטע סטעפּ האָט אים אף איר ווייסן טטעפּישן רוקן, ווי אַ פלאַטערדיקע פאַסמע פייער, אויסגעצויגן ביז צום עק האָריזאָנט און אים ארופגעאָטעמט הויך, צו די הימלען. אין דער אומענדלעכקייט.

XV

אין דער קלייניקער מאַסאַנרדע, וואָס האָט זיך געאײנזאַמט אַף דער אָרעמער פּאָרשטאָט, צווישן פאַרקניפּטע און פאַרפלאָנטערטע געסלעך, צווישן אויסגעקרימטע גאָרנס, אונטער אײנגעפאַלענע און אויסגעקרימטע דעכער,— אין אָט דער קלייניקער מאַנסאַרדע מיטן קיילעכיקן פענצטערל, וואָס קוקט שטענדיק אין הימל — איז געווען צוגערעמט, אויסגעקערט און שטיל.

זינט מ׳האט סאָניען אוועקגעפירט פון אָט דעם פאַרויכערטן און פאַר־שריגענעם קאַיוט, איז דאָרט געוואָרן זײער שטיל, פונקט ווי דער צימער האָט אַלץ מיט איין מאָל ארײנגעאָטעמט און איז דערוואָרגן גע־וואָרן.

עפּשער אין די ווינקלען צווישן די אָנגעוואָרפענע ביכלעך, אונטער פאַרשיידענע בילדער, וואָס האבן צוגעדעקט שטיקער קאַלעך פון ווענט,— עפשער דאָרט האט מען נאָך געקאנט ארויסהערן אַ ווייטן שאָרך, אַ ווייטן ווידערקלאַנג פון יענע רוישיקע אפדערנאַכטן, ווען סאָניע האָט זיך מיט אַ מענערישער ענערגישקייט ארומגעדרייט הין און צוריק און אָנגעפּילט דאָס מאנסארדעלע מיט סיגאַרעטן־רויך און מיט פרישער אַנגענעמער הייזעריקייט פון איר פעסטער שטים, פאָדערנדיק באַ אלע־מען, וואָס זיינען געקומען אַף א יאַוועקע:

— „דאָס וואויסק! מע מוז האבן דאס וואויסק!“

עפשער האבן זיך נאָך ערגעץ דא אין צימער ארומגעבלאָנדזשעט אירע פאַרטריקנטע פאַסמעס אָטעם, אויסגעהאַפּטענע מיט אירע רייד. אָבער ס׳איז געווען צופיל אופגערעמט, צונויפגעשטעלט אלץ אַף זיין ארט, און וועגן סאניען האט דא איצט גארניט דערמאנט.

בלויז דאס קינד, וואס איז געזעסן מיט סאָניעס א כאָווערטע גאנצע שאָען אַליין, ביז ס׳איז עמעצער געקומען עס אפנעמען און ערגעץ אוועק־גיין מיט דעם, בלויז דאס קינד האט עפּעס דערמאנט, זיך עפּעס גע־וואונדערט און אמאָל א וויין געטאָן:

— מאַמע!

ס׳האט קיינער פון די שכיינים ניט געוואוסט, ווער איז דער פאטער פון דעמדאזיקן קינד. מ׳האט קיינמאָל דעם פאטער ניט געזען, מ׳האט נאר גע־וואוסט, אז סאָניע האט דאס קינד מיטגעבראַכט פון טורמע צוריק מיט עטלעכע יאר און פלעג עס שטענדיק רופן „אַלעקסאַנדריק״ און רעדן צו דעם רוסיש.

שכיינים האבן זיך מיט סאניען קימאט ניט אָנגעקערט. מ׳האט פאַר איר געהאַט א פארבאהאלטענעם דערעכערעץ, עפּעס וואס ווען איר געוואוסט, שטענדיק נאָכגעקוקט, ווי אַזוי זי גייט אָנגעטאָן און ווער סע גייט צו איר אריין. איצטער איז אין איר אויסגעראמט שטיבל שטיל. סע הערט זיך נאָר, ווי דאָס קינד גיט אַמאָל אַ טרוקענעם הוסט איבערן ליידיק געוואָרענעם צימער.

— נו, און אַז אַ מאַמזערל איז וואָס? איז ניט קיין ראַכמאָנעס,— האָבן געטאַינעט שכיינים,— ס׳איז דאָך אַ קינד. און וואָס איז אַ קינד שולדיק? ס׳ווייס דען עפּעס?

— נו יאָ, אַוואַדע, מע דאַרף צו זיין די עמעסע מאַמע, אַז מע ברענגט אַ קינד פון דער טערמע,— האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטע,— אָבער וואָס איז יענעמס דאַיגע? מ׳עט אונז ניט שטראָפן!

און אַז אַ שכיינע פלעג אריינטראָגן פאַרן קינד אַ ביסעלע מילך, פלעג שוין דער מאַן נאָכדעם פרעגן:

— נו, האָסט עס געזען? האַ? האַ? טאַקע אַ מאַמזערל? האַ? און איך זאָג, אַז אַף מאַמזיירים איז ניטאָ קיין ראַכמאָנעס.

אָבער טייקעף נאָכדעם, ווי מ׳האָט צוגענומען סאָניען, האָט זיך אין קאָרידאָר באַוויזן א יונגערמאַן אין פענסנע.

יעדן טאָג פלעג ער קומען, צונעמען דאָס קינד און עס פירן פאַר דער האַנט שפּאַצירן.

ווען ער פלעג דורכגיין מיטן קינד איבערן קאָרידאָר, האָבן זיך גלייך געעפנט אַלע שכיינישע טירן, און עטלעכע קעפּ האָבן זיך ארויסגע־שטעקט אין יעדער טיר באַזונדער.

— ס׳מוז אוואדע זיין דער פּאָטער!

— אַ גוי?

— ווער ווייסט?

די אריינגעשטעלטע ציין פלעגן אים שטענדיק זיך פלאָנטען באַם רעדן און ארויספאלן. איז אים אויסגעקומען סמאָקען די יאַסלעס באַ יעדער וואָרט. ער זאָל זיי צוסמאָקען, די ציין, צום גומען.

פלעג ער פריער אַ סמאָקע טאָן און זיך אָנרופן צום קינד:

— פּאָידיאָם, אַלעקסאַנדריק!

דעמאלט האבן שוין שכיינים מער ניט געצווייפלט, אַז ער איז אַ גוי. זיי האבן זיך נאָר געהאלטן אין איין כידעשן:

— וואָס סמאָקעט ער צו דעם? ס׳ערשטע מאָל זעען זיי, מע זאָל סמאָקען צו אַ קינד ווי צו אַ הונט.

— און וואָס איז אַ מאַמזער? ניט קיין הונט?

דאָס איז געווען סאווא קורגאַנאָוו, סאָניעס מאַן, וואס זי האט פאַר־לאָזט א יאר נאָך דער כאסענע.

און סאָניע?

סאָניע, ווען ס׳האט פאר איר געגעבן א גיי אוף די שווערע געביידע פון אָרלאָווער צענטראַלקע, האבן זיך פון איר עלטער אָפּגערוקט אַכט יאר און זי איז געוואָרן צוריק די אַכצניאריקע שיינדעלע ברען, וואָס איז דעמאלט געקומען אַהער אינײנעם מיט מאָטל בארג, אָפּזיין זייער שטראָף פאר געהערן צו א טעראָריסטישער גרופּע. זי איז שוין אַפילע דעמאלט געווען אַ יאָר נאָך דער כאסענע, אבער מע האט זי נאך אלץ גערופן שיינדעלע ברען.

סאווא קורגאנאָוו איז ניט געווען צופרידן:

— מיין פרויס פאמיליע איז בראָן, ניט „ברען". און אויב מע וויל, קאָן מען זי רופן אַף דער פאַמיליע פון איר געזעצלעכן מאַן: שיינדל בראָמבערג.

נאָר סאָניע איז געבליבן ניט בראָן און ניט בראָמבערג. פונקט ווי איצטער, איז זי צוריק מיט אַכט יאָר געשטאנען פאַר די טויערן פון איר טורמע־לעבן, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס דעמאָלט איז זי געווען מער דערשראָקן. די בוימער האָבן נאָך אלץ געקראצט מיט די צווייגן די הויכע שטיינערנע וואַנט. און פון הינטער דער וואַנט האט זיך

געטראָגן אַ שווערע שטילקייט, ווי פון אונטער דער ערד. ס'האט איר פלוצלינג אַ ברי געטאָן אין די אויגן — מאָטל.

מאָטל זיצט נאָך. איצט וועט זי בלייבן אַליין, ווען מאָטל וועט גיין אַף דער פריי. איצט וועט זי דאָ אליין וואַרטן, ביז מע וועט אים נאָכאַמאָל ברענגען אַהער געקאָוועטביידע הענט אין קייטן.

באַם אָנבליק פון איר בעטל, וואָס איז געווען צוגעשריפּט צו דער וואַנט, האט זי זיך דערמאַנט איר קימפּעט אין טורמע. די אַרעסטאַנטקעס און פאַשקע די אוגאָלאָונע.

ס'איז געווען אַ פראָסטיקע נאַכט. זי האט אָנגעהויבן גיין צו קינד מיט אַ פּאָר טעג פריער, ווי זי האט אויסגערעכנט. אין קאַנצעליאַריע, האָט מען ביז אינדערפרי ניט געקאָנט צו וויסן געבן. איז זי געלעגן דעמאלט, סאָניע, איבער דער ברייט פונם בעט און אלע מאָל האט זי דער ווייטיק אַראָפּגעטריבן. זי האט בלויז געקרעכצט. זי האט געשלונגען דעם ווייטיק און זיך געכאַפּט פאַר די געשוואָלענע שאָטנס, וואס האבן געקלעטערט אַף די אָפּגעשיילטע טורמע־ווענט. זי האט זיך געשעמט שרייען. זי האט געוואָלט, אַז איר קינד זאל ניט הערן קיין געשרייען.

די אַרעסטאַנטקעס זיינען דעמאלט געלאפן איבער דער קאַמער צו סאָניעס בעט און פון סאָניעס בעט צו די פענצטער. זיי האבן די פענצטער גע־וואָלט אויסזעצן און אַרויסשרייען אין דער פראָסטיקער נאַכט אַריין סאָניעס ווייטיק, וואס זי האט איינגעהאלטן אין זיך. בלויז פאַשקע, די אוגאָלאָוונע פאַשקע, איז צוגעגאנגען צו איר און רואיק זי אַ טאַפּ געטאַן פאַרן בויך:

— לייג זיך אַוועק, סאָניע, — האט זי איר גלייך געזאָגט. לייג זיך. ס'איז אָט באַלד.

פאַשקע האט איר אַליין געהאלפן אַרופנעמען די פיס אַפן בעט און די גאַנצע צייט געקוקט אַף איר. געקוקט און קיין אויג פון איר ניט צוגע־נומען.

זי האט נאָכגעשפּירט נאָך איר יעדער באַוועגונג.

— גיב אַ געשריי, סאָניע, נישקאָשע, גיב, גיב. איין געשריי!

פאַשקע האט גלייך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די העמד, זי צעריסן אַף ווינדעלעך און זיך אַ ווענדע געטאָן צו די איבעריקע:

— נעמט וויקלט צונויף. גיך.

דעמאָלט האָבן אַלע אָנגעהויבן ציִען פֿון זיך די העמדער און זײַ רײַסן און וויקלען. ס׳איז געוואָרן אַ ווינט אין קאַמער. שטיקלעך אָנגעריסענע העמדער האָבן געפֿלאַטערט. פֿאַשקע האָט ניט אָפּגעטראָטן פֿון סאָניען און אינמיטן אָט דעם לײַוונטענעם געפּעכער און אירע לעצטע געשרייען, האָט זיך דערהערט אַ פּישטש פֿון אַ קינד. אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און פֿאַרגליווערט געוואָרן מיט די שטיקלעך העמדער אין די הענט. און פֿאַשקע האָט אונטערגעהאַלטן דאָס נעפּעשל און דעם געהאָלפֿן גיין אַף דער וועלט. אויגנבליקלעך האָט זי זיך געגעבן, ווי אַ כאַיע, אַ בויג אָן און מיט די ציין איבערגעביסן דעם בלוטיקן שנור פֿון דעם נאָפּל. און מיט ליפּן אײַנגעטונקענע אין בלוט האָט זי זיך שוין אופֿגעהויבן מיטן קינד אין די הענט:

— נו, מיר האָבן אַ באַיסטרוק! נאָך מיט איין קאַטאָרזשאַן אין צענטראַלקע!

סאָניען געבן אַ בלישטשע די אויגן און זי דערמאָנט זיך ווײַטער:

ווען ס׳געבוירענע נעפּעשל איז שוין געווען אײַנגעוויקלט אין די ווינדעלעך, האָבן זיך אַלע אַרעסטאַנטקעס אויסגעזעצט אַרום איר בעט און גענומען אָפּהיטן איר שלאָף. זיי האָבן געשלונגען יעדן קרעכץ, און געוויגט, און געוויגט די געווינערן מיט איר קינד.

פֿאַשקע האָט דעם געסמאָקעט אין רויען פּענעמל אַרײַן, און געטײַטלט מיט די הענט צו די אַרעסטאַנטקעס:

— ס׳איז מײַנס! ס׳איז מײַנס!

אינדערפֿרי, איידער מע האָט זיי צוגענומען אין שפּיטאָל אַרײַן, האָט פֿאַשקע אָנגעקלאַפּט דער נאַדזיראַטעלניצע:

— אַ מולטער, נאַדזיראַטעלניצע! מירן באָדן דאָס קינד.

און אין דעם אָקרעפּ, וואָס מע האָט געבראַכט די אַרעסטאַנטקעס אַף טיי, האָבן זיי צום ערשטן מאָל אויסגעבאָדן דאָס קינד.

אין שפּיטאָל, — דערמאָנט זיך סאָניע ווײַטער, — האָט זי געבענקט. זי איז שוין געווען צופֿרידן, אַז מע האָט זי אויסגעשריבן און צוריק געבראַכט אין קאַמער. די אַרעסטאַנטקעס האָבן זי דעמאָלט באַגעגנט מיט הילכיקע און צערטלעכע אויסגעשרייען — „מאַמע״! זיי האָבן איר אופֿגענייט קליינע העמדעלעך פֿאַרן קינד און מיט די אָרעמע מאַטאָנעס האָבן זיי זי אַרומגערינגלט, נאָכדעם האָבן זיי איר עס געהאָלפֿן כאָווען. באָדן עס און וואַשן.

איצט פֿילט זי זיך שוין אין טורמע, ווי אַ באַלעבאָסטע. זי איז דאָ די עלטסטע פֿון די אַרעסטאַנטקעס. זי נעמט זיי צונויף און דערציילט זיי וועגן איר ערשטן מאָל זיצן דאָ אין צענטראַלקע.

דאָך זיינען איר איצטער די טעג פֿאַרבייגעגאַנגען שווערער און צע־צויגענער ווי אַמאָל אין דיזעלבע שטיינערנע ווענט.

און מאָטל! וואו איז מאָטל?

זי האָט גאָרניט געוואוסט, אַז מאָטלען קען מען שוין מער ניט פֿאַר־קאָווען די הענט. זי האָט גאָרניט געוואוסט, אַז מאָטל האָט שוין מער ניט, ווי איין האַנט און איין איבעריקן אַרבל, וואָס וואַלגערט זיך אָפֿן פּאָדלאָגע, ווען מאָטל גריזשעט מיט די ציין די ערד. פֿון דעם האָט זי גאָרניט געוואוסט.

— וואו איז דיין האַנט, מאָטל?

מאָטל האָט ניט געוואָלט וואַרטן, ביז סאָניע וועט קומען נאָכאַמאָל אַהער. ער האָט ניט געוואָלט. ער האָט געוואָלט קומען צו איר אין דער מאָנסאַרדע. האָט ער זיך פֿאַרלייגט אונטער אַ וואַנט. זי געגראָבן, גע־גראָבן און — אונטערגעגראָבן.

טיף קריכן די וואָרצלען פֿון אָרלאָווער צענטראַלקע אין דער ערד. אַזוי טיף, ווי הויך זיינען די ווענט אירע איבער דער ערד. אָבער נאָך טיפֿער איז מאָטלס בענקשאַפֿט. האָט ער געגראָבן און געגראָבן, ביז צוויי קוילן פֿון אַ ווינטאָווקע האָבן אים דורכגעבראָכן צוויי לעכער אין דער האַנט. דעמאָלט האָט מען שוין זייער לייכט די פֿאַרטעטערישע אונ־טערגראָבנדיקע האַנט אָפּגעקייטלט פֿין מאָטלס אַקסל און זי אַריינגע־וואָרפֿן צווישן די מיסטן פֿון דער טורמע. און דעם אַרבל האָט מען אים נאָכהער צוריק אָנגעטאָן.

פֿון דעמאָלט ליגט ער שוין אַף דר׳ערד, מאָטל, מיט איין האַנט און מיט איין אויסגעשמירטן אַרבל און גריזשעט זיך אַ וועג — אַרויסצוגיין צוריק אַף דער פֿרייהייט. און קומען צו סאָניען בלויז מיט איין האַנט.

נעבן מאָטלס בעטל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ טינט און פֿע־דער. ווען ס׳פֿלעג אים שטאַרק אומעטיק ווערן, האָט ער ליב געהאַט שרייבן פֿערזן, וואָס ער האָט געדענקט פֿון אויסנווייניק. פֿערזן פֿון רע־וואָלוציאָנערע לידער, וואָס ער פֿלעג אויסזעצן אומלעגאַל אין דרוקעריי און טיילן די כאַוויירים. נאָר אין צוויי טעג אַרום, נאָכדעם ווי מ׳האָט

אים געבראַכט פון שפּיטאָל מיט אַ ליידיקן אַרבל, איז אַריין דער סמאַט־ריטעל און צוגענומען דעם טינט מיט דער פּעדער.

— אַזוי, אַזוי, טייערינקער. ס'וועט דיר אויסוואַקסן אַ האַנט, וועסטו צוריק באַקומען שרייב־געצייג. אַ גאַנצע קאַנצעליאַריע וועסטו באַקומען.

— גיב אָפּ, סמאַטריטעל, גיב אָפּ!

ס'זיינען אים איצטער צוגעקומען אַזויפיל ווערטער. זיי זיינען אים גע־שפּרונגען פון קאָפּ אין מויל און פונם מויל צו דעם אַקסל. נאָר באַם אַקסל זיינען זיי געבליבן שטיין, ווי באַ אַן אָפּבויג — פאַר אַן אָפּגרונט. ווייטער ניט.

ער ווייסט שוין ניט, מאַטל, צי זיינען דידאָזיקע ווערטער אומיסטן געקומען צו אים, קעדיי ער זאָל זיי ניט קאָנען אָנשרייבן. ער האָט גע־ריבן דעם איבערגעבליבענעם פּעניאָק פון דער האַנט אָן דר'ערד, און אַ ווייסע פּינע האָט זיך געזעצט אין די ווינקלען פון זיין מויל. ער האָט, דאַכט זיך, געהערט דעם טומל פון צווייטן פליגל, וואו ס'זיינען אַרומ־געלאָפן אַרעסטאַנטקעס מיט געשרייען אונטער סאָניעס קאָמאַנדע. זיי האָבן שוין געהונגערט דעם דריטן טאָג, פאַרוואָס מע לאָזט ניט אופּעפּע־נען קיין פענצטער. און סאָניע האָט אויסגעזעצט אַ שויב.

— וואַרט, שליוכע פּאַסקודנע, וואַרט, — האָבן דאָרט זיך געוואָרפן ווי אין פיבער דער נאַדזיראַטעלניצעס קאַלבאַסענע ליפּן:

— וואַרט, שליוכע, וועסט נאָך צייט האָבן צו ש׳יוכעווען!

אין אַן איינזאַמען קעמערל אינדערהויך איז געזעסן עזרע.

ער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן כעשבן, וואָס מיט אים קומט פאָר. ווי אַזוי קומט ער אַהער. פאַרוואָס איז ער געבליבן לעבן. ס'האָבן אים די געשוואָלענע באַקן פאַרשטעלט די אויגן און ער האָט אַלץ געזען אין שווינדל. פאַרקלענערט און געקייפּלט. ער האָט געפילט אַ נאָ׳עדיקן ווייטיק איבערן לייב און זיך צו דעם מיט קיין האַנט ניט געקאָנט צורירן.

ס'האָבן אים נאָך געשווינדלט פאַר די אויגן פאַרשיידנפאַרביקע קאָ־לאָנעס, וואָס קייפּלען זיך און כוואַליען זיך, ווי גרינע פּאַסן ניט־אָפּגע־שניטענע טוואָרע. אָט שטעלן זיך אים אין די אויגן, ווי צוויי שוואַרצע בעלמעס, דער גאַלעך און דער ראַבינער און ער גיט מיטן קאָפּ זיי אַ שטויס אָפּ פון זיך.

און פּאָלקאָווניק טיטאָוו שטייט נאָך אַלץ פאַר אים אויסגעצויגן מיט דער שטראַליקער שווערד אַרויף, ווי אַף אַן ערן־קאַראַול.

ער איז געזעסן אַף זיין בעטל און צו זיינע פיס זיינען געווען צוגע־שמידט פיר שווערע עטאַזשן, אָנגעפילטע מיט מענטשלעכער לייד און פּיין, מיט הונגער און טויט. פיר עטאַזשן, ווי פיר שווערע שטיינערנע קאָ־לאָדעס צו זיינע פיס.

פון יענעם באַרימטן פּראָסטיקן באַטאָג אָן, אַף די סטעפּעס פון טאַמ־באָווער גובערניע, האָט ער זיך נאָך אײַנגאַנצן ניט אָפּגעמינטערט. ער שטייט נאָך, דאַכט זיך, דאָרט מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ איבער זיין ווזוואָד און אָטעמט נאָך אַריין דעם פיבערדיקן פּראָסט, און וואַרט, אַז די שנייאיקע שטילער־געוואָרענע סטעפּעס זאָלן אַ וואָיע טאָן, זאָלן זיך אופהויבן און אַף אים זיך אַרופוואַלגערן.

ער געדענקט ניט, וואָס איז מיט אים נאָכדעם פּאָרגעקומען. ער גע־דענקט ניט, ווער ס'האָט אים אַהער געבראַכט. אַהער, אין דעם שטיינער־נעם קייוער. ס'איז אים נאָך געווען הייס אין מויל.

צי פון דעם בריענדיקן „ניין", מיט וועלכן ער האָט אָנגעצונדן די ווינטן פון טאַמבאָווער סטעפּעס, צי פון דער הייסער בלוטיקער שטיל־קייט, וואָס ער האָט פון זיי אַריינגעאָטעמט. ער איז, דאַכט זיך, אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף קיין ענטפער און אַף קיין שטראָף. און אַזוי פאַרגליווערטהייט אַהער אַריבערגעטראָגן געוואָרן.

דאָס פינצטערע פענצטערל פון זיין קאַמער מיט די פאַרזשאַווערטע גראַטקעס האָט אַף אים געקוקט, ווי דאָס אויסגעשטשירעטע געל־צייניקע מויל פונם גאַלעך, בעשאַס ער האָט אים אָפּגעשטופּט מיט זיינע ווער־טער. אים, מיטן שטאַנדאַרט, מיטן צוויי־קעפּיקן אָדלער. ס'איז אים דאָ אין קאַמער איצט געווען אַזוי שטיל, פּונקט ווי דאָרטן אַפן שוואַרץ־פלאַץ פון די טאַמבאָווער סטעפּעס.

אָט וועלן באַלד אַ הילך טאָן אַלע אָרקעסטערס דעם סטעפּישן הימן. זיי גייען דאָרט, די אָרקעסטערס.

און דער ווזוואָדנע קאָזעראַגאַ?

ער שמעקט נאָך אַלץ קאָזלאָווס אַרבל און דרייט נאָך אַלץ מיטן קאָפּ, באַדויערנדיק, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן אין זיין ווזוואַד, וואָס מע האָט אים פאַרשעמט זיין פּראַצע:

— סאָוויעסנאַ, סאָוויעסנאַ!

תעי, ווייסע פּראָסטיקע סטעפּעס טאַמבאָווער!

— קאַק וואַם ניע סאָוויעסנאַ?

ביסלעכווייז האָט זיך עזרע גענומען אַרומקוקן. אַט זײַנען די ווענט, די צעדראָפּעטע ווענט פון נעגל, פון איינזאַמקייט, פון מעשוגאַעס. צעדראָפּעטע פון פאַרשיידענעם נעגל־קסאָוו. נאָר לייענען ווילט זיך אים ניט.

אין קאַמער איז טונקל. נאָר עזרע ווייסט ניט, צי ס'איז פאַרנאַכט, צי ס'איז פאַרטאָג. איבעריקנס, וואָס איז אים דער אונטערשייד.

ער האָט געוואָלט אַביסל וואַסער. קאַלטע וואַסער. דערפילן אַף זײַן פּאָנעם און אַף זײַנע הענט. נאָך איין מאָל אָן אָטעם טאָן פון דער שנייאיק־ווינטיקער פראָסטיקייט. אָט אַזוי אָן אָטעם טאָן און זיך פאַרכלינען. נאָר איצטער האָט ער געוואָלט אַביסל קאַלטע וואַסער.

— אַך, טעוויע, טעוויע, וואו איז ער, דער אָרעמער טעוויע, מיט זײַן אייגן טשאַיניקל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון אומאַן. ער וואָלט אים געוויס באַלד געבראַכט אַ גלאָז טיי, די ערשטע, און געפרעגט:

— ווילסט, מאָרגנשטערן?

נאָר עזרע וויל ניט קיין טיי. ער וויל שוין גאָרניט.

— וועסט ניט געהאַרגעט ווערן, זייגערמאַן, ס'וועט זיך גיך ענדיקן די מילכאָמע און דו וועסט פאָרן קיין אומאַן אַהיים.

ער דרייט אויס דעם קאָפּ פון פענצטערל און נעמט אָן פולע אויגן מיט וואַנט, מיט צעדראַפּעטער נעגל־באַשריבענער וואַנט, און — צוריק צום פענצטערל.

ער האָט זיך אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. און איינמאָל, ווען ער האָט שוין גאָר קיין אַרבעט ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך און ס'איז אים זייער נודנע געוואָרן צו קוקן אָפן באַלקן און אַף די ווענט מיטן קיילעכדיקן געגראַטעוועטן פענצטערל, וואָס האָט אים שטענדיק דערמאָנט אָן דעם גאַלעכס מויל, האָט ער פאָרזיכטיק געפּרוּווט געבן אַ סיגנאַל דורך די ווענט. ער האָט גענומען קלאַפּן איבער דער וואַנט, ווי מע קלאַפּט אויס אַ טעלעגראַמע. האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן. דערפאַר אָבער האָט מען אָפן צווייטן טאָג אים פאַרקלענערט די פּאָרציע ברויט. ווען מ'האָט אים געכאַפּט דאָס צווייטע מאָל באַ אַזאַ אַרבעט, איז ער אַף דריי טאָג געגאַנגען אין קאַרצער. און ער האָט שוין זיך אָנגעהויבן באַנוגענען

מיט געטומלען, וואס פלעגן זיך עפּיזאָדיש דערטראָגן פון די אונטערשטע פּיר עטאַזשן.

אין אַזעלכע מינוטן פלעג ער אינגאַנצן אופציטערן. ער פלעג צולייגן דעם אויער צו די ווענט, צום פּאָל, ווי ער פלעג אַמאָל צולייגן דעם אויער צו דער ברוסט פון אַן אומבאַקאַנטן כוילע, וואס מע האט גע־בראַכט אין קליניק פאַר די סטודענטן,— פלעג ער אַזוי צולייגן דעם אויער און הערן, פונוואנען ס׳טראגט זיך דער רויש.

ער האט עפּשער געפילט באַ יעדער טומל, באַ יעדער געריוש פון דער שווערער שטיינערנער שיף, וואס הייסט „ארלאוועער צענטראַלקע",— אַז דארטן שרייט דאס בלוט פון מאָטלס אפגעריסענער האנט, אז דארטן וואָיען הונדערטער, צענדליקער הונדערטער פאַרקאָוועטע הענט, אז דארטן ברעכן זיך שויבן פון סאניעס אַקשאנעסדיק־הונגעריקע ציין; אַז דאס איז פרייד, וואניזינקע פרייד, וואס אַרעסטאַנטן ש׳אגן אויס מיט פויסטן און מיט הערצער. ער האט דאס געפילט דורך די גראָבע שטיינערנע ווענט, וואס פלעגן אין אזא צייט זיך צעוויינען און צעזשומען, ווי ווייטע טעלעגראַפישע סלופעס אַף די פעלדער.

דעמאלט פלעג ער אַראפּשליידערן פון זיין בעט דעם טופיאַק און די קאלדרע. זיי געוואָרפן פון איין אָרט צום אַנדערן, און ער אַליין צווישן זיי, ווי אַ פאַרשפּאַרטער ווינט,— אַרומלויפן הין און צוריק און זיך צע־נויפגעגאָסן מיטן גאַנצן אַרעסטאַנטישן געריוש, וואס האט געוויגט און געטרייסלט אט דעם שטיינערנעם פירגאָרנדיקן קייוועד. ער האט אַפילע ניט געפילט, ווי הינטער זיין טיר שמועסן זיך שוין דורך שלעסער מיט שליסלען, ווי סע עפנט זיך אַ קליין טירל, און ווי פונם באַדזיראַטעלס וואָנצעדיקן מויל קריכן, ווי פון גראָזן, אַרויס ווערטער. ווערטער, ווי ווערים:

— סקאַזילסיאַ! זשיד סקאַזילסיאַ!

אַזוי האט זיך געצויגן די צייט.

מאָטל האָט געקלעפּט מיט זיין איינציקער האַנט שאַכמאַטענע כאַיאָלעס פון זיינע פּאָרציעס ברויט, וואָס ער האט באַקומען. און מיט דידאָזיקע שאַכמאַטענע כאַיאָלעס פון פאַרדאַרטן ברויט האט ער געמאַכט מאַניעוו־רעס גאַנצע טעג און נעכט.

אָט דער איינהאַנטיקער קאָמאַנדיר באַדאַרף נאָר איין וועג עפענען, איין וועג. און יענער גאַנג וועט מעלדן דעם נאַדזיראַטעל פון אָרלאָווער צענטראַלקע:

— שאַך!

און נאָכאַמאָל:

— שאַך!

און:

— מאַט!

מאָטל איז שוין אַליין געלעגן אַף דער פּאָדלאָגע, ווי אַן איינגעשרומפּן שטיקל ברויט פונם פאַרדאַרטן שאַכמאַטענעם כאַיעל. ער איז געלעגן ווי אַ ראַזוועדטשיק. זיין ליידיקער אַרבל האט זיך אַראָפּגעהאַנגען אַראָפּ, ווי א שוואַרצע פאָן אין טרויער.

מאָטלס פאָן אין אָרלאָווער צענטראַלקע איז געהאַנגען אַראָפּ, געבויגן אין טרויער.

איז ער זיך געלעגן, מאָטל, אַף דער פּאָדלאָגע, צווישן זיינע געטרייע כאַיאָלעס און געקוקט מיט די אַקשאָנעסדיקע ציין מיט זיינע, ווי ס׳קוקט א כאַיע מיט אַן אָפן מויל, ווען זי פילט, אַז באַלד דאַרף זי מאַכן דעם לעצטן שפרונג.

ער האָט געקוקט און געזעען:

— פון ערגעץ, פון רויטע, פון ברענענדיקע ווייטן שוועבט זיין אָפּגע־ריסענע האַנט. זי שוועבט אַהער צו דער אָרלאָווער צענטראַלקע, זיין פאַרבלוטיקטע טעראָריסטישע האַנט מיט טרויעריק־אויסגעריסענע פינגער, און ווייזט אים, וואָס פאַר אַ גאַנג ער זאָל מאַכן אַף זיין שאַכמאַט־ברעט, אַף דער פאַרטרערטער פּאָדלאָגע פון אָרלאָווער צענטראַלקע. זי קייטלט זיך אַליין אָן צו זיין אַקסל און טאַפּט און גלעט די שטיקלעך פאַרדאַרט אַרעסטאַנטיש ברויט... ניין, די אָפּגעריסענע האַנט זיינע האַלט אין די אויסגעבויגענע פינגער דינאַמיט. אָט וועט באַלד זיין אַן אופרייס מיט דינאַמיט. מיט סרייפעס. מיט זיין אָפּגעריסענער האַנט. מיט צען יאָר צענטראַלקע. מיט טויזנטער, טויזנטער געקאָוועטע הענט. מיט ווינטן און מיט שטורעמס. אַן אופרייס פון זיין אָפּגעריסענער האַנט צו גאַנץ רוסלאַנד, צו דער גאַנצער וועלט:

— מאַט!

— נאָך איין גאַנג! נאָך איין גאַנג! דער לעצטער!

איז ער זיך געזעסן אף דער פּאָדלאָגע, דער איינהאַנטיקער קאָמאַנדיר, צווישן זיין שאַכמאַטענעם כאַיעל פון אַרעסטאַנטישן ברויט, באַ דער קופּערנער פּעס־ונג פונם שפּיי־קעסטל,— געזעסן און געקלאַפּט אין דער טיר.

אָבער די טיר האָט געעפנט ניט זיין אָפּגעריסענע האַנט, וואָס האָט געשוועבט צו אים פון רויטע פאַרבלוטיקטע ווייטן. די טיר האָט געעפנט דער נאַדזיראַטעל מיט די צוויי געלע גלייכע וואָנצעס, גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטן אין מויל עטלעכע אָפּגעוועלקטע ריטער:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בונט?

מאָטל האָט זיך ניט אופגעהויבן. ער האָט אָנגעשטרענגטערהייט געקוקט אַף זיין שאַך־פּלאַץ און האַלטנדיק א פיגורל אין דער האַנט, געמאַכט דעם לעצטן גאַנג און גערעדט צו זיך אליין:

— הייסט עס, אַזוי. אזוי!

און האָט אַריבערגעוואָרפן איבער דעם נאַדזיראַטעלס קאָפּ א קליין פיגורל.

ס'האָט זיך דערהערט א ריטש פון נאַדזיראַטעל:

— וואָס טוט זיך דאָ? בונט! קראַמאָלע!

נאָר מאָטל האָט זיך ניט געמאַכט וויסנדיק און אים רואיק געמאָלדן:

— דו, נאַדזיראַטעל, ביסט געשלאָגן! איצטער גיב מיר, נאַדזיראַטעל, צוריק אָפּ מיין פעדער! מיין האַנט! גוב אָפּ, נאַדזיראַטעל!

— פעל הינטישע!— האָט אַ קריך געטאָן מיט א געלעכטערל דער נאַדזיראַטעל— פעל! טינט דיר געבן? וועסט בעמיילע פאַרפוילט ווערן אָט דאָ אַפן פּאָל! מע וועט דיך וסיאָ ראַוונאָ אופהענגען, ווי א העמד אין קלאָזעט! טינט דאַרף ער! פענעס! קאַנצעריאַליעס! וואס נאָך?

מאָטל האָט לאַנג ניט געטראַכט. ער האָט זיך א דריי געטאָן פון איין זייט אף דער אַנדערער. נאָך אים — דער ליידיקער אַרבל, די אַראָפּגעבויגענע פּאָן זיינע. ער האָט פון צווישן זיין שאַך געכאַפּט דאָס קופּערנע שפּיי־קעסטל און עס א שליידער געטאָן דעם נאַדזיראַטעל אין מויל אריין:

— נאַ! נאַ דיר, כאַזערדיקער גאָרגל! גאַוונאָ! נאַ! נאַ! נאַ!

מאָטל האט אופגעהויבן זיין איינציקע האַנט:

— מיט אָט דער איינציקער האַנט וועל איך דיר נאָך א פּעטליע אָנטאָן אף דיין פּאַסקודנער רילע! נאַ!

דאָס קופּערנע שפּיי־קעסטל האט זיך אומגעקערט אין מאָטלס אַרמיי מיט צוויי זשאַנדאַרמישע ציינער. און נאָכדעם האט זיך א וואָרף געטאָן דער נאַדזיראַטעל נאָך זיי אף מאָטלען און אים גענומען וואַרגן און שרייען איבער דער גאַנצער קאַמערע.

ס׳זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַרעסטאַנטן. מאָטלס פּאָנעם איז געווען אויסגעשמירט אין בלוט. מ׳האט זיך אלע ארופגעוואָלגערט איינער אַפן אַנדערן און אַלע איניינעם — אַפן נאַדזיראַטעל. און פונם נאַדזיראַטעלס צעבלוטיקט מויל האט געשפּרונגען אין דער גאַנצער צונויפגעקנאָטענער אַרעסטאַנטישער מאַסע:

— בונט! בונט! קראַמאָלע! בונט!

אַרעסטאַנטן האבן אים געקנאָטן מיט די אַלטע פּאַרדאַרטע שטיוולעטן און מאָטל האט אים געשפּיגן אין פּאָנעם אַריין, שרייענדיק:

— ביסט געשלאָגן, נאַדזיראַטעל! ג׳שלאָגן! געשפּילט איז געשפּילט!

— מאַט!

און בא די אַרעסטאַנטקעס איז געווען אַ געקוויטשעריי. זיי זיינען געלאָפן איבער די קאַמערעס, ווי מעשוגאָאים. די גאַנצע צענטראַלקע האט זיך געוויגט און געהוידעט. און דער פּערטער עטאַזש איז אַפן ערשטן, און דער ערשטער — אַפן פּערטן, — אַלע אויסגעמישט אין איין ווילדן געוואָי:

— בונט! קראַמאָלע! מאַ־אַ־אַט!

און ווייט, הינטער די ווענט פון אָרלאָווער צענטראלקע, האט דאס לאַנד שוין אָנגעהויבן אויסברעכן צוריק דאָס בלוט פון געשאָכטענע סאָלדאטן. דאס לאַנד האט אָנגעהויבן אויסברעכן צוריק דאס בלוט, מיט די שוואוּעס, מיט די „קאָל סלאַווענס". און מיילּיקע אָקאָפּעס, אָנגעזויפּטע מיט סאלדאַטישעביינער און דורכגעפוילטע איניינעם מיט סאָלדאטישן לייב. האבן אָנגעהויבן אויסשפּייען צוריק די אַרמייען מיט די ווינטאָווקעס און זיי א טרייב געטאָן צו די שטעט.

ווי אַ צעווילדעוועטער היישעריק פון שלאַכט־פעלדער זיינען זיי גע־גאַנגען צוריק און געטראָגן אַף די באַגנעטן מאַגייפע און פייער און נעקאָמע.

הונדערטער טויזנטער ברידערלעכע קוואָרים, צעגראָבענע אַף העפ־קערע פעלדער און סטעפעס האָבן זיך אַ רודער געטאָן, זיך צעעפנט און אַ וואָיע געטאָן איבערן לאַנד מיט בלאָטע און מיט בלוט.

אַף די גאַסן פון שטעט זיינען אַרומגעגאַנגען קאַליקעס צעמאָרדע־וועטע, מיט הילצערנע פיס און איבערגעקרימטע געזיכטן. מיט מע־שענע מעדאַלן האָבן זיי פאַרשטאָפּט די דורכגעשאָסענע לעכער פון ברוסטן.

מ׳איז געגאַנגען. גרויע נעפּלען פון שינעלן, פון בלאָטע און פון לייז האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן לאַנד. פון שטאָט צו שטאָט, פון שטאַב צו שטאַב. אַף דעכער פון וואַגאָנעס. מ׳איז געגאַנגען — אַן אופגעריסענע פאַרוואונדעטע שטראָף מיט אָפּגעביסענע הענט און אריינגעשרויפּטע באַגנעטן.

אַ וואונדערלעכער וואונדפליישיקער שקוואַל — זיינען זיי געגאַנגען הונגעריקע, אָפּגענאַרטע מיט דער סטאַוועקע אין די אופגעלאָפענע אויגן — צו פעטערבורג, צום ווייסן ווינטער־פּאַלאַץ, זיך אריינגעריזשען אינם ווייסן האַלז פונם צוויי־קעפּיקן אָדלער און מיט באַגנעטן מעלדן דעם אַלערהעכסטן נאַדזיראַטעל פונם לאַנד:

— שאַך!

און:

— מאַט!

און:

— טויט!

נאָכדעם איז שוין געווען אַן ערעוו־פרילינגדיקער טאָג. ס׳האָבן גע־טאָיעט שנייען. ס׳האָט זיך געבראָכן דאָס אייז. ס׳האָבן זיך געבראָכן יאָרן, ווי שוואַרצע פרעסט, אין אַרעסטאַנטישע הערצער. ס׳האָבן געטאָ־יעט שטיינערנע ווענט פון אָרלאָווער צענטראַלקע און ס׳האָבן זיך אופ־געהויבן אַליין פון דער פּאָדלאָגע אויסגעטריקנטע פאַרפייניקטע פּיעשקעס פון פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט, פון צעהונגערטע אַרעסטאַנטישע טעג און וואָכן און זיינען אַרויס מיט אַ פרילינגדיקן געקלאַנג פון צעפּענטעטע

טייכן, א ווילדער הילכיקער געקלאַנג פון צעפּענטעטע קייטן, א ווינטיקע מעלדונג צו גאַנץ רוס/אַנד, צו דער גאַנצער וועלט:

— שאַך און

— מאַט!

א ווינטיקע מעלדונג.

און איינעם מיט ערעוו־פרילינגדיקן טאָג, מיט ערעוו־פרילינגדיקן ווינט, מיט ערעוו־פרילינגדיקער פרייהייט, האבן מיטן לעצטן דעך פון ארלאָוער צענטראַלקע זיך ארויסגעלאָזט — סאָניע בראָן, מאָטל בארג, עזרע מאָרגנשטערן.

זיי זיינען ארויס, ווי אַן אָנגעלאָדענער מאַניפעסט — אף צינדן, אף ברענען און אף פאַרברענט ווערן.

זיי האבן זיך געטראָגן, ווי ווינטן איבער די ברייטן און לענגען פון אופגעוועקטע רוסישע סטעפּעס. זיי האבן זיך געטראָגן מיט די ערשטע טראָפּנס פון דעם גרויסן מאַבל, וואָס האט אָנגעטרונקען און פאַרטרונקען די רוסישע ערד, און יעדער טריט זייערער האט געמאָלדן טראָטנדיק:

— מאַט!

XVI

„— הע‌י, הע‌י, דאָלאָ‌י פּאָליצ‌י‌י
דאָלאָ‌י סאַמאָדיערזשאַוויעץ איוו ראָסיעי!‟

מיט אָט דעם לידל, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן פון אַמאָליקע יאָרן, ווען מאָטל באַרג און בערעלע קאַטאַרזשאַן האָבן געשאָסן אַפּן קלויסטער און ווען מע האָט געזעצט שויבן בא שטאָט-באַלעבאַטים און ווען עזרע מענדלס איז געגאַנגען מיט דער פאָן,—מיט אָט דעם לידעלע האָט מאָטל באַלעגאָלע צוגעשטעלט א בענקל צו איינער פון זיינע פיר ווענט און גענומען אַף איר קלעטערן.

— מאָטל, וואָס קלעטערסטו אַף די ווענט?

— האַ?

— זע נאָר, כ'בעט דיך, א איד זוכט זיך דיר אָפּ אינמיטן טאָג אַן אַרבעט. קלעטערן אַף די גלייכע ווענט,— האָט זיך שוין אופגעהויבן פון אָרט מאָטל באַלעגאָלעס וויב, צוהאַלטן דאָס בענקל, אַף וועלכן מאָטל איז געשטאַנען און עפּעס געריסן פון דער וואַנט.

אַף דער וואַנט פון מאָטלס אַלקער האָבן שוין פון קאַמע שאָנים געוואוינט די פּאָרטרעטן פון דעם קייסער ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש און זיין פאָטער אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש.

זיי האָבן זיך פאַרגינען פאַרנעמען דריי פערטל פון דער באַלעגאָלישער וואַנט אין מאָטלס אַלקער, מיט זייער קעניגלעכער מאַכט און מיט זייער אימפּעראַטאָרישער גרויסקייט.

געלע גלאַנציקע, בוימלפאַרביקע פּאָרטרעטן מיט העל-בלויע האָריזאָנטן, ווייכע גלאַנציקע פּענעמער, ווי כאַלעס אָפּגעשמירטע מיט געלכלעך פון אייער — האָבן פאַרשמייכלט מאָטעלע באַלעגאָלעס אָרעמען אַלקער.

מאָטעלעס ווײַב האָט זיי קײנמאָל ניט אויסגעווישט. האָבן פליגן אַף זיי רואיק געווינטערט — פֿון יאָר צו יאָר. פֿאַרדאַרטע פליגן, איינגעקאָר־טשעטע, ווי פֿון פּאָפּלעקציעס.

איצט איז ערעוו פּייסעך. אַ פרישער ווינט לויפט אַרום איבער די גאַסן און גלעט די קליינע ליימענע שטיבלעך. די גרויסע בלאָטעס זיינען שוין אָפּגעבאַקן און פֿאַרטריקנט. טירן שטייען אַ גאַנצן טאָג אָפֿן און דורך זיי זעט מען, ווי מע וואַשט און מע שקראַבעט און מע גרייט זיך אַריינעמען דעם פּייסעך. אַף דער שול הענגט נאָך די פֿאָן פֿון דער ערשטער מאַניפעסטאַציע. מ׳האָט זי נאָך ניט אַראָפּגענומען. און אידן ווערטלען זיך:

— ס׳וואָלט געווען אַ יוישער, מע זאָל אים אַריינעמען אין צעטל פֿון „מאָעסכיטן״!

— וועמען?

— וועמען?

— אים! ניקאָלקען!

— פֿאַרוואָס קומט עס אים אַזוינס?

— ס׳הייסט פֿאַרוואָס? קאַרג טויוועס האָט ער געטאָן אידן? האַ? און איצטער, אַז די פּאָלאָזשעניע איז בײַ אים ניט אַזוי אַי־אַי־אַי, מעגן אידן עפּעס פֿאַרזען אַף אים! נישקאָשעו!

— אויב אַזוי, וועט אים קומען געבן שמירע. טאַקע ווי אַ גרויסן צאַדעק.

און מאָטל באַלעגאַלע האָט געקלעטערט אַף דער וואַנט און זיך דאָ־ביוועט צו די קייסערלעכע פּאָרטרעטן, וואָס האָבן אפּגעוואוינט בײַ אים אין אַלקער אַ שיין שטיקעלע צייט.

אָט הענגט ער שוין אַף דער וואַנט אַליין, צוגעקלעפּט, ווי אַ לעבע־דיקער קעניגלעכער פּאָרטרעט און זיין ווײַב האַלט אים צו דאָס בענקל, ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן. זי כאַפּט אים אַלע ווײַלע אָן פֿאַרן פּלודער און טאָרעט אים:

— זאָג מיר, כ׳בעט דיך, וואָס ווילסטו טאָן, מאָטל!

— וואָסי? זעסט דען ניט? האַ?

— עפשער ווילסטו זיי שוין אַראָפּנעמען?

— יאָ!

— וועמען?

— לעקעשן!

און מאָטל איז געשטאַנען אפן בענקל מיט אַן אַפּצוועגנגע און מיט אַ האַמער און גערעדט צו די פּאָרטרעטן:

— איך בעט איבער דיין קאָוועד און דיין טאַטנס קאָוועד און מיין ווייבס קאָוועד, איר זאָלט מיר אַלע ניט קיין פּאַריבל האָבן אף מאָטעלע באַלעגאָלע.

און גלייך, ווי נאָר מאָטעלע האָט אפּגעזאָגט די בראָכע, איז שוין ני־קאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש געלעגן באַ אים אונטער דער פּאַכווע און ער האָט אים הינטן־אַרומער געטיטשעט זיין ווייב:

— נאַ, האַלט אים, סאָסי, און קוועטש אים ניט!

און אַז מאָטעלע האָט אַראָפּגעריסן דעם צווייטן פּאָרטרעט מיט דראָט און מיט אַ שטיק וואַפּנע פון דער וואַנט און אַנגעשיט זיין ווייב, סאָסין, פולע אויגן מיט ליים און מיט שטויב, האָט ער אַראָפּגעטאַנצט פונעם בענקל און זיך אַנגערופן:

— נו, סאָסי, איצטער קאָנסטו זיי זיך ביידע נעמען אין קיך! אויב דו ווילסט, — איז מיטן שענסטן קאָוועד! האַיידאַ! אַניט, איז אין שטאַל אַריין. צו די פערד. באַ מאָטלען זיינען זיי אויס מעיוכאָסים!

די דערשראָקענע סאָסי איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטע מיט ביידע קיסריעם פאָרוטשו און ניט אַנגעהויבן צו וויסן וואָס צו טאָן און ווי אַזוי זיך צו רירן. און מאָטל האָט געבלאָזן אף זיינע פאַרשטויבטע הענט; ער האָט זיי גוט אַרומגעבלאָזן פון די צוויי שכיינים, וואָס ער האָט נאַרוואָס מיט זיי אַרויסגעוואָרפן, און גענומען שפּאַצירן הין און צו־ריק איבערן אַלקער, אונטערברומדזשענדיק מיט דער נאָז:

עי, עי, דאָלוי פּאָליציי,
דאָלוי סאַמאָדערזשאַוויע איוו ראַסיעי!

ער האָט מאַמזעריש אונטערגעווינקען צו זיין ווייב און, דרייענדיק זיך איבערן צימער, זי אַלע ווײַלע פאַרטשעפּעט:

— נו? וואָס האָסטו זיך אַדינערגעסעקט? האַ? ווייניק דיר צוויי קיס־ריעם? האַ? ווייניק? זאָרג זיך ניט! ס'עט זיין, זאָג איך דיר, סאָסי, נאָך! ס'עט זיין, ס'עט זיין! האַ? דו, בעהיימע נאַרישע! וואָס שוויַיגסטו? מאָטל ווערט איצטער דער גלאַוונער! גרעסער פונעם גובערנאַטער

אין ראסיעי! ס'איז דאך עפעס סלאָבאָדע, פערדאַטש! און דו — גארניט! זיצט. זיצט. וואָס זיצטו?

— לאז זיך צו דיר צוטשעפען די העמד! גובערנאַטער! וואָס נאך? בעסער וואָלסטו געפאָרן צו דער באַן! טאָמער וואָלט אַריינגעפאַלן אַ פאָר גראָשן אַף פייסעך. האט ער זיך צעזינגען. א גערולע אַף אים:

— פאליציי, זאַראסיעי און דאלעי!

— פאָטשאָטנע באַלעבאָס! מאָטעלע גובערנאַטער!

מאטל האט זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן אלקער, פאַרלייגט די הענט אַף דער ברוסט אַף זיינע און מיט אַן אויסדרוק פון גרויס ביטל און פאַר־אַכטונג צו זיין שטוב, האט ער אַ שפיי געטאָן און איז אַרויס אין גאַס.

אין שטעטל האבן זיך אַרומגעדרייט פאַרשיידענע פאַרשוינען. פרעמדע, אָנגעקומענע. אינסטרוקטערס, אָרגאַניזאַטערס. און אָראַטערס.

בערעלע קאַטאָרזשאַן האט זיי געפירט און מיט זיי גערעדט און זיך געפילט זייער וויכטיק. ער איז די גאַנצע צייט שוין געגאנגען מיט אַ רויטן באַנד צוגעטשעפעט צום לאַץ און האט זיך זייער געשעפטלעך גע־שאפט מיט מאטעלע באלעגאלע:

— מאטל, קענסט שוין די נייע לידער?

— מאטל, האַלט גרייט די פערד! מירן היינט דאַרפן פארן אין קרייז, מאָטל! מאטל, פון דער באַן איז היינט קיינער ניט געקומען? האַ? ס'האָט היינט עמעצער געדאַרפט קומען פון דער באַן. יאָ, מאטל, סט־אַריינגיין. כ'האב באקומען נייע אינסטרוקציעס. און מע דאַרף אויסלערנען נייע צוויי לידער. צו דער מאַניפעסטאַציע. נאַ זיי דיר. זאלסט זיי אויס־לערנען, מאָטל, מיט דער כעוורע, נאַ!

אין גאַס האט זיך אַרומגעדרייט פעטראָ דער סטראַזשניק אין זיין שמויסענעם יאָלעם און אָן דער שאַשקע. ער האט זיך געשנאָרט צווישן די קלייטן און גארניט גערעדט. פעטראָ דער סטראַזשניק האט געקאנט רעדן אידיש, און אז מאָטל איז צוגעגאנגען, האט פעטראָ באַ אים, אביסל דערשלאָגן און יאָרדיש, אַ פרעג געטאָן:

— נו, מאָטיאַ, סט'בייטן דעם דרעיש? אַ גוטער דרעיש...

מאַטל האָט אויף אים אַ שמייכלדיקן קוק געטאָן, אַזאַ קוק, וואָס באַטייט אי רחמנות, אי נקמה, אי שטאָלצע צוריקגעהאַלטנקייט און אים מעאישעוודיק געענטפערט:

— יאָ, פּעטראָ! אַ גוטער דערעש, פּעטראָ, יאָ...

מאָטעלע האָט אים היינט פונדאסניי אָפּגעמאסטן מיט די באַלעגאָלישע אויגן מיט זיינע, פונקט ווי ער האָט אים שוין זייער אַ לאַנגע צייט ניט געזען און אים אזוי רואיק אַ נעם געטאָן אויף דער בייטש:

— יאָ, פּעטרא, אַ גוטער דערעש... און ווען גייסטו, פּעטראָ, פאַר אַ סאָלדאט? האַ, פּעטראָ, אַ גוטער דערעש! איצטער, ברודערקע, דאַרפסטו גיין פאַר אַ סאָלדאַט, פּעטראָ! יאָ, דער דערעש איז אייזן!.. ס'איז דאַ אַ פּריקאַז, פּעטראָ, אַז אַלע דאַרמאָיעדניקעס און סטראַזשניקעס דאַרפן גיין פאַר סאָלדאַטן. האָסט אים שוין געלייענט, דעם פּריקאַז, פּעטראָ? האַ?

פּעטרא דער סטראַזשניק האָט רעציכעדיק געשוויגן.

און מאטעלע באַלעגאָלע האָט אים געטרייסט:

— וואָס אַרט דיך, פּעטראָ? שיסן קאַנסטו. פיר יאָר ביסטו געפּאָפּן אינדר'היים. סט'גיין דינען! וואָסי? מ'עט דיר געבן אַ דערעש. אַ גוטן דערעש! סט'גיין אין קאַוואַליעריע, פּעטרא, אין קאַוואַליעריע...

— קענסט עפּעס לידער? האַ, פּעטראָ...

פּעטראָ דער סטראַזשניק קראַצט זיך אין פּאָטילניצע און שיסט אויס:

— און דו, מאָטיע, האָסט אַ קילע? האַ?

פּעטראָ האָט זיך גלייך אויסגעדרייט צו מאָטעלע באַלעגאָלע מיטן רוקן, דערלאַנגט אַ רעציכעדיקן שפּיי און איז אַוועק.

פּעטראָ דעם סטראַזשניק איז געווען אומעטיק צו זיצן אינדר'היים באַ זיך. ער איז געווען געוואוינט זיך ארומדרייען איבער די גאַסן, ווי דער באַלעבאָס פון שטאָט, אריינשטעקן די וואָנצעס ווי נאָר אַ טיר און ווי נאָר אַ פענצטער פון אַ שטוב, צי פון אַ קלייט. אַלציינס. סטאַם אַזוי. אַ קוק טאָן. הייסן אָפּרייניקן דאָס מיסט פון אַרום די הייזער. און זיך גלאַט שפּילן מיט דער שאַשקע.

אַזוי זי אַרויסנעמען און מיט אַ פעסטן זעץ זי צוריק אַריינזעצן אין שייד.

איצטער פילט ער זיך דאָ, ווי אַ טכויר, וואָס האָט פאַרלוירן זיין „קויעד־אַווער“, און זשידקעס רייצן זיך מיט אים.

אָבער פֿאַר אַ סאָלדאַט גלוסט זיך אים דאָך ניט גיין. דרייט ער זיך אַרום פֿון זיין דאָרף אין שטאָט און זוכט פֿון געפֿייגערטע פֿערד פּאָדקאָוועס.

ער כאַפּט זיך ענדלעך אַריין דורך דער טיר אין אַ אידישן שענק און בלייבט זיצן אין קיך. ער ווייסט, אַז ס'קומט אים עפּעס אַרויס פֿון דעם שענק. ער וואָלט דאָך דאָ געווען געקאָנט מאַכן אַ גאַנצן מאַיאָנטיק. ס'איז דאָך געלעגן באַ אים אין די הענט. ער האָט דאָ פֿאַרשפּילט.

פֿאַ־אַ־אַרשפּילט!..

איצטער זיצט ער דאָ, ווי אַ געוועזענער שוטעף פֿונם דאָזיקן שענק. אַן אָרעמאַן.

די שינקאַרעכע טראָגט אים צו אַ שטיקל אָפּגעקאָכטן אַרבעס:

— עסט, פּעטראָ, עסט. נישקאָשע. עסט. גוטער אַרבעס. פֿרישער.

און באַלד נעמט זי שוין אַרויס פֿון הינטער דער פּאָלע אַ קעלישיקל און טראָגט עס אים אונטער:

— האַלט, פּעטראָ, האַלט. כ'וועל אָנגיסן. זע נאָר, ביסט עפּעס געוואָרן נידעריקער, פּעטראָ!

פּעטראָ נעמט דאָס קעלישיקל צווישן די גראָבע פֿינגער זיינע, פֿונם מיטלסטן פֿינגער בלייבט אַראָפּ אַ צינענער סיגנעט, די האַנט ציטערט אים אַביסל. פֿאַר בושע. ער קוקט אַראָפּ. ס'שוויצט אים דער שטערן. ער וואָלט אים אָפּגעווישט, קאָן ער ניט, די הענט זיינען באַ אים פֿאַרנומען מיט דער שינקאַרעכעס גאַסטפֿריינטלעכקייט: אין איין האַנט אַ שטיק אַרבעס, אין דער אַנדערער — דאָס קעלישיקל. ערגעץ שטייען אין גאָרגל טרערן. טרערן פֿון פֿאַרשפּילטע גוטע יאָרן. יאָרן פֿון געדולע, קאָוועד און פֿון גרויסע קופּעלעס ביר. אָט שטייען זיי דאָרטן אויסגעשטעלט, די יאָרן, ווי גרויסע אָנגעפֿילטע קופּעלעס ביר, וואָס גייען איבער מיט פּינע. און ער, פּעטראָ דער סטראַזשניק, קאָן זיך צו זיי ניט צורירן. שטייען פֿאַר אים די זונטיקס, די פֿריילעכע בראָנפֿנדיקע זונטיקס, ווען יעדער גוי האָט אים געשלעפּט צו זיך אין קאַמפּאַניע און אים געבעטן מיט דערעכערעץ און מיט קאָוועד און מיט אויסגעשטרעקטע טשאַרקעס:

— זאַ זדאָראָוויעטשקאָ, פּעטראָ! זאַ זדאָראָוויעטשקאָ!

ס'שטייט אים אַלץ פֿאַר די אויגן און וואַרגט אים:

— ביסט עפּעס נידעריקער געוואָרן, פּעטראָ!

— נידעריקער...

שוין עטלעכע כאדאשים זינט ער באַהאַלט זיך אויס און וויל ניט גיין דינען.

נאָר אַהער אין שענק קומט ער אריין פאר אַלטע טויוועס און כעסעד, וואָס ער האט דא געטאן.

ס'גיסט זיך אים דער בראָנפן אף די פינגער פונם ציטערדיקן קעליִשיקל, און ער שעמט זיך עס צוטראָגן צום מויל. נאָר ער שטאַרקט זיך און גיט אזאַ הייזעריקן זאָג צו דער שינקאַרעכע:

— ביסט א גוטע אידישקע, פערליאַ... אַ גוטע אידישקע. גאט זאל דיר העלפן.

נאָר די שינקאַרעכע לאזט זיך ניט מאַכן קיין קאָמפלימענטן, און גלעט אים פארן אַרבל:

— טרינק, נו טרינק, פעטראָ, נישקאָשע.

זי דרייט אָפ דעם קאָפ אָן אַ זייט און גיט אים מיטאַמאָל א פרעג פון הינטן - אַרומער:

— פאַרדינסט עפעס, פעטראָ, האַ?

— קנאַפ, פערליאַ, קנאַפ, — ענטפערט דער געוועזענער סטראַזשניק פעטראָ מיט אַ פאָר דערוואַרעמטע אויגן. דערוואַרעמטע פון דעם ביסל בראָנפן און פון די גוטע רייד, מיט וועלכע די שינקאַרעכע שטאַרקט אים.

דעם פאַרהאַרטעוועטן אַרבעס בייסט פעטראָ דער סטראזשניק מיט די ליפן. ער טוליעט אים, דאכט זיך, בלויז צו צו די וואָנצעס און קלויבט די ברעקלעך, וואס שיטן זיך צו אים אַראפ אף די הויזן. נאכדעם, ווען ער עסט אפ, הויבט ער אָן אונטערהוסטן, פונקט ווי דער ארבעס וואלט אים געבליבן שטיין אין האלז. ער זוכט עפעס ארום זיך. ער פארשאַרט דעם שטויב פון אונטער זיינע פיס מיט די אייגענע פאדעשוועס און ענדלעך הוסט ער אזוי אַרויס צו דער שינקאַרעכע:

— פערליאַ! גיב מיר, פערליאַ, דעם זאסטעפ, וועל איך דיר אויסריי־ניקן די הויז... גיב... אַניט גיב די האַק, וועל איך דיר אָנהאקן אַביסל האָלץ. גלאַט אזוי, פערליאַ. גיב, שינקאַרעכע, גיב. איך האב ליב דיין שטוב...

נאָר פערל די שינקאַרעכע לויפט צו צום פענצטער מיט א געשריי:

— מע שפילט שוין ווידעראַמאל. אלע מאל שפילט מען. אלע מיט־וואָך און דאנערשטיק.

— אַ שפּילעניש אף זיי!
איבערן גאַס גייען אַרבעטער און אַרבעטאָרנס און סטאַם נייגעריקער אוילעם. מע גייט מיט די קלעזמער און מע שפּילט. פון סאַמע פאָרנט גייט בערעלע קאַטארזשאַן מיטן רויטן באַנד אפן פּידזשאַק, די היטל אנגערוקט אף אן אויער און ער פירט אָן מיט דער מאַסע. פונהינטן לויפט נאָך זייער באַשעפּטיקט מאָטעלע באַלעגאַלע און טיילט בלעטלעך צו די אלע גייערס און בעט זיך באַ זיי מיט גוטנס און מיט בייזנס:
— כאַוויירים! איך בעט אייך, גייט ניט ארויס פון די רייען. גייט געשלאָסן. קוקט אינעווייניק און זינגט מיט די ווערטער. זינגט!
ס'קוויטשען עטלעכע מיידלעך פון שטיקלעך פּאַפּיר אַרויס און אלע ווילע פּארפּלאָנטערן זיי זיך מיט די פּיס און מיט די צונגען. זיי קאָנען זיך ניט האַלטן אלע איניינעם. די מענער־מאַניפעסטאַנטן זינגען הויך און יאָגן, און די פרויען קאָנען ניט דעריאָגן. צערוקן זיי זיך.
בערעלע קאַטאָרזשאַן דרייט אַלע ווילע אויס דעם קאָפּ מיט אזאַ פאַרוואורפלעכן בליק אף דער מאַסע און אף מאָטלען, וואָס קוקט ניט, אַז ס'זאָל זיין אָרדענונג אין די רייען. נאָר ער גייט ווייטער מיט שטאָלץ און מיט וויכטיקייט פאָרויס.
— צום שול! צום שול! — שרייט אויס מאָטל. — דאָרט זיינען שוין די רעדנערס. דאָרטן וועט מען רעדן! האַלט זיך אין די רייען!
די מאַניפעסטאַציע גייט צו ביזן סאָף שטעטל און קערט זיך אום צוריק, צו דער ריכטונג פון שול.
ווען מע גייט פאַרביי מענדלס שטוב, און עזרעס טאַטע דערזעט דעם אָנפירער דורכן פענצטער, גיט ער אַ בורטשע צו זיין ווייב:
— זעסט? אַלץ דער קאַטאָרזשאַן!
סע גיט אים עפּעס אַ זעץ אין האַרצן. ס'ווערט אים מיטאמאָל הייס. און ער הויבט אָן נערוועז צוווישן מיטן אַרבל די שויב. כאָטש זי איז גוט אויסגעווישט.
— זעסט? דער באַלעגאָלע אויך אינדערמיט. אַף אַלע כאַסענעס טאַנצט ער.
ער קוקט, דער אָרעמער מענדל, ער קוקט, ביז ער גיט אַליין אַ לויף ארויס.
— כ'ל באַלד אריינגיין, פראַדל. כ'גיי עפּעס געוואוירע ווערן.

— גראַדע איצט איז אים אָנגעקומען, — בייזערט זיך פראַדל. — טאָמער וואָס, כ'ווייס וואָס? קום אהער, מענדל, גיי בעסער ניט.

נאָר מענדל איז שוין אַפן גאַס. ער וואָלט צוגעגאַנגען. עפּעס זיך דערפרעגן. עפּשער ווייכן זיי, די מענטשן, עפּעס. נאָר מאָטעלע לויפט אונטער צו מענדלען:

— אין געשלאָסענע רייען, כאַווער מענדל! אין געשלאָסענע רייען, רעב מענדל! ס'איז איצט אַן אַנדער וועלט, רעב מענדל, האָ? מיט פּאָנען, רעב מענדל!

מענדל דרייט אויס דעם קאָפּ פאַר בושע. שטאָט זאָל ניט מיינען, אַז ער גייט מיט זיי, מיט די באָסיאַקעס.

— בערעלע... בערעלע קאַטאָרזשאַן, — ציטערט מענדלס מויל, — קאַטאָרזשאַן...

— קאַטאָרזשאַנעס, באַלעגאָלעס...

מאָטעלע באַלעגאָלע איז די לעצטע כאַדאָשים שוין ווייניק געפאָרן צו דער באַן. סאַידן מ'האָט געדאַרפט אַראָפּברענגען אַ רעדנער, דעמאָלט האָט ער איינגעשפּאַנט און איז געפאָרן מיט בערעלען אינאיינעם. אָפּ־וואַרטן.

זיינע פערד האָבן אַזוי לאַנג שטודירט באַ אים אין שאָפּע, ביז זיי האָבן אנגעהויבן ערלעך צו דינען דער רעוואָלוציע.

און מאָטל האָט שוין שטענדיק געהאַט באַ זיך אַן עמער מיט קלייסטער און אַלע מוידאָעס פלעג ער אַליין גיין פאַנאַנדערקלעפּן. ער האָט די אַרבעט געטאָן מיט גרויס אירעס־האַקאָווער. און אַז ס'פלעגן אים אַרומרינגלען אינגלעך, האָט ער איינעם גלייך אָפּגעשמירט דאָס פּאָנעם מיט קלייסטער און קוקנדיק אַף דער צוגעקלעפּטער מוידאָע, גערעדט:

— קום אַהער. קום אהער נאָך אַ מאָל, אויב ס'איז דיר ווייניק. קום.

ער איז אויך געפאָרן מיט זיינע פערד נאָך ליטעראַטור אין אויעזד אַריין. נאָכדעם האָט ער זי צעטיילט צווישן די כאַוויירים און עפּעס פון דער ליטעראַטור האָט ער שוין מיט שטאָלץ געבראַכט אהיים:

— סאָסי, כ'אָ דיר געבראַכט אַ בוך!

און זיין ווייב האָט געבורטשעט:

— זע נאָר דעם ספּראַווניק! זע נאָר דעם גובערנאַטער! אַ בוך זאָל שוין פון דיר אַליין ווערן! שלעפּט זיך אַרום אַזאַ הע‌לפאַנד טאָג און

נאַכט מיט פּאַפּירלעך און מיט ביכלעך, פּונקט ווי ס'וואָלט ניט געווען מאָטעלע באַלעגאָלע, נאָר ניט אַנדערש, ווי דער קאַזיאָנע ראַבינער. מער ליגט אים ניט אין זינען. וואַרט, וועסט נאָך אָנלייגן מיטן קאָפּ!

אין אַלקער באַ מאָטלען איז עפּעס געוואָרן ליידיקער, זינט ער האָט אַראָפּגענומען די פּאָרטרעטן. צווײ פּליכעס האָבן אַראָפּגעקוקט פון אינ־מיטן דער וואַנט, ווי צוויי בלינדע פענצטער. און זיין ווייב האָט די פּאָרטרעטן נאָך געהאַלטן אונטער איר אייגענער שוך באַ זיך אין קיך. ס'איז איר געווען אַ שאָד זיי ארויסטראָגן אין שטאַל צו די פערד. ס'האַרץ האָט איר ניט געטראָגן.

און דעם אויוון האָט זי געהייצט זייער זעלטן.

— אז ער עסט גאָרנישט, עסן זאָלן אים ווערים. ער לעבט דאָך פונם אַרבל. אַזאַ געזונטער. אזא אייזערנער. אַזאַ העלפאנד.

— וואו האָסטו זיך שוין אָנגעפרעסן ערגעץ?

— אין קלוב, כאַוועריטע סאָסי!

— אין קלוב. אין גרוב! — האָט זי זיך אים נאָכגעקרימט. — אַזאַ יאָר אַף דיר, וואָס פאַראַ שיינעם פּאָנעם סע האָט. א איד זאָל ניט קומען אַהיים, אַ איד זאָל זיך ניט וואַשן צום טיש און וואָס גאָט האָט געגעבן זאָל זיין ווי באַ לייטן. נאַ דיר קלובן! און דו זיץ טאָג און נאַכט פאַר־כליאַנעט און וואַרט אַף אים. וואָס איז? — דער מאַן, דער שיינער מאַן גייט דאָרט ערגעץ ארום די כאָליערע ווייסט וואו און טראָגט ביכלעך מיט קוויטלעך. און דערפאַר גיט מען אים דאָרטן אָפּעסן, ווי אַ הונט.

זי הויבט זיך אוף און גייט צו נעענטער צו אים:

— זאָלסט זיך מיר ניט דערוועגן צוגיין צו די פערד! איך וועל נאָך אַליין אָנהויבן פאָרן צו דער באַן. איך וועל דיך נאָך אָפּטאָן א ביזאָיען פאַר דער גאַנצער שטאָט. די גאַנצע שטאָט זאָל זעען. אַליין וועל איך פאָרן צו דער באַן. נישקאָשע. אידן וועלן אף מיר ראכמאָנעס האָבן. מע וועט ראַכמאָגעס האָבן אַף אַן אָרעמער אידענע, ווי אַף אַן אַלמאָנע. נישקאָשע. מע קען דיך שוין אין שטאָט ווער דו ביסט.

מאָטל האָט אריינגעקוקט אין עפּעס אַ פּאַפּירל און פון דעמדאָזיקן פּאַפּירל איר ארויסגעענטפערט:

— דאַרף איך דאָך דיר עפּעס וועלן געבן די פערד.

— ווער? דו? דו וועסט זיך באַ מיר אַליין ניט צורירן צו זיי!

— סאָסי!

— מאָטל, זאָלסט וויסן, אַז איך האָב זיך פֿאַר דיר גאָרניט איבערגעשראָקן און סטראַשע מיך ניט! ווילסט זיך ארומגיין גאַנצענע טעג מיט די פֿאַראַדן? גיי! כ'זאָל אזוי וויסן פון דיר, צי איך וויים, וואָס דו גייסט דאָרטן און וואָס וועט פון דיינע געננ ארויסקומען! אָבער אַ מאַן זאָל אוועקגיין פון שטוב אַף אַ גאַנצן טאָג און אַף אַ האַלבער נאַכט און קומען צוגיין און ברענגען אַ ביכל? האַ? וואָס זאָל איך טאָן דערמיט? כ'זאָל עס דיר עפּשער אָפּקאָכן?

— סאָסי, כ'אָ דיר געבראַכט אַ ביכל! א ביכל! א נייער סטודענט אין שטאָט!

זי וואָרעַזשעט און וואָראַזשעט און גיט זיך מיטאמאָל אַ כאַפּ:

— מאָטל, זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו גיין צו די פּערד, זאָג איך דיר! ס'עט זיך טאָן כוישעך. די גאַנצע שטאָט וועט דאָ זיין אַף מיין בייזוואונדער. כ'וועל אַליין ווערן אַ באַלעגאָלע. כ'וועל פֿירן אליין פאַרשווינען אהין און צוריק צו דער באַן. כ'וועל שרייען גוואַלד אין אַלע גאַסן.

מאָטל איז געזעסן און געשוויגן די גאַנצע צייט. ער האָט געקוקט אין אַ שטיקל פּאַפּיר, געדרוקט מיט אידישע אויסיעס, און דאָס געדרוקטע געכאַזערט אַף אויסנווייניק.

אַז ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך, ניט אויסדרייענדיק, אָנגערופן צו זיין ווייב:

— פּיסקאַטש! הער אוף צו פּיסקעווען! כ'ל דיר באַלד אריינרוקן ניקאָלאַיען אין מויל אַריין מיטן טאַטן מיט זיינעם איניינעם! ווילסט פּאָרן? פּאָר! ווער האַלט דיך? פּאָר און דריי זיך אויס די פּיס מיטן בויך! זי מיינט, מע דאַרף נאָר איינשפּאַנען און מע פּאָרט שוין! און אַז זיי וועלן ניט וועלן גיין, וועסטו זיי אָנזאָלצן אַף די ווידלען? באַלעגאָלעטע מיינע!

מאָטלען איז גלייך איבערגעגאַנגען דער קאַעס און ער האָט שוין גערעדט צו איר מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי ער וואָלט איר געגעבן צו פאַרשטיין:

— פּערד, סאָסי, דאַרף מען פירן מיט כאָכמע. ניט מיטן שפּאַן. ניט זידלען, ניט מיט געשרייען. וועסט זיי זידלען, איז פּונקט אזוי גוט, ווי דו זידלסט מיך. ס'אַרט מיך דען? אָט אזוי וועט עס זיי אַרן. פּאָר! אדעראבע, נו, פּאָר. גאָ דיר די בייטש.

ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט, זיך אופגעשטעלט און צוקלאַפּנדיק מיט דער פוס צום טאַקט, האָט ער אָנ־געהויבן אויסשטודירן דאָס נייע ליד מיטן ניגן און אַף אַ קאָל. ער האָט געקלאַפּט מיטן רעכטן פוס און זיך באַמיט אריינפּאַלן מיטן קאָל צום טאַקט פון זיין פוס און ניט געקאָנט. דעריבער האָט ער אַלע ווײַלע אָנ־געהויבן פונדאָסניי:

— געפּאא־־־ געפּאַ־אָ־־־־לן א קאָ־אָ־אָ־רבן!

סאָסי איז שוין געלעגן אין בעט. ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. זי האט זיך געדרייט פון איין זייט אף דער אַנדערער, געסקריפּעט מיט דער אַלטער כּאָרעווער בעט און ניט געקאנט אנשלאפן ווערן.

— הער אוף, מאטל! איך בעט דיך, הער אוף!

נאר מאָטל האט ווייטער געקלאַפּט מיט דער פוס און האט אלץ ניט געקאנט אנכאַפּן דעם ריכטיקן טאַקט. און ווידעראַמאל אנגעהויבן:

— געפּא־א־א־א...

— וואס האָסטו זיך צערעוועט, פרעג איך דיך? פאַרוואס לאזטו ניט צומאַכן קיין אויג אַף דער וויסטיקער שאָ? גיי ארויס אין דרויסן און ווער אַפּילע מעשוגע. האסטו געהערט? זיך אוועקגעשטעלט א איד אינ־מיטן דער נאַכט און

— געפּאַ, געפּאַ, געפּאַ...

— וואס געפּאַ, ווען געפּאַ? וואס האסטו זיך צעפּאַקעט? פּאַקען זאל דיר אין קאפּ און אין יעדער אייווער.

מאטל האט זיך ניטוויסנדיק געמאַכט און נאך א קליינער פּאַאוזע האט ער ווידער אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ דינעם ווייבערשן סאָפּראַן און צוגעקלאַפּט מיטן געקאָוועטן שטיוול מיט זיינעם:

— געפּא־א־א־א...

ס׳האָט שוין אין אים געברענט דאָס גאַנצע ביסל בלוט זיינס און פון אופרעגונג האָט ער זיך איינגאַנצן צעמישט. ער האָט ניט געטראָפן ניט צו דער פוס און ניט צו דעם טאַקט. ער האָט שוין סטאַם געוואָיעט.

סאָסי האָט זיך געגעבן שנעל אַ זעץ אוף פון בעט אין איין העמד, ווי אַ מעכאשייפע און זיך צעקוויטשעט:

— גוואַלד, איך וועל קלאַפּירן! איך וועל באַקומען די פּאָפּלעקציע! מאָטל סט׳אופהערן? איך לויף באַלד ארויס אינמיטן גאַס און שריי

גוואַלד! וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס צעזעצסטו מיר די גאַל? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַף דער וועלט? אַ צאָרן האָט זיך אַף מיר אויסגע־גאָסן. ווי דערלעבט מען שוין דעם אינדערפרי. ווי דערלעבט מען אים שוין!

מאָטל האָט זיך אויסגעדרייט אין איר זייט, דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אַף איר מיט ביטל און פאַראַכטונג, און מיט אַ געבראָכן קאָל אויסגעשריגן, צוקלאַפּנדיק מיטן פוס צום טאַקט:

— גראָביאַנקע!

ער האָט האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן דאָס לעמפּל און איז ארויס אין שאָפּע מיטן ליד. ער האָט בלויז נאָכגעשריגן:

— סט׳שוין באַ מיר האָבן פערד! סט׳שוין באַ מיר זעען פערד! פערד וועל איך דיר געבן! סט׳שוין באַ מיר ווערן אַ באַלעגאַלע! סט׳שוין באַ מיר האָבן אלדאָס גוטס, וואָרט! אין א אייגענער שטוב זאָל א איד ניט טאָרן אויסכאַזערן א ליד?! אז איך האָב אַ ספּיעשקע. ס׳איז דען אַ ליד? ס׳איז דאָך א ספּיעשקע! איז דאַרף מען זיין באַ א ווייב אין דער ניעוואָליע? סט׳שוין באַ מיר האָבן פערד! נישקאָשע! סט׳שוין באַ מיר האָבן אלדאָס גוטס!

ער איז צוריק אריין אין אַלקער, צוגעלאָפן צום ווייבס בעט מיטן לאָמפּ:

— אהער דעם פעלץ! אהער גיב דעם פעלץ, זאָג איך דיר! נישטאָ קיין פעלץ!

די אידענע איז געלעגן איינגעניורעט, ווי אַ הון אין אַ רעגן און איי־גאַנצן געציטערט:

— פעלץ! פעלץ! נאַ, נאַ, נא דיר דעם פעלץ! שיינער מאַן מיינער! טייערער מאַן! נאַ, נאַ, נא דיר דעם פעלץ, ס׳זאָל דיר נאר אויספּאַלן באָקעם, דיבוינעשעלוילעם!

ער איז אריין אין שאָפּע, זיך אוועקגעזעצט אַף אַ קאָסטן און פיר אומעטיקע פערדישע אויגן האָבן אַף אים אַזאַ אומעטיקן קוק געטאָן, אַז ער האָט זיך גלייך פאַרשעמט עפּענען דאָס מויל מיט זיין ניט אויסגע־כאַזערט ליד, וואָס ער האט געמווט פּאַרטיק מאַכן צו דער ספּיעשקע.

ער איז א ווייַלע געזעסן מיטן לאָמפּ אין איין האַנט, מיטן ליד אין דער אַנדערער האַנט און געקוקט אין די פערדישע אויגן אַריין, אין די אומעטיקע פערדישע אויגן, און ס׳האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אין

האַרץ. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט עפּנען אויף די פערד זייערע מײַלער און וועלן אים אַזוי א זאָג טאָן:

— מאָטל, מאָטל, און וואו איז יוישער? ווי אַזוי שלעפּט מען עס אַראָפּ א פעלץ פון אַ אייגן ווייב?

האט ער אַזוי געקוקט אין די פערדישע אומעטיקע אויגן און ס׳איז אים אַליין אויך אומעטיק געוואָרן. ס׳איז אים עפּעס נאַריש געווארן דער גאנצער טאַראַראַם מיט דער ליד, וואס ער האט די גאַנצע צייט געהאלטן צונויפגעקנייטשט אין דער האַנט. און ס׳האט זיך אים פאַרגלוסט אַראָפּ־וואַרפן אַף דר׳ערד אַי דעם לאָמפּ, אַי דאס ליד און זיך באַגראָבן מיטן קאָפּ אינם ביסל פּאָלאָווע, וואס איז געלעגן אין זשאָלעב נעבן די פערד. ס׳האט אים א ראַכמאָנעס אָנגעכאַפּט אַף זיין סאָסין, וואס איז געבליבן איינגעדרייט, איינגעקאָרטשעט פון קעלט ליגן אין בעט; ס׳האָט אים באַנג געטאָן, פארוואס ער האט פון איר אראפּגעשלעפּט דעם פעלץ. די פערד האבן אַף אים געקוקט מיט אַזוי פיל פאַריבל און געמאָנט באַ אים:

— מאָטל, מאָטל...

שטילערהייט האט זיך מאָטל אופגעהויבן און איז אַרויס פון דער שאָפּע. נאָך אַף דער שוועל האט ער אויסגעטאָן די שטיוול און איז אריין אין אַלקער בלויז אין די אָנעטשעס.

אין דער פינצטער האט ער זיך צוגעגאַנוועט צו סאָסיס בעט, פאַר־זיכטיק זי איינגעדעקט צוריק מיטן פעלץ און אַליין זיך אַוועקגעלייגט, ווי א שטילע שאָף, באַ דער זייט.

און גאַנצפרי איז ער אוף, איינגעשפּאַנט אַפגיך און אַוועק צו דער באַן.

ער האט מעכאַבעד געווען די לופט מיט קאָוועד פון זיין בייטש פאַר א נאָווינע און אונטערגעזונגען פון אויסנווייניק:

— געפּאַ־אַ־אַ־לן א ק־אָ־אָ־אָרבן...

און די סקריפּענדיקע רעדער האבן אונטערגעהעצקעט צום טאַקט:

— געפּאַ... געפּאַ... געפּאַ...

אַזוי איז שוין מאָטל אפּגעפּאָרן דעם גאַנצן זומער. געפירט פון דער באַן און צו דער באַן רעדנערס און רעדנערקעס און סטאם פּארשוינען, געקלעפּט מוידאָעס צו די שטעטלשע ווענט און צו די יאַטישע פענעמער און שוין געקאָנט אַלע לידער פון אויסנווייניק.

אַזוי איז ער אָפּגעפּאָרן זינגענדיק, ביז ס׳איז צום ערשטן געפֿאַלן דער זומער און נאָך אים — זיין שקאַפּע. אַליין זיך אָװעקגעלייגט. װי א צאַדעק.

דאָס איז געװען דער ערשטער קאָרבן אין שטעטל, װאָס האָט פֿאַר־שטערט מאַטעלע באַלעגאַלע די סימכע פון דער רעװאָלוציע. דער ערשטער קאָרבן. אַזוי אינמיטן װעג. אויסגעפּילט די פּליכטן. די באַלע־גאָלישע פליכטן, אָפּן אײנציקן װעג פונם שטעטל צו דער באַן. אָפּן שטילן, אײנזאַמען װעג מיט די צװילעפּװערסטאָװע סלופּעס, װי מאַציײװעס אַרײנ־געשטאָכענע אָף זיין לענג. זי האָט אים אויסגעמאָסטן זיבעצן יאָר נאָכ־אַנאַנד, דעמדאַזיקן װעג. אַלע טאָג הין און צוריק. געפירט אָף אים פּאַרשװינען און באַלעבאַטים און צום סאָף, די ערשטע געפירט אָף אים ליטעראַטור, רעװאָלוציאָנערע ליטעראַטור, אין שטעטל אַרײן, מיט לידער, מיט געדרוקטע לידער אָף שטיקלעך פּאַפּיר און אָף אים אװעקגעװאַל־גערט די פערדישע ביינער אירע, װי א בינטל שפּענער. אינמיטן װעג זיך אװעקגעלייגט, װי א שטומער פאַרװאָרף — צו קיינעם ניט.

ס׳איז איר נאָר דער בויך אביסל אופגעלאָפּן. און אַביסעלע פינע באַם צוימל.

מאָטל האָט זי פאַרן װײדל אָװעקגעשלעפּט פונם װעג צו א זײט און געקומען אין שטעטל אַרײן בלויז מיטן דערעש. ער האָט אַלץ געהאָפּט צו ברענגען אָף זיינע צװיי פערד אין שטאָט אַרײן עזרען. בערעלע קאַטאַרזשאַן האָט אים די גאַנצע צייט געזאָגט, אַז עזרע דאַרף קומען. און פאַר אַלעמען האָט זיך מאָטל געקלאָגט:

— ס׳זאָל כאָטש בא מיר דער אַנדערער צאַדעק ניט גיין פון דער װעלט פאַר דער צייט.

צום סאָף זומער, אַז דער װעג האָט זיך אָפּגעבאָדן מיטן ערשטן דריבנעם האַרבסטיקן רעגן, איז מאָטל שוין װײניקער געפאָרן צו דער באַן. ער איז א שטיק צייט געװען באַשעפטיקט מיט זיין „מעס״, װאָס האָט זיך אים אװעקגעלייגט ניט מיר, ניט דיר — גלאַט אינמיטן װעג, און גיי שלעפּ זי אָפּ פאַר די גאַנצע זיבעצן יאָר, װאָס זי האָט געשלעפּט די שטאָט.

און מאָטל האָט זי געמוזט מיט קאָװעד אַרויסבאַלײטן אָפּן אױלעם־האָעמעס. אַליין אפּשינדן פון איר די צאָװאָע און פאַרקױפן ס׳דרויב.

ס'איז אים געווען פריקרע שפּאַנען איין פערד. און די אַנדערע זייט דישעל זאָל גיין ליידיק. האט ער שוין בעסער גארניט געשפּאַנט. ער האט זיך צוריק גענומען צום עמער מיט קלייסטער און צו די לידער: פונם באַן האבן אנגעהויבן אנקומען ביטערע יעדיעס.

אידן האבן זיך דערציילט אין שול, אז ס'איז א געפּאַר צו פאָרן איצט מיט דער באַן. דער אלטער רעב סענדער האט געקלאַפּט מיטן שטעקן:

— ס'איז אן איינגעשטעלטע זאַך, אידן. ס'איז אופגעשטאַנען צוריק גאָנטע און כמעלניצקי מיט קאַזאַקן און האַידאַמאַקעס. און אַפן ערשטן קנאַק איז אַכיינו־בניי־איסראָעל. און דא זאַלצט מען אין די אויגן. די אלע קאַטאַרזשאַנעס און באַלעגאָלעס. ס'איז מוירע דא אף טריט און שריט. און ס'איז ניט העפקער קיין וועלט. פּלוצים, גייט מען דיר מיט קלעזמער אינמיטן די גאַסן, מע פויקט, א סימכע. וואס פארא סימכע? אלך מיר, אידן. אליין שולדיק. און דארטן הארגעט מען. קוילעט מען.

אין שול זיינען זיך צונויפגעקומען אידן און מע האט אנגעהויבן צו מוירע האבן פאר די סימכעס, וואס די גאסן האבן געפּראוועט דעם גאנצן זומער. מ'האט עפּעס וואָראָזשעט, וואָראָזשעט און גאָדל איז אלע ווייל געקומען צו לויפן אין גאַס מיט א ווילד, מיט א מעשוגן נייס.

און מענדל האט געשוויגן. וואס די אידן האבן ניט גערעדט צווישן זיך, האט מענדל געשוויגן, ווי ער וואָלט זיין דער איינציקער שולדיקער אין אלך, וואס סע קומט פאָר. די ווינטמיל האט נאך אלך געקוקט מיט איין פליגל אף איין זייט וועלט און מיטן אַנדערן פליגל אַף דער אנ־דערער זייט וועלט.

וועגן עזרען האט ער מוירע געהאט צו טראַכטן.

און אין שול האט הערש־דאָווער, דער באַלמוסעף, אלע שאַבעס נאכן לייענען אפּגיך געפּראוועט ארייננכאפּן אזא מין ציקלדיקן

— האַנויסן טשוהאַ לאַמלאָכים.

ביז ס'האט זיך אנגעהויבן א קלאַפּעריי איבער די סטענדערס און אי־בער סידורים פון דער גאנצער שול:

— נו! נו! האָ! הי! הא?!

— ווער ווייסט, וואס זיי האבן געמיינט?

— און וועמען?..

XVII

און אזוי, ניט באמערקטערהייט האבן זיך אונטערגערוקט די יאָמים־נוראָאים.

ס'האט זיך עפּעס א בראָך געטאן דאס גאנצע שטעטל. נידעריקער זיינען געווארן די שטיבלעך. די דעכער האבן אויסגעזען, ווי אויסגעלייגטע האָרבאַטע רוקנס, וועלכע מ'האט באדארפט געבן מאַלקעס. זיי האבן געפּויזעט, די דעכער, איינס אַנטקעגן אנדערן. איינס אַפן אַנדערן. פון שרעק.

דעם מאַרק האבן שוין ווינטן געטרייסלט. זיי האבן געטראגן שטויב פון איין קרעמל אין אנדערן. און ארויסגעבלאזן צוגעניליעטע אויבסטן פון מולטערס און קוישן בא אלטע סעדעכעס.

אַפן גאַס האבן זיך געוואַלגערט ביסלעך היי פון גויאישע וואָגנס און דער וועג האט געוואַרט.

דער שטעטלשער וועג, וואס האט געפירט טאַטעס און זיידעס און עלטערזיידעס און קינדער — צו כופּעס און צו בייסאַלמענס, אף יאַרידן, און אין העקדעש, — אט דער אלטער שטעטלשער וועג, וואס האט אין זיך געהאלטן פּאַרטאַיעט אָפּגעקילטע טריט פון דוירעס, — האט איצט, א דערשראָקענער און א פארקלערטער, אַף עפּעס געוואַרט...

ער האט געוואַרט אף פּאָרכטיקע טעג פון גאָטס צאָרן און אף געהיימע ביזוואונדערלעכע געסט. ער האט געוואַרט אף געוויין און געשריי פון הייזער און שולן. ער האט געוואַרט אַף בראָך און אף גאָדל דעם מע־שוגענעמס נעוויעס...

געדיכטע פייכטלעכע ווינטן האבן זיך געזעצט אַפן וואַרטנדיקן וועג און מ'האט ניט געזען — ווען נעמט ער דאָרטן אוף, ווער וועט דער ערשטער ברענגען אין שטאָט אריין די בסורע פון אומגליק.

צו דער אכסאניע, וואס האט געהאלטן ארויסגעשטעקט א רויטע פאָן, ווי א צעקנייטשטן דויטן צונג, מיט א קליין שילדעלע „רעווקאָם", זיינען עפּטער צוגעפאָרן פורלעך מיט יונגעלייט און צוריק אפגעפארן, ווען קיינער האט ניט געזען.

די באַלאַכסאַניעטע האט געזאַלצן אַסאַך פלייש און יעדן טאג גע־גרייט דעם גרויסן טיש, ווי אום יאָמטעוו, זי האט געהאָרעוועט איניינעם מיט די טעכטער, ווי סאַרוועדנס אף א כאַסענע, וואס געדויערט שוין זייער לאנג. צו לאנג. זיי האבן זיך נאר געשראָקן, דערלאַנגען דאס עסן פון יענער זייט, וואו ס'האבן זיך בא די געסט אראפגעהאנגען שווערע שטאָלענע דרייעקן, פארצויגענע מיט געלן גלאַנציקן לעדער. נאר ווען זיי האבן באנאכט געהערט איינצלנע אפגעריסענע שאָסן, האבן זיי זיך ניט געשראָקן. זיי האבן זיך בלויז איבערגעוואורפן איבער די געלעגערס און ארויסגעבורטשעט פאר זיך:

— גאָט זאל שוין העלפן, מע זאָל פּאטער ווערן פון זיי! די פינצטערע פּאַרנאסע. מע וואלט זיי מויכל געווען דאס שטיקל פינצטערע ברויט, וואס מע האט פון זיי. האלט שטענדיק די נעשאמע אין די הענט...

און זיי האבן זיך צוריק איינגעדעקט מיט די שווערע קליינשטעטלדיקע וואַרעמע איבערבעטן און מיט א נאָך מער וואַרעמער האפענונג, אז:

— גאט זאל שוין העלפן, מע זאל פּאָטער ווערן...

ס'איז געווען א שאַבעסדיקער נאכמיטאג. א קילבלעכער מיט א דריבנע רעגנדל. צו מינכע האט דער אַלטער רעב סענדער געפרעגט באם כאזן:

— ווען שטעלט מען זיך היינט צו סליכעס? רעב דאוויד־הערש!

— ווער ווייסט, רעב סענדער. מ'איז דען בא זיך אין די הענט?..

דאוויד־הערש כאַזן האט א הוסט געטאן, אויספּרואוונדיק זיין שטימע דורך דער נאָז. נאכדעם האט ער געגעבן א קרעכץ. א קרעכץ מיט זיסן ווייטיק. אזא קרעכץ האט זיך בא אים שטענדיק ארויסגעריסן באַם אָמעד, איידער ער פלעג אופהויבן דעם קאָפּ צו—

— הנני העני ממעש...

אידן האבן זיך ארומגעדרייט איבערן בעסמעדרעש, ווי שוואַרצע גע־שפּענסטער. און אין דער שטיל האבן זיי זיך איבערגעוואָרפן:

— ס'וועט גיין בלוט!

— בלוט וועט גיין! אט דא. בא דער שול.

— אז אידן זאלן שוין ניט האבן וואו צו זאגן סליכעס?!

— און ניט איבער גויאים... נאר איבער אייגענע פּושאים!.. הא? טויזנט מאל ערגער, ווי בא כמעלניצקען! טויזנט מאל,— האט אין א ווינקל געטאַינעט דער אַלטער סענדער.

— וואס זאָגט איר, רעב דאוויד-הערש?! זיי גייען דאך מאכן א סאָבראַניע, גייען זיי מאַכן. דאָ אין שול. קיין אנדער אָרט האבן זיי שוין גארניט געקאנט אויסזוכן!..

— אַוואַדע! וואָדען!— האט א הוסט געטאן דער כאַזן,— אז זיי האבן שוין אראפּגעבראכט אימס בענאָק, מענדלס... דעם גלאַוונעם זייערן.

— און ער וועט עס האלטן דעם רעטש דא אין שול?— האט זיך אנגעבויגן צום כאזן דער אלטער סענדער,— הא? ווען אף דער גאנצער וועלט וועלן אידן זאגן סליכעס, וועט דא אין שול שטיין א אימאַכשמוי-ניק און רעדן א רעטש? הא? און וואו זיינען ערגעץ אידן? הא? רעב דאוויד-הערש! וואס שווייגט איר? ס'איז דאך עפּעס כורבן-יערושאָ-לאַיעם!

דער כאַזן האט געקרעכצט און זיך צוגעהערט צו זיין כאַזאָנישער קיילע, וואס איז אים געלעגן אונטערן קרעכץ:

— אַוואַדע! וואָדען? אז גאט וויל שטראָפן, שטראפט ער דורך אייגענע קינדער...

דער אלטער סענדער איז אוועק צו מענדלען און אים מאַסרע געווען:

— מענדל! מענדל,— זאג איך דיר — דערלאז אים ניט! דערלאז אים ניט צו אזא אווירע! מע זאגט, אז זיי האבן אים אראפּגעבראכט. ער זאל האלטן אין שול א רעטש, דעמאלט ווען אף דער גאנצער וועלט וועלן אידן זאגן סליכעס. דו הערסט, מענדל?— האט דער אלטער געפּי-נעט,— דו הערסט, מענדל, דו ביסט א טאַטע! און ס'איז דיין קינד. און ס'איז אף דיר כאַל! מער אף קיינעם ניט. דו שפּילסט זיך, מענדל, מיט יעמיי-נויראָאים! שפּיל זיך ניט מיט יעמיי-נויראָאים, מענדל! מע שניידט שוין אידן! מע קוילעט שוין!..

מענדל האט די גאנצע צייט געקוקט אפן טיש, אף די בענקלעך, אַף דער שאַפע, נאָר ניט אַפן אַלטן און די ליפּן האָבן באַ אים געציטערט:

— ווער? מיין עזרע? וואס רעדט איר, רעב סענדער! וואו האט איר געזען מיין עזרען?

— וועך? — פּרעגסטו? ווער? דו מאכסט כויזעק? מענדל! — האט זיך דער אַלטער געטרייסלט ווי א לולעוו.

מענדל האט זיך א דריי געטאָן איבערן שטוב. ער איז האסטיק צוגע־גאַנגען צו דער טיר און נאָך האסטיקער זיך אומגעקערט צוריק, צום טיש:

— גייט פונדאַנען, רעב סענדער! גייט!

ער האט אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט דעם ברעג טיש און זיך אָנגע־בויגן:

— און אייערע זיינען בעסער? הא? און דאָוויד־הערש דעם כאזנס זון איז בעסער? און די גאַנצע שטאָט איז בעסער? טוט אייך וואס איר ווילט! גייט, רעב סענדער! גייט!

פראדל איז געזעסן אין אַ ווינקל און געוויינט.

אינמיטן געשפּרעך האבן צוויי שטיינער זיך אַריינגעריסן מיט אַ גלאָז־בראָכיקן קלונג און אויסגעשפּיגן צוויי טאפליעס אין מענדלס שטוב אַריין.

מענדל האט זיך ניט גערירט פונם אָרט:

— גייט, רעב סענדער! גייט! לאָזן אַלע אידן אויסזעצן מיינע פענצ־טער, גייט! גייט נעמט אויך אַ שטיין און וואַרפט מיר אין קאָפּ. און לאָז מיך דערשלאָגן א דונער! אָט דאָ אַפן אָרט!

פראַדל איז צוגעלאָפן און אָנגעהויבן וויינען פאר איר מאַן:

— מענדל! מענדל!

— גיי אַוועק, אידענע! עזרע! עזרען ווילן זיי, די שטיינער! עזרען! גיב זיי עזרען!

דער אַלטער סענדער האט זיך אַרויסגערוקט פון שטוב און מענדל האט זיך אָנגעהויבן גריזשען:

— און עפּשער איז ער דאָ? הא? ווער ווייסט? עפּשער איז ער גע־קומען? און וויל זיך אינמיסטן ניט ווייזן? עפּשער וויל גאָט, אַז דורך מיין קינד זאָל פאַרשוועכט ווערן אַ מאָקעם־קאָדעש! ווי איז מיר!

— פראַדל! — האט ער פלוצים אַ געשריי געטאָן, — פראַדל!

— וואָס איז דיר, מענדל? ווייסט איז מיר!

די נאַכט האט זיך אָנגערוקט איבערן שטעטל, ווי אַ כמאַרע. פון גאַס האבן זיך געטראָגן געשרייען. אויסגעמישטע געשרייען פון יונגע און זקיינים. די שול איז געוועז באַלאַגערט.

דער שאַמעס איז געזעסן באַ זיך אין שטיבל און אַפן שול־הויף האָט מען זיך שוין געשלאָגן לאַכאַדים.

צוויי שניידער־יונגען מיט אַ סאָלדאַט האָבן געהאַלטן דעם אַריינגאַנג, און פאַרשיידענער אוילעם, אונטער דער קאָמאַנדע פון בערעלע קאַטאָר־זשאַן און וועלוול קאַנאַריקס, האָבן פאַרנומען דעם באַלעמער, ווי אַ פעסטונג.

אין דרויסן האָט מאַראַקעט אַ קליין רעגנדל. מ'האָט גאָרניט געזען, ווי סע גייט. מ'האָט נאָר געזען, ווי ס'ווערן גלאַנציק די שינדלענע דעכער און די דאַרע געלבלעכע ערד, וואָס איז שוין געווען אָפּגעקילט פונם זומער.

די שול האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפילט מיט אוילעם, ווי אַ שיף אַ געלעכערטע פילט זיך אָן מיט וואַסער. אַלע האָבן זיך געשטופּט צום באַלעמער. יעדער איינציקער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַן אָרט, וואָס נעענטער צום אָראַטער. און וועלוול, קאַנאַריק דעם שוסטערס, האָט גע־פּאָכעט מיט דער האַנט איבער דער טונקל־ברוינער לופט, וואָס איז געהאַנגען אין שול:

— שטופּט זיך ניט, כאַווײרים! מאָטל, האַלט די אָרדענונג!

דורכן גאַנצן אוילעם האָט זיך מיט דער זייט דורכגעשניטן אַ פּרעמ־דער באָכער. ער האָט זיך דורכגעשטופּט מיט איין עלנבויגן. מער קיין עלנבויגנס האָט ער ניט געהאַט. פון דער צווייטער זייט האָט זיך באַ אים גאָרניט געריידט. דער אַרבל איז געווען ליידיק און אַ ליידיקער האָט ער אַריינגעקוקט אין דער ליידיקער קעשענע. נאָר פונם דורכדראַנג האָט זיך דער אַרבל אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע. הינטער אים איז געגאַנגען בערעלע קאַטאָרזשאַן. בערעלע האָט, גייענדיק, זיך געפּאָרעט מיטן אַרויס־געשלעפּטן אַרבל און געזען, אַז מע זאָל זיך ניט שטופּן אַפן אָראַטער.

— דאָס איז ער.

— ווער?

— דער רעדנער!

— ער זעט טאַקע אויס, ווי אַ רעדנער!

אַלע האָבן מיטאַמאָל אַ דריי געטאָן די קעפּ אַפן אָראַטער און מיט די אויגן אים אַרופגעשטופּט אַפן באַלעמער.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער אָראַטער שוין געשטאַנען אַפֿן באַ־לעמער, דער ליידיקער ארבל פֿון איין זייט אַקסל האָט שוין ווידער גע־קוקט אין דער ליידיקער קעשענע און די איינציקע האַנט האָט געמישט פּאַפּירלעך, צעוואָרפענע אַפֿן באַלעמער. ער האָט באַטראַכט דעם אוילעם, זיך אָנגעבויגן צו בערעלע קאַטאָרזשאַן און אים אַ פרעג געטאָן:

— מע קאָן שוין אָנהויבן?

און אַז בערעלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט דער רעדנער זיך אויסגעהוסט און אָנגעהויבן:

— „כאַוויירים!.. כאַוויירים!...״

ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט, געכאַפּט דעם אָטעם, אַ קוק געטאָן אַף דער טיפער פֿינצטערער סטעליע פֿון דער שול און זיך דערמאַנט אין טורמע.

נאָכהער האָט ער שוין גערעדט:

„— וואָס אַזוינס זײַנען דען שולן און קלויסטערס? צי זײַנען זיי דען אויך ניט דיזעלבע טורמעס און קאַזעמאַטן, וואו מענטשן ווערן פֿאַר־טריבן פֿונם פֿינצטערן פֿאַנאַטיזם? צי גייט מען ניט אין די שולן און אין די קלויסטערס אין דיזעלביקע קייטן, ווי אַף קאַטאָרגע? נאָך ערגער. ניט קיין קייטן אַף די הענט, נאָר קייטן אַף די נעשאָמעס... און כאַ־וויירים!״

מאָטעלע האָט זיך דורכגעקוקט מיטן אוילעם, געמאַכט מיטן קאָפּ און צו בערעלען אַלע ווײַלע אַרײַנגעוואָרפֿן:

— ער דערלאַנגט סכוירע, האַ? בערל! ס'איז לאָשן!

און באַלד האָט ער זיך אַליין איבערגעריסן:

— שאַ! וואָס האָט ער געזאָגט? כ'האָב דורכגעלאָזט!

דער אָראַטער אַליין האָט זיך איבערגעקוקט מיטן אוילעם, און מאָטעלע האָט ניט געלאָזט צו רו זײַן שאָכן, בערעלען:

— דו הערסט? דו הערסט עפּעס ווערטער?

— שטער ניט, מאָטל! — האָט בערל אים אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט.

דער רעדנער האָט אַלץ גערעדט.

מיטאַמאָל האָט זיך בערעלע אַ ריס געטאָן; גלייך, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאַנט:

— לאָז!

ער האט אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער און זי אונטערגעשאַרט דעם רעדנער, אַזוי, אַז ער זאָל אים ניט צעטומלען דעם געדאַנק. נאָר דער אָראַטאָר האט עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

מאָטעלע האט זיך באַשיימפּערלעך געערגעט, וואָס דער אָראַטאָר האט נאָך קיין איין טרונק ניט געטאָן. ער האט אַ פּינטל געטאָן צו בערעלען מיט די אויגן און אים מיט די אויגן אָנגעוויזן אַפן אָראַטאָרס האַלז:

— גיב אים נאָכאַמאָל!

נאָר בערעלע האט שוין ניט געקוקט אַפן באַלעגאָלע. ער האט געקוקט, ווי דער אָראַטאָר מאַכט עפּעס צו דעם פאַרזאַמלטן עולם מיט זיין איינציקער האַנט און ווי דער ליידיקער אַרבל רוקט זיך פּאַוואָליע אַרויס פון דער קעשענע.

ארום שול-הויף האָבן געלויערט אידן און ווייבער. זקיינים זיינען געלאָפן הין און צוריק און אַלע ווילע אויפגעהויבן די קעפּ צו די באַלויכטענע פענצטער פון דער שול, וואו ס׳האט זיך אָפּגעשלאָגן דעם רעדנערס קאָל פון אינעווייניק. נאָר אין דערזעלבער צייט האט זיך אין שול אַריינגעשניטן ווי אַ כאַלעף דער אַלטער סענדער און אָנגעהויבן שרייען:

— עפּראָ לעפּיכאָ, פּושע-איסראָעל! עפּראָ לעפּיכאָ! ארויס! אידן, אידן!

דער אַלטער האט געוואָלט אַ פּאַל טאָן אַף דר׳ערד, נאָר דער צונויפגעדריקטער עולם האט אים געשטערט. פּלוצלינג איז אַ שטיין אַרופגעפלויגן אַפן באַלעמער.

באַלד האָט צוזאַמען מיטן רעדנער זיך אַרויסגעקוועטשט פון דער שולטיר אַ כוואַליע מענטשן, פּונקט ווי די אַלטע שול וואָלט אויסגעבראָכן אַ רויע שפּייז, וואס זי האט ניט געקאָנט פאַרדייען.

כעוורעלייט זיינען נאָכגעלאָפן און זיך געשפּאַרט:

— ס׳איז ניט עזרע! ניין, ס׳איז נישט ער! אַבי מ׳האט געזאָגט, אַז ער איז געקומען און וועט האַלטן אַ רעטש. סע איז ניט ער.

— נו, און ער וועט נאָך היינט אַוועקפאָרן?

— ווער ווייסט? מע זאָגט, אַז אַפן וואָקזאַל שטייט אַ לאָקאָמאָטיוו מיט צוועלף וואַגאָנעס.

מאָטעלע האָט זיך געפּעדערט באַגריסן דעם רעדנער מיט זיין היינטי־קער רעדע. די גאַנצע צייט האָט ער אַפּילע נאָענט ניט געקאָנט צוגיין צו אים. איצטער, ווען מע האָט אים בעשאָלעם געבראַכט אין רעווקאָם, איז ער צו אים גלייך צו:

— איך דריק אייך די האַנט, כאַווער אָראַטער!

ער האָט זיך אַביסל פאַרפלאָנטערט. נאָר איינייגעם מיטן פלאָנטער האָט אים עפּעס אַ טיאָכקע געטאָן אין הארצן.

אַבן אָראַטערס האַלז האָט ער באַמערקט אַ טיפן שראַם, פונוואַנען ס׳האָט געגלאַנצט שוויס. און די געדיכטע ברעמען — פונקט ווי... ער האָט זיך דערמאָנט אין איינעם אַ באַקאַנטן אָדער ניט קיין באַקאַנטן, — נאָר ער האָט זיך איינגאַנצן צעמישט. ס׳האָט אים עפּעס אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ:

— איר זיינט שוין דאָ אַמאָל געווען, כאַווער אָראַטער? — האָט מאָ־טעלע, זיך אָנעמענדיק מיט מוט, אַ כרעג געטאָן.

דער אָראַטער האָט אַ שמייכל געטאָן.

מאָטעלע האָט אַוועקגערופן בערעלע קאַטאָרזשאַן אין אַ זייט און אים אָנגעגנומען פאַרן לאַץ:

— בערל, ס׳איז ער! בערל, ט׳האסטו מיין קאָפּ, אַז ס׳איז ער!

— ווער?

— ער, מאַקס! ער, וואָס האָט געאַרבעט אין טיפּאָגראַפיע. געדענקסט?

— שאַ! שטילער אַביסל, מאָטל. מע הערט. מע ווייסט אָן דיר אויך. שאַ!

מאָטעלע האָט אַ רוף געטאָן וועלוולן, קאַנאַריקס באָכער, נאָר וועלוול האָט קיין צייט ניט געהאַט. ער איז געווען פאַרנומען מיט פאַנאַנדער־טרייבן דעם עולעם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט באַם רעווקאָם. יעדערער האָט געוואָלט אָנקוקן דעם אָראַטער.

און נעבן דער שול האָבן אַלטע קאָלנידרע־בוימער אַלע ווײלע אריבערגעבויגן די שווערע נאַכט־פאַרגאָסענע קעפּ. זיי האָבן אַריבער־געבויגן די קעפּ — איינער צום אַנדערן, פונקט ווי איינער באַם אנדערן האָט געוואָלט עפּעס געוואוירע ווערן. אין דער געדיכטער לופט האָבן נאָך אַרומגעשוועבט געשרייען פון אידן, פון ווייבער און פון העפקערע גאַס־יונגען. אַלע געשרייען האָבן זיך ווי זשאַווערדיקע צוויעקעס אַריינ־געקלאַפּט אין דער קליינשטעטלדיקער סליכעס־נאַכט.

אידן זיינען איצטער געגאַנגען גיך, מיט אָנגעבויגענע קעפּ. די געסלעך האָבן אויסגעזען ווי קעלערס. און די אידן זיינען געלאָפן אין שול, ווי גאַנאָווים. די שול איז די גאַנצע צייט, זינט דער אָרנ־טער איז אַרויס, געשטאַנען מיט צעפּראַלטע טירן. דער שאַמעס האָט מוירע געהאַט צוגיין און פאַרמאַכן. און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך דאָרט אַ וויג געטאָן שאָטנס. פון דעם אָמעד האָט אַ ציטער געטאָן הערש־דאָוויד דעם כאַזנס צעבראָכענער און פאַרדומפּענער:

— שומר ד׳.

אַזוי האָבן אידן אָפּגעשריגן אַ שטיק נאַכט.

אַף אינדערפרי האָט מענדל מיט זיין ווייב זיך אומגעקערט פונם רעווקאָם, ווי כונם בייסאָלמען. זיי זיינען זיך ביידע געגאַנגען זעען מיט עזרען. ער — פאַרנט, און זי — הינטן.

נאָר אין רעווקאָם האָט מען זיי געזאָגט:

— ס׳איז קיינער ניטאָ.

האָבן זיי זיך אומגעקערט שווייגנדיקע. ווען זיי זיינען אריין צוריק אין שטוב, האָט מענדל זיך אָנגערופן:

— און עפּשער באַהאַלטן זיי אים אויס? ווער ווייסט?

— וואָס זשע זאָל מען זאָגן, אז באַ די באָלשעוויקעס לאָזט מען ניט צו קיין טאַטע־מאַמע.

— ס׳האָט אים געצויגן דער קאָפּ צו דר׳ערד.

— אַי, עזרע, עזרע... — האָט מענדל גענומען רעדן צו זיין זון, גלייך, ווי ער וואָלט אים געשטאַנען פאַר די אויגן, — אַי, עזרע, עזרע! האָסט אונז כאָרעוו געמאַכט, עזרע! און האָסט כאָרעוו געמאַכט אַ וועלט.

ס׳האָבן אים געוואָרגן טרערן. נאָר ס׳האָט זיך אים געגלוסט אויס־טאַינען מיט זיין זון. ער האָט זיך געדרייט פון וואַנט צו וואַנט און אָנ־געטראָטן מיט די אויגן אַף עזרעס געבליבענע פאָר ביכער:

— האָסטו טאַקע פאַרפירט אַ מילכאָמע מיט גאָט? אַף אַן עמעס? עזרע...

מענדל האָט אין זיך איינגעהאַלטן אַ ספּאַזמע. און מיט אַ שטיל קאָל האָט ער שוין אַ זאָג געטאָן דורכן פענצטער צו דער יונגהאַרבסטיקער וויט, וואָס האָט זיך געטוליעט צום שטעטל:

— הערצל איז אויך געשטרויכלט געוואָרן, עזרע.

פראַדל האָט די גאַנצע צייט געוויינט אין שאַל אַריין. ווען זי האָט דערהערט מענדלען רעדן צו זיך אַליין, האָט זי זיך דערשראָקן און גע־נומען אים ענטפערן, ס'זאָל ניט אויסקומען, אַז ער רעדט צו קיינעם ניט.

— און וואָס טאַינע איך דען? איך זאג דען ניט באָלשעוויקעס? לאָז זיין באָלשעוויקעס! אבי נאָר זיי זאָלן גלויבן אין גאָט.

נאָר מענדל האָט ניט געהערט, וואָס פראַדל רעדט. ער האָט ווייטער געצויגן זיין אומעטיק־פאַרשעמט קאָל צו דער וואַנט:

— נישטאָ, עזרע, קיין טאַטע; נישטאָ, עזרע, גאָרנישט. אַ שלעכטע שפּיל. אַ ביטערע שפּיל. אַ געפערלעכע. מילכאָמעס מיט גאָט?!.

ער האָט אַ וויש געטאָן דאָס פענצטער. ס'האָט זיך פאַר אים אופגע־הויבן דער וועג, דער אַלטער געטרייער וועג, וואָס האָט אים יאָרן נאָך יאָרן געפירט צו דער באַן און צוריק. ער ציט זיך איצטער ווייטער, דער וועג. ווייטער, ווי שטענדיק. אָט וואָלט ער זיך אַזוי אַוועקגעלאָזט מיטן וועג ווייט פונם שטעטל, פונם שטוב, פון אַלץ, פון אַלץ, און פון די אומגליקלעכע אָוול־טעג, וואָס האָבן זיך אַפן שטעטל אָנגעזעצט.

פון דער ווייטן האָט א שווינדל געטאָן די ווינטמיל מיט איין פליגל צו איין זייט וועלט און מיטן אנדערן פליגל צו אַן אַנדער זייט וועלט.

מענדל האָט אַ זיפץ געטאָן:

— יאָ, זון מיינער — איין פליגל אַף איין זייט וועלט און דער צוויי־טער פליגל אַף אַן אנדער זייט וועלט...

באַנאַכט האָט מענדל געזאָגט סליכעס באַ זיך אינדר'היים. די ראָש־האַשאָנע־טעג האָט ער און זיין פראדל אויסגעוויינט די אויגן. באַם טיש האבן זיי ביידע געשוויגן. נאר פון הויז האט זיך דערטראגן דער קריי פון אַ האָן, וואָס פראדל האט פאר יאָמטעוו אַוועקגעזעצט האָדעווען.

— נאַ דיר, האָנען זאלן קרייען באַטאג, — האט זיך געבייזערט מענדל. — כ'האב זינט איך לעב ניט געהערט, אַז האָנען זאלן קרייען באַטאג. אַז ס'איז דאָ אַלץ פאַרקערט אין דערודאָזיקער שטוב! אלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ!

ער האט זיך גלייך דערמאָנט אין גאָדל דעם מעשוגענעם, מיט די ווינטמילן, מיט זיינע מעשוגענע רייד, וואס ער האט אָנגעוואָראַזשעט אַף דער שטאָט:

— אַלץ מיטן קאפ אראפ! אלץ מיטן קאפ אראפ!..

און ס'האט זיך אַזוי אונטערגערוקט דער יאָמקיפּער — אויך מיטן קאָפּ אַראָפּ.

טעג זיינען געווען כמורנע, שווערע. מ'האט גארניט באַמערקט, ווי ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט.

— ס'וועט זיין אַ פריער ווינטער האַיאָר, רעב סענדער, — האט דעם אַלטן אַ זאָג געטאָן באַ מינכע אין שול הערש־דאָוויד כאזן.

און מיינען האט ער געמיינט:

ס'וועט זיין א שכיטע היינטיקס יאר...

רעב סענדער האט אַ קוק געטאן אפן כאַזן,ביידע האבן קעגנזייטיק אפגעזיפצט און זיך פארשטאָפּט די מיילער מיט א „והו רחום..."

נאך מאירעוו זיינען אידן געבליבן אַביסל אין שול.

— וואס ט'מען לויפן?

דער שאַמעס האט איבערגעציילט די געלע וואקסענע ליכט און זיי פארשלאָסן באַ זיך אין שאַפקעלע, וואו ער האלט דעם לעקעך און בראָנפן.

אַף די פענצטער האבן זיך אויסגעקרישעט עטלעכע שטופלען פון פאר־בלאנדזשעטע רעגן־טראָפּן. אידן לייגן דערווייליע אריין אף און אדעראָף די הענט אין די ארבל, אין פאָרגעפיל פון קעלט. און מע וויל עפּעס הערן נייס.

אַלע האבן עפעס געוואוסט. עפעס אומקלאָרס און שווערס. און אַלע האבן געהאַט כיישעק וועגן דעם זיך דורכשמועסן. נאָר קיינער האט ניט געוואלט אנהויבן. מ'איז געגאנגען אַרום דעם. עס אויסגעמיטן. און דאָך מיט באשיימפערלעכן דערשרעק זיך אָנגערירט.

דער שאַמעס האט געווישט די לעמפּ און געהוקעט אַף אַ קאָל אין די בייכיקע עלפער־גלעזלעך. און באַ יעדן הוק האט ער שוין פאַר איינוועגס אריינגעהוקעט אין גלעזל אַ פּאָר ווערטער, ווי בלויז צום לאָמפּ:

— א טייערע טאַכשעט.

— ווער?

— וואס הייסט, ווער? אט דער, קאַטאָרזשאַן און קאנאריקס קאדעש.

— וואס איז דען?

אלע זיינען געזעסן פאַרוואונדערט, פּונקט ווי זיי וואלטן גארניט גע־וואוסט וועגן דעם, וואס דער שאמעס בלאָזט אריין אין גלעזל.

— שוין איינמאל אַ טאַכשעט. פון עזרעניוס כעוורע. ער וויל דאך מאַכן טיאַטער אין יאָמקיפּער. אין פאזשאַרנע. ער האט שוין געדונגען די שאָפּע.

אַלע האָבן זיך אנגעקוקט צווישן זיך און אַפּן שאַמעס, און צוזאַמען אפגעענטפערט מיט אַ זיפץ. נאר דער אַלטער רעב סענדער האט זיך ניט געקאַנט איינהאלטן:

— טיאטער? ער קען נאך ביז יאָמקיפּער מאַכן טיאטער פאַרן מאַלעכ־אַמאוועס, קאן ער נאך, נישקאשע! ס׳איז דא א גרויסער גאט אף דער וועלט

איינציקוויַיז זיינען זיך די אידן צעגאַנגען. אין שול איז בלויז גע־בליבן דער שאַמעס מיט זיינע געלע וואַקסענע ליכט. ער האט זיי אויס־געקעמט די פאַדעמדיקע קנויטן, ווי גראָווע בערדלעך. ער האט זיי געגלעט און געדרייט. דער אַלטער שאַמעס האט זיך באַצויגן צו זיי מיט ניט ווייניקער דערעכערעך, ווי צו זיינע באַלעבאַטים. איצטער איז ער געבליבן מיט זיי אַליין. מיט זיי, מיט די לאָמפּן און הענגלייכטער, מיט דער שטילקייט און מיט עמעצנס אַ יאָרצייט, וואָס האט מיט אַ גע־בראָכן פלעמל געצאַנקט אַפּן פענצטער און גערויטלט די פאַרשוויצטע, געשטופלטע שויבן פון די רעגן־טראָפּן.

אַפּן אַנדערן פרימאָרגן איז שוין די שול געווען געבעט מיט פרישן שמעקעדיקן היי. די וואַקסענע ליכט האבן שוין געוואַקסן פון ערדענע טעפּ, ווי געלער אָטשערעט.

אלטע אידן האָבן זיך געאיילט. אין באָד, אין מיקווע און צו די שע־רערס. מ׳איז געלאָפן הין און צוריק איבער דער גאַס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און מיט פאַרזאָרגטע בערד. און אין דעמדאָזיקן לויפעניש האט מען זיך געלייגט צו מאַלקעס, זיך געקלאַפּט אין די הערצער און געכאַפּט די שמיץ פונם שאַמעס בעאַהאַווא. מע האט זיך געאיילט וואָס גיכער אַרויסראַטעווען דעם קאַלנידרע פון די העפקערע יונגען, וואָס האבן געוואָלט פאַרשוועכן דעם הייליקן טאָג.

און אַז אין שול האבן זיך ענדלעך אַ צעפלאַקער געטאָן די וואַקסענע אָטשערעט, און ס׳האט אַזש אָנגעהויבן טראסקען פון די גראָבע פלאַק־טענע קנויטן, האבן אַלע אידן פון הינטער די טאַלייסים ניט פאַרגעסן כאַפּן אַ קוק אַף מענדל מאָרגנשטערן. מ׳האט אַף אים געקוקט, ווי אַף אַ מעצוירער. אידן האבן געזוכט נאָך איינעם, קאַנאַריקן, דעם שוסטער. נאָר קאַנאַריק איז געשטאַנען אין פאַליש.

די אידן האבן זיך געשאָקלט אַפּן פאַרדאַרטן ביסל שיטערן היי און געוואַרט, אַז הערש־דאָוויד כאַזן זאָל אַרויסלאָזן אַ וואָרט פונם מויל

און זיי וועלן עס באַפאַלן ווי די הייעשריקן און עס צעקייען, עס צעמאָלן און עס צעמאַלעגיירען. און אין אַזאַ אויגנבליק, ווען דער אוילעם איז געשטאַנען און געוואַרט אַף רעב דאָוויד־הערשס אַ „ויקראָ בשם ד׳״, האָט פּלוצלינג אַ בליץ געטאָן אין שול אַ ווילדער משוגענער געשריי. דאָס געשריי האָט מיט אַ שניידנדיקער שאַרף איבערגעציילעמט די שול.

מיט אופגעריסענע דערשראָקענע קעפּ, אויסגעוויקלטע פון טאַלייסים, האָבן אידן דערזען באַם ליידיקן אָרנקוידעש גאָדל דעם משוגענעם, רייסנדיק דעם שאַאָר.

ער איז אַריין אין שול באָרוועס, אָן אַ היטל, מיט זיין צעפּליורעטן קאָפּ האָר, וואָס האָט זיך געשרויפט אין דער לופט. די העמד איז אים געווען אָנגעשוימט אַרום מויל, ווי אַ קויטיקע פּינע. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ דערוואָרגענעם האָן. אין דער צווייטער — זיין כאַלעף. און ער האָט געשפּרונגען פאַרן צעעפנטן אָרן און געשריגן:

— שאָלעם אַלייכעם, אַלייכעם שאָלעם! שאָלעם אַלייכעם, אַלייכעם שאָלעם!

ער איז געלאָפן פון דר׳היים. ער האָט דעם גאַנצן ערעוו־יאָמקיפּער געקוקט דורך די שפּאַרונעס, ווי זיין זון קוילעט די אויפעס. און יעדער ביסל בלוט פון אַ געקוילעט אָף האָט ער אויסגעכאָרכלט פון זיין אייגענעם גאָרגל. ער איז פון רעגע צו רעגע געוואָרן ווילדער און צעהיצטער. דעם גאַנצן טאָג האָט ער געשלייפט זיין כאַלעף און אים געפּרוּווט אַף זיין פאַרזשאַווערטן נאָגל — הין און צוריק, הין און צוריק.

זיין ווייב, נעכאַמע, איז געווען פאַרשפּאַרט אין אַלקער. זי האָט דעם גאַנצן טאָג געוויינט און מוירע געהאַט צוגיין צו אים. ער האָט זיך געריסן מיט די נעגל באַ די שפּאַרונעס פונעם הויז, דאָרט, וואו זיין זון האָט געפירט די שכיטע פון קאַפּאָרעס. ער האָט זיך געריסן מיט די נעגל און זיך געפּרייט:

— מיין קאַפּאָרע, נעכאַמע, וועל איך אַליין שעכטן! אַליין, אַליין אַליין!.. אָט אַזוי!

ער האָט געוויזן אַלע ווײַלע מיטן פינגער אַף זיין כאַלעף, ווי אַזוי ער וועט שעכטן.

און אַז זיין זון האָט געענדיקט די שכיטע און איז אַוועק פונעם הויז, איז גאָדל אַריין אין קאַמער. מיט באָרוועסע פיס, איינגעטונקענע אין

בלוט פון די קאַפּאָרעס, איז ער געלאָפן איבערן קאַמער און געכאַפּט זיין האָן. און זיך מיט אים גענומען דרייען. קרעקענדיק, האט זיך דער האָן געוואָרפן איבער גאָדלס צעפּאַטלטן קאָפּ. ער האט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע האָר מיט די פאָכעדיקע פליגל. נאָר גאָדל האט זיך געדרייט מיט זיין קאַפּאָרע, אויספּינענדיק פון מויל פאַרשיידענע בראָכעס און איט אַלע ווײַלע אָפּגעלאָזט און צוריק געכאַפּט. דעם גאנצן פאַרנאַכט האט ער זיך געיאָגט און געדרייט מיט זיין צעפּלעדערטן האָן, וואָס ער האט אַליין באַדאַרפט קוילען מיט זיין אייגענעם כאַלעף. און ווען נעכאַמע האט שוין געהאַט אָפּגעבענטשט ליכט און אַרויסגעוויינט פון אירע אויגן זיבן אומגליקלעכע יאָרן, האט גאָדל אָנגעהויבן דעם לעצטן מעשוגענעם טאַנץ מיט זיין קאַפּאָרע. זיין קאָפּ איז שוין געווען אינגאַנצן דורכגעוועבט מיט פּעדערן. און געקרייען האבן זיך שוין געטראָגן הייזעריקע אַרום אים. און מיט אַ טײַוולשן סאָפּ, וואס האט זיך אַרויסגעשניטן פון דער שוואַרצער באָרד, איז גאָדל אומגעפאַלן מיטן האָן, אויסגעגליטשט אין אַ קאַליוזשע בלוט פון די געשאָכטענע אויפעס, — אומגעפאַלן — און דערשטיקט מיט די פינגער דאָס אָף. און אַן אויסגעשמירטער אין בלוט, באַקלעפּט מיט פּעדערן איז ער אַרויס מיט אַ ווילדן געשריי אַפן שטאָט. ער איז געלאָפן איבער די גאסן, איבער די טויטע קאַלנידרעדיקע גאסן, ווען די גאַנצע שטאָט אידן האט זיך געבויגן, צוזאַמען מיט די וואַקסענע ליכט, ווי אופגעווינטיקטע אָטשערעטן, — דעמאלט איז ער אַריין אין שול מיטן דערוואָרגענעם האָן און מיטן כאַלעף, דורכגעבראָכן דעם גאַנצן אוילעם און אופּפראַלנדיק דעם אָרנקוידעש, האָט ער אַ וואָרף געטאָן אינעווייניק אי דעם האָן, אי דעם כאַלעף, מיט אַ שוימענדיקן אויסגעשריי:

— נאַ! נאַ דיר אָפּ די שכיטע! נאַ!

ער האט גענומען ציען די העמד פון זיין לייב און זי וואַרפן אין אָרנקוידעש אַריין:

— איך וועל אים אַרויסציען! איך וועל אים אַרויסציען, דעם גאָלעס!

— שאָלעם אַלייכעם, אַלייכעם שאָלעם! שאָלעם אַלייכעם, אַלייכעם שאָלעם!

און קייענדיק די העמד, איז ער מיט אַ גרויליקן געוואָי אַרויס צוריק אַפן גאַס און ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער נאַכט.

די סומאַטאָכע אין שול איז באַלד דערשלונגען געוואָרן. יעדער האָט זיך צוגעדעקט דעם קאָפּ מיטן טאַלעס און אים מיט טרערן צוגעקלעפּט צו די פּענעמער.

אַף טילים זיינען שוין געלע וואַקסענע אידן געבליבן די גאַנצע נאַכט. זיי האָבן געצאַנקט אַפן צעטראָטענעם היי און זיך געדרייט, ווי געשאָכטענע אינמיטן פעלד, מיט ליכט, מיט וויינענדיקע פאַרטרערטע ליכט צוקאָפּנס און צופוסנס.

יאָמקיפּער אינדערפרי האָבן בערדיקע קעפּ באַ אידן אויסגעזען, ווי איבערגעברענטע כעדים־קנויטן פון די וואַקסענע ליכט. דער טאָג איז געווען כמורנע. און קופּקעסווייז האָבן פון הינטערגעסלעך אלע ווילע געוויזן זיך באָכערים און צוריק פאַרשוואונדן געוואָרן. עפּעס לויערדיק אַזוינס האָט געשוועבט אין דער כמאַריקער לופט. ערגעץ הינטערן שטאָט אין דער שאָפּע פון שטעטלשער פּאָזשאַרנע האָט בערעלע קאַטאָרזשאַן און וועלוול קאַנאַריק קאָמאַנדעוועט מיט כעוורע און האָט אין זיי אַרייַנגעטאַינעט:

— כאַווײרים, כאַווײרים!

און בערעלע האָט גערעדט צו די געדונגענע גויאישע קלעזמער:

— כאַווײרים, קלעזמער! איר זיינט אויך רעוואָלוציאָנערן! מיט מוזיק. באַלד וועט זיין, כאַווײרים, די לעוואיע פון דער אלטער וועלט. מיט מוזיק. און מיר מוזן אַלע גיין.

די גויאישע געדונגענע קלעזמער האָבן געקניפּט שטיקער בולקע פון די קעשענעס, געסמאַרקעט אין די אַרבל און געלאַכט.

און אין שול האָט מען זיך געשטעלט צום מוסעף. דער טאָנעס איז געלעגן שווער אַף די אויסגעדאַוונטע ליפּן. אַלע האָבן זיך געשאָקלט צוזאַמען מיט די טריבע פּלעמלעך פון גרעבער־און קורצער־געוואָרענע וואַקסענע ליכט. און ווען שווינדלדיקע מידקייט האָט אַראָפּגעבויגן די קערפּערס צו די בענק און צו דער ערד, האָט זיי צוריק אופגעריסן הערש־דאָווידס פּלוצימדיקער „כתר״, וואָס ער האָט ערגעץ אויסגעגראָבן פונם מאַכזער, ווי אַ מעציע.

די שול איז געווען אָנגעפילט מיט קרעכצן. ס׳האָט געשמעקט מיט שוויס און מיט כיילעוו און מיט היי, און פון יעדן איד האָט זיך געצאַפּט טפילעס און פּאַיעס און טרערן — פונם מויל, פון דער נאָז און פון

די אויגן, און מ׳האט געמישט די מאַכזיירים, צו זען, ווי ווייט איז נאָך צו דער „אַוואַנגאַרדע".

און ווען אידן האבן זיך מיט פרישער פּאַרכטיקייט אופגעשטעלט און אין שול איז אופגעגאַנגען דער ציטער פון דער „אַוואַנגאַרדע", האט זיך אין די פענצטער פון שול אַ זעץ געטאָן דאָס מעשענע געקלאַנג, וואָס איז אַנגעשוואוּמען פון דער גאַס.

לעכאַטכילע האָבן אידן אַראָפּגעלאָזט די טאַלייסים נידעריקער איבער די קעפּ. ביז צו די גאַרטלען. נאָר באַלד האט זיך די „אַוואַנגאַרדע" איבערגעריסן.

הערש-דאָוויד דער כאַזען האָט אַ פאַל געטאָן אַף דר׳ערד. נאָך אים דער ראָוו. און אייניקע אידן זיינען צו צו די פענצטער.

אַ שיטערע מאַכנע יונגוואַרג מיט אַ רויטער פאָן, וואָס האט געפלאַ-טערט צו דער שול, ווי אַ גרויסער אָנגעצונדענער פאַקעל אַף דער גאַס, מיט קלעזמער, האבן זיך דערנענטערט צו דער שול, בלאָזנדיק פון די מעשענע מיילער דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

בערעלע קאַטאָרזשאַן האט אָנגעפירט די מאַניפעסטאַציע און אַלע ווילע אַ הויב געטאָן די האַנט צו דער שול:

— נידער מיט דער אַלטער וועלט!

ערשט נאָך אים האָבן זיך דערהערט עטלעכע אורא-אויסגעשרייען, וואָס זיינען געגאַנגען פון דער מאַניפעסטאַציע. נאָר די מוזיק האט גע-זעגן די אָרעמע גאַס און זי אָנגעפילט מיט רויטע מעשענע קלאַנגען.

און פון די צעעפנטע שול-פענצטער האבן אַרויסגעוויינט גראָווע פלאַקסענע קעפּ. מ׳האט זיך געשלאָגן אין די הערצער און געשאָלטן. און אַז די מאַניפעסטאַציע איז שוין געווען גאָר נאָענט צו דער שול, איז מענדל אַרויסגעלאָפן אין טאַלעס און אין די זאָקן, זיך אַריינגעפלאָכטן אין דעם גאַנצן אוילעם און אויסגעשריגן מיט אַ ברעכנדיק געשריי:

— מערדערס! אומברענגערס! נאַט! נאַט!

ער האט זיי געשטרעקט די הענט מיטן מאַכזער, מיטן טאַלעס, וואָס האט זיך שוין אַליין באַוויזן אַראָפּציען פון אים און זיך אויסבעטן אונ-טער די טריט פון די מאַרשירנדיקע:

— נאַט! נאַט! רייסט פון מיר אַראָפּ דעם טאַלעס! און רייסט פון מיר אַראָפּ די הויט! און רייסט פון מיר אַרויס די נעשאָמע! נאַט! נאַט! איך בין שולדיק! איך! מיין קינד!

און די קלעזמער האבן, ציענדיק מיט די פיס דעם טאַלעס, אים אויך מיטגעשלעפּט. ס'זיינען אַרויס פון שול נאָך אידן. מ'האט זיך ארופגעוואלגערט איינער אַפן אַנדערן און בערעלע האט אופגעהויבן די פאָן אינדערהויך מיט א קאָמאַנדע:

— כאַווײרים! פּאָרויס! נידער מיט דער אלטער וועלט!

אין שול זיינען די זקיינים געלעגן מיט די פּענעמער צו דעם פּאָל און האבן אַרייגעווײנט אין שטויביקן היי. נאָר דער אלטער סענדער האָט זיך אַ ריס געטאָן, איז צו צום פענצטער און מיט דארע אויסגעטריקנטע קולעקעס ארויסגעשריגן אין דרויסן אַרויס:

— שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הו!

XVIII

ציינדן זיך איינמאָל לעמפּ אָן אין אַ האַרבסטיקן אָוונט.

ציינדן זיך אָן לעמפּ אין דער גרויסער שאָפּע פון דער שטעטלשער פּאָזשאַרנע.

אידן גייען פון מאַירעוו — פאַרזאָרגטע. נידערגעשלאָגענע. אין פאַרזאָרגטע קעפּ אין זייערע באָמבלען זיך אָנגעוואָרפענע רויכיקע מאַכשאָוועס, ווי האָלעוועשקעס, וואָס קאָנען זיך ניט אויסברענען. ס'דרייען זיך די קעפּ אַהער, אַהין און האָבן מוירע צו קוקן מיט אָפענע אויגן. עס שלעפּט זיך זיי נאָך דער מאָרעשכוירעדיקער פאַרנאַכט פון דער אָפּגעשיילטער שול, וואָס זעט אויס, ווי אַ וויסט זקייניש מויל מיט א פינצטערן גומען, וואו ס'קריכן ווערעמדיק אַרום שאָטנס פון זקיינים — אַ מויל אָן אופגעפּראַלטס, נאָר וואָס שרעקט זיך אַ געשריי טאָן צו די פינצטערע לויערדיקע הימלען.

גייען זיי, די אידן, פאַרזאָרגטע, נידערגעשלאָגענע און ניט באַמערקטערהייט שטעכן זיי זיך אָן אף לעמפּיקע שפּיזן פון דער באַלויכטענער שאָפּע, ווי אף גאָלדענע גאָפּלען. פון ביידע זייטן גאַס לויפט מען אין פּאָזשאַרנע-שאָפּע אף א מיטינג.

— ס'האט זיך זיי פאַרגלוסט, ס'האט זיך זיי פאַרגלוסט, — האט זיך דער אַלטער סענדער צוגערוקט צו א פּאָר אידן, — ס'האט זיך זיי פאַרגלוסט איבערקערן א וועלט ... ס'האט זיך זיי פאַרגלוסט. און איצטער לאָזן זיי גיין א קוק טאָן אַפּן וואָקזאַל אין בערדיטשעוו, וואס סע טוט זיך דאָרטן ... ווי זאַלמען דער נעמאָן ליגט אויסגעצויגן אף דער פּלאַטפאָרמע אָן די שטיוול. אט אזוי מיט א האלב פּאָנעם ... אָט אזוי וועלן זיי זען, וואָס ס'האט זיך זיי פאַרגלוסט ... וועלן זיי זען, וואס זיי האבן אָנגעמאַכט אף דער וועלט ... וועלן זיי זען ...

אין שטעטל האט מען שוין געוואוסט, אז בערמאַנס געוועזענער נע־מאָן, רעב זאַלמענען, האט מען געהאַרגעט אין בערדיטשעוו אַפן וואָק־זאַל. מ׳האט שוין אַפילע אויך געוואוסט, אז ס׳זיינען פאַראַן נאָך האַ־רוגים... אידישע האַרוגים... אידן, וואס זיינען פונערגעץ געפאָרן אַהיים און שוין געבליבן אַפן וועג... אזוי, ניטדערפאָרענע... דאָך האָבן אלע, קרעכצנדיק, נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— טאַקע ער? רעב זאַלמען, וואס האט געדינט בא בערמאַנען?

— נאָך ווי אזוי רעב זאַלמען!.. נאָך ווי אזוי... מע זאָגט, אז ער ליגט אזוי מיטן בילעט אין דער האַנט... מיטן בילעט, וואָס ער האט געקויפט אַף אהיים צו פאָרן... ליגט ער אזוי מיט אים, מיטן בילעט, אין א קאַליעזשע בלאָטע, אַפן בערדיטשעווער וואָקזאַל. אף דער פלאַט־פאָרמע, אין בלאָטע... די האידאַמאַקעס, זאָגט מען. די היידאַמאַקעס...

— מיטן בילעט? — טאַקע מיטן בילעט אין דער האַנט, — שוידערן די אידן ארום דעם אַלטן סענדער, — גאָטס צאָרן!..

— מיטן בילעט, — קרעכצט אָפ דער אַלטער סענדער, — ער האט אוואַדע געמיינט, אַז זיי ווילן בא אים דעם בילעט. האט ער מיסטאַמע געוויזן דעם בילעט... ער האט גאָרניט געוואוסט, אז מע וויל בא אים די נעשאָמע...

— יאָ, יאָ, — כאַפּן אידן אונטער דעם אַלטן סענדער, — יאָ יא, מ׳האט שוין גאָרניט געמיינט דעם בילעט... גאָרניט דעם בילעט...

— און זי, דאס מיידל זיינס, ווייסט שוין?

— יענע, זאָגט מען, איז בהיט גאָט ניט באַ די געדאַנקען.

— וואו?

— זי איז בא קאַנאריקן. די שוסטערקע האט זי גענומען צו זיך. זי זיצט דאָרטן בא דער שוסטערקע שיווע.

דאסדאזיקע נייס, וואס דער אַלטער סענדער דערציילט, אז דער האָ־רוג ליגט דאָרט אף דער פלאַטפאָרמע מיטן בילעט אין האַנט, מאַכט באַ אַלעמען מיטאַמאָל נידעריקער די קעפ און אלע געבן א פרואוו מיט זייערע אייגענע פינגער, ווי אזוי מע האלט א בילעט, און קאָנען גאָרניט אופהערן צו רעדן וועגן דעם:

— מיטן בילעט... אזוי וועט ער, הייסט עס, קומען, רעב זאַלמען, אף יענער וועלט מיט א בילעט...

— נו, — רופט זיך אפ עפעס א איד, — נו, און מע וועט אים, הייסט עס, דאַרפן מעקאַבער זיין, אזוי ווי מע האט אים געהאַרגעט, האַ? לויטן דין!.. מיטן בילעט...

דער אַלטער סענדער קלאַפּט מיטן שטעקן איבער דער ערד:

— ס'האט זיך זיי פאַרגלוסט! אויבן, דאָרט, זעט מען אַלץ. מע זעט, נישקאָשע, מע זעט. און ט'האט איר אייך! און ניט נאָר דאס אליין. מ'עט זען, ווער ס'עט פריער מיד ווערן... מ'עט זען!.. נו, און די באַנען? וואס טוט זיך איצטער אַף די באַנען? דאס, וואס מע וואַרפט אידן לעבעדיקערהייט פון די באַנען — איז עפעס סטאם, מיינט איר, געוואָרפן? כאָלילע! מע וואַרפט פון דאָרט, פון אויבן, — ווייזט דער אַלטער סענדער מיטן פינגער אַפן הימל, — דאָרט הייסט מען, וואַרפט מען...

גייען אידן מיט אַראָפּגעבויגענע שווערע קעפּ. זיי גייען לאַנגזאַם און שטעלן די טריט איבער דער ערד, ווי איבער אַן אָפּגרונט. זיי זעען אַלץ, ווי רעב זאַלמען ליגט דאָרט אף דער פּלאַטפאָרמע פון בערדי־טשעווער וואָקזאַל אָן די שטיוול מיט א בילעט צונויפגעקוועטשט אין די פינגער און זיי זיפצן אָפּ אין דער נאַכט אריין:

— א שיינע ווערט האט דער מענטש... דער גאַנצער רעב מענטש...

נאָר דער אַלטער ראָוו גייט פונם שול מיט גיכע טריט. ער איילט זיך עפעס. דער ווינט האט אים מיט זיין אייגענער באָרד איבערגעדעקט ס'פּאָנעם, ער זאָל ניט זען די בושע, ווי אידישע קינדער פליִצן צו דער באַלויכטענער שאָפּע פון דער שטעטלשער פאָזשאַרנע. די פיס זיינע די אַלטע רוקן זיך גיך, פונקט ווי עמעצער וואָלט זיי אים אונטערגע־שטופּט.

ער איז צו צו זיין שטוב.

אין קיך האָט געוווינט דער סאַמאָוואַר אין קוימען אַריין. די רעביצן, איינגעוויקלט אין אַ וואַטאָווע לייבל און איבערגעדעקט מיט אַ שאַלעכל דעם קאָפּ ביז צו די אויגן, איז געשטאַנען באַם טאפּטשאַן און געהאַקט צוקער אף קליינע שטיקלעך.

און ווען דער שאַמעס האט צוגעטראָגן דעם ראָוו אַ שטאַרק־אָנגע־צויגענע גלאָז טיי מיט דער קרישטאָלענער צוקער־פּושקע, האט זי דער ראָוו אָפּגערוקט פון זיך און פונם סייפער און זיך אָנגערופן:

— אַריע! גיי צו אַהין, צו דער שאָפּע. גיי. און זאג, זיי זאָלן זיך פּאַנאַנדערגיין. גיי. גיי זאָג, אז ווי אַזוי גאָט וועט וועלן אַזוי וועט זיין. גיי. ס'איז אַלץ בא אים אין די הענט, אריע. גיי זאָג זיי.

דער ראָוו האט איינגעהאַלטן אין זיך א ציטער, וואס איז אים גע־לאָפן איבערן פּאַנעם — אין מויל און פונם מויל. די באָרד איז אים גע־קראָכן פונם קאָפּ אראָפּ, ווי א גראָווער הארבסטיקער פּאַרנאכט. אַ גרוי־סער און באפּעלערישער איז ער געזעסן איינגעמויערט אין זיין שטול און זיך ניט באַוועגט.

— גיי אריע, גיי. זאָג, זיי זאָלן זיך ניט מישן. די שטאָט איז אין אַ סאַקאָנע. מ'איז איינגעשטעלט. גיי, אַריע.

אין שטוב איז געווען שטיל. יעדער וואָרט איז זיך צעגאַנגען איבערן צימער, זיך אָפּגעשלאָגן אָן די ווענט, אָן באַלקן און זיך צוריק אומגע־קערט צו זיין מויל. נאָר אינם שאַמעס קאָפּ ווערט פון רעגע צו רעגע ענגער. ער האלט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און לאָזט האכנאָעדיק פאלן אף אים די ווערטער. זיי שלאָגן אים, די ווערטער. און זיי שטופּן אים. צוזאַמען מיט די ווענט. צוזאַמען מיט דער שטוב.

און אַריע שאַמעס האט זיך אַרויסגערוקט.

אין שאָפּע פון שטעטלשער פּאָזשאַרנע איז געווען ליכטיק און אָנגע־רויכערט, און טומלדיק. דידאָזיקע קוואַדראַטנע אַכסאַניע פאַר פּאָזשארנע־פערד מיט די צוויי אופגעלויכטענע פענצטערלעך, האָט איצט אַזוי גאַד־לעסדיק געקוקט אַפן שטעטל, פונקט ווי זי וואָלט אינדערעמעסן פאַר־שטאַנען די וויכטיקייט פון איר ראָלע, וואס זי שפּילט אין דער היינטיקער נאַכט. און מיט אירע בלינדע צוויי ווענט האט זי דאָך עפּעס געדראָט. עפּעס אָנגעזאָגט און עפּעס פאַרטאַיעט.

באַם ארייַנגאנג אין דער שאָפּע איז געשטאנען אַ פּאזשארניק, דורכ־לאָזנדיק דעם אוילעם, וואס האט זיך געדיכט און היפּש אַריינגעציילט אינעווייניק, — האט ער צו יעדן באזונדער גוטברודעריש געוואונקען און געשמייכלט:

— שטופּ זיך ניט! טריט ניט אַף די פיס!

ער איז ניט געוואוינט געווען צו אט דעם נייעם אוילעם.

טעמפּע סינע האט בא אים אראָפּגעגלאנצט פון דער קירקע, וואס איז אף זיין לעדערנעם רימען געהאנגען.

ווען ער פלעג אמאל אוועקגאַנוועגען א פעקעלע טוטין אין א אידיש קרעמל אין א טומלדיקן מאַרק־טאָג, האט ער געוואוסט, אַז דער קרעמער זעט.

און ער האט קיינמאל ניט געקאנט מויכל זיין דעם פאסקודנעם קרע־מער דאס, וואס ער קוקט אים אונטער די פינגער.

אבער דער מעשענער צילינדער־הוט זיינער מיט די צוויי מעכטיקע דאַשיקעס האבן אים שטענדיק געשיצט מיט אַזאַ קעניגלעכער אומבאַ־דירלעכקייט און באם שטעטל האבן דידאזיקע צוויי דאַשיקעס אַרויס־גערופן גרויס דרעכערעץ, ווי יעדער אומפארשטענדלעכע זאַך. און מ׳האט טאַקע ערלעך און קאָשער ניט פאַרשטאַנען:

— צוליב וואָס דאַרפן זיי צוויי דאַשיקעס, די פּאָזשאַרניקעס?

נאָר זיין מעשענע קרוין מיט די צוויי דאַשיקעס האט ער, וואַסיל, אין דעמדאָזיקן אָוונט ניט אָנגעטאָן. דערפאַר האָט ער אויסגעזען נידערי־קער, ווי שטענדיק, און עפּעס ווי ניט מיט אַלעמען. ער האָט זי בלויז אָנגעמאָסטן, אַ קוק געטאָן אין זיין קליין שפּיגעלע, א קוק געטאָן און מער נאָרניט. נאָכדעם האָט ער זי צוריק אופגעהאַנגען נעבן דער פער־דישער אמוניציע, ער זאָל אַף איר קאָנען קוקן פון דער ווייט.

אינם היינטיקן אָוונט האָט ער מוירע געהאַט אויסזען, ווי אַ גענעראַל צווישן די פאסקודנע אידן, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם גאָסודאַר, דעם קייסער און ווילן אַרופזעצן אַף זיין אָרט אַ זייעריקן.

ער ווייסט.

און דער אוילעם האָט זיך געשטופּט. געשמייכלט צו אים, ווי צו זייער אַ היימישן מענטשן, אָבער אָן דעם אירעס־האַקאָוועד, צו וועלכן ער איז געוואוינט, ווען ס׳בלאַסקעט פון אים אַראָפּ די פּאָזשאַרנע־אוניפאָרם.

און אַז מאָטעלע באַלעגאָלע איז אָנגעקומען, האָט ער אים גלייך אַ פרעג געטאָן:

— וואַסיל! און וואו איז ערגעץ די קרוין? וואַסיל?

וואַסיל דער פּאָזשאַרניק האָט מיט קאַעס געקוקט אַפן באַלעגאָלע, וואס קאָן אַפילע ניט אָנטרייבן א פּאָר פערד, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און געשוויגן.

— טו אָן, וואַסיל, די קרוין, ועסטו אויסזען, ווי ניקאלאַי דער דר י־טער! ווי איך בין א איד, וואַסיל!

מאָטל האט זיך געפּילט באַזונדער היימיש. ער וועט דאָ באַלד מאַכן אָרדענונג. ער וועט דאָ באַלד זיצן אויבנאָן באַם טיש און קוקן אַפן נאַראָד. און, ניט באַקומענדיק קיין ענטפער פון וואַסיל דעם פּאַזשאַרניק, האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז ווי אַ באַלעבאָס אַליין צוגעגאַנגען צו די בליאַסקענדיקע מעשענע צוימען, וואָס האָבן באַשיינט די פערדישע מאָרדעס פון דער שטעטלשער פּאַזשאַרנע. ער האָט זיי באַטאַפּט, ווי אַ גרויסער מייוון און ווי אַ נייער באַלעבאָס, וואָס האָט זיי ערשט ניט לאַנג אָפּגעקויפט. און דאַרטן טאַקע האָט ער אָנגעמאַסטן אַף זיין אייגענעם קאָפּ וואַסילס דעם פּאַזשאַרניקס מעשענעם צילינדער מיט די צוויי דאַשיקעס.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז מאָטעלע באַלעגאַלע אַ שטראַלנדיקער דערשינען אין שאָפע אין דער מעשענער קרוין. זי האָט אים פּאַרדעקט אַ האַלב פּנים און זיך אים אַריינגעשניטן אין די אויערן. נאָר ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער גייט דאָ אַרום אָנגעטאָן אין וואַסיל דעם פּאַזשאַרניקס גוטס. ער האָט זיך באַמיט רעדן הויך. באַפעלעריש. אַז יעדער איינציקער זאָל זיך אומקוקן אויף אים און זען, ווי ער פּאַנאַמאַרעוועט עס אַרום אין דעם קייסערס באַלעבאַטישקייט.

— מאָטעלע, ס׳ברענט!

— מאָטעלע, דעם נאַסאָס!

— מאָטעלע, די פּאָמפּע! — ס׳האָבן זיך מיטאַמאָל אַף אים אַ שאָט געגעבן עטלעכע פייערלעשערישע באַשטעלונגען און ער האָט געשיינט פון טאַינעג און פון קאַוועד. ער האָט באַשיימפּערלעך געפּילט, אַז ער האָט זיך פּאַרט דערלעבט צו אַ שטיקל פּאַטשאָט אין שטאָט. נאָר ער האָט זיך באַמיט צו זיין ערנסט און שטרענג און אַף דער געהעריקער הויך:

— וואָס? — האָט ער מיט אַרופגעצויגענער שטרענגקייט זיך קלוימערשט געבייזערט.

— וואָס עפּעס פּאַרא מאָטל - פּאָמפּע, מאָטל - נאַסאָס? איך הייס פּראַסט — כאַווער מאָטל! וואָס זאַגסטו, וואַסיל? — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום פּאַזשאַרניק, אויסטועענדיק דעם מעשענעם צילינדער, — האַ?

אָבער דער פּאַזשאַרניק האָט זיך ניט אומגעקוקט אַפן באַלעגאַלע. ס׳האָט אים ניט געטראָגן אַ קוק טאָן אַף דעם באַלעגאַלע, וואָס האָט זיך אַזוי צעלייגט אין דער קאַזיאָנער פּראַצע. ער וואָלט אים, דאַכט

זיך, מיט דער קירקע — אט אַזוי אָ־אָ, — וואָלט ער געוואוסט, וואס זאגט וואסיל. נאר...

נאר ס'האבן אים געפלאַקערט די אויערן. און ער האט זיי געקילט מיט ווינטיקער פייכטיקייט פון דער הארבסטיקער נאכט, וואס האט גע־באָדן דאס גאנצע שטעטל.

צום סאף האט ער זיך אליין אויסגעזידלט, אויסגעשפּיגן און איז פאר דאסאַדע אַוועק.

ניט געקוקט אפן גרויסן אוילעם, מיט די פאַרשיידנאַרטיקע רייכעס, וואס יעדערער האט אָנגעטראָגן, האט אין שאָפּע דאך געשמעקט מיט פערדן־קויט און מיט דזשעגעכץ פון אָנגעשמירטע לעדערנע שלייעס. די מעשענע צוימלעך מיט די פּאָזשארנע־גלעקער זיינען געהאנגען אַף די ווענט, ווי כאַנוקע־לעמפּלעך און פון הינטער די ווענט האבן זיך אלע ווײַלע ארײנגעריסן פאַרשיידענע פערדישע הירזשערייען.

ס'איז וואס א רעגע געוואָרן הייסער, דושנער און פאַרעדיקער. אוילעם האָט זיך געשטופּט, זיך אָפּגעטראָטן די פיס, זיך געקראַצט אונטער די היטלען און אונטער די קאָלנערס און האט געוואָרט, ווען וועט זיך שוין אָנהויבן און וואָס וועט עס זיין.

אַלע האבן געוואוסט, אַז עס דאַרף עפּעס רעדן אן אָראַטערקע. דער־פאַר האט די נייגיריקייט אַזוי געשטיגן און אַרויסגערופן שמייכעלעך אַף דערשלאָגענע, פאַרזאָרגטע פּענעמער פון אידן.

— וואס זשע, ס'וועט טאַקע רעדן אַ „זי״? וואָזשע וועט זי אַזוינס רעדן? און וואס פלוצים א „זי״?

— אַ „זי״, א „שמי״ — א נאפקעמינע!

פונדעסטוועגן האבן בא אידן געגלאַנצט די אויגן פון פאַרבאַהאַל־טענעם כיישעק.

אַלע האבן שוין גיכער געוואָלט זען, ווי אַזוי זעט זי עפּעס אויס, און אַף אַלעמענס מיילער איז געלעגן אַזאַ פלײשיק צופרידענער שמייכל.

— טאַקע א „זי״! או־ווא! אידן האבן זיך דערלעבט! ממע! אדעראבע, מירן הערן!

— כ'בעט אייך, און אז א „זי״, איז וואס? — האבן זיך שוין מער דרייסטערע אַריינגעמישט, — א נייס בא אידן א „זי״? און ווי איז

דוואָירע האַנעוויע? און וואו איז מיריעם האַנעוויע, האַ? זיי זיינען עפּשער ניט געווען קיין נאָשים?

ס'האָבן זיך אַביסל צעהיצט געמיטער. עפּשער האָבן אידן טאַקע געמיינט, אַז ס'האָט זיך איבערגעקערט די וועלט און ס'זיינען אַזוי אַרום אַראָפּגעפאַלן די דוואָירעס און די מיריעמס. עפּשער זיינען זיי געווען סטאַם נייגיריק צו זען, ווי אַזוי זעט אויס אַ אישע, וואָס שטעלט זיך איין רעדן צום נאַראָד. און אייניקע זיינען עפּשער געגאַנגען גלאַט פאַר ביזוואונדער. אָבער אַלע האָבן שוין צופּיל געדרייט מיט די אַקסל, און אַרויסגעלאָזט דינע געשניצטע הוסטעלעך. אַזעלכע הוסטעלעך, וואָס געבן צו וויסן, אַז מ'איז דאָ, אַז מע וואַרט. צופּיל האָבן אייניקע געקוקט אַף די אַנדערע מיט ניט פאַרבאַהאַלטענעם פאָרגעפיל פון איבערראַשונג. צופּיל האָבן אייניקע אויגן גערעדט צו אַנדערע וועגן גרויס מייווינעס אַף אַן אווייִרע. און —

— און וואָס זשע, אַז אַ „זי”? אַז אַ אישע? דוואָירע איז קיין אישע ניט געווען? און זי, ראָכאָוו? זי איז כאָלילע געווען פון די בראַטשנע?

און האַרט בא דער בלינדער וואַנט איז איבער צוויי ליידיקע פעסלעך געווען איבערגעלייגט אַ ברעט, פאַרדעקט מיט אַ שטיק רויטן ציץ. און אַ פאָרהאַנג, ווי בא אַ קימפּעטאָרן, האָט אָפּגעטיילט דעם לינקן ווינקל פון דער שאָפּע.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלינג פון אַ גלעקל. און בעשאַסן קלינגען איז פון הינטער דעם פאָרהאַנג אַרויסגעגאַנגען בערעלע קאַטאָרזשאַן, וועלוול קאַנאַריק און נאָך זיי — אַ באַוואָפנטע פרוי אין מיליטערישע קליידער.

צווישן אוילעם איז גלייך געוואָרן אַ איבעראַשט. מ'האָט זיך גלייך אָנגעהויבן שפּאַרן:

— זי מוז אַוואַדע זיין פונעם פאַנצער-צוג.

— און פון וואַנען ווייסט איר, אַז זי איז אַ „זי”?

— נו, אַז איר גלויבט ניט, טאָ גייט, זייט מויכל, גיט זי אַ פרעג!

ס'איז אויגנבליקלעך געוואָרן שטיל, און מיט אַ פעסטער הייזעריקלעכער שטים פון אַ מענטשן, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט אונטערוועגס, האָט אַ רעד געטאָן די מיליטערישע פרוי. זי האָט גערעדט קורץ און אָפּגעהאַקט. זי האָט נאָר פון צייט צו צייט אַרויסגענומען פון איר

פּאָרטפעל פּאַפּירן, זיי דורכגעקוקט בעשאַסן ריידן און זיי איבערגעגעבן צו בערעלע קאַטאָרזשאַן, אַז ער זאָל זיי שוין אליין ארייגלייגן צוריק אין פּאָרטפעל.

זי האט גערעדט וועגן פּראָנט, וועגן ניט אָפּגעבן די שטאָט, וועגן פּראָוויאַנט, און דער אוילעם האט געריבן איינער דעם צווייטן די רוקנס, געפּאָכעט אינדערלופט מיט די בערדלעך און געדרייט די קעפּ אין אַ זייט אזוי, אז בלויז זייערע אויערן זאָלן אויסקומען אנטקעגן דער אָראַטערקע.

זיי האבן ניט איינגאַנצן קלאָר פארשטאַנען וועגן וואָס זי רעדט. און אין די פּאוזעס האט איינער באַם אנדערן געכאַפּט א פרעג, אַזוי ווי מע כאַפּט א גמ'לעסכעסעד:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, איז וואָס זשע וויל זי?

נאָר ניטדערוואַרטנדיק זיך איינער באַם אַנדערן אַף קיין ענטפער, האט מען ווייטער געטריבן די אויערן אַרויף צו דער ברעט, וואס איז געלעגן אַף צוויי פעסער, פאַרדעקט מיט רויטן ציץ, און געוואַרט, ביז ס'שוין אליין אָנגעקומען א וואָרט פונם אוילעם:

— הערסט, זי רעדט דאָך דיבורים! פּאָשעטע אידישע דיבורים. אלץ, וואס זי האט גערעדט, האט מען ניט אַזוי פאַרשטאַנען, ווי אָנגעשמעקט מיט די נעזער. נאָר דאָס, וואס זי האט געזאָגט וועגן ניט אָפּגעבן די שטאָט, האט דער אוילעם אינמיטן איר רעדע זיך אליין געפרעגט:

— וועמען? וואס הייסט אָפּגעבן די שטאָט?

אינם דאָזיקן אָנצוהערנס האבן אידן דערפילט אומגליק. נאָר זיי האבן זיך באמיט עס אָפּטרייבן ווייטער פון געדאַנק און הערן, וואס די רעד־נערקע וועט רעדן ווייטער.

אייניקע פון זיי האבן געזוכט מענדלען און מיטן געדאַנק באַ אים גע־פרעגט:

— רעב מענדל, איר מוזט אַוואַדע וויסן, וואס זי זאָגט? איר האט דאָך אַ זון, א... פון זייערע... האַ?

נאָר מענדל איז אין שאָפּע ניט געווען. מענדל איז געלאָפן איבערן וועג — א פאַרסאפּעטער, אָן אן אָטעם. ער איז געלאָפן אין שאָפּע. ער האט שוין געוואוסט. וואס האט ער געוואוסט? ער איז געלאָפן אין שאָפּע מיט א פינצטערער ידיעה... ער איז געווען באַ פּאָפּעליוכען.

באַ טאַראַסן. און טאַראַס האט אים געזאָגט, אַז באַנאַכט וועט מען פונם וואלד אַריינגיין אין שטאָט. און ס'דאָרף וועט אויך ניט שווייגן. איז ער געלאָפן. ער האט, דאַכט זיך, געזען, ווי דער וואלד יאָגט אים נאָך מיט לאָמען און מיט קאָלפיקעס. נאָר ער האט זיך מוירע געהאַט אומקוקן. ער איז געלאָפן. ס'איז אים געווען הייס. און אין וועלכער זייט ער האט ניט אויסגעדרייט דעם קאָפ, האט ער געזען זאלמען דעם נעמאָן, ווי ער ליגט אין א קאַליעזשע בלאטע מיטן בילעט אין דער האַנט, דאָרט, אין בערדיטשעוו, אַפן וואָקזאַל. אַף דער פלאַטפאָרמע. און ס'האט זיך אים פלוצים א דוכט געטאָן, אַז דאס גאַנצע שטעטל אידן ליגן אין איין גרויסער קאַליעזשע בלאָטע מיט בילעטן אין די הענט, אין פאַרקאָר־טשעטע פינגער, און ער לויפט צווישן זיי פון טאַראַס פאפעליוכע מיט אַ פינצטערער יעדיע און דער וואַלד לויפט אים נאָך...

מאָטעלע באַלעגאָלע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויבנאָן, ווי א פריסיאזשנער און אַראָפגעגלאַנצט אַפן אוילעם מיט אויגן גליקלעכע פון שטאָלץ און דערעכערעץ איניינעם. יעדער אומפאַרשטענדלעך וואָרט, וואס ער האט געהערט פון דער אָראַטערקע, האָט ער עס איבערגעכאַזערט אינדערהויך אַף א קאָל און גלייך עס פאַרשריבן באַ זיך אין א ביכעלע. ער האט אין איין האַנט געהאַלטן דאָס ביכעלע און אין דער צווייטער אַ בליישטיפט. און אַלע ווײַלע אַ לעק געטאָן דעם פאַרשניצטן שפיץ און עפעס פאַרשריבן. די לעצטע צייט, זינט ער איז געוואָרן א מענטש באַ די באָלשעוויקעס, האט ער זיך אליין אופגעגייט א ביכעלע און פאַרשריבן אהין אלצדינג, וואס ער האט באַדאַרפט צו טאָן און אויך האט ער אַריינגעשריבן אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס האבן זיך די לעצטע צייט א שאָט געטאָן אין שטעטל. דאס, וואס ער האט באדארפט טאָן, פלעג ער פאַרשרייבן מיט אַ טאָג פריער. ער האָט ליב געהאט אופעפענען ס'ביכעלע און זיך אליין פרעגן:

— נו, כאַווער מאָטל, אַף מאָרגן? אף מאָרגן דאַרף מען אָפנעמען צייטונגען, פאנאנדערקלעפן דעם דעקרעט און אויסכאַזערן אַ נײַ ליד.

און אף דעם זייטעלע, וואָס ער האט איצט געהאַלטן, האט גערוט דער גייסט פון ענציקלאָפעדיע. דאָרטן זיינען שוין אין א ווערטיקאַלער ליניע געווען אויסגעקריצט אַסאַך ווערטער, וואס ער האָט זיי היינט אַף דער נאַכט געהערט צום ערשטן מאָל פון דער נייער אָראַטערקע.

דערפֿאַר איז ער געווען אַזוי ערנסט און אַלע ווײַלע אונטערגעקליבן עטלעכע טיפֿע קנייטשן אַף זײַן ברוינעם אָפּגעווינטיקטן שטערן, וואָס איז מיט צוויי רוי־ווײַסע ווינקלען געקראָכן אין די האָר.

אַף קאַנאַריק שוסטער האָט ער פֿונדעסטוועגן געקוקט די גאַנצע צײַט. ער האָט געוואָלט, אַז קאַנאַריק זאָל זען, ווי ער, מאָטל באַלעגאָלע, שרײַבט דעם רעטעש. ס'איז אים געגאַנגען אין זײַן נײַעם קאָוועד, וואָס ער האָט געהאַט אין שטאָט. און אַז קאַנאַריק האָט זיך ניט אומגעקוקט, האָט מאָטל אַ נעם געטאָן באַ וועלוולען דאָס גלעקל און א קלינג געטאָן צום אוילעם, ס'זאָל זײַן אָרדענונג.

— זע נאָר, זע דעם נײַעם פּאָזשאַרניק! זע נאָר, זע אַביסל, מיטן גלעקל! אַנדערש טויג אים ניט, נאָר מיטן גלעקעלע. אַי, א נאָמען נאָך דיר, מאָטעלע גאַנעוו.

קאַנאַריק שוסטער האָט געזאָדטן אַף מאָטעלען און אַף זײַן באָכער, וואָס איז געזעסן באַם טיש:

— רעדלפֿירער! — האָט ער געוואונקען צו זײַן באָכער פֿון צווישן דעם אוילעם. ער האָט געהויבן די אַקסל און געוואונקען צו אים:

— אַף אויבנאָן! מיטן גלעקל! און נאָכדעם זאָל מען פּאַסעווען ס'לייב! און שניידן שטיקער! אויסגעריסן זאָל ער באַ מיר ווערן! אזא כאָלעריע!

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער רעדנערקע און אַ זאָג געטאָן אין אוילעם אַרײַן:

— אַז פֿון היץ זאָלן זיי שוין אַלע אָנהויבן רעדן! א גאַסט אין שטאָט! א שיינער גאַסט אין שטאָט!

ער האָט דראָענדיק א דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי מיט אַ פֿויסט, אויס־געשפּיגן אַביסל קאַעס פֿונם מויל און האָט זיך געלאָזט צוריק אַרויס פֿון דער שאָפּע, נאָר ער האָט דערזען זיך אַרײַנרײַסן רעב אַריע דעם שאַמעס.

ער איז געגאַנגען שנעל, דער שאַמעס. פֿאַנאַנדערגעשטופּט דעם אוילעם מיט די זײַטן. ניט אומגעקוקט זיך. זײַן געל פּאָנעם, זײַן געלע באָרד און זײַן געלע אָפּגעקראָכענע פֿוקסענע היטל האָבן געפֿלאָסן צווישן די קעפּ פֿונם אוילעם. מיטן שטעקן און מיט די פֿעסטע שאַמעסדיקע אַקסל זײַנע האָט ער זיך דורכגעשניטן דעם וועג צום טיש, פֿונוואַנען ס'האָט זיך נאָך געטראָגן דאָס הייזעריקע קאָל פֿון דער רעדנערקע.

עפּעס גרויזאמס, מאָרעשכוירעדיקס האט דער שאַמעס אַריינגעטראָגן אין שאָפּע מיט זיין אָנקומען.

ער האט זיך האסטיק א שטעל געטאָן אַף א באַנק, וואָס איז געשטאַנען ניט וויט פונם טיש, און אויסגעשריגן מיט זיין געניט שאַמעסדיקן קאָל, וואס איז געווען געוואוינט צו שרייען הינטער אידישע פענצטער אין פינצטערע פרייטיקצונאכטסן:

— אידן, צעגייט זיך! צעגייט זיך, אידן!

ס'האט אים באַלד פארפעלט דער אָטעם, נאָר ער האט זיך געשטארקט:

— דער ראָוו האט געשיקט זאָגן — צעגייט זיך!

א הייסער טאפּ האט געטראָגן פון זיין צעשראָקן מויל. אלץ האט פון אים געברענט. ס'האט געברענט זיין געלע באָרד און זיין געל פּאָנעם און זיין געלע אָפּגעקראָכענע פוקסענע היטל. און זיינע ווערטער, די געלע קלעפּיקע ווערטער, האבן זיך ווי וואַפּנע אָנגעפלאַסטערט אף דער רעדנערקעס דינע ליפּן און אַף דעם גאנצן צערודערטן אוילעם.

ס'האבן זיך באלד איבערגעוואָרפן אין דער לופט טויבע געשרייען:

— גערעכט, גערעכט! צעגיין זיך!

אין שאָפּע איז געווארן א סומאטאָכע. אייניקע האבן זיך א ריס געטאָן נעענטער צו דער טיר. אייניקע האבן זיך גענומען שטופּן נעענטער צום שאַמעס. מ'האט אים ארומגערינגלט, שטייף צונויפגעפּרעסט און גענומען ארויספרעסן פון אים נאָך רייד. נאר ער האט שוין מער גאָרניט געקאָנט רעדן. ער האט אינגאנצן געציטערט:

— אידן! אידן! דער ראָוו!..

פונם טיש האט זיך געריסן דאס מעשענע גלעקל באַ וועלוולען אין די פינגער. נאר קיינער האט עס ניט געהערט. אלע פּענעמער פון דעם פארזאַמלטן אוילעם זיינען געווען אָנגעשטעלט אפן שאַמעס און זיי האבן געאָטעמט דעם איבערגעהאקטן אָטעם פון זיינע רייד.

וואַסיל דער פּאָזשאַרניק איז שוין צוריק געווען אין שאָפּע מיט זיין הונט.

ער האָט געהאלטן אין דער האַנט דעם נאסאָס, זיך געשפּילט מיט אים און גערייצט דעם קודלאַטן קעלעוו זייגעם:

— וואָזמי יעווא! ראבינא! ראב־ראב־ראבינא! וואָזמי יעווא!

ער איז געווען צופרידן פונם טומל. ער האָט זיך געקילט דאס האַרץ און גערעדט צו זיין הונט:

— די זשידעס האבן זיך צעשלאָגן! אַלע ווילן זיי זיין קיסריעם! אַלע זשידעס. אַלע. וואַזמי יעוואָ!

דער גאנצער אוילעם איז געווען אויסגעמישט אין איין מעגושעמדי־קער בערדיקער באַשעפעניש און מ'האט ניט געקאָנט וויסן — ווער עס איז פאר וועמען, און ווער — וואוהין צים.

און אינמיטן דעמדאזיקן איבערגעפלאָכטענעם ראַעש און געטומל, האָט זיך אין שאָפע ארייינגעריסן מענדל, אַ פארסאפעטער מיט א איבערגע־קרימטן פּאָנעם פון געלאָף און פון דערשרעק און א געשריי געטאָן:

— אידן! ראַטעוועט זיך!

ס'האָט אים אויך פּאַרפעלט אָטעם, דעם אָרעמען מענדלען. ער איז גע־לאָפן זייער גיך און זיך מוירע געהאט אומקוקן הינטן. ער האט געוויס גע־מיינט, דער אָרעמער מענדל, אַז ער וועט זיך ניט אומקוקן, וועט מען אים ניט זען. און איצט האָט ער אויסגעסאפעט די ווערטער שטיקלעכווייז:

— רייטער־אירע! מיט גויאים. מיט לאָמען. באַנאכט. ראטעוועט זיך!

זיינע ווערטער האבן א דריי געטאָן דעם גאנצן אוילעם אין דער שאָפע אָט אַזוי, ווי מע מישט אויס צעקאָכטן דרויב אין א טאָפּ. אַלע האָבן מאָמענטאַל פארגעסן, וואו די טיר איז. מ'האט זיך א שטופּ געטאָן צו די ווענט. יעדער האט א זוך געטאן א קייווער אונטער די פיס. און וואַסילס הונט האָט זיך געריסן און געהאווקעט.

אַלע האָבן מיטאַמאָל געוואָלט ארויס אין גאס אריין. אנטלויפן. זיך ראטעווען. נאָר עפּעס א שארפע שרעק האט באַ זיי אלעמען צוגענומען די טיר. זיי האבן אין דרויסן אויך מוירע געהאַט ארויס.

מענדלס בסורע האט געקנאקט איבער די קעפּ, ווי א האָגל פון שטיי־נער. זיין יעדער סאפ האָט שוין געשאָכטן. און נאָך איידער ער האָט געענדיקט, איז אין שאָפע אַרייינגעלאָפן גאָדל דער מעשוגענער, אינגאנצן א צעבלוטיקטער. שקאָצים האבן אים אַפן וועג געשלאָגן און צעבלוטיקט. ער האָט אויך געזען רייטער־אירע. ער האָט זיי ניט געזען. ער האָט זיי בלויז געהערט. ווייט. אַפן האָריזאָנט. איז ער אריינגעלאָפן אין פּאָזשאַרנע־שאָפע, אפן מיטינג, א צעבלוטיקטער, ווי א באשטעטיקונג פון מענדלס בסורע, און גענומען אויספינען:

— זיי גייען שוין. צו די בוינעס. זיי גייען שוין.

ער האט געריסן די העמד פונם האלז. זי האָט אים איצטער געוואָרגן, די העמד. זי איז געווען אויסגעשמירט אין בלוט. ער האָט געזוכט א וואונד בא זיך אפן האלז. מיט די פינגער האט ער עפּעס אנגעטאפּט אונטער זיין פארפּאַפּטער באָרד.

נאָר דער אוילעם האט שוין ניט געהערט, וואָס דער מעשוגענער האט געפּיבערט. זיי האבן זיך געגאָסן פון דער שאָפּע. אף פארקערט. מיט די רוקנס צו דער גאַס. און אזוי פאַרן רוקן האט זיך שטיקלעכווייז ארויס־געבראָכן גאָדל מיטן גאנצן אוילעם. ס'האט זיך נאָר געהערט א קרעכץ פון די פּאָזשארנע־טירן און דעם פּאָזשאַרניקס וואָי צום הונט:

— וואָזמי יעוואָ! וואָזמי!

אין שאָפּע זיינען געבליבן בלויז די פרוי אין מיליטערישער אוניפאָרם, בערעלע קאַטאָרזשאַן און וועלוול. מיט זיי זיינען אויך געבליבן דריי פרעמדע באָכערים, וואָס זיינען מיט דער פרוי געקומען. מאָטעלע באַלע־גאָלע האָט זיך בעשאסן געדראנג ארויסגעגליטשט מיט גאַנצן צעפּאָלא־כעטן אוילעם.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן די געבליבענע פאַרענדיקט דעם מיטינג און באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן אין די הענט פאַרלאָזט די פּאָזשאַרנע־שאָפּע.

XIX

אַ קאַסאָקער טאָג האָט געקוקט אויפֿן שטעטל און אראָפּגעטריפֿט אויף דעם מיט כיילעווענער גרויקייט.

ווינטן פֿונעם וואַלד און פֿון די גויאישע גערטנער האָבן איבערגעטאַ־שעוועט שטיבלעך מיט געסלעך, און קעלערס מיט בוידעמס.

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז און וואָס ער איז; נאָר יעדערן איז עפּעס אונטערגעגאַנגען אונטערן גאָרגל און מ׳האָט אויך ניט גע־וואוסט וואָס.

באַם אַלטן רעב סענדער אויפֿן בוידעם האָט זיך עפּעס א רודער געטאָן:

— מע דאַרף וואַרפֿן אַ גורל!

— נו?

ס׳איז געוואָרן נאָך שטילער, בלויז די דערוואָרגענע אָטעמס האָבן זיך קרום געהויבן פֿונעם בוידעם צום דאַך און צוריק. ס׳האָט געשמעקט מיט אַלט פֿלייש, מיט אַלטע פֿארנילייעטע יאָרן און מיט קינדערשן איינגעהאַל־טענעם געוויין.

— נו?

— ווער וועט אַראָפּגיין פֿון בוידעם, געוואוירע ווערן, וואָס הערט זיך אין שטאָט?

אויפֿן בוידעם זיינען געלעגן אָנגעוואָרפֿענע מענטשן אין צוויי רייען. ווייבער און מאַנסבלען. צווישן די ווייבער — א יונגע מאַמע מיט אַ זויג־קינד. צווישן די מאַנסבלען — דער אַלטער רעב סענדער.

אויפֿן בוידעם האָט זיך געוואַלגערט אויסגעטריקנט היי. אויסגעקראָכענע פֿעדעמער היי, ווי אויסגעקראָכענע האָר פֿון עמעצנס זייער אַן אַלטן און זייער אַ טויטן קאָפּ. ס׳האָט זיך דאָרט געדויכערט דער דעך פֿון אַלטע

יאָרן, אויסגעבאַקענע אין שאַבעסדיק־געקאַטעוועטע אויוונס. און שקראַבעס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט. שקראַבעס פון אַלטע שטיוול און שמאטעס און טראָלדן אַרום דעם רויכיק־פּאַרטינקעוועטן קוימען. אין דער זייט — אַ קאסטן פייסעכיק געפּעס. און צוגעטוליעט מיט פּענעמער צו שמאַטעס און צו דעם אויסגעקראָכן ביסל היי, האָבן זיך געראַטשקעוועט די ווייבער און די מאנסבלען.

דער אַלטער סענדער איז ארומגעקראָכן אַף די קני, ווי אַן אַלטער באָק, וואָס זאָל האָבן דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט אַפן בוידעם, — ער איז ארומגעקראָכן און מיט די אלטע אויגן זיינע האָט ער געשניטן די ווייבערשע זייט.

פון דער ווייבערשער זייט האָט זיך אלע ווײלע אופגעכאפּט דאָס קינד מיט א געוויין.

— נו?

אין שול איז מען אויך געלעגן. דאָרט איז ניט געווען קיין היי. איז מען געלעגן אפן פּאָל צווישן די סטענדערס, ווי צווישן הילצערנע מאַצייוועס פון זייער אן אלטן און זייער א טויטן מעס.

דער טאָג איז געווען אַ קאַסאָקע טאָג. ער האָט געקוקט קאַסאָקע אין די פענצטער און אַראָפּגעטריפט אַף זיי מיט כײלעוועגער גראָווקייט.

פונם שטעטל האָט געשמעקט מיט טראָן און מיט כאָליעוועס. מיט אָנגעשמירטע יוכטענע כאָליעוועס. און אין שטעטל איז אזוי ווי ערעוו אַ יאַריד. מ׳איז שוין אָנגעקומען אַפן יאַריד. מ׳איז שוין דאָ. מע וויל כאָליעוועס. מע וויל שטיוול. נאָר די יאַרידניקעס האָבן נאָך זייערע שטעלן ניט צעשטעלט.

— וואו זיינען די שטיוול?

מע ווייסט:

אידן האָבן געבהאַלטן די שטיוול מיט די באָלשעוויקעס אין סינאַגאָגע. די גויאים, וואָס זיינען געקומען דורך די גערטנער, ווייסן. טאַראַס פּאָפּעליוכע ווייסט אויך. ער איז אויך געקומען נאָך שטיוול. ער איז געקומען מיטן ווייב און מיט דער בלינדער שקאַפּע און מיטן קליינעם שייגעצל מיט זיינעם, מיטן פּאַסטעכל, וואָס פלעג טרייבן אידישע בעהיימעס אין טשערעדע אַריין. אַ קליין שייגעצל מיט פּאַרדאַרטער בלאָטע

אַף די באָרוועסע פיסלעך און מיט אַ פלאַקסן קעפל האָר. פּאָפּעליוכעס שייגעצל. דאָס פּאַסטעכל.

— וואָס איז ער געקומען אין שטאָט אריין, פּאָפּעליוכעס שייגעצל, דאָס פּאַסטעכל? מיטן פלאַקסענעם קעפל האָר און מיט דער פּאַרדאַרטער בלאָטע אַף די באָרוועסע פיסלעך! — וואָס איז ער געקומען אין שטאָט אַריין?

— ער וועט דען היינט טרייבן די אידישע בעהיימעס אין טשערעדע אַריין?

ער איז פאַרשלאָפן, דאָס פּאַסטעכל. ס'האָט זיך אים געקערט כאָלעמען, אַז מע וועט היינט טרייבן די אידישע בעהיימעס אין טשערעדע אַריין. ער איז געקומען מיט דער בייטש:

— וואו זיינען די בעהיימעס?

ער דרייט זיך אום און קוקט און נישטערט.

זיין טאַטע, טאַראַס פּאָפּעליוכע, דינגט זיך ערגעץ מיט מענדל מילנער פאַר די שטיוול און קומט מיט אים דורך:

— וואָס וועט קלעקן איין פּאָר שטיוול פאַרן דאָרף און פאַר די פּראַ־וואָסלאַוונע ברידער? מענדליא!

טאַראַסעכע זיצט אַפן וואָגן. די בלינדע שקאַפּע קראַצט מיט דער לינקער פוס די דאַרע דעמבענע ערד. טאַראַס פּאָפּעליוכע איז געקומען אין שטאָט אַריין מיט דער גאַנצער מישפּאָכע. מיטן וויב, מיט דער בלינדער שקאַפּע און מיטן שייגעצל — דעם פּאַסטעכל. דינגט ער זיך, טאַראַס, מיט מענדלען:

— אין סינאַגאָגע ליגן שטיוול, מענדליאַ! דאָרטן ליגן די באָלשע־וויקעס. גיי, ברענג, מענדליא, די שטיוול! מענדליא, גיי! מע וועט קוילען! גיי אין סינאַגאָגע און בעט גאָט און ברענג די שטיוול! גיי!

ס'איז עפּעס אַלץ אין הינערפלעט. דער טאָג איז אַ קאַסאָקער. ער קוקט אַזוי קאַסאָקע און טריפט מיט כיילעוו. האָט וועט ער עפענען א קרום־קאַסאָקע מויל און אַ רעווע טאָן:

— שטיוול!

די קעלערס טאַשעווען זיך מיט די בוידעמס. די בוידעמס זיינען אויבנאָן. מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. די קעלערס זיינען אונטער די פיס.

באַ קאַנאַריקן אין קעלער ליגט געבהאַלטן זאַלמען נעמאָנס מויד. שיינדל. די גאַנצע שטאָט האָט אַף איר ראַכמאָנעס. איר טאַטן האָט מען דאָך געהאַרגעט אין בערדיטשעוו אַפן וואָקזאַל. אַף דער פּלאַטפאָרמע, מיטן בילעט אין דער האַנט.

— וואוהין גייט מען? מע דאַרף זוכן אַן אַנדער אָרט! ס'זאָל זיין זיכע־רער! דאַכט זיך, אַז דאָ אַהער, אין קעלער, וועט מען קומען, זעט אויס. די טריט אַף דער גאַס זיינען אַזוי נאָענט. געוויס זעען זיי, וואָס סע טוט זיך דאָ, אין קעלער. איר, זאַלמען דעם נעמאָנס מויד, דער גרוי־סער מויד, שיינדלען, דאַכט זיך אויס, אַז מע זעט זי שוין,— אַז מע זעט אירע גראָבע פיס מיט די גראָבע קלובעס. קלויבט זי זיי אונטער, די פיס אירע, אונטער די קלובעס.

און דער אַלטער האָט זיך צוגעראַטשקעוועט צו דער זויגערן:

— פאַרשטופּ דעם דאָס מויל, גאַזלענטע! גיב עס עמעצן אָפּ. עפּשער וועט עס באַ עמעצן אַנדערש אַנשוויגן ווערן!

גאָר ס'געוויין פון קינד רייסט אַראָפּ דעם דאַך פונם בוידעם. און ס'טרייסלט זיך דער אַלטער, שיפּענדיק:

— פאַרשטופּ אים ס'מויל!

ווייבער האָבן זיך אַ רודער געטאָן. זיי האָבן מוירע געהאַט צו קוקן אין דער זייט, פונוואַנען ס'האָט זיך געטראָגן דאָס געוויין. נאָר ס'האָבן זיך אַליין ארויסגעוואָרפן פון זייערע פאַזעכעס די ברוסטן.

דער זויגערן פלאַקערן די באַקן מיט אַ קאַלטן פייער און זי וויינט מיט אַ שטיל געוויין:

— ס'איז שטענדיק אַזוי רואיק. אזוי ווי אַ טויב. אַזוי ווי אַ גוטע טויב.

— גיט עס עמעצן אָפּ, זאָגט מען אייך!

ווייבער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט מאַנסבלען, מיט שרעק זיך איבער־געקוקט, און איבער אַלעמען — דעם אַלטן סענדערס קלאָלעדיקע אויגן. און אַ קאַלטער שאָרך פון אַ מאַלעכאַמאָוועסדיקן „שש־שאַ!” האָט אויגנבליקלעך קאַלט געמאַכט די ווייבער זייערע ברוסטן.

דאָס קינד האָט זיך געוואָרפן פון הענט צו הענט. פון איין ברוסט צו דער אַנדערער. ס'איז שוין אַפן צווייטן עק פון די אָנגעוואָרפענע צונויפ־געקנאָדערטע ווייבער.

יעדער אידענע האָט אים אריינגעשטופּט אין מײַלכל די קאַלטע הויט פון איר ברוסט. איבערן גאַנצן בוידעם האָט זיך געאָטעמט פון איין מויל צום אַנדערן אַ קאַלטער מאַלעכאַמאָוועסדיקער אָטעם:

— נו?

— ש־ש־שאַ!

און דער אַלטער סענדער האָט געשיפּעט:

— ראָצכים! נו! פאַרשטופּט אים דאָס מויל,— זאָגט מען אייך!

און מע האָט אים פאַרשטופּט.

וואָס אַמאָל איז דאָס געוויין פון קינד געוואָרן קלענער, דינער און שוואַכער. ווייבער האָבן זיך געהאַלטן אין איין איבערקוקן מיט דער־שראָקענע שפּרינגענדיקע אויגן. אָט צווישן זיך, אָט מיט די מאַנסבלען.

— וואָס האָבן זיי אַזוי געקוקט?

— און דאָס קינד?

— ס'שלאָפט שוין!

נאָר עפּעס אַ כאָרכל. אַ קאַלטער כאָרכל, ווי פון אַ גרויסן מענטשן.

און דאָס קינד ליגט שוין אין איין ריי מיט די ווייבער. אַפן בוידעם. אין אַ זייט.

פּונקט ווי ס'וואָלט אַליין ארופגעגאַנגען אַפן בוידעם, זיך באַהאַלטן פונם טויט. און סע ליגט דאָ אַזוי שטילערהייט. שטילער פון אַלעמען. און וואַרט אַזוי, ווען מע וועט שוין מעגן אראָפּגיין.

און ס'וואַרט.

נאָר דער אַלטער סענדער האָט זיך אויסגעקעקערעוועט מיטן רוקן צו די ווייבער און צום אַנשלאָפן־געוואָרענעם קינד. דורך אַ שפּאַרונע פונם דאַך האָט ער געקוקט אַף דער גאַס.

זאַלמען דעם נעמאַנס מויד. שיינדל.

זי וועט עפּשער איבערלויפן אין אַן אַנדער אָרט. ס'דאַכט זיך איר, אַז מע טאָרעט זי שוין, אַז מע שטייט שוין נעבן איר.

— ווער?

זי האָט מוירע אופהויבן דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן.

זי וועט נאָר איבערלויפן דעם וועג. זי וועט ניט אופהויבן דעם קאָפּ, וועט מען זי ניט זעען. אָט דאָרטן איז די בעקערקע. סאָרציע. וועט זי איבערן וועג ארייַנלויפן צו סאָרציע דער בעקערקע.

— האָ?

און מענדל איז שוין אין שול.

אידן ליגן צווישן סטענדערס, ווי צווישן הילצערנע מאַציייוועס פון זייער אַן אַלטן און זייער אַ טויטן מעס.

די שול איז אָנגעגאָסן מיט קאָסאָקע טאָג, מיט טריפנדיקער כּיי־לעוונער גראָווקייט און מיט „מה אנוש".

— אידן, טוט אויס די שטיוול! טוט אויס, אויב איר ווילט ניט זיצן שיווע נאָך דער שטאָט, — האָט געסאַפּעט מענדל. זיי ווילן שטיוול. א ניט וועלן זיי נעמען מיט די פּיס אײַנייַנעם.

דער קאָסאָקער טאָג האָט זיך צעבויטעט אין שול, ווי מוטנע ברודיקע רינשטאָק־וואַסער אין אַ פּאָסי. ס'האָבן זיך אופגעהויבן הויקערס, ווי קעפּ, און קעפּ, ווי הויקערס. און שטיוול האָבן זיך גענומען ציען פון אָנגעשמאַטעוועטע פּיס. זיי האָבן זיך געצויגן, די שטיוול, קרעכצנ־דיק.

האָבן אידן אַראָפּגעצויגן די שטיוול, נאָך אַ מאָל און צום לעצטן מאָל באַטראַכט די פּאָדעשוועס און געבליבן זיצן אין שול אַף דר'ערד מיט אָנעטשעס, מיט זאָקן און באָרוועס.

אינדרויסן איז עפּעס זייער שלעכט. ס'וועט זיך באַלד אַראָפּלאָזן אַפן שטעטל דער אומגליק, ווי אַ טוטשע־רעגן. יעדער שטיבל וואַרט.

און מענדל לויפט מיט אַ פּאַק אַלטע שטיוול איבערן וויסטן קאָסאָקע טאָג און פאלט און הויבט זיך אוף און סאַפּעט מיט שרעק און ווייסט ניט, וואו איז טאראס מיט זיין מישפּאָכע.

אפן בוידעם בא רעב סענדערן דארף זיין שטיל. מע טאָר זיך ניט פארגינען דעם אָטעם. ס'קלעפּט זיך דאָס אלטע פליש פון די ווייבער אין קאלטן שוויס און אין אנגסטן. ס'גייט זיי אָלע ווײַלע אונטער דער טויט צו די ברוסטן. מע קרעכצט אין זיך. מע שלינגט זיי. נאָר דאָס קינד, דאָס זויג־קינד, וואָס מע האָט מיט זיך מיטגענומען אפן בוידעם ארוף, ווייסט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. סע וויל אביסל וויינען.

דער אלטער סענדער האָט פון קעגנאיבער א שניט געטאָן די זויגערן מיט זיינע קאלטע אויגן. און די זויגערן שטופּט דעם וויינענדיקן קינד די קאלטע ברוסט אין מיילכל אריין:

— ש־ש־ש...

דעם קינדס געוויין האָט געעפנט א שפּארונע אין בוידעם. און ס'האָט אָנגעהויבן אריינרינען טויט־שרעק אין אים, אין בוידעם. אט וועט ער זיך אָנפילן, דער בוידעם, מיט טויט, ווי אן אונטערגעבראָכן שיפל מיט וואסער און וועט דערטרינקען ווערן אין דעם קאָסאָקע טאָג.

ווייבער האָבן זיך אומגעקוקט איינס מיטן אַנדערן און דער אלטער רעבּ סענדער.

ס'האָט אים געשווינדלט דאָס שטעטל. ס'איז עפּעס אלץ איבערגעקערט. מיט די דעכער אראָפּ. נאָר ס'איז שטיל, דאָס שטעטל, אזוי ווי דאָס נאָרוואָס אנשלאָפן־געוואָרענע קינד. אפן גאס איז קיינער ניטאָ. ס'דרייט זיך נאָר ארום דאָס פאסטעכל. טאראס פּאָפּעליוכעס שייגעצל מיטן פלאקסענעם קעפל האָר און מיט דער פארדארטער בלאָטע אף די באָרוועסע פיסלעך. ער וויל אוואדע טרייבן די אידישע בעהיימעס אין טשערעדע. נאָר ס'זיינען ניטאָ קיין בעהיימעס.

— וואו זיינען די בעהיימעס?

— ניטאָ קיין בעהיימעס!

אין קעלער איז שטיל און ס'קריכט דער פאכעד פון איינעם צום אנ־דערן. מע וועט עפּשער גיין זוכן אן אנדער אָרט?

און שיינדל, זאלמען דעם נעמאָנס מויד, מיט די גראָבע פיס און מיט די גראָבע קלובעס, וועט נאָר איבערלויפן דעם וועג צו סאָרציע דער בעקערקע. ס'דאכט זיך איר, אז מע שטייט שוין נעבן איר און מע טאָ־רעט זי שוין.

— ווער?

זי האָט מוירע אופהויבן דעם קאָפּ.

האָט זי זיך געלאָזט איבערלויפן דעם וועג צו סאָרציע דער בעקערקע.

— טאָמער וועט מען ניט עפענען?

— וואָס הייסט מע וועט איר ניט עפענען?

זי וועט אף זיך ארופווארפן א זאק פון מעל, וועט מען ניט וויסן וואָס סע איז.

לויפט שיינדל, זאלמען דעם נעמאָנס מויד מיט די גראָבע פיס, און הויבט ניט אוף דעם קאָפּ. מע זאָל זי ניט זעען.

און דאס שייגעצל, טאראט פּאָפּעליוכעס שייגעצל, וויל טרייבן אין טשערעדע ארייַן. ער וויל טרייבן א בעהיימע. ער וויל טרייבן א גאנז.

ער וויל טרייבן. און ס'קוקט, דאָס שייגעצל, אַף שיינדלען און גיט צו איר א מאַך:

— אַנו!

און שיינדל הויבט ניט אוף דעם קאָפּ. זי האָט מוירע א קוק טאָן, ווער ס'טרייבט זי. און זי גייט.

די גאַס איז וויסט און שטיל. זי פירט, די גאַס, הינטערן שטאָט צום טייך, צו די גערטנער, צום דאָרף. גייט זי, שיינדל, אַזוי ווי א גרויסע גאַנז, א פארשלאָפענע גרויסע גאַנז. און הינטן גייט איר נאָך פּאָפּעליו־כעס שייגעצל, דאָס פּאַסטעכל מיטן פלאַקסענעם קעפל האָר און מיט דער פארדארטער בלאַטע אף די באַרוועסע פיסלעך און טרייבט זי מיט דער בייטש, מיט זיין פּאַסטעכדיקער בייטש, זי זאָל גיין גלייך. זי זאָל ניט אַראָפּגיין פונם וועג. אָט וועט זי באַלד, אַט די גרויסע פארשלאָ־פענע גאַנז, געבן א גאָנער איבער ליידיקן שטעטל:

— ג־ג־גאַ־אַ־אַ!..

און דער אַלטער סענדער קוקט דורך דער שפּאַרונע פונם דאַך און ווייסט ניט, צי ס'איז שוין טאַקע איינגאַנצן שטיל. צי קען מען שוין אַראָפּגיין.

אַפּן בוידעם איז זייער שטיל. דאָס קינד וויינט שוין ניט.

נאָר דאָס פּאַסטעכל טרייבט זאַלמען דעם נעמאָנס מויד, שיינדלען, ווי א גרויסע פארשלאָפענע גאַנז. ער טרייבט זי צום טייך זייער שטיל און פרידנדיק, ווי ער פלעג אַמאָל טרייבן א אידישע בעהיימע אין טשערעדע.

— גיי! — האָט ער איר א זאָג געטאָן, ווען זיי זיינען שוין געווען נעבן טייך, — גיי! אין וואַסער אַריין!

און שיינדל איז ווי א גרויסע פארשלאָפענע גאַנז אַריינגעגאַן אין טייך. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם און פּאַמעלעך, ווי איבער א שניי — ווייטער און טיפער. ביז די קני. ביזן בויך. ביזן האַלז און — איבערן קאָפּ.

און פּאָפּעליוכעס שייגעצל, דאָס פּאַסטעכל מיטן פלאַקסענעם קעפל האָר און מיט דער פאַרדאַרטער בלאָטע אף די באַרוועסע פיסלעך, האָט געקוקט.

XX

האט זיך געצויגן דער אלטער פאַרקלערטער שליאַך מיט די צוועלף ווערסטאָווע סלופּעס אין פרימאָרגיקע האַרבסטיקע נעפּלען. ער האט זיך געצויגן פון אינמיטן דעם מאַרק אָן. פון אינמיטן די צוויי שורעס קרעמלעך, פון אינמיטן דער גרויסער פּאָסי — אַ הארבאַטער וועג, אַ זאָקן — ביז צו די דריי קאַליטקעלעך פונם איירעוו. פונם איירעוו ביזן ערשטן געשטרייפטן סלופּ. און צום צווייטן, צום דריטן און ווייטער, ווייטער אין די פרימאָרגיקע האַרבסטיקע נעפּלען.

ס'האבן זיך דראָטן טעלעגראַפישע אויסגעוויינט אַ גאַנצע הארבסטיקע נאכט. ס'האבן ווינטן אף דראָטן געגעכטיקט א גאנצע הארבסטיקע נאכט. פינצטערע ווינטן. זיי האבן באַנאַכט אויסגעריסן אַ טעלעגראַפישן סטויפּ און דערלאַנגט מיט אים דעם אלטן וועג איבערן האָרבאטן בויך און אנטלאָפן.

ווינטמילן מיט געלעכערטע שינדלדיקע פליגל האבן אומזיסט נאָכגעפּאָכעט נאָך אנטלאָפענע ווינטן.

האָט זיך דער פריטשמעליעטער שליאך געצויגן פון סלופּ צו סלופּ, פון דערפל צו דערפל — ווייט אין פרימאָרגן אַריין.

ס'האבן אים דאָס שטעטל, די קרעמלעך און די פּאָסי אַרויסגעשיקט, דעם וועג, אין דער וועלט אַריין, ווי אַן אלטן פארשטויבטן בעטלער מיט שטעקנס און טאָרבעס, — זיי האָבן אים ארויסגעשיקט ווייט אין דער וועלט אַריין — אויסבעטלען אָרכים, פרעמדע אָרכים פון דער גרויסער טרויעריקער וועלט.

— ווער וועט היינט דער ערשטער אָנקומען?

— ווער?

אין טריבן האַרבסטיקן פרימאָרגן זיינען פון הארבסטיקע נעפּלען אָנגעקומען גויאישע פורלעך — די ערשטע.

זיי זיינען ארופגעקראָכן אַפן אלטן וועג, וואָס פירט אין שטעטל אַריין צו די קלייטלעך, צו דעם מאַרק און צו דער פּאָסט. נאָר איידער זיי זיינען אין שטעטל אַריינגעפאָרן, האבן זיי זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט, אויסגעשניטן מיט די רעדער אַ האלבע לעוואָנע אינמיטן שליאַך, עפּעס געקוקט און באַטראַכט; געשטורכעט מיט דער בייטש און נאָכגעקוקט. און איבערציילעמענדיק זיך — געפאָרן ווייטער.

אינמיטן שליאַך, פאַר דעם אַריינפאָר אין שטעטל אַריין איז געלעגן אַ מענטש מיטן פּאָנעם אַראָפּ און מיט שמייכלדיקע ציינער געביסן די האַרבסטיקע פייכטע ערד. אַ האלבער שאַרבן פון זיין קאָפּ מיט צעפּאַטלטע בלאָטיקע האָר, ווי וואָרצלען, איז געלעגן באַזונדער, איבערגעקערט, ווי אַ שיסעלע מיט וואסער פאַר דאָרפישע הינער...

נאָר הינער זיינען ניט געקומען טרינקען.

דער הארבסטיקער פרימאָרגן האט אַליין געטרונקען פונם האלבן שאַרבן טוי־געטראַנק... דער מענטש איז געלעגן מיטן בויך און מיטן פּאָנעם אַראָפּ, פונקט ווי ער וואָלט אַ גאַנצע נאַכט באשלאָפן דעם וועג מיט אַ הייסן, מיט אַ זיסן ליבע־שלאָף...

און זיינע נאַקעטע הענט אונטער צעריסענע העמד־ארבלען, האָבן מיט אויסגעקרימטע פארשטארטע פינגער ארומגענומען די ערד און זי געצויגן, געצויגן, ווי ער פלעג אַמאָל ציען זיין העמד און זי ניט געקאָנט ארויסציען...

אָ, ער איז נאָך געקומען אפן שליאך פריער, איידער די גויאישע פורלעך. ער איז געקומען און זיך אוועקגעלייגט אַף אים אינדערלענג און אינדערברייט און אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ אַ האלבן שאַרבן און אים אַוועקגעלייגט אין דער זייט, ווי אַ שיסעלע טוי, ס'זאָלן דאָרפישע הינער קומען טרינקען און אופהויבן די מיילעכלעך צום הימל.

נאָר דאָרפישע הינער זיינען ניט געקומען טרונקען.

ס'האט געטרונקען דער האַרבסטיקער פרימאָרגן מיטן מויל אַראָפּ. און גויאישע פורלעך האָבן, פאַרבייפאָרנדיק, אויסגעשניטן אַרום אים אַ האלבע לעוואָנע מיט די רעדער און זיך איבערגעציילעמט.

איבערגעציילעמט, אַ שטורך געטאָן מיט דער פּושעלע פֿון דער בייטש און געטראָפֿן:

— טויט!..

ער איז געווען מיד. ער איז געווען טויט. ער האט געשמייכלט צו דער הארבסטיקער פייכטער ערד מיט זיינע אָפּגעדעקטע ציינער.

ער איז געווען מיד. ער האט דאָך אַ גאנצע נאַכט געהוליעט מיט שקאָצים און מיט שיקסעס אין דאָרף. נאָך די פּיס זיינע זיינען געווען טרויעריק. נאַקעטע, פארשמירטע טרויעריקע פיס. דארע פיס מיט שי־טערע האָר, ווי בײַ אַן אָפּגעפּליקטן האָן נאָכן סמאָליען. ס׳איז געווען פריילעך אַ גאנצע נאַכט. די דאָרפישע שקאָצים און שיקסעס האָבן זיך געמאַכט פריילעך מיט אים אַ גאנצע נאַכט.

זיי האָבן, שלאָגנדיק, אים געשטופּט סאמאגאָנקע מיט כאַזער אין מויל אַריין און געשריגן:

— טרינק, גאָדל! טרינק! עס! אַניט ווען מיר אָפּשניידן פון דיר. פון דיין לייב. און ווען מוזן עסן פון דיין אייגן זשידאָווסקע לייב! עס!

זיי האבן אים געוויזן אף זיינע צעריסענע הויזן — צווישן די פיס — פונוואנען ס׳האט ארויסגעטאָרטשעט נאָכהענגעדיק פלייש און געד־ראָעט:

— אָט פונדאנען ווען מיר שניידן. פונדאנען! און ווען עסן!

האט ער געצויגן די העמד פון זיין לייב. געצויגן, זיך געשטיקט און געלאכט. געצויגן און געקוקט מיט איבערגעקערטע אויגן אף די איקאָנעס. אף די פינצטערע איקאָנעס געקוקט און געשפּיגן.

האבן אים פריילעכע שקאָצים אוועקגעוואלגערט אַף דר׳ערד, געשטופּט דאָס שטיקל ווייסע רויע כאַזער אין הייסן שוימיקן מויל אַריין:

— עס, גאַוונאָ היליקער! עס! מירן שניידן! פון דאנען! אָט! זעסט? פון דאנען און ווען עסן!

אין ווינקל האט מען געשפּילט אַף א הארמאָשקע. מ׳האט זיך געקויקלט און געקנאָטן מיט שיקסעס אין כוואַליעס פון געלעכטער און אלע ווילע אַ קוק געכאפּט, ווי ער זעט אויס, דער מעשוגענער „רעזניק", וואס האט זיך געוואָרפן אף דער ערדענער פּאָדלאָגע.

— וואָס? ער עסט ניט? — האט איינער פונם ווינקל אַ געשריי גע־טאָן, — ער עסט ניט? ניין?

ער האט גלייך צוגעשלעפּט אַ שיקסע צו אים, פאַרהויבן איר ספּאָד־ניצע איניינעם מיט דער גראָבער לייוונטענער העמד ביזן בויך און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אויב דו עסט ניט, זאָלסטו זיך שוין לייגן מיט דער שיקסע! שוין! אַפן אָרט! אַניט שניידט מען דיר באַלד אָפּ! גיך!

די שיקסע האט זיך אַ ריס געטאָן מיט געלעכטער פונם שייגעץ, זיך צורעכט געמאַכט די ספּאָדניצע און צוגעלאָפן צוריק צום ווינקל, וואו די האַרמאָשקע האט ניט אופגעהערט צו כריפּען.

גאָדל איז געלעגן אַף דר׳ערד און געסאפּעט מיט די איבערגעקערטע אויגן און געביסן די העמד. ער האט זיך געוואָרפן, ווי אַ געקוילעטער ביק. ער האָט גאָרניט געפילט אַף זיך די מאַסע פון דריי שקאָצים, וואָס זיינען אַף אים געווען אַרופגעוואלגערט. ער האט נאָר געהערט קרייצנ־דיקע שטימען, וואָס האָבן געבליצט מיט מעסערס:

— נו? גיך! מע שניידט, בראַטצי!..

און מ׳האט געשניטן!

אין דער פינצטערער הארבסטיקער נאַכט, וואס האט געזויגן פייער־לעך פון קליינע דאָרפישע כאַטעס אף שווארצער ווייטקייט אַרום און אַרום, האָבן בלויז געוויינט טעלעגראַפישע דראָטן. באַם וועג, און ווינטן האָבן אויסגעריסן א טעלעגראַפישן סטויפּ און דערלאַנגט מיט אים אַ טויבן טשמעל איבערן אלטן שליאַך, וואָס דאָס שטעטל האָט ארויסגע־געשיקט אין דער וועלט אַריין נאָך אָרכים...

איז דער ערשטער אופגעגאַנגען

— גאָדל.

ער האָט זיך געלייגט אינמיטן וועג — מיט דער וואונד צום טויבן פייכטלעכן שטויב און מיט די מעשוגענע הענט אַרומגענומען די ערד.

ער האָט זי געוואָלט אַרויסציען, די ערד, ווי זיין העמד; און, אַרומ־נעמענדיק די ערד, האט ער נאָכאַמאָל און צום לעצטן מאָל אַ געשריי געטאָן:

— כ׳וועל אים אַרויסציען, דעם גאָלעס!

נאָכדעם זיינען געקומען די גויאישע פורלעך מיט קארטאָפל, מיט קרויט און מיט בוראַקעס. זיי האָבן דורכגעשניטן אַפן שליאַך מיט די

רעדער אַ האלבע לעוואָנע, זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט, געשטורכעט מיט די פּוזשעלעס פון בייטשן און געטראָפן:

— טויט!..

— אַ היילי‌קער,— האָבן זיי צוגעשאָקלט מיט די פּויערישע קעפּ,— אַ היילי‌קער!

איבערגעציילעמט זיך און געפאָרן ווייטער — צו די קלייטלעך. צום מאַרק. און צו דער פּאָסי.

און ווען זיי האָבן אין מאַרק דערציילט, אַז אַפן וועג ליגט אַ גע־האַרגעטער, א היילי‌קער, פּונקט פאַרן אריינפאָר אין שטעטל,— האָבן שוין אידן געהאט געריסן קריע נאָך אים און גויאישע פורלעך מיט קרויט און מיט קאַרטאָפל זיינען זיך שוין געפאָרן איבערן וועג — גלייך. אָן איבערייס. אָן פאַרשפּעטיקונג. און קיין האלבע לעוואָנע מיט די רעדער אַפּן שליאַך ניט אויסגעשניטן. זיי האָבן זיך בלויז אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן איבער א סטויפּ, וואָס איז געלעגן אינמיטן וועג.

דעמאלט האָבן זיך פּויערים דערמאנט:

— געווען אַ שטארקער ווינט באנאכט. אַ שטאַרקער ווינט. געבושע־וועט. אָנגעמאַכט שאָדן. א שטארקער ווינט.

זיי האָבן נאָר אָנגעבויגן די קעפּ, באַטראַכט די רעדער מיט די אַקסן, צי ס׳איז גאָרניט קאַליע געוואָרן און זיך אויסגעצידלט מיט אַ פריילעכן:

— וויאָ!

און געדאַכט האט זיך, אַז זיי האָבן אַ פריילעכן שמייס געטאָן דעם טאָג, דעם פאַרנעפּלט - פוילן האַרבסטיקן טאָג,— אַז אים האָבן זיי אַ שמייס געטאָן מיט דער בייטש, ווי אַ פוילע קריכעדיקע שקאַפּע.

אין די נעזלעכער האָט זיי שוין געקיצלט דער רייעך פון אַרבעס און פון שענק. און די ברייטע כאָליעוועס זיינען נאָך געוואָרן ברייטער אין פאָרגעפיל פון פידיען און פון גוטן מאַרק - טאָג.

און נאָך פונדערווייטנס האבן פּויערים געטרונקען מיט די אויגן דעם שענק און אַזוי, דאכט זיך, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ:

— געווען אַ שטאַרקער ווינט באנאכט. געבושעוועט.

דעם אויסגעריסענעם טעלעגראפנעם סטויפּ, וואס דער ווינט האט גע־וואָרפן אין וועג, האָט צוגענומען ס׳דאָרף. גאָדלען האָט אופגעהויבן פון וועג ס׳שטעטל. און צום וואָקזאל האָבן אידישע באַלעגאָלעס אופגעהערט פאָרן.

אומזיסט האָט אָפּגעטרויערט גאנצענע טעג און נעכט דער אלטער הארבּאטער וועג, וואַרטנדיק אַף אַן אומעטיקן גלאָק פון אַ באַלעגאָלישער פור און אַף אַן אוירעך פון דער ווייטער טרויעריקער וועלט.
צום וואָקזאל האָבן אידישע באַלעגאָלעס אופגעהערט פאָרן.

ווען מענדל איז געקומען צוריק פון דער לעוואַיע, האָט פראַדל זיין ווייב נאָך געהאלטן אינמיטן וויינען. ס'איז איר געוווען געדראָלן די נאָז און די ליפּן. קיין אויגן האָט מען ניט אַרויסגעזען. זי האָט הויך גע־סמארקעט אין אַ האנטעך. און אַז מענדל האָט זיך באַ איר אָנגעהויבן בעטן:

— נו, הער שוין אוף, פראַדל, גענוג שוין, —
האָט זי זיך ערשט פונדאָסניי צעוויינט:
— אַז האָסט דען געזען, מענדל, דעם קאָפּ, האָסטו דען געזען? גאָדלס קאָפּ! ווי' איז מיר! אַ שטיק איז געווען אָפּגעריסן אין אַ זייט... פינצטער איז מיר, פונקט אַזוי ווי...
זי האָט זיך פאַרצויגן וויינענדיק. זי האט עפּעס געזוכט אַ פאַרגלייך און ענדלעך האָט זי אַ כאַפּ געטאָן:
— זי האָט דאָך אויסגעזען, די קאָפּ זיינע, ווי אַ בלעכענע פּושקע, לעהאוודל, מיט אַן אַראָפּגעריסן דעקל, פינצטער איז מיר, מענדל, אָט אַזוי, ווי די צוקער־פּושקע מענדל!
— זע נאָר, ט'שוין ניט געפונען וואָס צו זאָגן, אידענע, אַ קאָפּ איז באַ איר אַ פּושקע! פּושקע, נאַ דיר פּושקע!
מענדל האָט זיך געבייזערט:
— דאָ איז אַ מענטש, א האָרוג, אַ קאָדעש און באַ איר איז דאָס אַ פּושקע! הער שוין אוף! הער שוין אוף, כ'בעט דיך!
פראַדל האט זיך דערשראָקן און ס'האָט איר גענומען באַנג טאָן:
— עפּשער טאָר מען טאַקע ניט זאָגן אַף קיין מעס אזא וואָרט?
זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן אָנגעהויבן צוריקכאַפּן, מיט אַ פאַרשעמט פּאָנעם:
— נו, איז ניט. וואָס האָב איך דען אַזוינס געזאָגט? אָבער האָסט דען געזען, וואָס איז געוואָרן פון גאָדלס קאָפּ? פון אַזאַ קאָפּ? פינצטער איז די וועלט זיינע!

מענדל איז שוין געזעסן באַם טיש און זיך געבייזערט:

— געזען, געזען... נו, נו! אַלע האָבן געזען!..

צו פאַרנאַכט צו האָט אַ קאַלטער רעגן זיך געלאָזט איבערן שטעטל. אַ קאַלטער ווינטיקער רעגן האָט זיך צעוויינט אף די פינצטערע דעכער און אַף די שויבן. ס'האָבן זיך געקלאפּט די לאָדנס איבער די ווענט מיט די שטאַבעס.

צוגעדעקט די פענצטער און צוריק אָפּגעדעקט.

מענדל האָט אופגעשטעלט דעם קאָלנער און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— וואו גייסטו שוין ווידער, מענדל? אין אזא פינצטערניש!

מענדל האָט ניט געוואָלט מאפסעק זיין. האָט ער בלויז אַף לאָשנקוי־דעש אַ מאַך געטאָן:

— האָ! לאָדנס. ווינט. שאָדן גאָדל.

אידן האבן זיך אַזוי אפגיך אַרויסגעכאַפּט. צוגעקייטלט די לאָדנס, וואס האבן זיך געריסן פון די זאַוויסעס און נאָך שנעלער זיך אַריינ־געכאפּט צוריק אין די הייזער מיט אַ ציטער:

— נו, א דרויסן!..

אפן גאַס איז קיינער ניט געגאַנגען. אידישע הייזער האבן פריער ווי געוויינלעך אַריינגעצויגן די קנייטלעך פון די לעמפּלעך און די פייערלעך פון די פענצטער, און מ'האָט זיך קרעכצנדיק געלייגט.

ס'איז געווען קאַלט און אומהיימלעך אין די בעטן. פאַר די אויגן האט זיך געוויגט דער שליאַך מיט גאָדלען. ער האט געצויגן די גאַנצע ערד פון זיין לייב, פונקט ווי ער האט געצויגן די העמד.

מענדל האט ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. דאס גאַנצע שטעטל האט זיך, דאַכט זיך, געהוידעט אַרוף און אַראָפּ.

אָרעמע שטעטלעך, אָפּגעוואָרפענע, ווי קופּעס מיסט אַף קרייצונגען פון ברייטע העפקערע וועגן, וואס גייען ערגעץ אין דער וועלט אַריין מיט סטויפּעס, ווי מיט שטעקנס. און קאָנען אין ער'געץ ניט אָנקומען.

אַ קאַלטער שוויס האט באשלאָגן מענדלען איבערן גאַנצן לייב. ער איז געלעגן גלייך אויסגעצויגן, ווי אַ מעס. די פינגער פון זיינע פיס האבן באַם סאָף בעט אופגעבלאָטערט די קאָלדרע. האט ער אַף זיך ניטווילנדיק געכאַפּט אַ קוק און אַ טראַכט געטאָן.

— אָט אזוי זעט אויס אַ מעס, ווען מען דעקט אים איבער. ווען ער ליגט שוין אָן אָפּגעהויבענער אַף דר'ערד. אָט אַזוי האט אויסגעזען גאָדל, ווען מ'האט אים צוגעדעקט. אָט אַזוי.

מענדל האט אומיסטן א דריי געטאָן מיטן קאָפּ, קעדיי זיך דערפילן א לעבעדיקן און אַרויסגעזיפּצט מיטן געדאַנק:

— אַ שיינע ווערט האט דער גאַנצער מענטש אַף דער וועלט.

— א שיינע ווערט!..

די הייזער אַפן גאַס האבן אויסגעזען, ווי פאַרבלאָנדזשעטע בוידן, וואס זיינען פאַריזנעט געוואָרן און שוין געבליבן נעכטיקן. ביז ס'וועט ווערן טאָג. זיי זאָלן זען, וואוהין זיך צו רירן ווייטער אין וועג אַריין.

דערווייל האבן איבער זייערע דעכער פריי און העפקער אַרומגעבוישעוועט ווינטן, באַשמעקט די שינדלען. געפּרואווט די לאָדנס. און זיך צוגעהערט צו די וויסטע זיפצן, וואס האבן זיך פון די הייזער געריסן.

און אינדערפרי איז מען אין דעם שטעטל געוואוירע געוואָרן, אַז אפן פלאנט באַם דריטן פונקט, ניט ווייט פון וואָקזאַל ליגן דריי אידישע הארוגים.

אידן זיינען געלאָפן איבערן מאַרק און ניט באַמערקט, ווי איינער שלאָגט זיך אָן אָן אנדערן. געלאָפן, געטאפּט די שווערע בלייערנע לופט מיט דערשראָקענע שטומע אויגן און ניט געוואוסט, וואוהין אייגנטלעך זיי לויפן.

— אלע באַלעגאָלעס זיינען אויסגערונען. אלע,— האט איינער צום אנדערן געשריגן.

— וואו זיינען עס די באַלעגאָלעס? וואו זיינען זיי? וואו נעמט מען אַ פּאָר פערד? וואס טוט זיך דאָ אין שטאָט?

מענדל איז אין זיין לאנגן צעשפּיליעטן מאנטל געשטאנען באַ מאָטעלע באַלעגאָלע אין שטיבל און געקלאַפּט אין טיש:

— שפאן איין, מאָטל! שפּאן איין! מע דאַרף ברענגען דריי אידן צו קייווער־איסראָעל!

נאר מאָטעלע באַלעגאָלע איז געשטאַנען באַם פענצטער א דערשראָקענער און געדרייט מיטן קאָפּ:

— כ'ל ניט פאָרן, רעב מענדל. כ'ל ניט פאָרן. זי ט'פייגערן אינמיטן וועג. און כ'האב מוירע. אַזאַ צייט, גיי פאָר!

— מאָטל, דו וועסט פאָרן!

— כ'ל ניט פאָרן, רעט מענדל. דערהארגעט מיך. אָט דאָ אָפן אָרט. כ'ל ניט פאָרן.

— נו, שפאַן איין! כ'וועל אליין פאָרן. גיך. שפאַן איין.

בא מאָטעלע באַלעגאָלע אין אלקער איז אין איינעם פון די ווינקלען געשטאנען אַן עמער מיט פאַרדאַרטן קלייסטער. און די באַרשט איז געווען איינגעוויקלט אין אַ דעקרעט, וואָס מאָטעלע פלעג פאנאנדערקלעפּן אַכן שטאָט. עפּעס האט זיך פון אָט דעם עמער מיט קלייסטער געצויגן א וועג צו עזרען און פון עזרען צו מענדלען און פון זייביידע—אהין, צום פלאנט, אין פעלד אריין, דאָרט, וואו ס'זיינען געלעגן די הארוגים. און ס'האט אים געטריבן, מענדלען. ס'האט אים געיאָגט. ער האט אליין וועגן דעם זיך ניט אפגעגעבן קיין קלאָרן חשבון. נאָר געפילט האט ער, אַז ערגעץ איז דאָ פאַראַן עזרע. ער זעט אים ניט, נאָר ער איז דאָ פאראן. ער פילט, דאַכט זיך, ווי עזרע לייגט אים אַרוף די האנט אַף דער פלייצע און שמייכלט צו אים מיט ליבע:

— אַי, טאַטע, טאַטע!

און ס'גיט זיך אין אים עפּעס א בראָך. און ער ווייסט ניט וואָס. נאָר ער וויל שוין וואס גיכער אַרויס. אַוועק. ערגעץ פון דאָרט, פון פלאַנט הערט ער עזרעס קאָל:

„אַי, טאַטע, טאַטע!" און ער גיט נאָך אַ מאָל א געשריי צו מאָ־טעלע באַלעגאָלע:

— נו. שפאַן מאָטל! גיך! כ'ל אַליין פאָרן! אליין!

באַנדיטן און האידאַמאַקעס האבן געבושעוועט אף דער גאַנצער ליניע. פון די נאָענטע וועלדער. זיי האבן אָפּגעשטעלט צוגן און וואָגנס און דורכגייער און זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט זיי, לויטן גלויבן. ווען זיי האבן ס'לעצטע מאָל אָפּגעשטעלט דעם צוג, האבן זיי סאַכאַקל געפאַקט איין אידן אין א טעפּלושקע. ס'איז געווען א ליידיקע טעפּלושקע. און אין א ווינקל איז אַף אַ זעקל שמאַטעס געזעסן אַן אַלטער איד, אויך ווי אַזאַ מין זאַק מיט קישקעס און מיט ביינער.

דער איד האט גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבן געשריגן צו אים. ער האט קאָל יאַמאָוו געקליבן שמאַטעס מיט ביינער אין מיסט. און איצט איז ער געפאָרן אין אַ צווייטן שטעטל.

— ביסט א קאָמוניסט, — האבן זיי צו אים געשריגן, — א באָלשעוויק!

און ווי אַן אַלטן זאַק מיט קישקעס און מיט ביינער און מיט אנדערע פּאַסקודסטווע האָבן זיי אים אַראָפּגעוואָרפן פון צוג, ווען די רעדער האבן געקייעט פונקען אויסגעשלאָגענע פון רעלסן.

ווינטן האָבן נאָכדעם אופגעקליבן איינציקווייז די שמאַטעס, די ביינער, מיט דעם איבעריקן פּאַסקודסטווע און עס געבראַכט אין שטאָט אַריין.

נאָר די דריי דערהאַרגעטע באָלשעוויקעס זיינען געלעגן. קיינער האט זיך צו זיי ניט צוגערירט. יעדער איינציקער האט מוירע געהאט אריבער־טרעטן דעם איירעוו, וואס האָט אָפּגעגרענעצט דאָס שטעטל פונם דאָרף און פונם וויטן שיקערן וועג.

פראדל האט אן אופגעציטערטע געוואַרט, ס'זאָל שוין גיכער קומען מענדל. זי האט אויך געוואוסט, אז דריי הארוגים ליגן ערגעץ הינטערן שטאָט. זי האט נאָר ניט געוואוסט גענוי, וואו. האט זי זיך אַרומגע־דרייט איבערן שטוב. אלע ווילע צוגעגאַנגען צום פענצטער און אנגסטן האבן זי באַשלאָגן:

— וואו איז ער ערגעץ? א איד זאָל אין אַזאַ צייט אַוועקגיין און ניט זאָגן, וואוהין ער גייט. און וואָס ער גייט. גאָרניט.

זי איז אַרויס אַפן בריקל און אים אָנגעהויבן רופן אינדערהויך אַף א קאָל, איבער דער גאַנצער לענג פון גאס:

— מענדל! מענדל! מענדל!

זי האט אַזוי געשריגן, ביז זי איז אַראָפּ פונם בריקל און אַריינגע־גאַנגען צו אַ שכיינע א צעטומלטע און אַ צעשראָקענע:

— וואוהין האט ער עס געקאָנט אַוועקגיין? אלע אידן זיצן אין אַזאַ פינצטערער צייט אין דר'היים. בא זיך אין שטוב. און מיין אומגליק איז אַזוי גרויס!

זי איז צוריק אַרויס פון דער שכיינע און ווידער אָנגעהויבן שרייען איבערן גאַס:

— מענדל, מענדל!

נאָר מענדל איז געפאָרן אַף מאָטעלע באַלעגאָלעס שפּאַן צום דריטן פונקט פונם פלאנט. צום וואָקזאַל. ער איז געפאָרן ברענגען אידישע הארוגים אין שטאָט אַריין.

דאס פערד האט ער ניט געשלאָגן. ער האָט נאָר צו דעם גערעדט. זיך באַ דעם געבעטן. און געשלאָגן האָבן עס טויזנטער טויזנטער קרומע שניידנדיקע בייטשן פון דעם קרומען הארבסטיקן רעגן. און געטריבן האָבן די טויזנטער בייטשן דאָס פערד איינעם מיט מענדלען. ס׳האט געגאסן פון אלע הימלען. ס׳האט זיך געדאַכט, אַז דער הארבסטיקער רעגן איז איצטער מעטאער מענדלס גוף לעבעדיקערהייט. מענדל קוקט ניט אַפן אָרעמען פערד, נאָר די ערד לויפט אים אַליין אַנטקעגן פון רעכטס, פון לינקס, פון ווייט און פון אַנטקעגן.

ערגעץ האָט ער דאָ געפילט עזרען, דער אָרעמער מענדל. צי אינם רעגן, צי אינם פעלד, צי דאָרט ערגעץ און די נעפלען, נאָר ער האָט ערגעץ אַרום זיך געפילט עזרען. ער וועט אים, דאַכט זיך, באַלד דערזען, ווי אַפן עטאַפּ.

אָט וועט זיך באַלד א שטיק בלייערנער הימל אונטערלייגן אונטערן פערדס פיס און אונטערן וואָגן. און מענדל האט מיט זיין דורכגעווייקטן לייב, דורך די פאַרוואַסערטע מאַלבושים, דורך דער אָנגעטרונקענער היטל, וואָס האָט אים געבויגן דעם קאָפּ,— האָט מענדל, אָפּטרייבנדיק פון זיך דעם געדאַנק וועגן עזרען, געהאַט בלויז איין באַגער:

— איך זאָל זיי כאָטש ביז נאַכט ברענגען אין שטאָט אַריין. אידישע הארוגים זאָלן ניט נעכטיקן א איבעריקע נאַכט אין פרייען פעלד. ס׳זאָלן זיך, כאָלילע, קיין קלאָווים צו זיי ניט דאָביוען.

און אַז זיין ווייב פראַדל איז אַריינגעקומען צוריק אין שטוב פון די שכיינים, האָט זי גענומען לויפן איבער די צימערן אין קיך, און פון קיך צוריק אין די צימערן, פון דארט צו א פענצטער, צו אַ צווייטן און זיך קנייפן אין די באַקן:

— פינצטער איז מיר! פאַרוואָס האָט מען אים געלאָזט פאָרן? גוואלד, גוואַלד, ווער האָט אים געהייסן פאָרן? פאַרוואָס האָט מען אים געלאָזט פאָרן? זי האָט אָנגעהויבן וואָיען:

— איצטער איז אייך שוין גוט! איצטער, אַז איר האָט אים געשיקט אומקומען, איז אייך שוין גוט! פינצטער איז מיר! פינצטער איז מיין שטוב! און ווער וועט איצטער פאָרן ברענגען מיין מענדלען? א דונער האָט מיר דערשלאָגן. מענדל, מענדל! כ׳האָב געוואוסט, אַז ער וועט אַף זיך אויסבעטן!..

ס'זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַ פּאָר שכנים און גענומען באַרואיקן פראַדלען:

— נעמט זיך ניט, פראַדל, אַזוי צום האַרצן. מע טאָר ניט. ער וועט אימירצעשעם קומען געזונטערהייט בעשאָלעם. ער וועט מיסטאָמע באַלד קומען, פראַדל. ער איז דאָך עפּעס ניט קיין אינגעלע.

פראַדל האָט ווי אַ פאַרטאַיעטע כאַיע, וואָס גרייט זיך מאַכן אַן אָנגריף, זיך אויסגעהערט, אַ ווײַלע שטיל, פאַרכושט געבליבן און פּלוצלינג אַרויס־געלאָזט אַ קוויטש, ווי אַ מעשוגענע:

— גיט מיר אַ פּאָר פערד מיט אַ וואָגן! גיט מיר! איך וועל אַליין פאָרן ברענגען מיין מאַן! מיין מענדלען! גאַזלאָנים! קוילערס! גיט מיר אַ פערד! גיט מיר אַ וואָגן! לאָזט מיך אויך דערהאַרגעט ווערן! פאַר־וואָס האָט איר אים געלאָזט פאָרן? פאַרוואָס? שיק אַף מיר אַן א דונער, גאָטעניו! שיק אַף מיר אָן אַ פּאָפּלעקציע. דאָ אַפן אָרט! איך וויל שוין מער ניט לעבן!

ס'האָבן זיך באַ איר אַ דריי געטאָן די אויגן. זיי האָבן אַ בלאָנדזשע געטאָן איבערן צימער און זיך אָפּגעשטעלט אַף דער וואַנט, נעבן עזרעס בילד:

— עזרע! עזרע, זון מיינער! וואו איז דיין טאַטע? וואָס האָט מען געלאָזט פאָרן דיין טאַטן? עזרע, מענדל, גאָט, וואו זיינט איר ערגעץ?

און מענדל איז געפאָרן. ס'האָט געכליאָפּעט פונם הימל. ס'האָט גע־כליאָפּעט פונם פערד און פון וואָגן און פון אים. ער האָט זיך ניט אומ־געדרייט — ניט רעכטס, ניט לינקס. ער האָט מיט די אויגן געצויגן דעם נאַסן בלייערנעם אַנטקעגן, וואָס איז געקראָכן, ווי א געדיכטער כמאַריקער נעפּל. ער האָט געקוקט אין נעפּל אַריין און פּאָטערלעך גע־אָטעמט אַף דער אָרעמער כאַיע.

אָט איז דער דריטער פּונקט. ס'האַט אַ לויער געטאָן אַ שוואַרץ מויל פון אַ קאַנאַווע. און נעבן דער קאַנאַווע האָט זיך דער וואָגן אָפּגע־שטעלט.

גלאַנציקע, אָפּגעשווענקטע האָבן זיך געצויגן די נאַסע רעלסן אין צוויי זייטן ווייסטער וועלט. נאַסע, בלוילעכע, ווי אָנגעגאָסענע אָדערן, וואָס האָבן אַרויסגעשפּרינגען פון דער ערד אַפן אויבערפלאַך. באַ דער זייט האָט זיך געוואַשן דער געשטרייפטער שלאַגבוים, ווי אַן אויסגעצויגענער

זשיראַף. איינער אַליין איבערן גאַנצן פּלאַנט. טראָפּנס ברודיקע האָבן הילכיק אַראָפּגעטריפּט פון שטרייפן און אָפּגעקלונגען אונטן אין די קליינע קאַליוזשקעלעך. ס'איז וויסט געווען אַרום און אַרום. ערגעץ ווייט זיינען געשלאָפן דערפער. קליינינקע כאַטקעס. און איבער זיי זיינען קלויסטערס געשטאנען אויסגעצויגענע, בלויע, קופּאָליקע, ווי בלויע ליכט אָנגעצונדענע מיט דינע גאָלדענע ציילעמס. מענדל האָט זיי גוט געקענט, די אַלע דערפער. נאָר דאָ איז געווען וויסט. שוין גאָרניט ווייט האָט זיך איינזאם געווייקט דאָס וואָקזאַלכל. דאָס געלע וואָקזאַלכל, וואס האט נאָך אַלץ אויסגעזען, ווי אַ ברעזענטענער טשעמאָדאַן, וואָס אַ צוג האָט אַמאָל אַראָפּגעוואָרפן און קיינער קומט ניט אָפּנעמען. אַלץ איז דאָ ניט ווייט פון דאַנען, נאָר ס'איז באַגראָבן אין שווערן נעפּל פון בלייערנעם טאָג, פון פעטן רעגן און פון שטומער איינזאמער וויסטקייט און פאַכעד.

מענדל איז שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. אונטערגעבונדן דעם שווערן דורכגענעצטן וואַטאָוון מאַנטל מיט אַ שטריק און האָט זיך געלאָזט לענג-אויס דער קאַנאַווע.

א נאסער פעלד-ווינט האט געריסן מענדלען אַף צוריקוועגס. און די בלאָטיק-גליטשיקע ערד האט קוויטשענדיק געריסן די שטיוול פון זיינע פיס און די פיס פון זיין לייב. נאָר מענדל האט געשפּאַנט. אַקשאָנעסדיק געעגבערט די קלעפּיקע פעלדישע בלאָטע און זיך מיט הארצקלאַפּעניש ארומגעקוקט אין אַלע זייטן.

ער איז עפּעס איצטער געווען לויטערער און ריינער אין אַלע זיינע מאַכשאָוועס. עפּעס האָט דער שווערער האַרבסטיקער רעגן אַראָפּגעשווענקט פון אים זיבן און פופציק יאָר לעבן, זיבן און פופציק יאָר ערדישע מענטשלעכע טאַיוועס און האַסאָגעס. אלץ האט דער רעגן אַראָפּגעשווענקט. און ווינטן האבן אַריינגעבלאָזן אין אים באגערן אַנדערע, לויטערערע, ריינערע.

ער איז געגאנגען און ניט געפילט די מאַסע פון דער גאַנצער ערד, וואס האט זיך געקלעפּט אָן זיינע פיס. און ער האט געטראַכט:

— וואָס פאַרלאנגט ער איצט פון דער וועלט?

— עזרע! עזרע!

— וואס באַדאַרף מען דען פון דער וועלט?

— עפשער ביסטו גערעכט, זון מיינער! — האט ער גייענדיק ווייטער געטראַכט, — ווער ווייסט? ווער ווייסט?

וואס געדיכטער ס'איז געוואָרן דער שווערער נעפּל אַרום אים, אַלץ העלער האט זיך אויסגעלייטערט אין אים. אין זיין הארץ. און פון זיינע אויגן האט זיך געריסן ליכט.

אָט האט צו אים אַ פינטל געטאָן עפּעס אַ שוואַרץ. א איבערגע־קערטע היטל, ווי א שווארץ טעפּל אן אָנגעגאָסנס מיט מוטנעם רעגן.

— אָט דא ניט ווייט דאַרפן זיי ערגעץ ליגן, — האט מענדל אַ טראַכט געטאָן.

און ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט.

ניט ווייט, אָבער שוין צוריקוועגס, נעענטער צום וואָגן און צו דער קאַנאַווע, זיינען געלעגן מיט די פּענעמער אַרוף צום הימל דריי דער־האַרגעטע יונגעלייט. די מיילער זיינען געווען אָפן און אָנגעפילט מיט האַרבסטיקן רעגן, און די הענט האבן אויסגעזען אַזוי, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַף עפּעס נאָך געווארט. פּונקט ווי מע דאַרף זיי נאָך עפּעס אין די הענט אַריינלייגן אַף דער וועלט.

— וואָס דאַרף מען זיי דען נאָך אַריינלייגן אין די הענט?

ס'איז שוין געווען ווייט אַריבער האַלבן טאָג. קיין באַנען האבן זיך ניט געהערט. ס'האבן נאר פון צייט צו צייט א ציטער געטאָן די דראָטן, וואס זיינען געווען נידעריק אָנגעצויגן. נידעריק בא די רעלסן.

עפשער האט זיך א דורכגעווייקטער פויגל אַף זיי געשטעלט? עפשער האט דער ווינט אַף זיי אן אָטעם געטאן? דער הימל איז אראָפּגעהאנגען, ווי קויטיק וועש. טראָפּנווייז האט נאך פון אים געקאַפּעט.

ווינטן האבן זיך געטראָגן איבערן פעלד. זיי האבן געבויגן די שוואַרצע הערנערדיקע בוימער און געשאָבן און געשווּנדן די ערד.

מענדלען איז געוואָרן הייס. די נאָענטקייט פון הארוגים האט אַרויס־געשלאָגן אַף זיין פייכטקייט פון אויבן נאָך אַ גרעסערע און אַ הייסערע פייכטקייט פון אינעווייניק. ער האט אינגאַנצן אויסגעזען, ווי אַ גייענדיקע שוואַרצע צווייג, אָן אָפּגעבראָכענע פון די שוואַרצע בוימער, וואָס דער ווינט יאָגט אינמיטן פעלד.

נאָר ער האט זיך געפילט שטאַרק.

ער האט רואיק גענומען די היטל, וואָס איז געלעגן אף דער ערד אָנגעפּילט מיט רעגן, און געוואַשן מיט איר די הענט, ווי מיט א קוואָרט. אין די ברעגן פון זיין נאסן מאנטל האט ער די הענט א רייב געטאָן גייענדיק. און באַלד האט ער דייטלעך דערזען דריי קערפּערס, ווי דריי פאַרלוירענע שייטן האָלץ.

מענדל האָט צו זיי גענעענט. ער האט אַף זייערע געזיכטער, אף די צעשעדיקטע, געשוואָלענע און בלאָווע געזיכטער מיט די אָפענע מיילער אָנגעפּילטע מיט הארבסטיקן רעגן — ניט געוואָלט קוקן, קעדיי די הארוגים זאָלן זיך ניט שעמען. ער האט באַלד איבערגעפירט די אויגן צום וואָגן. און אַרום זיך איבערן פעלד. און אין די ווייטע נעפלען אַריין.

איינער אַליין איבערן טאָג, אליין, ווי אן אָנגעשוואָלענער שוואַרצאפּל פון דעם פאַרנעפּלטן הארבסטיקן טאָג, האט ער זיך אַוועקגעשטעלט נעבן די הארוגים. און איבערן גאַנצן פעלד, איבער די ווייטע אָנגעשוואָלענע כמאַרעס, וואס האבן זיך שוין, ווי קישנס, געלייגט אונטער די הארוגימס קעפּ — אין דער ברייט און אין דער הויך האָט אַ כליאַנע געטאָן פון מענדלס אויסגעהייצט מויל:

— יתגדל ויתקדש!..

ס'האבן זיך די פעלד־בוימער, ווי שוואַרצע מענוירעס, איינגעשמאָל־צענע אין דר'ערד צוקאָפּנס די הארוגים — א שאָקל געטאָן.

אז מענדל האט אָפּגעזאָגט קאַדעש, האט ער זיך אָנגעבויגן צו די הארוגים און אויסגעשריגן:

— איך, מענדל בען אַווראָהאָם האַלייווי, בעט באַ אייך מעכילע, קע־דוישים!

— זייט מיר מויכל!

ערשט איצטער האט מענדל דערזען צווישן די דריי הארוגים בערעלע קאַטאַרזשאַן.

איינציקווייז האט מענדל אַרופגעטראָגן די הארוגים אַפן וואָגן, זיי איבערגעדעקט מיט זיין מאנטל און פאַרקערעוועט צוריק אין שטאָט אַריין.

די שטאָט איז געווען איינגעוויקלט אין מאָרעשכוירע. אידן האבן געקוקט אין דרויסן דורך די פענצטער. מיט הענט פאַרבאהאַלטענע אין די אַרבל, האט יעדער איינציקער געפּילט עפּעס גרויזאמס און שווערס.

יעדער איינציקער האט זיך געפילט שולדיק. פאַרוואָס? — האָט מען אַליין ניט געוואוסט. מ'האט נאָר פון צייט צו צייט דורכגעשמוגלט דורך די מיילער:

— אזאַ איינגעשטעלטקייט. אַזאַ שיגאָען. איינער אַליין אַוועקגעפאָרן אין אַזאַ סרייפע. גאָט זאָל אים ביישטיין. גאָט אַליין זאָל אים ברענגען!

מענדלס ווייב איז אומגעגאַנגען איבער די פאַרדעמערטע צימערן מיט ארויסגעזעצטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי ברילן אָנגעטאָנענע אַף איר פּאָנעם. זי האט געזוכט. זי האט געבישטערט. אָט אין איין צימער. אָט אין אַ צווייטן. און האט ווייטער געזוכט און ווידער געבלאָנדזשעט מיט די אַרויסגעשפּאַרטע געשוואָלענע אויגן.

— ווער ווייסט, וואָס אַזוינס און ועמען זי האט געזוכט?

אין אידישע הייזער האט מען באַ אָנגעצונדענע שטיקלעך ליכט קרעכצנדיק זיך אָפּערגעוואָרפן:

— גאָט ווייסט, צי ער וועט קומען...

— נו, און דאָ איז מען דען ניט אַזוי ווי אין מיטן פעלד?

— ווער קאָן דען וויסן, ווי איז בעסער...

און דער שאַמעס איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שול און געקרעכצט:

— אַ שיינער טאַכלעס... אַ שיינער טאַכלעס געוואָרן פון דער וועלט...

ס'האבן זיך ערגעץ געשלעפּט די גראָבע רעגן־שנורן איניינעם מיט די דעכער, מיט די לאָדנס און ניט געלאָזט הערן, וואס סע טוט זיך אַף דער גאַס.

און מענדל האט אַפןברייטן שליאַך געהאלטן מאָטל באַלעגאָלעס פערד, די דורכגעווייקטע, צעפּאַרעטע און פאַרסאַפּעטע כאיע, פאַרן צוימל און געפירט די אַגאָלע מיט הארוגים. ער האט געציילט די ווערסטאָוועס סטויפּעס איבערן צעקרימטן, צעבלאָטיקטן וועג און די ווערסטן זיינען אים אליין געגאַנגען אנטקעגן.

ס'האט שוין געגומען ווערן טונקל. שטיקער גרויער הימל זיינען געגאַנגען איבער די לופטן אין דערזעלבער ריכטונג, ווי די אַגאָלע. ס'האט זיך געטראָגן אַפן שטעטל א פרישער רעגן.

מענדל האט איצט ניט געפילט ניט קיין קעלט און ניט קיין נאסקייט. ער האט בלויז געפילט, ווי ס'טראָגט אים. ס'האָבן וויגנטן געטריבן די

ערד. זיי האָבן זי געקויקלט אונטער די פערדישע פיס און אונטער די רעדער, ווי אַ ריזיקן אויסגעשמירטן באַל, און געבראַכט צוטראָגן פייער־לעך פון ווייטן. פון ערגעץ, וואָס שטאָט האָט שוין אַרויסגעשיקט אין פאַרנאַכט אַריין צו די גרויע געדראָלענע אָרומען.

אָט האָט זיך שוין אַ צי געטאָן צו דער אַגאָלע דאָס גאַנצע שטעטל מיט דער שוואַרצער וואַלדישער וואַנט. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט איינזאַמע פאַרנעפּלטע פייערלעך, באַגעגענען מענדלען.

אין שול האָט מען געוואַרט. מ׳האָט צווישן זיך ניט גערעדט. מ׳האָט זיך בלויז איבערגעוואונקען מיט אַזעלכע פאַרלוירן־אומעטיקע אויגן. איבערגעוואונקען און זיך פאַרשטאַנען.

פּלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר און פאַר דער שוועל האָט זיך באַוויזן אָן דעם מאַנטל, פאַרווינטיקט, אויסגעווייקט און אָנגעשוואָלן — מענדל.

דער עולם איז געבליבן זיצן אויף די ערטער צוגעשמידט, מיט אָפענע מיילער און אויסגעטאַראַשטשעטע אויגן:

— רעב מענדל?! רעב מענדל!

מענדל האָט קיין טראָט ניט געטאָן ווייטער פון דער שוועל. און אַזוי, ניטרירנדיק זיך פון אָרט, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— אידן, ברענגט די קיילים! די הרוגים זיינען שוין אין שטאָט. באַלד וועט זיין די טאַרע.

אידן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו מענדלען. ס׳האָט באַ אַלעמען אָפּגענומען דאָס לשון. פון איבעראַשיקייט האָבן אָט די אַלטע אויסגע־דינטע כעווּרע־קדושע פאַרגעסן, אַז די הרוגים טאָר מען, לויטן דין, ניט מעטאַער זיין. מ׳האָט גאַרנישט געוואַגט באַ אים איבערפרעגן. אַלע האָבן זיך געפילט קליין און שולדיק קעגן אים, און מ׳האָט זיך גלייך געלאָזט אויספילן דאָס, וואָס ער האָט געהייסן.

ס׳איז געוואָרן אַ לויפעריי. די טיר האָט זיך ניט פאַרמאַכט. אהער און אהין. עפּעס האָבן אידן צווישן זיך אַ מורמל געטאָן. אַלע מיטאַמאָל. און איבער פינצטערן דרויסן, וואָס האָט געטעמט מיט ביישאַלמען, האָבן אַ קלאַפּ געטאָן קוילעס אומפאַרשטענדלעכע, שטעכיקע, אָפּגע־ריסענע, וואָס הערן זיך געוויינלעך באַ די נאַכטישע לעוואָיעס אין קליינע שטעטלעך.

די אַגאָלע מיט הארוגים איז געשטאַנען נעבן דער באָד. דער אלטער קאַברען, רעב מאָסי, האט זי באַטראַכט, ווי מע באַטראַכט אַ פור סכוירע און זיך דורכגעשמועסט געהיימניספול מיטן בעדער:

— ווייזט אויס, נאָך באָכערים, רעב זוסי?

— ווייזט אויס.

די צוויי זקיינים האבן אויסגעזען איינס נעבן אַנדערן, ווי צוויי גרויסע קראָען, וואס האבן איינער דעם אַנדערן געפיקט אין די מיילער.

— און ווען וועט מען זיי באַהאַלטן, רעב זוסי?

— ווער ווייסט?

— אַי־אַי־אַי! אַי־אַי־אַי! אַ וועלט!..

— און וואו וועט מען זיי לייגן, רעב זוסי?

— ממע!.. ס'איז דאָ פּלאַץ... ס'עט קלעקן!

— מע וועט מיסטאָמע דאַרפן פרעגן דעם ראָוו, האַ? רעב זוסי! קעדוישים?!

— קעדוישים... בערעלע קאַטאָרזשאַן... ווער ווייסט? און עפּשער...

— אַף וואס זשע וואַרט מען, רעב זוסי?

— כ'ווייס? דער דין איז... ס'וועט באַלד קומען רעב מענדל, וועט מען זען. ארום באָד האט די וויכע גלאַנציק־בלאָטיקע ערד אויסגעזען, ווי אָנגעוואָרפענע שוואַרצע לונג־און לעבערס. ס'האט געסוויסטשעט אונטער דעם קאַברענס אַלטן שטיוול, און אין באָד איז געווען שטיל. א קליין קאַניצל האט געצאַנקט מיט א קויטיק געלבלעכן נעפּל און אויסגעקאַנטיקט די ליידיקע בענק מיטן גרויסן אָפּגעקילטן קעסל. אלע מאָל איז פון דעם נעפּלדיקן באַלקן אַראָפּגעפאַלן אַ קאַלטער טראָפּן אַפן פּאָדלאָגע. קאַלט איז געווען אין באָד און וויסט. באַנאַכט פלעג זיך דאָרט אַרומדרייען דער אַלטער בעדער רעב זוסי, ווי אַן אַלטער אויסגעדינטער מעשאַמעש פון דעם געהענעם. ער פלעג הייצן די קעסלען און צוזעצן זיך אַף דער אונטערשטער באַנק, פאַרויכערן זיין אַלטע אויסגעהאָרעוועטע ליולקע־ציביק. איצטער איז ער געזעסן אין דרויסן און געהיט די הארוגים.

— גייט, רעב מאָסי, צו אין שול און כאַפּט א קוק, וואָס זאַמט מען זיך. גייט, רעב מאָסי. איך וועל דערווייל בלייבן אליין.

און אין שול האָט מענדל, אַוועקגייענדיק, נאָכאַמאָל אויסגעשריגן:
— אידן, צינדט אָן נאָך דריי ליכט!
און איז אַוועק.

די שטאָט האָט זיך אַ רודער געטאָן. יעדערער האָט שוין געוואוסט, אַז מענדל האָט געבראַכט די הארוגים און האט מיט דערלייכטערונג אָפּ־געקרעכצט:
— דאנקען גאט! דאנקען גאָט! אַזא מיצווע!
און מ׳איז געלאָפן אַנזאָגן פּראָדלען.

הייזער זיינען געזעסן ביז די פענצטער אין פינצטערניש און אין בלאָטע. ס׳האָט זיך געדאַכט, אז זיי זיינען נארוואָס אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער ערד, ווי אלטע צעבראכענע מאַצייוועס.

מיט דער טאַרע האט אָנגעפירט מענדל אליין. אידן האבן אים דער־לאנגט וואסער און די קיילים. און מענדל האט מיט פארקאשערטע ארבל אליין מעטאַער געווען יעדן האָרוג. ער האט זיך באַשעפטיקט מיט יעדן באַזונדער, פונקט ווי ער וואָלט אים געדאַרפט מעכאַיע־מייסים זיין.
— וואַסער! נאָך וואַסער! און איר, רעב מאָסי, לויפט צום ראָוו, שטייט ניט. וואָס הערט זיך מיט די קאַרקעס? רעב מאסי, וואָס שטייט איר?
מענדל האָט געוואַשן. אט זיינען שוין די פענעמער באַ די הארוגים נאך דער טאַרע, ווי פארשלאָפענע. זיי וועלן זיך באַלד אופזעצן אף דער באַנק און זיך אליין וואַשן. נאָר מענדל לייגט צונויף זייערע הענט און פיס. און קוקט זיך איין אין די פענעמער. ער קוקט זיך איין און ס׳הויבן אים אָן ציטערן די הענט.

אַף די אָפּגעוואשענע לייבער האבן אראָפּגעטריפט טרערן פון מענדלס אויגן. און מענדל האָט שטיל געמורמלט:
— בערעלע...

די אנדערע צוויי האָט ער דערקענט. זיי זיינען געווען באַ אים אין שטוב מיט פאָרטפעלן. איצטער ליגן זיי דאָ — דיזעלביקע. נאָר די פאָרט־פעלן זיינען ניטאָ.

באַ יעדן האָרוג האָט מענדל אָפּגעריסן א שטיק פון דער פארבלוי־טיקטער העמד, אָפּגעריסן און באַהאלטן אין בוזעם.

אַ גאנצע נאכט האט געגאסן דער רעגן. די שטיקער אָפּגעריסענע הימלען, וואָס זיינען נאכגעגאנגען דער אַגאָלע מיט די הארוגים דעם

גאנצן וועג, זיינען אָנגעקומען באצייטנס. זיי האבן איצטער מעטאַער גע־וועז די עטאָט מיט גראָבע נאַסע ברעזענטן. זי מעטאער געוועז, די שטאָט, ווי איין גרויסן געפונענעם האָרוג. און ווינטן האבן אַרומגעוואָיעט.

ביז שפעט אין דער נאַכט איז מענדל געווען פאַרנומען מיט דער טאַרע. און אלע ווײַלע געמאָרדעוועט די פּאָר דערשראָקענע אידן, דעם קאַברען, דעם בעדער און כעוורע־קעדושע.

— רעב מאָסי, איר זיינט דא?

— וואָס איז, רעב מענדל? — האט עמעצער אַ פרעג געטאָן.

איבער דער פינצטער־גלאַנציקער בלאָטע איז געלאָפן דער אַלטער קאַברען, מאָסי, ווי אַף אַ סרייפע. ער איז געלאָפן פונם ראָוו. און אַלע ווײַלע האָט ער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער געלאָפן. מיט יעדן אָטעם האט ער ארויסגעשאמקעט:

— אַז מע כאַפּט! אַז מע יאָגט! אַז מע פרעגט ניט! אזא בושע!

ווי אַן אַלטער שעד איז ער צו צו דער באָד און אַ כריפּע געטאָן:

— מענדל, שטעל אָפּ די טארע! שטעל אָפּ! מ׳האָט פארגעסן, מענדל, דעם דין. דער ראָוו. א מיניען. מעכילע, מענדל!

נאָר ס׳איז שוין געווען נאָך דער טאַרע.

מענדלען האָט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. נאָר ער האָט זיך ניט אויסגע־דרייט צום פאַרסאַפּעטן קאַברען. ער האט בלויז, ווי מיטן רוקן אַ פרעג געטאָן:

— וואָס?

ס׳האָט זיך עפּעס א בראָך געטאָן אין זיין קאָל. ס׳איז מיטאַמאָל אים איינגעפאַלן. און אידן האָבן זיך איינציקווייז אנגעהויבן צעקריכן. אויס־רינען. זיי האָבן ניט געוואוסט, צי מעגן זיי אים איצטער פאָלגן. און האָבן עפּעס מוירע געקראָגן.

— אידן! ברענגט טאַלייסים! — האָט מענדל א געשריי געטאָן — ווער איז באַם הייליקאָרט? און ווער איז אין שול?

נאָר די אידן, וואָס זיינען זיך פאַוואָלי צעקראָכן, האָבן צווישן זיך איבערגעקייעט:

— ער הייסט צולויפן צום הייליקן אָרט.

— ער הייסט ברענגען טאַלייסים.

— ער הייסט לויפן אין שול.

און די צוויי אַלטע וואָראָנעס — דער קאַברען און דער בעדער — זיינען אויך עפּעס איינגעשרומפּן געוואָרן. מ'האָט זיי גארניט אַרויסגעזען. און פאַר די דריי הארוגים איז געשטאַנען מענדל אַליין. און יעדער וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער פוסטקייט פון אַ מיטן־נאַכט און מיט אַ וויסטן ווידערקאָל געקומען צוריק צו אים אליין.

ביז פאַרטאָג האָט ער זיך אַליין מיסאַסעק געווען אַרום דעם אָפּגעבן רעכטס די הארוגים און זיי ברענגען צו קייווער־איסראָעל.

און ווען מענדל איז אינדערפרי צוגעקומען צו זיין שטוב, האָט ער, ניט אַריבערטראָטנדיק די שוועל, זיך געווענדט צו זיין ווייב:

— גיס מיר אָפּ די הענט, פראַדל!

פראַדל האָט מיט גרויס פּאַכעד אָנגעשעפּט וואַסער. ניט געפרעגט גאָר־ניט. און אויסגעפּילט דעם פאַרלאַנג פון איר מאַן.

די אויגן זיינען באַ איר געווען אַריינגעזעצטע.

און אַז מענדלען האבן אויסגעטריקנט די הענט, האָט ער ארויסגענומען פון בוזעם דריי פאַרבלוטיקטע שטיקלעך העמד און זיי דערלאַנגט זיין ווייב:

— נאַ, פראַדל, באַהאלט! ס'וועט קומען די צייט, זאָל מען מיך באַ דער טאַרע וואַשן מיט אָט די שטיקלעך העמדער.

— נאַ!..

XXI

דער ווינטער איז אַוועק. פרישע פריליגדיקע טעג זיינען אָנגעשוואָרמען פונם דניעפּר און זיך אויסגעזעצט אָף דער שטאָט. לייכטע פריליגדיקע טעג, ווי זעגל - שיפן.

יונגע האָבן זיי אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די בערגיקע גרינע אופּגאַנגען, איבער קלויסטערישע גאלדענע קופּאָלן, וואָס וואַקסן פון די גרינע בערגיק - צעבויגענע רוקנס. און שיקערע מידקייט און מידער פרידן האָבן זיך געזעצט אַף סאָלאָמאָן ביעלקינס צערודערט געמיט.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַף די קאַרביקע רוקנס פון וולאַדימירער בערגלעך און זיך אין עפּעס ניט געקאָנט אנטשליסן.

מיט איין האַנט אַריינגעשטעקט אין פּידזשאַק, האָט ער זיך אַזוי גאַמלעט'דיק אַרומגעדרייט און ניט געקאָנט קומען צו קיין אַנטגילטיקייט.

נאָר די גאָלד־פריליגדיקע פרימאָרגנס, וואָס קומען ווי יונגפרויען זיך באָדן אַף די וולאַדימירער בערגלעך, — זיי האָבן זיך אַזוי אומשולדיק געדרייט אַרום סאָלאָמאָן ביעלקינס קינפּטיקער מיניסטאָרישער קאָפּ און זי פּאַרדרייט.

שוין מיט אַ צייט צוריק זיינען איבער איינער פון די שטאָטישע גאַסן דורכגעפאָרן צוויי גרין - געקליידטע זעלנער און אין גרינע בלעכענע קאַסקעס.

זיי זיינען דורכגעפאָרן אַף וועלאָסיפּעדן — גלייך, ניט אומקוקנדיק זיך אין קיין זייט.

דעמאלט האט דאקטער געדאליע אַראָנסאָן באַגעגנט ביעלקינען און, שמייכלדיק מיט זיין דאָקטערשן שמייכעלע, צו אים געזאָגט:

— סאָלאָמאָן אַלעקסאַנדראָוויטש ! איר האָט געזען ווי זי איז אַרייַנגעפאָרן ?

— ווער ? — האָט איילנדיק איבערגעפרעגט סאָלאָמאָן ביעלקין.

— זי, סאָלאָמאָן אַלעקסאַנדראָוויטש, זי — די דייטשישע קולטור !

— ווי אַזוי, ווי אַזוי, דאָקטער ? איר האט געזען ?

— אַף וועלאָסיפּעדן, סאָלאָמאָן אַלעקסאַנדראָוויטש ! אַף וועלאָסיפּעדן ! כ'האָב אַליין געזען. מיין ראשעל האט אויך געזען, סאָלאָמאָן אַלעקסאַנדראָוויטש ! זי איז אַנטציקט פון זיי, מיין ראשעל. אַנטציקט !

נאָכדעם האבן זיך שוין ווייבער געוועוערטלט :

— היינטיקע צייטן זיינען ניט אַמאָליקע :

— מע לייגט זיך מיט פּאָניען און מע שטייט אוף מיט אַמאָלעקן.

נאָר ס'דאָרף האָט זיך געבונטעוועט. אין דער שטיל. און דער פויער ? דער פויער האָט ניט פארשטאנען דאס הילצערנע זשידאָווסקע לאָשן פון די גרינע געסט, וואָס זיינען אָנגעקומען. האָט ער זיך אַליין געשאָלטן אַף זיין אייגענעם פויערישן מאַמע - לאָשן.

וואָקזאַלן זיינען געווען אין גרויס אָרדענונג, און אַז אַ צוג איז פון ערגעץ אָנגעקומען, — אַ צוג מיט קלאַסן און מיט פענצטער, — האָט דאָקטער אראָנסאָן זיך באַרימט פאַר זיין פריינט ביעלקין :

— סאָלאָמאָן אַלעקסאַנדראָוויטש ! באַ זיי איז פונקטלעך ! ס'איז אייך ניט אונזער זשלאָב. ניט אונזער מושיווילע. א צוג, אז ער דארף אָנ-קומען 8 אַזייגער מיט 24 מינוט, איז — 8 אַזייגער מיט פיר און צוואַנציק מינוט. צו דער רעגע, סאָלאָמאָן אלעקסאַנדראוויטש ! ווייל ס'איז ניט קיין צוג, נאָר ס'איז ציוויליזאַציע, סאָלאָמאָן אלעקסאַנדראָוויטש! ציווילי-זאַ-ציע.

אָט מיט אַזאַ פינקטלעכן „ציוויליזאַציע" איז פונערגעץ אָנגעקומען סאָלאָמאָן ביעלקין און דער דאָקטער איז געווען אנטציקט.

פונדעסטוועגן זיינען פויערים געקראָכן, ווי פריער, אַפן דאַך און אין די קלאַסן. געקראָכן מיט די זעק און מיט די ווייבער און מיט די טאָרבעס.

און אז א דייטשישער זעלנער אין דער גרינער קאַסקע האט דאס געזען, האָט ער געשלאָגן מיטן דייטשישן פריקלאַד און געשריגן :

— קאָם !

נאר פויערים האבן געקרימט די אויסגעשמירטע מיילער :

— שאָ זאַ קום ? פריקלאַדאָם ביעטסיא, טאַ שטשע קומאָם זווע ! מאָרדאַ ניעמיעצקאַיאַ !

אין די דערפער האט עפעס געווירט. יעדער שפייכלער, וואָס איז אויסגעליידיקט געווארן פון דייטשישע זעלנער, האָט זיך אנגעפילט מיט צאָרן.

און אין יעדן אויסגעדרעשטן זאַנג איז אופגעאנגען א מעסער.

און צו אָפט פלעג שוין באַ דער „פראָוויערקאַ" פעלן אן אונטער־אָפיצער. א יאָהאַנס, אדער א שמידט. צו אָפט.

פויערים האבן באַנאכט געפרעגלט כאזערישע שמאַלץ און אַן אופגעזאָטענע זי געגאָסן אין אָפענע מיילער פון כראָפּעדיקע זעלנער.

האבן אין שטילע פּאַרטאָגן דערפער אופגעהויבן צום הימל רויטע געשרייען פון אנגעצונדענע כאַטעס, — רויטע פלאַמיקע ציילעמער צום הימל און אין שטאָט האט דער אָרקעסטער אַלע זונטיק געשפּילט דייטשישע מיליטער־מאַרשן.

אַף די גאַסן איז געווען גרויסע דייטשישע אָרדענונג.

און אין איינעם פון די בעסטע האָטעלן האט סאלאמאן ביעלקין זיך אויסגעדונגען א מיניסטאָרישן פּאַרטפעל.

דער געדאנק האט אים ארומגעוויקלט דעם גאנצן קאָפּ, ווי א הייסער קאָמפּרעס:

— א געשיכטלעכע דאַטע פארן פאָלק אין גאָלעס!

— אַ אידיש מיניסטעריום!

— די פאָלקס־פּארטיי! א בלאָק! און...

בוימער האָבן זיך געזייפט די קעפּ מיט שמעקנדיקן גרינס. און ליכטיק־פרילינגדיקע גאַסן האבן זיך געגאסן פון די בערגלעך, וואָס האבן געפּאַרקנט דעם דניעפּר. זיי האָבן אַראפגעקוואלן, די גאסן, בארג־אראָפּ, ווי אָפּגעלאָזטע ליכטיקע שטראָמען, און סאלאָמאנען, מיטן געדאנק, וואָס איז אים געווען צום קאָפּ צוגעלייגט, ווי א קאָמפּרעס מיט צערודערטע האָפענונגען און אומקלאָרע צווייפלען, האבן זיי אראפּגעלאָזט אין פאָלק און אין „ראַדע".

— מע מוז! מע טאָר זיך ניט וואַקלען! א אידיש מיניסטעריום. און אין דער קאָנסטיטוציע וועט זיין א פּאַראַגראַף וועגן נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע!

ס'איז אים געווען הייס אין קאָפּ. ער האט זיך געפילט, ווי א כאָסן אין טאג פון דער כופּע.

צו לילינען האט ער בלויז געקלונגען אין טעלעפאן:

— דאָס מיניסטעריום איז גרייט. די דעקלאַראַציע איז פאַרטיק. צום אונטערשרייבן. און פארעפנטלעכן, לילעטשקאַ! ס'איז נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע! יאָ! האַ? פערסאָנאַלע אויך! יאָ! ניין! כ'וועל היינט באַ דיר ניט זיין! די פראַקציעס!

ער האָט איר אינפאָרמירט דורכן טעלעפאָן דעם גאנג פון דער געשיכטע און די געשעענישן. אלץ. ער האט בלויז דורכן טעלעפאן ניט געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט באשלאסן איבערמאַכן זיין פאַמיליע אַף איר נאָמען. אַז ער זאָל זיך פון איצט אָן מער ניט רופן ביעלקין, נאָר לי־ליען. ניין, לילין.

דאָסדאזיקע לעצטע נייעס האָט ער איר דורכן טעלעפאָן ניט געוואָלט איבערגעבן. ער וועט זיין באַ איר, וועט ער איר מאַכן אַ סיורפריז. פערזענלעך. ס'וועט האבן א גרעסערן עפעקט.

דערווייל האט זיך אים געדרייט דער קאָפּ.

און לילינען האט זיך אויך געדרייט דער קאָפּ. ניט ווייניקער ווי סאָ־לאָמאָנען. זי האט ניט געוואוסט, וואָס אים צו ענטפערן. זי האט נאר שטאַרקער געאָטעמט אין טעלעפאן אריין:

— סאלאמאן! סאלאמאן!

און סאלאמאנען האבן געפלאַטערט די האָר אַפן קאפ, ווי א פאָן און ער האט באלאנסירט:

דער „בונד", דער „יע־עס", די „פּויאַלע־ציען", דער „אַכדעס",—דאָס זיינען אַלץ זעלבסטפארשטענדלעכקייטן. אבער איבער זיי אַלעמען איז דאָס פאָלק. פריער פאַר אלץ — די נאציע. די אַווטאָנאָמיע.

יעדער ווינטל האט געבראכט צוטראגן אומקלארע שרעקעדיקע בסו־רעס. מע קאָן איצט קיין סאַך ניט טראַכטן. דער מאָמענט איז ברענענ־דיק. געשיכטלעך. און די טעג גייען. ניין, זיי לויפן. ווי זיינע געדאַנקען.

ביעלקין האט געפילט, אז ער דארף דאס אנשרייבן. ער מוז וועגן דעם רעדן הויך, צום גאַנצן פאָלק. דאס גאנצע פאלק זאָל הערן און וויסן.

ער האט שוין פון לאנג געפילט אין זיך שרייבערישע פעאיקייטן. ס'האט אים שטענדיק געריסן צו דער פען. ער האט אפילו אַמאָל גע־שריבן פּאָעזיע. רוסישע לידער.

און אַפן מאַרק איז געווען אזא שטילע דערשטיקטע איינגעהאַלטענע בעהאָלעדיקייט. דייטשישע זעלנער האבן זיך געיאָגט נאָך ווייבער מיט צוגעדעקטע קוישן געבעקס, און זיי אומגעוואָרפן. און ווען ווייבער האבן זיך אופגעהויבן, איז שוין ניט געווען ניט קיין געבעקס, ניט קיין זעלנער.

ערגעץ אין א הינטערגעסל האט מען זיך געראנגלט.

ווייבער האבן געשריגן:

— רייסט ארויס איניינעם מיט די הענט! מיט די הענט! רייסן זאלן זיך אייך די קישקעס פונם בויך!

נאר סאלדאטן האבן ניט געריסן די הענט. זיי האבן נאר געשלאָגן מיט גומענע נאַהאַיקעס איבער די הענט.

פון ערגעץ איז אונטערגעלאָפן א איד מיט א גראָווער באָרד פון מעל, א בעקער, און אונטערגעשטעלט די הענט אונטער דער נאַהאַיקע און זיך געבעטן:

— זעלנערלעך! פאַרוואָס שלאָגט איר אונז? וואָס זיינט איר אונז געקומען שלאגן? וואָס האט איר צו אונז? ס'איז נישט פיין, זעלנערלעך!

— וואָס האסטו געזאגט? „שוויין", האָסטו געזאגט? פאַרפלוכטער יודע, — האט זיך א ריס געטאָן דער זעלנער, — האַ? „שוויין" האסטו געזאגט? קאָם! קאָם מיט אונז, פאַרפלוכטע בארד!

און זיי האבן געשלעפט די קוישן מיטן געבעקס, מיט די ווייבער, מיט די אידן און פון פאָרנט זיינען געגאנגען געשרייען.

— ראַזבויניקעס! אויסגעריסן זאלט איר ווערן! אַלע דייטשן! מ'האט געבעטן אף דייטשן! טאָסטידיר דייטשן!

און הינטן האט נאכגעהינקען א שטילער וויטיקדיקער וואָי:

— פאַרוואָס שלאָגט איר אונז? וואס זיינט איר אונז געקומען שלאגן?..

און אין א גרויסער געביידע, אף איינע פון די באַלעבאטסטע שטאטישע גאַסן האבן זיך שוין צווישן לאנגע טאַפעטירטע קארידארן מיט נומערירטע צימערן ארומגעדרייט אידישע סטודענטן — פארטראָגענע און פאַר־שמאַיעטע מיט פאַרשיידענע אַמטן און באשעפטיקונגען. ס'האבן זיך שוין אַ פלאָנטער געטאָן צווישן די נומערירטע טירן — אידן, זקיינים און אי־דענעס פון אַלערליי געשטאַלטן, מיט באַקאָשעס. און הינטער איין זייטיקער

טיר, וואס האָט געטראָגן, כוצן נומער, אויך אַן אופשריפט מיט גרויסע קאַליגראַפישע בוכשטאַבן:

„אופנאַם פון 12 ביז 2"

איז געזעסן אין טיפער לעדערנער שטול, אין שוואַרצן פראַק מיט ברייטע ווייסע מאַנזשעטן אַף אַ פּאָר קליינע, קימאט פרויען-הענט, — איז געזעסן דער מיניסטער איבער אידישע איניאָנים —

סאַלאָמאָן ביעלקין-לילין.

דער שוואַרצער פראַק זיינער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שוואַרצער און די ווייסע מאַנזשעטן, וואָס זיינען געקראָכן איבער זיינע הענט, זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן ווייסער.

און אידן זיינען געלאָפן צום אידישן מיניסטעריום איינרייסן די וועלט. ער זאָל זיין אַ גוטער מיילעץ-יושער און זיך טאָן מיען...

סאַלאָמאָן ביעלקין האָט אַ דרוק געטאָן עפּעס אַ פינטל אַף דער וואנט, און צו דער קאָפּ, וואָס האט זיך באַוויזן אין טיר אַפן קלונג, האָט דער מיניסטער, ניטאופהויבנדיק די אויגן, אָפּגעסילעקט:

— לויט דער ריי. איינציקווייז!

פון 12 אַזייגער ביז צוויי זיינען געגאַנגען אידן נאָך דער ריי צום אידישן מיניסטער סאַלאָמאָן ביעלקין.

— פּאַני מיניסטער! פּאַני מיניסטער! מע גייט גראָבן אָקאָפּעס אַפן הייליקן אָרט! — האָט זיך געבויגן עפּעס אַ זאַקן מיט דער היטל אָנגעטאָן אַף איין האַנט און מיט דער אַנדערער האַנט צוגעדעקט דעם גרייזן קאָפּ, — מע גייט מעוואַזע זיין די מייסים, פּאַני מיניסטער!

— נו-נו?

— סע גייען שוין אַרום סאָלדאטן און מע טרעט אַף קוואָרים! וואָס זאָל מען טאָן? ס'אַ כילעל! מייסים קומען צו כאָלעם... און בעטן, מע זאָל זיי לאָזן צו רו...

— האַר מיניסטר! אַ בילבל! א בילבל איז אַף אונזער שטאָט! — גיט אַן אלטער איד אַ פאַרברעך די הענט, — אַ בילבל! אידישע סאָנים האָבן אויסגעטראַכט אַף אונז א בילבל, האַר מיניסטער, פון באָלשעוויקעס! מע וועט קוילען! מע וועט שעכטן! וואָס זאָלן מיר טאָן? און וואָס זאָלן מיר אָנהויבן צו טאָן?...

ס׳פילט זיך אָן דעם מיניסטער ביעלקינס קאַבינעט מיט געוויין פון זקיינים און ס׳שטעכט זיך אין אים אַריין אַ געשריי פון אַ אידענע:

— מ׳האָט אים גערעשטעוועט! מיין זון! און דעם מאַן! מ׳האט זיי שוין אַוועקגעפירט, וויי איז מיר!

ס׳פליען איבער ביעלקין דעם מיניסטערס קאָפּ וויי־און וואונדיקע באַקאָשעס און טאַינעס. איינע נאָך דער אַנדערער. איינע איבער דער אנדערער. און יאָגן זיך איבער.

אָט רייסט זיך צום אידישן מיניסטער אַ דעלעגאַציע פון אַ אידישער קעהילע מיט אַ פאַרוואונדעטן אידן אינדערמיט. מ׳האָט שוין אין זייער שטעטל געשלאָגן. מע שלאָגט שוין דאָרט אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. די וויסטע בעהאָלע טריט שוין ניט אָפּ פון דער שטאָט. ער פירט זיי, דער פאַרוואונדעטער, די שטאָט אידן, ווי שאָף. ער האָט געהערט, אַז ס׳איז שוין דאָ אַ אידישע מעלוכע. וועט ער גיין און וועט פרעגן, פאַר־וואָס שווייגט מען? אַ אידישער מיניסטער. אַ גויעל. פאַרוואָס שלאָגט מען אידן? וואו איז ער, דער מיניסטער? ער האט אלע ווײַלע ארופגע־רוקט דעם קויטיקן באַנדאַזש, וואָס איז אים געקראָכן פונם פאַרוואונ־דעטן קאָפּ אַפּן דערשלאָגענעם פּאָנעם און האט אַלץ געטאַינעט:

— וואָס טוט דער אידישער מיניסטער? וואָס טוט ער פאַר די אידן? אָט וועלן זיך אידן אַוועקלייגן בײַ אים, בײַם מיניסטער, און לאָז מען אונז שלאָגן פאַר זיינע אויגן. זאָל ער זען, דער מיניסטער. זאָל זיך גיסן אידיש בלוט דאָ, אין דער מעלוכע. דאָ אין קאָרידאָר, און זאָלן אלע זען. און זאָל ער אויך זען. און לאָמיר הערן, וואָס וועט ער זאָגן!

ס׳האָט זיך אופגעעפנט די טיר און די דעלעגאַציע איז אַריין.

דער פאַרוואונדעטער האָט אַריינגעפירט אַלע אידן און זיי אויסגע־שטעלט. ער האט זיי פאַר די הענט, ווי קליינע קינדער אַריינגעפירט. זיי האבן זיך, דאַכט זיך, געשראָקן אריינגיין, האט זיי דער פאַרוואונ־דעטער גערופן:

— קומט, קומט, אידן! קומט!

און אַליין האט ער זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן מיניסטער; נאָר ס׳האט זיך דאָס מויל ניט געעפנט. ער האָט געקוקט אָף אים, געקוקט און זיינע אויגן ניט געגלויבט.

— ריבוינעשעלוילעם! וואָס איז דאָ? אַ טאָוואַרנע מיט אידן?

ער קוקט זיך גוט איין:

— ס'איז דאָך ער, שלוימע! סענדערס זון! דער קאָמענדיאַנט פון די טאָווארנע אידן, וואָס מ'האט געשיקט קיין ראַסיע. הא? צי סע שווינדלט אים אין די אויגן?..

נאָר דעם מיניסטער ביעלקין האט, דאַכט זיך, אויך געשווינדלט אין די אויגן. ער האט זיך אופגעהויבן פון זיין מיניסטאָרישער שטול און זיך אויך אַריינגעקוקט אינם פאַרוואונדעטן אידן:

— דאַכט זיך, רעב מענדל! הא?

— יאָ, שלוימע, יאָ. ס'איך, מענדל! און דאָס זיינען נאָך אידן פון אונזער קעהילע. און איך האב געמיינט, אַז איר זיינט נאָך אַלץ אַף די טאָוואַרנע מיט אידן.

סאָלאָמאָן ביעלקין דער מיניסטער האָט זיך אַוועקגעזעצט און גלייך זיך צוריק אופגעשטעלט:

— און וואָס גייט איר פאַרבאַנדאַזשעוועט דעם קאָפּ?

מענדל האט ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאַרף ער מיט אים איצטער רעדן. ער איז דאָך מאַלכעס. און ער אַליין איז פון דער דעלעגאַציע. האט ער לעכאַטכילע אָנגעהויבן מיט די ווערטער, וואָס ער האָט צוגעטראַכט נאָך אַפן וועג גייענדיק:

— „ס'איז גרויס דער צאָרן, ווי דער יאם",— נאָר ער דערפילט גלייך, אַז ס'איז ניט אַזוי. ניט אַזוי דאַרף מען רעדן. און ער האָט אָנגעהויבן פראָסט:

— פרעגט ניט, שלוימע! האלעוואַי וואָלט איר אונז אלעמען געווען אַוועקגעפירט דעמאלט אַף די טאָוואַרנע! דעמאלט, ווען איר זיינט גע־ווען קאָמענדיאנט. וואָלטן אונזערע אויגן זיך ניט געדאַרפט אויסשטעכן פון ווייטאָק און ביזויען! וואָלט אונזער בלוט זיך ניט געגאָסן אַף די גאַסן! וואָלטן אונזערע קעפּ ניט געווען אָנגעטאָן אין באַנדאַזשעס! איצטער זיצט איר דאָ און אונזער בלוט גיסט זיך טייכנווייז. אונזער בלוט און אונזער ביזאָיען!

דער מיניסטער האט אים דאפקע געוואָלט דערמאַנען וועגן זיין זון, וועגן עזרען! נאָר מענדל האָט אים איבערגעשלאָגן דעם געדאַנק:

— מיר זיינען זיך געקומען אַטהערצו אַוועקלייגן מיטן לעבן. לאָז מען אונז דאָ שעכטן. לאָז מען אונז דאָ קוילען! לאָז זיך אָט דאָ, אין מיני־

סטערסטווע גיסן אונזער בלוט, ווי ס'ע גיסט זיך דאָרט, אַף דער גאַס, און זאָל עס זען די גאַנצע וועלט. עפּשער וועט זיך אין אייך א רודער טאָן אַן אייוועך!

די אידן, מיט וועלכע מענדל איז געקומען, האָבן אָנגעהויבן וויינען און אַרומשפּאַנען איבערן מיניסטערס קאַבינעט.

— וויינט, אידן, וויינט, — האָט צו זיי אַ געשריי געטאָן מענדל, — וויינט! און איר, פּאַני מיניסטער, מעגט אויך וויינען! אויב איר קאָנט ניט מאַכן אַזוי, אַז מע זאָל ניט דאַרפן וויינען. פאַרוואָס זעט איר ניט, אַז אידיש בלוט זאָל ניט זיין אַזוי העפקער אין לאַנד? וואָס זיינט איר פאַר אַ מיניסטער? איר זיצט מיט וועלף באַ איין טיש און איר זעט, ווי די שאָף ווערן אופגעפרעסן. מאָרגן וועלן צו אייך קומען אלע קע־הילעס פאַרבלוטיקט און מע וועט זיך דאָ אַוועקלייגן מיט יעסוימים און אַלמאָנעס און יעדער קוואָרט בלוט וועט אייך פאַרגיסן דאָס פּאָנעם. אייך און אייערע וועלף איניינעם.

דער מיניסטער ביעלקין איז געזעסן אומבאַהאָלפן, ארייגעטונקען דעם מיניסטערשן בליק אין פּאַפּיר. ער האָט אלע ווײַלע אַרייגערוקט די ווייסע מאַנזשעטן אונטער די שוואַרצע אַרבל און געזוכט אַף דער וואַנט ערגעץ אַ קנאָפּקע, ער זאָל צו עמעצן אָנקלינגען. ער זאָל אָנקלינגען און מע זאָל קומען אַראָפּנעמען פון אים אָט די לאַסטן, מע זאָל אים באַפרייען. מע זאָל אים געבן צוריק היימלאָזע. עשאַלאָנען היימלאָזע. מע זאָל אים לאָזן גיין צו לילין, ער זאָל מיט איר אַוועק ערגעץ אין דער וועלט אַריין, ווייט פונדאַנען. ער קאָן דאָ ניט זיין. ער קאָן ניט פאַרנעמען דאָס געשריי און דאָס געוויין. ער קאָן ניט!

ס'וואַרגן אים די געוויינען. ס'שניידן אים די דערשראָקענע אויגן פון זקיינים און ווייבער, וואָס שטייען קעגן אים מיט צעוויקלטע פּאַפּירן און ווייסן ניט, וואו צו לייגן די קאָנווערטן. זיי שטייען קעגן אים און ער קאָן זיי גאָרניט ענטפערן. ער האָט ניט וואָס.

איינער אַ איד דאַרף עפּעס ארויסנעמען נאָך אַ פּאַפּירל פון קעשענע און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט דער היטל, וואָס ער האַלט אין האַנט; נעמט ער זי, ווי אַן אלטער הונט, אַריין אין מויל, צווישן די ציין און בויגט זיך אָן צום הויזנטאַש, וואָס געפינט זיך נידעריקער פון די קני. און אַז ער געפינט ניט אין דערדאָזיקער קעשענע, לייגט ער די האַנט

אַוועק אַפן אָפּגעדעקטן קאָפּ און מיט דער צווייטער זוכט ער עפּעס ווייטער.

— וואָס זוכט ער דאָרט, דער אַלטער?

דעם יונגן מיניסטער איז דאָס שווער, אַזוי שווער צוקוקן. ס'ווערט אים צעריסן דאָס האַרץ!

ווייטער באַקאָשעס! ווייטער אומגליקן!

אָט רייסן זיך אַריין דריי יונגעלייט פון אַ שטעטל:

— כאַוועס מיניסטער! מיר ווילן גרינדן א זעלבסטשוץ! אונזער שטאָט איז איינגעשטעלט. מיר ווילן געווער, כאַוועס מיניסטער! גיט אונז געווער!

— געווער? — גיט אַ הויב אויף דעם קאָפּ מיניסטער ביעלקין, — געווער? דאָס קאָן איך ניט! אַף דרויף איז פאַראַן אַ מעלוכע און זי איז מעכויעוו אַליין צו באַשיצן...

— כאַוועס מיניסטער! כאַוועס מיניסטער! מע קוילעט! מע שעכט און די מעלוכע — גאָרניט! פאַרקערט, כאַוועס מיניסטער!

נאָך צווישן דעם אוילעם שטופּט זיך דורך אַ בלאָנדע באַרישניע און איר אַ מילדער רוף:

— סאַלאָמאָן אַלעקסאַנדראָוויטש!

באַפרייט דעם מיניסטער פון די פּאָגראָמען, פון די באַקאָשעס און געוויינען, פון געווער און פון מענדלען און פון אַלץ, און זעצט אים אַריין צוזאַמען מיט דער באַרישניע אין אַן אווטאָמאָביל און לאָזט איבער הינטער זיך נאַריש-אויסגעשטרעקטע הענט מיט פּאַפּירן און קאָנווערטן, מיט דערשראָקענע אויגן פון אידן, וואָס זיינען געקומען אין אידישן מיניסטעריום.

און אַ קורצע אויסגעבערשטלטע שטים ענטפערט אמטלעך.

— מאָרגן פון 12 ביז 2.

אַפן גאַס איז וואַרעם. און פרייש. שיקער איז דער פרילינג אין אָט דער בערגלדיקער דאָרעם-שטאָט, וואָס ליגט צופוסנס באַם דניעפּר. ער וואַקסט דאָרט, דער פרילינג, אַף גרינע אָנגעלאָדענע בערג, ווי גרינע אָנגעלאָדענע פרייד און האַס צוזאַמען. העכער הויבט דאָרט אויף דער פרילינג די הייזער און העכער הויבט ער אויף די קלויסטערישע קופּאָלן, און בוימער שאָקלען זיך פאַרטשאַדעטע פון אייגענע שיקערע רייכעס.

און פֿונעם פֿולן איבערפֿולן דניעפּר קומען ווינטלעך, ווי פֿרילינגדיקע בריוו. און בוימער הערן זיך צו. ס׳רייסן זיך פֿון יעדער צווייג קנאָספּעלעך, גלייך ווי גרינע פֿויגל וואָלטן פֿון אונטער דער קאָרע אַרויסגעשטעקט גרינע קליוואָן. זיי פּיקן זיך אויס, די קנאָספּן, פֿון אונטער דער קאָרע מיט אָפֿענע מיילער און אָטעמען אַריין אינעווייניק אין בוים אַריין גרינגע, פֿרישע פֿרילינגדיקע לופֿט און טרינקען מיט איר אָן די אויסגעדאָרשטיקטע שטאַמען און וואָרצלען.

און ס׳דאַכט זיך, אַז ווינטן האָבן זיך פֿאַרזעצט צווישן די אופֿגעוועקטע צווייגן און וואַרטן אויף עמעצנס אַ סיגנאַל.

ערגעץ אַרום שטאָט, אין די דערפֿער טראָגן זיך אַרום צעבויטעטע קלאַנגען פֿון קלויסטערס און פֿון העק און פֿון זאַסטופּעס, פֿון לאָמען, און פֿון ביקסן. ערגעץ אַרום שטאָט אָטעמען זיך אַרויס פֿון געדיכטע וועלדער פּאָווסטאַנצעס, דאָבראָוואָלצעס, פּעטליוראָווצעס. זיי שווימען אויף שטאָט ווי פֿאַרשייטע טשאַטעס רויב־פֿויגל, וואָס רייסן זיך די ערשטע אָנקומען אויפֿן אָרט.

און שעליכים גייען פֿאָרויס:

— ווײַכיקע רייכעס פֿון מאָרד, פֿון האַריגע און סרייפֿע.

און פֿון ערגעץ פֿון ווייטן. פֿאַרגייען דעם וועג זיי רויטע פֿיסגייער און רייטער. פֿון ערגעץ פֿון ווייטן פֿאַרוואַרפֿן זיי שלייפֿן.

סטודענטן לויפֿן אַרום פֿון איין קלוב אין אַנדערן, מע שושקעט זיך און מע פֿאַרטאַיעט עפּעס אין די אויגן.

באַ די נעכט פֿאַרזאַמלט מען זיך אין קעלערס און מע לערנט זיך שיסן. ס׳גייט אַרום פֿון הענט צו הענט אַ געהיימע ליסטע מיט כסימעס וועגן אַ באַיאָווקע. און פֿון ערגעץ קומט עזרע צופֿאָרן געהיים און טאַיִנעט פֿאַר כאַווײרים אין די קעלערס:

— אונטערגראָבן די ראַדע! אונטערגראָבן מיט אַלע נאַציאָנאַלע קאָרידאָרן:

— אונטערגראָבן!

און אַזוי געהיימערהייט בלייבט ער ניט.

און איבערן צעטומלטן לאַנד שטרייפֿן זיך שוין די לעצטע פֿינקטלעכע עקספּרעסן מיט סאַלאָן־וואַגאָנען פֿון דער דייטשישער קולטור. זיי רייסן זיך מיט אימפּעט. און ס׳איז שוין שווער צו זאָגן:

— צי איז דאָס נאָך אַלץ אַ זיג־מאַרש, צי מיט אַזאַ טעמפּ אַנטלויפט זי, די דייטשישע קולטור, ווען זי פּילט אַפן רוקן די קעלט פון אַ מעסער.

אָבער די עקספּרעסן לויפן. עפּעס ווילן זיי נאָך פאַרפלאָנטען און פאַר־דרייען דער פּויערשער גראָבקאָפּיקער אוקראַינע.

אָט עפנט זיך אַ פענצטער פון אַן ערשט־קלאַסישן וואַגאָן און ס׳גיט זיך אין אים אַ שוואַרצאַפּל מיניסטער ביעלקינס קאָפּ.

די מיניסטערשע קאָפּ לאָזט דעם ערשטן בעסטן ווינט אַ קעם טאָן זיינע איזשאַקיש־שטייענדיקע האָר און גיט זיך צוריק אָפּ דער פּליו־שענער קופּע, מיט דער דושנער וואַרעמקייט פון שטאַרקע פּאַרפומען, פון מידקייט און פון קלעפּיק־זיסן שלאָף; ער רויכערט זיך נאָך, אט דער שלאָף, אַף צונויפגעקוועטשטע וויעס און ליפּן, מיט וועלכע אַ בלאָנדע פרוי האָט פאַרוויגט דעם גאַנצן מיניסטער און וואָס רופט אים:

— סאמאָשא!

— סאַמאָשאַ, ס׳האָט זיך מיר געכאָלעמט, אַז איך פּלי!

— ס׳אַ סימען, אַז די וועסט וואַקסן אָט אַזוי, אינדערהויך, ליאָליק!

— און פרויד זאָגט, אַז אַזאַ כאָלעם קומט פון דער סעקסועלער ספערע. פון דער עראָטיק, סאַמאָשאַ.

— אַזוי?

און עקספּרעסן גייען ווייטער. זיי בויגן זיך ארום קליינע גרינקעס און יונגע וועלדלעך. זאָגן אָן מיט כאָשעווע און שטאָלצע קוימענדלעך און מיט מעכטיקע פייפערייען פון לאָקאָמאָטיוון,— זאָגן זיי אָן און פאַר־זאָגן צו אַלע שלעפּ־צוגן און טעפּלושקעס:

— אָפּשטעלן זיך! אומבאַדינגט זיך אָפּשטעלן און איבערוואַרטן אַף אַ זייטיקן רעזערוו־וועג,— איבערוואַרטן דעם פייערלעכן דורכמאַרש פון עקספּרעסן.

און ערגעץ קלינגען שוין וואָקזאַלען מיט דערעכערעץ און מיט גראָבע וואָקזאַלענע קלונגען — קלינגען זיי דעם פייערלעכן אָנקום.

מיניסטער ביעלקין פאָרט ארום איבער שטעט און גרויסע אַפּישן מיט שפּרינגענדיקע שוואַרצע בוכשטאַבן באַגעגענען אים נאָך אַפן וועג פונם וואָקזאַל צום האָטעל.

ער פילט זיך אין זיינע מיניסטאָרישע רייזעס מונטער און פריש און נעמט אוף באַ זיך אין נומער.

פון צען אינדערפרי ביזן צווייטן פרישטיק זיצן שוין באַ אים אָנגעזעענע פערזאָנען. מע גיט אים אָפּ שאָלעם מיט מאַזלטאָוו אינייִנעם.

אַלע ווײַלע קלאַפּט אָן דער פּאָרטיער און טראָגט אַרײַן אַף אַ ניקלענער טאַץ פאַרמאַכטע וויזיט־קאַרטלעך.

און מיטן טעלעפאָן־טרײַבל אין האַנט, וואָס לייגט זיך אַלע ווײַלע צו צום רעכטן אויער זײַנעם, פאַרנויגט ער זיך זייער איידל און ענטפערט מיט אַ באוויליק־שמייכלדיקן בליק צו די אונטערקומענדיקע געסט, וואָס רייסן זיך מעקאַבל־פּאָנעם זײַן דעם אידישן מיניסטער.

נאָר איין מעקאַבל־פּאָנעמניק קומט עס נעבעך אָן זייער שווער. אַן אַלטער איד אין אַ זיידענעם מאַלבעש אמפערט זיך דאָרט מיטן פּאָרטיער. ער קאָן ניט רעדן גוט קיין רוסיש, דער אַלטער. ער האָט ביכלאַל אָפּגעלעבט אַ לעבן מער מיטן וואונק, ווי מיטן וואָרט. און נעבן אים שטייט דאַפּקע נאָך א יורקע אידל. אַ געלס. און שפּרינגט דעם פּאָרטיער אין פּאָנעם אַרײַן:

— טאָ ראַבין! ראַבין, באָזשע מאָי!

און אַז ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן און איז אַרײַן אין נומער, איז ער גלײַך צוגעגאַן צום מיניסטער, אַרײַנגעשטעקט אים צוויי ווייכע פינגער מיט אַ שטיקל רויטע פּאַטשײַלע און געמאַכט אַף אים אַ בראָכע אינדערהויך, אַף אַ קאָל:

— ברוך אתה ד״ אלוהנו מלך העולם שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!

אַז דער ראָוו האָט געענדיקט זײַן „שהחינו״ איבערן מיניסטער, האָט דער גאַנצער אוילעם געענטפערט אינדערהויך:

— אָמן!

נאָכדעם האָט זיך שוין דער ראָוו אַוועקגעזעצט, אביסל אָפּפּאָכן פונם ראָשעַ, וואָס האָט אים געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג צום מיניסטער.

און די טיר פון מיניסטער ביעלקינס נומער רוט זיך אַף קיין רעגע ניט אָפּ. ס׳קומען אונטער פּאָרשטייער פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, כעווירעס, באָכערים און פרייע מענטשן. אַלע ווילן כאַפּן אַ שמועס מיטן מיניסטער וועגן דער לאַגע און טאַקע אַזוי אויך. ס׳יאָגן זיך פאַרסאַפּעט אַרײַן אַ פּאָר צײַטונגס־מענטשן נאָך אַ אינטערוויו, און אינמיטן דעם גאַנצן געדראַנג, שטעלט זיך אַרײַן דער פּאָטאָגראַף מיט א גרויסן פּאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט.

ער איז אריין, דער פאָטאָגראַף, מיט גרויס כשיוועס, ווי אין אַ איי־גענער אַטעליע. ער האָט גלייך פאַנאַנדערגערוקט די שטולן איינעם מיט די געסט. דעם אין איין זייט, דעם אין אַ צווייטער. ער איז אביסל ערנסט, ניט צופרידן מיט די צופיל שאָטנס, וואס די געסט האָבן אָנגע־טראָגן צום מיניסטער, און ער בעט זיך:

— הער מיניסטער! דעם קאָפּ אביסעלע נידעריקער! אָט אַזוי. אָט־אָט־אָט!

ער זעט אויס, דער פאָטאָגראַף מיט זיינע לאַנגע האָר, ווי אַ גרויסער געלערנטער. און יעדער באַמערקונג, וואָס ער מאַכט, שיינט אים אַליין צו זיין אַ גרויסע און געהיימניספולע אַנטפּלעקונג.

— רוע! — גיט ער פּלוצלינג א זאָג צום גאַנצן נומער, — פאַרשטעלט דאָרט ניט, פּאַזשאַלוסטאַ, דעם פענצטער! איר, איר!

ער ווייזט אָן אַף איינעם אַ באָכער, וואָס פילט זיך באַשיימפּערלעך זייער געטראָפן, אלעמאי ער פאַרשטעלט.

— איר, איר — אין די פענסנע, — כאַזערט ער איבער צום באָכער. און גייט גלייך איבער צום מיניסטער:

— פּראָוווט זיך, גאָספּאָדין מיניסטער, זעצן מיטן פּאָנעם צום פענצ־טער. ס'וועט פאַלן מער ליכט אַפן שטערן. און ס'וועט בעסער פּאַ־נירן. אָט אזוי, גאָספּאָדין מיניסטער! רירט זיך ניט פון אָרט. פּראָשו וואַס!

דער פאָטאָגראַף שטופּט אריין דעם קאָפּ אין אַפּאַראַט און נעמט אים גלייך אַרויס אַן אומצופרידענער און מיט אַן אויסגעקנייטשט פּאָנעם פון פאַרצווייפלונג. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָרט, אין דער געהיימניס־פולער לאָך פונם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, האָבן זיך צו זיין אומצופרידן פּאָנעם צוגעלייגט אָט די קנייטשן, און זיי, די קנייטשן, אַליין בעטן זיך שוין איצט באַם מיניסטער:

— הער מיניסטער! עפשער וואָלט איר נאָך אזוי ארופגעלייגט איין פינגער אַפן שטערן און איין פינגער אַף דער באַק און אביסעלע אויס־בויגן, אַראָפּבויגן דעם קאָפּ. אָט אזוי. ס'פּאָנירט וואונדערבאַר. וואונדער־באַר! פּראָוווט אָקאָרשט, פּאַזשאַלוסטאַ! זעט. אָט ווי איך!

דער פאָטאָגראַף האָט געמאַכט אַף זיין פּאָנעם די טרוימעריש־פילאָ־זאָפישע פּאָזע מיט ביידע פינגער און דער מיניסטער נאָך אים.

— אָט אזוי! אָט אזוי! אָט דאָס איז עס! אָט דאָס דאַרף איך! פּראָשו וואַס! וונימאַניע! רוע! שטערט ניט, פּאַזשאַלוסטאַ, איר, איר! סעקונדא! אַזוי, אַזוי! נאָך אַ רעגעלע... איר קאָנט דרייען מיט די אויגן — אָ! אָ!

— מערסי, גאָספּאָדין מיניסטער!

צוליב דער בעהאָלע מיטן פאָטאָגראַפירן דעם מיניסטער, האָבן הינטער דער טיר זיך פאַרהאַלטן א גאַנצע כעוורע שרייבערס און פּאָעטן מיט קסאַוויאַדן אין די בוזעם־קעשענעס און מיט גליקלעכע שמייכעלעך אַף די געגראמטע ליפּן. זיי האָבן זיך דערוויי̆ל דורכגעשמועסט:

— אַ וואויל מענטשל, אָט דער מיניסטער! א וואויל מענטשל!

— ער שרייבט גאָר אליין אויך ניט שלעכט!

— ס'אַ סוואָרע, אַז ער האָט אין דער יוגנט געשריבן לידער און דראַמען!

— לאָזט צורו! יענער איז אַ באַרימטער פּאָעט! ער ווערט איצט רע־דאַקטער פונם גרעסטן פאַרלאַג!

— ס'איז גאָר אַ סוואָרע, אַז ער איז צוליב דעם טאַקע געקומען!

כעוורע גיט אַ מיש אַפּן זיקאָרן די ווערק זייערע, וואָס זיי האָבן ליגן אינדר'היים און באַ זיך, אין די בוזעם־קעשענעס, און ס'ווערט זיי אי פריילעך, אי טרויעריק.

— און אַ מענטש איז ער ניט קיין שטרענגער. אַ צוגעלאָזענער!

— מע זאָגט!

אַז דער פאָטאָגראַף איז ארויסגעגאַנגען פון מיניסטער ביעלקינס נומער, האָט ער אַף דער גאַנצער כעוורע־שרייבערס געוואָרפן א האַלבן בליק, וואָס איז געווען פול מיט פאַראַכטונג און מיט קאַעס; און פאַר זיך האָט ער שוין ארויסגעבורטשעט:

— שלעפּערס! אַבי מע קומט נאָר דולן אַ קאָפּ אַ פאַרנומענעם מענטשן. און ער איז אַ בערויגעזער אַוועק.

אַז דער קאָרידאָר האָט זיך אָפּגעליידיקט און אין מיניסטאָרישן נומער איז שוין געווען אינגאַנצן שטיל, האָט עפּעס אַ לייכטע פרויען־האַנט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַזוי שטיל און ניט דרייסט. און אַף אַזאַ איידעלן:

— ביטע!

איז זי אַריין אינעווייניק.

— זי איז א היימלאָזע. אן עמיגראַנטין. זי ווייסט ניט, וואו ס'זיינען אירע עלטערן. האָט זי געהערט, אז אין שטאָט איז געקומען דער אידישער מיניסטער, איז זי זיך געקומען האַלטן א אייצע.

ווען זי איז אריין אין נומער און דערזען, אַז קיינער, כוץ דעם בלאָנדן יונגנמאַן, איז קיינער ניטאָ, האָט זי גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ער, דער מיניסטער, און זי האָט אים גלייך מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל געפרעגט:

— איך האָב די ערע צו רעדן מיטן הער מיניסטער?

— דאָס בין איך, פריילן! — האָט איר סאָלאָמאָן ביעלקין שמייכלדיק געענטפערט.

ער האָט מיט צופרידענער און זאַטער גלוסטונג באַטראַכט אירע טונקל־בלאָנדע לאָקענעס, וואָס האָבן איר אַראָפּגעגלעקלט אַפּן ווייסן האַלז און אָפּגעמאָסטן אַף זיין אויג דעם פאַרנעם פון איר דעקאָלט.

— דאָס בין איך, פריילן, — האָט דער מיניסטער איבערגעכאַזערט. זעצט זיך!

די געקומענע האט זיך קאָנטיק אביסל פאַרלוירן פונם מיניסטערס אומדערוואַרטער גאַסטפריינטלעכקייט און אלץ דאַנקבאַרקייט האט זי אים געוויזן א שמייכל דורך צוויי שורעס ווייסע ציין:

— אַ דאַנק!

זי האט אויגנבליקלעך פאַרגעסן אין איר היימלאָזיקייט און וועגן דער אייצע, וואס זי האט פאַרלאַנגט זיך האַלטן מיטן מיניסטער, און האט אנגעהויבן וועגן עפּעס אַנדערש:

— איך בין, הער מיניסטער, אַ פּאָעטעסע, איך שרייב לידער. איך וואלט פארלאנגט הערן אייער מיינונג... אויב איר זיינט ניט פארנומען — וועל איך אייך...

ביעלקין האט איר גלייך איבערגעשלאגן די רייד. ער האט זי ניט געלאזט פאַרענדיקן און מיט אַ צופרידענעם שמייכל האט ער זי א מונטער געטאן:

— א, מיטן גרעסטן פארגעניגן! ביטע פריילן! איך בין אליין אויך אַ שטיקל פּאָעט!

די פּאָעטעסע האט אַ באַריידעוודיקן שמייכל געטאָן:

— נו, וועל איך לייענען!

זינט סאלאמאן ביעלקין איז ארייַנגעוואקסן אין ראַנג פון מיניסטער, האט ער זיך פאַרלאזט א בערדל.

ער האט זיך פארלאזט א בערדל, פונקט ווי רעב שימאָן בען גאַמליעל, ווען ער איז געוואָרן נאָסי.

סאלאמאן ביעלקין האט פאַרשטאַנען, אז אָן א בערדל קאָן ער אזא גרויסן פאראַנטוואָרטלעכן אמט אין אידישן פאלק ניט טראָגן.

נו, האט ער זיך איצט א נעם געטאָן מיט די שפּיץ פינגער ס'בערדעלע זיינס און זיך צוגעגרייט מיט אויפמערקזאַמקייט הערן.

ס'האט אים ביכלאַל זייער אימפּאָנירט די ראָלע פון א מייוון אף פּאָעזיע. און ער איז געווען צופרידן מיט דער געלעגנהייט אנטפּלעקן אַף זיין פאָלקס־רייזע א פּאָלקס־טאַלאַנט. פון די אָרעמע היימלאָזע. א פאַרבלאָנדזשעטער טאַלאַנט. פונם פאלק. פון די ברייטע היימלאָזע מאַסן.

— פון די היימלאָזע,— גיט ביעלקין א טראַכט,— האָב איך שטענדיק געהאַט א געפיל, וועל איך פריער אָדער שפּעטער עפּעס אויסגראָבן. נאָך דעמאלט, בעשאַס דער כוואַליע.

האט ער שוין אַזוי ווי פון יענער כוואַליע ארויסבאַקומען נאָך א מאָל פּאַר דער פריילן:

— מיט גרויס פאַרגעניגן, ליבע פריילן!

די פּאָעטעסע האט אויסגעשמעקט פון איר האַנט־טאַש א קליין נאָזטיכעלע, דורכגעפּירט מיט דעם אַזוי אומשולדיק־קאָקעטיש איבער אירע ליפּן און עס צוריק אריינגעלייגט אין האַנט־טאַש.

נאָכדעם האט זי צעוויקלט א צייטונג און פון דאָרטן האָבן זיך א צעשאָט געטאָן אירע פּאָטאָגראַפישע בילדער אין פאַרשיידענע פּאָזעס.

זי האט אַפילע ניט געהאַט בעדייע צו וויזן פאַרן מיניסטער די פּאָטאָגראַפיעס, נאָר זיי האָבן זיך אַליין אויסגעשאָטן. אַפן טיש.

און די פּאָעטעסע האט, קוקנדיק אין איר אָפענעם האַנט־טאַש אַריין, אָנגעהויבן לייענען.

ווען זי האט געענדיקט ס'געדיכט, האט זי אופגעהויבן די אויגן פון איר האַנט־טאַש און האט דערזען, ווי אַפן מיניסטערס ליפּן ליגט שוין גרייט א פאָלקס־קוש, וואס ער דאַרף פון גרויס איבעראַשונג און באַגייסטערונג געבן איר, דער פּאָעטעסע.

— געניאַל, פריילן, געניאַל!

דאס גענייאַלע היימלאָזע מיידל האט זיך אַזש אופגעשטעלט פון איר אָרט. זי האט געמאַכט א דערשראָקן פּאָנעם און דערביי געשמייכלט, און אין אַזאַ איינגענומענער פארלעגנהייט, האָט זי אויסגעשמייכלט:

— אַ דאַנק!

אַ מיניסטער האט זי א קוש געטאן! — האט זיך דאס מיידל ניט געקאָנט באַרואיקן פון פריידיקער אופרעגונג:

— עפּעס א זיסע שיקערע מיספאַרשטענדעניש!

און מיניסטער ביעלקין האט א באַגייסטערטער אַרומשפּאַצירט איבערן צימער און זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט נעבן דער פּאָעטעסע פון דער הינטערשטער זייט און אַרופלייגנדיק זיין האַנט אף אירע אַקסל, האט ער געהאַלטן אין איין באַשטעטיקן:

— איר זיינט א גרויסע דיכטערין!

— איר דערמאָנט בעלי־סאַפּעק אין די גריכן. קולט פון ליבע!

— סאפאָ! סאפאָ! די אידישע סאפאָ, וואָלט איך אייך אָנגערופן. איר האט וועגן געליינט סאפאָ?

— וועמען, סאפאָן? — האט אים איבערגעפרעגט די פּאָעטעסע.

— יאָ, די גריכישע דיכטערין, סא־פאָ!

— ס'איז די עלאַדע! די עלאדע!

ווען זי איז אַרויס פון האָטעל, באַגלייט פונם פּאָרטיערס נאָכשמייכלענדיקן בליק, האבן די אויגן באַ איר געבלישטשעט. די באַקן זיינען איר געווען רויט און זיי האבן געפלאַקערט. זי האט אויסגעזען, ווי א גרויסע רויז, וואס צעעפנט זיך. זי האט געאײַלט אַוועקטראגן דאס גליק צו זיך אין צימער, צו אירע כאַווערטעס.

נאָר איין געדאַנק האט זי אַביסל באַאומרואיקט:

עפּשער האט זי א טאָעס געהאט?

— ס'איז דאָך א האָטעל!..

— עפּשער איז זי אריין אין אַן אַנדער נומער?..

— עפּשער איז דאס ניט דער מיניסטער?..

און אָפּן גאַס איז וואַרעם און פריש. פונם פולן איבערפולן דניעפּער גייען ווינטן, ווי דראָאונגען.

און פון דערפער טראָגן זיך צעבויטעטע קלאַנגען. קלאַנגען פון קלויסטערשע גלעקער, פון העק און פון לאָמען, פון זאַסטופּעס און ביקסן.

און די ווייטן ווערן ערגעץ אופגעריסן פון רויטע כאַיאָלעס.

נאָר אין די פאַרפלאָנטערטע קאָרידאָרן פונם אידישן מיניסטעריום פלאָנטערן זיך נאָך זקיינים מיט באַקאָשעס און מיט היטלען און מיט פאַרשעמטע אויסגעשטרעקטע הענט און אַזאַ זויבערע אויסגעבערשטלטע שטים ענטפערט אַלעמען שטייף און אַמטלעך:

— מאָרגן פון 12 ביז 2.

XXII

און געקומען זיינען זיי, די מאָרגנס, מיט איבערמאָרגנס, מיט וואָכן און כאַדאָשים און אַוועק איז א יאָר.

דער שטעטלשער רעוווקאָם זיצט שוין ווידער באַם וועג און לעקט מיט א ווייכן פלאַטערדיקן צונג פון דער פאָן — די צוגעקלעפּטע דעקרעטן און באַפעלן.

עפּעס ווי א רויטע טאַינע אין דער לופט, אין דער דערשראָקענער לופט פון שטעטל, זעט זי אויס, די פאָן, וואָס איז געלעגן בא בערעלע קאַטאָרזשאַן אין ליידיקן צימער, איינגעניייט אין זיין קושן.

א פּאָר טעג, איידער מ׳האט אים געהאַרגעט, האט ער זי איינגעניייט אין זיין קושן, די פאָן. און געזאָגט וועגן דעם מאָטעלען.

איצט האט מאָטעלע אופגעטרענט די קושן און ארויסגענומען פון דאָרט די פאָן און געהאָלפן זי אופהענגען באַם רעוווקאָם.

און טעג זיינען אַלץ ערעוודיקע. מע ווייס אַליין ניט פון וואָס.

קלייטלעך זיינען פאַרמאַכט. טייל — צעבראָכן. היימלאָזע הינט, העפּקערע פאַרשיווע הינט שלאָפן אַף טרעפּלעך פון פאַרמאַכטע קלייטלעך און בילן שטיל, ווי זיי וואָלטן זיך דערמאָנט אָן שטעקנס, וואס האבן אַמאָל געבראָכן די ביינער. איצט טשעפּעט מען זיי ניט. בילן זיי פון זיקאָרן מיט דינע סאָפּראַנען, פּאָשעט, קעדיי ניט פאַרגעסן די מעלאָכע, טאָמער וועלן נאָך אַמאָל קומען גוטע צייטן אַף דער וועלט.

ס׳גיט נאָר אַמאָל א רויטאַרמייער, פון לאַנגווייליקייט, א קאָפּ אין הונטישן בויך. אזוי פון לאַנגווייליקייט. און אַמאָל וואַרפט ער א שטיק ברויט.

אידן גייען אום שלינג־און שלאַנג. דערטאַפט מען ערגעץ א פונט קאָרן, גייט עס שוין אויס די גאַנצע שטאָט פון הענט צו הענט, ביז סע

דערגייט צום פעלדשער. פאַר באַטראַכטן א כוילע. אָדער צום אַפּטייקער פאַר אַביסל ריצנייל.

ערגעץ נעבן א בודקע פון סעלצעוואַסער האַלט מען א סאָוועטסקע טויזנטער און מע לייגט אים אַזוי קונציק צונויף, אַז סע באַקומט זיך א „סרוליקל".

— שיין געלט, — גיט דער בודקעניק א מאַך מיט דער האַנט, — א שיינע ווערט האבן זיי מיט זייער געלט. סרוליקלעך. און פּרוּאוו געבן דעם גוי אַזאַ סרוליקל פאַר אביסל קאַרטאָפל! אַדעראַבע, פּרוּאוו נאָר!

— אַז באַ זיי אין דאָרף זיינען שוין די ווענט אויסגעשפּאַלירט מיט אָט דעמדאָזיקן שפּאַליר. — מישט זיך אַריין אַן אַנדערער. ס'איז דען געלט איז עס דען? ס'איז שפּאַליר איז עס! ס'איז כ'בעט איבער אייער קאָ־ וועד... און העוועלע וועט בעסער לאָזן פוילן אין קעלער און פאַר אָט דעם שיינעם געלט וועט ער ניט פאַרקויפן. וואָסי? דער קאָפּ האַט אים אָפּגעדאַרט? וואָסי? ער דאַרף עס האָבן, דאָס פּאַטשאַטנע געלט? ס'פעלט אים? כאָליערעס אין די זייטן פעלן אים! דאָס יאָ!

ס'דערנעענטערט זיך פון הינטערן מאַרק א געזאַנג:

— צי בין איך פון א שטיי־יין געבוירן,
צי האט מיך קיין מאמע ניט גא־הא־אט?..

— אָט האסטו דיר דעם אַנדערן באָלשעוויק! מאָטעלע גאַנעוו!

אף די ווענט הענגען נייע דעקרעטן. און אידן זאַמלען זיך און ליי־ ענען. אט טראגט שוין אָ די ווייסע באָרד, רעב סענדער, און האַלט אף יעדן פאַל אויסגעשטרעקט דעם אויער, טאָמער וועט אריינפאַלן עפּעס א נייס. ס'שטייט שוין אויך מענדל נעבן דעם נייעם דעקרעט און גיט צו־ פאַרשטיין די אידן, וואס ער וויל זאגן, דער דעקרעט.

און מאָטעלע האט זיי נאָך אַלע ניט אויסגעקלעפּט, דידאָזיקע דעקרעטן. גייט ער זיך פון וואַנט צו וואַנט און זינגט זיך אַזוי אונטער:

— צי בין איך פון א שטיי־יי־ן געבוי־וי־וירען,
צי האָט מיך קיין מאמע ניט גא־הא־אט?..

און באַ דער געלעגנהייט דערלאַנגט ער אַלע ווײַלע א נערעג א הונט מיט דער קלעפּיקער באַרשט.

— פּאָטשאָטנע כאַווײרים זײנע! הינט! — געבן זיך א שורווע די אידן. ט׳זיך צעזינגען! סט׳אַמיִיון, ווי ער האט זיך עס אַביסל צעזינגען, דער באָלשעוויק? דער אָראַטער!

— זײ זאָלן בעסער אַראָפּברענגען א פּאָר היצעליעס אין שטאָט אַרײן — די קלאָווים אויסראָמען און ווײניקער מיט א שטיקרעט! און ווײניקער מיט אַן אָראַטער!

— וואָסי? ס׳פעלן בא זײ היצעליעס? האַ? — האט א שאַמקע געטאָן דער אַלטער סענדער, — וואָסי? ווײניק האבן זײ אויסגעהאַרגעט קראָמען? האַ? ווײניק האבן זײ דערהאַרגעט דעם מיסכער? ווײניק?

דער אַלטער דרײט זיך אויס און הויבט אויף דעם שטעקן, פּונקט ווי ער וואָלט מיט אים עמעצן גערופן:

— דו, טראָצקעלעס גוטערברודער, קום נאָר אַהער!

נאָר מענדל האט אים א נעם געטאָן פאַרן שטעקן:

— שטילער אַביסל, רעב סענדער! ס׳גלוסט זיך אײך דאַפקע כאַפּן פון אים א פּעטשאַטעק!

— ווער? איך? פון אָט אָ דעם כ׳בעט אײך איבער, ניוזעניק!

— וואָס זשע? איר גלויבט זיך ניט, רעב סענדער!

— ביסט שוין עפּשער אויך פון זײערע? הא? מענדל! — האט דער אלטער אַ שיפּע געטאָן, — נו, אוואדע! בראָדסקי האט דאָך זיך שוין צעטײלט מיט דײן עזרען, הא? נאָך ניט? ס׳איז דאָך עפּעס בא דײן עזרען:

— מײנס־דײנס, דײנס־מײנס! האַ? מענדל!

מענדל האט זיך אויסגעקערעוועט און דער אלטער האט אָנגעהויבן ארײנבורטשען אין יעדן, ווער ס׳האט זיך אים נאָר געטראָפן:

— נישקאָשע. אַ ניט ווײס מען דען ניט, אז בא אים אין שטוב זײנען אלע טשעקיסטן? אַ ניט ווײס מען דען ניט? האַ? און ווער איז זי? אָט די, מיט די ברילן, ווער? ניט קײן טשעקיסטקע? ס׳אַ סאָד?״האַ? אָט די, מיט די גוטע רײדעלעך און מיט די גרויסע נעדאָוועס. וואָס? די גאַנצע שטאָט ווײס דען ניט? האַ? און דער, אָן דער האַנט, וואס קומט אלע מיטוואָך און דאָנערשטיק — דער איז ניט פון טשעקאַ? ניט? וואס איז דא צו פאַרבאַהאַלטן?

דער אַלטער האָט זיך ארומגעקוקט, צי סע גייט ניט עמעצער פון זייערע און האָט ווייטער געשאָקלט מיט דער באָרד:

— און דער שערעץ? ס'איז דען א אידיש קינד? ס'איז דען ניט קיין מאַמזער? און אַן ערלעכער איד האַלט אַזעלעכס בא זיך אין שטוב? א שיינער איד! נישקאָשע. מע ווייסט, מע ווייסט!

מענדל האָט גאָרניט געהערט, וואָס דער אַלטער סענדער האָט גע־רעדט. ער האָט אויך ניט געזען, ווי אידן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. ער האָט אויך ניט געוואוסט, אז בא אים אין שטוב, אינעם צימער, וואו זיין זון עזרע האָט אמאָל שטודירט דאָקטער, — אז אָט אין יענעם אָ צימער זיצט ניט קיין יונגע אַלמאָנע מיט א קינד, וואָס וויל פאָרן קיין פוילן, נאָר — דאָרטן, אין צימער, בא אים אין שטוב זיצט דער קאָ־מאַנדיר פון אַן אונטערערדישער גרעגעץ־גרופּע, די כאַוועדטע סאָניע.

זי זיצט בא אים שטוב, אין עזרעס צימער, פאַרשטעלט פאַר אַן אַל־מאָנע, וואָס וויל פאָרן קיין פוילן, און אינדערעמעסן — סטענאָגראפירט זי דא מיליטערישע באַפעלן פון וואַרשעווער ציטאַדעל און שיקט זיי קיין כאַרקאָוו מיט ספּעציעלע אונטערערדישע קוריערן.

ער האָט דערפון ניט געוואוסט.

ער האָט ניט געוואוסט, אז פון זיין שאָכנטעס צימער בא אים אין שטוב ציען זיך אונטערערדישע וועגן צום בעלוועדער קיין וואַרשע — דורכן לעצטן באָלשעוויסטישן גרענעץ־פּאָסט און צוריק אַהער אין לאַנד אַריין.

ער האָט געוואוסט, אז בא אים אין שטוב זיצט אַן אַלמאָנע און אז איר קינד איז שוין צייט אָנהויבן צו לערנען דאוועגען. ער האָט געוואוסט, אז צו דער אַלמאָנע קומט פון צייט צו צייט אַראָפּ א מענטש אָן א האַנט.

— איז אָן א האַנט. נעבעך א קאַליקע. און וואָס איז, אז א קאַליקע?

און אז סע האַלט באַ געבן א נעדאָווע, — זאָגט שטענדיק מענדל:

— וואַרט, אָט וועט קומען צו מיין שכיינע אָט יענער, וואָס איז מיט איין האַנט. איר קוקט אים אָן, אָט דעם, וואָס מיט איין האַנט? איז מיט אָט דער איינער האַנט גיט ער מערער, ווי די גאַנצע שטאָט מיטביידע הענט!

אַליין גייט ער אָפּגעריסן, מיט א פּאָר אויסגעדרייטע שטיוולעטן. און קיינער ווייסט ניט, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך, אָט דער אַלמאָנעס גאַסט.

מענדל האט ניט געוואוסט, אז דריי פערטל האַרץ פון זיין עזרען וואַרעמט די אונטערערד פון דער אַלמאָנעס צימער אין זיין שטוב, אז זיין עזרעס האַרץ געפינט זיך אונטער איר צימער, ווי א מיקראָב אונטער א טעלעסקאָפּ און באַוועגט מיט אונטערערדישע טראַקטן, וואס פירן פון לאַנד צו לאַנד.

ער האט ניט געוואוסט, דער אָרעמער מענדל, אז זיין עזרעס אויגן רייסן זיך איבערן לאַנד, טונקל־בלויע, ווי נאגאַנעס; אז ער איז אין רעוו־טריבונאַל פון א 12־טער רויטאַרמייאישער דיוויזיע און שרייבט אים ניט קיין בריוו דערפאַר, ווייל ער שרייבט טויט־אורטיילן; ער האט ניט געוואוסט, אז זיין עזרע פירט ערגעץ איצטער אין געפענגעניש די לעצטע קייסערישע גענעראַלן און אָפיצירן און מישפּעט זיי פאַר גאַנצע דורעס און יאָרהונדערטן, — זיין זון עזרע!

פון דעם האט מענדל גאָרניט געוואוסט.

ער האט געוואוסט, אז מיט דער אַלמאָנעס קינד איז שוין צייט צו לערנען דאווענען. אַז ס'זאָל זיין א איד. אַן ערלעכער איד.

דאס האט מענדל געוואוסט.

ווייל, ווען סאָניע בראָן האט מיט אַ צייט צוריק געדונגען דאס צימער בא מענדלען אין שטוב, האט זי אין איין האַנט געהאלטן א קלומיקל פאַרן אויער און אין דער אנדערער האנט — איר קליין בלאָנד אינגעלע פאַרן הענטל.

דאס קליינע שאָכנדל האט אויסגעזען, ווי א שייגעצל און האט זיך געשראָקן אי פאַר מענדלען, אי פאַר פראַדלען. און פראַדל האט זיך געשראָקן פאַר זיי ביידע.

עפּעס איז איר ניט געווען צום האַרצן די אַלמאָנע מיטן קינד, וואס זעט אויס ווי א שייגעצל.

— גאָרניט קיין אידיש קינד, — פלעג זי זאָגן מענדלען, ווען סאָניע איז אין שטוב ניט געווען, — גאָרניט קיין אידיש פּנעמל. וואס זאָגסטו, מענדל?

נאָר מענדל האט געשוויגן. ער איז ארומגעגאַנגען אין שטוב, ווי א פרעמדער. דאס, וואס סע האט זיך אריינגעזעצט אין עזרעס צימער א פרעמדער מענטש, האט ווי מיט נאָך עפּעס אַ שוואַרצן געוואַנט פאַר־וויקלט דאס געשפּענסט פון זיין זון, וואס איז אראָפּ פונם דערעכהאַיאָשער.

מענדל האט אליין גאָר ליב געהאט זיך אַמאָל אַריינכאַפּן אין צימער, ארומקוקן די ווענט, א רודער טאָן דאס בענקל, דעם טיש, וואו זיין עזרע האט געשטודירט, וואו די ביכער זיינען שטענדיק געלעגן אָפן און געקוקט עזרען אין מויל אריין. ער פלעג אזוי ארומגיין איבערן צימער און איינאָטעמען דעם רייעך פון עזרעס אָנטאָן און זוכן אף די ווענט ערגעץ א שאָטן, וואס האט זיך שוין אזוי לאַנג, לאַנג ניט באַוויזן. און ווען עמעצער האט צופעליק אופגעפּנט די טיר, פלעג ער פאַרשעמטער־הייט א זאָג טאָן:

— דינע ווענט. מע וואָלט באדארפט זיי איינוואַרפן.

נאָכדעם פלעג ער גלייך אוועקגיין.

איצט, ווען מ'האט פאַרנומען דאס צימער, האט זיך אים אויסגעדאַכט, אז מע טרייבט אים, מענדלען, דעם פאָטער, טרייבט מען איצט פאָר־שעט ארויס. איצט וועט ער שוין מער ניט האבן וואס אריינצוגיין. ס'איז שוין דאָרטן מער ניטאָ קיין לעבעדיקער זייכער פון עזרען. ניטאָ.

נו, האט מענדל ניט געענטפערט זיין ווייב, צי דאס אינגעלע זעט טאַקע אויס ווי א שייגעצל, צי ניין. ער האט אָפּגעשוויגן.

אָבער נאָך דער ערשטער וואָך פרעמדקייט און קעגנזייטיקער מוירע, האט פראַדל אָנגעהויבן קוקן אף זיי, ווי אף אייגענע, און מענדל האט זיך אַליין גענומען שפּילן מיטן אינגעלע.

אַכט טאָג האט זיך מענדל געראַנגלט מיט זיך אליין. ניט געוואָלט איינגיין אף דער שכיינעס בא עזרען אין צימער. ער האט מיט איין אויג געקוקט אף זיי ביידע און א גוטמאָרגן זיי געגעבן פון דער קעשענע, ניט פון דעם מויל. אַכט טאָג. און מער האט ער ניט געקאָנט,— אַפּן ניינטן טאָג האט ער גענומען א סידער און צוגערופן דאס אינגעלע:

— קום אַהער, אינגעלע, קום אַהער. ווי רופט מען דיך?

דאס אינגעלע האט א זוך געטאָן מיט אַן אויסגעשטרעקט הענטל עפּעס אינדערלופט און געענטפערט:

— אַלעקסאַנדריק.

— און ווי הייסט דיין מאַמע?

— כאַווערטע סאָני.

— און וואָס איז דאס, אינגעלע?

— א בוך.

— און וואו איז דיין טאַטע, אינגעלע?

— כ'ווייס ניט...

מענדל האט א קרעכץ געטאָן, א מיש געטאָן דעם סידער און געזאָגט צום אינגעלע:

— דאס איז א סידער. ניט קיין בוך. אף דאַווענען. זאָג, אינגעלע, סידער.

— כ'וויל ניט.

— ביסט א וואוילער אינגעלע, א וואוילער אינגעלע.

דעמאָלט האט שוין מענדל אוועקגעזעצט ס'אינגעלע צו זיך אף די קני, געגלעט די זייטלעך פונם סידער און דאס קינד איבערן פענעמל און גענומען מיט דעם לערנען דאַווענען.

מענדל האט אים ניט געקאָנט רופן באם נאָמען.

— עפעס א גויאישער נאָמען,— האט מענדל געטראַכט,— וואס פאַר א נאָמען אַלעקסאַנדריק? אידן גיבן ניט אזעלכע נעמענער.

האט ער אים שטענדיק גערופן „אינגעלע". נאָר געלערנט מיט אים דאווענען געטריי, און געטריי זיך מיט אים געשפילט, ווי מיט אַ אייגן אייניקל.

און סאָניע האט אויסגעהערט מאַיסעס פון פראַדלען וועגן איר זון עזרע, וואס האט געדאַרפט ענדיקן אף דאָקטער, געציילט די טרערן פון אירע אויסגעוויינטע אויגן און אלע וואָך געציילט געלט פאַרן צימער, פאַר איר קינד און פאַר זיך אליין.

פראַדל האט זיי געקאָכט און באַדינט. סאָניע אליין האט קיין צייט ניט געהאט. אז זי האט ניט געקאָנט אריבערגיין די גרענעץ צו אירע עלטערן קיין פוילן, האט זי זיך געשטעלט אַרבעטן. איז זי געווען פאַר־גומען אין דער פרעמד. זי פלעג אוועקגיין אף גאַנצע טעג און איבער־לאָזן אלעקסאַנדריקן אף פראַדלען, זי זאָל אַכטונג געבן אף אים. פלעג זיך שוין מיט אים שפילן מענדל.

— נעבעך א יאָסעם. א יאָסעמל, נעבעך,— האט מענדל געטראַכט מיט ראַכמאָנעס. נאָר פאַרוואָס רופט מען עס מיט א גויאישן נאָמען?

— א יאָסעמל מיט א גויאישן נאָמען!

און אלעקסאַנדריק האט גערופן מענדלען „דיעדושקאַ".

פלעג זיך סאָניע אוועקגיין גאַנץ פרי אף דער ארבעט און פלעג זיך אומקערן שפעט באַנאַכט. און אמאָל זיך אינגאַנצן ניט אומקערן.

אַכצן ווערסט הינטערן שטאָט איז געווען די גרענעץ. דאָס איז געווען דער לעצטער באָלשעוויסטישער פּאָסט. און דורך דעם פּאָסט האָט סאָניע צעשיקט און אָפּגעוואַרט אירע שטאַפעטן. צו דעם פּאָסט פלעגן צו איר קומען יונגע באָכערים, וואָס האָבן געקאָנט שווימען אונטערן וואַסער און וואָס פלעגן אריבערשווימען בײַ די נעכט דעם טײַך און זיך לאָזן אַרעסטירן. זיי פלעגן שווימען הין און צוריק, און סאָניע האָט נאָר געקוקט. און ווען מ׳האָט געדאַרפט, האָט זי געשיקט נאָך.

פלעג זי אוועקגיין אויף דער אַרבעט גאַנץ פרי און זיך אומקערן שפּעט אײַנאָוונט, ווען איר קינד, איר אַלעקסאַנדריק, איז שוין געשלאָפן.

אַזוי האָט עס זיך געצויגן טאָג־אײַן, טאָג־אויס, ביז איינמאָל האָט זי בײַ איר קינדס וויגעלע געטראָפן זיצן פראַדלען, און עס וויגן און דעם אײַנרעדן:

— שלאָף, טײַערער. שלאָף, קינדעלע. די מאַמע וועט באַלד קומען.

און די מאַמע איז געקומען. און געטראָפן אַלעקסאַנדריקן אָפּגעדעקט. מיט קלענער־געוואָרענע אויגלעך. און די ליפּעלעך האָבן געסאַרפּעט.

פראַדל האָט געטאַינעט:

— מע דאַרף דעם קינד אָפּשפּרעכן אַ גוטאויג. ס׳קינד האָט געכאַפּט אַ גוטאויג.

נאָר סאָניע האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, און ס׳האָט זיך בײַ איר פאַנאַנדערגעקייטלט דער רוקנביין. ס׳האָט איר אַ זעץ געטאָן, ווי מיט אַ באַרג אין קאָפּ אַרײַן.

אַכט טאָג נאָכאַנאַנד האָט סאָניע ניט אָפּגעטראָטן פונם בעטעלע. דעם לעצטן אויף דער נאַכט איז דעם קינד, דאַכט זיך, געוואָרן גרינגער. איז סאָניע געלאָפן נאָך שפּילעכלעך. נאָך נײַע שפּילעכלעך. און זיך געאײַלט, וואָס גיכער אַהיים און זיי אַוועקלייגן, די שפּילעכלעך, בײַ אַלעקסאַנדריקן אויפן בעטעלע.

נאָר ס׳האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן די לופט אַרום אים. שפּעט בײַנאַכט האָט זיך אים אַ זעץ געטאָן דאָס קעלעכל. ער האָט געבלאָנדזשעט מיט די אָנגעצונדענע אויגלעך און זיי אָפּגעשטעלט אויפן דערשלאָגענעם מענדל, וואָס איז געשטאַנען נעבן בעטעלע.

— דיעדושקאַ!

מענדל האָט זיך איבערגעבויגן.

אין דרויסן איז געווען א ווינט און האָט געבויגן די בוימער. די שנייאיק־פּאַרפרוירענע בוימער. און מענדל האט זיך צוגעהערט אי צום דרויסן, אי צום קינד.

— דיעדושקאַ, וואו איז מיין מאַמע?

— אָט בין איך, קינד מיינס, אָט בין איך.

— מאַמע! ביסט דאָ? מאמע! ביסט דאָ?

— אט בין איך, קינד מיינס.

— דיעדושקאַ, וואו איז מיין טאַטע?

מענדל האט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צום פענצטער, פונקט ווי ער וואָלט אים געזוכט, דעם טאַטן, דורכן פענצטער, אַף דער גאַס:

— מאָרגן, איינגעלע, וועט ער קומען, דער טאַטע. שלאָף, איינגעלע.

— דיעדושקא.

און אַלעקסאַנדריק איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

... האט שוין אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן דורכגעשפּאנט איבער דעם איינציקן וועג, וואָס פירט פון וואָקזאַל אין שטעטל און פון שטעטל צום וואָקזאַל און זייביידע צום בייסאַלמען, — אָט איבער דעמדאָזיקן וועג האט דורכגעשפאנט א פרעמדער יונגערמאַן. אַ בלאָנדער.

ער איז געגאַנגען זייער איילִיק. ער האט זיך אומרואיק איינגעקוקט אין ביידע זייטן גאַס, אין יעדער שטוב און זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, פון וועלכער מע וויינט.

ער האט געוואוסט, אַז אין איינע פון אָט די קליינע אָרעמע שטיבלעך דאַרף מען איצטער וויינען. אַז אין איינע פון די שטיבלעך דאַרף איצט ליגן אַף דר׳ערד זיין קינד, זיין אַלעקסאַנדריק, וואס זיין געוועזענע פרוי, סאָניע בראָן, האט בא אים צוגענומען.

מיט דער רעכטער האנט האט ער אין קעשענע געהאַלטן צונויפגעדריקט א טעלעגראַם, וואס האט מיט אַ טאָג פריער אים אַרויסגעריסן פון זיין איינזאמקייט אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט זי געקנייטשט, די טעלעגראם. ער האט זי געדריקט מיט נערוועזע פינגער, פונקט ווי ער וואָלט זיך באַמיט אַרויסדריקן פון איר די אומגליקלעכע דריי ווערטער. ארויסדריקן זיי פון דער טעלעגראַם, פון דער קעשענע און זיי אַרויסלאָזן איבערן וועג, איבערן וויסטן איינזאַמען וועג, וואס ציט זיך פון

א קליין וואָקזאַלכל אין א קליין שטעטל, וואס האט בא אים צוגענומען זיין קינד.

אָט זאָלן זיי אַרויספליען, די דריי אומגליקלעכע ווערטער, איבערן גאַנצן שטעטל, איבער דער גאַנצער וועלט און פרעגן:

— פאַרוואָס האט זי אים דערהארגעט זיין קינד, זיין אַלעקסאנדריקן?..

— פארוואָס?..

האבן זיי אים געשווינדלט פאר די אויגן, די דריי פינצטערע סאָראָקישע ווערטער פון דער טעלעגראַם. געשווינדלט פאַר די אויגן און געפירט ערגעץ צו אַ שטוב, וואו מע וויינט, וואו סע ליגט ערגעץ אַף דר׳ערד זיין געשטאָרבן קינד, זיין אַלעקסאַנדריק.

האט ער געוואָרפן מיט די אויגן צו יעדער שטוב, צו יעדן פענצטער, וואו ס׳זיינען אָנגעצונדן ליכט. צו יעדער טיר, עפשער דרייען זיך קאַבראָנים. און זיך איינגעהערט — עפשער גייט פון ערגעץ א געוויין...

נאָר געהערט האט ער דאס געוויין פון זיך אַליין.

און ווען ער האט בא די צוויי פארבייגעגאנגענע ווייבער א פרעג געטאָן: — וואו וואוינט דאָ מענדל מאָרגנשטערן?

האבן זיי אים, דערשראָקענע, אָנגעוויזן אַף אן עקיק שטיבל מיט פאַר־האנגענע פענצטער און איינע האט שוין מיט ראַכמאָנעס א וואָראָזשע געטאן צו דער אַנדערער:

— ס׳דאַרף זיין דער פּאָטער. דער אומגליקלעכער פאָטער, נעבעך. ס׳ווייזט אויס. ס׳ווייזט אויס, נאָרוואס אָנגעקומען פון דער באַן.

— אַ שיינעם טאַכלעס אים געמאַכט פונם קינד...

— א ווייב. א ווייב? — א מאַלעכאַמאָוועס! ניט קיין ווייב.

— ניט אומזיסט איז...

— נאָר וואס איז דאָ פאראן צו רעדן?..

אין א האלבער שאָ אַרום איז שוין סאַוועלי קורגאַנאָוו געזעסן אַפן ברעג בעט, נעבן זיין אויסגעצויגענעם און פארקילטן אַלעקסאַנדריק.

פונם געשטאָרבענעמס האלב־אָפענע אויגלעך און פון זיין האַלב־אָפן מויל, האט אַרויסגעשמייכלט דער טויט. ער האט אַראָפּגעשמייכלט, דער טויט, אין אָפענעם סידער אַריין, מיט וועלכן אַלעקסאַנדריק האט זיך געשפּילט און ניט דערשפּילט...

אונטער אט דעם איבער־רואיקן שמייכל פון טויט, וואָס האט אַראָפּגע־קוקט פונם געשטאָרבענעם קינד אין מענדלס סידער, איז געזעסן אין מאַנטל סאוועלי קורגאַנאָוו און ניט פאַרשטאַנען, צי ליגט דאָ, אַפן בעט, טאַקע זיין קינד, זיין אַלעקסאַנדריק. צי האט זיך טאַקע אף זיין ווייסינקן אַלעקסאַנדריק אַרופגעוואַלגערט דער טויט...

ער האט אַלע ווײַלע פאַרגראָבן די הענט אין די צעשויבערטע האָר אין זיינע און א רעווע געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאַנט:

— זיי, די מערדערס, האבן אים דערהארגעט!

— זיי, די מערדערס. מיט די אייגענע הענט!

סאָניע איז געלעגן, ווי אַ שטיין א פאַרוויקלטער אין פרויענקליידער. זי איז געלעגן מיט אַ געשוואָלן פּאָנעם, מיט געשוואָלענע אויגן צופוסנס דעם קלייניקן מעס און אַלע ווײַלע א ציטער געטאָן.

סאַוועלי, איר געוועזענער מאַן, האט אַרײַנגעטראָגן אין צימער נאָכ־אַמאָל אַזוי פול טויט, וויפל ס׳האט אַראָפּגעשטראַלט פונם געשטאָרבענעם קינד. ער איז עפּעס, דאַכט זיך, געקומען, סאוועלי, פון יענער וועלט, אָפּנעמען בא סאָניען דאָס קינד, וואס זי האט אים ניט געוואָלט אָפּגעבן לעבעדיקערהייט.

איצטער איז ער עס געקומען אָפּנעמען טויטערהייט.

אָט ליגט עס. אַ פאַרגעלטס. א שטיק טויט פון זייערע ביידענס לייבער. פון זייער ביידנס פאַלשער נאָענטקייט. פון זייער ביידנס אָפּגע־נאַרטקייט.

און ווער וואָלט עס געקאָנט גלויבן, אַז צוריק מיט זיבן אָדער אַכט יאָר האבן אָט די צוויי פרעמדע מענטשן, ווי צוויי פאַרפירטע גליקלעכע אָרעמעלייט, זיך צונויפגעלייגט מיט זייער אָרעם לייב,— אז אין איינער אַ נאַכט האבן אָט די צוויי באַגעגנטע געמאַכט אַן אָרעמע „סקלאַד־טשינע" פון זייער לייב — יעדערער אָפּרייסנדיק אַ שטיק פון זיך — און נאָכדעם?..

נאָכדעם האָבן זיי זיך עפּעס ניט געקאָנט איינטיילן צווישן זיך... ביז איצט, ווען זיי דאַרפן עס אומקערן צוריק אהין, פונוואנען ס׳איז זיי באַשערט געוואָרן... אַהין, אין דער אייביקער נאַכט, וואוהין זיי וועלן שוין, פריִער אָדער שפּעטער, מוזן צולייגן דאס איבעריקע, וואס איז זיי נאָך פאַרבליבן פון זיך... נאָכדעם, ווען זיי האבן פון זיך אָט דעם

כיילעך לייב אָפּגעריסן, — אָט דעם כיילעך לייב, וואס ליגט איצט, ווי אַ וואַקסענע ליכט, אַפן בעט מיט האַלב־אָפענע אויגן, מיט אַ האַלב־אָפן מויל און שמייכלט צו מענדלען אין סידער...

איצט האבן זיי זיך שוין מער פאַר דעם ניט געקריגט.

דער טויט, וואס האט פונם קינד אַראָפּגעקוקט, האט זיי ביידע שאָלעם געמאַכט. אויסגעגלייכט דעם קאָנפליקט זייערן מיט ווייטיקדיקער, נאַרישער און זינלאָזער פאַרשעמטקייט.

שאָלעם געמאַכט און אויסגעגלייכט אף אזא אויפן:

— זיי זאָלן זיך ווידעראַמאָל, ווי זיבן אָדער אַכט יאָר צוריק, זאָלן זיי זיך ווידעראַמאָל צונויפלייגן. אָבער ניט מער מיט זייערע אָרעמע לייבער. ניין. נאָר מיט זייער פאַרשעמטן ווייטיק. זאָלן זיי זיך צונויפלייגן און עס איינייגעם אָפּטראָגן צוריק אַהין... וואו סע ליגן אלע נעכט. די ערשטע און די לעצטע. זאָלן זיי עס דאָרט אָפּגעבן, ווי אַן אדעראָף פון זיך אַליין.

— ווי אַן אַדעראָף!..

און באַ מענדלען אין שטוב האבן זיך אַרומגעדרייט בערדיקע אידן, פינצטערע, ווי באַשמאַטעוועטע האָרבאטע וואָראָנעס, און אָרעמעלייט, וואס דערשמעקן שטענדיק די ערשטע, אז אין שטאָט איז פאַראַן א מעס.

אָרעמעלייט מיט האָרבעס, וואָס זעען אויס ווי אָנגעשטאָפּטע פאַזעכעס מיט געשטאָרבענע קינדער. זיי האבן זיך אַרומגעדרייט, געקייעט פסוקים, ווי דאַרע פאַרטריקנטע שקאָרינקעס, געמאָנט עפּעס מיט די אויגן און געוואַרט.

ס'האט פון זיי געשמעקט כיילעוו, מיט פאַרשמאָלצנקייט און מיט טויט.

סאָניע האט נאָך ניט געלאָזט אַרויסטראָגן פון שטוב דאָס געשטאָרבענע קינד.

און סאָוועלי איז געזעסן אָן דער היטל מיט צעפלאָשעטע בלאָנדע האָר און פון צייט צו צייט דראָענדיק אַריינגעשריגן אין שטוב צו די אָרעמעלייט:

— לאָזן זיי, די מערדער, באַשטעלן אַ טרונעלע! א טרונעלע לאָזן זיי באַשטעלן! איך האָב געלט. נאָט אייך געלט! לאָזן זיי אים ניט אַריינוואַרפן אַזוי אין דער הוילער ערד...

— אַלעקסאַנד... אַלעקסאַ־א־א

און אידן האבן זיך געמאָרדעוועט:

— ס'הייסט אַ טרונע? וואס פאר א טרונע? מ'איז עפּעס גויאים, איז מען עפּעס? באַ גויאים מאכט מען טרונעס! באַ אידן מאכט מען ניט קיין טרונעס! א אידיש קינד דאַרף מען מעקאַבער זיין, ווי אַלע אידן! נא דיר טרונעס, נאַ דיר!

און אין מאַרק האט מען זיך געשושקעט:

— ס'שוין געהערט, וואס דער שיינער טאַטע וויל?

— וואס וויל ער?

— א טרונע וויל ער. אין אַ טרונע, וויל ער, זאָל מען באהאלטן דאס קינד. דאס וויל ער. ניט אַנדערש.

— ער איז דען אַ גוי?

— ווער ווייסט היינטיקע אידן, צי זיינען זיי אידן, צי זיינען גויאים?..

— נו, און דער ראָוו? וואס זאָגט דער ראָוו?

— וואס עפּעס דער ראָוו? און די שטאָט וועט דערלאָזן?

— נו?

— נו, נו. ליגט עס!

— און וואס זאָגט מענדל? ס'איז דאָך באַ אים אין שטוב!

— וואס זאָגט מענדל? וואס זאָל ער זאָגן, מענדל? ער שווייגט און אַן עק.

— נאַ דיר אַ טרונע! א אידישער מעס פּלוצלינג אין א טרונע!..

ווען ס'האט זיך געענדיקט די שיווע, ווען סאַוועלי און סאָניע האבן אויסגעשוויגן די זיבן וויסטע נאָגנדיקע טעג, האט איבערן ברייטן וועג, וואס פירט פון שטעטל צום וואָקזאַל, צוריק אַדורכגעשפּאַנט דער בלאָנ־דער יונגערמאַן, וואס ווייבער האבן זיך איבער אים געשפּאַרט, אַז דאָס איז דער אומגליקלעכער פּאָטער.

יאָ, ער האט געשפּאַנט צוריק, סאַוועלי. צוריק. מיט יערושע פון גע־שטאָרבענעם קינד.

טאַטע־מאמע האבן זיך מיטן קינדס יערושע איינגעטיילט. שווייגנדיק: דאס ווייסע זומערדיקע אנצוגל האבן זיי ביידע מיטגעגעבן אַלעק־סאנדריקן אין קייווער אריין. זיי האבן ניט געוואָלט אָנטאָן אַלעקסאנ־דריקן קיין טאַכרוכים. האבן זיי אים אָנגעטאָן דאָס מאיאָווע אנצוגל.

זיי האבן עס אים מיטגעגעבן אהין... די העמדעלעך האט זיך געלאָזט סאָניע. און דאס היטעלע, די שיכעלעך און דעם סידער, האט דעמאָלט, נאָך דער שיווע, געטראָגן סאָוועלי בא זיך אין די קעשענעס.

און ווייבער האבן געקוקט אין די פענצטער און געטייטלט מיט די פינגער:

— ער פאָרט שוין, ווייזט אויס, אַוועק. שוין. דער פאָטער...

— ס'ווייזט אויס, געגעטע, בהיטע גאָט... ניט אַנדערש, ווי געגעטע...

און דאָרט, באַ זיך אין שטאָט, האט זיך סאָוועלי געקויפט א שטעקן און גייט מיט אים שפּאַצירן אַלע פאַרנאַכט איבערן פארגייענדיקן פּראָספּעקט...

— ניטאָ מיט וועמען צו גיין שפּאַצירן איבערן פּראָספּעקט. ניטאָ, — טראכט הוסטנדיק סאוועלי, — אמאָל איז געווען אלעקסאַנדריק, איז מען געגאנגען שפּאַצירן מיט אַלעקסאַנדריקן. געווען אַ פאַרגעניגן צו גיין שפּאַצירן מיט אַלעקסאַנדריקן...

איצט איז מער ניטאָ אַלעקסאַנדריק.

דעם לעצטן שפּאַציר מיט אַלעקסאַנדריקן האט ער געמאַכט אין איינעם א פּראָסטיקן טאָג צו אַ פאַרוואָרפענעם בייסאַלמען, ערגעץ אין אַ קליין שטעטל. דריי מענטשן זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דער לעוויע:

מעגדל, עפּעס איינער אָן אן האַנט און —

און ווער נאָך?

— סאָניע?

סאָניע איז דאָך שוין אויך געשטאָרבן. שוין לאַנג געשטאָרבן. אַף אַלעקסאַנדריקס לעצטן שפּאַציר איז זי געקומען. געקומען און נאָכגעגאַנגען. שטיל נאָכגעגאַנגען...

אזוי האט געטראַכט סאָוועלי קורגאַנאָוו.

און א פאַרוועבטער אין דידאָזיקע געדאַנקען, גיט ער אין זיך אַ צאפּל, ווי אַ פליג אין שפּינגעוועבס:

— יעזוּאיטן! זיי האָבן אים ניט געוואָלט מאַכן קיין טרוגעלע...

פון אופרעגונג גיט ער אַ סמאָקע צו צום גומען די פרעמדע אַריינגעשטעלטע ציין, וואס פאַלן אים אַראָפּ פון די יאַסלעס:

— פאַרוואס האבן זיי ניט געלאָזט מאַכן אַלעקסאַנדריקן קיין טרוגעלע?..

— יעזואיטן!

נו, האָט ער זיך געקויפט אַ שטעקן און גייט אַלע פאַרנאַכט שפּאַצירן מיטן שטעקן איבערן פּראָספּעקט באַרג־ארוף, באַרג־אַרוף.

גייט ער אַזוי לאַנג, לאַנג, ביז סע סטאַיעט אים שוין קיין ערד ניט אונטער די פיס.

אף די ראָגן שטייען סעדעכעס מיט פולע קוישן עפּל, און שפּרעכן עפּעס שעלטנדיקע שפּרוכן.

אָט בא דערדאָזיקער סעדעכע פלעג ער קויפן עפּל און טראָגן אַלעקסאַנדריקן, ווען סאָניע איז ניט געווען. ווען ס'איז געוואָרן זייער טייער עפּל, פלעג ער קויפן איינעם. איין־און איינציקן.

— נעמט, נעמט,— פלעג אים די סעדעכע צורעדן,— נעמט, נעמט, נעמט! איך נעמט בא מיר שטענדיק. נעמט. איר וועט מאָרגן אויך נעמען!

ער וואָלט געדאַרפט קויפן אַלעקסאַנדריקן אַן עפּל. ער האט שוין אַזוי לאַנג ניט געקויפט אַלעקסאַנדריקן קיין עפּל!..

— זאָגט נאָר, הענדלערקע! עפּל זיינען עפּעס גוט צו צוקער־שלאָפקייט?

גייט סאָוועלי איבערן פּראָספּעקט באַרג־ארוף, באַרג־אַרוף, קויפט אפן וועג אַן עפּל און באַנאַכט זעצט ער מיט אים אויס אַ פענצטער אין סאָוונאַרכאָז. ער וואַרפט אים, דעם עפּל, אין אַ פענצטער פון סאָוונאַרכאָז און אז ער דערהערט א קלונג פון צעבראָכן־שרייענדיק גלאָז, גייט ער צוריק. שנעל, שנעל... מיט אַן אופגעשטעלטן קאָלנער. און ער גיט אפן וועג נאָך אַ סמאָקע צו צום גומען די פרעמדע אריינגע־שטעלטע ציין, זיי זאָלן ניט אַרויספאַלן אפן וועג.

— שנעל, שנעל...

אינדערפרי וועקט אים אוף דאָקטער אראָנסאָן, אויסגעסטרויעט מיט זיין ווייבס קיישל. אינעווייניק, אין קיישל, ליגט זיין פראַנצויזישע דיסער־טאציע איינגעוויקלט אין א האנטעך.

דעם דאָקטער אַראָנסאָנס גראָבלעך־אָנגעבלאָזענע ליפּן זיינען אַרומגע־זוימט מיט געלע ברעקעלעך קאַבאַק, וואָס זיינען פאַרבליבן ניט אָפּגע־ווישט פונם פרישטיק, און מיט נאָך אַזעלכע ברעקלעך קאַבאַק זיינען בא אים פאַרזייט דריי פערטל פון זיין ניט־אָפּגעראַזירטער באָרד.

מיט דאָקטער אראָנסאָן קומט אויך צוגיין יעפים אַנאַניטש באַק.

און ווען דאָקטער אראָנסאָן באַקומט ארויס פון דער פאַזעכע פון זיינער א זייגער און פאַטשט אריין מיט די ליפּן אין סאוועליס צימער:

— שוין האלב עלף, סאוועלי מאָיסייעוויטש, האלב עלף, — שאָקלט זיך האסקאָמעדיק אונטער יעפים אנאניטשעס קאָפּ, זיינע דארע רעדאַקטאָרישע פּיס און זיין קאַליע פּעטערבורגער מאָגן:

— דאַ, דאַ!

אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום שפּאנען זיי שוין אינדרייען צום סאָוונאַרכאָז — יעדער מיט זיינע קריוודעס, מיט זיינע טאַינעס, מיט זיינע האָפענונגען און יעדער מיט זיין האָפענונגסלאָזיקייט.

ווען זיי קומען אַריין אין סאָוונאַרכאָז, זעצט זיך דאָקטער אראָנסאָן גלייך אוועק אפן ערשטן פרייען בענקל, וואס ער דערשנאפּט נאָך פונדערווייטן. ער לאָזט אַראָפּ דאס קיישל צווישן די פיס און דעם קאַבאַקענעם קאָפּ אפן שטיקל קאָלדערקעלע, מיט וועלכן זיין ווייב, ראַשעל, האט אים ארומגעבונדן דעם האַלז, און בעט די צוויי פריינט זיינע, וואס שטייען בא דער זייט:

— ט'כאַפּן א קוק אַפן קיישל!

נאָר יעפים אַנאַניטש לאָזט זיך באַלד אַוועק אַף זיינע דינע רעדאַקטאָרישע פיס לויפן פון איין עטאַזש צום צווייטן, פון איין טיר צו דער אַנדערער, פרעגט עפּעס פאַנאַנדער בא פאַרנומענע איילנדיקע מענטשן און ענטפערט זיך אַליין אַף א קאָל — „וואָזמוטיטיעלנאָ”, ביז ער געפינט, ענדלעך, אין הויף א צעבראָכענעם קאַסטן מיט גליטשיק-פאַרפרוירענעם קויט, וואו ס'וואַלגערט זיך א פאַרזשאַווערט בלעכן שילד:

„פאַר מענער”.

דאָ שטעלט זיך ערשט יעפים אַנאַניטש אַוועק אין גרויס ציטערניש, וואַרטן אַף אן „אָטשערעד”.

נו, שטייט ער און וואַרט און דרייט מיטן נערוועזן קאָפּ מיט זיינעם און גיט אַלע ווײַלע א געשריי צום קלאָזעט פון סאָוונאַרכאָז:

— וואָזמוטיטיעלנאָ! פריאַמאָ וואָזמוטיטיעלנאָ!

און סאַוועלי גייט מיט געמאָסטענע טריט צו דער אָפּטיילונג פון בוימאַטעריאַלן און הויבט מיט שטאָלץ און מיט פאַרבאַהאַלטענעם פאַרוואורף אוף זיין אומעטיקן קאָפּ צו א בערדלדיקן באָכער, וואס לויפט

מיט שאַרפע שפּיציקע אויגלעך פון פּאַפּירל צו פּאַפּירל און צוריק. קיינעם באַמערקט ער ניט, דער באָכער, אַרום זיך. ער גיט נאָר אַלע ווײַלע זיך א טאַפּ באַם לאַץ, צי דאָס רויטע באַנטיקל האט זיך ניט אַראָפּגערוקט.

ער גיט זיך א כאַפּ צו דעם אינמיטן דער אַרבעט, ווי ער וואָלט דערפילט, אַז סע קריכט, סע קריכט און אַז אָט קריכט עס אים אַליין אַראָפּ.

און אַז ער גיט עס שוין א טאַפּ און איבערצייגט זיך, אַז ס'איז דאָ אָפּן ריכטיקן אָרט, הויבט ער שוין אויף די אויגן און רופט זיך אָן:

— טאָוואַרישטשי, אין דריי טעג אַרום! היינט וועט מען גאָרניט ארויסגעבן!

אַזוי רופט ער זיך אָן צום אָנגעוואַליעטן אוילעם, צוהאַלטנדיק דערביי מיט דריי פינגער דאס באַנטיקל דאס רויטע, פּונקט ווי ער וואָלט זיך באַ אָט די אָ ווערטער געמוזט האַלטן פאַר דער ברוסט.

— טאָוואַרישטשי, גייט אַלע אַהיים! גיט פריער, ווי אין דריי טעג!

און ווען סע ווערט אַביסל געראָמער און סאָוועליס קאָפּ גיט זיך א קריץ אויס פאַר זיינע אויגן, ווי א פּאַטאַלער שטעמפּל, לאָזט דער סאָוונאַרכאָזניק אַראָפּ די אויגן און טאַינעט זיך אַראָפּ אַף דער ברוסט:

— טאָוואַרישטש! איך האב אייך שוין געזאָגט צען מאָל, און איר ווילט ניט פאַרשטיין. איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: מיר האבן ניט וואס צו געבן די לעבעדיקע און איר ווילט פאַר די טויטע!

ער גיט עפּעס א שורווע אין די פּאַפּירן און רעדט שוין אַביסל רויקער און מיט מיטגעפיל:

— גייט צום טאָוואַרישטש זאָרין! עפּשער וועט ער אייך הייסן געבן!

— וואו־זשע איז טאָוואַרישטש זאָרין?

טאָוואַרישטש זאָרין איז ניטאָ!

טאָוואַרישטש זאָרין טראָגט זיך ערגעץ אַרום אין א געפּאַנצערטן צוג, אין אַ רעוועטריבונאל מיט דער אַרמיי — פון פראָנט צו פראָנט, פון אָקאָפּע צו אָקאָפּע.

ער פיבערט אין געפּאַנצערטן צוג, ווי א צעפלאַקערטע מאַכשאָווע אינם געפּאַנצערטן קאָפּ פונם מאַלעכאַמאָוועס, וואָס דאַרף אומברענגען א וועלט. א ווערעמדיקע, דורכגעפוילטע וועלט פון קאָזעראָגעס און טיטאָוס. א וועלט פון קאַזיאָנע קאַבראָנים און שינדערס, וואס שינדן מענטשלעכע הויט, ווי פעל פון בעהיימעס און פערד. א וועלט פון אָט

די געשטופּלטע בערמאַנס מיט גאָלדענער זאָלע אין די אויגן; מיט פאַר־גאָסענע אויגן און אַריינגעזעצטע קעפּ, צו וועלכע ס'שרייען שיקערע פּאָלקאָווניקעס:

— גאָלאָוואַ נאַ טיעבע, טאַק גאָלאָוואַ!

און דער געפּאַנצערטער צוג זיינער גייט ניט גאָריזאָנטאַל. ער שניידט זיך ערגעץ אינדערהויך. ווערטיקאַל.

טאָוואַרישטש זאָרין רייסט זיך אַראָפּ אין שטאָט נאָר אַף א ווײלע. און—צוריק, און דער אָרעמער סאָוועלי וועט אים געוויס ניט קאָנען כאַפּן און אים זאגן, אַז די „21” איז אויך א ליגן!

ער איז פאַרנומען, טאָוואַרישטש זאָרין.

ער, מענדל מילנערס באָכער, פירט איצטער איבער דער רוסלענדי־שער ערד נײַנצן דוירעס צום מישפּעט.

ער פירט זיי מיט טויזנטער געטרייע קאָנוואָאירער אונטער דער קאָ־מאַנדע פון דער רעוואָלוציע.

ער פירט זיי צעשיסן!

— מענדל דעם מילנערס זון, עזרע!

נו, קאָן אים סאָוועלי קורגאַנאָוו ניט גיין זוכן און בא אים בעטן אַן אָרדער אַף צעמענט — א מאַציוועלע פאַר זיין אַלעקסאַנדריקן...

טאָוואַרישטש זאָרין שרייבט איצטער מיט בלוט אויס אַן אָרדער אַף צעמענט, אף א גרויסער מאַציווע פאַר נײַנצן יאָרהונדערטן!

ער שרייבט אים, יאָגנדיק זיך אין געפּאַנצערטן צוג. איבער פעלדער און פראָנטן און גרענעצן.

דער צוג זיינער רייסט זיך אינדערהויך. ווערטיקאַל. אַף אַ הויכן באַרג. אף יענעם באַרג דאַרף זיין א וואָקזאַל. א וואונדערלעכער וואָקזאַל. און דאָרטן דאַרפן אָנקומען טעג. טעג, ווי רויטע ווינטיקע געוויעס.

בלענדיקע און ברענענדיקע!

— אַך, אָרעמער מענדל! און קיין טאָוואַרנע איז אַלץ ניטאָ?

— ניטאָ!

XXIII

טעג, ווי טעלעגראַמעס.

פּאַרטאַיעס־אומקלאָר שניידן זיך שאָען, ווי בוכשטאַבן אומפאַרשטענדלעכע. ווי שיפערן.

שטאָטישע ווענט טרויערן אונטער פאַרשוויידנפאַרביקע פלאַקאַטן און אַפישן און באַפעלן.

מויערן ווערן אויסגעצויגענער און צייניקער פון טאָג צו טאָג.

מיילער פינצטערע פון פענצטער וויינען צום הימל.

שאָסייען ליגן אונטערטעניק פאַר טלאָ פון קאָזאַקישע פערד מיט אָנגעגרייטע פונקען אין די שטיינער:

— ארייַנלייגן שטיינער אין מאָנענדיקע פערדישע טריט.

ערגעץ רייסן זיך צוגן, קראַנקע צוגן, פאַרבאַנדאַזשירטע מיט שטאָלענע געוויינען. איבער רוסלענדישע ערדן רייסן .זיי זיך דראָענדיקע. זיי רייסן זיך צו שטעט און צו דערפער און ניט־אָפּגעשטעלטערהייט לאָזן זיי הינטער זיך וואָקזאַלן פאַרשעמטע און וועגן דערשראָקענע.

ברוינע בראָנדזענע ווינטן צעפּלאָכטע אַקערן די אָנגעלאָדענע ברייטן און לענגען פונם לאַנד.

פונם קאַספּישן יאַם דורכן דאָן, דורך דער וואָלגאַ און דורכן דניעפּר צום ווייסל און צום ווייסן יאַם און צום אַטלאַנטישן אָקעאַן.

פון טאָטערשע מעטשעטישע דערפער ביז צו קלויסטערישע קרוינשטעט. פון דער מוטער־שטאָט קיעוו ביז דער מוטער־שטאָט מאָסקווע — לויפן זיי, ברוינע בראָנדזענע ווינטן, ווי באַפעלן, ווי פלאַקאַטן אומפאַרשטענדלעכע. לויפן זיי פאַרסאַפּעט און לייענען זיך אַליין.

צו וואָס אַזויפיל ברייטן און לענגען? צו וואָס אַזויפיל גרונט? צו וואָס אַזעלכע ווייטע אומעטיקע האָריזאָנטן?

— בראָנדזענע ווינטן, בורלאַקישע, שלעפּן דאס לאַנד, ווי א ריזיקע פאַריזנעטע אָנגעצונדענע באַרזשע מיט ברויט און מיט רויך און מיט בלוט.

רוסישע ווינטן לויפן אַרום און שניידן א שניט פון א גרויסע גערע־טעניש, א גערעטעניש פון שיקערן אומעט, און צעוואַרפן אים איבער שטעט, איבער פאַרהונגערטע שטעט, צו זעטיקן זיך מיט אים, ווי מיט ברויט.

ס׳הויבן זיך אַליין אויף שטיינער פון וועגן און וואַרפן זיך דעם טאג. ס׳הויבן זיך אויף אַליין וועגן פון זייער איינגעטראָטנקייט און שמייסן זיך ווי בייטשן איבערן רוקן פון צעפּאָלאָכעטער צייט:

— שנעלער! צעפּאָלאָכעטער! און ווילדער!

טעג, ווי טעלעגראַמעס.

מיט וועגן און טראַקטן פאַרוויקלט אַרום פיס, ווי וויקלשנורן, גייען אויף גיבוירים. זיי פרעסן דענקמאָלן און כראָמקען שטיינער מיט גראַניט, ווי פאַרטריקנט ברויט. אַף אָפּגעבערענטע אַקסלען טראָגן זיי דעם אופ־גאַנג, ווי רויטע העמדער.

פון די פאַזעכעס רייסן זיך רודעס. אין זייערע אָדערן רוישן זודיקע קוואַלן נעפט. זייערע אויגן זיינען קוילנגרובן.

ערגעץ אַף א קעניגלעכן פּלאַץ האט איינער אומגעוואָרפן די ריזיקע סטאַטויע פון יעקאַטערינע דער גרויסער. אָפּגעשלאָפן מיט איר א גאַנצע נאַכט און צו באַגינען — זי אופגעריסן.

ס׳יאָגן ארום סאָלדאַטן און פרעגן עפּעס מיט ביקסן און ענטפערן עפּעס מיט ביקסן.

צונויפגעלאָפּעטע, אופגערופענע האַמוינים, ווי אַן אופגעריסענער גראַ־ניטענער שיכט פון דער ערד, טראָגן אַף אַקסלען דעם טאָג און בייסן פון אים שטיקער.

טעג, ווי טעלעגראַמעס. שאָען, ווי בוכשטאַבן אומפאַרשטענדלעכע.

בראָנדזענע ווינטן צעפּאָלאָכעטע לויפן פון סטעפּעס צו סטעפּעס. פון קרוינשטעט צו קרוינשטעט.

און, אַז פון הויכע בלינדע ווענט האט אַראָפּגעוואָיעט א באַפעל, אַן אַלמעכטיקער:

„— איך, דער זאַמלער פון ערד פון רוסישער, אומקערן קום געריבט און גערעכטיקייט אין נאָמען פון גאָט דעם פאָטער, דעם זון און דעם

גייסט דעם הייליקן — באַפרייען דאס לאַנד פון שאַנד, פון אידישער, איינפירן אָרדענונג און שטראָף געזעצלעכע,״ —

האבן דעכער אויסגעקרעכצט א פאַרגליווערט - דערשראָקענעם סאַליוט. דער טאג האט זיך א בראָך געטאָן, צוגעזעצט און געריגען געוואָרן.

נאָר אינם קליינינקן שטעטל, וואס איז געזעסן אַפּן קיילעכדיקן מאַרק - פּלאַץ דעם צוגעוואַקסענעם צום לאַנגן שטויביקן וועג, וואס פירט צום וואָקזאַל און צום בייסאַלמען, — אין אט דעם קליינינקן שטעטל, וואס סע זיצט, דאַכט זיך, אף א לאָפּעטע, און עמעצער דאַרף עס אופהויבן און אַראָפּוואַרפן, — אט דאָרטן, אַף יענעם מאַרק, האבן אידן נאָך גענומען סאָוויעטסקע „סרוליקלעך״, און געסטראַשעט גויאים, אויב זיי וועלן דאס געלט ניט נעמען.

פון אט דעם שטעטלע איז מען אַנטלאָפן אין לעצטן טאָג אף דריי פורלעך:

אַף איין פורל — דער רעווקאָם, אף א צווייט פורל — קאָנטריבוציע, און דאָס דריטע — מיט פארמאַשקנטע שטאָט - באַלעבאַטים.

נאר איידער מ׳איז ארויסגעפאָרן, האט מען זיך נאך צעצאָלט מיט סאָוויעטסקע.

אידן האָבן געגאנוועט די גרענעץ, און רויטאַרמייער האָבן אלע פאַר־טאָג ארייגעבראַכט אין שטאַב אַן אנדער דערשראָקענעם פאַרשוין, אָפּ־גענומען באַ אים די סכוירע און אָפּגעשיקט ווייטער.

צווישן די אלע פאַרשיידענע פארשוינען, וואָס זיינען געקומען גאַנווע־נען די גרענעץ, צווישן אָט די אלע געכאַפּטע סאָכרים, האָבן צוויי רויטאַרמייער איינמאָל אינדערפרי אַריינגעבראכט אין שטאַב אַריין מאָ־טעלע באַלעגאָלע מיט אַ פּעקל סאַכאַרין, וואָס ער האט באנאכט ארי־בערגעפירט פון פוילן. און אַז מ׳האָט באַ אים אָפּגענומען דעם סאַכאַרין, האט מען אים אַריינגעזעצט אין טשעקאַ פאַר שפּיאָנאַזש און פאראַט.

אַכצן שאָ איז מאָטעלע געזעסן אין טשעקאַ און געבעטן גאָט, ס׳זאָל זיך איבערקערן די וועלט. ס׳זאָל שוין גיכער עמעצער קומען און אים אַרויסנעמען אינײנעם מיטן סאַכאַרין.

און אַף דער נײַנצנטער שאָ האט דער אונטערוועגס - טריבונאַל פאַרענדיקט זיין אַרבעט מיט אַ טויט - אורטייל אַף מאָטעלע באַלעגאָלע, דורך צעשיסן.

דעמאָלט האט זיך מאָטעלע באַלעגאָלע אַ ריס געטאָן צו דער טיר מיט אַ מעשוגענעם ריטש. ס'האט אים אַ שלאָג געטאָן אַ ווייט ביסעלע קלעפּיקס פון צווישן זיינע האלב־אופגעעפנטע דערשראָקענע ליפּן, ווי באַ זיין שקאַפּע צווישן די הינטערשטע פוּלקעס, און ער האט אָנגעהויבן לויפן, ווי אַ שטשור, נאָך וועלכן מע יאָגט זיך, און וואָס האט פאַרלוירן די נאָרע, פונוואַנען ער איז אַרויס.

ער האט עפּעס געוואָלט אַ געשריי טאָן, עפּעס פרעגן, נאָר ס'האט אים פאַרפעלט אָטעם. און ער האט זיך געלאָזט רייסן די טיר אין קאָ־רידאָר אַריין. ער האט געקלאַפּט מיט די פויסטן און מיט די שטיוול. ער האט זיך אַ וואַלגער געטאָן אַף דר'ערד און אָנגעהויבן וואָיען:

— פאַרוואָס ווילט איר מיך דערהאַרגענען? פאַרוואָס? קאַרג אָראַטערס האב איך געפירט אַף מיינע פערד? און וויפל פריקאַזן? און איין מאָל סאַכאַרין. כ'ווייס, צי ס'איז סאַכאַרין? פונוואַנען האָב איך געוואוסט?

דער טריבונאַל, וואָס איז געזעסן אַרום טיש, איז באַשטאַנען פון דריי. צווישן די דריי איז געווען איינער אַ געלער מיט אַ קורץ־געשוירן בערדל און מיט קלאַיען אַף די הענט. זיי האָבן אויסגעזען, די הענט, ווי פערשקעס, וואָס זיינען געשטופּלט געוואָרן פון אַ געזאַלצענעם האָגל. אָט דער געלער באַכער האָט געפירט דאָס געריכט. און די איבעריקע צוויי האָבן אַף זיין יעדן וואָרט צוגעשאָקלט אין זיין זייט מיט די קעפּ:

— אימעננאָ! אימעננאָ!

דער ריכטער, וואָס האט באַקומען אַפן פּאָנעם אַ קורץ בערדל, ווי אַזאַ געל ביסל פּראָצענט פאַר רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטן, איז געווען דערזעלבער, וואָס האָט צוריק מיט יאָרן געמאַכט כעסרוינעס די דע־זערטירן. דערזעלבער. נאָר מאָטעלען איז איצט געווען צו בלענדיק, צו בליציק אין די אויגן, און ער האט אים נימ געקענט זען.

איבעריקנס איז ער געלעגן אַף דר'ערד און זיך געוואָרפן, ווי אַ גע־שאָכטענער און געזרעוועט:

פאַרוואָס? פאַרוואַ־עס? צוויי יאָר געפירט אָראַטערס און פריקאַזן און לידער. און אַ פערד באַגראָבן. פאַרוואָס? און פאַרוועלכן?

נאָר דער געלער ריכטער האָט געקלאַפּט מיט נאָגאַן איבערן טיש און געשריגן:

— פּריטוואָריאַיעטסיא.

ער האָט אָנגעקלונגען אין אַ גלעקל, און אַפן קלונג איז אַריין אַ סאָלדאַט. און ווייטער?

ווייטער איז שוין אָנגעקומען עפּעס אַ יעדיע, אַז דריי עוואַקויִרטע פורן זיינען אָנגעקומען פונם נעענטסטן שטעטל. דריי פורן מיט סומאַ־טאָכע, מיט דערשרעק און מיט פּוליעמיאָטן, און זיי האָבן מאַטעלען באַפרייט.

— נו, וועסט פאָרן מיט אונז, — האָט דער ריכטער אַ זאָג געטאָן צום פריטשמעליעטן באַלעגאָלע.

מאַטעלע האָט אופגעהויבן זיין דערשוויצט לייב פונם פּאָל מיט זיין געשוואָלן פּאָנעם און איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון צוויי סאָלדאַטן.

אָבער אין שטעטל האָט מען שוין געוואוסט:

— מאַטעלען געשיקט אַף יענער וועלט.

— אויס מאַטעלע.

— געזונגען, געזונגען און אויסגעזונגען, — האָט דער אַלטער רעב סענדער דערציילט וועגן מאַטעלען אין שול, — אָפּגעזונגען. אַזוי איז דאָס אים געקומען. אַ באַלעגאָלע. וואוהין קריכסטו? זיץ אין שטוב און כאַליע, ווי אַלע אידן כאַליען. ניט? איז ט׳האָסטו דיר אַ סאָף.

און קאַנאַריק שוסטער האָט זיך אונטערגערוקט און אריינגעוואָרפן בעסאָד:

— און ווער, מיינט איר, איז דער גאַנצער דרייער, האַ? ווער, מיינט איר, דען שיסט און האַרגעט? אַלץ ער. אַלץ מענדלס ראַזבויניק. אַלץ ער.

און אַפן אַנדערן טאָג, נאָך דעם, ווי פון שטעטל זיינען אַרויסגעפאָרן דריי פורן מיטן רעוואָקאָם בעראָש, האָט זיך באַם וואָלאָסט אַליין אויס־געקלעפּט אַ באַפעל מיט גרויסע אויסיעס:

— ביעי זשידאָוו — ספּאַסאַי ראָססיו.

שטעטלשע אידן האָבן וועגן דעם שוין געוואוסט. זיינען זיי אַרומגע־גאַנגען מיט ווידע אין די מיילער, און מאַמעס האָבן באַוויינט זייערע קינדער לעבעדיקערהייט. קיינער האָט זיך ניט איינגעשטעלט אַרויסגיין אין גאַס. פון יעדער שאָרך האָבן זיך פאַרלוירענע אויגן איבערגעקוקט מיט פּאַכעד:

— מע גייט שוין... שוין...

ווינטן אַפּן גאַט האָבן געשמעקט מיט אָנקום, מיט ווייטע העפּקערע וועגן און מיט בראָנפּן.

אָט וועט זיך אין א פּענצטער אַריינשטעקן אַ שמויסענער פּאָנעם פון אַ קאַזאַק, ס'וועט אַ קריץ טאָן מיט שיקערע ציין, און בלויז מיטן קוק, בלויז מיט די אויגן וועט ער אַרויסזיפּן די נעשאָמעס.

יעדער אויסגעזינד האט זיך געפילט, ווי זי וואָלט געשוואומען אַף אַ שטיק אָפּגעבראָכן אייז, וואָס טראָגט זיך ערגעץ ווייט אין יאם אַריין, דערטרינקען צו ווערן...

— אָט, נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רעגע, שוין... באַלד...

דאָס שטעטל האט געקוקט צום טאָג מיט אַראָפּגערוקטע דאַשיקעס פון דעכער. אַראָפּגערוקט איבער די פענצטער, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן, אַז די שיין פון טאָג זאָל זיי ניט אויסשפּיקן די אויגן.

קלייטלעך און בודקעס פונם מאַרק זיינען געשטאנען מער ווי טאָמעד אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן. זיי האָבן אויך אויסגעזען, ווי אויסגעשטעלטע צום טויט. צום צעשיסן. און דער וויסטער מאַרק־פּלאַץ איז געווען אויסגעבעט מיט היי און מיסט פון אלטע יאַרידן. קיין נייע זיינען שוין פון לאַנג ניט געווען. דאָס ביסעלע פּאַרבליבענע היי האט אַרומגעבלאָנדזשעט פון איין אָרט צום אַנדערן. דערמאנט אין פריילעכע זונטיקס, אין אויסגעשפּאַנטע פערד און אין דאָרף.

האט זיך עס אַליין אופגעהויבן, דאָס ביסל היי, אינדערלופט, זיך אַרופגעווינטיקט אַפּן שליאַך — באַגעגענען רייטער־פערד פּראַוואָסלאַווישע מיט געסט פון ווייטן, קאַזאַקישע זין געטרייע. געטרייע צו גאָט און צום פּאָטערלאַנד.

— אָט גייען זיי!

און מענדל איז יענעם טאָג געווען אין שול. אין שול איז ער לעצטנס זייער זעלטן געקומען. אָט דעם אַלטן כאָרעווען ביניען, — האָט ער געפילט — איז ער עפּעס שולדיק אַ גרויסן כויוו און האט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן. און ס'אַרט אים אַפילע ניט, וואָס ער האט ניט מיט וואָס צו צאָלן. איצט איז ער אהין אַריינגעגאַן, ווי מע גייט אַריין אין אַ קרעטשמע אינמיטן אַ וויטן וועג. אינמיטן אַ פּראָסט. אינמיטן אַ זאווערוכע. ער העלפט אַריינטראָגן האָלץ און וואַסער, און וואַרט, אַז ס'זאָל עפּעס געשעען.

— וואָס אַזוינס?

— ווער ווייסט?

איז ער אין יענעם טאָג געווען אין שול, פאַרוקט די הענט אין די אַרבל און דורך אַ פענצטער געקוקט דעם טאָג אין די אויגן אַריין, ווי אַ הונט. ווי אַ פאַרפאַלענער, פאַרכאַפּטער הונט קוקט אין די אויגן דעם היצעל, איידער יענער לאָזט אַראָפּ דאָס דרענגל איבערן קאָפּ.

ס'האט זיך אים געדאַכט, אַז די גאנצע שטאָט שרייט צו אים:

— נו? מענדל! בראָדסקי האט זיך שוין צעטיילט מיט דיין עזרען? האַ? נאָך ניט? וואָס הייסט? ס'איז דאָך עפּעס באַ דיין עזרען:

— דיינס - מיינס, מיינס - דיינס!

— האַ, מענדל!

אָט זעט ער, מענדל, נעבן זיך פּאָפּעליוכען, דעם גאַלעך, — אָט זעט ער, ווי ס'שטעלן זיך אויס יארן הינטער אים. יאָרן, יאָרן, ווען עזרע איז נאָך געווען אינדר'היים. אָט זעט ער דעם אוריאַדניק מיט דער ארויס־גענומענער שאַשקע. אָט הערט ער, ווי ער גיט אַ געשריי...

— מע'ט שניידן! די גאַשניקעס וועט מען פון אייך אלעמען שניידן, זשידעס!

— שיס - ס - סן...

ווען אין שטעטל האט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז מ'האט מאָטעלע באַלעגאָלע געשאָסן, און אַז אידן האָבן זיך גענומען שושקען, אַז ס'איז אַלץ עזרעס האַנט, האָט מענדל דעם טאָג ניט געוואָלט אַרויסגיין אין גאַס. ער איז געזעסן אין שטוב, אָנגעטאָן אין מאנטל, די באָרד פאַרדעקט מיט די לאַצן און געשניטן פאסעס לייב פון זיך און פון זיין פראַדלען:

— נו? איז טאַקע דער זון אונזערער אַ גאַזלען אַפן ברייטן וועג? האַ? פראַדל!

פראַדל האָט שוין אויסגעזען, ווי אַ סאָווע, און זי האָט גאָרניט גע־קאָנט ענטפערן.

— וואָס שווייגסטו, פראַדל? שווייגסט? האַ? אָט וועט זיך באַלד אַריינ־שטעלן מאָטעלעס אַלמאָנע מיט די יעסוימים.

ער האָט זיך פּלוצים אופגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן:

— פראַדל! איך האב דערהאַרגעט מאָטעלען! דו האסט דערהאַרגעט מאָטעלען! אַלע האָבן מיר אים געהאַרגעט, אויב אונזער עזרעס האַנט איז דאָ דערינען...

ער האט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר:

— און איצט וועל איך גיין אין גאַס און לאָזן מיך אידן פאַרשטיי־נערן, לאָזן מיך אידן צערייסן! לאָזן זיי מיך אינמיטן מאַרק פאַרשטיי־נערן...

ער איז דאַן אַרויס פון שטוב, געגאַנגען, געגאַנגען און אַריין אין שול. ס'איז שוין געווען נאַכט. קיינעם האט מען אין גאַס ניט געזען. אין שול איז געווען פוסט. בלויז דער שאַמעס האָט זיך געפּאָרעט מיט שטיקלעך ליכט.

מענדל האָט זיך געפילט, ווי אַן אונטערצונדער, וואָס מ'האט געכאַפּט באַ דער האַנט. אָט וועט מען צו אים אַ געשריי טאָן: גאַזלען! ראַזבויניק! אָט וועט מען אים הייסן אַרויסגיין פון דער שול. ער האט זיך אַף אַלץ געריכט.

איננדרויסן איז געווען שטיל. פון צייט צו צייט האט די שוואַרץ־בלויע לופט איבערגעכאַפּט אַן אויסקוקערישע קויל, ווי מע כאַפּט איבער אַ ראַ־דיאָ־פונק. מ'האט ניט געוואוסט גענוי, ווער סע דאַרף אָנקומען: האידאמאַ־קעס, צי קאָזאַקן. אָבער מ'האט גוט געוואוסט, אַז ס'דאַרפן אָנקומען אַזעל־כע, וואָס מאַכן שכיטעס אַף אידן, דערפאַר וואָס אידן זיינען באָלשעוויקעס.

אין שול האָט זיך געדרייט דער שאַמעס און געוואַרט, ביז מענדל וועט אַוועקגיין. ער האט שוין גאָרניט געהאט וואָס צו טאָן, דער שאַ־מעס. האט ער זיך געדרייט אַהין און אַהער, ביז ער האט ענדלעך אַ פרעג געטאָן:

— איר גייט נאָך ניט, רעב מענדל?

— ניין.

דער שאַמעס האָט אַ דריי געטאָן אומצופרידן מיטן קאָפּ:

— געפערלעך. ס'אַ טאַקאָנע איצטער צו גיין שפּעט באַנאַכט, רעב מענדל.

איז מענדל געבליבן אַליין. ס'איז פאַר אים שוין מער קיין ספק ניט געווען, אַז עזרע שיסט און האַרגעט מענטשן, אַז עזרע מיט זיינע כאַווערים ברענגען אום די וועלט.

ער האט זיך גענומען דרייען איבער דער שול. ס'האט זיך אים דערמאַנט אַ נאַכט, אַ פינצטערע נאַכט, ווען ער איז געפאָרן פון דאָרף מיט פּאָפּע־ליוכעס און פּאָפּעליוכע האט אים אַלץ געוואָרנט:

— דיין זון, מענדליאַ, דיין סטודענט...

און דער גאַלעך. עפּעס האָט אים פּאָמעליוכע גערעדט וועגן גאַ־לעך...

— ריבוינעשעלוילעם! מ׳האָט מיך עפּעס פאַרדרייט, מ׳האָט מיך עפּעס פאַרפּלאָנטערט און איך ווייס גאָר אַליין ניט ווי אַזוי...

— נאַר עזרע! מיין עזרע!

מענדל האָט אַ קוק געטאָן אַף זיינע אייגענע הענט. זיי זיינען אים געוואָרן, די הענט זיינע, שוואַרץ פאַר די לעצטע טעג, ווי ערד. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי מע האַרגעט... ס׳האָט זיך אים נאָך זייער געוואָלט אַ קוק טאָן אַף עזרעס הענט... אַף עזרעס געלערנטע הענט, וואָס פליען זיך אַרופליגן אַף זיין פּלייצע, און נאָכדעם פליעג ער שוין דערהערן, ווי פון דער גאַנצער וועלט:

— אַי, טאַטע, טאַטע!

ס׳האָט זיך אים געוואָלט אַ קוק טאָן אין עזרעס אויגן — פונדערווייטן, און אים זאָגן:

— עזרע! וואָס ווייסט דיין טאַטע, מענדל מילנער, מענדל נאַר? וואָס זאָל דיר זאָגן דיין נאַרישער טאַטע? וואָס ווייסט ער? — עפּשער טאַקע פון מאַלפּעס?!.. די ווייסט בעסער... און מיסטאָמע טוסטו אַזוי ווי דו מיט דיין סייכל פאַרשטייסט... און עפּשער איז אַזוי בעסער... אַזוי ווי די טוסט... האַ?..

מענדל האָט דערפילט, אַז זיינע הענט זיינען ערד און אַז זיין פּאָנעם איז ערד און אַז איינגאַנצן איז ער ערד און אַז באַלד וועט ער אַ פאַל טאָן ווי אַ שטיק ערד... און אַ ציטערדיקער האָט זיך מענדל אַראָפּגעלאָזט אַפן פּאַל. ס׳האָבן זיך אים אַליין אַראָפּגעצויגן די שיך און מיט צוויי רויטע שקאַרפּעטקעס, ווי מיט פאַרבלוטיקטע אָפּגעשונדענע פיס, אויסגע־שטרעקטע צו דעם פוסטן נאַכטישן בעסמעדרעש, צו די פאַרכיילעווטע הילצערנע שטענדערס, האָט ער ארויסגעכליפּעט:

— וואָס האָסטו געטאָן מיט דיין טאַטן, עזרע!

און ערגעץ ווייט, צווישן סטעפּעס און פעלדער האָט ארומגעפּיבערט עזרע בען מענדל מיט אָפּגעריסענע רויטאַרמייער. צווישן סטעפּעס און פעלדער, פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף. אָפּגעטראָטן פון איינעם און אַריין אין א צווייטן.

באָרוועסע, אָפּגעריסענע רויטאַרמייער! טרוימער און פאַרבּרעכער, — אַלע לייזיקע און הונגעריקע, וואָס האָבּן אין הונגער שוין אופגעפרעסן די איקאָנעס און זיך די לייזיקע העמדער פאַרלאַטעט מיט זייטלעך פון טעסטאַמענטן און שריפטן הייליקע.

האָט עזרע — אַן אָפּגעריסענער רויטארמייער, אַ פאַרהונגערטער אַרומגעפיבערט מיט זיין טייל.

ביקסן אַף שטריקלעך און שטריקלעך אַף העלזער — איז מען געקרמען אין אַ דאָרף, פאַרנומען דעם קלויסטער און גערופן אַ סכאָד:

— כאַווײרים רויטארמייער, כאַווײרים מאַטראָסן, כאַווײרים אַרבּעטער און פויערים פון אַלע לענדער:

— טעג, ווי טעלעגראַמעס.

נו, האָט עזרע אויך אופגענומען אומפאַרשטענדלעכע טעלעגראַמעס און שיפערן פון טעג און פאַר טויזנטקעפּיקע האַמוינים זיי פאַנאַנדערגעשיפרירט.

ער האָט זיי אופגענומען דורך ווינטן און קרעכצן און געוויינען און זיי געשליידערט אין די פאַרוואונדערטע און פאַרוואונדעטע מיילער פון האַמוינים, אנשטאָט ברויט.

ער איז אויך געשטאַנען בּאַם טעלעגראַף פון בסורעדיקע באַפעלנדיקע טעג:

— פולעמיאָטן פאַרפעסטיקן אַף קלויסטערס. אין די קופּאָלן. דעם סוינע זען אַף ווייטע שטרעקעס.

ער הענגט שוין אַליין, עזרע, אַף אַ קלויסטערישן קופּאָל מיט צעשטרעקטע הענט, ווי פליגל פון אַ ווינטמיל, און פאָכעט מיט זיי אין אַלע טיילן וועלט:

— כאַווײרים פון אַלע לענדער!

— אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן איז — האַנדל!

— פאַר באַקומען אין איין באַק — דונערן אין ביידע!

— די אַלטע וועלט די געשלאָגענע אין איין באַק, האָט אונטערגעשטעלט, לויטן קריסטלעכן געבּאָט, די אַנדערע:

— איז פאַרמעסט זיך, כאַווײרים, אין דער אַנדערער — שטאַרקער!

רויטארמייער האָבּן אראָפּגעריסן איקאָנעס פון קלויסטערישע ווענט און זיי פאַרקויפט אַף די מאַרקן פאַר ברויט און דערנאָך זיי צוריק אָפּ־

גענומען און צעבראָכן, און עזרע האָט געשריגן פון אַ קופּאָל צו אַרבעטער און צו לענדער פון דער גאַנצער וועלט...

און אין די ווייטקייטן האָבן זיך, ווי שווערדן, געפּאָכעט עזרעס געשריי און מענדלס געוויין, און ביידע — ווי רויך זיך אויסגעהויכט און דער רויִקער גלייכגילטיקייט פונם בלויען אומענד.

ערגעץ זיינען זיי ביידע אַריינגעאָטעמט און אַרויסגעאָטעמט געוואָרן — ביידע אויסגעמישט אינם פאַרגעסענעם געגנעץ פון דער אומענדלעכקייט.

און עזרע האָט ערגעץ אַף אַ קלויסטערישן קופּאָל זיך געריסן, אַוועקשווימען פון אונטער אָנגעוואָרפענע צויטן פון טאַטעס און זיידעס.

עפּעס רופט אים און פאַרפירט אים. ערגעץ רויכערט ער זיך, ווי דער גוירל פון די, פון וועלכע ער שטאַמט און פון וועלכע ס'האָט אים אויסגעריסן. עס ברוינט זיין ציגיינעריש פּאָנעם, עס רייסן זיך פון זיין שטערן מוסקולן, ווי פאַרבאַהאַלטענע הערנער, און אַף אָט די הערנער וויל ער נעמען די וועלט.

וויינט מענדל מאַרגנשטערן אין שול. אַף דער פּאָדלאָגע. און אַף אַ שטרעקע ווייטער רייסט זיך זיין זון, עזרעס קאָל:

— פאַרוואָס וויינט מען אַף דער וועלט? פאַרוואָס וויינט זיין טאַטע? פאַרוואָס וויינען מיליאָנען אלמאָנעס, מיליאָנען קאַליקעס און מיליאָנען יעסוימים?

פון דער קלויסטערס טיף האָט אַרויסגעקוקט די קרייצונג, ווי פון דער טיף פון יאָרטויזנטן.

דער געלער שפּעסענער טרויער פון זיין אויסגעקרימט - ליידנדיק פּאָנעם האָט עפּעס געמאָנט...

און די אויסגעקרימטע קני האָבן עפּעס געמאָנט...

אַלץ פון אָט דער קלויסטערישער קרייצונג האָט עפּעס געמאָנט.

און געמאָנט האָבן זיי, דאַכט זיך, אָט די אויסגעקרימטע קני, דערפאַר, וואָס זיי האָבן נאָך אַ מאָל ניט געקאָנט לעבעדיק ווערן...

פאַרוואָס זיי זיינען קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר קיין איין מאָל ניט לעבעדיק געוואָרן.

די לעבער פון צוויִעקעס אַריינגעקלאַפּטע אין געטלעכע טריט האָבן אַריינגעזופּט ביסלעך ליכט פון לאָמפּאַדעס, ווי טוכלע בלוט...

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'הענגט דאָרטן אין קלויסטער אַ בלוטיק־גאָלדענער פּאָליס פון אַ געטלעכער סטראַכירונג, וואָס דער קריסטלעכער גאָט האָט זיך פאַרסטראַכירט באַ דער וועלט אַף דויר־דוירעס און מאָנט און מאָנט אַף טויזנטער וועגן און איבער־וועגן און קרייץ־וועגן — דורך צעשטעלטע צלאָמים, נאַקעטע, הילצערנע, פאַרקרימטע מיט פאַר־טעכלעך, וואָס דעקן צו די געטלעכע שאַנד...

און עזרע האָט אַלץ געזעדט און געפאָכעט מיט די הענט, ווי מיט פליגל פון אַ ווינטמיל.

און אין האַמוין איז געווען הייס און אומרואיק.

מיט געשריי האָט מען זיך אַ וויג געטאָן צו די קלויסטערישע טירן אינעווייניק, צו דער איקאָנע פון דער הייליקער מוטער:

— אויסרייסן די בריליאַנטן! די אויגן! אויסרייסן!

— לאָז זי באַווייזן אַ נעס!

און דער צעווילדעוועטער האמוין האָט אַ בראָך געטאָן די איקאָנע אין גרויס פאַכעד, אין איבעראַשונג און אין געשרייען.

נאָר קיין נעס איז ניט געשען...

אונטערטעניק האָט די איקאָנע אַראָפּגעקרעכצט פון דער פינצטערער קלויסטערישער וואַנט און אָפּגעגעבן די אויגן, די בריליאַנטענע אויגן, מיט די קאַלטע טרערן, מיט דעם וואַרעמען גאָלד.

דער האמוין האָט געריסן מיט די נעגל און מיט די ציין און גע־וואָיעט...

און אין דער אַלטער צעבראָכענער שול פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל איז אַפן פּאָל געזעסן מענדל און געוויינט.

XXIV

מ׳איז געלאָפן פון לאַנד. מ׳איז געלאָפן, ווי מייז פון אַ זינקענדיקער שיף. איינציקווייז, גאַנצע מישפּאָכעס און סטאַם קאָמפּאַניעס, וואָס זיינען צוגעשטאַנען איינס צום אַנדערן אַף מאַכן היימלעכער די רייזע.

גרענעצדיקע שטעטלעך זיינען געוואָרן געהיימע האַפנס, צו וועלכע מ׳האָט זיך געצויגן אין די פינצטערע באַנאַכטן מיט קלומקעס, מיט הויקערס, מיט פּעק און מיט בריליאַנטן און קאָראַלן.

אַף יענער זייט גרענעץ האָט זיך געפּרעגלט דער „נעבעך" און דער „ראַכמאָנעס אַף די אָרעמע אידישע ברידער",— ס׳האָט זיך געפּרעגלט אַף סקאָוואָרדעס און דער רייעך האָט פאַרשמעקט די ליפּערס אַזש פון סאַמע אַמעריקע.

איז מען געלאָפן לאָזן אַף זיך ראַכמאָנעס האָבן און פאַרגינען יענעם די מיצווע.

און דערדאָזיקער שטראָם האָט אין איינעם אַן אַפּדערנאַכט פאַרטראָגן אין שטעטל אַ טרופּע אַקטיאָרן מיטן געוועזענעם אידישן מיניסטער סאָלאָמאָן ביעלקין, אַלס סופליאָר אין געשעפט. אַנדערש האָט דער מיניסטער זיך ניט געקאָנט דורכרייסן צו דער גרענעץ.

ווען דער געוועזענער מיניסטער איז צוגעשטאַנען צו די אַקטיאָרן אַף מאַכן פּלייטע, האָט ער זיי צוגעזאָגט און געזיכערט:

— טאָמער וועט אין וועג פאַרפעלן אַ כאַראַקטער־ראָלע, איז כאָטש ער איז ניט קיין קאָמיקער, פונדעסטוועגן וועט ער זיי מיט כאַראַקטער־ראָלן קאָנען ארויסהעלפן ווי ניט איז. זאָל עס שוין נאָר האַלטן דערביי. וואָסי? ער האָט אַף זיין לעבן ניט געשפּילט טעיאַטער? און ביכלאַל, וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט באַ א אינטעליגענטן מענטשן אָפּשפּילן עפּעס

אַ ראָלע? און וויפֿל קאָן מען עס דאַרפֿן ספּעקטאַקלען ביז צו דער גרע־נעץ? און דאָרטן, אַף יענער זייט? האָ־האָ־האָ! ווי האַלט מען שוין דאָרטן!

דער קאָמיקער פֿון דער טרופּע האָט זיך דעמאָלט א דריי געטאָן פֿאַרן מיניסטער סאָלאָמאָן ביעלקין,— ער האָט זיך א דריי געטאָן מיט אַ פּאָר אַרויסגעריקטע קני פֿון פֿאָרנט, ווי ער מאַכט עס אין „אַ ווייב אַ שלאַק" און אים אַ פֿרעג געטאָן, דעם מיניסטער:

— איר מיינט, אַז אַ קאָמיקער איז אַזוי גרינג צו זיין? ס'ווייזט זיך אייך נאָר אויס, אַז ס'איז גרינג!

דער קאָמיקער האָט אָפּגעמאָסטן דעם מיניסטער פֿון אויבן ביז אַראָפּ און אים פֿאַרגעלייגט:

— א נו, פּרוּאווט נאָר אזוי אויסבויגן די קני, אַזוי ווי איך, אדעראַבע, פּרוּאווט נאָר אינמיסטן!

סאָלאָמאָן ביעלקין האָט נאָך ניט געהאַט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די מיניסטערישע וויזיטקע. באַם פֿאַרן האָט ער זי ספּעציעל אָנגעטאָן, קעדיי, אַז גאָט וועט העלפֿן, מ'עט איבערגיין בעשאָלעם, זאָל ער אָנקומען, ווי אַ מענטש. און אַפֿילע דאָ, צווישן די אקטיאָרן, דאַרף מען אויך גיין ניט ווי קיין שלעפּער. האָט ער אופגעהויבןביידע פֿליגל פֿון דער וויזיטקע און שמייכלדיק א בויג געגעבן די קני קעגן דעם אויסגעמושטרירטן קאָמיקער.

— ס'טויג ניט! א־האַ? איר זעט? מאַכט עס נאָך א מאָל! אָדער מע דאַרף בעסער ניט! סע'ט בעמיילע גאָרניט ארויסקומען! זאָגט מיר בעסער, אין וואָס פֿאַר אַ ראָלן האָט איר געשפּילט?

דער מיניסטער האָט זיך דערפֿילט אביסל געפֿאַלן. און דערנידעריקט. גיי שטעל זיך אַוועק פֿאַר אַזאַ אָצמאַך און דערציייל אים, וואָס פֿאַר אַ ראָלן מ'האָט געשפּילט... פֿונדעסטוועגן האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט אַ געוויסן ביטל:

— ווער קאָן עס אויסרעכענען, אין וואָס פֿאַר אַ ראָלן ס'איז אויסגע־קומען צו שפּילן? קאַרג ראָלן זיינען פֿאַראַן?

— איך מיין, כאַראַקטער־ראָלן! מיינע ראָלן!

— נו, יאָ! אייערע!

— אויב אזוי?

דער קאָמיקער האָט זיך אַ דריי געטאָן צו דער כעוורע און דורך אַ גענייוויִשן פּינטל מיטן אויג האָט ער זיי צו פאַרשטיין געגעבן, אַז ס'אַ יאָלד, און געכאַפּט אַ זינגעלע:

— מיר פאָרן קיין סאַן־פראַנציסקאָ!

— מ'האָט דיך אינדר'ערד! מע פאָרט קיין קאַטערינאָסלאוו, — האָבן אים די כעוורע אונטערגעכאַפּט.

נאָר דער קאָמיקער האָט שוין ווידעראַמאָל געהאַלטן אין עקזאַמענירן דעם מיניסטער ביעלקין:

— און וואו האָט איר געשפּילט?

דער מיניסטער ביעלקין איז שוין באַשיימפּערלעך געווען אינקאַעס:

— כ'בעט אייך, וואָס הייסט וואו? מ'האָט אייך גאַרניט געזאָגט?

פונדעסטוועגן האט אים די טרופּע קיין אנדער ראָלע, ווי סופלירן, ניט געקאָנט געבן אף דער טורנע צום גרענעץ.

מיט אַ נאַכט פריער, פאַרן אוועקפאָרן, האט דער מיניסטער ביעלקין זיך געלאזט מאכן אַ באַשיידענעם באַנקעט פון זיינע פאַרערער. זיין גאַנצע מיניסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט איז שוין געווען גוט איינגעפּאַקעוועט אין אַ זאַק, ס'זאָל ניט ארויסרופן קיין פאַרדאַכט. ער האָט נאָר ניט גע־וואוסט, ווי אזוי זיכערער איינפּאַקעווען זיין גלענצנדיקע צוקונפט, וואס איז, אויסער אַ „כאַראַקטער־ראָלע" אין דער טרופּע אקטיארן, נאך באַ־שטאַנען אין אַ ברילִיאַנט פון דריטהאלבן קאַראַט.

ער האט די גאַנצע צייט באַלאַנסירט, דער מיניסטער:

— צי אים אריינלייגן, דעם ברילִיאַנט, אין לאָך פון אַ באַקצאָן, צי אין אן אויער מיט אַ שטיקעלע וואַטע...

האט ער אלע ווײַלע געפּרואווט אי דא, אי דארט. נאר ס'האט אים עפּעס אַלץ ניט צופרידן געשטעלט.

— איך וועל אים האַלטן גאר אויבנאויף! — האט ער אנטשלאסן אַ טראַכט געטאן — ווייניקער געפאַר. אויבנאויף זוכט מען ניט. און טאָמער אַ סאַקאָנע, וועט מען זיך אפן אָרט אַ אייצע געבן.

דערווייל איז מען שוין אין שטעטל געזעסן עטלעכע טעג. די גויאישע אריבערפירערס האָבן אַלע ווײַלע צוואויסן געגעבן, אַז ס'איז איצט ניט גוט צו גיין. מע דאַרף איבערוואַרטן. האָבן די אַקטיאָרן באַשלאָסן, ביז וואָס און ביז ווען, געבן אַ פאָרשטעלונג.

אַפגיך האָט מען אַ מאַך געטאָן אַ רעפּעטיציע, אַרויסגעלאָזט אַפן שטעטל אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר מיטן „טויט אונטער דער כופּע" און דער מיניסטער ביעלקין האָט זיך פלייסיק גענומען גרייטן צום ערשטן דע־ביוט.

אין שטעטל איז קיינעם אַפילע ניט איינגעפאַלן, אַז די אַקטיאָרן שפּילן שוין פאר אויסלאַנד, און די שטעטלשע מיליציע איז זיך מיט זיי באַגאַנ־גען, ווי מיט אַקטיאָרן, און האָט שוין געקענט אַף אויסנווייניק העלפט לידלעך פונם „טויט אונטער דער כופּע".

אַפן מיניסטערס מאַזל איז דער קאָמיקער קראַנק געוואָרן אין יענעם אָוונט און ער האָט אָפּגעשפּילט אַליין דעם כאַראַקטער.

די ראָלע איז אים געווען צום האַרצן, נאר די ווערטער האבן אים ניט געדינט. ווייניק געארבעט אף איר. איז ער עטלעכע מאָל געבליבן שטיין אינמיטן און ניט געוואוסט, וואוהין ווייטער. ענדלעך האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— מע שיסט!

און ס'האט זיך אַראָפּגעלאזט דער פאָרהאַנג.

אַ פאָר טעג נאָכן „טויט אונטער דער כופּע" איז דער מיניסטער גע־ווען שטאַרק ראַזסטראָיעט און געשוויגן. ער האָט אַפילע כאַראָטע געהאט, וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו אַקטיאָרן:

— בעסער געווען גיין, ווי אַ מיעשאָטשניק, איידער מיט זיי! — האט ער זיך אַליין געגעסן. נאָר איצטער איז שוין פאַרפאַלן! איצט איז שוין שפּעט. פון מינוט אף מינוט האָט מען געוואַרט, אַז ס'זאלן שוין אנקומען די גויאים.

און ווען ס'זיינען אַריינגעקומען דריי שקאָצים מיט א גויע אַף צו פאַנאַנדערטיילן זיך מיט די גייערס, האָט סאלאמאן ביעלקין אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג צו גיין מיט דער גויע.

— אַן אַלטע גויע, — האָט ער געטראַכט, — איז זיכערער. זי וועט טראָגן דעם זאַק און ער וועט נאָכגיין הינטן, ווי א פרעמדער. און בע־אייס א דורכפאַל, איז צו אַן אַלטער גויע דא מער מיטלייד, ווי צו יונגע שקאָצים.

נאָך האַלבער נאַכט האבן זיך אַלע צעלאָזט איבערן וואַלד דורך פאַר־שיידענע סטעזשקעס, וואָס פירן צום ראַנד. די אַלטע גויע איז געגאַנגען

באָרוועס, פארהויבן דאָס קלייד און געהייסן דעם מיניסטער נאָכגיין טראָט נאָך טראָט.

ווען זיי זיינען אפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו א בלאָטע.

— דאָ, פּאַניטש, איז שווערער צו גיין, — האָט די גויע זיך אנגערופן צו ביעלקינען, — ס'איז בלאָטיק. אבער זיכערער. לאָז דער פּאַניטש אויס־טאָן די שיך.

ביעלקין האט אויסגעטאָן די שיך און גענומען קנעטן די וואַרעמע בלאָטע, וואָס האט נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּקילן פונם זומערדיקן טאָג. אַרום איז געווען שטיל, און ביעלקין האָט, סאַפּענדיק, געשלעפּט יעדער פוס באַזונדער מיט די הענט.

— לייג זיך אַנידער! — האָט די גויע אים שטיל א זאג געטאָן, — לייג זיך.

אויגנבליקלעך זיינען זיי ביידע געבליבן ליגן אין דער בלאָטע. דער גויע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'דערנענטערן זיך פון ערגעץ טריט. אָבער נאָך אַ פּאָר מינוט ליגן אָן אטעם, אויסגעגלייכט מיט דער שוואַר־צער בלאָטיקער שיטערקייט, האט זיך ביעלקין אפּן וואונק פון דער גויע אופגעהויבן און ווייטער גענומען קנעטן די שוואַרצע בלאָטיקע באַק־דייזשע.

דער איבערשרעק איז געווען אַן אומזיסטער.

ניט ווייט פון זיי זיינען געגאַנגען די אַקטיאָרן, פּאָרלעכווייז, און אי־בערגעשראָקן די געניטע גויע. דערפאַר אבער האבן זיך די אַקטיאָרן אויך ניט ווייניקער איבערגעשראקן פאר די טריט פון דעם מיניסטער מיט זיין פירערן. און טאָקע ניט ווייט פון זיי, האָבן זיך אין דערזעלבער צייט אויך די אקטיאָרן אויסגעלייגט איבער דערזעלבער בלאָטע און איבער־געוואַרט דעם שליאָפּ פון טריט.

סאָלאמאָן ביעלקין האט אנגעהויבן אָפּשטיין. און די גויע האט אלע ווײַלע געמוזט אף אים אונטערוואַרטן.

— ביסט מיד? — האט די גויע אף אים א הוק געטאָן, — האַ? אָט נאך אַ שטיקל וועג. דאָס ערגסטע. אָבער שטיל. דא איז ניט ווייט אַ וואַך.

ביעלקינען איז געוואָרן קאַלט. דעם שוויס, וואָס האָט גערונען פון זיין שטערן, האָט ער ניט געפילט, נאָר די שוואַרצע בלאָטע, האט זיך

אים געדאַכט, איז בלייך געוואָרן פון זיין דערשראָקענעם פּאָנעם. נאָר ער האָט זיך אָנגענומען מיט קויעך און סאַפּענדיק געשפּאַנט ווייטער.

זיי זיינען שוין געווען אַריבערגעגאַנגען די בלאָטע און זיך דערנעענטערט צום בערגל, הינטער וועלכן ס'שטייט די וואַך.

— ער שלאָפט, — האָט א מורמל געטאָן די גויע, — ער שלאָפט. שאַ.

ביעלקין האָט ניט געוואוּסט, אין וואָס פאַר אַ זייט ער זאָל קוקן, נאָר די גויע האָט געפילט, אַז לאַנג וועט זי מיט אים לויפן ניט קאָנען, אויב זי וועט אים ניט לאָזן זיך אָפּרוען.

— זעץ זיך, פּאַניטש. רו זיך אָפּ.

ביעלקין האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— סאַפּע, סאַפּע, — האָט אים די גויע געמונטערט, — סאַפּע אָפּ.

ביעלקין האָט געסאַפּעט און האָט ניט געוואוּסט, וואָס דאָ קומט פאַר.

— נאָך! גוט סאַפּע! בעסער! — האָט אים די גויע געטריבן, — מירן באַלד דאַרפן לויפן!

די אַקטיאָרן האָבן שוין געהאַלטן זייער וועג לויט דער ליניע פון דער גויע מיטן מיניסטער. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז טאָמער א דורכפאַל, וועט זיי זיין באַקוועמער צו לויפן צוריק די ערשטע.

די גאַנצע געגנט איז געשלאָפן מיט די אַלטע סאָסנאָווע וועלדער צווישן קאַליעוושעס און בלאָטעס און קליינע גריקעס. די אָרעמע הייזקעלעך פון די אַרומיקע דערפער האָבן פונדערווייטן אויסגעזען, ווי פויגלשע נעסטן אַראָפּגעפאַלענע פון ביימער.

ערגעץ נעבן א שטיבל האָט זיך געהוידעט אַ ליידיקער עמער אויף אַ לאַנגן שטאַנג פון א ברונעם און, וועד ווייסט: — צי האָט ער גערופן אַף גיין ווייטער, אָדער ער האָט געמאַכט געהיימע סימאָנים אַף זיך אומקערן צוריק.

נאָר איבער די בלאָטעס פון דער פאַרשלאָפענער געגנט האָבן, ווי וועריס, געפויזעט פאַרשוויצטע מענטשן און געסאַפּעט:

— אַריינגעסאַפּעט פאַכעד און אַרויסגעסאַפּעט האָפענונג.

ביעלקין איז נאָך געזעסן, איינגאָנצן ווי אַן אָנגעשטרענגטער אויער, אַן אַריינגעשטעקטער אין דער פאַרשלאָפענער געגנט און זיך צוגעהערט צו דער געהיימער שטילקייט, וואָס האָט געאָטעמט מיט געפאַר, מיט אומגליק און מיט פרידן.

— ער איז דאָך ניט קיין אַבערגלויבערישער מענטש, — איז ביעלקינען איבערגעפלויגן אין קאָפּ, — דאָך אין אַזאַ אויגנבליק ווערט מען פאַרפירט פון יעדען אומפאַרשטענדלעכן שאָרך.

— אָט דער עמער. דער ליידיקער עמער. נאָר ס'איז גארניט, — האָט ער זיך צוריק באַרואיקט — אַן עמער פון א ברונעם הוידעט זיך, ווייל ער איז ניט צוגעבונדן און פאַרטיק.

פונדעסטוועגן האָט ער ניט געוואלט קוקן מער אין דער זייט פונם ברונעם. ער האט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ווייער שטיל האט ער אים אויסגעדרייט. עפּשער גאר האָט א שאָרך געטאן דער האלז פון אויס־דרייען זיך. מיטאמאל האט ביעלקין דערזען פון דער ווייט א גרויסן היל־צערנעם ציילעם פון א ווינטמיל און ס'האט זיך אים א דאַכט געטאָן, אַז די פליגל האבן זיך נאָרוואס אפּגעשטעלט. און דאס איז געווען דער לעצטער שאָרך. ביעלקין האט זיך ווייטער פאר עפּעס דערשראקן.

— ס'איז נאַריש, — האָט ער שוין ווי אין פיבער א דריי געטאן דעם קאָפּ, — ווער מאָלט באַנאַכט אין א ווינטמיל? און אין קיין שיידים גלויב איך דאָך ניט...

אָבער דער ציילעם פון דער ווינטמיל האָט זיך אים צוגעקלעפּט צו זיינע ביידע אויגן. ער האט ווידעראַמאָל אנגעהויבן פילן, ווי ער שוויצט, און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ס'איז אים געווען זייער פּיינלעך. און באַ דער גויע, האט ער גע־וואוסט, קאן ער גארניט פרעגן.

— דער פּאניטש האט שוין אפּגעסאַפּעט? — האט ביעלקינען א פרעג געטאן זיין פירערן.

ביעלקין האָט א שאקל געטאָן מיטן קאפּ.

— נו, לויפן! — האט זי אים פאַרן אַרבל אַ שלעפּ געטאן.

זיי האבן זיך גלייך אופגעשטעלט פון הינטער א בערגל, וואו זיי האבן אָפּגערוט און גענומען איבערלויפן איבער דער ברייט פון א שליאַך.

ביעלקין האט געוואוסט, אַז איצט איז דאָס סאַמע געפערלעכסטע אָרט, און אַז אָט דער לויף איז דער אנטשיידנסטער מאָמענט אין דער גאנ־צער מיסטעריע פון גאנוועגען א גרענעץ און, אז אויב אָט דער לויף וועט אדורכגיין בעשאָלעם, איז ער פון טויט לעבעדיק.

דערפאר האט ער לויפנדיק ניט געפילט די ערד אונטער די פיס און ניט קיין רוים ארום זיך, און האָט גארניט געזען. ער האט אפילע ניט געזען די גויע, וואס האט אלע ווײַלע א בליץ געטאן מיט די נאַקעטע ליטקעס פון אונטער איר פאַרהויבן קליידל. ער איז געלאָפן. זאל זיין, אַז ער איז שוין איבערגעלאפן? איז אוואדע גוט! יעדער לויף האט אים דערנעענטערט צו א געפיל פון בלינדער האפענונג, אויסגעמישט מיט בלינדן פּאַכעד.

ער האָט געפילט, אז ער איז שוין אָפּגעלאפן אַ גרויסע שטרעקע. נאר ער האט ניט געוואלט אויסדרייען דעם קאָפּ. ער האט זיך פּאָשעט ניט פארגינען צו זען זי, די שטרעקע.

נאָר פלוצים האט אַ שטיק פייער פון א שאָס אים געוויזן, וואו ער איז. ס'האט זיך אופגעריסן א שטיק נאַכט און אף איין אויגנבליק האָט ער דערזען פעלד, גערטנער און, דאכט זיך, א וועג. וואָס נאָך?

נאך א שאָס!

און פונם נאכלויפנדיקן געשריי „סטאָי!", — האט ער שוין דייטלעך געפילט אַף זיך עמעצנס אָטעם.

ביעלקין האט זיך אפגעשטעלט. און ניט אויסדרייענדיק דעם קאפ אין יענער זייט, פונוואַנען ס'איז געגאַנגען דער „סטאָי", — האָט ער פיבעריש־גיך אַרײַנגעלייגט אין מויל א בליאַסקנדיקן פיל, אַף שנעל אים אַראפגעשלונגען און א לאז געטאן די אויגן צו דער גויע.

נאר אנשטאט דער גויע, איז פאר זיינע אויגן אויסגעוואקסן אַ סאָלדאַט.

סאָלאָמאָן האט אין יענער רעגע ניט געקאנט פעסטשטעלן, צי שטייט נעבן אים איין סאלדאט, צי א ראָטע סאלדאטן, צי האט זיך דאס גאנצע פעלד א הויב געטאן אַף אים, ווי דער מאַלעכאַמאוועס. ער האט ניט געקאָנט ארויסרעדן קיין ווארט. ס'האט זיך אים געדאַכט, אַז אַ שטיקל שרייענדיק גלאָז צעשניידט אים דעם גאָרגל. ער האט נאך אלץ געשלונגען און געסאַפּעט, געסאַפּעט און געשלונגען, אַראפּשלינגענדיק טיפער און זיכערער דאס דין־געשליפענע שטיקעלע גלאָז.

נאר אז דאס סאַפּענדיקע קאָל פון א סאלדאט מיט א ווינטאָווקע, האט אים א שלאג געטאן אין פּאנעם און אים פאַרשטעלט דעם וועג מיט א:

— קודאַ!

האָט ער זיך נאָכאַמאָל אנגעהויבן וואַרגן מיטן דאָזיקן שניידיקן „קר־דאַ", ווי מיט זיינע דריטהאַלבן קאַראַט. און געפילט האט ער איינס:

— פאַרפאלן! אלץ איז פארפאלן!

ער האט עפּעס געוואָלט א שטאַמל טאן, נאר ער האט מוירע געהאַט עפענען ס'מויל. ס'האט זיך אים געדאכט, אז ס'בּליאסקעט אים ארויס פונם מויל, פונם גארגל און פונם בויך, פון אַלץ בּליאסקעט אים אַרויס דער אָראָפּגעשלונגענער בּריליאַנט. און ער האָט זיך געשראָקן עפענען דאס מויל, דער סאָלדאט זאָל ניט דערזען. און זיינע טויט־דערשראָקענע אויגן האבן, קוקנדיק אַפן סאָלדאַט, נאָך אַלץ געזוכט די גויע.

פון נאָענטע דערפער האָט זיך געטראָגן אַ געקריי פון קוואַקעס. און הינט האָבן זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, זיך דורכגעהאַוקעט. קורץ. און צוריק ערגעץ ארייַנגעגראָבן די מאָרדעס אין די אָנגעוואַרעמטע ערטער פון זייער פעל.

הינטערן בּערגל, נעבן א גרויסע קאַליעזשע איז געזעסן די גויע אָנ־געבויגן איבּערן מיניסטער בּיעלקינס זאַק,— זי איז געזעסן ווי אַן אַלטער איבערגעפוילטער פעניאַק און געטונקען די בּאַרוועסע פיס אין וואַסער, גרייט צו יעדער רגע אַריין אינגעוויניק. א שפּרונג טאָן מיטן זאַק אין וואַסער, ווי אַ זשאַבע.

און אין פעלד האט נאָך סאָלאָמאָן בּיעלקין אַלץ מוירע געהאַט עפע־נען דאָס מויל, דער סאָלדאַט זאל ניט דערזען זיינע דריטהאַלבן קאַראַט. ער האָט ציטערדיק און שטום בלויז געטרייסלט די קעשענעס דעם סאָל־דאַט אין די הענט אַריין. און דער סאָלדאַט האָט מיט געמאַכטן גרימ־צאָרן אַלע ווײַלע אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַן אַנדער זייט פעלד, פונוואַנען ס'האט זיך שוין געגעענטערט דער טאָג און זיך גוט איינגעקוקט, צי געענטערט זיך ניט אינײנעם מיטן טאָג נאָך סאָלדאטן אַף זיין שאָס.

נאָר אַרום איז געווען שטיל.

אין עטלעכע מינוט אַרום האט דער סאלדאט אפגעלאָזט דעם מיניס־טער און אַרומקוקנדיק זיך אין אלע זייטן, אים אָנגעזאָגט:

— נו, פונדאַנען גיי גלייך! מער איז קיין וואַך שוין נישטאָ! אָט איז די שטאָט,— האָט ער אים נאָך מיטן פינגער אַ ווייז געטאָן,— אָט! און מער זאָלסטו די גרענעץ ניט גאַנווענען! נאָך אַ מאָל כ'וועל דיך פּאַקן, איז אַפן אָרט! ווי אַ הונט!

מיטן ביסל פאַרטאָגיקער פאַרנאָסע אין כאַליעווע, האָט דער גרענעץ־סאָלדאַט דאָך געהאַלטן פאַר זיין כיוו צו זאָגן אביסל מוסער דעם גע־ראַטעוועטן מיניסטער:

— נו, גיי! און זיך ניט אפשטעלן!

סאלאמאן ביעלקין האט אים אויסגעהערט פלייסיק און מיט דאַנקבאַר־קייט און לויט זיינע אָנווייזונגען איז ער אַריינגעגאנגען אין שטעטל און אָנגעקלאפט אין א אידישער שטוב.

די אַקטיאָרן זיינען שוין געווען צוריק אין שטעטל, געזעסן אַף זייערע פעק אין אַן אָרעמער אידישער שטוב און געטרונקען טיי.

ווען זיי האָבן דערהערט דעם שאָס אפן פעלד, האָבן די גויאים זיי געפּרואווט פירן דורך אַן אַנדער וועג. נאָר מ'האט גלייך איבערגע־טראַכט:

— ס'היינט א שלעכטע נאַכט. מ'האָט ניט געטאָרט אַרויסגיין.

און צעשאָטענערהייט, ווי פון א באַנאַכטיקן שפּאַציר, זיינען זיי דורכן וואַלד אַלע אָנגעקומען צוריק אין שטעטל אַריין.

— מע דאַרף שוין איבערוואַרטן אַ פּאָר נעכט, — האָבן די גויאים גע־טאַינעט — ס'וועט שוין זיין שלעכט די גאַנצע וואָך.

די אַלטע געניטע איבערפירערס האָבן שוין געהאַט זייערע סימאָנים:

— אַזוי איז עס שוין, — האָט געגעבן צו פארשטיין אן אלטער גוי — הויבט זיך עס אָן, גייט עס שוין א גאַנג.

נאָר די אַקטיאָרן האָבן געטרונקען טיי און זיך געקוויקט.

— אַז איך האב געזאגט, אַז מע דארף גיין אַף קאָמעניעץ, — האָט זיך געגאָרגלט אַן אַלטער באָכער, — דער פון די פּאָטער־ראָלן, — דורך קאַ־מעניעץ איז גאָר ניטאָ קיין גרענעץ. אַ שפּאַציר, ניט קיין גרענעץ. אַלע גייען דורך קאָמעניעץ. און דאָ האָט דער רועך אָנגעטראָגן גיין דורך דאַנעץ. וואָס פאַר אַ כאַליערע האָט אנגעטראָגן אהער? פארברענט זאל געווען ווערן דאס שטעטל, איידער מע האט עס גאר דערקענט.

און איינער אַ קורצנקער אין כאַראַקטער־הויזן האט זיך געוויצלט:

— און איך זאָג אייך, אַז מיר זאָלן היינט אַרויסלאָזן אַן אַפּיש און מאָרגן אפדערנאכט דורכלאָזן אַן „אנשלאַג". מע וועט מאַכן בעסערע געשעפטן, ווי אין די בלאָטעס. אַ שאָד נאָר, וואָס איז ניטאָ יענער קאָ־מיקער מיטן „כאַראַקטער".

אַלע האָבן זיך אַף אים אומגעקוקט און דער קאָמיקער האָט אויסגע־זעצט:

— טוט אייך, וואָס איר ווילט! נאָר איך גיי ניט מער. איר מעגט זיך אייך זוכן א מענטשן. כ'האָב עס אין דר'ערד. איר'ט קומען אַהינצו, וועט איר דאָרט אָפּזוכן יענעם יאָלד, וועט ער אייך שפּילן כאַראַקטער־ראָלן. איך האָב דאָס אין דר'ערד. ס'וועט מיר נאָר לויז ווערן דער האַלז, שטעל איך דאָ עטלעכע שטיק און פאָר צוריק קיין אדעס.

די אַרטיסטקעס זיינען אַלע ווײַלע געלאָפן אין קלאָזעט איבערקוקן דאָס צירונג, צי ס'פעלט גאָרנישט. אין געשפּרעך פון די מענער האָבן זיי זיך ניט געמישט.

— ס'פעלט מיר דאָס שטיקל זייף. ס'האָבן דאָרטן געשטעקט די אויר־רינגלעך, — האָט מיט פאַרבראָכענע הענט זיך אַרומגעדרייט דעם קאָמי־קערס פרוי, גלייך ווי זי וואָלט עס נאָרוואָס פאַרלוירן דאָ אַפן פּאָל.

— ט'האָסטו דיר דעם ערשטן סבאָר!

— דער ערשטער אַנשלאָג!

— ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס בלויז דאָס שטיקל זייף אַליין! — האָט אַ זאָג געטאָן א צווייטע, — מ'וואָלט דאָרטן, אין די בלאָטעס, געקאָנט לאָזן די הויט, ניט נאָר דאָס צירונג! ווי אונזער נייער סופליאָר.

— יאָ, — האָט אונטערגעכאַפּט איינער פון דער קאָמפּאַניע, — מיטן סופליאָר איז די געשיכטע, ווייזט אויס, ערגער. ווער ווייסט, וואו ער שפּאַרט שוין איצטער אָן און ווי אַזוי ער סופליר'ט דאָרטן איצטער!

אַקטיאָרן זיינען געוואָרן טרויעריק. זיי זיינען געווען צופרידן, וואָס זיי זיינען ניט געגאַנגען מיט דער גויע. אָט איז שוין באַ זיי אָפּגעפאַלן דער גאַנצער כיישעק צו גיין נאָך א מאָל. מע קוקט זיך איבער. אונ־טערווייַלעכץ כאַפּט מען אַ קוק אין פענצטער און איינער רופט זיך אָן:

— פונדעסטוועגן איז ניט קיין פּלאַן דאָ צו זיצן. ס'קאָן זיך נאָך אַריינכאַפּן אַ טאָוואַרישטש.

— נו איז וואָס? — האָט אויסגעשאָסן דער קאָמיקער, — מיר זיינען אַקטיאָרן. אונז איז אַלצייַנס! מיר זיינען געקומען שפּילן! און קאָנען פאָרן קיין אדעס!

אינמיטן ריידן האָט ער אופגעעפנט אַ וואַליזע און אַרויסבאַקומען פון דאָרט עטלעכע פייעסן:

— און איר, יאָלדאַקעס, מיינט טאַקע אַף אַן עמעס, אַז יענער איז אַ סופליאָר? טאָ אַזוי, ווי איך בין אַ גאַלעך! אויב איר ווילט וויסן ווער ער איז, וועל איך אייך זאָגן!

אַקטיארן האָבן געשמייכלט און געוואַרט, וואָס דער קאָמיקער וועט זאָגן.

— אַ מיניסטער איז ער, וועל איך אייך זאגן! יאָ! ניט מער און ניט ווייניקער. מ'האט נאָר געדאַרפט האַלטן פיסק. איצטער איז שוין אָך און וויי צו אים! אַלצייגס! איך נעם מיר מיין פרוי און פאָר קיין אָדעס!

אַקטיארן האָבן מיט פאַרדראָס אַ קוק געטאָן אַפן קאָמיקער:

— ער וועט דיר אָנבורבלען. אט שטעלט ער דיר דא אפן גרענעץ ספעקטאקלען, אט פאָרט ער דיר קיין אדעס, אט מאַכט ער דיר א מי־ניסטער. אים איז פריילעך. וואָס איז דיר אזוי פריילעך אפן האַרצן? — האט שוין אַרויסגעלאָזט דער באָכער מיט די לאַנגע האָר, — אַ איד איז אומגליקלעך געווארן, איז וואס איז דאָ די סימכע?

— פלאָכט! מע זאגט דיר א מיניסטער, איז א מיניסטער.

און סאלאמאן ביעלקין איז שוין געזעסן אַף יענער זייט גרענעץ אין אַ שטיבל און געוואַרט אַף דער גויע און אַף זיין זאַק.

— טאָמער האָט מען זי אויך געכאַפט און באַ איר צוגענומען דעם זאַק, מעג ער שוין גיין צוריק, — האָט דער מיניסטער אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק אין פענצטער. — כאָטש, וואָס דאַרפן זיי דעם זאַק? דאָך?!

דאָך, האָט ער זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעריבן די בלאָטע פון די אויגן, אָפּגעטרונקען טיי און אַוועק צום קאַזיאָנע ראַבינער.

דער ראַבינער האט אים אופגענומען, ווי א גאַסט פון יענער וועלט, און געמאַכט איבער אים א בראָכע:

— ברוך מחיה מתים!

— נו, נו, — האט אים געטרייסט דער ראַבינער, — נו, נו, אַבי זיך אַרויסגעריסן און איבערגעקומען בעשאָלעם.

ביעלקין האט אים אלץ דערציילט וועגן דער שווערער שטיק אַרבעט מיטן איבערגיין די גרענעץ. אַז ער האָט געמוזט פאָרן ווי א סופליאָר און זיך אָנשליסן צו א טרופע און אז דאס וויכטיקסטע, דער באַגאַזש, די דאָקומענטן, די ווערטפולע פאַפירן, וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט, זיינען נאָך ניטאָ. און ווער ווייסט, וואו זיי זיינען.

דער ראַבינער האָט אים געטרייסט. ער האָט מיט גרויס ערנסטקייט אַריינגעקוקט אין די ביכער פון געבורטן און קאָמבינירט וועגן א פּאַס, אָדער כאָטש א מעטריקע פאַרן מיניסטער, וואס האט געדאַרפט געבוירן ווערן דאָ אין דעם נייעם לאַנד.

און ער האָט אָפּגעזוכט.

צו פאַרנאַכט צו איז מיניסטער ביעלקין אַוועק צוריק אף דער סטאַנציע, וואו ער איז איינגעשטאַנען.

אין שטוב האָט ער שוין געטראָפן די גויע, זיצנדיק אף זיין זאַק. ער האָט צוריק אופגעלעבט.

— אַ פּאַס וועט ער האבן, — האט ער צו זיך אַליין גערעדט, — די דאָקומענטן זיינען דא. איצטער? איצטער נאר דאס שטיינדל מיט די דריטהאַלבן קאָראַט, וואס האט זיך אופגעהאלטן שוין א קאַרגן מעסלעס באַם מיניסטער ביעלקין אין מאָגן. נאר נישקאשע, — האט ער זיך אליין אַ מונטער געטאָן.

אַפדערנאַכט האט דער מיניסטער געשיקט נאך א גלאז ריצנייל און פאַרן שלאָפן גיין זי איינגאנצן אויסגעטרונקען.

אַז ס'איז אים געווארן זייער מלאָכנע אין מויל פון דער ערשטער גלאָז געטראַנק אין נייעם לאַנד אין זיינעם, האט ער זיך געטרייסט:

— נו? דער איינציקער מיטל, וואס מע קאן טאָן, ארויסבאקומען צוריק פון געפענגעניש דעם בריליאַנט. ס'איז דאך א פאַרמעגן. און ער איז דאָך אין א פרעמד לאַנד, אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, און קאן זיך ניט רירן פון אָרט אָן אים.

די גאַנצע נאַכט איז דער מיניסטער געווען וואַך, ווי א קימפּעטאָרן. ער האט געוואַרט, און זיך געהיט. ער איז געלעגן אפן בעט און געהאלטן אין איין רעכענען — אף דער וויפלטער שאָ דאַרף זיך אנהויבן די ווירקונג פונם דאזיקן מיטל. ער האט געזען, ווי דורך א שפּאַקטיוו, די וועגן, וואס די אראָפּגעשלונגענע דריטהאלבן קאראט מאכן דורך אין זיינע מיניסטאָרישע קישקעס. ער האט באשיימפערלעך געפילט, ווי זיי גייען דאָרטן איבער פון איין אָרט אין דעם אנדערן. אט זיינען זיי שוין דא. און אט דא. און אט שוין גאָר נאענט און...

פאַרטאָג, נאך איידער ס'איז געווארן גוט ליכטיק, ווען קיינער גייט נאך ניט אַרויס אף די גאסן, איז דער קאזיאָנער ראבינער גע-

זעסן איבערן בוך פון געבורטן און געלאָזט פונדאסניי געבוירן ווערן דעם געוועזענעם מיניסטער אין דעם נייעם לאנד. און דער געוועזענער מיניסטער איז געשטאַנען מיט אַ בלאַס־אָפּגעמאָגערט פּאנעם אנגעבויגן הינטער א פּארקן און געזוכט זיין בריליאַנטענע צוקונפט פון דריטהאלבן קאראט אין א קליין בערגעלע קויט.

XXV

דער אַלטער קלויסטער האט בעטלעריש אויסגעצײלט דאס מינץ פון זיינע גלעקער און צוואויסן געגעבן דער נאַכט, אז זי מעג שוין אָנ־קומען.

הינטערן שטעטל האט זי געלויערט, די נאכט. — א דושנע, א יאַ־דישליווע און א כריפּעדיקע פון שווערע הארבסטיקע ווינטן. זי האט געלויערט ארום דעם שטעטל, פונקט ווי ארום א קראנקן בעט פון א זאָקן לויערט דער טויט.

ס'האט זיך געזיפּט א שניי. און אז דאס שטעטל איז איבערגעצויגן געווארן מיט ערשטער ווייסקייט, האט זיך די פינצטערניש פון דעם אָפּ־געטאן און זיך אופגעהויבן אינדערהויך. ס'איז געווען דער ערשטער טאג כאנוקע. די לעוואָנע האט זיך געאיינזאמט אין הימל, ווי דאס ערשטע ליכטל.

שטיבלעך האבן געשווימען אין אומשולדיקער ווייסקייט. נאר אינעווײ־ניק אין זיי, איז געווען פינצטער. קיין ליכט האט מען ניט אנגעצונדן.

פראַדל, מענדל מילנערס ווייב, האָט אַלע ווײלע אַ טאַפּ געטאָן מיט דערשראָקענע אויגן די פינצטערניש און געפרעגט:

— וואָס זשע? מענדל! ווערט מען טאַקע קיין כאַנוקע־ליכט ניט בענטשן?

לאָדנס זיינען דעם גאַנצן טאָג געווען צוגעהאַקט און צווישן די שפּאַ־רונעס האָבן אידן געקוקט אין דער בלאַקיטנער אָונטיקייט, צי זיי גייען שוין...

איינציקע אָפּגעריסענע שאָטן האָבן זיך דערווייל דורכגעשמועסט פון איין עק שטעטל ביזן אַנדערן און האָבן זיך ווען עפּעס צוואויסן געגעבן.

די בלאַקיטנע שנייאיקע שטילקייט פונם דרויסן האָט דורכגעדרונגען אין די פינצטערע אידישע שטיבלעך, וואו איינער האָט געקוקט אַפן אנ־דערן און, ניט גלויבנדיק די אייגענע אויגן, צי מע זעט זיך,— האָט מען מוירע געהאַט עפענען די מיילער, פונקט ווי מ'האָט מוירע געהאַט עפע־נען די לאָדן. און בלינדערהייט איז דער פּאַרטאַיעטער אָטעם געקראָכן פון איינעם, טאַפּנדיק און אריינצייענדיק זיך אין דעם אָטעם פון אַ צווייטן:

— ביסט דאָ?

פּראַדל האָט געפילט, אַז מענדל שטייט באַ די פענצטער, וואָס קוקן אַפן גאַס ארויס. האָט זי פון ערגעץ, פון דער טיף אַ שרויף געטאָן דעם קאָפּ:

— מענדל, גיי אוועק פונם פענצטער! פאַרבערגן מיר ניט דאָס שטיקל האַרץ, מענדל! וואָס אַרט דיך, אַז איך לעב נאָך? ווערסט מיך שוין באַלד ניט האָבן! גיי אַוועק, מענדל!

— איך שטיי, שטיי איך. שטיי אויך! וואָס ווילסטו?

— ער דאַרף שטיין! פאַרשטיינערט זאָל איך שוין ווערן. אָן אים וועט דאָרט פאַרשטערט זיין די סימכע. טאָמער זיפע איך נאָך!

מענדל האָט זיך אָפּגעקערוועט פונם לאָדן און אַ קריץ געטאָן מיט די ציין:

— לאָז זיין שטילער, גאַזלאָנים!

דורך אַ ברייטלעכער שפּאַרונע אין לאָדן האָט מענדל, שטייענדיק די גאַנצע צייט, געקוקט און געוואַרט. ווען ס'האָט זיך צו אים נאָר דער־טראָגן אַ טומלדיק זידלעריי, האָט ער זיך גלייך אויסגעקערעוועט און אַ קריץ געטאָן צו דער שטוב:

— לאָז זיין שטיל, גאַזלאָנים! ס'האָט זיך שוין דאָרט אָנגעהויבן!

און גלייך נאָך דעם ווינען זיינע אויגן שוין געווען אפן בלאַקיטנעם שנייאיקן שליאַך און געזען:

צוויי שינעלן, צוויי ווינטאָווקעס פוןביידע זייטן. צווישן — אַ לאַנגע שוואַרצע זשיפּעצע און אַ שאָקלענדיקע קאָפּ.

איבער דעם שניי־געבעטן שליאַך האָבן צוויי באַנדיטן ארויסגעפירט צום ערשטן — דעם ראָוו.

— ריר זיך, פּאַלעסטינאַ! — האָט כריפענדיק אונטערגעטריבן דעם זאָקן איינער,— ריר זיך!

דער אנדערער האָט געטראָגן דעם ראָווס שטריימל און אונטערגע־
קייעט:

— ניעכריסט אָקאַיאַנעי!

דער ראָוו איז געגאַנגען רואיק. מיט די אויגן האָט ער גערודערט די וױנטיק־פרישע פינצטערניש. אין די טיפן פון זיין קנייטשיק־דורכגע־אַקערטן פּאָנעם האָט זיך געוויכערט ראַכמאָנעס צו די פינצטערע דעכ־לעך, וואָס זיינען אים געגאַנגען אַנטקעגן מיט כּאַרפּע, מיט פאַרשעמטקייט און מיט זיגד פון אומשולדיקייט. און דריי לאַנגע שאָטנס, האַלב־איבער־געבראָכענע אַף ווייסע ווענט פון דערשראָקענע שטיבלעך, האָבן זיך איבערגעהאַקט פון איין וואַנט צו דער אַנדערער.

די פרישע שנייעלעך, וואָס האָבן זיך געזעצט אפן ראָווס מויל, האָבן געטאַיעט.

דער ראָוו האָט געזאָגט ווידע.

— שעלט זיך ניט, דו, אַלטע סינאַגאָגאַ, — האָט מיט פּאַכעד און מיט דער ווינטאָווקע געדראָט דער סאָלדאַט.

און הינטערן שטעטל האָט זיך שוין אופגעהויבן צום נידעריק־געוואָ־רענעם הימל אַ הילצערן טליעלע פון אַן אַלטן דעמב, וואָס איז געשטאַ־נען נעבן צווינטער.

דערוויל האָט זיך אַף איר געהוידעט דער שנייאיקער אָוונט און דעם אַטאַמאַנס אומגעדולד. ער האָט אַלע ווײַלע אַ קוק געכאַפּט אין דער שנייאיק־לויטערער וויַט און געפרעגט:

— נאָך נישטאָ? ביין?

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געפירט דעם געפאַנגענעם, האָבן אַפילע ניט באַמערקט, ווי עפּעס אַ איד האָט דורכגעפיבערט די גאַס הינ־טער זיי.

און אַפן אַטאַמאַנס רעציכעדיק־אומגעדולדיקער פראַגע:

— „ביין?“

וואָס האָט נאָך געציטערט אינם העל־בלויען פראָסטיקן זילבער פונם אָוונט, האָט מיט אַ הייסן פּאַרסאָפּעטן ווידעריקאָל געענטפערט מענדל מילנער, וואָס איז פאַרלאָפן סאָלדאַטן דעם וועג.

ער האָט די גאַנצע צייט, לויפנדיק, געהאַלטן די האַנט אין בוזעם־קעשענע. ער האָט עפּשער אַליין ניט געוואוסט, וואָס האַלט ער דאָרטן צו:

— צי דאָס האַרץ, וואָס האָט זיך אים אַלע ווײַלע אָפּגעריסן, צי דאָס פּעקעלע פּוזיט, וואָס איז אים אַפן האַרצן געלעגן, נאָר די פאַרלאָפּענע אויגן זײַנע האָבן עמעצן געזוכט. זיי האָבן געזוכט דעם עלטסטן פון די ראָצכים.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געלעגן בײַ דר'ערד — נידעריקער און קלענער פון שטענדיק און מיט פאַרמאַכטע לאָדנס האָט עס אים געזען דורכ־לויפן, מענדלען; אים געזען ארומפלאָנטערן זיך צווישן סאָלדאַטן מיטן פּעקעלע פּוזיט און מיטן אָפּגעריסענעם האַרץ, זוכנדיק דעם עלטסטן פון די ראָצכים. און זיך צוגעהערט האָט דאָס דערוואָרגענע שטעטל צו מענדלס דערשראָקענעם סאָפּ און צו דעם וואָרט, וואָס ער האָט ניט גע־קאָנט ארויסברענגען פון מויל.

איז עס געלעגן, דאָס שטעטל, נידעריק בײַ דר'ערד און געוואַרט.

מענדל האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זײַנע אייגענע פיס. ער האָט ניט געוואוסט, צי זאָל ער פריער אויסשטרעקן דעם קאָפּ, צי זאָל ער זיי אויסשטרעקן ביידע מיטאמאָל און זאָלן זיי, די ראָצכים אַליין, זיך נעמען פריער דאָס, וואָס זיי ווילן.

אין שטעטל איז שוין געווען פון לאַנג טונקל; נאָר דאָ, אַפן פרייען פעלד, איז עפּעס געווען ליכטיק, ווי פאַרטאָג. דער שניי האָט געשאָטן רואיק. און אין דעם רואיקן שאָט פון אָנגעפּליקטע שטיקלעך פרישע ווייסקייט, האָט מענדל דערזען אַ טאַטשאַנקע מיט צוויי ליידיקע דראָגע־דיקע דושעלעס קעגן זיך; בײַ דער זייט — פערד, און דערנעבן — אַ סאָלדאַט.

דער סאָלדאַט האָט געטרעסלט פון אַ גרויסן שעפּסענעם יאָלעם דעם אָנגעפּאַלענעם שניי און מיטן יאָלעם האָט ער געפּאַטשט איבערן פאַר־שנייטן שינעל.

מענדל האָט פונדערווייטן ארויסגעשלעפּט דאָס פּעקעלע געלט, אויס־געשטרעקט דעם קאָפּ צום פאַרנויגן און ארויסגעסאַפּעט:

— פּאָטער!

דער סאָלדאַט האָט אַ טעמפּן לאַך געטאָן און טאַפּנדיק פון דערשרעק די ביקס, האָט ער דערזעענדיק דעם אידן, זיך צעריטשעט:

— וואָס פאַר אַ פּאָטער בין איך דיר? איד פאַסקודנער! וואַרט!

מענדל האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אין די זייטן. נאָר פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שינעלן און פּאַפּאַכעס. און ארומגערינגלט מענדלען.

— פֿאָטער! — האָט דער סאָלדאַט אַ לאַז געטאָן צו די איבעריקע, — אַ פֿאָטער איז מען איט, דעם ראַבין! ווייזט אים, בראַטצי, וואָס הייסט פֿאָטער!

ס'איז אונטערגעקומען דער אַטאַמאַן און א קוק געטאָן אַף מענדלען:

— ראַזאָידיס! — האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. באַזוכן אים! געווער האָסטו? איד!

סאָלדאַטן האָבן א צעוויקל געטאָן מענדל'ען און איבערגעגעבן זייער אַטאַמאַן דאָס פּעקעלע פּוזיט מיט מענדלעס פּאַטשיילע.

— גרויסער אטאמאן! — האָט מענדל מיט אַ איבערגעהאַקטן אָטעם, רוקנדיק זיך אַף צוריק, אָנגעהויבן אויסאַפּען, — גרויסער אַטאַמאַן!

ס'האָט זיך אים אָנגעפּילט דעם גאָרגל מיט היץ און מיט קעלט איניי־נעם. ער האָט ווייטער ניט געקאָנט רעדן. נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט, מענדל, און גענומען אויסבעלעטשען:

— פֿאָטער אונזערער! מיר האָבן פֿאַר דיר געפּראַוועט אַ מאָלצייט. אַ מאָלצייט פֿאַר דיר און פֿאַר דיין כאַיעל. צוגעגרייט.

ער האָט אַראָפּגעשלונגען אביסל היץ און אויסגעסמאָקעט אביסל סלינע פֿון זיין צעסאַרפּעטן גומען און, ניט פֿאַרמאַכנדיק דאָס מויל, האָט ער עפּעס אָנגעהויבן זוכן אַף זיך, ער זאָל קאָנען אָפּגעבן גרעסערן קאָוועד דעם אטאַמאַן. ער האָט מיטאַמאָל דערפּילט אַפֿן קאָפּ א היץ מיט אַ שוויס איניינעם:

— די היטל! ער שטייט די גאַנצע צייט אין דער היטל! ווײ איז אים!

מיט גרויס איינשטעלעניש האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אויסגע־שטרעקט די האַנט און ניטוויסנדיק וואָס פֿון זיי ביידע וועט באַלד אָפּ־געהאַקט ווערן, האָט ער דערווייל אַראָפּגעצויגן די היטל. און אַז ס'איז דורך בעשאָלעם, האָט ער גענומען רעדן ווייטער:

— פֿאָטער אטאמאן! מיר זיינען אָרעמעלייט. ניט קיין באָלשעוויקעס! ער האט אים א וויז געטאָן מיט דער האַנט אַף דער שטאָט:

— אט! קום אריין אין שטאט! רוף דיין כאיעל. טישן זיינען געגרייט פֿאַר דיין קאָוועד וועגן, פֿאָטער אטאמאַן! נאכדעם וועסטו מיט אונז טאן, וואס דיינע אויגן וועט געפֿעלן ווערן!

דער אַטאַמאַן האט די גאַנצע צייט געקוקט אין אַ זייט מיט רעציכע און מיט עקל. נאך יעדער ווארט מענדלס האט ער אַ קנייטש געטאן

דאס פּאנעם זיינס, פּונקט ווי ער וואלט דערפילט שפּאַיעכץ פון אט דעם אידנס מויל און אַלע ווײַלע האט ער אים אונטערגעטריבן, דעם אידן, ער זאל שוין גיכער ענדיקן און אן עק!

און מענדל האט געענדיקט. ס'איז אים שוין געגאַנגען גרינגער. מיט יעדער לעצטן ווארט האט ער, דאכט זיך, אויסגעדעכעט די נעשאָמע.

ס'האט זיך געזיפּט אַ שניי. א גרינגער העל־בלויליכער שניי. ס'האט פון אים געפינקלט און געשווינדלט אין די אויגן. און ניטבאַמערקטערהייט האט ער זיך געלייגט אף מענדלען מיט דער ווייסקייט פון טאַכריכים. מענדל האט עס ניט געפילט. האט בלויז אַ קוק געכאַפּט אַפן זאקן, וואס די צוויי סאלדאטן האבן געבראַכט, — אַן אויגנבליקלעכן קוק, קעדיי זעען, צי ער לעבט נאך, צי ער איז נאך ניט געהאַרגעט געווארן פונם רויצייעכס ווערטער און זיך ווידער אנגערופן צום אטאמאן:

— מיר זיינען אין דיינע הענט, גרויסער אַטאמאַן, און...

נאר דער אַטאַמאן האט אין דער העל־בלויער ליכט אַ שעכט געטאן מענדלס אויגן. ער האט זיך א וויג געטאן, דער אַטאַמאַן, אַף צוריק, ווי פון אַ פּלוצלינגדיקן ברי, און מענדל האט ווייטער געסאַפּעט:

— נעם, פּאַטער אַטאַמאן, אונזערע נעשאמעס איניינעם מיטן קאוועד, וואס מיר האבן פאַר דיר געגרייט. נעם! נעם!

אַ קרומער שמייכל האט דורכגעצויגן דעם אַטאַמאַנס צערייצטן פּאנעם. ער האט א רוף געטאן איינעם פון זיינע דערנעענטערטע. נאך איינעם. זיך אַ שושקע געטאן:

— נו?

נאכדעם האט ער א קוק געטאן אפן דעמב מיט די אויסגעשטרעקטע טליע־צווייגן; ער האט אזוי איבער מענדלס פאַרשנייטן קאפּ אופגעהויבן די אויגן צום שטעטל צו, און אויסמיידנדיק דעם זאָקנס בליק, האט ער אַ שפּיי געטאן:

— נו, גיי! טייוול! מיר קומען באַלד!

הייזער האבן ניט אנגעצונדן קיין פייער. און אין דער פינצטערניש האט מען שוין געוואוסט, אַז דער ראוו הענגט באַם צווינטער אַף אַ בוים, און אַז מענדלען האט מען אנגעשטאָפּט א פול מויל מיט שניי, און ער טאַנצט פאַרן אטאמאן אַ נאַקעטער.

נאר אין איין אויגנבליק איז געווארן ליכטיק. און איבער די דער־שראקן־גאלדענע פאדעם שיין, וואס האבן זיך דורכגענייט דורכן שליאך פון איין פענצטער צום אנדערן, האט מענדל מילנער געפירט דעם ראָוו אהיים.

פונם ראָוו איז ער אוועק צו די קאַצאָווים. פון די קאַצאָווים — צו די קלעזמער. אפן וועג איז ער אריין צו זיך אין שטוב, און אַראָפּגענומען פון שאַפע דעם וויין, וואס ער האט זיך געשטעלט אף פייסעך. און ניט זאָגנדיק קיין איינציק וואָרט זיין פראדלען, איז ער ארויס צוריק פון שטוב און אין יעדער אידישער טיר אַף זיין גאס האט ער גענומען קלאפן:

— קאָכט, וויבער, פלייש און פיש און וואס איר האט! און טראָגט אין קעהילע אַריין! מיר האבן היינט אַ סימכע! א סימכע! האַיעט ניט! קאָכט!

ער איז אַוועק צו דער שינקאַרעכע. באַלד האט ער דורכגעפירט פיר אידן. בלאַסע בערדיקע אידן מיט אַ פויק, מיט א טרוטל און מיט אַ מע־שענער טרובע און מיט א פידל. די קלעזמער האבן אויסגעזעען, ווי אויסגעגראָבענע פון קוואָרים. זיי האבן זיך געשראָקן צו גיין, אלע ווילע זיך אָפּגעשטעלט, אויסדרייענדיק די קעפּ אף צוריק:

— וואוהין פירט איר אונז, רעב מענדל?

א שניידיק ווינטל האט געשמיסן שניי אַפן פויק און אין טוטל, גע־ריסן בא קלעזמער די פּאָלעס און מענדל האט, אונטערטרייבנדיק זיי, געפינעט מיט שניי און מיט שוים, ווי פון היץ:

— קלעזמער! פריילעך זאָלט איר היינט שפּילן! איר הערט? פריילעך! מע דאַרף ראַטעווען די שטאָט!

ער האט זיי געפירט, די קלעזמער, און אין זיי אַריינגעטאַינעט, פונקט ווי זיין טאַטע, דער אלטער רעב הערש, האט געפירט די קלעזמער איבער די גאסן, דעמאָלט, ווען ס'איז אפן שטאָט אַרומגעגאנגען די כאָ־ליערע:

— דאָ — דאס שוואַרצע קעסטל, און דערנעבן — די קאַפּעליע.

— פריילעך זאָל זיין, קלעזמער! פרעגט ניט!

אפן בריקל זיינען שוין געלעגן צוויי אידן מיט פארקאָרטשעטע קניען אָן די שטיוול. פון דער קוזניע אָן האָבן דעם אטאמאן מיט זיין

כאיל געוויזן דעם וועג אין שטעטל אריין — צעשאָטענע שנירעלעך פאַרפרוירענע רויטקייט. געזאָטלטע פערד האבן געשפּרינגען איבער פאַר־קאַטשעניעטע קני, וואָס זיינען שוין געווען צוגעפרוירן צום בריק. זיי האבן געשפּרונגען איבער די שנירעלעך פאַרפרוירענע רויטקייט, אַריינ־געגראָבענע טיף אין שניי. זיי האבן זיך געאיילט, די פערד. זיי האבן קיין איבעריקע צייט ניט געהאט. זיי האבן זיך געטראָגן אַף דער סימכע, צו דעם מאָלצייט, וואָס שטאָט האט פאַר זיי געפּראַוועט.

טישן זיינען שוין געווען געגרייט. מיט פיש, מיט פלייש, מיט ווין און מיט בראָנפן. די פענצטער פון דער קעהילע האבן געשריגן מיט ליכט פון אָנגעצונדענע הענג־לעמפּ. סאָלדאטן האבן צעשטעלט ביקסן אין די ווינקלען. מיט שפּיצן פון באַגנעטן האבן זיי געשטופּט די פּראָפּן אינע־ווייניק אין די פלעשער ווין. און געלאַכט. לאנגע מעגושעמדיקע שאָטנס האָבן ארומגעשפּרונגען איבער די ווענט און איבערן באַלקן. די שטוב האט זיך געוויגט פון שרעק און סאָלדאַטישע אויגן זיינען געווען, ווי גלעזער אָנגעגאָסענע מיט ווין.

— קלעזמער, א פריילעכס!

קלעזמער האבן געשפּילט א פריילעכס. זיי האבן נאָכגעמאַכט מיט די קעפּ און אונטערגעקלאַפּט מיט די שטיוול, ס׳זאָל זיין ראַשיקער און פריילעכער, נאָר ס׳איז עפּעס אַרויסגעקומען, ווי אַ באַזעצנס. זיי האבן געוואָיעט, די פּאָר שטיקלעך צעבויגענע מעש, און דעם אלטן פאַר־שטויבטן פידל האט זיך נאָכגעשלעפּט א געפּלאַצטע סטרונע, ווי אַן אופגעריסענער אָדער.

— יאָסעלע, די שער! די שער גיב אהער! — האט געשריגן מענדל, — זעסט דאָך! וואָס שלאָפסטו? גיב א קאַדרעל! נעם אָט־דאָס, וואָס מע פירט צו דער כופּע! זשאַלעווע ניט, יאָסל! וועק אוף ארעלען! דעם פויק! דעם פויק, יאָסל! פאַרוואָס שלאָפט בא דיר דער פויק?

און די קלעזמער האָבן געדרייט מיט די קעפּ אַף „יאָ", געזעצט מיט די שטיוול אין ניט געוואוסט, צי איז דאס אַזוי, ווי ער, מענדל, מיינט. אלע מאָל האבן זיי אויסגעלאָזט אינדערהויך, מיט קוראַזש, ווי אַף די כאסענעס און טייקעף אָנגעהויבן פונדאָסניי.

אידישע הייזלעך האָבן זיך איבערגעדעקט מיט ווייסע קאָלדערעס פון שניי, זיי זאָלן ניט הערן די פינצטערע סימכע, וואָס האט געפּלאקערט

אין קעהילע, אפן גרויסן מאָלצייט. נאר איינגעדעקטערהייט אינם ערשטן כאנוקע־שניי, האבן זיי זיך דאָך צו עפּעס צוגעהערט און אף עפּעס געוואָרט.

אפן מאָלצייט, צווישן די סאָלדאַטן האט אַרומגעפּיבערט מענדל, ווי א שעד מיט בליצן אין די אויגן, גרייטע אָנצינדן יעדן פארלאנג, יעדער שיקערע טאַיווע פון די גרויסע געסט. ער האט געסאַרווערט. ער איז ארומגעלאפן פון סאָלדאַט צו סאָלדאַט, פאנאנדערגעפרעגט, וואס ווער וועמען פעלט און גלייך, אַפן אָרט נאסטאַרטשעט אלץ, נאָך איידער ס'איז ארויסגעקומען פון סאָלדאַטס שיקערן מויל. און סאָלדאטן האבן געזויפט און געטרונקען, און קוקנדיק אפן פּיבערישן מענדל, האבן זיי געשריגן איבערן גאנצן זאַל:

— דיאַוואָל!

נאָר דער אטאמאן האט געטרונקען מיט סיידער און אָפּגערוקט דאס עסנוואַרג. ער האט אלע ווייל הינטן־אַרומער געכאפּט א קוק אַף מענדלען, צי ער איז דא.

פלוצים האט ער זיך געגעבן א שטעל אוף און א רעווע געטאָן:

— יודאַ סאטאַנאַ!

דער מאָלצייט האט זיך אַף אן אויגנבליק אָפּגעשטעלט און אלע האבן זיך אָנגעשטעלט אַף מענדלען. סאָלדאטן האבן פארשטאנען, אַז עפּעס וועט דער אטאַמאַן באַלד טאָן מיט אָט דעם אידן. יעדערער פון זיי האט זיך אפילע גלייך אויסגעפּארטיקט מיט גרייטקייט צום באַפעל פון אַטאַמאַן. אלע האָבן געוואַרט אין שיקערער אונטערטעניקייט ביז דער אַטאַמאַן האט ווידעראמאָל א געשריי געטאָן:

— יודאַ סאַטאַנאַ! וואס שטייסטו?

אונטער א פארטאַיעטער שטילקייט האט זיך מענדל געשטעלט פאַרן אַטאַמאַן, מיט א טעלער פּיש, וואס ער האט געטראָגן צו א סאָלדאט:

— וואָס זאָל איך טאָן? פּאָטער אַטאַמאַן!

— וואַרף אַראָפּ די פּאַסקודנע פּיש דיינע! גענוג פּיש!

פון מענדלס אופגעציטערטע הענט האט זיך ארויסגעגליטשט דער טעלער מיט פּיש און האט זיך גלייך אַף שטיקלעך צעשפּריצט איבערן פּאָל. מענדל איז געבליבן שטיין מיט צוויי ליידיקע און שולדיקע הענט קעגן אַטאַמאַן:

— וואָס שטייסטו ?

— וואָס זאָל איך טאָן, פאָטער אַטאַמאַן, — האָט מענדל ווידעראַמאָל אופגעציטערט.

— מיידלעך! ברענגען מיידלעך! מע דאַרף טאַנצן! דו הערסט? סאַטאַנאַ! א ניט הויב איך אוף די שטאָט אפן באַגנעט! גיך! נעם צו די פאַסקודנע פיש. מיידלעך!

עפּעס האָט אָנגעהויבן טרייסלען מענדלס קאָפּ.

— טרייסל זיך ניט, יודא! גיי און ברענג! גיך!

מענדל איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען אָן באַוועגונגען. ער האָט דער־פילט, אז ער זינקט מיטן גאנצן שטעטל אין א רויטן אָפּגרונט. אָט פאַרגייט אים דער אָפּגרונט צום האלז, צו די אויגן, אָט וועט ער באַלד אָנהויבן שרייען, האָט פאַלט ער אום. די שטוב, וואס איז געווען איבער־געפילט מיט באזעצנס און באַדעקנס, מיט שערן און מיט קאַדרילס, מיט ווילדע אויגן, ווי אנגעגאָסענע גלעזער ווײַן און מיט בלאָטע און מיט שיקערן נעפל, האָט זיך גענומען וואַקלען אונטער זײַנע אונטערגעהאקטע פיס. סאָלדאַטן האבן אָנגעהויבן ברעכן גלעזער און טעלער מיט דראָענ־דיקע געלעכטער און געשרייען:

— מיידלעך!

מענדלען האָט זיך אופגעהויבן דאס דעקל פונם שארבן, אָט וועט עס אים באַלד אַראָפּפאַלן, ווי דער טעלער מיט פיש און זיך צעשפריצן איבערן פאָל אַף שטיקלעך. פונם שטוב האָט זיך אים אופגעהויבן דער דאַך און איבערן דער־שראָקענעם שנייאיק־איינגעדעקטן שטעטלע האָט א שוידער געטאָן א שיקער־וואַרגנדיקער וואָי:

— מיידלעך!

בא קאַנאַריק שוסטער אין קעלער האָט געצאַנקט א שטיקל קנויט אין אַ בלעכן שאַכטעלע פון שוואוואַקס. אין ווינקל איז געשטאַנען די בעט מיט אָנגעוואָרפן בעטגעוואנט און א רוויכיקע טונקלקייט האָט צוגעדעקט קאַנאריקס ווײַב מיט איר איינציקער טאָכטער בליומע. זיי זײַנען בײדע געשטאַנען בא דער וואַנט. זיי האָבן זי געשטופּט, די וואַנט, און איינ־נעם מיט איר האָבן זיי געוואָלט אָפּשווימען; אַוועקשווימען פון דער פרײַלעכער פינצטערניש, וואס האָט געוואַשן דעם דרויסן.

אין דעמדאָזיקן פאַרוויכערטן און דערשראָקענעם קעלער האָט מען שוין אויך געוואוסט, אַז אין קעהילע קומט פאָר א מאָלצייט לעקאָווּעד די נייע געסט. מ׳האָט אויך געוואוסט, אז אפן בריק האָרבען זיך פרישע בערגעלעך שניי מיט ליידיקע היטלען באַ דער זייט און אויך האָט קאַנאַריק, זיצנדיק באַ זיך אין פינצטערן קעלער, געוואוסט, אז איבערן שטעטל גליטשט זיך א ווילדער געוואַי:

— מיידלעך!

דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט צו דער נאַכט. דער ווינט האָט אַלע ווילע אופגעהויבן א פאָלע שניי און זי אַראָפּגעשמיסן צו קאַנאַריקס פענצטערל.

די אַלטע קאַנאַריקעכע האָט זיך אין דער רויכיקער נעפּלדיקייט גע־קניפּט אין די באַקן נאָך יעדן ווינטישן שמייס הינטערן פענצטער און זיך קיין אייצע ניט געקאָנט געבן מיט איר בליומען — וואו זי ערגעץ אויסבאַהאַלטן פון די מערדער.

— וואָס טוט מען? זייוול! ווי איז מיר! וואָס טוט מען?

קאַנאַריק איז געזעסן אַף זיין דריי־פוסיק בענקעלע און האָט גע־מאַכט גרעבער דעם געדיכט־רויטלעכן נעפּל מיט זיינע גראָבע ציגאַ־יערס, וואס ער האָט נערוועז געצויגן. און דאָס באַוויינענדיקע קאָל האָט זיך ניט אופגעהערט ציען פונם פינצטערן ווינקל:

— אַז כאָ׳דיר געזאָגט, ראַזבויניק, מע דאַרף זי אַוועקשיקן, האסטו געשוויגן, א דונער איז איר מאַמען!

קאַנאַריק האָט געענטפערט מיט האַלב־רויטלעכע דראַטווּעס רויך פון זיין מויל און האָט אַלע ווילע געביטן די הענט, מיט וועלכע ער האָט נאָך דער ריי נאָך אונטערגעשפּאַרט דאָס פּאָנעם.

דאָס כאַסענע־געוויין פונם פידל און פונם טוטל מיטן באַס און די קלאַנגען פון באַנדיטישע שפּאָרן מיט שיקערע געשרייען, וואָס זיינען אַלע איניינעם געגאַנגען פון דער פריילעכער קעהילע, האָבן געריסן דאָס נידעריקע פענצטערל פון קאַנאַריקס קעלער און אַז ס׳האָט אים גענומען פון דעם אַלעמען שטאַרק טומלען אין קאָפּ, האָט זיך אים גאָר אויסגע־דאַכט, אַז ס׳קומט עפּעס פאָר אַ ווילדער יאַריד איצטערט־אָ־באַנאַכט. אַ שיקערער יאַריד א באַנאַכטיקער, מיט אָנגעצונדענע שטיקער פאַקלי און מע דינגט זיך און מע שלאָגט זיך; אַז ס׳הירזשן מעשוגענע פערד,

ווי ווינטן, און כאַזיירים קוויטשען און מע שלאָגט אידן. מע ראַבירט אידן. און ס'איז אַ סאַקאָנע ארויסגיין אין גאַס.

— ער ווייסט?

ס'האבן זיך אַלץ נעענטער געריסן די קוילעס פון דער קעהילע מיט די באַנדיטן. אַלץ נידעריקער אין קעלער אַריין, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָרטן געעפנט די פענצטער און שרייען אַרויס אַפן שטאָט.

קאַנאַריק האט געכאַפּט אַ קוק אין פענצטער און אַ טראַכט געטאָן:

זיין וועלוול איז אַ באָלשעוויק. ווער ווייסט? עפשער זיינען זיי שוין געוואוירע געוואָרן, די ראָצכים. ער האט אים דען ניט געזאָגט פריער, וואָס ס'וועט זיין? ער האט אים דען ניט געזאָגט, וואָס פאַר אַ סאָף ס'וועט זיין פון די באָלשעוויקעס? ער האט צו אים דען ניט געטאַינעט:

— וועלוול! וואָס טויג עס דיר? וואס דאַרפסטו באָלשעוויקעס? אַז דו האָסט אַזעלכע געזונטע אייזערנע הענט! זעץ זיך אַוועק, — האב איך זיך באַ אים געבעטן, — זעץ זיך אַוועק, וועלוול, צום וואַרשטאַט. סע גייט צו אָסיען! וויפל כ'האב מיט אים ניט געטאַינעט: לאָז כאָטש איבערגיין דער אָסיען! ס'עט זיין אַרבעט, ס'איז אָסיען!

דער וויגט, וואָס האט זיך געטראָגן איבערן שטעטל און זיך אַלע ווילע צוגעריסן צום פענצטערל, האט אים איבערגעשלאָגן דעם געדאַנק וועגן וועלוולען, דעם באָלשעוויק, און וועגן דעם אָסיען, וואס מ'האט דורכגעלאָזט. — דאָך האט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האנט:

— נו! האט ער זיך אויסגעפוילט אַן אָסיען! נאַ! איצטער, אַז מירן אַלע באַצאָלן מיט די קעפּ, וועט אים שוין זיין בעסער? וועלוולען האט זיך פאַרגלוסט זיין א באָלשעוויק!

מיטאַמאָל האט אים באַפאַלן א שווערע שטילקייט. א לויערנדיקע. ס'האט זיך אים געדאַכט, אז מע רעדט אַפן גאַס און אַז ער הערט ווי מע טופעט.

נאָר אינדערעמעסן האָט ווידעראַמאָל א קריך געגעבן זיין ווייבס קאָל:

— זייוול! זייוול! פינצטער איז מיר! וואָס זיצטו? וואס שווייגסטו? וואָס ביסטו אַנשטימט געוואָרן? מע גייט דאָך! זייוול, דו הערסט ניט? — האט זי שוין האלב-רעוועדיק א געשריי געטאָן.

ס'האבן זיך ווירקלעך דערהערט אייניקע טריט הינטערן פענצטערל און באַלד נאָכדעם האט אַ פראָסטיקע שטים אָנגערירט דאָס פאַרהוקעטע שייבל פון קאַנאַריקס קעלער.

קאַנאַריק האט אַ ציטער געטאָן. מיטן פינגער האט ער אויסגעלאָשן דאָס בוימלדיקע שטיקל קנויט, וואָס האט געטשאַדעט אין שאַכטעלע פון שוואוואקס, נאָר זיין ווייב האט ער ניט געענטפערט.

זלאַטע האט זיך, ווי אַ וואָרעם, אַ דריי געטאָן איבערן ערדענעם פאָל פונם קעלער:

— ס'גייט מיר אונטער די פאָפּלעקציע אונטערן האַרץ, זייוול! בליומע, וואו ביסטו? דו ביסט דאָ, בליומע!

עפּעס האט די דערשראָקענע שוסטערקע ניט געזען איר טאָכטער, וואס איז די גאַנצע צייט געזעסן איינגעקלאמערט און איינגעקלעפּט אין איר.

האט זי פעסטער אַרומגענומען דאָס מיידל אין אירע דאַרע קאָרענע הענט, זיך צוגעדריקט צו איר און סאַפּעדיק געקרעכצט:

— ווײ איז מיר! וואו ביסטו? בליומע! ביסט דאָ? פינצטער איז דיין מאַמען!

— אָט בין איך דאָך, מאַמע! וואס שרייסטו? זעסט מיך ניט? וואָסי? מאַמע!

קאַנאַריקס ווייב האט זיך מיט מוירע געגראָבן אין איר טאָכטער, זי צוגעדעקט מיט דער שאַל, וואס זי האט שוין ניט אַראָפּגעוואָרפן פונם לייב זייט עטלעכע וואָכן, — זיך געגראָבן אין איר און שטום געוואָיעט.

ס'האט זיך דערהערט נאָך א מאָל אַ גרינגער קלאַפּ אין שויב.

— זייוול, עפן מיר! ס'איז איך, מענדל. שרעק זיך ניט, עפן! איך דאַרף דיר עפּעס איבערגעבן.

די שוסטערקע האט זיך שוין געקנוילט מיט בליומען אף דר'ערד; איינגעשרופּט אין איר לייב מיט די הענט, ווי מיט שטאָלענע שרויפן, האט די שוסטערקע געשטופּט פון זיך די פייכטע וואנט, ווען מענדל איז שוין געשטאַנען אינעווייניק אין קעלער און עפּעס איינגערוימט קאַנאַריקן אפן אויער.

אָבער נאָך איידער מענדל האט געענדיקט, האט קאַנאַריק א ריס געגעבן זיין קאָפּ פון מענדלס מויל און א געשריי געטאָן:

— וואס? איך? מיין בלומעלע? ניט דערלעבן וועט איר עס אלע! איך האב אייך אלע אינדר'ערד! גייט ארויס פון דאנענט! לאזן מיך הארגענען! לאז מען אונז אלע הארגענען!

— זייוול! — האט שוין פעסטער און ענערגישער אנגעהויבן מענדל, אנצינדנדיק אליין דאס קאניצל, — זייוול! הער! דערמאן זיך, וואס די רעדסט! ס'איז איינגעשטעלט די שטאט! פארגעס ניט אין גאט, זייוול! הער, זייוול!..

מענדלס קאל האט זיך געבראכן ווי גלאז און אים געשניטן אין גארגל.

האט ער זיך א קלאפ געטאן אין הארצן. ער האט געוואלט, ס'זאל אים אסאך ווי טאן. נאך מער. מער. ער האט געוואלט, אז אט דידאזיקע רייד זיינע זאלן אים אויסרייסן דעם צונג, אט דא בא קאנאריקן אין קעלער.

מע דארף אויסלייזן די שטאט. אזוי וויל דער, וואס זיצט אויבן! זייוול, זיי וועלן אויסקוילען קינד און קייט. זיי זיינען שיקער. זיי זיינען שוין, ווי די וועלף. זיי ווילן נאר טאנצן! נאר טאנצן, זאגן זיי. און טאמער וועלן זיי, כאלילע, שלעכטס טאן אונזערע קינדער, וועלן מיר זיך לייגן אונטערן מעסער...

די סטעליע פון קאנאריק שוסטערס קעלער האט זיך געזעצט אלץ נידעריקער און נידעריקער. אט רירט זי שוין אן קאנאריקס קאפ. אט בויגט זי זיך אים שוין איינגאנצן ביז דר'ערד; נאר זלאטעס געוואי האט געשטויסן די סטעליע צוריק אינדערהויך. צום דאך. און זיך געריסן העכער, צום ווינט, צום שניי, צום צארן.

קאנאריק האט מוירע געהאט פאר זיין אייגן קאל. ער האט זיך איצט געשראקן פאר זיינע אייגענע הענט. אט וועט ער נעמען דאס ווארשטאטל מיט די העמערלעך מיט די אפצווענגעס, מיט דער אייזערנער קאפיטע און זיך אליין צעפלעטן דעם אומגליקלעכן קאפ זיינעם און פאטער. לאז זיין, ווי ס'וויל זיך. ער האט ניט קיין קויעך צו זאגן א ווארט. ס'ווארגט אים זיין אייגענער צונג אין גארגל. ער האט געכאפט די שטיקלעך גלאז, וואס זיינען געלעגן בא אים אפן ווארשטאטל און זיי אפגיך אנגעהויבן ברעכן מיט די הענט:

— מענדל, וואס זיינט איר געקומען צו מיר? פארוואס זיינט איר געקומען צו מיר? וואס האט איר צו מיר? וואס האט איר צו מיר? נו,

מענדל, און אַז מע וועט מיר שענדן מײַן קינד, מענדל! אַז די רׇצחים וועלן קוילען מײַן בלומען, מענדל!

דער שניי, וואָס איז דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט געפֿאַלן אויף מענדלען, האָט אים אויסגעצויגן און אויסגעשפּיציקט די באָרד. אויסגעשמיידיקט דאָס פּאָנעם. קאַנאַריק האָט זיך געשראָקן קוקן אויף אים. איז ער געשטאַנען, מענדל, און טרערן האָבן געריסן זײַנע אויגן, ווי בליי, צו דער ערד. אָט וועלן זיי זיך אים אויסרײַסן, די אויגן. ס'האָט געברענט זײַן גאַנץ לײַב פֿאַר בושה און ווייטיק. נאָר ער האָט ניטלאַנג טראַכטנדיק אַ לייג געטאָן זײַן האַנט קאַנאַריקן אויפֿן אַקסל און מיט אַ צעבראָכענעם ציטער אין שטים אויסגעשריגן:

— זייוול! רעד ניט אַזוי! ס'וועט כאָלילע ניט געשעען קיין בייז. און טאָמער וועט מען זיך כאָלילע צורירן צו דײַן בלומען, איז... איז בלומע מײַן שנור! נאַ דיר מײַן האַנט, זייוול! איך טו מיט דיר אַ שידעך, זייוול! איך גיב דיר אָפּ מײַן עזרען און לאָמיר ראַטעווען אַ שטאָט אידן.

אין שטוב איז געווען שטיל און קאַנאַריק האָט געגליווערט אונטער יעדן מענדלס וואָרט. ער האָט אים ניט געזען, מענדלען. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע נאַכט האָט זיך אַרײַנגעריסן צו אים אין קעלער און רעדט צו אים עפּעס און רעדט אים איבער. נאָר מענדל האָט אים אָפּגעמינטערט. ער האָט גערעדט גיך:

— הער, זייוול! טאָמער וועט כאָלילע עפּעס געשעען, איז בײַ אונז הײַנטיקע נאַכט קנאַסמאָל! גאָט איז אונזער איידעס!

מענדל האָט געכאַפּט אַ שאָל, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן וואַרשטאַטל און זי אַ שלײַדער געטאָן אויף דר'ערד:

— מאַזלטאָוו, זייוול! און איצט גיב מיר דײַן בלומען!

ווינטן האָבן אַלץ געריסן דאָס פֿענצטערל. איבערן גאַס זײַנען שוין אַרומגעפֿלויגן אַ פּאָר רײַטער אויף פֿערד און קלעזמער האָבן געריסן די סטרונעס פֿון זייערע שפּיל־קיילים, ווי אָדערן פֿון האַרוגים. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געוואָרפֿן אין היץ. אָט שפּילט מען שוין ווידער אַ פֿריי־לעכס. אָט באַזעצט מען שוין דאָרט ווידער עמעצן. אָט טראָגן זיך שוין אינדערלופֿט קוילן, ווי רעגנבויגנס. ס'ציילעמט זיך אַלע מאָל דער הימל מיט אַן אַנדער שאָס און מיט אַ ווידערשאָס. זלאַטע האָט שוין אַראָפּ־

געשלעפט דאס גאַנצע בעטגעוואַנט אַף דר'ערד און עס אַרופגעפראַלט אַף איר בליומען, וואָס איז ערשט א קאַלע געוואָרן פאַר מענדל מיל־נערס זון.

זי האט ניט געוואוסט, אַז ס'שרייבן נאָך די ראָצכים אַפן שניי איר טנאָאים. זיי האבן נאך ניט אָנגעשריבן די גאַנצע טנאָאים. און זי, די קאַלע, וואַרגט זיך אין די שטאָלענע צוואַנגען פון איר מאַמעס הענט. זי ווערט דערשטיקט אין זיי. עפשער זיינען שוין די ראָצכים אין שטוב. זי וויל זיך אויסרייסן. אויסרייסן און אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט צום טייך. זיך אָפּבאָדן אין אַ פּאָלאָנקע. אונטערן אייז. אַפן דנאָ.

— מאַמע, מאַמע!

און מענדל האט געטאָרעט דעם פאַרגליווערטן שוסטער:

— זייוול! די צייט שטייט ניט! זייוול, מיר זיינען אין פייער! די שטאָט איז אונטערן מעסער! מיר ברענען!

די שוסטערקע איז געלעגן אַף דר'ערד און געריבן מיטן פּאָנעם, ווי מיט א צעקנייטשטער אויסגעוויקטער שמאַטע, די קויטיקע ערדענע פּאָל, וואס איז שוין זעקס פרייטיקס ניט געשמירט געוואָרן. און בליומע איז שוין געזעסן אָפּגעטיילט פון איר מאַמע און ביידע ציינקאַסטנס האבן אָן איר ווילן זיך געשלאָגן איינער מיטן אַנדערן.

זייוול האט אַרויסגערוקט פון אונטער זיין שוסטעריש טישעלע א שלייף־שטיין, א שפּיי געטאָן אַף דעם און כליופּעדיק גענומען פירן דאָס שאַרפע מעסער הין און צוריק איבערן שטיין. דאס פּאָנעם האט זיך באַ אים אויסגעקרימט, זיין באָרד האט זיך אַליין אויסגעבויגן, ווי דראָט, און פון די אויסגעטאַראַשטשעטע אויגן האט געטריפט אַפן שלייף־שטיין בלוט.

מענדל האט ניט פאַרשטאַנען, וואס זייוול זאַמט זיך אזוי און וואָס ער פּאָרעט זיך איצטער מיט זיין געצייג. האט ער אים ווידער א רוף געטאָן:

— זייוול! וואָס טוסטו, זייוול? גאָט איז מיט דיר!

קאַנאַריק האט אים ניט געענטפערט. ער האט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו די ווינקלען פון זיין קעלער און א רוף געטאָן מיטן בליצנ־דיק־אויסגעשלייפטן מעסער:

— בליומע!

בליומע האט זיך צוגעראַטשקעוועט צו איר פּאָטער; זי האט אינגאנצן געציטערט און איינגעהאַלטן אין האַלז א געוויין:

— טאַטע!

קאַנאַריק האט אויסגעשטרעקט דאס אָנגעשאַרפטע מעסער צו זיין טאָכטער און איר געזאגט:

— נאַ!

קאַנאַריק האט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און דאס מעסער איז געבליבן אויסגעשטרעקט צו בליומען. און מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ האט קאַנאַריק שוסטער אויסגעכליפּעט:

— נאַ, טאָכטער! דאס איז דיין נאַדן! גיי! זאָלסט טאַנצן! טאַנצן! ס'איז דיין כופּע!

בליומע האט א וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אין די פינצטערע ווינקלען פונם קעלער, וואו אונטערן אָנגעוואָרפענעם בעטגעוואַנט האט איר מאַמע געגריזשעט די קויטיקע ליים פונם פּאָל, און באַלד האט זי זיך אויסגע־דרייט צוריק צו זייוולען, מיט בלאָנדזענדיקן שרעק און מיט אויגן אָנ־געשעפּטע, ווי עמער פול מיט נעפּל:

— טאַטע!

— גיי! גיי, טאָכטער, מיט מענדלען!

בליומע האט מיט ציטעריקע פינגער אריינגעלייגט דאס מעסער אין בוזעם אריין.

ווען די טיר האט אַ קרעכץ געטאָן אונטער בליומעס אריבערטרעטן די שוועל פונם קעלער, האט קאַנאַריק שוסטער אָנגענומען מיט צוויי פינגער דאס שטיקעלע בוימלדיקע קנויט, וואס האט געוויינט אינם שאַכ־טעלע פון שוואַקס, א וואָרג געטאן און עס אראָפּגעוואָרפן אף דר'ערד.

און די קאַנאַריקעכע האט געקלעטערט מיט די' הענט אַף דער וואַנט, עפּעס געזוכט, געגלעט די פּאָל, אַלע ווילע אָנגעכאַפּט די לופט און מיט אן אויסגעשמירט מויל אין קויטיקער ערד און ליים האט זי געוואָיעט איבער דעם פינצטער־געוואָרענעם קעלער:

— זייוול, וואס שוויגסטו, זייוול! בליומע, קינד מיינס, וואו ביסטו? בליומע!

מענדל איז אריינגעלאָפן צו זיך אין שטוב. ער איז נאך געווען אָנ־געטאָן אין דיזעלביקע מאַלבושים, אין וועלכע ער איז פאַרנאַכט ארויס־

געלאָפן הינטערן שטאָט צום אַטאַמאַן. וואַרטנדיק אַף עפּעס אַזוינס, וואָס מוז געשעען, האָט ער זיך ניט אויסגעטאָן. ער זאָל זיין צו יעדער רגע גרייט. די לאָדן פון זיין שטוב האָט ער באַפוילן האַלטן אָפן די גאַנצע נאַכט, קעדיי זיין שטוב זאָל זיין באַצייכנט מיט אויף־זיין. מע זאָל זי ניט דאַרפן זוכן. די פענצטער, וואָס זיינען פאַרהויכט געווען מיט קאַלטן שנייאיקן אָטעם פונם ווינט, האָט ער אַליין אויסגעווישט. ער איז אריינ־געלאָפן אין שטוב נאַכדעם, ווען ער האָט מיט זיין מויל אויסגעמאָנט פון אידישע הייזער בסולעס און זיי איבערגעגעבן צו די טמייאים. אָפן מאָלצייט פונם סאָטן. ער האָט דאָרטן ניט געקענט בלייבן.

אין קיך באַ אים האָט מען געהאַקט אייז אַף קליינע שטיקלעך און זיי געלייגט פראַדלען צום האַרצן.

מענדל האָט זיך ארומגעדרייט איבערן צימער און זיך געאיילט. ער האָט א געשריי געטאָן אין קיך אריין:

— ווער איז דאָרטן דא אין קיך?

— וואָס איז, רעב מענדל? — האָט זיך אָנגערופן איינע פון די, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט באַם אייז.

— גיי עפן אוף אַלע לאָדן פונם שטוב!

— רעב מענדל, זיי לויפן שוין ארום איבערן שטאָט!

— גיי!

ווען דאָס ווייבל איז צוריק אריינגעגאַנגען, האָט זי מענדל אָפּגעשטעלט:

— די טיר האָסטו פאַרקייטלט?

— יאָ, רעב מענדל!

— גיי זשע, קייטל זי אוף צוריק! זאָל זי זיין אָפן א גאַנצע נאַכט!

די באַלויכטענע פענצטער פון מענדלס שטוב האָבן געשניטן מיט רויטע מעסערס די ברייט פון דער גאַס. ער האָט זיך ארומגעדרייט איינער אליין איבערן צימער און געוואַרט, מע זאָל אים אָנקלאַפּן אין פענצטער, ס׳זאָל זיך עפענען די טיר, ער זאָל אַליין באַגעגענען. ער זאָל זיך ניט דינגען מיטן מאַלעכאַמאָוועס, וואָס האָט באַדאַרפט צורייטן צום שטוב אַף א פערד. ער אליין זאָל אים באַגעגענען און גלייך פאַרשטיין נאָך וואָס ער איז געקומען און אים מאַכן גרינגער זיין שעליכעס.

נאָר ער האָט זיך אַף אים ניט געקאָנט דערוואַרטן, איז ער אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן. ער איז צוריק אוועק אין קעהילע.

נאָר איידער ער איז ארויס פון שטוב, האט ער זיך א גראָב געטאָן אין שאַפע צווישן פארשיידענע שיימעס און ארויסבאַקומען פון דאָרטן עפּעס א קליין קנוילעכל איינגעוויקלט אין ווייסן, און איז אַוועק.

די פינצטער־דערשראָקענע געסלעך זיינען אלע ווײלע דורכגעאַקערט געוואָרן פון באַנדיטישע רייטערס און די לופט האט געסאַפּעט מיט צע־פּאָלאָכעט־פערדישן אָטעם.

אין קעהילע איז געווען הייס. די ווענט האבן געשפּרונגען און זיך געוויקלט, ווי קינעמאַטאָגראַפישע עקראַנען. פענצטער האבן ציטעריק גע־גרילצט אין דער נאַכט אַריין פון קלינגענדיקע פּאַדקאָוועס, וואס האבן געזעצט איבערן פּאָל. איין סאָלדאַט האט פון גרויס כעדווע זיך צוגע־כאַפּט צום פויק און ארייגעלאָזט אין אים דעם שפּיץ פון זיין באַגנעט. און אינמיטן זאָל האבן זיך געדרייט אין בושע־טענץ פּאַרפּאַליעטע אי־דישע מיידלעך, שוין מער ניט קיין דערשראָקענע, נאָר גרויסע, אופגע־פלויגלטע איבער די קעפּ פון סאָלדאטן, איבער דעם באַלקן פון דער קעהילע. זיי האבן זיך געדרייט, ווי די וואָיענדיקעווינטן, וואס האבן געבושעוועט איבערן שטעטל. און אַלע ווײלע האט אן אַנדער סאָלדאַט ארויסגעביטן באם צווייטן זיין מיידל, מיט וועלכער ער האט זיך שוין צופיל געדרייט. ס׳האבן אָנגעהויבן פאַלן פלעשער פון טיש. סאָלדאַטן האבן זיך אלע ווײלע אויסגעגליטשט און, קרישענדיק צעבראָכן גלאָז, זיינען זיי שיקערע געפאַלן, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אַפן פּאָל זייערע טאַנצדיקע מיידלעך און זיך צוריק אופגעהויבן. און ווען אַלע האבן זיך צונויפגעפּלאָנטערט אין איין פּלאָנטער און זיך אויסגעמישט מיט די בראָנפנדיקע אָטעמס, וואס האבן געזעצט פון די הייסע צעעפנטע מיילער, האט דער אַטאַמאַן א קאָמאַנדעווע געטאָן צום קלעזמער מיט געלעכטער:

— מאָשקע! שפּיל דעם אינטערנאַציאָנאַל! דו ביסט דאָך אַ באָלשעוויק!

מענדל איז אונטערגעלאָפן צו די קלעזמער און זיי א וואָרף געטאָן:

— שפּיל אים א פריילעכס!

קלעזמער האבן געריסן זייערע אינסטרומענטן און זיך געשראָקן פאַר דעם אַטאַמאַנס געלעכטער.

— זיי ווייסן ניט, ווי אזוי, — האט מענדל אויסראַפּאָרטירט דעם אַטאַמאַן.

סאָלדאַטן האבן זיך צווישן זיך צעשלאָגן, און דער אַטאַמאַן האט די גאַנצע צייט זיך געדרייט מיט בלומען. זיין טשופּרינע האט אים גע־

גלעקלט אין די אויגן און אים אופגערעגט. ער האָט אַלע ווײַלע אַ וואָרף געטאָן אָף צוריק דעם קאָפּ און אַרויסגעלאָזט צוזאַמען מיט זײַן בראַנ־דיקן אָטעם דעם אָנהויב פונם אינטערנאַציאָנאַל — אָן ווערטער:

— טראַ־לאַ, טראַ־לאַ־טראַ, לאַ־לאַ, — און זיך אויסגעדרייט צו די קלעזמער.

— אָט אַזוי, מאָשעק, שפּיל!

און אַז קלעזמער האָבן ניט געקענט נאָכשפּילן אַזוי, ווי דער אַטאַמאַן האָט זיי געוויזן, האָט ער צוגעדריקט בליומען צו זײַן שינעל און איר אַרײַנגעסאָפּעט אין פּאָנעם:

— האַ? כאַיקאַ? דו אויך אַ באָלשעוויק? יאָ? און שלאָפן וועסטו מיט מיר גיין, האַ?

ער האָט אויסגעצויגן צו בליומען אַ רויטע פאַרשוויצטע האַנט מיט גאָלדענע רינגען אַף יעדער פינגער און איר אַ זאָג געטאָן:

— נאַ, כאַיקאַ, קלויב דיר אויס. וועלכע ווילסטו?

בליומען האָט געשווינדלט אין קאָפּ. ס'איז איר געווען הייס אין די אויגן. אין דעם גאַנצן געדריי האָט זי מער ניט געזען, ווי דאָס קויטיקע אָנגעוואָרפענע בעטגעוואַנט אַפן פּאָל בײַ איר טאַטן, קאַנאַריק, אין פינצטערן קעלער; ווי איר מאַמע רייבט מיטן פּאָנעם די ערדענע פּאָל און שרייט:

— וואו ביסטו, בליומע?..

זי האָט דערזעען טאַנצן מענדל מילנער מיט שניי אין מויל און מיט־אַמאָל האָט זי דערזעען איר טאַטן איבער־געבויגן איבערן שלייף־שטיין, ווי ס'רינט אים בלוט פון זײַנע אויסגעטראַשטשעטע אויגן און ער שלײַפט אַזוי רואיק הין און צוריק, און ווי ער שטרעקט איר אויס דעם אָנגעשליפטן מעסער מיט אַ דערוואָרגענעם רוף:

— בליומע, נאַ!

און דער אַטאַמאַן האַלט נאָך אַלץ אויסגעשטרעקט די האַנט אַנטקעגן בליומעס אויגן און אַוועקלייגנדיק אַף איר מויל אַ בראָנפנדיקן קוש, פרעגט ער זי איבער נאָכאַמאָל:

— נו, כאַיקאַ, וועלכע ווילסטו? וועסט גיין מיט מיר?

נאָר איר טאַטע, קאַנאַריק, בליצט צו איר, ווי אַ טייוול, מיטן מעסער:

— נאַ, טאָכטער, גיי!

דאָס שטעטל האט זיך געוויגט, ווי א קליין דושעגובקעלע אין א וואַסער־שטראָם. קינד און קייט זיינען געלעגן אויסגעלייגט, באַגראָבן אין היי, אַף בוידעמס און אין קעלערס, און דערשראָקענע מאַמעס האבן געשטופּט אין די שרייענדיקע מיילעכלעך פון קליינע קינדער קאַלטע ברוסטן אַף צו דערשטיקן זייער געשריי. די גערינגען־געוואָרענע נאַכט איז געלעגן אַפן שטעטל, ווי א שוואַרצע קימפּעטאָרן און האט געשריגן אין דער פינצטערניש מיט ווינטן, מיט דורכגעשאָסענע צעריסענע ווינטן, און דורך די אַלע ווילדע געשרייען האט זיך דורכגעשניטן קאַנאַריקס מאָנענדיקע שטים מיטן אויסגעשליפטן מעסער:

— נאַ, טאָכטער, גיי!

דריקט דער אַטאַמאַן בלומען פעסטער צו זיין שינעל. און עפּעס גיט בלומען אַלע ווילע א שטאָך אין ברוסט. איר הייסער בוזעם וואַרפט אַליין אַרויס דעם אויסגעשליפטן וואַרעמען מעסער. בלומען ווערן בליצנדיק די אויגן. רויט, ווי באַ איר טאַטן קאַנאַריק. זי נעמט אים אַרום, דעם ברייטהאַרציקן אַטאַמאַן, מיט די גאָלדענע רינגען אַף די הענט און לאָזט זיך מיט אים טאַנצן.

עס דרייט זיך איר נאָך איר טאַטנס געשריי פונם קעלער אַרויס:

— טאַנצן, טאָכטער, טאַנצן!

ס'טרישטשען אונטער די פיס צעבראָכענע גלעזער. ס'קלינגען די שפּאָרן, ווי גלעקלעך אין א ווייסן גליטשיקן שליטוועגס. מענדל עפנט אַלע ווילע אוף אַ נייע פלאַש און כאַפּט א קוק אין פענצטער, עפּשער איז שוין דאָ כאָטש א סימען אַף טאג.

און בלומען טראגט דער אַטאַמאַן אין א טייוולשן טאַנץ.

נישטאָ מער קיין וועלדער און פעלדער, וואו ס'באַהאַלטן זיך אויס אין די געכט אַטאַמאַנעס; ניטאָ מער קיין סיגנאַלן פון מוזן פאַרלאָזן די ערטער; ניטאָ מער קיין דערשראָקענע אידישע שטעטלעך מיט מאָלצייטן, מיט טליעדיקע דעמבעס באַ די איינזאַמע צווינטערס; ניטאָ קיין זעק, און ניטא קיין רויב; און ער, דער סאַטאַנאַ, וואו איז ער? און ניטאָ קיין מעסערס, וואס בויגן אויס די אָפּפּערדיקע קעפּ פון אַטאַמאַנעס; ניטאָ מער קיין פראָנטן און ארומרינגלונגען. ער איז אַרומגערינגלט מיט הייסע בלוט־זודיקע הענט פון אידישע מיידלעך, וואס דער טייוול האט אים געבראַכט. ער שוועבט, ער שוועבט. און א וואַרעם מעסער, אַן

אויסגעשלייפטס אין קאַנאַריקס טרערן, שוועבט אים אַזוי לייכט אַריין אין רויטן האַלדז אריין, ווי א גלעזעלע הייסער ברענענדיקער ספּירט...

ער טאַנצט נאך א ווײַלע און פּלוצים גיט ער זיך א ריס, ווי פון אַ שיקערן כאַלעם:

— יודא, סאַטאַנאַ!

ער האט נאך א כאָרכל געטאָן:

— בראַטצי!..

און זיך א בויג געטאָן מיט אָפּגעלאָזטע הענט אַפן פּאָל.

און מענדל איז געשטאַנען די קלעזמער איבער די קעפּ און קלעזמער האבן געריסן אָדערן פון די קיילים און דאס שטעטל האבן געוועקט פונם הייסן מאַלצייט שנײַדיקע בליצן און דונערן. דונערן פון נײַע פאַר־טאָגיקע ארמייען.

און פון די אופגעפּראַלטע פענצטער וואַרפן זיך מיידלעך. זיי לויפן צום טײַך אין פּאַלאַנקעס, און סאָלדאַטן טאַנצן נאך אלץ אין בלוט און אין ווײַן, און רײַטער־אירע צײַלעמען זיך איבער די געסלעך. און מענדל,—

— וואו איז מענדל?

דער באַגינען האָט זיך אופגעהויבן פון דער שול. קופּערנע הענג־לייכטער האָבן זיך געבויגן און צעקאָרטשעט און זיך געריסן צום הימל דורך אויסגעבראָכענע פענצטער. דער דאַך האָט געברענט רואיק. ער האָט זיך נאָר פון רעגע צו רעגע אופגעהויבן, ווי אַן אויבערשטע ליפּ און די אנגעצונדענע קרומע קראָקוועס האָבן געקייעט דאָס פייער, ווי פליישׁ.

פון איין זייט הימל האָט אַראָפּגעשפּריצט אַפן שטעטל נאָך אַ באַגינען. ערגעץ אינדערהויך האָבן זיך באַגעגנט פייערן און פאַרשוואונדן געוואָרן.

נאָר מיט באַלויכטענע פענעמער אַף באַלויכטענע פערד האָבן אַף ראַ־זאָווע שליאַכן אין גרויסער אײַלעניש געריטן סאָלדאַטן פון געסל אַף געסל, פון הייזל צו הייזל. און פון איין געסל האָבן צוויי רײַטער־אירע געריטן אף הויכע גלאַנציקע פערד און געטריבן פאָרויס מענדלען.

— ריר זיך, פּאַלעסטינע טײַוולשע!

מענדל איז געגאַנגען גיך, ווי ער פלעג אַ מאָל גיך גיין צו אַ מיניען. ער האָט שוין געוואוסט דעם וועג, וואוהין ער האָט געהאַט צו גיין. און אָט דעם וועג האָט ער געוויזן די פערד.

ער האָט געוואוסט, אַז נעבן אַלטן צווינטער שטייט אַ דעמב מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן, אַז דאָרטן וואַרטן אַסאַך סאַלדאַטן. ער האָט געוואוסט, אַז זיי איילן זיך, די סאָלדאַטן. אַז זיי קאָנען נאָך פאַרשפּעטיקן. האָט ער זיך צוגעאיילט.

זיינע אויגן האָבן איצט שוין דעם אַטאַמאַנס פּאָנעם מער ניט געשניטן און ניט געשראָקן. זיינע אויגן האָבן איצט געלעכערט אַ שטיק ווייסט־קייט, וואָס האָט זיך טעמפּ געהוידעט איבערן שטעטל. זיי זיינען געלאָפן, זיינע אויגן, פּאָרויס, איבערן שטעטל און איבער די הויכן, פונוואַנען ס'איז די גאַנצע נאַכט געגאַנגען אַ שניי. דערפאַר האָט ער ניט באַמערקט, אַז אונטער זיינע פיס האָט זיך געשוועלט אַ בערגל. אַן אָפּגעשנייטס. איז ער אומגעפאַלן אַף דעם. אונטערן דאָזיקן בערגעלע שניי איז גע־שלאָפן דער אַטאַמאַן.

מענדל האָט אָנגענומען אַ זשמעניע שניי, אַ רייב געטאָן די הענט, און געטריבן פון די צוויי רייטער־אידיע, איז ער געגאַנגען ווייטער.

יעדער שטיבל פון שטעטל האָט אויסגעזען, ווי אַ נאָרוואָס פאַרשאָ־טענער קיווער, אָפּגעשאָטן מיט שניי. און די טונקל גרויע שמיקער גלאָז פון שויבן האָבן זיך געקריצט מיט אופשריפטן אַף דער שנייאיקער ווייסקייט.

אַז מענדל האָט דערזען פונדערווייטן דעם צווינטער, האָט זיך אים גאָר געדאַכט, אַז דער אידישער בייסוילעם מיטן גויעשן צווינטער האָבן זיך צונויפגעמישט איניינעם אונטערן אויסגעפאַלענעם שניי. דאָך האָט אים אין קאָפּ אַ רויש געטאָן די גאַנצע פאַרגאַנגענע נאַכט. מיט די גע־שרייען, מיט די טענץ, מיט דעם שידעך, וואָס ער האָט געטאָן באַ קאַ־נאַריקן אין קיווער. ס'האָט אים אַ קלינג געטאָן אין די אויערן די שאָל, וואָס ער האָט צעבראָכן באַ קאַנאַריקן אַפן פּאָל.

שאַרפע ציילעמלעך פון צווינטער האָבן אַף אים געקוקט, ווי סאָראָ־קעס. אַסאַך זיינען זיי דאָ ארויסגעגאַנגען, אָט די ציילעמס, אים אנט־קעגן. אָט וועט ער נאָך אַ לויף טאָן און די שוואַרצע שפּיציקע פויגלען וועלן זיך צעפליען. נאָר זיי האָבן זיך ניט גערירט פונם אָרט.

מענדל האָט פאַרשנעלערט זיין אָטעם און זיין גאַנג און גענומען אונטערטופּען מיט די פיס. אָבער געציילעמטע סאָראָקעס האָבן זיך נאָר רואיק און אומבאַוועגלעך דערנענטערט צו אים.

מענדל האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ אין אַ צווייטער זייט. איז אים פונדערווייטן געגאַנגען אַנטקעגן דערזעלבער דעמב מיט די אַרומגעבראָכענע צווייגן, וואָס האָבן זיך שוין פון נעכטן אָפּדערנאַכט אָן געצויגן צו אים מיט דאַרע שוואַרצע הענט.

— נאָר פאַרוואָס זעט איצטער דער דעמב אויס, ווי אַ גרויסער אָפּגעשנייטער ציילעם?

און די צווייגן — גרויסע פאַרפרווירענע סאָראָקעס. און אַלע ציען זיי זיך צו אים. און סאָלדאַטן לויפן אַרום איבערן שניי מיט צעשטרעקטע הענט, אויכעט, ווי ציילעמס.

אָט וועלן זיי זיך אַלע אַ וואָרף טאָן אַף אים. נאָר ער ליגט שוין אַף דר׳ערד.

אַוועקגעוואַלגערט, ווי אַ שוואַרצער זאַק מיט שמאַטעס. און סאָלדאַטן ביינדן אים די פיס.

— שריי, פאַרשאָלטענער טייוול! — האָבן אים געשטורכעט סאָלדאַטישע שטיוול, — שריי! פאַרוואָס שרייסטו ניט? האַ?

נאָר מענדל איז געלעגן אַפן שניי שטיל. זיין באָרד האָט זיך אַזוי איינגעוועבט אין די ווייסע צעטראָטענע שנייען פונם פעלד, און די גאַנצע שנייאיקייט ביז צום סאָף האָריזאָנט האָט זיך איצט שוין געצויגן און געוואַקסן פון מענדעלס פּאָנעם, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ צייכן פון אַ שטיוולשן טראָט.

— פאַרוואָס שרייסטו ניט, סאַטאַנאַ!

מענדל האָט ניט געהאַט, וואָס צו שרייען! ווידע האָט ער שוין אָפּגעזאָגט נעכטן אָפּדערנאַכט. און וואָס האָט ער צו שרייען אַף דער וועלט, מיט אירע גרויע פרימאָרגנס, ווי גרויע סאָלדאַטישע שינעלן?

אָט שטייט זי פאַר אים, די וועלט, ווי אַ גרויסע געשטאַלטלאָזע באַשעפעניש, איבערגעצויגן מיט אַ גרויען שינעל און ביינדט אים די פיס, ווי אַוורהם האָט געבונדן איצכאָקן צו דער אַקיידע.

— נו, וועט ער דען פרעגן — צו וואָס?

— ס׳איז ניט זיין זאַך.

ס'איז אים נאָר הייס. ער קוקט אין איר, אין דער וועלט, אין דער ווייטער וועלט. ער וויל אין איר צום לעצטן מאָל דערזען עזרען.

— אָט איז ער.

— נו, האידאַ! — האָט איינער פון די סאָלדאַטן דערלאַנגט אַ געשריי.

און ווען מענדל איז שוין געהאַנגען פאַר די געבונדענע פיס אף אַן ארומגעהאַקטער צווייג פונם דעמב, און דאָס כאַלאַטל האָט זיך אַראָפּגע־קאַטשעט איבער זיין פּאָנעם, האָבן זיך פון אונטער דעם באַוויזן דריי שטיקלעך פאַרבלוטיקטע העמד, אַריינגעשטעקטע אין זיין גאַרטל.

פון דער נאָענט האָט שוין דייטלעך זיך געטראָגן אַ נייע קאַנאָנאַדע.

XXVI

דורך העפקערע וועגן, וואס ציִען זיך פון שטעטל צו שטעטל, זייַנען אָנגעקומען כאַיאָלעס מיט געזאַנג.

אַרמייער אָפּגעריסענע מיט קוילנווארפערס אַף די אַקסל און מיט רויטע פאָנען אין די הענט, זייַנען זיי געגאַנגען איבער די וועגן, וואס ציִען זיך פון שטעטל צו שטעטל און די שטעטלעך אַליין זייַנען זיי פאַרבייַגעגאנגען. פון דער זייַט. זיי זייַנען געגאַנגען ווייַטער. זיי האָבן בלויז אָפּגעראָמט די וועגן מיט זייער דורכגאנג און אַליין געגאַנגען ווייַטער, צום האָריזאָנט.

אַף ווערסטן און אַף מייַלן ווייַט האט געשמעקט פון זייער גאנג מיט סימכע, מיט באַשיצונג און מיט ברידער.

באַם אַלטן רעב סענדער אין שטוב האט מען נאָך ניט געוואוסט, ווער סע גייט און ווער ס'איז אָנגעקומען. זייַן ווייַב האט געהאַלטן אויסגעשטרעקט א האַנט און עפּעס געוואָראָזשעט.

מיט א נאַכט פריער האָבן בא איר די ראָצכים אַראָפּגעדרייט דאָס גילדערנע קעדושן־פינגערל און איר אויסגעוויכנעט דעם פינגער. איז זי געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— וואָסי? מוטערל! — האט דורכגייענדיק בא איר געפרעגט אן ארמייער פון די אָנגעקומענע.

— דאָס פינגערל, — האט, אָפּשטויסנדיק דאָס ווייַב אין אַ זייַט, געענטפערט דער אַלטער סענדער אַליין, — דאס אייַנציקע פינגערל האָבן זיי בא אונז אַראָפּגעריסן! און א פינגער נאָך אויסגעדרייט אויך דערצו!

— וויין ניט, מוטערל, וויין ניט, — האט זיך צו איר שמייכלדיק אָנגערופן דער אַרמייער, — נאַ דיר, מוטערל, אַן אנדערס!

דער אַרמייער האט אַראָפּגעצויגען פון זיין גרויסן פינגער אַ צינענעם סיגנעט און אויסגעשטרעקט צו דער אַלטער:

— נאַ, מוטערל, נאַ! און וויין ניט!

און הינטערן שטעטל האָבן זיך געצויגן כאַיאָלעס, רויטע כאַיאָלעס מיט פּאָנעס און מיט געזאַנג. אָפּגעריסענע און פריילעכע. אַלע ווי איינער.

— ווער־זשע איז דאָ עזרע?

— יעדערער איז דאָ עזרע. און עזרע איז דאָ — יעדערער.

נאָר עזרע האט געריטן אף אַ פערד. פאַרבייררייטנדיק די ווינטמיל, האט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האט שוין געוואוסט, וואס מ'האט דאָ פאַר די לעצטע טעג אָנגעטאָן אין שטעטל. ער האט אויך געוואוסט, וועגן דער סימכע, וואס מ'האט יענע נאַכט געפּראַוועט פאַר די באַנדיטן און וועגן דעם, אַז מ'האט באַנאַכט אַסאַך אופגעהאַנגען.

אנטקעגן איז אים געגאַנגען דער צווינטער מיטן ארומגעהאַקטן דעמב, וואו ס'האט געהאנגען א מענטש מיט אן אריבערגעוואָרפענעם מאַנטל איבערן קאָפּ.

ווען עזרע האט זיך דערנעענטערט צום געהאנגענעם, האט ער מיט דער שאשקע אופגעהויבן די אראָפּגעהאַנגענע פּאָלע פונם מאַנטל און דער־קענט זיין טאַטן.

עזרע האט אָפּגעשטעלט דאָס פערד.

ער האט א קוק געטאָן אין דער ווייט. ס'האט זיך אים פּאַרוואָלט אַוועקיאָגן ערגעץ ווייט, ווייט. עמעצן נאָכיאָגן. דער בראַאוניגנג האט זיך אים אליין אריינגעלייגט אין די הענט אַריין...

ער וואָלט איצטער אַרייגעלאָזט א קויל דעם פערד זיינעם, אַז ער אַליין זאָל אַראָפּפאַלן צופוסנס דעם דעמב.

א טעמפּע בלוטדאָרשטיקייט סאַרפּעט אוף אין זיינע אָדערן און שטאָלט אים אויס די הענט.

נאָר ער לאָזט אַריין דעם רעוואָלווער צוריק אין לעדערנער שייד. עס לייגט זיך אים אליין אריין די וועג־מאפּע אין די הענט און ער קוקט אין איר לאַנג, לאַנג...

ער האט א זעץ געטאָן מיט די הויכע כאָליעוועס דעם פערד אין בויך אַריין.

אַף אַ פּאַס פעלד, פון דער זייט, זיינען געשטאַנען בעהיימעס צוגעקלאַפּט צו דער ערד, ווי ציגיינערשעביידלעך און האָבן מאַלעגיירעט די פאַרבע פון אייגענע מיילער.

ער קוקט אַף דער מאַפּע און זעט אומפאַלן מענטשן. אומפאַלן אַף דר׳ערד אין קאַליוזשקעלעך בלוט. אָט אַזוי אַפן שניי, שטיל, אָן פּאַריבל, זייגע כאַוויירים. אָט אַזוי! אָט אַזוי!

און ס׳ווילט זיך יאָגן ווייט, ווייט. אהין...

נאָר ס׳פאַרהאַלט אים דער דעמב, אָט דער אַרומגעהאַקטער דעמב מיט זיין איבערגעדעקטן הענגענדיקן טאַטן, מיט די דריי שטיקלעך פאַרבלוטיקטע ליוונט, וואָס זיינען אַריינגעשטעקט אין זיין גאַרטל.

ווער האָט אים אַריינגעשטעקט אָט די פאַרבלוטיקטע שטיקלעך העמד?

באַ זיין געהאַנגענעם טאַטן הענגען זיך אַראָפּ די הענט. עזרע האָט ערשט איצט באַמערקט, ווי אַזוי ער הענגט, זיין טאַטע... מיט די זאָקן אַרוף. מיט די רויטע זאָקן...

ס׳איז אַ ווייסער שנייאיקער טאָג. פון ווייטן פינצטערט זיך דער וואַלד.

— עפּשער האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט, מ׳זאָל אים אַראָפּנעמען?

עזרע האָט אופגעהויבן דעם בראַאונינג און אויסגעשאָסן אין דער הויך.

פונם דעמב האָבן זיך אופגעהויבן אַ מאַכנע שוואַרצע סאָראָקעס, איינייגעם מיט שטיקלעך פאַרבלוטיקטע זאָק, מיט שטיקלעך פאַרקילט פליש פון מענדלס געהאַנגענע פיס. הויך האָבן זיי זיך אופגעהויבן. הויך, אין הימל.

אַפן פעלד האָבן זיך אין דערשרעק אַ טראָג געטאָן די בעהיימעס, וואָס מאַלעגיירען די פאַרבע פון אייגענע מיילער. זיי זיינען אַרוף איינס אַף ס׳אַנדערן און זיך געלאָזט צום האָריזאָנט מיט אופגעהויבענע ווייד־לען, ווי מיט אופגעשיפּעטע שלענג. זיי האָבן אַריבערגעשפּרונגען די ריוועס, וואָס אינמיטן פעלד און זיי אָנגעגאָסן מיט דערשראָקענער רעווענישׁ.

און עזרע איז אַף אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַף די הינטערשטע פיס פון זיין פערד.

אין אַ מינוט ארום האט ער שוין געריטן ווייטער. מיט דער מאַפּע אין האנט.

פון דער ווייטן איז דאס שטעטל אופגעוועקט געוואָרן מיט געזאַנג.

ס'האט זיך אופגעוועקט דער מאַרק, ס'האבן זיך אופגעוועקט אָרעמע אידישע הייזער. זיי האבן זיך אַ ריס געטאָן, ווי דערשראָקענע שעפּסן באנאכט, ווען זיי דערהערן וועלפישן געוואָי.

זיי האבן זיך א ריס געטאָן אין דער הויך און אין דער נידער און צוריק פאַרגליווערט געוואָרן אַף דעם דערשראָקענעם שפרונג...

אין דער שטעטלשער פּאָסי, וואס אינמיטן מאַרק, האט זיך געבאָדן די לעוואָנע, ווי אַ נאַקעט ווייס געשריי.

דאס נאַקעטע ווייסע געשריי האט זיך געטרונקען.

— ווער האט עס דען געקאָנט דערהערן?

נאָר דער אַלטער פאַרכאָלעמטער וועג, וואס איז יאָרהונדערטן אָפּגעשלאָפן מיטן פּאָנעם אַראָפּ,— אָט דער אַלטער וועג מיט איינגעקריצטע פּאַסן פון רעדער, ווי איינגעשניטענע פּאַסן פון רעציעס, וואס רעדער האבן אַף אים טאָג נאָך טאָג געוויקלט,— אָט דער אַלטער וועג האט זיך אופגעוועקט פונם געשריי און איז אַוועק מיט די צוועלף ווערסטאָווע געשטרייפטע סלופּעס, ווי מיט צוועלף שעליכים.

ער איז אַוועק מיט זיי ווייט אין דער נאכט אריין —

— זיך אונטערגעבן.

אונטערגעבן זיך צו דער ווייט, צו דער וועלט.

ער איז אַוועק אויסלייגן די צוועלף ווערסטאָווע סלופּעס זיינע, ווי צוועלף זין,— זיי אַוועקלייגן צופוסנס די אומבאקאנטע געסט, וואס האבן זיך פון אלע זייטן נאכט אהער געטראגן:

— נאַט!

— זאָל דאָס זיין אונזער ברויט און אונזער זאַלץ!

און דאָס שטעטל האָט אים נאָכגעקוקט, דעם וועג, מיט שטילע פאַרטרויערטע אויגן און אים באַגלייט ווייט, ווייט אין דער וועלט אריין.

מעלוכע-פארלאג פון אוקראינע

כאַרקאָוו, ליבקנעכט - גאַס, 31

אין אלע ביכער-האנדלונגען פון מעלוכע-פארלאג פון אוקראינע
פארקויפן זיך פאָלגנדיקע נײַ-דערשינענע ביכער:

ש. עפשטײן — אין לאנד פון סאציאלער רעוואָליוציע. 235 ז. פרייז 1 ר. 95 ק.

ל. קוויטקאָ — באַ ריאָגראַנדער פעל. 193 ז. פרייז 1 רובל.

„ „ — רינג אין רינג. באנד קינדער-לידער און פאעמען. 262 ז. פרייז 2 ר. 35 ק.

י. אַפּאַטאָשו — אף יענער זייט בריק. 289 ז. פרייז 1 ר. 80 ק.

מ. דאַניעל — אין א צייט אַזאַ. א באנד נאוועלן. פרייז 1 ר. 80 ק.

דער ניסטער — פון מײַנע גיטער. 230 זייטן. פרייז 1 ר. 90 ק.

כאַנע לעווין — לידער. 143 זייטן.

י. קיפּניס — מאיסעס און דערציילונגען. 328 זייטן.

דערשיינען אינגיכן:

מ. אַלבערטאָן — בירָאָ-בידזשאַן.

אַ. אַבטשוק — דערציילונגען.

מ. ווינער — עליע פאליקס אונטערגאנג.

א. פעפער — געקליבענע ווערק.

ל. רעזניק — לידער.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Харків, вул. 1 травня, ч. 17, пошт. відділ ДВУ.
Київ, вул. К. Маркса, ч. 2, пошт. відділ ДВУ.
Одеса, вул. Лассаля, ч. 33, пошт. відділ ДВУ.
Дніпропетровськ, просп. К. Маркса, ч. 49, пошт. відділ ДВУ.

КОМЕРЦІЙНЕ УПРАВЛІННЯ

Харків, вул. К. Лібкнехта, 31.